STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00612

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible by
Frances & Arthur Lashinsky
in memory of
Gertrude Milberger Schuman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ELI J. & CLARA SAUL
2043 N. BEACHWOOD DR.
HOLLYWOOD, CALIF. 90068

זאַמלביכער

1

רעדאַקטירט:

י. אָפּאַטאָשו

ה. לייוויק

ניו יאָרק מאַי 1936

Copyright by

"SAMLBICHER"

New York, 1936

490

אַסטאָריאַ פרעס, 61 איסט 4טע סטריט

ניו־יאָרק, נ. י.

יהואש

מנחם באָריישא

ל. טרייסטער

י ה ו א ש

(פון יהואשיעס ירושה)

ש ט אַ פּ ל ע ן

1

פון וויפיל הענט האָט ערד אריינגענומען זאָמען,
און דיינס וועט זיין דאָס פעלד צו האָבן און צו ארבן;
און אַן געדעכעניש, אַן דאַנק צו זייער נאָמען,
דיין שייער וועסטו פילן מיט די הויפנס גארבן.

נו, וואויל! ס'האָט אונדזער האַנט די זריעה שלעכט געשאָטן,
און לאַנג האָט אין דער טיף געמוזט דער זאָמען פוילן!
מיר האָבן פעדימווייז געדריבלט נעץ פון שטן,
און דו אין רגע האָסט צעריסן אַלע קנוילן.

נו וואויל אַזוי! דו וועסט די פולע פרוכטן זאַמלען,
דאָך פולער נאָך וואַקסט פרוכט אויף קומענדיקע צווייגן,
און דיין געזאַנג וועט זיין אַ פּרעפּלען און אַ שטאַמלען
אַקעגן ליד, וואָס וועט אי אונדז אי דיך פאַרשווייגן.

2

ס'האָט יעדער צו אַ שטויבל זיך דערשלאָגן,
און ער אַצונד וועט אַלע זאַמדן זאַמלען;
ס'האָט איטלעכער געפּרואווט אַ וואָרט דערשטאַמלען,
אַצונד וועט ער דאָס גרויסע וואָרט דערזאָגן.

אויף בלינדוועג זענען וואַנדערער געקראָכן,
און וואו נישט וואו געווען אַ טריט אַ דרייסטער;
אַצונד וועט ער, דער לעצטער און דער מייסטער,
זיי כפל'ען אין איין מאַכטיקן נצחון.

און הענגען וועט אויף זיינע ציטאַדעלן
אַ שטומע ברכה ווי אַ רעגנבויגן;
געבענטשט די טויטע אומבאַפרוכטע רויגן,
די אומבאַגליקטע האַנט, די טריט וואָס פעלן!

צו איינעם אזא

בײַ אַל דײַן פֿײַער און דײַן שװעבל און דײַן דונער־קנאַלן
איז דאָ אַ טיפֿעניש אין דיר װאָס װײנט פֿאַרלאָזט און עלנד.
ניט דו ביסט דער װאָס װעט יריחו׳ס מױער מאַכן פֿאַלן,
נאָר װעסט דײַן קול פֿאַרלירן אין דעם קראַך פֿון ציטאַדעלן.

די פֿאָן װעט װײען װילד, די פּױק װעט אױערן פֿאַרטױבן,
און דו פֿאָרױס, באַרױשט אין רעש פֿון טױטן און צעשטערן;
און װען דו קומסט אַהײם און װאַשסט פֿון זיך דאָס בלוט און שטױבן,
װעט דאָס געװײן פֿון װעלטן אומגעמינערט זיך דערהערן.

װעט פֿאַכן האַס און האַמער, און װעט שױמען מױל אין צאָרן:
טױט געטער און טױט גלױבן! ליב און רױב צו די װאָס האַסן!
דאָך דו װאָס שפּרינגסט פֿאָרױס אַ הונדערט דורות אומגעבאָרן,
װי װעסטו צו דעם האַס פֿון „הײַנט־און־מאָרגן” זיך פֿאַר׳קנס׳ן?

דײַן שװערד איז שטרױ, דײַן כּעס אַ רגע׳דיקער גלי פֿון צונטער,
און װילדע בראַנדן זענען בלױז אַ װײַל דײַן זעל צו װײלן!
אָט װעט דער טומל־יום־טובֿ פֿון דער בימה זײַן אַרונטער,
און נישט דערשאָסן װעסטו לאָזן פֿאַלן דײַנע פֿײַלן.

געטראַמפּל און געהילך, און פּאַרכטיק־פּױסטיקע לעגיאָנען:
„ברױט און בלוט און פֿײַערװערק!” און „ברױט און באַיאָנעטן!”
און װאו די ליכטיקע דערלײזונג, װאָס דײַן װאָרט פֿלעגט מאָנען,
און װאו דער „סוף פֿון טעג” פֿון דײַנע טרױמען און געבעטן?

בײַ אַל דײַן גאַל און שװעבל און דײַן שעלטן און דײַן שאַלן
איז דאָ אַ טיפֿעניש אין דיר װאָס װײנט פֿאַרלאָזט און עלנד;
נישט דו ביסט דער, װאָס װעט יריחו׳ס טױערן צעפּראַלן,
נאָר װעסט דײַן קול פֿאַרלירן אין דעם קראַך פֿון ציטאַדעלן.

די לעצטע תפילה איז געשטאָרבן אין מיין זעל . . .

די לעצטע תפילה איז געשטאָרבן אין מיין זעל,
און ווען דער פוס מיין פירט מיך צו דיין שוועל
איז שטום מיין ליפּ און ליידיק מיין געמיט, —
דערבאַרעם דיך.

איך גאָר נישט מער, איך גלוסט נישט פרייד און מייד נישט צער,
און זוך נישט מער די טרייסטונג פון מיין האַר,
נאָר ווי א שטן בין איך, ווי א קויל פאַרגליט, —
דערבאַרעם דיך.

איך וואַך באַנאַכט ביז מיינע אויגן ווערן רויט,
און זע מיט קאַלטן אויג דעם קאַלטן טויט,
ביז גראָער מאָרגן קומט מיין בעט באַזען, —
דערבאַרעם דיך.

איך מי זיך פרי און שפּעט, און פרעג זיך נישט צו וואָס,
איך רו דורך גאַנצע טעג, און שפּיר נישט קיין פאַרדראָס,
„לאָז יאָ געשען, און לאָז עס נישט געשען", —
דערבאַרעם דיך.

און הבל קייקלט זיך אין בלוט, און קין שעכט, —
און איינער א גערעכטער זיגט אין זיין געפעכט,
און נישט מיך אַרט דאָס גוטס, און נישט דאָס בייז, —
דערבאַרעם דיך.

און איינער רעדט צו מיר מיט פלאַמען אין זיין אויג,
און וואָס ער רעדט איז מיר ווי אויסגעוואַשן לויג.
און מיד באמת צו מיין הארץ: איך ווייס! איך ווייס! —
דערבאַרעם דיך.

ס'האָט קיינער נישט גערעדט אַזוי ווי ער

ס'האָט קיינער נישט גערעדט אַזוי ווי ער,
פון ווערטער שיין געפוצטע האָט ער נישט געוואוסט.
אָנגעהויבן האָט ער נישט: חברים,

קאַמעראַדן, פריינט, צי ברידער;
נאָר אויסגעגאָסן זיך, ווי ס'גיסט זיך אויס
אַ וואוילער רעגנשפריי אין מיטן פרילינג,
און ווי אַן אַלטער בוים, למשל,
מיט טויזנט וואָרצלען אין דער ערד
און אַ געדיכטעניש פון בלעטער אין דער זון,
וואָלט נעמען מיט אַמאָל ארויסריידן
זיין תהומ'יג זוניק האַרץ.
און אַז מען איז אַוועק פון אים
איז נישט געבליבן אין געדאַנקען
אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַן אויסדרוק, —
נאָר פרישער, פולער, וואָרצלדיקער
איז איטלעכער אַוועקגעגאַנגען אויף זיין וועג.
און אַז מען האָט דערנאָך גערעדט צו שכנים,
האָט אין די רייד געקלונגען
אַ נאָכקול פון די אָנגעהערטע ווערטער.
און שפּעטער, אַז עס זענען טעג אַוועק,
און אויסגעהויכט געוואָרן איז דער זכר פון זיין ריידן,
האָט אָנגעהויבן וועבן זיך אין די געמיטער
אַ הייסע בענקעניש צו הערן אים פון ס'ניי,
אָט ווי מען בענקט נאָך דעם גערויש פון ווייכקייט
פון דעם רעגנגוס אין מיטן פרילינג.

יוני, 15, 1926

איך אַליין

איך אַליין.
און פון מיר איז מיין וועג און מיין גיין.
פעדעם נאָך פעדעם שפּין איך אַרויס;
פון איינע מיר מאַך איך גאָט'ס הויז,
און פון צווייטע — אַ נעץ,
און פון דריטע — אַ נעץ
צו פאַנגען אַ שיין און אַ בלענד,
און מיט פעדעם מיר בינד איך די הענט.

ווען גאָט און מענטשן נאַרן

ווען גאָט און מענטשן נאַרן
וואָס זאָל מיין תפילה זיין ?
אין מיינע שווערסטע צער'ן
בלויז רוף איך : מוטער מיין.

פאַרשלאָסן יעדער טויער,
פאַרריגלט פאַר מיין פּיין ; —
נאָר אָפן איז דיין אויער,
דו מוטער, מוטער מיין.

איך וויין אין נאַכט אין שטומער,
ביז ס'קומט דער מאָרגנשיין,
און חזר אין מיין קומער :
דו מוטער, מוטער מיין.

ווערסט אַן אויג אונדז זיין

„ווערסט אַן אויג אונדז זיין,
ווערסט אַ מויל אונדז זיין . . .״
איך בין אַן אויג געווען,
איך האָב אין אויסגעשפּרייטן בוים
געזען דעם טויט,
וואָס נאָגט אים אויס דאָס האַרץ.
איך האָב געזען דעם אונטערגאַנג,
וואָס בייסט אין יעדער וואָרצל.
איך בין געווען אַ מויל און האָב געזאָגט :
שטייט אויף,
די גרונטפעסט איז צעגעסן,
מאָיל אין יעדער באַלקן,
די זיילען וואַקלען.
שטייט אויף.

האָט אַ האַנט זיך אָנגעבאָטן,
האָט אַן אַקסל זיך געפּעסטיקט
צו טראָגן און צו לענען ?

אויף די אויסגעפּוילטע צווייגן
האָט איר ווי אַ מחנה קראָען
נאָכגעקראַקעט:
טויט איז אין די וואָרצלען,
מאַיל איז אין די זיילן.

האָט אַ האַנט זיך אָנגעבאָטן,
האָט אַן אַקסל זיך געהויבן?

נישט פּאַלג דיין זעל, דו קומערער און טרויערער

ניט פּאָלג דיין זעל, דו קומערער און טרויערער,
ניט זוך די פּעלער פון די מויערער.
זע, דער בנין שטייגט אַלץ שענער און אַלץ העכער,
און בוילייט בייטן זיך, און ווער וועט זיי דערמאָנען?
און ווער וועט אין דער ציגל וואַנט דערקאָנען
די בייזע זעל פון איינעם אַ פאַרברעכער?

ציען זיך די שטילע שאָטנס

ציען זיך די שטילע שאָטנס
רונד אַרום:
שטיל די שאָטנס, קיל די שאָטנס —
קום.

ליגן זיך די ווייכע שאָטנס
אויפן בעט:
שליס די מידע אויגן דיינע —
ס'איז שפּעט.

ציען זיך די שטילע שאָטנס
רונד אַרום:
נאָך אַ וויל, און נאָך אַ וויל —
איך קום.

מנחם באָריישאָ

בלוט און ביר

אַ קאַפּיטל

1

אַז די שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האַלטן די טאַקסע,
דאַרפֿן שלאָפֿן באַנאַכט אין זייערע בעטן,
און די שחיטה מיט מזל האַלט אין איין וואַקסן, —
איז ווער זאָל דאָס קהל׳שע אויג פֿאַרטרעטן
באַנאַכט ביי דער שחיטה
ס׳קצבֿיש געזינדל צו היטן?
מסתמא נח.

פֿאַרוואָס עפּעס נח?
ווייל ר׳ מרדכי דער גבאי, זיין פֿריינט און באַשיצער,
איז אַ גרויסער צד ביי דער קהל׳שער שיסל,
און דער נאָמען וואָס איצט, אַן אַמאַליקער סוחר,
פֿירט צופֿיל די גרענדע אַליין אין דער בוינע, —
קען גריילעך די טאַקסע אַ צווייטן געברויכן
און וויסן ווי פֿירן זיך דאָרטן חשבונות —
פֿאַרוואָס־זשע נישט נח?

אַלא וואָס?
אים איז נמאס דאָס לעבן מיט גבֿירישן חסד,
און די טאַקסע איז רויב, און פֿאַרוואָס אַזאַ מזל
אַז גראָד ער זאָל פֿון רויב ווייב און קינד געבן עסן?
האָט ער אויפֿגעהערט קשיות צו פֿרעגן ביים מזל,
און איז דאָ אַזאַ גזר ער זאָל דינען דער גזלה
און זיך מישן מיט בלוט, מיט קויט און נבֿלה —
מסתמא דאַרף מען.

2

ר׳ שלום ליפשיץ האָט אַ שם געהאַט מיט זיינע שיינע טעכטער און אָפּטע אָנזעצן. עס בינדט זיך. שיינע טעכטער וויל מען נישט אוועקגעבן אַ ליאַדע וועמען, און אַז נישט אַ ליאַדע ווער,

פארלאנגט ער נדן. און ווי גרוים עס זאל נישט זיין
א שניט־קראם, קען זי נישט אי אויסהאלטן א הויז
מיט דינסטן, אי די טעכטער פירן ווי פרינצעסינס
אי צושטעלן זיי נדנ׳ס. און אז שטאט פלעגט הערן:
ר׳ שלום האט שוין ווידער באנקראטירט, האט מען געפרעגט:
— די וויפילטע מיט מזל? נאר נישט אלעמאל האט א באנקראט
געמיינט א חתונה. ווייל אויסגעלערנט זיך דעם קונץ
האט ליפשיץ אויך צווישן איין שדוך און דעם אנדערן געזוכט
זיך לוויזער מאכן. ביז עס האט געפלאצט. נישט בלויז די קראם —
מ׳האט אויך די שטוב מיט חפצים אויסגעליידיקט, און דער ייד,
מיט נאך א מיידל און צוויי יינגלעך, איז געבליבן
ביי בלויז א שטאט אין מזרח. האט זיך גראד געמאכט,
אז מ׳האט געדארפט א נאמן ביי דער שחיטה,
און אז ר׳ שלום האט א ווארט געגעבן נישט צו מאכן
קיין קונצן ביי דער טאקסע, האט ער עס געקראגן.

דער ייד האט די מפלה נישט פארטראגן. קוים א פופציקער
איז ער אין דריי־פיר יאר געווארן גראלעך, איינגעקנייטשט
און ווארטשעדיק. פון מזרח־וואנט נישט אפגעטראטן
און נישט געקענט פארגעבן זיינע שכנים וואס געדענקען
דעם מצב זיינעם און מען גייט צו אים נישט נאך נדבות.
האט ער זיך איינמאל ביי א דינגעניש פאר אן עליה
צעצונדן און אריינגעבראקט צוויי וואכן שכירות.
דער עולם האט געגאפט, נאר ער האט אפגעצאלט.
אין שעכטהויז האט ער זיך געבראכט א מין כאלאט
ביז צו די קנעכל און זיך איינגעוויקלט ווי אין א מחיצה,
און דאך האבן קצבים מיט מתנות אויסגעטראטן
א וועג צו אים, און וואו ס׳האט זיך געלאזן האט ר׳ שלום
אוועקגעקערט אן אויג. די טאקסע האט דערשמעקט,
געוואוסט, נאר זיך נישט איינגעשטעלט פונדעסטוועגן
דעם נאמן ביי דער האנט צו כאפן. שלעפט ער זיך אראפ
אקערבל — מילא! פארט א באלעבאס געווען, א יורד!
נאר אז ר׳ מרדכי האט א האנט געקראגן אין דער טאקסע,
האט ער געמאנט א שארפער אויג. נישט ליב געהאט
דעם יידן אי פאר די געשעפטן פון אמאל אי פארן שטעל,

דעם גאוה׳דיקן. האָט ער אויפגעוויזן, אַז וואָס נח
וועט אָנטרעפן, וועט טאַקסע איינשפּאָרן פון ליפשיץ׳ן
און נאָך אַ לאַנגער אמפּעריי גע׳פּועל׳ט זיינס.

גענוג דער פּאַטש אין פּנים פון אַ צווייטן נאָמען —
איז ווער זאָל עס נאָך זיין? דער אַפּיקורס׳ל, דער שלעפּער!
און באַלד די ערשטע נאַכט ווען מ׳האָט גענומען
פאַרטיילן די קצבים צווישן זיך, האָט ער דעם שנעק
זיין אָרט געוויזן: — דו!... האָט נח עס אַראָפּגעשלונגען.
נאָר ווען אַ צווייטן מאָל האָט ליפשיץ אים אוואָרף געטאָן:
— וואו קריכסטו? פּישקע קצב איז נישט דיינער, דו!
האָט נח צאַפּלענדיק געזאָגט: — דו מאַכסט אַ טעות.
ר׳ פישל איז ביי מיר. ביים יידן האָט די גראָע באָרד
גענומען ציטערן: — ווי סמייעסטו, דו חצוף? וועמען דוצסטו?
— דעם וואָס דוצט מיך. — אַ שלל פון זידל־רייד
האָט זיך אַרים געטאָן פון אַלטן. נח׳ן האָט די צונג
געשטשיפּעט, נאָר די גראָע באָרד און צאַפּלעניש האָבן געשטיקט
אין האַלדז און ער האָט מיט געוואָרגנקייט געציילט די רייד:
— אומזיסט דיין שרייען, שלום! ווער ס׳פאַרלאַנגט דרך ארץ,
דאַרף קענען האָבן דרך ארץ... בלוט־פאַרשמירטער עולם:
קצבים, שינדער, יונגען האָבן זיך אַריינגעשושקעט דאָס מבינות
אויף דער באַטאַליע און גע׳פּסק׳נט, אַז דער יונגער האָן
קען אויך אַ ציפּ טאָן. נאָר געהאַלטן מיטן נייעם האָבן בלויז
די יונגען, וואָס פאַרלירן גאָרנישט. די קצבים־באַלעבאַטים
און שוחטים האָבן אָפן און צו להכעיס׳דיק געקלעפּט צום אַלטן.
און אויב ר׳ שלום האָט געדאַרפט זיך איינוויקלען אין אַ מחיצה,
האָט מען עס נח׳ן אָן טרחה צוגעטראָגן. איז ער אומגעגאַנגען
אַ פרעמדער ווי אַ גר, און אויב דאָס בלוט און אוויר
האָט נישט גענוג געשטיקט, האָט שנאה צוגעוואָרגן,
און גלידער האָבן זיך געשטייפט מיט וואַכקייט ווי ביי איינעם,
וואָס דאַרף אַ ליאַדע רגע זיך באַשיצן פון אַ שונא.

3

מזל שפּילט אַזעלכע מאָדנע שפּילן!
דאַרף די קראָם, וואָס נח האָט געפּלעט,

בלוט און ביר

אנקומען צו איינעם א רחמיאל'ן,
דארף רחמיאל זיין דער באַלעבאָס פון שענק
וואָס קעגנאיבער שעכטהויז,
און אַז נח'ן ווערט אין די שליפן ענג
פון די מוקעדיקע קי,
פון די רעווענדיקע אָקסן,
פונעם בלוט וואָס פּליוכעט אין דער רינע,
פון געריידן, פון אוויר און פון שנאה —
איז צו וועמען גייט ער זיך די שלעפן קילן?
צו רחמיאל'ן.

איז רחמיאל הינקעדיק און בויגט
דעם קאָפּ אביסל רעכטס,
סטאַרטשעט אים אונטערן רעכטן אויג
א דיקע בראָדעווקע מיט האָר געדיכטע,
נאָר די אויגן זענען ליכטיק,
און אַז נח קומט אריין, געדענקט ער —
ער איז איצט נישט בלויז א שענקער:
האָט א קראָם אין „ראד" וואָס ברענגט אים
ריוח ביז א הונדערטער א יאָר,
און ווער האָט אים צוגעשטעלט דעם ריוח
אויב נישט דער וואָס מיט דער קופּערדיקער באָרד?

נח זאָל א לעבן לאַנג
טרינקען ביר ביי אים פון פּעסל
און פון סטויקע פּופּקעס עסן,
וועט ער אַלץ נישט אויפעסן דעם מעשר
פון זיין טויזנט־רובל'דיק געשאַנק.
אָבער כאָטש צערייס אים
וועט ער דיר אָן געלט קיין טראָפּ נישט נעמען.
קהל האָט גוט געוואוסט, א רוח אין זייער טייסטער,
וועמען אויסצוקלייבן פאַר א נאמן.
זעט רחמיאל דאָך באַשיינפּערלעך,
אַז דאָס מזל זיינס איז כשר מזל —
דאַרף מען האַלטן זיך ביים מזל.

הערט ער ריידן וועגן נייעם נאָמן,
שפּיצט ער אָן אַן אויער,
טענה'ט איין מיט די קבצנים, מיטן שוחט,
טראָגט זיי קעלישקעס און לעקעך שוחד
און באַשיצט זיין כּשר מזל ווי אַ מויער.
פילט דאָך נח, אַז ער האָט אַ גוטן פריינט,
ציט עס אים אין שענק אַריין,
און ווי נעגלוואַסער אין דער פרי
ווערט אַ מוז די שעה, די נאַכטיקע,
מיט איר רויך, געדרייד און טראַכטונגען.
און אַז ס'זאָגט דערנאָך דאָס ווייב אין בעט:
— עפּעס הערט זיך אַזוי שטאַרק פון דיר!
ענטפערט נח: — בלוט און ביר!

4

איז דעם טאַטע אדם טרויעריק געווען
הינטערן פאַרמאַכטן טויער פון גן-עדן,
האָט ער זיך געבראַכט אַ ציגעלע אַ ווייס
פאַר אים זיין ביטער גורל אויסצורייד ן.
האָט דער רשע קין דעם קאָטער אָנגעשיקט
ביים ציגעלע דעם גאָרגל צו צערייסן,
האָט דער טאַטע אדם יאָמערלעך געוויינט
אויף זיין חבר, אויפן ציגעלע דעם ווייסן.
האָט דער גוטער הבל דעם פרומען הונט געבראַכט
דעם קאָטער, דעם רוצח, צו דערוואַרגן,
האָט קין פון דער ערד אַ בוים אַרויסגעפּליקט,
דעם כּלב, דעם בעל־יושר, צו דער'הרג'ען.

איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג אַ ווייסער
פונקט ווי אין חד־גדיאַ שטייט.
הבל האָט זיך איינגעשטעלט
און קין האָט געווילדעוועט
ביז ער האָט זיין ברודער געטייט.
נאָר ווען ס'איז געקומען צום הקדוש ברוך הוא,

ער אליין זאל לעצמער שופט זיין
און דעם מלאך המות משלח זיין,
איז געוואָרן אויס די מעשה
מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיא שטייט.

וואָס־זשע האָט פּאַרמיטן דעם הקדוש ברוך הוא
אַפּצוטאָן זיין רעכט דעם גרויסן קוילער ?
זיבן הויבע הימלען האָבן עס פּאַרמיטן
און די מעשים פון דער ערד פון אים פאַרהוילן.
ווען ער האָט געמוזט דעם אומשולדיקן אָדם
פון גן־עדן איבער חוה׳ס זינד פאַרטרייבן,
האָט הקדוש ברוך הוא נישט געוואָלט אַליין מער
נאָענט פון די מענטשן בלייבן.
האָט ער זיך פאַרקליבן הינטער זיבן הימלען
צווישן וויטע שטערן און מזלות,
זאָל די ערד אַליין מיט האַס און רשעות ווימלען
און זיך אומטראָגן מיט זינד אין זיבן פאָלעס.

איז אַוועק אַ מעשה,
מיט אַ ציג אַ ווייסער,
פּונקט ווי אין חד־גדיא שטייט.
נאָר ווען ס׳איז געקומען צו הקדוש ברוך הוא, —
איז געוואָרן אויס די מעשה
מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיא שטייט.

ווער־זשע איז געבליבן אויפן ערשטן הימל
משפּט׳ן די ערד און אירע ברואים ?
ווער עס האָט געוואָלט האָט דאָרט זיין גאָט פאַרהימלט,
אַז ער זאָל דעם קאָפּ פאַררייסן צו אים.
האָט דער גאָט פון קוילער, שינדער און קצבים
זיך געמעכטיקט איבער אַלע געטער,
און דעם שוואַרצן מלאך מיטן גרויסן חלף
אויף דער ערד געשיקט פאַר זיין פאַרטרעטער.

האָט ער זיך אָװעקגעזעצט מיט גאָזלעכער צעשפּרײטע,
גרײטע פאַרן ריח פון בלוט און בראָטן,
און דער מלאך מיטן חלף שטילט זײן הונגער
און באַקרעפּטיקט אויף דער ערד זײנע געבאָטן.

איז אַװעק אַ מעשה
מיט אַ ציג אַ װײסער
פּונקט װי אין חד־גדיאָ שטײט.
נאָר װען ס'איז געקומען צום הקדוש ברוך הוא,—
איז געװאָרן אױס די מעשה
מיט דער ציג דער װײסער —
נישט װי אין חד־גדיאָ שטײט.

װאָס־זשע האָט מען אָנגעזאָגט: לא תרצח ?
איז דער טײטש דערפון : מען טאָר נישט אָן אַ ברכה.
װײל דער קױלער־גאָט האָט זײער ליב צו הערן
זײן נאָמען איבער שחיטה אױסגעשפּראָכן.
טוט אַזױ דער שוחט, טוט אַזױ דער תליון,
טוט אַזױ דער גענעראַל אין דער מלחמה,
טוט אַזױ דער כהן, טוט אַזױ דער מלך —
אַלע שעכטן מיט אַ ברכה צו זײן נאָמען.
און הקדוש ברוך הוא הינטער זיבן הימלען
הױערט צװישן שטערן און מזלות,
און ער לאָזט די ערד אין בלוט און קױט זיך באָדן
און אַרומטראָגן איר זינד אין פולע פּאָלעס.

גײט אַרום אַ מעשה
מיט אַ ציג אַ װײסער
פּונקט װי אין חד־גדיאָ שטײט.
נאָר װען ס'האַלט שױן בײם הקדוש ברוך הוא,
ער אַלײן זאָל לעצטער שופט זײן
און דעם מלאך המות משלח זײן —
װערט צו נישט די מעשה
מיט דער ציג דער װײסער —
נישט װי אין חד־גדיאָ שטײט.

5

איז גייט עס אזוי פון נאָך מעשה בראשית.
דער שטומער צום גומען פון ריידער איז פליישיקס,
וואָס גרינגער ער לאָזט זיך פון שטארקן באַפאַלן,
אַלץ ליבער זיין גאָרגל דעם כשר'ן חלף.
אזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

מיט דאַמפּיקע בלוטן און בראָטנס געראויכערט
גייט אויף די נשמה צו הימלישע הויכן.
דער רייכער ברענגט בלוטן פון רינדער אַ קרבן,
און זיך אליין בלוטיקט ווער ס'גייט מיט אַ טאָרבע.
אזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

נאָר שבת דער טאָג איז פאַר אַלעמען הייליק,
איז קומט אויך דער טאָרבע פון שחיטה אַ חלק.
נשמה פון וואָך קען דערהאַלטן דער שניטער,
נשמה יתרה מוז האָבן אַ שחיטה.
אזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

6

אַן אָקס האָט נישט געוואָלט.
פון אונטער חלף, האַלב־געקוילעט,
האָט ער אַ פוס אַרויסגעפּענטעט,
און מיט צוויי פיס געבונדענע,
מיט בלוט פון גאָרגל שפּריצנדיק
אַ וואָרף געטאָן זיך אויף די קוילער.

דער חלף האָט פון שוחט'ס האַנט,
אין בלוט פאַרטונקען, זיך צעטאַנצט איבער די שטיינער,
און ווינקלען האָבן זיך צעשפּרונגען
קצבים, שוחט, נאמן,
און טויט־שרעק יונגען

האָבן גענומען אויף די סלופּעס קלעטערן,
און ער, מיט אייגן בלוט זיך שמייסנדיק,
האָט זיך געשטויסן מיט די הערנער אין זיגזאַגן
צום בלוט פון זיינע קוילער.

אַ פּעטליע אויפן שפּריצנדיקן האַלדז אַרויף,
און ער מיט אומגעריכטן האַסט צוריק
אויף זיינע נאָכיאָגער.
געוואָרפן זיך און נישט דערוואָרפן זיך,
און זשיפּענדיק מיט לעצטער רעווערייי
גענומען וואַקלען זיך און אומגעפאַלן,
און מיט די אויגן די פּאַרגאַסענע אַרויסגעזשיפּעט:
— פּאַרפאַלן!

אַן אָקס, וואָס האָט געזאָלט אויף כשר גיין,
איז טריף געוואָרן.
אַ חלף האָט געקראָגן קאַרבן
און איז געוואָרן פּסול.
אַ יונג האָט זיך געהאַלטן ביי אַ ריפּ
און צייַן געשצירעט צום געלעכטער
מיט פּיין־פּאַרפּלייצטע אויגן,
און ביז באַגינען האָט געהויערט אימה,
און אויף דער גאַס, אין ביר־צעהיצטע אויערן,
האָבן געבעוועט אָקסן,
האָבן געבעוועט שטיינער, בוימער, גרילן אינעם גראָז:
— כ׳וויל נישט!

פּאַרטאָג האָט זיך אַ מענטש געדרייט אויפן געלעגער,
און מיטן טאָג פּאַרפּאַסט אַ לידל
און ס׳האָט געשלאָגן אין די שלייפן:
וועסטו גיין אַליין אויף שחיטה,
לאָזן מאַכן איבער זיך אַ ברכה,
וועסטו גיין אויף כשר.
וועסט נישט גיין אַליין אויף שחיטה
און נישט לאָזן מאַכן איבער זיך אַ ברכה,
וועסטו גיין אויף טריף.

7

נאָך דעם וואָס נח האָט זיך אָנגעהערט אין תפיסות
איז נישט געווען קיין חידוש אויפן לשון פון די קצב־יונגען.
וואָס פאַר אַ ריח די מלאכה האָט, אַזוי שמעקט אויך
דאָס לשון. נאָר ווען איינמאָל אַ פאַרטאָג הינטערן פלויט,
אין שכנות פונעם גראָבן וואו ס'פליסט אָפּ דאָס בלוט,
האָט ער דערהערט אין קוסטעם רייד און אויפגערעקט אַ פּאָרל,
האָט ער די זומערדיקע נאַכט געשאָלטן, וואָס פאַרמאָגט
צו ווייניק חושך פאַרן מענטשנס שאַנד און זיך געשראָקן
די יונגען אָפן אין די פנים'ער צו קוקן.

און דאָ האָט דער אברהמ'ל פונעם אָקס אַ שטויס געקראָגן
און ליגט. יאָ, שלום ליפשיץ וועט נישט גיין מבקר חולה זיין
אַ קצב־יונג, נאָר נח'ן ציט עס. אַזאַ זוניק פּנים
ביים יונג אונטער אַ קאָפּ מיט בלאָנדע קרויזן און די אויגן
בסדר פרעגן עפּעס און זיי קוועלן אָן. אפילו ס'נבול פּה
ביי אים איז אַנדערש: קיים עס נישט, נאָר שליידערט עס,
ווי איינער וואָלט אַ הויפן נים צעוואָרפן איבער שטיינער,
אַז אַנדערע זאָלן עס קנאַקן. איז עס חוצפה'דיק,
יונגאַטשיש, נאָר סע שמעקט מיט גוטער פרייליכקייט
און ס'ווילט זיך מוחל זיין דעם יונג. און שבת
נאָך טשאָלנט לאָזט זיך נח מקיים זיין די מצוה בקור חולים.

אַ ייִנגל אויפן הויף, אַ ברודערל, ווייזט אָן דעם וועג.
פון טונקל אַלקערל קומט אַרויס אַ שבת'דיקע מאַמע,
פאַרוואונדערט אויפן ייִד מיט באָרד און ברילן,
וואָס פרעגט זיך נאָך אויף איר אברהמ'לען, פירט אים
אין שטוב אַריין און בלייבט אַליין ביים שוועל און קוקט.
די שטוב איז אָנגעפּיקעוועט מיט יונגוואַרג — בחורים
און מיידלעך אויך. אַ דריי־פיר יונגען זענען אייגענע,
די אַנדערע — פרעמדע. זיצט מען אויף די בענקלעך
און ביי אברהמ'לען אויפן בעט, מע שיילט די קערעלעך —
דער גאַנצער דיל איז ווייס פון שאָלעכץ, און מע גראַגערט.
— גוט שבת! עפענען זיך מיילער אויף און אויגן, שפּרינגען אויף
די שעכטהויז־יונגען ווי סאָלדאַטן פאַר אַ קאָמאַנדיר,

נאָך זיי — די אַנדערע, מע שטעלט זיך אויס ווי אויף אַ פּאַראַד
און ס׳מאַטערט זיך אַברהמ׳ל אויך זיך אויפצוהייבן.
זאָגט נח: — ריר זיך נישט! איך בין געקומען דיך געוואוירע ווערן.
— אַ דאַנק, ר׳ נח, מיר איז בעסער. קוועלן אָן די אויגן,
און צו דער מאַמען רופט ער: — מאַמע, זעסט, דאָס איז ר׳ נח,
דער נייער נאָמן! — לויפט די מאַמע צו פון שוועל
און טראָגט דעם גאַסט אַ בענקל אונטער, אָבער נח׳ן
איז נישט מיט אַלעמען. דער אויסגעמיש פון בחורים מיט מיידלעך
דערמאָנט אים דאָס מגובל׳דיקע, האָט ער מורא
זיי אָנצוקוקן און סע שלאָגט דאָס בלוט אין די געהירן
פון שרעק, אַז ער קען חושד זיין אויך איינע פון די מיידלעך דאָ
און אין געדאַנק אַ בלבול מאַכן אויף אַ כשר קינד.
מאַרקירט ער אויס צו זיצן מיטן רוקן צו די מיידלעך,
אַברהמ׳ל לייגט זיך, זעצן זיך די אַנדערע, באַנייט זיך
דער שמועס וועגן דער באַטאַליע מיטן אָקס, און אַז אַברהמ׳ל
נעמט אָפּ׳משל׳ען, ווי ס׳האָט ר׳ שלום לויפנדיק
געפירט מלחמה מיט די פּאָלעס פון כאַלאַט זיינעם,
צעקייכן זיך די יונגגן און עס ווערט אַ בונד אַזאַ פון זיי
מיט נח׳ן אַנטקעגן יענעם. נח וויים — עס טויג נישט.
איז נישט געקומען דאָ מיט זיי צו מאַכן אַ יד־אחת,
נאָר קען נישט ביישטיין נישט די היימליכקייט מיט זיי
און נישט דעם שטאָלץ פון זיי אויף דעם וואָס ער איז דאָ.
דערוויל קומט צו די מאַמע מיט אַ שעלכל מאַלינעס און וואַסער,
סע שפּאַנט אריין אַ טאַטע, נאָר וואָס אויפגעוויקט פון שלאָף —
אַ גבר מיט אַ צעקנייטשטער באָרד; סע קומט אַרויס דער יחוס:
דער טאַטע, הייסט עס, אַרבעט ביי די וואָרשטלעך,
און איסר מיט דער גרויסער יאַטקע, וואָס אַברהמ׳ל דינט ביי אים
איז מיטן טאַטן ברידער לייבלעכע. צערעדט מען זיך,
און אַז דער גאַסט איז גרייט צו גיין, באַגלייטן אים
דער טאַטע מיט דער מאַמע צו דער טיר, און יונגוואַרג
ווי זעלנער אויפגעשטעלטע גיבן מיט איין קול אַן אויסגעשריי:
— אַ גוטן שבת אייך! אַ דאַנק אייך פאַרן קומען!

צו מנחה גייענדיק טראַכט נח: אפשר האָט זיך יענע נאַכט
בלויז אויסגעדאַכט און קיינער איז אין קוסטעס נישט געוועזן.

8

פאַרטאָג, ווען מ׳האָט שוין די לאָמפּן געלאָשן
אין שענק פאַרן שעכטהויז, און קצב־יונגען
האָבן די לעצטע גלעזלעך דערטרונקען,
איז אַסנע די גיטאַרין, בלייך און אָן לשון
אריין ווי זי וואָלט געציטערט פון קעלט
און פאַר זרח דעם געלן זיך אנידערגעשטעלט.

איז זרח גרייט געווען איר דערלאַנגען
נאָכמאָל זי גייט אים נאָך ווי א שאָטן.
נאָר אַסנע, אַ שטומע, איז נישט אָפּגעטראָטן
און איבער זיין קאָפּ איז געוויין זיך פאַרגאַנגען.
און פון דער פּאַטשיילע ביי איר אויפן בויך
איז קלאָר געווען, אַז עס האַלט שוין הויך.

האָט דער עולם אַרום געוואָלט זיך דערוויסן
ווען זרח קלייבט זיך אַ חופּה שטעלן.
זענען די אויגן געוואָרן אים שמעלער
און ער האָט שיר ניט דעם טישטוך צעריסן:
— ער׳ט ליבער אוועקגיין אין סיביר
איידער אַ חופּה שטעלן מיט איר.

נאָכמאָל איז די מויד אים נאָכגעלאָפן
אַז ער פירט מיט אַן אַנדער כּלה אַ ליבע?
ער האָט זי פון זיך געיאָגט און געטריבן
און וואָס איז ער שולדיק, אַז ס׳האָט זיך געטראָפן?
ער׳ט ליבער גיין יונגערהייד צום טויט
איידער חתונה האָבן מיט אַ־דער מויד.

האָט אַסנע אפילו קיין וואָרט נישט געלייקנט.
און עולם ט׳גע׳פּסק׳עט: אונטער פּאַטשיילע
איז אַסנע און ביילע די זעלביקע כּלי,
דעריבער נישטאָ זיך וואָס צו דבקה׳ן,
און אויב ער שטעלט נישט קיין חופּה די וואָך,
וועט זיין צו זיין לעבן אַז וויי און אָך.

האָט זיך די יוכע ביים בחור צעצונדן.
איז חברה קצבים נישט קיין פּויליאַקעס,
זענען געפלויגן קלעפּ און סטיסאַקעס,
דערנאָך ווי א קעלבל אַן אָפּגעשווּנדענס
האָט זרח געכאַליעט אין שענק אויף א באַנק
און אַסנע האָט קאַלטע קאָמפּרעסן דערלאַנגט !

א וואָך דערנאָך האָבן קלעזמער געריפּעט.
שיינע די זיצערקע, זרח׳ס מאַמע,
האָט ביים מחותן, ר׳ ישעיה מלמד,
מחילה געבעטן און ביטער געכליפּעט,
און זיבן ווייבער, א שמירה־שילד,
האָבן כלה׳ס בויך ביי דער חופּה פאַרהילט.

די גילדענע יויך האָט מיט טויזנט אויגן
געפינקלט פון רייכן קצב׳ישן פלוסטער.
ס׳האָבן סאַרווערס געשלעפּט גאַנצע זייטלעך און ברוסטן,
און ווען מ׳האָט געפירט די כלה באַליגן,
האָבן ווייבער, פון פליישן פאַר׳שכור׳ט, געהוסטלט
און זיך אונטערגעשטויסן מיט עלנבויגנס,
און אַסנע האָט קוים די פיס געשלעפּט
צו דער ערשטער נאַכט פון רוצח׳שע קלעפּ.

9

די שנאה פון ר׳ שלום ליפשיץ האָט געקראָגן
א נייעם אָנהאַלט: קנאה. עפּעס האָט עזריאל קאָרנפעלד
מיט וואַרשע א געשעפט געמאַכט, האָט צוגעשטעלט
אין שעכטהויז פאַרטיעס אָקסן אָפּגעקליבענע,
און עקספּעדיטאָר פון דער שחיטה איז געוואָרן נח.
זיך איבערשלאָפן א פּאָר שעה, און אין דער פרי
זיך לאָזן מיט די וועגענער צום באַן, און ס׳האָט געמיינט,
אַז חוץ דעם דרייערל א וואָך פון שעכטהויז קריגט ער
פון קאָרנפעלד׳ן נאָך א פינפערל. וואָס דאַרף ער עס,
דער שלעפּער ? ס׳איז דאָך א צו להכעים אים, ר׳ שלומ׳ען !
וואָלט נח אפשר מוחל זיין די קנאה — עפּעס פריקרע

אזוי פיל געלט צו האָבן. אָבער וואָס האָט ער געטאָן
דעם יידן, יענער זאָל דאָס ברויט אים נישט פאַרגינען?

און דוואָשע האָט באַקליידט דעם מאַן, די קינדער, זיך,
האָט אויסגעשטאַט די קיך מיט טעפּ און טעלער,
געלאָזט די קישנס איבערשיטן, בעטציייג צוגעקויפט,
געהאָדעוועט דעם קליינעם בעבעלע אזוי, אַז מ׳האָט געמוזט
אַ זעקעלע מיט זאַלץ אים אָנבינדן פון וועגן אַן עין הרע,
און ס׳געלט — ווי אויף אַן אָנגעשטעלטן זייגער,
וואָס גאָט אַ פּרייטיק שענקט — עס גייט און גייט.

און פּלוצלינג האָט זיך עס אַ קער געטאָן. אַ טאָג אין אָב
איז מיט אַ פּאָר פאַרשווימטע פערד אַ בריטשקע אָנגעקומען:
דער פאָטער איז פאַרשלאָפט געוואָרן און דער ברודער שמואל
הייסט קומען גלייך. דער גוי, דער היימישער, די הייסע פערד —
עס האָט פאַרשמעקט מיט אומגליק, און פון דוואָשע׳ס
געיאָמער און באַפאַלן אים האָט זיך דער מענטש, דער פּשוט׳ער,
אזוי צעטומלט, אַז ער האָט דערציילט דעם סוד:
מע רופט זי אויף לויה. מער האָט נישט געפעלט.
די בריטשקע איז אוועק מיט לידיקן און איבער דוואָשע׳ן
איז צוויי מעת לעת אַ דאָקטאָר אָפּגעזעסן.
נישט ער, דער אַלטער פּאַליאַק מיטן טאַטישן געבייזער,
נישט נח האָבן רעכט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז:
ר׳ יאָסל איז געווען שוין קרוב צו די אַכציק;
אַ צענדליק יאָר אודאי אַז זי האָט אים נישט געזען
און זעלטן ווען דערמאָנט, און קיינס פון אירע קינדער,
וואָס זי האָט דאָ באַגראָבן, האָט זי נישט אזוי צעבראָכן.
ביז אין די קרעכצן אירע האָט זיך נח׳ן דערהערט
אַ מין הנאה און ער האָט דערשפּירט: ס׳איז נישט דער פאָטער!
זי האָט געדורשט נאָך אומגליק און זיך אָנגעכאַפּט.
אין אַלע יאָרן זייערע האָט זי געקענט בלויז נויט און טויט
און נישט געוואוסט ווי זיך אַן עצה געבן מיטן וואווילטיק.
ער — זיינס האָט אויסגעקויפט מיט נעכט אין שעכטהויז,
מיט שנאה, קנאה, שטומקייט. זי האָט נישט געהאַט
מיט וואָס דעם וואווילטיק אויסצוקויפן. צופיל זון

אויף אירע הימלען, און דאָס לעבן גאַרט צום חושך.
גיין, נישט פאַר נח׳ן צו האָבן רו אין רויב און בלוט.
זיין גורל — ווי די הון וואָס קלייבט די קערנדלאַך ביים וועג
צו זוכן זיין חיונה ביים דלות אויף די הינטערשטעגן.
און ווער האָט אים אַרויפגעפירט אויף אָט־דעם שליאַך
פון זעטיקייט? ר׳ מרדכי מיטן אײדים, זייער זאָרג פאַר אים.
ווי ווערט מען פטור פון די פּריוויטיקס ווען מען דאַרף
צו קאַרנפעלד׳ן נאָך די שכירות גיין? אַז וואָס האָט ער,
דער גורל׳דיקער אביון, זיך צו מישן מיט די לייט?
אַז אַלץ איז גרינג ביי זיי: די שווערע מזומנים,
די מעבל דעמבענע, די גרויסע סאַליעס. וועט דען ראָזע
אַ וויטיק זוכן ווייל דער וואוילטיק קריכט איר פונעם האַלדז?
זי לויפט אַדורך די שטוב און אויב זי שענקט אַ שמייכל,
איז וויים ער ווי ס׳איז דערווידער. און ס׳איז רעכט.
זי מוז אים פיינט האָבן ווי גרינג און זוניק לעבן
האָט פיינט דאָס שווערע, טרויעריקע, גורל׳דיקע.
ס׳איז אַ מלחמה צווישן זיי, און ס׳דאַרף מלחמה זיין.

נאָר אַז ער קומט אַהיים און דוואָשע קרעכצט
און ס׳קריכט פון אונטער טיכל אַ נישט־דערשאָרענע פאה,
פאַרשציטעט ער די ציין, און יענע אין די זיידן, פריש
און ווייבעריש, פאַרשטעלט דאָס קרעכצנדיקע ווייב,
איז ווילט זיך אויסבאָדן אין ליאַק די אויגן. ווייניק נאָך
דאָס הויז און ברויט אים צו פאַרשעלטן — מוזן זיי
מיט אומצוכט אין די ביינער אים אַריינקריכן.
אַרומגערינגלט, איינגעפּענטעט אין דער קללה
און נישט דעם אָטעם פון איר אָפּצוציען.

10

קלאָפּטער ערד,
פון געבוירן מיר געשאָנקענער,
איינגערינגלטער אין פרעמדקייט
ווי אַן אינזל אין די וואַסערן פון ים!

וואו איך גיי, בין איך אויף דיר.
וואו איך שטיי, בין איך אויף דיר.

בלוט און ביר

וואַסער וועג איך זאָל נישט נעמען,
וועלן מיינע פּיס דיך מיטטראָגן,
קלאַפּטער ערד מיינער!

אַלץ וואָס פאַר מיר אָנגעצייכנט
איז אין דיר.
אַלע זוימען פון מיין אויפגאַנג,
אַלע שטיינער פון מיין שטרויכלונג,
און די קראַפּעווע וואָס ברענט די טריט,
און די קערנער ברויט וואָס נערן מיך —
אַלץ אין דיר, אויף דיר, פון דיר.

עקן זיך אין דיר
די ווייטן וואָס איך קען דערגרייכן.
הייבן זיך פון דיר
די הייכן וואָס איך קען דערבליקן,
הויערן אין דיר
די סודות וואָס איך קען אַנטפּלעקן.
תהומ׳ען, שטערן־שימער, ימ׳ען פון אין סוף —
דו.
תפיסה מיינע, גרוב מיט קויט פון זינד פאַרפלייצטע —
דו.
קיינמאָל נישט די פּיס פון דיר אוועקצערייסן,
קלאַפּטער ערד באַשערטער,
דו!

זע ווי כ׳פּלאָנטער זיך אין פּענטעס א געבונדענער פון דיר.
הער ווי איך וויל שרייען, רופן הילף אַנטקעגן דיר.
זע ווי כ׳פאַל צוריק אָן אונטערטעניקער צו דיר
און ביי דיר אַליין איך בעט זיך:
העלף!

שפּרייט זיך אויס!
איינגעשיידלטע מגילה פון מיין לעבן,
קום פון שייד אַרויס,
ריים דעם סודות׳דיקן קנופּ פונאַנדער,

שפּריט פונאַנדער די פאַרשריבענע יריעות —
לאָז מיר גיין איבער די שורות און זיי לייענען.
אַז דו וועסט זיך ווידער וועלן איינוויקלען,
וועל איך דאָך אַלץ איינס אין דיר פאַרבלייבן
אַ פאַררייגלטער, אַ פאַרזיגלטער,
אינזל עלנדער אין ים פון פרעמדקייט,
ערשטע, שטענדיקע און לעצטע היים,
קלאַפּטער ערד מיינער!

11

דער חשונ'דיקער הימל רעוועט ווי אַ ביק
און רעגן קראַמפּט אַרום מיט גליווערדיקע שטריק.

די נאַכט איז ווי אַ תפיסה, פאַרריגלט, בייז און ענג,
און תפיסה'דיק די לופט און גאַרגלעריי אין שענק.

— רחמיאל, גיט'ס אַ קעלישעקל! נאָך איינס, נאָך איינס גיט'ס!
— געגוג פאַר אייך, ר' נח, ס'איז שאַרפער שליוואָוויץ.

עס וואַרט דער ברעג פון טיש, דאָס אויסגעוואַרימט אָרט.
עס זעצט זיך שווער און קייט די קופּערדיקע באָרד,

און פלוצלינג פון זיין ווינקל דערהערט זיך ווי אַ ברום,
און נאָנטע שכנים גאָרגלענדיקע קוקן זיך אַרום.

טאַי-טאַראַראַי — טאַראַבים — טאַראַבאַם,
טים-באַם-באַם, בים-באַם-באַם, באַם!

פון ערגעץ אַ פאַרלייגטער הייל אין שכור'דיקן מח
האָט אויף די וואָלקנס טשאַד אַ שורה פון אַ נגון אויפגעטויכט,

און עולם מיט די עלנבויגנס טורקעט זיך און ווינקט
ווי פון אַ גאָרגל אַ פאַרדומפּענעם ביי נח'ן עס זינגט.

— שטייט אויף, ר' נח, בעסער איצט אַרויסקריכן אין צווייען,
נישט גוט פאַר אייך צו גיין אין אַזאַ נאַכט אַליין.

באַגינען טרייסלט אים דאָס ווייב אַרויס פון בעט,
די שלייפן איינגעשרויפט, דער גומען ווי אַ ברעט.

מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע דורך קאַלוזשעס ער קריכט
און וויל דאָס שטיקל נגון אַרויסנאַרן צום ליכט.

נאָר ווייטע הייל אין מח האָט זיך צוריק פאַרמאַכט
און ס'האָט דעם כשוף־שליסל אָוועקגערויבט די נאַכט.

די טראָפּנס רעגן רינען הינטערן געניק
און קרעמפּעווען דאָס לייב מיט גליווערדיקע שטריק.

12

ס'איז פּרייטיק. נח גייט אַהיים פון קאָרנפעלד'ן.
אין קעשענע די שכירות פאַר דער וואָך, אונטערן אָרעם
אַ פּעקל אויסגעלייענטע המליץ'ן. אַז ער ט'זיי נעמען לייענען,
וועט ער — חוץ נייעס פון פאַר דריי חדשים וועגן שרפות
און קהל'שע סכסוכים — זיך דערוויסן אויך ביי וועלכן מאמר
עזריאל האָט געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס און ווען
גענעסן יאיכל אָדער בראָטנס. איז ער צוגעוואוינט
צום יונגן גביר'ס הנאה פון מאכלים ווי צו זיין הנאה
פון שמועסן וועגן באַ'טעמ'טע שציפּענדיקע מאמרים.
אויף דעם איז ער אַ גביר צו זוכן זיך פון אַלץ הנאה.

טראַכט נח און אין טראַכטן הערט ער — עמיץ גייט אים נאָך.
אַ שפּאַרע ווייכע שוין — דיזעלבע טריט געמאָסטענע
מיט פּאָדקעוועס אויף האַרטן שניי. ער טוט אַ טאָפּ
דאָס געלט אין קעשענע און גייט זיין וועג, נאָר יענער שפּאַנט
ווי פריער נאָך. זיך האַסטיק אומגעקערט — אַ יונגערמאַן
פון ניינצן־צוואַנציק, אַ דערשראָקענער, בלייבט שטיין און שטאַמלט:
— איר קענט מיך נישט? אודאי קאָנט איר נישט דערקענען.
כ'בין דעמאָלט נאָך געווען אַ ייִנגל און ס'איז נאַכט געווען.
בין עליע דעם מורה הוראה'ס. — נח קוקט אים אָן.
— ביים טייך אַמאָל. איר זענט געווען אַ שומר ביים געהילץ,
און מ'האָט פון ביידל אייך אַרויסגעשלעפּט אַ בוך מיט שירים
און איך האָב עס צוריקגעבראַכט. — איצט קומט עס אויף:
דער ייִנגל מיט די קלאָץ־קשיות! ער גיט אים שלום:
— וואָס טוט איר איצט? — איך לערן זיך. און גלייך פאַרכאַפּט:

— בין נישט אַזאַ געזונטער, טשעפּען זײ מיך נישט,
דער טאַטע מיט די ברידער. אַלץ געװאָלט איך זאָל אװעק
אין אַ ישיבה, סמיכה קריגן און אַ שדוך טאָן.
איז בין איך נישט אַזאַ געזונטער. זיץ איך אין דער היים
און לערן זיך. — װאָס לערנט איר ? — פון ביכער לערן איך.
בײ מאַטלען, אַלע קומען דאָרט. איר׳ט אויך געדאַרפט. —
געזאָגט און זיך דערשראָקן פאַר דער חוצפּה
פון געבן עצות. — װער איז מאַטל ? — דער אײנבינדער.
אָט אַז איר װילט, קומט צו מיט מיר, איר׳ט זען.

די אויגן װײסן נישט װאו פריער קוקן : צו די פּאָליצעס
מיט ביכער, צו די טישלעך צײטונגען צי אויף די קונדן :
די באַלעבעסלעך מיט די בחורים, װאָס רײסן איבער אַ װיכוח
אים אָנצוקוקן, און די מײדלעך מיט די באַלמעלאָכעס,
װאָס װאַרטן פאַרן טיש פון מאַטל׳ס טאָכטער מן הסתם
די נײע ביכער צו פאַרשרײבן. עליע שטעלט אים פּאָר,
און ס׳װײזט זיך גאָר אַרויס — מען האָט געהערט פון אים,
מע קען אים. זענען דאָ בעלנים באַלד אַרומצוציִען אים
די פּאָליצעס מיט ביכער און מען טוט עס מיט אַ מין באַרימערײ
װי ס׳װאָלט געװען נישט מאַטל אײנבינדער׳ס, נאָר זײערס.
װערט ליכטיק אין די אויגן : מער װעט ער נישט אָנקומען
צום אײדים מיטן שװער. מיט פינף גילדן אַ משכון
איז ער אַ קונד װי אַלע דאָ און דאַרף נישט טראָגן אין זכרון
דאָס לײדיק אָרט אין יענעמס שאַפע מיט געשניצטע טירן,
און דאַרף אין דלות זײנעם נישט אַרײנברעגען דעם שעטנז
פון גביר׳ישן פאַרמעגן. לויפט ער איבער אָפּגעטראָגענע
צעפּלאַצטע ביכער־רוקנס — נײן, דאָס זענען נישט יחסנים,
װאָס טוען דיר אַ כבוד אָן מיט אײנשטײן בײ דיר שבת,
נאָר אורחים פּשוט׳ע, װאָס קלאַפּן אָן אין יעדער טיר
און זענען הײמיש אומעטום. אין מיטן װאָך אַמאָל,
װען קײנער איז נישטאָ דאָ, װעט ער זיך אַלײן פאַרקלײבן
און הײמיש מאַכן מיט דעם עולם. אַלאַ װאָס זײ רײדן
פאַרשײדענע לשונות, איז נישט קײן סכנה : ס׳דײטש פון ביאור
און ס׳ביסל רוס פון די ישיבה־יאָרן װעלן בײשטײן.

ס'איז הימלעך נח'ן. אויב נישט קיין הילונג פאר זיין אומעט,
האט ער אנטפלעקט א כשוף־רינג וואס ווען ער טוט אים אן,
פארטראגט ער זיך אין כל'ערליי מדינות, דורות,
צו ווייטע מענטשן, זייערע תאוה'ס, ליבשאפטן, רציחות,
צו זייערע פיינען און דערלייזונגען, און ס'אייגן לעבן
ווערט אפגערוקט און ווייט, ווי א קאפיטל פון א בוך אזא
וואס דו ביסט בלויז דער לייענער פון אים. נישט גוט אבער
איז עליע'ן, וואס האט נח'ן אריינגעבראכט אין לייען־שטוב.
מע האלט נישט דא פון אים. געמיינט — א מענטש אזא
וועט נעמען חקירה־ספרים, צי חכמה, וועט זיך לאזן
א ווארט ארויסריידן. און דא — ספורים גאר, חזיונות,
און ווייסט נישט צי ס'איז בלויז א שטעל אזא, צי לא עליכם,
דער קאפ פארנעמט נישט עפעס בעסערס. אט למשל:
מען אמפערט זיך וועגן א מאמר אין „השחר", שווימט ארויף
א טיפער ענין: דעת און אמונה, ווארפט מען זיך
מיט ראיות פון ריב"ל, רנ"ק און ליליענבלום — ווי קען א מענטש
זיך איינהאלטן? צי אט אן ענין שוין א פשוט'ער: וואלט ביקאנספילד
דערגרייכט די גדולה זיינע אויך א נישט־גע'שמד'טער
צי אן דעם שמד וואלט אים די מלכה נישט דערהויבן?
א סברה זאגן קען דאך יעדערער! איז דא אפילו שווייגט ער.
און פלוצלינג קומט אריין אברהמ'ל קצב־יונג, דערפרייט ער זיך
מיט אים ווי מיט אן אייגענער באבע, קוקט אריין
צו אים אין מעשה־ביכל און פארגינט זיך גאר אליין
א שמאכטע א זשארגאנישע. און נאך אויף ווען? אויף שבת!

פארשטייט נישט עליע: האט ער יינגלווייז זיך אפגענארט
און אנגעטאן א קרוין אויף עמיצן, וואס האט עס נישט פארדינט,
צי עפעס איז דער מער דא. וויל ער נאכשפירן
און נעמט אליין ארויס א מעשה־בוך פון יענע ביכער,
וואס נח האט געלייענט, לערנט פשט אין דעם און טראכט:
איצט וועט ער זיך נישט לאזן אפנארן מיט גלאט א תירוץ.

13

גליווערדיק לבנה־ליכט אויף שניי פארגליווערטן.
איינער דער וואס שפאנט אין ווייסער נאכט,

טויזנט די וואָס שפּאַרן זיך פון אים.
טויזנט מענטשן פון אַ הונדערט מעשיות,
לענדער פון דער גאָרער וועלט,
דורות פון דער גאָרער צייט.

— איז ווי לאַנג נאָך וועסטו אומגיין אַ געפאַנגענער
אין עולם התהו
פון די מעשה־מענטשן ?
ווען וועסטו אין זיי אַ זין דערזען ?
— עפּעס זע איך.
— וואָס ?

— כ'זע אַ מורא'דיק הבדלה־ליכט געפלאָכטן פון צוויי קנויטן :
קדושה־קנויט און טומאה־קנויט.
שטעקט די ליכט אין אַקס פון ערד,
דרייט זיך ערד אַרום דער אַקס,
און צום צווייענדיקן פלאַם
ציט זיך אַלץ וואָס לעבט.

— זעסטו נאָך נישט גענוג. קוק בעסער.
וויפיל זעסטו ליכט אַצינד ?
—— מער ווי איינע.
— בעסער קוק. וואָס זעסטו אין די ליכט ?
— פּנים'ער. צוויי פּנים'ער אין יעדן פלאַם.
ריזן. צוויי־געשטאַלטיקע, צוויי־קעפּיקע.
— בעסער קוק.
— רעדער זע איך. ברייטע פלאַכע רעדער,
אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן,
און די ריזן ווי די אַקסן אין די רעדער.

— ווער זענען די ריזן ?

— איינער :
האַלבער קערפּער אַ פּאַרפּאַנצערטער,
אין דער האַנט אַ שווערד
און אַ קאָפּ אויף אים אין קיווער.

האַלבער קערפּער אין אַ שעפּסן־פּעל,
פּאַסטוך־שטאָק אין האַנט
און אַ קאָפּ אויף אים פון זון פאַרברוינט.
ווילן זיך די פּיס אַריבעריאָגן —
פּוס פון קריגער און פון פּאַסטוך,
דרייען זיי די ראָד כסדר.
נאָך איינער:
האַלב אַ קעניג, האַלב אַ קנעכט.
נאָך איינער:
האַלב אַ גזלן, האַלב אַ קדוש.

— און אין מיטן,
אין דער גרעסטער פון די אַלע רעדער?

— דאָרטן זע איך צוויי געשטאַלטן.
איינע איז אַ פרוי אַ צווייענדיקע:
לילית און אַ מאַמע.
איינער איז אַ מאַן אַ צווייענדיקער:
אַשמדאַי און טאַטע.
לילית ציט צום טאַטע,
אַשמדאַי צו מאַמע,
ציען טאַטע־מאַמע איינס צום אַנדערן,
יאָגן אַלע פּיס,
דרייען זיי די גרויסע ראָד.
און מיט גרויסער ראָד פאַרפלאָכטן אַלע קלענערע.
וואו זי גייט — גייען אַלע רעדער,
קענען נישט די ריזן אָפּשטעלן די טריט,
דרייט זיך עס אָן אויפהער.

— און פאָרויס פון דעם געפלעכט פון רעדער?
און פון הינטער דעם געפלעכט פון רעדער?

— —ווייסער פייער גייט פאָרויס,
שוואַרצער פייער יאָגט פון הינטן.

— איצטער זעסטו.

— װען־זשע װעט די צװײיאיקײט
זיך פֿונאַנדערטײלן אָדער זיך צונױפֿגיסן?
װען װעלן די ריזן אין די רעדער
װערן אײן־געשטאַלטיק?
װען װעלן די מענטשן אױף די רעדער װיסן
װער עס פֿירט זײ?
נביא פֿון די זעאונגען,
נביא פֿון די חיות אין די רעדער,
ענטפֿער!

ענטפֿערט ער:
— אַז דו װעסט געניג זיך אָנליגן אין שטריק געבונדן
און זיך אָנעסן מיט צואה
און זיך אָנװאָגלען אין גלות,
װעלן זעאונגען געניג צו דיר נאָך קומען.

גליװערדיק לבֿנה־ליכט אין שנײ פֿאַרגליװערטן,
אָטעם אײנגעפֿראָרענער פֿון װײסער נאַכט.
אײנער שפּאַנט אין װײסער נאַכט.

14

נאָך אײדער מ׳האָט געשיקט אים רופֿן פֿון ר׳ מרדכי׳ן
האָט שױן די לײען־שטוב געװאוסט. — סע קאָכט זיך:
אַ מענטש װאָס לעבט פֿון קהל זאָל זיך פֿאַרשרײבן
צום אײנבינדער אין „קלױז”! ר׳ מרדכי האָט קײן שהיות נישט געמאַכט:
— איר׳ט מוחל זײן און אױפֿהערן צו גײן אַהין.
האָט נח נישט פֿאַרשטאַנען: — איך בין נישט קײן שוחט.
זײ דאַרפֿן נישט מײן פֿרומקײט. — יענער האָט אַ בליץ געטאָן
מיט אומגעדולד: — איר האָט נישט װאָס צו דינגען זיך
מיט מיר. איך זאָג אײך: ס׳איז אַהין אָדער אַהער.
— כ׳װעל זען... אַ שעה צי צװײ דערנאָך בײ מאָטלען
האָט נח שױן געטראָפֿן זױערע פּנים׳ער און אײנער
האָט אים באַדױערט: — װעט איר מער טאַקע נישט קומען?
— װער זאָגט עס? — ס׳מײנט דאָך פּשוט פּשט: חיונה!
— איך װײס נישט... און װי אַלעמאָל דאָס בוך געביטן.

ס'איז פרייטיק אין ר' מרדכי'ס שטוב. דער באַלעבאָס
ביים טיש, דער איידעם ביי דער זייט, אין האַנט
דאָס זילבערנע פּאַפּיראָסן־שאַכטל, רויכערט, רויכערט.

ר' מרדכי: איצט קומט אייך מזל טוב. איר האָט נישט
נאָך וואָס צו גיין שוין מער אין שעכטהויז.
נח: גוט.
ר' מרדכי: וואָס איז גוט? צו בלייבן אָן פּרנסה?
צו לאָזן ווייב און קינדער הונגערן? איר מיינט —
כ'וועל ווידער דרייען זיך אַ קאָפּ מיט אייך?
נח: ניין.
ס'איז צופיל אויך געווען ביז איצט. איר'ט צופיל
אַלעמאָל געטאָן פאַר מיר.
ר' מרדכי: האָב איך נישט געדאַרפט?
נח: פון זינט איך בין אַהער אין שטאָט געקומען
זענט איר געווען מיין ברויט־פאַרזאָרגער. ס'טויג נישט.
אַ מענטש דאַרף זוכן זיך זיין ברויט אַליין. פון דעם
וואָס אים צום האַרצן איז. און ס'לעצטע דאָ, די בוינע,
איז מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. עס האָט געשטיקט
דאָס בלוט, די שנאה און די גזלה אויך.
ר' מרדכי: גזלה?
נח: די טאַקסע האָב איך דאָך געהיט. די גראָשנס
פון אָרימעלייט געראַבעוועטע.
ר' מרדכי: מיינט עס —
איך בין אַ שותף צו דער גזלה?
נח שווייגט.
ר' מרדכי: דאָס איז אַלץ
וואָס איר האָט מיר געהאַט צו זאָגן. און די קראַם
צום אויספּלעטן האָט איר שוין אָפּגעצאָלט?
נח: כ'וועל אַמאָל
פאַרדינען עפּעס, וועל איך אָפּצאָלן צו ביסלעך.
ר' מרדכי: איך בעט אייך נישט מיר אָפּצאָלן.
איך וויל אייך מער נישט קענען. כ'וויל אייער פּוס
נישט זען איבער מיין שוועל מער.
נח: זייט געזונט.

ס'װערט שטיל. דער אײדים רױכערט און דער שװער
אַ צאַפּלדיקער בײסט אַ ליפּ און פּױקט איבערן טיש:
— איצט װעט ער פּגר'ן פון הונגער. װער װעט אים
אַ פּרוטה געבן? פּרא אדם! מאַניפעסטירט אַלץ!
ער הײבט זיך אױף, שטײט אַ צעשאָקלטער אַ װײל,
שפּאַנט צו צום פענצטער און מיטן רוקן צונ'ם אײדים
נעמט ער עפּעס קראַצן פון דער שױב. עזריאל גײט אַרױס,
אַרײן צו זיך אין שטוב און שפּאַנט איבערן צימער.
קומט ראָזע: — װאָס איז דיר געשען? — װעסט נישט פאַרשטײן.
— װאָס נישט פאַרשטײן? — האָסט אים אַלץ אײנס
נישט ליב. — פון װעמען רעדסטו? — פון נח'ן.
זי אָטעמט אָפּ און װיל מכלומרשט װיסן:
— װאָס איז געשען מיט אים? דערצײלט ער.
באַהאַלט זי ס'פּנים נישט אַרױסצעװײזן די הנאה
װאָס זי װעט מער דעם ייִדן דאָ נישט זען
און פרעגט: — זאָל איך די טײ דיר דאָ אַרײנשיקן?
ער האָט חרטה אױף די רײד און גײט אַרױס אין גאַס.

און נח גײט אַהײם. זאָל ער די בשורה האַלטן
ביז נאָך הבדלה אָדער װאָס עס דאַרף געשען
זאָל קומען באַלד? ס'געשעט. נאָך אַ מינוט פון שװײדער
ביז זי באַגרײפט דאָס אומגליק, הײבט זיך אָן
דאָס פּױקן מיט די פױסטן זיך אין קאָפּ, דאָס חלש'ן
און קרעכצן צװישן צײן פאַרקריצטע װי בײ קינדער־װײען.
נאָר דאָס מאָל רופט מען נישט דעם דאָקטאָר. פאָטער הײסט
דעם זון, דעם עלטערן, דער מאַמען צולײגן צום קאָפּ
אַ נאַסן האַנטוך און אַלײן בײם פענצטער זיצט ער
און קוקט זיך נישט אַרום. עס דױערט לאַנג. דערנאָך
מיט אַ צעבראָכן קול נעמט זי דעם זון באַפעלן
די יױך פון פײער אָפּצורוקן און די פיש פאַרדעקן
און װעלכן שטערצל נעמען. הערט דער פאָטער
און טוט זיך אָן און גײט. פון דאַװנען אַז ער קומט
איז ליכט געבענטשט. נאָר זי װי פריער אױפן בעט,
דער קלײנער בעבל בײ דער זײט. צום טיש גרײט יאַנקל.
בײם ערשטן בים טוט זי אַ זאָג פון װײטן:

— עסט, קינדער, עסט! איבעראכטאָג וועט שוין נישט זיין!
שפּרינגט נח אויף, אַ זעץ מיט ביידע פויסטן
אין טיש אריין, אַז אַלע טעלער שפּרינגען אונטער,
פאַרבייסט די ליפּן נישט אַ זאָג צו טאָן דאָס וואָרט
וואָס צאַפּלט אים צווישן די ציין און לויפט ארויס.
די ליכט און לייכטער ברענען, חלה אָנגעשניטן,
די פיש אויף טעלער, נאָר די יינגלעך וואַגן נישט
זיך צוצורירן. כליפּעט זי געוואַרגן ווי אַ קינד
וואָס זוכט רחמנות, און די יינגלעך ווייסן נישט
אויף וועמען פון די צוויי דאָס האַרץ זאָל ווי טאָן.

נאָך טשאָלנט מאָרגן קומט רחמיאל שענקער מיטן ווייב.
אַ נידעריקע, פולע, זשוואַווע — רעדט זי נישט
ביז ס'זאָגט עפּעס דער מאַן און חזר'ט איבער זיינע רייד.
רחמיאל גייט צום ענין: — האָט זיך נח גוט באַטראַכט,
און אפשר קען מען נאָך פאַרריכטן די מערכה?
קוועטשט נח מיט די פּלייצעס: — ווייס דען נישט רחמיאל
וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן? ס'איז נישט דער איינבינדער —
מען האָט געזוכט אַן עוולה און זיך צוגעטשעפּעט.
— אודאי. אָבער קנאה־שנאה איז פון אייביק.
און לעבן מוז מען. פלוצלינג רופט זיך דוואָשע אָפּ:
— אַז די פּרנסה איז די גאַנצן צייט אים אָנגעקומען
בקריעת ים סוף. ער איז נישט דער מענטש צו רייסן זיך
מיט שינדער און קצבים. און דער וואָס כ'האָב די הענט נישט געוואַשן
איז אַלץ נאָך איבער אונדז אַ טאַטע. — נח הערט מיט אָפן מויל.
רחמיאל, ווי נישט זי וואָלט אים געענטפערט, ווענדט זיך ווידער
צו נח'ן: — מען קומט דאָך אים נישט נאָכקוקן אין שטוב אריין.
נאָר ס'פּאַסט זיי נישט וואָס ער איז פון די איינגייער צו מאַטלען.
און ווידער דוואָשע: — אַז וואָס זענען זיי פאַר אַ משגיחים?
וואָס נח האָט פון יידישקייט און מינדסטן נאָגל, האָבן זיי נישט
אין זייער גאַנצן לייב און לעבן. — ס'קול איז קרעפּטיק,
די אויסגעוויינטע אויגן צינדן זיך מיט בלאָען פלאַם
און ס'גליט אַ רויטקייט אויף די בלייכע באַקן.
נישטאָ וואָס איינצו'טענה'ן ווייטער, זעט רחמיאל.

נעמאַכט הבדלה און נישטאָ וואוהין צו גיין.
ס'איז פיינלעך חול־המועד'דיק. אונטערן באַלקן הענגט
אַ בראָך, נאָר הערצער זענען נישט באַשווערט. פאַרקערט:
דער בראָך האָט איינגעשלונגען אַלע ביטערקייטן
און לופט, ווי נאָך אַ שטורעמגוס, איז לויטער, גרינג.
אין גרינגער לופט די ווערטער קומען גרינג ווי פעדערן:
נאָר אָן געוויכט און ווארעם, ווי צו טוליען זיך
אין זיי. קומט טוליעניש און נאָנטקייט אָפּגעוואוינטע
מיט אויסגעלאָשן לעמפּל. מאָרגן, אַז מען בלייבט אַליין,
גייט אום אין שטוב אַ צאַפּלדיק פאַרליבעניש
און טריט שפּירן זיך נאָך מיט אויגן העל־פאַרפּלייצטע.
ער נעמט קיין בוך אין האַנט נישט — זאָל עס הייסן:
ער איז מיט איר איינגאַנצן. לאָזט ער זיך
דערלאַנגען טיי אין מיטן טאָג, מכבד זיין, ווי ער וואָלט זיין
אַ גאַסט אין הויז. אין אָוונט, ווי ער וואָלט באמת
צוריקגעקומען פון אַ וויטער רייזע, נעמט ער פּלוצלינג
די זין פאַרהערן. בײדע זענען מאָדנע ווייט פון אים:
דער קלענער מיט דער פלינקער היימישקייט אין תוספות'ן,
דער גרויסער מיט דער מי פון נאָכזאָגן די סוגיא.
צוויי ברידער — ווי פאַרשידענע! נאָר זאָגן זאָגט ער
צו בײדן גלייך: עס מאַכט נישט אויס פונדעסטוועגן
אַריינקוקן אין אַ תנ"ך אַמאָל — אַ שבת צי אַן אָוונט.
די זין, מיט ווייטיק אָנגעלאָדן, נעמען אויף
דאָס פּלוצלינגע פאַרהערן און די רייד ווי אומגעוויינלעכס,
ווי חול־המועד'יקס. זיי ווייסן — ס'וואַרט הינטערן טיר
אַ נייער זמן, און הלואי זאָל ער מיט גוטס אַריינקומען!

15

נעסט נאָך נישט געזעגנט ביי רחמיאל'ן אין שענק,
שמחה ביי רחמיאל'ן אין שענק.
יאָסעלע מלופן מיט דער קרומער באַק
האָט געמיינט, עס וועט אים אָפּגיין גלאַטיק,
האָט מען מיטוואָך נאַכט אים מיט דער פור געפּאַקט,
און געמאַכט דעם ריכטיקן פּאַטשאַטעק.

שטיקלעך וועט ער שעכטן גאָר אין טערעספּאָליע,
ווייזן דער קאַראַבקע אַ פייג אונטערן פּאָלע
און פאַרקויפן פליש בזול הזול.
האָט מען אים געוויזן: יאָסעלע, פּאַוואָליע!
ס'איז נישט אַזוי גרינג צו נאַרן קהל.
מיט אַ פּעסל נאַפט די פור מיט פליש באַגאָסן,
איצטער — גיי פאַרקויף דיר בשר כשר
קנאַפּער אויפן פונט מיט פינף גראָשן!

שבת נאָכט אַ שמחה ביי רחמיאל'ן אין שענק.
אויבן אָן — אליין ר' שלום נאמן.
ביי די זייטן אויף די ברייטע בענק
שוחטים און קצבים־באַלעבאַטים.
לעקעך אויפן טיש, הערינג, מאַרינאַטן,
שנאַפּסן כל המינים אין די פלאַשן.
קלינגען די קצבים מיט די קלינגערס אין די טאַשן:
— טראַגט, רחמיאל, וואָס איר האָט!
און רחמיאל מיטן הינקעדיקן טראָט
שלעפּט מאכלים פאַרן נאמן און קצבים,
און אין ציין פאַרשטיקטע אַ פסוק תהילים:
— כי סבבוני כלבים!

בריען מיט נצחון צעיאַכמערטע לחיים'ס,
שוימט אַרוים נקמה פון צעבאַלבעטע נגונים.
ציין פאַרשטיקטע דעם פסוק תהילים קייען:
— עדת מרעים הקיפוני!
און ביים טיש, ביים זייטיקן, די געסט פון אַלע נעכט —
שינדער, קצב־יונגען, באַלעגאָלעס,
זיצן מאַרינירטע ווי די שטיקער העכט
און עס בייסן פויסטן אונטער פּאָלעס.

פּילט אַ באַלעבאָס, צעפּריעט און צעקוועלט:
ווינטן יאָגן אים איבערן רוקן.
כאַפּט ער זיך — עס ליגט צעשפּרייט אַ בייזע קעלט
אויף אַ טיש מיט חושך'דיקע מרוקן.
שרייט ער: — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַסקן?

װײניק שנאַפּס בײַ אונדז צו מאַכן אַ לחיים ?
בלאָז בײַ שלום ליפּשיצ'ן די גראָע באָרד זיך אָן,
שוחטים הערן אויף צו קײַען,
נאָר די יונגען טרעטן זיך די פּיס אונטערן טיש :
— װערן זײ דערװאָרגן מיט די שנאַפּס און פיש !

קײנער פון די יונגען רירט זיך נישט פון אָרט.
ברומט אַרײַן ר' שלום אין דער גראָער באָרד :
— ס'בענקט זיך זײ נאָך נח'קען מסתּמא.
שטײט אַ שוחט צו : — אודאַי,
נאָכן פּאַסטוך בענקט די סטאַדע.
און אַ קצב הײבט אָן װאַרפן גראַמען
װעגן נח'ן מיט די זיבן גרײַזן
װאָס ער לאָזט זיך שפּרײַזן, װײַזן, לײזן.
טראַסקען פויסטן אויפן טיש פון נחת,
שפּרינגען טעלער, גלעזער,
פּלײַצן מיט צעקײַכט געלעכטער אויגן, מײַלער, נעזער,
ביז אויף צװײטן טיש, אויף יונגישן און שטומען,
פאַלן אַ פּאָר קלעפּ װי שאָסן פון האַרמאַטן :
— אַ רוח אין זײער טאַטן !

ס'האָט אַברהמ'ל חצוף, דער װאָס לײענט ביכלעך,
נישט געקענט דעם בעס מער שטיקן אין דער לעבער.
װערט די שמחה אָפּגעגאָסן װי פון קאַלטן צעבער,
גליװערט אײַן אַ רגע און מע הײבט אָן קריכן.
פויסטן, אָרעמס, קניען פלעכטן זיך און שטויסן,
און אַברהמ'ל רײַסט זיך מיט געשרײַ און פויסטן :
— שלום גנב הוליעט מיט זײַן באַנדע,
איצט װעט מען שוין גנב'ענען אַבי געזונט.
שרײַט ר' שלום : — יידן, ס'איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע,
מאַלע װאָס עס בילט אַ הונט.
אָבער שכור בלוט האָט זיך אין אָדערן צעבױיטעט —
װאָס מיר חרפּה, אָפּשײַ, יונג און באַלעבאָס ?
איבער בערד און ליפּן קריכן שלענגלעך רויטע,
פּודן לײַב און בײַנער קנעטן זיך װי גראָז.

און רחמיאל פון א זייט זיין חורבן מעסט:
שנאפס און וויין צעבליאפעט, שערבלעך פון געפעס —
ווער וועט אים באצאלן פארן שאדן?
נאר די ביטערקייט, וואס האט פארשטיקט געזאדן,
שטילט זיך פון צעיושטן הארמידער,
זעט ער ווי ר' שלום גנב'עט זיך צום טיר,
ווי א קצב קריכט אויף אלע פיר,
און סע קוועלט א פסוק תהילים ווידער:
— הרם שנימו בפימו!

שכרות אויסגעבובעט פון די שווערע קעפ,
נעמט דער קנויל זיך גלידערווייז צערייסן.
גאנערט מען זיך מיט די בעסער איינגעטיילטע קלעפ,
ווי עס וואלט א שפיל געווען בלויז אויף צעפלייסן.
ביז מען כאפט זיך פלוצלינג: ווער מיט וועמען!
בלאזן זיך צעבלוטיקטע קצבים ווי די לונגן
און מען פאכט מיט פויסטן צו די יונגען:
— ווארט'ס, א נכפה וועט אייך נעמען.
קלינגט מען מיט די קלינגערס, דינגט מען זיך מיט קללות,
שארט מען זיך ארוים ווי די נשרפים,
און די יונגן קוקן ווי אין וויסטן חלום:
— וואס איז דא פארלאפן?

16

עס האבן זיך יונגען געפעדערט אויף מארגן צום יאטקע־הויף.
ווער שולדיק־הכנעה'דיק, גרייט אויפן פסק, און יונגען בעדאווע
מיט מורא פארהילכט אין הויכע „גוט מארגנס". נאר ס'האבן זיך אויך
באלעבאטים געשעמט, און אריבער א שעה, און שארפע האס
און זעג האבן זייערס געטאן אויף די יאטקע־קלעצער.
בלויז איינער, אברהמ'ל, ווען ער איז געקומען צום פעטער,
האט איסר אים אנגעבאטן א גאנג און נאך מיט אזעלכע רייד
וואס נאר א פעטער פארגינט זיך. האט עס דערלאנגט אין דער ריפ,
נאר גיי הייב זיך אן מיטן טאטנ'ס א ברודער ווען ס'ווארט נאך
א טענה באנאכט מיטן טאטן אליין. ארויפגעצויגן די באליוועס,
האט ער געלאזט זיך באשפרייזן דעם הויף, זאגן „גוט מארגן"

די ייִדענעס מיט די שטייגן הינער און גענז און דורך די טירן
אָנגעזאָגט די גוטע ברידער, אַז שוין — ער איז שוין אָפּגעקאָכט.
וואָס נאָך זאָל ער טאָן? א גאַנערשן שנאָבל צערייצט מיט א פינגער,
צע'טענה'ט זיך מיטן גאַנער פון דעם ביי ווענען אין אויוון
עס ווילט זיך אים בעסער בראָטן און ווידער אַרויס אין דרויסן
צו וואַרטן ביז טילע, וואָס דינט ביי די קאָנ'ס פון מעל-סקלאַד,
וועט קומען נאָך פלייש. דערוואַרט זיך, באַהאַלטן זיך הינטערן טויער
און נאָכדעם אונטערגעשפּרונגען, זי איבערגעשראָקן און אויפן וועג
די נייעס דערציילט. איז טילע צופרידן געווען. זי האָט שוין לאַנג
אים צוגערעדט זוכן אַן אַנדער מלאכה און טאַקע דורך איר
איז ער עס פאַרקראָכן צו מאָטל איינבינדער. ביז מ'האָט געקענט
זיך אַנרעדן זאָט איז טילע געווען שוין א גאַס פון איר הויז —
און וואו זאָל ער ווייטער גיין? אַהיים צו דער מאַמען אויף קללות
איז צייט ביז אין אָוונט און שלעפּען זיך איבער די קאַלוזשעס
אונטער דער זון פון פאַר פסח האָט נישט קיין טעם.
האָט ער פאַרקירעוועט טאַקע צו מאָטלען און דבורה'ל, די טאָכטער,
האָט אויגן געעפנט אויף אים: אין מיטן א זונטיק? דאָ קען ער אודאי
די מעשה דערציילן, און באַלד אַרום אים איז געשטאַנען
אי מאָטל אַליין אי דער זון אי דאָס ווייב און מ'האָט אים געטרייסט:
— דו האָב זיי אין דר'ערד. דאָ עפנט זיך א ציגעלניע הינטערן שטאָט
און יונגען ווי דו וועט מען דאָרטן פאַרצוקערן.

דערנאָך זיך דערמאָנט: ס'וואָלט א מצוה געווען צו ברענגען
די מעשה צו נח'ן. עפּעס קיין מוט נישט געהאַט און דאָך דעם נסיון
נישט בייגעשטאַנען. דערפריַיט האָט ער אָבער בלויז דוואָשע'ן. נח אַליין
איז אַוועק אין א מצה-פּאָדראַד פאַר א רעדלער. איז אים באַפאַלן
אַן אומעט פון נח'ס שטוב, האָט ער זיך אומגעדרייט אין די גאַסן
און ווידער געקומען צו מאָטלען, און צווישן מנחה און מעריב
האָט שוין א קלייזל אין יעדן בית מדרש פאַסמאַקעוועט זיך
מיט די קצב'ישע קלעפּ און מיטן טיטל פון אַלטן אָנזעצער: שלום גנב!
צו וועטשערע איז די מעשה דערגאַנגען צו רודניק'ן. האָט ער דאָך עפּעס
א חלק אין נח'ן, און א פּשיטא נאָך איצט, ווען קהל האָט אים
צוליב לייענען ביכער, וואָס מיינט השכלה, פון ברויט געבראָכן.
איז ער א צעהיצטער נאָך וועטשערע גלייך אַוועק צו עזריאל'ן,
עזריאל צום שווער און ר' מרדכי אויף מאָרגן צום ראש הקהל,

ר׳ חיים סעגאַל, און ס׳האָט זיך צווישן צוויי גבירים, תקיפים
פאַרנומען אַזאַ מין שלאַכט: פריער האָט איינער מיט אימפּעט געגלעט
די ביינערנע גאַלקע פון שטאָק און דער צווייטער דעם גלאַטן פּאַרענטש
פון שטול, דערנאָך האָבן ביידע געגלעט זיך די בערד, דערנאָך
ציגאַרן געראויכערט און וואָלקנס געבלאָזן מיט כעס, נאָר איינגיין
אַראָפּצונעמען פון שעכטהויז די שאַנד פון אַ נאָמען, וואָס אַלע
רופן אים „גנב״ — אויף דעם האָט ר׳ חיים זיך נישט געלאָזט:
מער פעלט נישט, נאָר נאָכצוגעבן די כל׳ערליי עכברשים!

אברהמ׳ל האָט גאָרנישט געדאַרפט אין דער היים דערציילן.
ווי נאָר ס׳האָט דער טאַטע געעפנט די טיר פון מעריב, איז ער
אָן דבורים צוגעגאַנגען און אָפּגעפּייערט צוויי פּעטש. ווי ס׳מעסט
אַ חיה דעם שפּרונג, האָט אברהמ׳ל אָפּגעמאָסטן דעם גידול
פון טאַטן און זיינע איינגענע ניינצן יאָר, אַ שפּאַן געטאָן צום וואַנט,
צו דער גראַטקע מיט טעלער און גלעזער, אַ שלעפּ געטאָן מיט אַ האַנט—
דאָס גאַנצע געפּעס איז אין שערבלעך צעשפּרונגען איבערן דיל —
און איידער נאָך טאַטע און מאַמע האָבן געקענט דעם אָטעם כאַפּן
איז ער שוין געווען אין דרויסן. איבערגענעכטיקט די נאַכט
אין ווייבערשער שול אויף אַ באַנק און פאַרפרי זיך געלאָזט
צו די מצה־פּאָדראַדן זוכן דאָס פּלאַץ וואו נח אַרבעט.
אַז מ׳האָט אים אָוועקגעשטעלט פּאַר אַ שיבער, איז אים געוואָרן גוט
וואָס אָט קען ער פּיפּן אויף איסר׳ן און איז ווידער צוזאַמען
מיט נח׳ן. אָבער ווען דורכן טאָג האָט ער אויגן געוואָרפן
אַהין וואו סע שטייט זיין פריינט אין דער מחנה ווייבער און מיידלעך,
האָט שיר פאַרקוועטשט אַ געוויין, און אין אָוונט האָט ער זיך פאַרטרויט
פאַר טילע׳ן און מ׳איז געגאַנגען צו מאָטלען טראַכטן.

פרייטיק צו נאַכטס אין בית מדרש איז צוגעקומען דער טאַטע:
— אהיים זאָלסטו גיין! פאַרשטער נישט דעם שבת דער מאַמען.
און בייטן אַ העמד דאַרף מען אויך. — נאָר מאָרגן ביים לייענען
האָט אברהמ׳ל צונויפגענומען די גוטע ברידער, פינף וואוילע יונגען,
און איינגערוימט זיי אַ סוד: ער דאַרף זיי פירן אין ערגעץ.
אַז מ׳האָט זיך באַגעגנט נאָך טשאָלענט, האָט ער זיי געבראַכט
צו מאָטל׳ען. ראשע האָט כיבוד געשטעלט אין עס־שטוב
נישט אָפּצושרעקן די חברה מיט אַלע פּאָליצעס ביכער,

און מאָטל אַליין האָט ביים פּסח געליען אַ קריגעלע מעד און געטרונקען
מיט יעדן לחיים. מ׳איז היימיש געוואָרן און אַלע האָבן מסכים געווען
מיט אים, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען צו האָבן נח׳ן ווידער
אין שעכטהויז. ווי קען מען עס אָבער? מען קען! אָט זאָלן זיי פּרואוון
נישט גיין צו דער אַרבעט באַנאַכט און אָפּציען אויך די אַנדערע, —
איז אויס מיט דער שחיטה און קהל וועט טאַנצן ביי זיי
ווי אַ בער אויף אַ קייט. האָבן חברה מיט נאַקעטע ציין געקוואָלן
פון שפּיצל, נאָר הערצער זענען געזונקען און מ׳האָט געפרעגט:
— וועט בלייבן די שטאָט אָן פלייש? — איז וואָס דער אומגליק?
קבצנים קאָכן אַלץ איינס נישט קיין פלייש אינדערוואָכן
און גבירים קענען זיך איינמאָל באַגיין. — האָט מאָטעליכע געטרייסט:
— ניש׳קשה, זיי וועלן זיך עופות שעכטן און יאַבעלעך קאָכן!
— און וואָס זאָל מען טאָן מיט די טרוסן? האָט מען געפּלאָנט
און ווידער געטרונקען און מ׳איז אַוועק די אַנדערע יונגען זוכן,
נאָר יעדן באַזונדער איז מלאָכנע געווען ווי אין אַ קאַלטן טאָג
ביים טייך ווען מען מוז אַ נאַקיטער שפּרינגען אין וואַסער.

אין בוינע־הויף אָנגעיאָגט אָקסן, בהמות און קעלבער.
עס קומען דער נאָמען. די שוחטים, קצבים — מע קוקט זיך אַרום —
בלויז עטלעכע עלטערע שינדער, און פון דער חברה יונגען
קיין סימן נישטאָ. צי האָט אַ מגפה זיי אַלע מיט איינמאָל
אַ קאַסע געטאָן? מע וואַרט און מע קוועטשט מיט די פּלייצעס,
נאָר איינעם, ר׳ שלום׳ען, ווערט עפּעס ביטער אין נאָז און ער זאָגט
האַלב־הייזעריק: ס׳איז דאָ נישט גלאַטיק, יידן! כ׳וואָלט שווערן,
נח׳קע האָט אַ האַנט אין דעם. אַריבערגעשיקט אַן עלטערן שינדער
אין שענק און באַלד איז יענער געקומען צוריק מיט אַ תשובה:
— מ׳איז דאָרטן. מע זאָגט: ס׳וועט היינט קיין שחיטה נישט זיין.
— וואַ־אַ־אַס?—אַזאַ מין צעצויגענער „וואָס" ווי מען וואָלט זיי געמאָלדן
אַז אַלע אָקסן האָבן געקראָגן אייטערס מילך. — זיי זאָגן,
זיי וועלן נישט קומען ביז קהל וועט צוריקברענגען נח׳ן.
דאָ האָט שוין דער „וואָס" זיך אַרים געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט
ווי עמיצער וואָלט איבער זיי מיט אַ בייטש אַ פּאָכע געטאָן,
דערנאָך — אַ ליאַרעם פון קולות און קללות, דערנאָך אַ געשריי:
אָט גייט מען אָן אַנדער כאָפּטע באַסיאַקעס ברענגען פון גאַס!
דערנאָך זיך אַליין צו דער אַרבעט געשטעלט און לסוף געשיקט

שטאפעטן צום ראש הקהל און אויך צו עזריאל קארנפעלד,
אז ס'שטייט אין סכנה די שחיטה פאר שטאט און פאר ווארשע.

א האלבע שעה שפעטער האט זיך אין שענק אריינגעריסן א שינדער:
— מע רופט אייך! ר' חיים איז דא, ר' מרדכי, דער אידים — אלע!
די שרעק אויפן פנים פון רופער, די גרויסע לייט וואס מ'האט זיי
מטריח געווען — עס האט ווי א ווינט די זאנגען א יאג געטאן חברה
צום טיר, נאר עטלעכע מיילער מיט ציינער צעשצירעטע
האבן געוואָרנט — ס'איז גלייכער צו בלייבן דא. אוועק דער שליח
מיט גארנישט. ר' חיים האט רוצח'יש געקלאפט מיטן שטעקן
אין שטיינערנעם דיל פון שעכטהויז, ר' מרדכי צעטומלט פון יונגישער
חוצפה,
האט ערגעץ אין הארצן געקוואלן און באלד איז אוועק א פראצעסיע
פון שעכטהויז צום שענק. ער האט זיך געפרואווט א הלצה'לע מאכן,
ר' חיים: — וואס פלוצלינג א יום־טוב? באלד האבן מיר פסח,
וועט צייט זיין צו הוליען. אין פחד און שטומקייט האט חברה
די ליפן צעצויגן צום שמייכל, נאר דא האט אברהמ'ל דערזען
די נקמה אין אלע פעטערס און טאטעס און מיט א האסטיקן אָטעם
און טרוקענע ליפן ארויסגעשאסן אזוי: פאראכטאגן שבת —
האט שלום גנב געהוליעט מיט זיינע. איצט ווילן מיר אויך
אביסל א הוליע טאן. שטום ווי ערב א דונער. שפרינגט אין דער לופט
דער שטעקן ר' חיים'ס: — יונגאטש! ווען מען רופסטו עם גנב?
— דעם נאמן אייערן! — חברה רייסט זיך פון הינטן, ס'ווילט זיך
דאס מויל צעעפענען, זאגן: מיר זענען נישט שולדיק. עס טרעטן
מיט אייזן געשמידטע אפצאסן אויף פיס, עס גראבן זיך עלנבויגנס
אין ריפן אריין — די ליפן פארביסענע שטומען. ארויס פון די כלים
ר' חיים און שילט מיט אזעלכע ווערטער, וואס קליידן גארנישט
דער בארד מיטן גארטל. אברהמ'ל אבער האט שוין געהערט אזוינס:
— אז איר וועט ר' נח ברענגען, וועט היינט נאך א שחיטה זיין.

אין גאס פארן שענק האט ר' מרדכי געזאגט: — איר קענט נישט
מיין נח'ן. ער וועט צוריק נישט גיין. נאר פועל'ן קען ער ביי זיי.
— טא ברענגט אים. — צוואס? ער זאל העלפן דעם אנזעצער
ווייטער דא פירן די גרענדע? ר' חיים האט ביטער געקלאמערט
דעם שטעקן אין פויסט און אין פינצטער ארויסגערעט: — מסכים.

אַ שרעק איז באַפֿאַלן דוואָשעס'ן ווען זי האָט דערזען ביים טיר
דעם גבירישן אײדים. יענער, צום ערשטן מאָל אין נח'ס הויז,
האָט ס'לשון פֿאַרלאָרן און קוים אַרויסגערעדט: — קומט מיט מיר.
דער שווער איז אין דרויסן. איר וועט שוין אַלץ הערן פֿון אים.
אין דרויסן ביים דראָשקע האָט נח געמוזט עזריאל'ן נאָכגעבן:
זיך זעצן אין ווייכן זיץ מיט ר' מרדכי'ן און לאָזן דאָס בענקל
צופֿוסנס פֿון ביידן פֿאַר אים, פֿאַר עזריאל'ן.

רחמיאל'ן האָבן זיך טרערן געשטעלט, ווען ער האָט דערזען דעם גאַסט,
און נישט נאָר אים. עס האָט זיך פֿון העלזער אַ שטילער גערוף
אַ ריס געטאָן, פּנים'ער האָבן אויפֿגעלויכטן און נח אַליין
האָט לאַנג די ברילן געווישט ביז ער האָט די ווערטער געפֿונען:
— איר דאַרפֿט זיך פֿאַר מיר נישט איינשטעלן. איך וואָלט אַלץ איינס
דאָ לאַנג נישט געבליבן. איר טוט אַן ערלאַכע אַרבעט, איך אָבער
בין אַ משגיח געווען איבער גזלה. באַהאַלט אייער אחדות
פֿאַר זיך. עס וועט אייך צונוץ קומען. איצטער גייט אַרבעטן. —
זיי האָבן זיך איינציקווייז דורכגערוקט דורך דער טיר אים פֿאַרביי.
— אַ גוטע נאַכט, ר' נח! געבליבן אין שענק איז ר' מרדכי:
— איצט זענען מיר קוויט. מער זענט איר מיר גאָרנישט שולדיק.
עזריאל אַ בלייכער איז אונטערגעקומען: מיר ווילן אייך צופֿירן.
ער האָט זיי געדאַנקט און געבליבן אַליין. איצט האָט זיך געוואָלט
זיך צוזעצן דאָ מיט רחמיאל'ן, רעדן וועגן דעם שכר
וואָס ער האָט געקראָגן — די ריינע נשמה פֿון מענטשן פֿאַרגראָבטע,
נאָר דאָרט אין דער היים האָט דוואָשע געוואַרט,
און ער איז אַוועק מיט אברהמ'לען. די צונג האָט געביסן
ביים בחור — דערציילן ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען צו האַלטן
די יונגען, נאָר ער האָט דערפֿילט, אַז נח טאָר עס נישט וויסן.

אַ טאָג ערב פּסח האָט נח דעם ווייב די בשורה געבראַכט.
— מ'האָט שלום'ען אויך משלח געווען. האָט דוואָשע געזאָגט:
— ווער ס'גראָבט פֿאַר יענעם אַ גרוב, פֿאַלט אַליין אַריין.
ניש'קשה — זאָל זיין ווייב אויך וויסן וואָס מיינט אַזאַ פּסח.
האָט נח געטראַכט: מסתמא דאַרף זי די טרייסט פֿון נקמה.

17

שד פון הונגער וויל נישט איינזיצן אין טרוקענע גערערים —
לעצעווען, ראסקוטשען ווילט זיך אים.
אָט אַ שטויס געטאָן אַ האַנט —
שפּרינגט אַ טעלער און צעטענצלט זיך אין שעריבלעך.
אָט אַ טשוואָק פון וואַנט ארויסגערוקט —
ריפּעט זיך אַ פּאָלע אויף דער העלפט.
אָט אַ שטיין אַ גליטשיקן אונטער די טריט אַ ווארף געטאָן —
הענגען פעדים פון דער הויז צוזאַמען מיט דער הויט פון קני.

שלעפּט ער שפּינען אָנצופלעכטן נעצן אונטער סטעליע,
שיקט ער פליגן אויסגעמארעטע זיך צו פארפלאָנטערן,
שטופּט אוועק דאָס מיסט אונטערן בעט
אַז דער בעזים זאָל נישט צוקומען,
מאַניעט מחנות מייז באַנאַכט צום טיש־קעסטל —
אַז מען נעמט זיך אין דער פרי צום ברויט,
זענען קיילעכדיקע לעכער אויסגעגריזשעט —
טייל זיך מיטן ביסן מיט די מייז.

קוועלט דער שד,
קייטלט קללות אָן אויף אויסגעקרימטע ליפּן,
רייצט די פינגער מאַמישע מיט נאָנטן לייב —
קנייפּן, פליקן, רייסן —
וויינען קינדער אין די ווינקלען
די פאַרמיסטיקטע, פאַרמייזיקטע, פאַר׳אוויר׳טע.

הייסט מען זיך ארויסקלייבן.
וואָגן אָנגעלייגט מיט הינקעדיקע חפצים,
אויף אַ זאַק מיט פּערינעס און קישנס אויבן אָן
דער שד.
אַלץ איז גרייט פאַר אים אין ענגשאַפט פון דער נייער דירה:
לעכער אין פּאָדלאָגע, טשוועקעס אין די ווענט.
שטעלט ער איין דאָס שד׳ישע כלי־זין,
ברעכט זיך, רייסט זיך, לאַטעט זיך,
קללה׳ט זיך און קלאָגט זיך,

שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט —
פון געדערים ביז די קנעכל,
פון דער בייזער לופט אין מויל אַריין
טאַנצט אַרום און לעצעוועט דער שד —
הונגער.

18

א וואָך און א וואָך און צביה די שענקערן זעט —
עס איז נישט קיין תכלית אַרומצוגיין איבער די הייזער
און קלייבן אין טישטוך פאַרטריקנטע חלה און ברויט,
און נח זאָל ערגעץ זיך צושלאָגן קוקט עס נישט אויס.
— וואָס טוט מען, רחמיאל? מען קען אפשר קריגן אַרבעט
פאַר דוואָשע'ן אהיים פון דער זעלנערשער שוואַלניע,
נאָר וויפיל וועט זי אַזוי אָנגייען העמדער אַ וואָך?
עס ווילט זיך רחמיאל'ן תכלית. וואָס ס'זאָל נישט געשען
מיט נח'ן, זאָל מען זיין זיכער אין שטוב מיטן ברויט.
א ניי־מאַשין קויפן! איז גרייט פון אייגענעם טאַש
א צענערל אויסלייגן, אפשר קען מען ביי מענטשן
צונויפנעמען נאָך אַ פּאָר רובל — און ווייטער וואָס?
בלייבט נאָטע דער מלווה. נאָר גיי נעם אַ משכון
ביי דוואָשע'ן די מעשענע לייכטער! חשבונ'ט מען אויס,
אז מער ווי אַ יאָר הכנסה פון קראָם שטייט נישט אין קאָן,
און איז נישט די קראָם געקומען פון נח'ס הענט?
רחמיאל שרייבט אונטער דעם מלווה אַ וועקסל, און דוואָשע
דאַרף צאָלן פון אירע פּאַרדינסטן פּראָצענטן און קערן.

פאַרנעמט פאַרן פענצטער דעם אויבן אָן אַ מאַשין,
און ענגשאַפט ווערט דאָפּלט געדיכטער. עס איז נישט אַזוי
דער האַלבער אייל אויפן דיל, ווי דער פּחד
אַרום דעם גלאַנציקן געטש וואָס האַלט די חיונה פון שטוב
אין זיינע רעדלעך און רימענטן. דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט,
דאָ לייוונט, דאָ העמדער — ס'איז פּרעמדס, עס איז בלוט.
און ווייל נישט צו הערן קיין קרעכץ פון דוואָשע'ן,
ווערט קענטיקער נאָך ווען ס'כאַפּט איר דער קרייז
און ס'ווילן נישט דינען די פיס. זיצט נח פון ווייטן

און רעדט נישט, און זי מיטן קאָפּ אין מאַשין לאָזט וויסן:
אָט נאָך אַ פּאָר שטעפּ, וועל איך צושטעלן קאָכן קאַרטאָפל.
נאָך ערגער ווען זי מיטן פּאַק אויף דער פּליִיצע גרייט זיך
צו גיין. זי וויל אים נישט לאָזן זיך צורירן, צאַפּלט:
— וואָס ווילסטו פון מיר? סע שטייט מיר נישט אָן
זאָלסט שלעפּן דעם פּאַק אין דער שוואַלניע!... בלייבט ער
צו גיאַנטשען דאָס קינד, קוקט מיט אָפענער שנאה צום געטש,
און טענה'ט צום קינד: דו זאָלסט זיך נישט לאָזן מבזה זיין
פון געטשן, וואָס מענטשלעכער שכל בויט.

19

עס איז נישט אַזוי וואָס עס טוט אים וויי, עזריאל'ן —
ער שעמט זיך און בענקט. ער שעמט זיך דערפאַר
וואָס ער האָט נישט געקענט אַ מענטשן דערהאַלטן ביים ברויט
און בענקט נאָך אים, וואָס ער שעמט זיך באַגעגענען.

ווער איז, עזריאל? די אָרימע זיידעס, רבנים,
האָבן ספרים געשריבן און תעניתים געפאַסט.
דער טאַטע האָט וועגן דער גרויסער טוך-פאַבריק
געטרונקען וויין מיט מאָסקווער גויים און נאָכדעם
אַ שטיק אין דער נאַכט געזעסן איבער משניות,
און ער איז אָן אײדים געוואָרן און האָדעוועט קינדער
מיט אַ ווייב וואָס פוצט זיך אין בעט פאַר אים
אין זיידענע שפּיצן און וויל אים פאַרשלינגען מיט גוטסקייט.

ער האָט דאָך זי ליב. ווי מאַיאָווע זון איז איר ליבשאַפט
און וואָרימע קלוגשאַפט פון אויגן בינדט אים די הענט.
נאָר ווען ער ווערט זאַט פון איר ליבשאַפט, פאַלט אָן
אַן אומעט און ס'פרעגט זיך: ווער בין איך? צו וואָס?
און נישטאָ ווער עס זאָל אים די קשיא פאַרענטפערן.

געוועזן אַזאַ איינער. זיין אייגענעם גורל געלעבט,
נאָר ס'האָט זיך געדאַכט — ס'איז אַ שותפות געמאַכט,
און כל זמן מע טיילט זיך מיט רייד און מען זאָרגט
פאַר יענעמ'ס ברויט — האָט מען אַ חלק אין אים

און יענעמס נסיונות באַזינגען דעם אײגענעם װאָװילטיס.

אַצינד איז די שותפות אױס. באָדט זיך עזריאל
אין װײבערשער גוטסקײט, אין װײבקײט פון טעפּיכער,
אין שײן פון בורשטינענעם טײ און ריח פון אײנגעמאַכטס,
און ס'װײב אונטער פּוכענער קאָלדרע דערפילט
װי ס'װאָלט דער מאַן מיט איר חסד געטאָן, װײל אַלײן
איז ער זאַט און מיד פון דער זאַטקײט, און װאו
זאָל זי זוכן פאַר אים װאָס אים פעלט?

דערװײסט זיך ראָזע, אַז נח לערנט צװײ שעה
מיט בורשטײנ'ס אַ ײנגל — זײן אײנציק שטיקל פאַרדינסט —
געפינט זי פאַר דװאָשע'ן אַרבעט, ציכן און ציכלעך,
און שפּאַרט זיך אײן, אַז זי מוז איר דוקא אַלײן
די אַרבעט ברענגען און נח זאָל עס נישט װיסן.

זי זיצט בײ דער נײ־מאַשין, קוקט זיך צו
צו יענער'ס פאַרגרעבטע, צעשטאָכענע פינגער,
פאַרקוקט אין די בלאָע אױגן, פאַרגלײכט די גלידער
פון אײגן געכאַליעטן לײב מיט יענערס אונטער דער יאַקע
און קלײד — זי קרעקט זיך אין אַװיר פון דלות און זיצט.
רעדט דװאָשע פון הײמישן שטעטל און מײדלשע יאָרן,
פון חתונה, מאַן אין דער פרעמד, קינדער געזװיגטע,
פון הונגער און קראַנקשאַפט און מלאך המות,
און ראָזע טרינקט די רײד װי אַ ביטערן מין רפואה
און קוקט זיך אין שפּיגל דערנאָך צי איז שױן פאַראַן
אַ שײן אין די אױגן פון דעם װאָס זי האָט געטרונקען.

צומאָלס װערט איר ענג אין האַלדז פון יענערס רײד.
די פרױ דערשפּירט אױך אין זיך דעם גורל פון יענער,
װאָס שיצט זיך אַנטקעגן אַלץ מיט דער ליבשאַפט צום מאַן,
עס גליט אַ רחמנות אױף אָט־דער שײנקײט, װאָס װײס נישט
װי שײן עס איז דאָס װאָס טריקנט אין איר, און דעמאָלט
כאַפּט זיך ראָזע בײם האַנט: זי גנב'עט! נאָר כל זמן
קײנער װײס נישט דערפון — װאָס קומט דען דװאָשע'ן אָפּ
דערפון װאָס זי קױפט בײ איר חן פאַרן מאַן?

20

פוןביידע זייטן שאָסיי גרינען פעלדער פאַר פאַשע.
אַ פאָסטוכל טרייבט אַ קו פון שאָסיי אַוועק.
צוויי שיטערע שורות טאָפאָלן מיט קרוינען פאַרשפּיצטע
ווייזן צום נאָענטסטן ישוב דעם וועג.

ביים זייט פון שאָסיי שפּאַנען נח מיט עליע׳ן.
ס׳איז גרינג מיטן הארציקן בחור דער גאַנג.
פון צווישן געשלאָסענע ליפּן ווי פויגל באַפרייטער
אַנטקעגן דער זון פלאַטערט אויף דער געדאַנק.

נח:
אַנומלטן האָב איך דאָ אונטער אַ בוים געטראָפן
דעם אַלטן איוב מיט זיינע טרייסטער, די דריי.
געזעסן פיר זקנים, גע׳חקירה׳ט זיך און גע׳חקירה׳ט,
און ס׳האָבן די וואונדן ביים אַלטן געיאָמערט סיי־ווי־סיי.

נאָר אָט איז געקומען דער יונגער אליהו בן בוזי
און אָנגעשריגן מיט גרויס אמונה ווי יוגנט טוט,
האָט קיינער מער נישט געדאַרפט די זקנישע חקירות
און הימל איז ווידער געבליבן גערעכט און גוט.

עליע:
איך אויך זע אַמאָל אויף דער וואָר חלומות
און מענטשן פון ביכער קומען מיט זייערע רייד.
ערשט נעכטן האָט מיך דער פּרינץ פון דענעמאַרק האַמלעט
אַ גאַנצן טאָג וואו איך בין געגאַנגען באַגלייט.

אָט איז דאָך שוין האַמלעט געווען אַ יונג אַ גלויביק
און האָט דיזעלבע קשיא וואָס איוב געשטעלט —
פאַרוואָס האָט אים די אמונה גאָרנישט פאַרענטפערט
און ער האָט געמוזט מיטן רשע גלייך אַוועק פון דער וועלט?

נח:
ווי קען די וואונדן פון האַמלעטן היילן אמונה?
אָט שטייט ער דאָ אויך מיט די זקנים און הערט.

די זקנים גלעטן די ווייסע בערד מיט די פינגער,
און ער — זיינע פינגער קלעמען דאָס הענטל פון שווערד.

און גייט מען אליין מיט אַ שווערד זיך פאַרמעסטן
אויף יענע וואָס הערשן מיט גזלה און מאָרד,
איז מעג מען זיך ריכטן אויף מאָרד — ס'איז נישט הימל
וואָס ענטפערט מיט נסים אויף גלעטן די באָרד.

עליע:
ס'איז אמת. אנטקעגן הימל קען יעדער זיך שטעלן
און קען מיט אמונה אים בייקומען אויך.
נאָר די וואָס ליידן פון רשעות זענען די שוואַכע,
און שטעלן זיך קעגן איר איז נישטאָ קיין כח.

נח:
איז האַמלעט, דער פּרינץ פון דענעמאַרק, שטאַרקער געווען
ווי אונדזער אברהמ'ל, דער קצב־יונג?
נאָר איינער איז אויפגעקומען אין פּאַלאַץ, אַ שטאָלצער בן־מלך,
דער צווייטער אין דלות, אַן אָרימע שטומע צונג.

עס איז נישט די שוואַכקייט פון שוואַכן, וואָס מערט די רשעות—
די אייגענע שפלות האַלט דעם מענטשן אין קלעם.
פאַרטשעפּע נישט אים אליין, נאָר זיין גאָט אין הימל
און ער וועט גיין ווי אַ גבור אויף קדוש השם.

נאָר גיי דערצייל אברהמ'לען, אַז קדושה און גבורה
וואַקסן פון אים אליין ווי זאַנגען פון שטויב,
אַז ער אליין האָט דאָס ליכט אין הימל פאַרטראָגן
און ער אליין איז דער וואָס גלויבט אין דערהויבט.

עליע:
פאַרוואָס זענען אַלע וואונדער אין ווייטע פאַרצייטן?
אַמאָל — כלו קודש און היינט — כלו חול?
פאַרוואָס זאָל אַ פלאַמיקער נביא ווידער נישט קומען
און עפענען אויגן מיט בליצן אַזוי ווי אַמאָל?

נח:
דער חול איז געווען אַלעמאָל און די פונקען פון קדושה

האָבן זיך עלנר געראַנגלט אַזוי ווי היינט.
דער חול איז אין חלל צערונען, די קדושה ווי שטערן
דעם הימל פון ווייטע אַמאָלן באַשיינט.

אַמאָל וואָס געווען און אַמאָל וואָס וועט קומען —
ס'איז ביידע דאָס זעלביקע וואָרט, אות אין אות.
דאָס גרעזל וואָס שטאַרבט לאָזט אַ וואָרצל איבער
פאַר אויפגאַנג פון נייעם זאַפטיקן גראָז.

מיר זענען דער הויפן ערד פאַרן גרעזל
און אַלע אַמאָלן אין אונדז פאַרקניפּט.
ווען מענטש וועט דעם קנופּ דערקענען, וועט נעכטן און מאָרגן
זיך זייען דורך אים ווי מעל דורך אַ זיפּ.

וועט ווערן איין היינט פון אַלע צייטן און דורות,
פון אַלע ווייטן און רוימען וועט ווערן איין הי,
און מענטש וועט זיין דער ליכטיקער ראַנד פון באַגינען
וואו הימל און ערד באַגעגענען זיך אין גלי.

ווען מענטש וועט דער קנופּ דערפילן, וועט טויט פאַרשווינדן
ווי חושך פאַרשווינדט אין שפּראַץ פון שיין,
און קיינער וועט מער נישט פרעגן: זיין אָדער ניט־זיין,
ווייל אַלץ וואָס וועט בלייבן וועט זיין — דאָס זיין.

וועט ווערן פאַרגעסן די מורא און ציטער,
וועט שטאַרבן די רשעות און תאוה צו מאַכט

— — — — — — — — — — — — — —

ער רעדט און מיט איינמאָל די ליפּן פאַרביסן,
פאַרהאַלטן דעם טראָט און אַליין זיך צעלאַכט:

אויב נישט דער גן עדן פון העלער אמונה,
וואָס אַנדערש קען היילן איוב'ס וואונדיק לייב?
דער יינגערער חבר שוויגט. די וואָלקנס גליען.
אַ פּאַסטוך פון פּאַשע די טשערעדע טרייבט.

מען גייט צוריק אין שאָטנס וואָס פאַלן אויף פעלדער,
אַנטקעגן קומען פורן פון אַ יאַריד,
די רעדער קלאַפּן אויף שטיינער דער אַנקום פון אָוונט
און אַנקום פון אָוונט טרייבט די שטומע טריט.

21

מ'האָט אים אַ רוף געטאָן פון גאַס: וואָס מאַכט דיין ווייב ?
ער האָט זיך אומגעקוקט, דערזען אין בריטשקע
דעם אַלטן דאָקטער וואָלישעווסקי מיט די לייצעס אין די הענט
און צוגעגאַנגען. יענער האָט געהאַט הנאה: — גוט אַזוי!
אַז מ'איז פאַרטאָן מיט עפּעס, איז קיין צייט נישטאָ
צו טראַכטן פון חולאת'ן. נו, און דו פאַרדינסט נישט ?
האָט נח אים געמוזט דערציילן, און ערשט דעמלט
ווען יענער האָט אים אָפּגעשטעלט: — וואָס טייטש אַ נאָמען ? —
געכאַפּט זיך, אַז זיי ריידן יידיש. נאָך אַמאָל
באַטראַכט די הויכע ברעמען איבער גרויע אויגן,
די עלטער־זעקעלעך אונטער געגאָלטע באַקן,
און כאָטש פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער האָט מסתמא
דאָס גאַנצע לעבן זיך געטליקעט צווישן יידענעס,
איז דאָך געווען אַ חידוש אויפן גוי. דער דאָקטער
האָט אַ פאַרכאַפּטער אויסגעהערט די מעשה, נאָכגעפרעגט
וואָס פאַר אַ ביכער ס'האָבן נח'ן געקאָסט דאָס ברויט,
געשאָקלט מיטן קאָפּ און אים אַריינגעשטעקט אַ האַנט:
— כ'וועל זיך אַריינכאַפּן פונדעסטוועגן אַ קוק טאָן
ווי גייט עס איר ביי דער מאַשין. — אַ צי געטאָן די לייצעס,
און נח איז אַוועק. נאָר אין אַ ווייל אַרום — דער אַלטער
איז דאָ צוריק: — כ'האָב זיך פאַרקירעוועט צו דיר טאַקע.
איך האָב דאָ נאָך אַ פּאָר חולאים אָפּצופּטר'ן
און פאָר אַהיים. וואָלסט וועלן צוקומען צו מיר ?
— נאָך וואָס ? — פרעגט נח. — איך וועל דיך נישט אָפּבייסן.
וועסט קומען, וועט מען זיצן, שמועסן אַביסל.

קיין הונט איז נישט געווען, נישט דרויסן, נישט אין הויז.
די דינסט האָט אים אַריינגעפירט אין עס־צימער.
— אָט איז ער! — האָט דער אַלטער זיך דערפרייט.
— דאָס היטל קענסטו אָנטאָן אַז דו ווילסט! — און גלייך
אים פאַרגעשטעלט: מיין פרוי, מיין שנור, מיין אייניקל.
די פרויען, קענטיק, האָבן זיך געריכט אויף אים
און צוגעגרייט אַ גלאָז ביים וואַרטנדיקן שטול.

ס'איז נישט געווען קיין נייגיר אין די אויגן זייערע
און נישט קיין חידוש וואָס אַ ייד אין אַזאַ קאַפּטאַן
קומט זיצן דאָ ביי זייער טיש. ער האָט דערפאַר
געקענט באַטראַכטן זיי מיט פרייע אויגן:
די אַלטע מיטן ווייסן שרונט אין מיטן קאָפּ
אין רעדער־שטול, די שנור — אַ דינע, נישט נאָך אירע יאָרן,
און ס'אַכצניעריק מיידל מיטן צאָפּ פאַרפלאָכטן
אַרום דעם קאָפּ — באַטראַכט זיי און דערזען ווי אַנדערש
די זאַכקייט קוקט דאָ אויס. די ווייבער אין ר' מרדכי'ס הויז —
ביי זיי קוועלט עס אַראָפּ פון פנים, שפּרודלט פון די אויגן.
דאָ איז עס שטיל און פּראָסט און אַז דו זיצסט מיט זיי אַ וויַיל
דערשפּירסטו גאָר אַ צער איבערן טיש. אָט פּראָסט אַזוי
באַדינט די שנור אים מיטן טיי, דאָס אייניקל מיטן געבעקס,
און אַז זיי רעדן פּויליש צווישן זיך און נח זאָגט,
אַז ער פאַרשטייט אַביסל, טוט עס זיי הנאה
און יעדע איינע פּרוּווט עפּעס אַליין אים זאָגן.

מ'איז אַריבער אין אַ צווייטן צימער — ביידע מאַנסבילן,
דער דאָקטאָר האָט אַ פיר געטאָן אַ האַנט איבער אַ וואַנט
מיט ביכער: — מעגסט נעמען וואָס דו קאָנסט פאַרשטיין.
זיך איינגעזעצט און אים באַפוילן פשוט: — איצט דערצייל!
— איך האָב אייך שוין דערציילט. — נישט דאָס!
דערצייל פון זיך — ווער ביסטו, וואָס געלערנט, ווי געלעבט.
דערשטוינט, האָט נח זיך גענומען פּלאָנטערן: איך ווייס נישט
וואָס אייך דערציילן. אָט געלעבט — ווי אַלע יידן. גאָרנישט!
דער אַלטער האָט געשמייכלט, צוגערוקט זיין שטול,
די האַנט אַוועקגעלייגט אויף זיינער און מיט אַ מין טאַטישקייט
גענומען שטעלן קשיות. ווייכער שטול, אַוועקגעריסנקייט
פון היים און גאַס, די האַנט אויף זיינער און דער שמייכל
פון גרויע אויגן איבער שווערע וואָנצעס גוישע —
ס'האָט מאָדנע איינגע'כשופ'ט און דער קנויל זכרונות
האָט זיך צעבונדן און מיט קנופּן, שלייפן, פּלאָנטערס
גענומען זיך צעוויקלען. עס איז גוט אַזוי אַמאָל
פאַר זיך אַליין צו מאַכן אַ סך־הכל פונעם שטיקל לעבן.
דערפילט — ער דאַרף שוין מער נישט מאָנען, האָט דער אַלטער

די האַנט אוועקגענומען און געהערט — אַלץ שווערער,
פאַרזונקענער. אַט פאַלט אַראָפּ דער קינבאַק אויפן ברוסט,
די אויגן שליסן זיך און נח ווערט אַנטשוויגן. עפנט ער
די אויגן, זאָגט: — איך הער! — און ווידער וויקלט נח
דעם פאָדים פון די שלאַכטן זיינע — אין דער יוגנט
מיט בלינדקייט פונעם אייגענעם לעכצן, און דערנאָך
מיט רשעות פון די תאווה'ס פון דער וועלט. ער רעדט
און ווידער דאכט זיך, אַז דער אַלטער שלאָפט פאַרזונקען
מיט ווייסע וואָנצעס אויף דער ברוסט צעשפּרייט.
נאָר ס'הויבן זיך די שווערע אויגן־דעקלעך, מידקייט
פון איינגעשטיקטן טרויער לייגט זיך אונטער ברעמען
און שטיל די ווערטער ציילט ער: — דו ביסט אויך געקנאָטן
פון זעלבן טייג. אַ בלוט אַזאַ ווי דיינס ביי אונדז האָט זיך
אויף תליות אויסגעריכט צי אין די טונדרעס פון סיביר.
— אויף תליות? — ווערט דאָס מויל ביי נח'ן צעעפנט.
— דאָס מיידל דאָרט האָסטו געזען? דער טאַטע אירער
איז אויף אַ בוים געהאַנגען. — בלייבט נח אַ פאַרגליווערטער.
עס קריגט אַ זין דער צער אין הויז, דעם אַלטנ'ס טרויער,
נאָר וואָס די תליה מיינט פאַרשטייט ער נישט און וואַרט.
— ווי אַלט ביסטו געווען אין דער פּאָווסטאַניע? — ס'וואָרט
שלאָגט אָן אין אַ מין שרעק, וואָס האָט זיך דורכגעקאַלערט
דורך שטעטלעך וואו ער האָט געלערנט — פון דער ווייט,
פון וועלדער, הויפן פּריצישע — נאָר פון די ווענט
פון מוסר־שטיבל און בית מדרש אָפּגעשלאָגן זיך צוריק
און נישט דערגרייכט צו אים. ער זאָגט: — אַ זעכצן־זיבעצן.
— ביסטו דאָך גאָר אַ שנעק און האָסט אַ פּנים פון אַן אַלטן ייד.
ניין, מיינער איז געווען אַ צען יאָר עלטער. מעדיצין געענדיקט
און חתונה געהאַט. און ס'האָט זיך זיי געדאַכט — מען קען
מיט דראַנגען און מיט קאָסעס דעם מאָסקאַל פאַרטרייבן.
(ס'איז שווער פון זיינע רייד צו דרינגען: איז ער קענען
די מענטשן וואָס ער רעדט פון זיי, צי מיט זיי? גיכער ביידע)
אַ הייפל אָפיצערן, אונדזערע און זייערע, האָבן געדאַרפט
דעם גאַרניזאָן פאַרנאַרן, און די כלאָפּעס מיט די דראַנגען
די פעסטונג איינהאַלטן. איז האָבן זיי אַליין, די כלאָפּעס,

די אַנפירער גע׳מסר׳ט און די ערד אויף זיי פאַרטאַפּטשעט.

ס׳געשעט אַ ווילדע זאַך. די אויגן וואָס האָבן געברענט
מיט טרוקן פייער איבער קברים פון די אייגענע קינדער,
ווערן פול און טרערן קייקלען זיך פון אונטער די ברילן.
דער אַלטער זאָגט: — אין הויז דאָ ווײנט מען נישט אויף דעם.
— ס׳איז נישט אויף דעם. — וואָס דען? — אויף אונדז.
— פאַרוואָס אויף אייך? — אויף אונדז וואָס שטאַרבן אַלע טויטן
און זענען מער נישט זוכה אומצוקוקן מיטן טויט פון גאולה.
— ב׳פאַרשיי דיך נישט. — ער מוז פאַרטייטשן, און דער אַלטער
געפינט אַ טרייסט פאַר אים: — געווען אויך אייערע
וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַרן פאָטערלאַנד.
דער גאַסט קוקט אָן פאַר׳חידוש׳ט און דעם אַלטן דאַכט זיך
ווי ס׳וואָלט אַ שמייכל זיך באַהאַלטן אין דער באָרד.
ער צינדט זיך אָן, שטייט אויף און שטייענדיק אַזוי
ווי אַ מוכיח האָגלט ער אויף נח׳ן מיט אַלע חסדים
וואָס ס׳מלכות פוילן האָט געטאָן דעם פאָלק ישראל
און אַלע רשעות׳ן פון מאָסקאָל אויף ביידן. נח הערט —
ער דאַרף אַ שותף ווערן צו אַ צווייטן גלות. ווייניק נאָך
דער יאָך פון אייגענער געפאַלנקייט, איז דאַרף ער
דעם פּריץ העלפן טראָגן זיינע אויך. ער וואַרט
ביז יענער וועט זיך אָפּשטעלן און הייבט אָן ריידן.

— עס איז געגליכן — זאָגט ער — צו אַ מענטש, וואָס האָט געקראָגן
אַ לונגען־פעלער, טרעפט ער אָן אַן אַנדערן, מיט הענט און פיס
געליימטע, און ער רופט אים זיך צוזאַמען היילן.
וועט איר זיי היילן מיט די זעלביקע רפואות? וואָס איז אייער קרענק?
מיר האָבן אויך אַמאָל געהאַט אַ לאַנד און אויפן לאַנד
די האַנט פון שונא, אָבער ווען דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק
האָט זיך געוואָלט באַפרייען, האָט זיך עס באַפרייט.
איר וואָלט עס אויך געקענט. נאָר אייערע כלאָפּעס גיבן איבער
די קינדער אייערע צום שונא און פאַרטאַפּטשען זייערע קברים.
נקמה נעמט דער כלאָפּ. פאַרוואָס? פאַר שקלאַפעריי, פאַר שמיץ,
פאַר הינטיש לעבן. — ליפּן ציטערן ביים אַלטן, אויגן גליען
נאָר פונעם מויל קיין וואָרט נישט. — און פונדעסטוועגן

נעגאַנגען דאָך די כלאַפּעס קעגן ביקסן און האַרמאַטן
מיט דראַנג און קאַסע. ווייל ס'איז ליב דאָס שטיקל ערד.
ס'איז היימיש, אייגנס. וואָס־זשע ווילט איר נאָך?
דערהייבט דעם מענטשן, דעם געפּאַלענעם, קויפט אויס
די עוולה'ס אייערע און איר וועט אַלע גלייך דערלייזט ווערן.
ווייל אַלע ווילט איר עס. איר ווילט עס אַלע, אַלע.
מיר ווילן שוין נישט מער. מיט הענט און פיס געלייִמטע
זיצן מיר ווי קאַליקעס און וואָס עס זאָל אויף אונדז נישט קומען
איז רעכט. ביי אונדז דער פּריַז וועט דעם קאָפּ פּאַרלייגן
פאַר זיינע גילדנס, נאָר קיין טראָפּן בלוט נישט געבן
פאַר גאולה. אַז ער דאַרף קיין גאולה נישט. און ס'פּאָלק,
דער אָרימאַן — נישט בלויז אַ דראַנג און קאַסע קעגן שונא —
ער וועט קיין שפּענדל פון דער ערד נישט הייבן קעגן די
וואָס דריקן אים. די זכיה צו באַווייזן זין געהייליקטע
אויף תליות איז ביי אייך. ביי אונדז האָט מען אויך דאָס
אוועקגענומען. — מיט די ציין פּאַרביסן קוקט דער אַלטער
און ווידער מעסט ער אָפּ זיין גאַסט: — דו ביסט אַ סאָציאַליסט.
— אַ וואָס? — אַ סאָציאַליסט. — איך ווייס נישט וואָס איך בין.
— איך וועל דיר מיטגעבן אַ ביכל, וועסטו זיך דערוויסן.
דאָס קען נישט נח — קען נישט אין דער היים וואו ס'זיצט
דאָס ווייב איבער דער נײַ־מאַשין זיך נעמען ביכלעך לייענען.
פאַרשטייט דער אַלטער, פירט אים צו דער שנור אַרויס
און בעט זי זאָל אים איינלאַדן צו זיך אַן אָוונט.

אַ מאָדנער עולם. מיטן אַלטן און דער שנור ביים טיש
אַן אָפיצער, אַ פרוי אַ פעלדשערקע פון אַ שפּיטאָל,
אַ שרייבער פון אַ קאַנצעלאַריע, אַ מעכאַניק פון דער באַן,
און צווישן זיי אין לאַנגען קאַפּטאַן מיט די ברילן — נח.
ער איז דער גאַסט, און אַלע מיען זיך אַריינ'טענה'ן
אין אים און ווילן פון אים הערן עפּעס. פּלאָנטערט זיך
דער צונג אין פרעמדן לשון און דער אַלטער העלפט אים צו,
און ס'ווערט אַליין העלער פון אַ וואונדערלעכער בשורה,
און ס'ווערט אַליין ביטערער און עלנדער. די גויים דאָ —
וואָס טוען זיי מיט אים? ווי מיט אַ חדר־ייִנגל קנעלן זיי
מיט אים די נבואה, וואָס איז טעגלעך אויף די ליפּן זיינע,

נאָר אויף די ליפּן זייערע איז עס ניט שטראָף און טרייסט,
נאָר מעשים, טואונג. נישט דער פּאסטוך עמוס,
וואָס מוסר'ט אָפּ און גייט אוועק, נאָר צאָרנדיקער אליהו,
וואָס ברענט דעם שקר מיט די פייערן פון הימל.
דאָס קנעלן זיי מיט אים. די גויים. אַלץ ביי זיי!
קדוש השם, נבואה און דער העכסטער גאַנג פון נבואה —
יצירה, מעשה! און ביי אים בלויז רייד, רייד, רייד!..
ער שעמט זיך נישט. ווי פאַר אַן עדה ווירדיקערע, העכערע
איז ער זיך מודה אין זיין דלות און זיי טרייסטן אים:
זיין שטאָט איז נישט דער לעצטער צווישן די וואָס לערנען
ווי אויסראטן דאָס שלעכטס. ער הערט — אין יעדער שטאָט
איז דאָ אַ הויז אזא ווי דאָ — אַ מין בית ועד לגאולה.
ער הערט פון לענדער וואו דער דלות, דער געשלאָגענער,
איז אויפגעשטאַנען מאַנען יושר ביי די האַרן. הערט
פון יונגעלייט וואָס גייען אום איבער דער וועלט
ווי פּויערים פאַרשטעלט און לערנען גאולה מיטן פאָלק.
מע רודפ'ט זיי. מע פּאַקט זיי אין די תפיסות,
און זיי — זיי גייען מער און מער. ער הערט, און אויף אַ רגע
כאַפּט אַן אַ מורא פאַר די בלישצענדיקע קנעפּ פון אָפיצער —
צי איז ער נישט אַליין אריינגעפאַלן אין אַ נעץ דאָ — הערט ער
נישט מער קיין ווערטער, נאָר דעם קלאַנג און אָטעם
פון זייערע שטימען צו דערשפּירן ס'האַרץ פון אמת,
און ס'האַרץ איז דאָ און ער קען ווערער אונטערגעבן זיך
דעם כשוף, דער פאַרפלייצעניש פון נס אין וועלט
און צער אין אים אַליין.

ער גייט אַהיים.

אַהיים צו ווייב, מאַשין און שטומקייט. נאַכט אין שטאָט
ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר הונדערט יאָר. נאָר איבער שטאָט
און נאַכט אַ ווייסער רעגנבויגן הענגט, אַ רעגנבויגן
פאַרוואָרפן מיט זיין אָנהייב הינטער יאָרן טויזנטער,
און ס'זעט בלויז ער ווי איבער נאַרישע פאַרלאָזטע דעכער
אַ מילך־שיין שימערט פונעם ווייסן רעגנבויגן. העי, ר' ייד!
אייך מיין איך טאַקע — איר וואָס שפּאַנט אַהיים פון ערגעץ!
איר האָט געמיינט, אַז ביז דער ווייסער רעגנבויגן

וועט ווידער אויפן הימל אויפלויכטן, וועלן די אויגן אויסרינען?
איר מיינט נאָך אַלץ אַזוי? דעריבער טאַקע שפּאַנט איר עס
די נאָז אַראָפּגעלאָזט? האָט קיין פּאַראַיבל נישט, ר׳ ייד —
איר זענט אַ שוטה! איר זענט אַ טפּוש! אַן עם הארץ גמור!
מיר דאַרפט איר נישט דערציילן. כ׳ווייס!
ווייל איך בין עס אַליין. אוי, בין איך עס!

22

— וואָס איז מיט דיר, יאַנקל? — ס׳איז גאָרנישט, מאַמע!
— דער קאָפּ טוט דיר ווי? — ניין, גאָרנישט טוט ווי.
— איז וואָס־זשע טאַפּסטו דעם קאָפּ יעדע ווײַלע?
— ס׳איז גאָרנישט, מאַמע, גלאַט אַזוי.

באַנאַכט ווען ער שלאָפט רירט זי אָן דעם שייטל.
— אוי ווי איז מיר, נח, בלויז בייל און געשוויר!
ער גראַבט זיך אַריין מיטן קאָפּ אין קישן
און קריצט מיט די ציין ביי יעדן באַריר.

— מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן, יאַנקל?
— מיט קיינעם נישט, טאַטע, ווי איך בין אַ ייד.
— איך וועל דיך נישט שלאָגן. מעגסט זאָגן דעם אמת.
ער קוקט ווי אַ חיה און ענטפערט ניט.

— וועסט ריידן צי ניין? — איך טאָר נישט זאָגן.
און פּלוצלינג בוכעט ער אויס אין געקלאָג:
— איך טויג נישט צום לערנען. דער מח באַנעמט נישט.
דער רבי איז תמיד געערעכט ווען ער שלאָגט.

— דער רבי? מיט וואָס? מיטן פויסט, מיט אַ שטעקן?
— ניין, ניט מיט אַ שטעקן. אין וואַנט מיטן קאָפּ.
און ווידער אַ יאָמער: — איך קען מיר נישט העלפן.
איך בין שוין אַזאַ — אַ בורילא, אַ כלאָפּ.

דעם דעמבענעם שטעקן אין פויסט פאַרקלאַמערט
שפּאַנט נח צומאַרגנס מיטביידע זין.
דער קליינער מיט רוגזה — אים שלאָגט דאָך ניט קיינער,
דער גרויסער מיט אימה — צום יום הדין.

עס טומלט דער חדר. מלמד נישטאָ נאָך.
מלמדים טרינקען פּרימאַרגנס טיי.
— מיך דאַרפסטו נישט האָבן — וויל שמעון אַנטרינען.
— וועסט מוחל זיין גיין מיט איר וואו איך גיי.

געבעקס אין די קוישלעך און טיי אין די גלעזער.
עס פינקלט און רויכערט דער סאַמאָוואַר.
— ווער איז דיין מלמד? וואָס ציטערסטו? כ׳פרעג דאָך!
אַ טיש מיט מלמדים קוקן פאַרשטאַרט.

— זענט איר דאָס דער שיינער מחנך? שלאָגט איר דאָס
די תורה אַריין מיטן קאָפּ אין דער וואַנט?
— ווער איז ער, דער יחסן? אַ נייע מין גזירה:
מע טאָר אויפן תכשיט נישט לייגן קיין האַנט!

אַ זופּ פון דער טיי און כיכיקעט אין בערדל:
— וואָלסט מיינען — אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאָם!
נאָר קוים ער דערזאָגט עס — אַ פויסט ביי זיין קאָלנער,
מע שלעפּט אים צום וואַנט: — כ׳וועל איך וויַזן דעם טעם!

אַ גוואַלד, אַ געליאַרעם. ווי בייסיקע בינען
אַ ריבאייזן נעגל אין נח׳ס געניק.
אַ ריס און אַ שליידער, געבראַזג און געשרייען —
דער טיש אויפן דיל אַ צעבראַסטעטער ליגט.

פאַרכליאַפּעטע פּאָלעס און קניען צעבריטע,
צעשאָטענע קוילן פון סאַמאָוואַר,
און נח פּאָכט אין דער לופט מיטן שטעקן,
און עמיצער שרייט: — גוואַלד, יידן, פּאָזשאַר!

ער כאַפּט ביי די הענט די צעטומלטע בנים
און לאָזט זיי נישט אָפּ ביז אַרויס אין גאַס.
די אויגן יאַנקל׳ס — צום טאַטן מיט ליבשאַפט,
די אויגן שמעונ׳ס — צום ברודער מיט האַס.

אַ שעה נישט אַריבער און סטראַזשניקעס קומען
פאַרנעמען דעם שלעגער אין פּאָליציי.

זאָגט אָן וואָס מע דאַרף אויף האַלב לשון קודש
און לאָזט זיך געלאַסן פירן פון זיי.

לויפט דוואָשע מיט יאַנקל'ען צו רודניק, דעם שרייבער,
מיט אים צום דאָקטאָר און אַדוואָקאַט.
מען ציט ווי מיט צוואַנגען די ווערטער פון יאַנקל'ען,
מע גאָלט אים דעם שאַרבן אָפּ ווי אַ סאָלדאַט.

מע וואַשט אים, מע שמירט, מע וויקלט אין בינדעס,
מע שרייבט אַ פּאַפּיר אַזאַ — פּראָטאָקאָל.
און יאַנקל זעט — עס פּאַרקאָכט זיך אַן אומגליק
פאַר טאַטן, מלמדים און גאַנצן קהל.

אויף מאָרגן אַ מחנה מיט גבאי'טעס קומען,
ס'גהינום אין זייערע מיילער ברענט:
— פאַרשטיינען זיי דאַרף מען, די משומדים!
— אַ תלמוד תורה אין גוישע הענט!

צוויי פינצטערע וואָכן ליגט יאַנקל באַהאַלטן
און שעלט זיין וויסטן געבוירן־טאָג,
און דוואָשע שטייט מיטן קינד אויפן אָרעם
הינטערן מויער פון אָסטאָרג.

דעם אָוונט ווען נח איז פריי געקומען,
האָט שוין רחמיאל שענקער געוואָרט:
— ווען איך בין איר, וואָלט איך מאָרגן אין דער צייט
שוין ערגעץ וואו אין דער פרעמד אַנגעשפּאַרט.

באַנאַכט האָט זיך קיינער נישט צוגעלייגט. אַלע
געזעסן ביים טיש — אַ משפּחה־ראַט,
און ס'האָט זיך געדראַכט — אויך די זין גיבן עצות,
כאָטש טאַטע האָט אַלע פּלענער געהאַט.

מ'עט בעטן אברהמ'לען — אַ בחור אַ דימענט,
וועט יאַנקל מיט אים אין ציגעלניע אַוועק,
און שמעון וועט פאָרן אין מאַלטש צו די קרובים,
און אויב נישט ביי זיי, וועט ער עסן טעג.

נישטאָ וואָס צו וויינען. ס'איז אונדזערע אבות
אין פּרעה'ס ציגעלניעס ערגער געווען.
און נח אַליין אין שמעונ'ס יאָרן
האָט שוין צופֿוס אַ וועלט אַנגעזען.

און ער וואוהין גייט? וועט צום שוואָגער שמואל
אין סעלץ אַוועק אויף אַ וואָך אָדער צוויי.
אַן איינפאָר־הויז, מענטשן קומען און גייען,
זיך עפּעס דערווויסן, דערשלאָגן דורך זיי.

אַ זייגער שלאָגט ערגעץ וואו ביי אַ שכן.
אַ טרער אויפֿן אַקסל, אַ קוש, אַ כליפּ.
דאָס פּעקל צום שוועל אים צוגעטראָגן,
און נאַכטיקע טיר כאַפּט זיך אויף מיט אַ סקריפּ.

אַ גרויער געלאָף פֿון נאַכטיקע וואָלקנס,
נאָר טויאיקער גראָז איז ווי בעטגעוואַנט ווייס.
די נאַכט בלייבט הענגען אויף שטאָטישע דעכער,
אין אָפֿענע פעלדער פרימאָרגן שפּרייזט.

ל. טרייסטער

אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט

1

נישט ווייט פון שטאָט, וואָס איז באַבויט מיט הימלקראַצערס, מיט רייכע און אָרעמע הייזער, מיט שעפּער, מיט פּאַרקן און איז אויך באַפּעלקערט מיט אַ מיליאָן איינוואוינער — יידן, דייטשן, איטאַליענער, אַמעריקאַנער, ענגלענדער, נעגערס — האָט זיך געצויגן אַ גראָ־בייכיקער ים, וואָס איז געווען באַלייגט מיט שיפן.

נישט ווייט פון אָט־דעם ים זענען געלעגן פיל רעלסן, — פאַרפּלאָכטן און פאַרקרייצט, ווי שפּינוועבס, — וואָס איבער זיי זענען הין־און־צוריק געלאָפן באַנען קיין ניו־יאָרק, קיין וואַשינגטאָן, קיין קאַליפאָרניע, קיין קאַנאַדע.

ס'איז געווען אַ קאָך פון אַרבעטער מיט שטריק און פון אַרבעטער מיט רויטע סיגנאַל־פענדלעך.

אַ נאָך גרעסערער קאָך איז אָבער געווען אַקעגנאיבער — אין נאָענטן עק שטאָט, וואו עס שטייען די פיל פענצטערדיקע, ווייסע הימלקראַצערס אויף אַ ברייטער, לאַנגער אַספאַלט גאַס, וואָס מ'רופט: „סטאַק־מאַרקעט".

דאָ, אינעם „סטאַק־מאַרקעט", דרייען זיך שטענדיק אַרום מענטשן, וואָס קויפן און פאַרקויפן אַקציעס. דאָס זענען שפּעקולאַנטן.

איצט אָבער איז דאָ אויף די טראָטואַרן פונעם „סטאַק־מאַרקעט" אַן אומאויפהערלעך געפילדער — נישט מחמת געווינסן, נאָר מחמת עפּעס אַנדערש : די בערזשע־אַרטיקלען — די אַקציעס — זענען לחלוטין נישט אין אָרדנונג. עס שטייט־פאַר — מ'זאָל אַרויס פון אָט־דעם גאַנצן עסק — נקי.

די פּרייזן גייען אַמאָל אַרויף, אַמאָל—אַראָפּ. זיי עולים־ויורדים'ען נאָכאַנאַנד. היינט אָבער — אינגאַנצן אַנדערש.

פּנים'ער פון רייך אָנגעטאָנענע מענער, וואָס האַלטן בייסיק ציגאַרן אין די מיילער, זענען בלייך. אויגן — פאַרדרייט. ס'איז אַ געגיי הין און צוריק — ווירוואַריש.

2

צווישן אָט־די מענטשן האָט זיך איצט אויך געדרייט — מאָריס מאָזעס לעוו, אַ הויכער, בלאָנד־האָריקער, מיטליעריקער מאַן. ער

שטאמט אפּ פון אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע, וואָס האָט נאָך אַרויסגע־וואַנדערט פון פּוילן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק.

געווען איז ער, דער דאָזיקער מאָריס מאָזעס לעוו, אַן ערנסטער, טיילמאָל אפילו אַ ווייכהאַרציקער, אָדער ווי די פרוי זיינע, עטא, אַ צעבאַלעוועטע, רופט אים ס׳רוב מאָל:

— אַ צעקראָכענער...

אָבער ער איז נישט אָט־אָ־דאָס... חס־וחלילה. ער איז נאָר אַביסל הכל־הבל׳דיק פאַרקליגט. דערפאַר נישט בייז, דערפאַר אויך — נאָכ־גיביק. אָבער איצט איז ער געווען נישט נאָכגיביק און אויך נישט הכל־הבל׳דיק פאַרקליגט. איצט איז ער געווען — זער ערנסט, אפילו בייז.

די סיבה?

קירצלעך מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער, אַ שיינע טאָכטער, אַן איינ־ציקע, איז אָט, לויט ווי ער האַלט איצט אין דער וועלט, דאַרף ער אָנקו־מען צו דער בירזשע, פאַרקויפן דאָרטן אַ סך אַקציעס, וואָס ער האָט. אָבער דאָס איז אוממעגלעך, מחמת עס שטייען אים איצט פאַר גרויסע היזקות, כמעט דאָס גאַנצע רייכטום צו פאַרלירן. וואָלטן אים די אַקציעס נישט געקאָסט אַ פאַרמעגן — מהיכא־תיתא, וואָלט ער עס גע־טאָן, ס׳הייסט: פאַרקויפט. איצט אָבער — אוממעגלעך. דאַפאַר־אָ דרייט ער זיך איצט דאָ אַרום טרויעריק, אָן דעם קלוגן מוסר פון הכל־הבל, און ווייסט נישט, וואָס ער וועט טון. און כאָטש ער איז נישט פרום, דאָך שטראָמען פון ערגעץ אָן פרומלעך־רעליגיעזע געפילן, וואָס ווימלען נאָר ביי עכט־פרומע לייט אין אַן עת־צרה: — אַך, — טראַכט ער — ווען גאָט העלפט מיר...

אָדער:

ווען ס׳געשעט עפּעס אַ נס...

שוין עטלעכע טעג ווי ער טראַכט אַזוי! עטלעכע טעג — זינט ס׳האָט אָנגעהויבן צו גיין שלעכט. אגב איז שוין עטלעכע וואָכן — זינט ס׳איז נישט גוט. אָבער די לעצטע עטלעכע טעג — גאָר געפער־לעך. דאָך האָט ער נאָך, מאָריס מאָזעס לעוו, אַ האָפנונג: ס׳איז נאָך נישט אַזוי אויסטערליש... ס׳וועט מוזן בעסער ווערן... אַמעריקע וועט נישט אונטערגיין...

בעת ער גייט אַזוי און טראַכט — ווערט אין די בערזשע־געביידעס פּלוצים אַ גוואַלד. נאָכדעם — הייבט מען אָן פון דאָרטן אויך אַרויס־צולויפן.

געוועלעך זיצן דאָרטן שטענדיק אַ סך מענטשן — אויך שפּעקור־לאַנטן. זיי זיצן און כאַפּן אויף די ידיעות, וואָס קומען־אָן איטלעכע עטלעכע מינוט פון דער צענטראַלע אין ניו־יאָרק וועגן די משקולת'דיקע אַקציע־פּרייזן.

מאָרים מאָזעס לעוו — נעבעך אַ טויט־באַשראָקענער — האָט זיך דער ערשטער געטאָן אַ שטעל־אָפּ און אָנגעהויבן צו קוקן, וואָס דאָ איז אַזעלכעס.

די מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעקומען, האָבן אָבער געהאַט ווילד־פאַרדרייטע אויגן, פאַרביסענע ליפּן. זיי זענען געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר — גולמ'ס.

באַלד אָבער איז אַרום זיי, דאָ אויף דער גאַס, געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן. ס'האָבן זיך געטראָגן ידיעות:

— פּאַרטיק.

—מ'גייט שליסן די געביידעס.

— קראַך.

— בערזשע־קראַך.

יאָ. ווייזט אויס, אַז דאָס זענען שוין טאַקע געווען ניו־יאָרקער ידיעות. די לעצטע ידיעות. אַגב, פון ניו-יאָרק הערט מען לעצטנס אויך בכלל גאָרנישט קיין פריילעכע ידיעות. מ'הערט, אַז ס'איז אין לאַנד אַ חורבן: פיל פאַבריקן — געשלאָסן, אַרבעטער־אומרוען — דאָ און דאָרט. אויך גייען הונגעריקע פון איבערן גאַנצן לאַנד קיין וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט און צו דער רעגירונג — — — און איצטער — די־אָ סאַמע לעצטע ידיעות...

געווען איז שפּעט נאָכמיטאָג.

הויך איבער די הימלקראַצערס האָבן זיך געצויגן טריבע, שווערע וואָלקנס. ווייט הינטער די וואָלקנס איז געשטאַנען די זון — אַ מיט־זומערישע, דאָך אַ פאַרנעפּלטע.

פון גראָעו, בייכיקן ים, וואָס נישט ווייט פון „סטאַק־מאַרקעט", האָבן זיך געהערט זודיקע קולות. האַסטיקע כוואַליעס האָבן זיך איצט אַרויסגעריסן פון אינווייניק און האָבן אויף דער אויבער־פלאַך שוימיק געקאָכט אַקעגן דער מיליאָן־באַפעלקערטער שטאָט.

מאָרים מאָזעס לעוו, וואָס האָט זיך געהאַט דער ערשטער אָפּגע־שטעלט, האָט שוין איצט זיך נישט געקענט אָוועקרירן פונעם אָרט, וואו ר'איז געשטאַנען. ער איז געווען, ווי פאַרגליווערט. אין קאָפּ האָט

אים געזעצט. אין גאנצן קערפער — גהינום׳דיק געקאכט. ער האט נישט געוואוסט, וואו ער איז. טייל מענטשן האבן אים עפעס געפרעגט, אנדערע האבן פארביילופנדיק אים אפגעהאקט די באקעס. ער האט נישט געענטפערט די ערשטע, און ער האט זיך נישט געקלאגט קעגן די צווייטע. גארנישט. ער איז נאר געשטאנען — ווי פארגליווערט.

סוף־כל־סוף איז דא אויף די טראטוארן געווארן ליידיקלעך. מענטשן האבן זיך אנגעשריען, אפגעשריען, און זענען נעלם־געווארן.

אויך האט זיך מארים מאזעס לעוו סוף־כל־סוף געטאן א ריר. ער איז אוועק פון דאנעט מיט זיין אויטאמאביל, וואס איז געשטאנען נישט וויים.

ער איז אוועק — אהיים.

3

געפארן איז ער פארביי די געביידעס פון דער שטאט־רעגירונג. פארביי די אוניווערזיטעטן, טעאטערן, גרין־באגראזטע פארקן — — —

נאכדעם איז ער אוועק צום צווייטן עק שטאט, וואו ס׳שטייען גבירישע פריוואט־היימען, גרויסע בולוואר־לאמפן, שפע׳דיק־צעוואקסענע גרין־באבלעטערטע ביימער, פאנטאנען — — —

צום סוף האט ער פארקערעוועט צו א רויטציגלדיק, צוויי שטאקיג הויז, וואס מיט גערטנדלעך אין פראנט.

געווען איז עס — זיין הויז.

די ענגלישע דינסט האט ארויסגעקוקט דורך א פראנטאווע פענצטער.

הינטערן הויז, וואו ס׳איז אויסגעצעמענטירט א גרויס אמוזיר פלאץ, האבן געשפילט אין טענים — זיין בלאנדהאריקע הויכגעוויקסיקע טאכ־טער, העלענע, און איר חתן, ראבאי דשוזליום לעווינסאן.

ראבאי לעווינסאן איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען צו־גאסט פון א נישט ווייט שטעטל, וואו ער איז דער פירער פון דער קהילה. און די טאכטער העלענע האט אגב געזאלט פארן ערגעץ אויף פרישער לופט, נאר איז צוליב דעם חתן געבליבן אויף נאך א שטיקל צייט אין דער היים.

מארים מאזעס לעוו איז איצט ארוים פונעם אויטאמאביל, ארויף אויף די עטלעכע שטיגלעך פונעם הויז, געוואלט נישט אריין אין די צי־מערן, אבער — דאך אריין...

— צעקראָכענער... צעקראָכענער... — האָט אים נאָכגעשריען איט־לעבע אויפגעעפנטע טיר.

אין די צימערן — אָנגעשטאָפּט מיט מעבל, עלעקטרישע לאָמפּען, בילדער, טעפּיכער — איז ער געגאַנגען שטיל־שאַ, גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט הינטער עמיצן גנב'ענען... אין דעם אָבער איז אים אין הויפּט־צימער אַקעגנגעקומען זיין פרוי, עטאַ, וואָס רופט אים מיט אַ פיינעם נאָמען — און ער איז געבליבן שטיין. נישט מורא'דיק איז ער געבליבן שטיין, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס וויל נישט האָבן קיין געטומלען.

די פרוי — אַ מיטלוואוקסיקע, מיט ברייטלעכע, צעפּאַשעטע טאַ־ליעס — אַ ברען, האָט באַלד געטאָן אַן אָנמעסטנדיקן קוק אויף איר מאַן, ווייל זי האָט געזען, אַז ער איז עפּעס נישט אריינגעקומען, ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

— איז דיר עפּעס?... — פרעגט זי.

לעוו ענטפערט נישט.

— פילסט זיך נישט גוט?... — פרעגט זי ווידער.

לעוו ענטפערט ווידער נישט.

— זעסט דאָך אויס עפּעס בלייך!... — נעמט זי שוין אַ העכערן טאָן.

לעוו ענטפערט ווידער נישט.

— ניין... דו געפעלסט מיר נישט... — שטייט זי שוין צו אים צו.

לעוו פילט איצט אַ פייער איבערן גאַנצן פּנים.

צום סוף טוט זי אַ באַשראָקענעם ריר:

— כ'גיי אריינרופן העלענען און דעם ראַבאַי... עפּעס שרעקסט מיך...

לעוו טוט זי אָבער אַ האַלט צוריק — בעטנדיק:—לאָז זיין שטיל... מאַך נישט אָן קיין פייער אין הויז... כ'וויל שטילקייט...

די פרוי פאַרייסט דעם קאָפּ און קוקט איצט אויף אים — גאַפנדיק.

— הער נאָר די רייד?... — טראַכט זי — גיב אים נישט קיין פייער, נאָר שטילקייט!... אַ מאַן — — —

לעוו זעצט זיך אָבער איצט אַוועק אויף אַ שטול ביים טיש, לייגט ארויף די גאַנצע פאַדערהאַנט אויפן שטול דעכל און זיצט, ווי אַ גולם.

די פרוי זעצט זיך שוין איצט אויך — און דוקא לעבן אים, און הויבט אָן צו קוקן אים אין די אויגן אריין — מעשה חניפה, אונטער־טעניקייט:

— בין איך נישט דיין פרוי?

זי האט דאס געזאגט, ווייל זי האט אים געוואלט ווייזן, אז זי קלערט נישט־ווייניק וועגן אים.

איצט האט זיך לעוו טאקע אויסגעדרייט צו איר, נישט געוואלט זי מער פייניקן, גענומען קוקן אויף איר מיט אראפגעלאזטע אויגן און פאמעלעך געברומט:

— אלץ פארלוירן, עטא... אלץ, וואס אין אקציעס...

די פרוי האט א ראפטומדיקן קלאפ געטאן מיט די הענט־פלאכן אן די קניען און איז געבליבן זיצן — גלאצנדיק.

— אלץ אראפ... — זאגט ער נאך.

די פרוי האט איצט שוין מער נישט געקענט רעדן. זי איז געזעסן א צעדולטע. איר מויל — אויסגעקרומט. אירע שווארצע אויגן — אויסגעלאשענע פייערן. ס'פנים — אלערליי קאלירן.

א שטומע שטילקייט איז איצטער געשטאנען אין גאנצן צימער.

פון דרויסן, דורך די אפענע פענצטער, האט זיך געהערט א קוויטשנדיק, שפיציק לאכן פון דער שיינער טאכטער, העלענא, און אויך א פריילעך שרייען פון חתן, דעם ראבאי. ביידע האבן זיך אמוזירט.

דא אבער, אין צימער, איז געווען — אן אטעמלאז לעבן...

4

אין אוונט זענען ביידע — לעוו און די פרוי — אנגעטאנערהייט געלעגן אויף די בעטן, וואס אין בשכנות'דיקן שלאפצימער, און האבן די קעפ געגראבן אין די קישנס.

און עס איז טאקע געווען צוליב וואס צו גראבן.

אין עטלעכע וואכן ארום קומט פאר די חתונה. די חתונה האט מען אגב שוין באשטעלט אין איינעם א רייכן האטעל, וואס אויף דער שענ־סטער גאס אין שטאט — אויף „מעין־סטריט". אויך האט מען שוין פארבעטן עטלעכע הונדערט געסט. אפילו שוין באשטעלט א בארימטן שטאטישן ארקעסטער. אלץ, וואס שייך דער שמחה — איז געווען שוין פארטיק, געבליבן איז בלויז — צוצוגרייטן א נדן. א נדן, וואס מ'האט צוגעזאגט דעם חתן ביי די תנאים, וואס זענען פארגעקומען — א שטיק צייט צוריק.

איצטער אבער האט מען נישט — נישט קיין געלט אויף קיין

חתונה־הוצאות, נישט קיין געלט אויף נדן — אלץ איז פארשוואונדן...
אין הויז איז איצטער שטיל.

העלענא און איר חתן, דער ראבאי, זענען אוועק אין א טעאטער ערגעץ אויף „מעין־סטריט". זיי ווייסן נאכנישט וועגן דעם, וואס ס'איז פארגעקומען דא אין הויז. און מ'האט אזוי באשטימט: נישט צו זאגן.

— בעסער זאלן זיי נישט וויסן — איז געווען באשטימט — וואָרן קיין גוטס קען עס נישט ברענגען. פון דער טאכטער, יאק פון איר. אבער פונעם ראבאי — איז א פראגע.

אויך איז נישטא די הויזדינסט. באלד נאכן אוועקראמען נאכן אוונט־מאלצייט, וואס מ'האט פריער אלע צוזאמען געגעסן, איז זי אוועק און וועט צוריקקומען ערשט שפעט בײנאכט.

געבליבן זענען בלויז זיי — מאן און פרוי. זיי ווילן טאקע זיין אליין.

כמעט איטלעכן אוונט קומען דא אריין גבירים — שכנים, באקאנטע, פריינט — מ'זיצט, מ'רעדט וועגן פארשידענע זאכן: מענטש, וועלט, פאליטיק — — — איינער זאגט אזוי, איינער — אנדערש. ביז ס'ווערט שפעט. איצטער אבער וויל מען נישט הערן נישט דאס, נישט עפעס אנדערש — אלץ איז איבעריק. איז מען בהרחבה, האט מען נישט קיין זארג — איז אלץ ניחא. איז אבער אנדערש — איז גארנישט ליב.

אט דערפאר ווילן זיי איצט — בעסער זיין אליין.

אין הויז לייכטן נישט קיין שום לאמפן. דאס דאזיקע האט מען געטאן אומישנע. וועט זיין פינצטער — וועלן מענטשן נישט אריינקומען. וועט יא זיין ליכטיק — וועלן זיך יא יאווען מענטשן און וועלן וועלן וויסן, צי זיי, די לעווס, האבן אויך געהאט געלט אין די „אקציעס". און חוץ דעם: וויפיל? צוליב דעם „וויפיל" וועלן זיי זיך, די מענטשן, מער פאראינטערעסירן, איידער צוליב די אקציעס זעלבסט. יא, אזא טבע האבן שוין מענטשן, אפילו פריינט: ס'וועט זיי פאראינטערעסירן די סומע, אויב זי איז וואס גרעסער, כאטש לפנים וועלן זיי באדויערן, מיטפילן: „אך... אזא שאד..." אבער אין תוך וועלן זיי האבן עפעס א הנאה.

איז אט דערפאר — בעסער קיין פריינט, קיין שום געסט היינט אין אוונט, נאר אליין. אינגאנצן אליין.

דורך די אפענע פענצטער, וואס גייען ארויס צו דער פראנט־גאס, האבן אריינגעקוקט פינקלדיקע שטערן פונעם שווארצן הימל. אויך האט אריינגעקוקט א קיילעכדיקע, גלאנציק־רויטע לבנה. גראזן־און־ביימער־

ריחות האָבן זיך אריינגעטראָגן אינאיינעם מיט אַ לינדן ווינטל, וואָס האָט אריינגעוווייעט פון דרויסן, אָבער דאָס אַלץ איז איצטער זיי בכלל נישט אָנגעגאַנגען. קיין געלט אויף חתונה־הוצאות און אויף נדן האָט עס באין־אופן נישט געקענט ברענגען.

— צעקראַכענער... — טוט זי, די פרוי, בעת אַמ־דער שטילקייט פלוצים אַ ברום — טויג צו כ׳וויים וואָס...

געמיינט האָט זי דעם מאַן.

נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט זי צו אים געשריען, מ׳זאָל פאַרקויפן די אַקציעס. אָבער ער האָט נישט געוואָלט, געדרייט מיט די פּלייצעס: „מ׳וועט ווערן מיליאָנערן, עטאַ... לאָמיר האָבן געדולד... געדולד איז זיג...״ נו, האָט ער!.. — מ׳וועט ווערן מיליאָנערן, עטאַ... — שפּעט זי איצטער אים נאָך הויך אויפן קול — לאָמיר האָבן גע־דולד... געדולד איז זיג...

ער אָבער, דער ווייכהאַרציקער מאָרים מאָזעס לעוו, איז געלעגן אויפן בעט — זאָלסט דאָס זאָגן, ער זאָל אַ קלאַנג פון אַ וואָרט ארויס־לאָזן!.. ניין. ער איז בלויז געלעגן, ווי אַ שטיין, און בלויז געטראַכט:

— זאָל זי רעדן... ס׳רעדן נעבעך אירע צרות...

5

שפּעט באַנאַכט איז געקומען אַ ישועה.

העלענאַ און דער ראַבאַי זענען שוין איצטער געשלאָפן. אויך איז די הויזדינסט געווען אין אַ טיפן שלאָף. און דאָ אין שלאָפצימער זענען די באַלעבאַטים — מאָרים מאָזעס לעוו און די פרוי — געלעגן אין די בעטן שוין אויסגעטאָגענע.

פּלוצים אָבער האָט זיך די פרוי לעוו געטאָן ראַפּטום אַ הויב־אויף און אַ רוף געטאָן דעם מאַן:

— שלאָפסט ..

עס האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ:

— כ׳האָב נישט מער וואָס צו טאָן?..

יאָ. ער איז טאַקע נישט געשלאָפן, לעוו.

די פרוי — מיט שטאַרקייט:

— לאָמיר פאַרקויפן די ביזנעס...

„ביזנעס״ האָט ער געהאַט שניידערשע.

אין דער פאַבריטשנער געגנט, וואָס אין צווייטן עק שטאָט, וואו

ס'וואוינען קליינהענדלער, ארבעטער, לוידיקגייער, האָט ער געהאַט אַ דריישטאָקיגן שאַפּ, וואו מ'האָט אויפגעאַרבעט מענער־מלבושים.

אָבער לעוו האָט אין דער פינצטער געטאָן זיך אַ זעץ אויף:

— די ביזנעס?..

געמיינט האָט ער: און ביי וואָס וועט ער שוין בלייבן?

אָבער באַלד האָט ער חרטה געהאַט. און די חרטה איז אויך אַ באַרעכטיקטע:

שוין עטלעכע יאָר, ווי ער טוט קיין געשעפטן נישט אין אָט־דעם געשעפט זיינעם. איבער הונדערט אַרבעטער דרייען זיך אַריין און אַרויס און האָבן זעלטן־ווען צו טאָן אַ שטאָך אַרבעט. גייען זיי נישט אַרום — זיצן זיי אין שאַפּ, רעדן, שמועסן — — — — ביז מ'פאַרמאַכט די טירן... איז אָט אין דעם שאַפּ פאַרלירט ער געלט — איטלעכע וואָך. ס'האָט גאָר קיין שאַץ נישט! איז מילא: כל־זמן ער האָט געהאַט, איז נישט געוועזן קיין רעש, האָט ער געהאָפט: אפשר וועט בעסער ווערן. אָבער מיט וואָס וועט ער איצט האָפן? מיט לוידיקע קעשענעס?.. איבעריקנס, וואָס האָט ער איצט צו טראַכטן וועגן זיך, אַז אונטער דער נאָז שטייט אַן אַנדער זאַך: פאַמיליע... זאָל ער חלילה נישט האָבן חתונה־צו־מאַכן די טאָכטער און נישט צו סילוקן, ווייס ער נישט, וואָס ס'וועט זיין...

איז אָט נאָכדעם טוט ער שוין אויף דער פרוי אַן אַנדער קוק אין דער פינצטער און זאָגט שוין עפּעס אַנדערש:

— מיינסט, זי איז אַ סך ווערט, די ביזנעס?

די פרוי האָט גאָרנישט געענטפערט.

נאָכדעם:

— מיינסט, זי קען דעקן מער ווי חתונה־הוצאות און נדן?

די פרוי האָט ווידער גאָרנישט געענטפערט. וואָרום, וואָס האָט זי צו ענטפערן? גייט איר דען איצט אָן מער ווי אָט־דאָס?..

אָבער לעוו האָט באַלד געהאַט אַן אַנדער פראַגע און — אַן אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע:

— ווער וועט, למשל, — פרעגט ער — פאַרקויפן?...

ער האָט געמיינט, וואו וועט ער נעמען אַ קונה?

און וואָס שייך דעם איז ער טאַקע אויך גערעכט: לעצטע צייטן איז נישט נאָר שלעכט ביי אים, נאָר כמעט אויך ביי אַלע אַנדערע. אַ פאַקט: מענטשן פאַרקויפן טאַקע לעצטנס אַ סך געשעפטן. און נאָכ־

מער, ווען ס׳קומט צו פאַרקויפן, איז נישטאָ — וועמען. איטלעך איי־נער וויל פאַרקויפן. נאָך דערצו, ווער האָט היינט אַ סך געלט? ווי נישטיק זיין געשעפט איז, לעוו׳ס, דאָך באַטרעפט עס אויך נאָך אַ צען מאָל אַזויפיל, ווי צען אַנדערע קליינע געשעפטן צוזאַמען. איז דערי־בער: ווער וועט ביי אים קויפן? ווער וועט וועלן אריינלייגן אַזויפיל געלט? ניין. ער זעט נישט קיין קונה.

אָבער די פרוי האָט אים אויך באַלד געגעבן אַ קונה:

— קאַהאַן...

אהאַ. „קאַהאַן" — דאָס איז אַזאַ נאָמען, וואָס ווען ער, לעוו, הערט אים, ווערט אים פלוצים טונקל פאַר די אויגן. אַלע רמ"ח אברים הויבן זיך אים אָן צו צינדן. און וויפיל עס איז נאָר דאַמאָלט אין אים דאָ כח און לשון אַזוי לאַנג און אַזויפיל זידלט ער קאַהאַנ׳ען. ער קען אים דאַמאָלט אַזוי האַלטן אין איין שעלטן און זידלען — אַמאָל אַ גאַנצן טאָג און אויך אַ גאַנצע נאַכט. יאָ! אַזאַ האַס טראָגט ער אויף אים. פאַרוואָס?

אָט־דער קאַהאַן, וואָס ער, לעוו, איז אויף אים אַזוי פאַרהאַסט, איז כמעט דער איינציקער ייד, אין שטאָט, וואָס איז באַקאַנט איבער אַ שטיק מדינה. מילא, דאָס אַרט אים נישט, לעוו׳ן. זאָל אַ ייד זיין באַרימט. זאָלן זיך גויים נישט האַלטן אין גרויסן זיך מיט זייערע אויפטו־אונגען. אָבער פאַרוואָס ער האַסט אים איז פאַר עפּעס אַנדערש: דער קאַהאַן וויל אונטערברענגען אַלע געשעפטלייט, וואָס זענען קלענער פון אים. און וואָס אמת: ער פירט עס אויך דורך... נישט איינער האָט זיך שוין געזעגנט מיטן געשעפט. אפילו אים, לעוו׳ן, וואָס איז נישט געווען אַזוי שוואַך צו לאָזן זיך באַלד אונטערברענגען, האָט ער אויך אָנגעטאָן געברענטע צרות. און פאַרוואָס אַזוי? ווייל דער קאַהאַן האָט אַן אָנאָפּשאַצבאַרן קאַפּיטאַל. מ׳זאָגט, אַז קאַהאַן ווייס אַליין נישט, וויפיל ער האָט. אין איין שאַפּ, למשל, דאָ אין שטאָט, אַרבעטן ביי אים עטלעכע טויזנט אַרבעטער. אַ חוץ דעם האָט ער פּיליעס אין אַנדערע שטעט אויך. ער וויל נאָר ווערן גרעסער און גרעסער — אַ ריכטיקער לויתן!

אָט־דעם קאַהאַן האַסט ער דאָס, לעוו, מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן.

אָבער איצט איז ער עפּעס איינגאַנצן שטיל, לעוו. ער האָט זיך אפילו נישט אַ ריר געטאָן, ווען ער האָט דערהערט דער פרויס עצה.

גליַיך — נישט אים מיינט מען. ער איז געבליבן ליגן קאַלט, ווי אײַז. פאַרוואָס אַזוי? איצט איז ער געבונדן. איצט קען ער זיך נישט העלפן. די טאָכטער ליגט אים איבערן האַלדז. איבעריקנס, איז דער שידוך זער אַ גרויסאַרטיקער. אַ באַרימטער שידוך. מ'רעדט וועגן אים צוליב דעם שידוך, אומעטום — אין אַלע רייכע הייזער. אַ קליייניקייט, אַ ראַבאַי! איז אָט־דערפאַר מוז ער... אָבער אַז אַפילו אַזוי — פילט ער דען נישט שלעכט? אַ טעות! ס'קען אים דאָס קיינער נישט אַרויסרייסן פון האַרץ. אדרבה: ער פילט עפּעס זער שפּל, געפאַלן. אַ קליייניקייט — פּלוצים אינמיטן דערינגען קומען צו גיין צו קאַהאַנ'ען און זאָגן:

— נעמט אײַך ס'געווער, נעמט אײַך אַלץ, כ'גיב זיך אונטער...

ניין, ס'איז נישט קיין קליייניקייט.

דערפאַר־אָ האָט ער זיך נאָך אַ לאַנגן שווײַגן געטאָן פּלוצים אַ פרעג די פרוי:

— מיינסטו נישט, עטעלע, אַז ס'וואָלט געווען אַ גוטע עצה, מ'זאָל עמעצן אַנדערש שיקן צו אים?..

ער האָט געמיינט, אַז דורך „עמעצן אַנדערש" וועט אים די בושה נישט זיין אַזוי גרויס.

אָבער די פרוי האָט אים באַלד געגעבן אַ גוטן ענטפער: — וואָס באַדאַרפסטו, אַז די וועלט זאָל נאָך באַצייטנס וועגן דיר קלינגען: לעוו פאַרקויפט ס'געשעפט?.. ס'וועט דיר ברענגען כבוד?..

— נו, יאָ... טוט ער אַ ברום, לעוו, פילנדיק אַז די פרוי האָט אַ קאַפּ, און לייגט זיך טאַקע באַלד צוריק אויפן קישן — ביסט גערעכט...

6

אינדערפרי — נאָענט צו האַלבטאָג — איבער דעם גרויסן הויפּט־צימער, וואו מ'נעמט שטענדיק אויף געסט, לויפט די ענגלישע הויז־דינסט הין און צוריק.

אַלע טירן און פענצטער — אָפן. אַ ליכטיקייט בלענדט אין די אויגן. אַ פרישקייט, וואָס כ'וואָליעט זיך אַריין פון דרויסן, ווייעט איבערן פּנים, איבערן לייב. עס שמעקט מיט ריחות: ביימער־ריחות, גערטנער־ריחות, ריחות פון שטענדיק־שאַרגענדיקע, דרויסנדיקע קאַלטע פאָנטאַנען.

עס איז גן־עדנ'דיק.

אין ליכטיקן דרויסן, אַקעגנאַיבער דעם דאָזיקן אָפענעם געדיכט־אויסגעמעבלירטן הויפּטצימער — שטייען הויכע ביימער מיט סאַמעט־גרינע, גלאַנציקע בלעטער. הין־און־קריק איבער זיך־שאָקלענדיקע צווייגלעך היפּן ארום — צווישטשענדיקע פייגל.

אויף די טראָטואַרן, פאַר די שכנים׳ס הייזער, האָצקען ארום קינדער — מיידלעך, יינגלעך. לוסטיקע און פּאַרדראָסיקע געשרייען טראָגן זיך איבער דער וועלט.

פונעם הימל גלאַנצט די טיפע, כמעט־דורכזיכטיקע בלאָקייט. זי שעמערירט מיט מילי־מיליאָנען זילבערנע שפּילקע־קעפּלעך.

עס איז זוניק.

די וועלט איז גרעסער — איידער אַלעמאָל פריער.

דאָ אָבער אין די לעווי׳ס הויפּטצימער זעט מען נישט קיינעם פון דער פאַמיליע, וואָס זאָל זיך פרייען מיט אָט־דעם נייעם טאָג. מ׳הערט אפילו נישט קיינעם.

עס איז שטיל.

די איינציקע, אָבער, וואָס מ׳זעט, איז בלויז זי — די ענגלישע הויזדינסט: אַ הויכע, אַ דין־פּוסיקע.

זי, די הויזדינסט, לויפט פון איין צימער אין אַנדערן. אַמאָל — אין די שלאָפצימערן, וואו זי מאַכט צורעכט די בעטן, אַמאָל — אין דער קיך, וואו זי גרייט צו אַ מיטאָג.

זי לויפט גיך, די ענגלישע הויזדינסט, געשיקט. זי טראָגט זיך עלעגאַנט. מ׳הערט זי קוים — זי שוועבט!

דער באַלעבאָס איז אַוועק פונעם הויז — זער פרי.

די באַלעבאָסטע איז איצטער נישט ווייט פון הויפּטצימער — אין אַ שטיבל, וואו ס׳שטייט אַ שענקל מיט רפואות, מייִנסטנס אַזעלכע, וואָס זענען גוט צו קאָפּווייטיק און קעגן חלשות...

אויך איז דאָס פּאָרל — העלענע און איר חתן, דער ראַבאַי — דאָ אינעם הויז, אָבער מ׳הערט נישט זייערע טריט. זיי זענען אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, אין דעם ביבליאָטעקצימער (אַ צימער, וואָס העלענא האָט ערשט נישט לאַנג־צוריק אויסגעפּילט מיט אַ סך ביכער). וואָס זיי טוען, איז איר, דער הויזדינסט, נישט באַקאַנט. אָבער זי ווייס, סיי־ווי־סיי, אַ סך זאַכן... קודם, זינט ער איז דאָ, דער ראַבאַי, טרעפט זי אויבן, אין ביבליאָטעק־צימער, אַרויסגענומענע ביכער, וואָס זענען

גוט נאָר פאַר פאַרהייראַטע... און חוץ דעם — נו... זיי מעגן נאָך אַלעם. זיי זענען חתן־כּלה...

פלוצים אָבער, בעת דער דאָזיקער שטילקייט, האָט זיך אין דרויסן, פאַרן הויז, געשטעלט אַן אויטאָמאָביל מיט אַ רעש. נאָך דעם — איז דאָ אין הויז אריינגעקומען — מאַרים מאָזעס לעוו.

דאָס פּנים — רויט. דער זומער־קאַפּעלוש — עטוואָס צעדרייט, זיצט נישט ריכטיק אויפן קאָפּ. איין האַנט — אין דער הויזנקעשענע. די צווייטע — סתם־אַזוי אומגעשיקט זיך געוואָרפן.

ער האָט אַ פרעג געטאָן די הויזדינסט:

— וואו איז די באַלעבאָסטע?

און איז נאָך דעם אריין אין זייטיקן רפואות־שטיבל, וואו ס'איז געזעסן זיין פרוי, עטע, אויף אַ געבעטער, פּלושענער שטול און — זיך געריבן דאָס בריסטן־ווענטל מיט עפּעס אַ שמירעכץ..

וואָס איז דיר? — פרעגט ער.

— גאָרנישט זאָגט זי — דערצייל מיר, וואָס דו האָסט גערעדט... געוועזן איז לעוו ביי קאַהאַנ'ען.

לעוו — אַביסל שיכור'דיק פון זיין לויפן און פאַרפאַרעניש — האָט זיך באַלד געזעצט לעבן איר, אויף אַ צווייטער שטול, און איינ־אָטעמדיק איר דערציילט: — ס'איז גוט... נאָר מער ווי העלפט — טשעקס...

די פרוי האָט אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי און פאַר־וואָס. אָבער ער, לעוו, האָט איר באַלד אויפגעקלערט:

— ער האָט נישט געגוג באַר געלט אצינד, קאַהאַן. האָט אויך פאַרלוירן אַ סך אין „סטאָק־מאַרקעט", איז גיט ער מיר ווייניקער, ווי העלפט געלט, און ס'איבעריקע — ערשט אין עטלעכע חדשים...

נו, יאָ. פון איין זייט — פיין. פון דער אַנדערער זייט אָבער. עס איז נישט די עטלעכע חדשים, נאָר ס'איז עפּעס אַנדערש. עס איז נאָר אַ קשיא, וואָס וועט דער חתן — דער ראַבאַי — טענה'ן, ווען מ'וועט אים זאָגן, אַז ער וועט נישט קענען קריגן דעם נדן פאַר דער חתונה.

— — כּ'מיין, — זאָגט די פרוי לעוו — אַז מ'וועט אים אצינד, דעם חתן, אַלץ מוזן זאָגן.

— אודאי — גיט צו דער מאַן — מ'וועט שוין אצינד גאָרנישט קע־נען באַהאַלטן...

7

נאָכן אָפּשמועסן מיט דער פרוי איז מאָרים מאָזעס לעוו, אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, האָט געטאָן אַ קלאַפּ אין דער טיר פונעם ביבלי־אָטעק־צימער און אַ רוף געטאָן דעם ראַבאַי.

דער ראַבאַי — אַ הויכער מיט פּיצינקע, שוואַרצע וואָנצקעס — האָט איצט אין צימער פונקט געהאַלטן אין אויפקלערונג־לעקציע פאַר זיין כלה. ער האָט גערעדט וועגן דער צוקונפט, וואָס איז זיי ביידע נוגע.

— אַצינד — זאָגט ער צו איר אין ענגליש, זיין כמעט־שטענדיקע שפּראַך — בין איך אַן אָרטאָדאָקסישער ראַבאַי. די יידן פון מיין שול זענען — טייל פון דער אַלטער היים, היטן אָפּ שבת, און טייל — מאָדערנע, פאָרן אום יום־כפור, אָבער קומען צו כל־נדרי און אויך צו קדיש. איך, פאַרשטייט זיך, וואָלט בלויז מיט יענע, וואָס פונעם אַלטן שניט, נישט געקענט אויסקומען. זיי רופן ביי מיר אַרוים ווידערגע־פיל... כ׳האָב נישט ליב זייערע מנהגים. זיי זענען מיר פרעמד. קלער איך, אַריבערצוגיין אין אַ סינאַגאָגע פון בלויז מאָדערנע יידן. איינער, אַ גוט באַקאַנטער רעפאָרמירטער ראַבאַי, האָט, אַגב, מיר שוין צוגע־זאָגט צו קריגן אַ פּאָסטן אין אַ רעפאָרמירטער שול, ס׳הייסט, אין אַ טעמפּל... אָבער כ׳האָב מורא, אַז מיין מאַמע וועט עס נישט איבער־האַלטן...

די כלה העלענע — אַ חנ׳עוודיקע, מיט שמייכלענדיקע ליפּעלעך, מיט בליצנדיקע, הימלקאָליר־אויגן האָט אים איצטער, דעם ראַבאַי, גע־וואָלט עפּעס זאָגן וועגן דער מוטער, וועגן זייער צוקונפט, אָבער אינמיטן האָט זיך דערהערט דעם פאָטער׳ס רוף, און זי איז געבליבן שטיל.

דער ראַבאַי האָט זיך געטאָן אַ לאָז צו דער טיר און מיט אַ שמייכל באַגעגנט דעם מחותן:

— כ׳האָב דאָ געהאַלטן אַ לעקציע פאַר אייער טאָכטער.

— זער אַנגענעם, זאָגט מאָרים מאָזעס לעוו — זי וועט נאָך דאַרפן אַ סך לעקציעס. וואָרן צו ווערן אַ רביצין דאַרף מען נאָך אַ סך וויסן. איך געדענק, ביי אונדז אין דער אַלטער היים, מיט אַן ערך פונף־און־דרייסיק יאָר צוריק, האָט אַ רביצין באַדאַרפט קענען חומש און רש״י. און אַ סך האָבן אויך געקענט גמרא, תלמוד... איר האָט דען נישט געהערט פון דער „לודמירער מויד", וואָס איז אַליין געזעסן אויף כסא־הרבנות?..

דער ראַבאַי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין.

— איר האָט דען נישט געהערט — פרעגט ער ווידער, לעוו, — פון שרה־בת־טובים, וואָס האָט אַליין די „צאינה־וראינה״ פאַרפאַסט?..

— ניין — דרייט ווידער דער ראַבאַי מיטן קאָפּ, אָבער איצט פאַר־וואונדערט — די „צאינה־וראינה״ איז דען געשריבן געוואָרן פון אַ פרוי?

— איר האָט דען נישט געהערט — פרעגט ער ווידער, לעוו — פון פרויען, וואָס האָבן אַליין געשריבן תפילות?..

ער האָט געוואָלט צוזאָגן: „דו, ראַבאַי מיינער, ביסט אויך נישט פון די גרויסע תלמידי־חכמים״. אָבער געזאָגט האָט ער עפּעס אַנדערש:

— האָט איר שוין געזען די ענגלישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס מיין טאָכטער האָט?.. ס'אַ ענציקלאָפּעדיע — אַ צירונג... אַז איר זענט נישטאָ, זיצט זי, מיין טאָכטער, גאַנצענע טעג און נעכט איבער דער ענג-לישער ענציקלאָפּעדיע און טרעט נישט אַוועק אויף אַ מינוט... איר ווייסט, וויפיל, כ'האָב באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער ענגלישער ענציק־לאָפּעדיע?.. ס'אַ גאַנץ רייכטום...

ער רוט זיך אָפּ אויף אַ ווייל. נאָכדעם:

— מ'דאַרף, נאָך אַלעמען, האָבן אַ קאָפּ אויף צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס דאָרטן אין דער ענציקלאָפּעדיע... ניין?.. חוץ דעם, זי איז דאָך גע־גאַנגען אין אוניווערזיטעט!..

יאָ. דאָס איז טאַקע אמת: זי, העלענאַ, איז טאַקע געגאַנגען אין אוניווערזיטעט — אַ יאָר, אַנדערהאַלבן. זי האָט אים אָבער באַלד אוועקגעוואָרפן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט זיך שטאַרק אָנשטרענגען. איבעריקנס, צו וואָס? זי דאַרף האָבן אַ תכלית? אין דער היים האָט זי דען נישט אַלץ? און אַז זי וועט חתונה האָבן, וועט דען דער מאַן נישט זאָרגן? און דער פאָטער האָט זיך אַ דריי געטאָן צום ראַבאַי:

— אָבער נישט צוליב דעם בין איך אַרויפגעקומען... כ'האָב מיטן ראַבאַי עפּעס אַנדערש צו רעדן...

דער ראַבאַי טוט זיך איצט אַ פלינקן וואָרף, אַ כאַפּ־אָן אַ שטול און רוקט זי אונטער דעם מחותן:

— ביטע, ביטע, זעצט זיך.

לעוו האָט זיך געזעצט.

דער מחותן האט אים איצטער אלץ דערציילט, קיין זאך נישט דורכגעלאזט.

די טאכטער איז אבער אינמיטן פאטער'ס דערציילן געווארן עפעס — אלערליי קאלירן. זי האט אמאל געטאן א פארווירטן בליציקן פינטל מיט די אויגן, אמאל זיך געטאן א נערוועאישן ריר פון דער שטול, און אמאל ווידער געבליבן זיצן, ווי צוגעפרעסט. עס איז געווען מיט איר — מאדנע.

יא, ביז איצטער האט זי גארנישט דערפון געוואוסט. און איצט ווערט איר טונקל פאר די אויגן.

דער פאטער איז אבער אלץ אזוי אנגעגאנגען מיט זיין דערציילן — ביז ער איז צוגעקומען צום ענין חתונה און נדן. דא האט ער גע־מאכט א פויזע, אביסל זיך אפגערוט, געטראכט, ווי אזוי אויפסנייע אנ־צוהויבן, אבער סוף כל סוף נישט געוואלט לאנג אפהאלטן און ווייטער זיך געלאזט — געלאפ...

נאכן פארטיק־מאכן אלץ, וואס ער האט בארארפט, האט ער ארויפ־געלייגט זיך די הענט־פלאכן אויף די קני און געווארט אויף אן ענטפער פונעם חתן.

דער ראבאי איז אבער געווען שטיל. א לאנגע צייט — שטיל. ער האט געקוקט איינמאל אויף העלענע'ן, איינמאל אויף דעם מחותן און גארנישט געקענט זאגן.

לעוו האט דערפון באין־אופן נישט געקענט ארויסדרינגען, וואס עס מיינט: גוט צי שלעכט? געטראכט אבער האט ער:

— דו דארפסט נאך טראכטן, דו גרויסער תלמיד־חכם, א?.. כ'גיב דיר אזא שיינע טאכטער!..

צום סוף האט זיך אבער ביים ראבאי דאס מויל יא געעפנט:

— וואס איז דען דער חילוק?.. „טשעקס" זענען דען נישט קיין געלט?.. „טשעקס" זענען אויך געלט... מ'וועט נעמען די „טשעקס", ארייטראגן זיי אין דער באנק און ווען ס'וועט קומען די צייט, וועט מען ארויסנעמען געלט...

אודאי. ס'א גאנץ פשוט'ער ענין, וואס אפילו פראסטע מענטשן קענען אים פארשטיין.

לעוו — הערנדיק אזא טייערן ענטפער — האט א טראכט געטאן:

— ס'איז שטענדיק גוט צו האבן צו טאן מיט אן אינטעליגענטן מענטש...

נאָך דעם געדריקט דעם ראַבאַי די האַנט, צום סוף זיך אויפגע־שטעלט, איז אַראָפּ צו דער פרוי, וואָס האָט זיך אין רפואות־שטיבל נאָך אַלץ געשמירט דאָס בריסטן־וועגטל מיט אַ שמירעכץ, וואָס איז גוט צו קאַפּוויטיק און קעגן חלשות.

אונטן, ביי איר, האָט לעוו אָפּגעדעכעט, ווי נאָך אַ שווערער קראַנק־הייט:

— נו, די הויפּט שווערקייט, עטעלע, איז שוין אַראָפּ פונעם קאָפּ. אַצינד וועל איך אַראָפּ אין שאַפּ. ס'דאַרפן דאָרטן אַריינקומען קאַהאַנ'ס מענטשן איבערצוקוקן אַלץ. איבעריקנס דאַרף איך אויך זען עפּעס צו טאָן מיט די אַרבעטער... מ'דאַרף זיי נישט איבעראַשן מיט איינ־מאָל. ס'וועט זיין פאַר זיי סכנות־נפשות...

8

אַראָפּגעפאָרן אינעם שאַפּ איז ער אָבער נישט באַלד, ווי ער האָט געזאָגט, נאָר ערשט נאָך מיטאָג.

דאָס האָט אים אַזוי אונטערגעפירט זיין פרוי.

— צו וואָס — האָט זי אים געזאָגט — וועסטו פאָרן אַצינד און איבערלאָזן דעם מיטאָג אויף וואַר־ווייס־ווען?..

און אין דער אמת'ן איז זי געווען גערעכט. אז מענטשן קומען קויפן אַ זאַך — נעמט עס נישט איינס־צוויי. נאָך דערצו — אַזאַ זאַך, ווי אַ שאַפּ, ס'הייסט אַ געשעפט מיט אַ געביידע צוזאַמען. מ'מוז צום ערשט גוט אַלץ אַרומקוקן, באַטראַכטן איטלעך קלייניקייט — און דאָס נעמט דאָך נישט קיין קיי־און־שפּיי.

איז אָט נאָך דעם ווייבערישן אמת האָט ער אָפּגעטעלעפאָנירט אינעם שאַפּ אַריין צו זיינע מענטשן, וואָס פירן דאָס געשעפט און זיי געזאָגט בזה הלשון:

— היות ווי דאָרטן ביי אייך דאַרפן באַלד זיין קאַהאַנ'ס מענטשן, זאָלט איר זען צו טאָן אַלץ, וואָס מ'דאַרף... מיר, הייסט עס, דערוויייל פאַרטרעטן...

און נאָכדעם, נאָכן מיטאָג איז ער ערשט אַראָפּגעפאָרן אינעם שאַפּ אַריין.

אין שאַפּ האָט ער אָבער שוין מער נישט באַדאַרפט רעדן מיט זיינע אַרבעטער וועגן דעם, וואָס ער האָט זיי געהאַט צו זאָגן. ניין. זיי האָבן שוין אַלץ געוואוסט.

אויפן ערשטן שטאָק, וואו ס'שטייען איבער הונדערט ניי־מאַשינען, ווי אַ סטאַדע בהמות, זענען — אָנשפּאַרנדיק זיך אָן אַלע פיר ווענט — געשטאַנען באַוואַקסענע פּנים'ער, איינגעבויגענע פּלייצעס, טובערקולאָ־זענע לונגן.

געווען זענען זיי דאָס — די איבער הונדערט אַרבעטער: שניידער, פּרעסער, דיל־ריייניקער, משרתים.

אַלע זענען איצטער געשטאַנען אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די ווענט, האָבן געקוקט מיט בייזע אייגלעך, ווי אַ מאַסע עופות, אין אַ שעכט־הויז, וואו זיי זען דעם שוחט מיטן חלף.

טייל אַרבעטער זענען געווען — אָן רעקלעך, די העמדער־אַרבל — פאַרבייגלט. טייל האָבן נישט געטראָגן קיין שניפּסן אַרום די קעלנער. טייל האָבן געטראָגן אויף די קעפּ — קעפּקעס; טייל — קאַפּעלושן. אַ סך — אינגאַנצן אין בלויזן קאָפּ. אַלע אָבער זענען איצטער געשטאַנען, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די ווענט, שווייגנדיק, און האָבן כמורנעדיק געקוקט אויפן באַלעבאָס לעוו, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן, געשטרייפטן אָנצוג, און האָט זיך אַרומגעדרייט אין שאַפּ.

געדרייט האָט ער זיך איצט נישט אַליין. מיט אים האָט זיך איצט געדרייט אויך אַ גאַנץ געזעמל מענטשן: גראָב־בייכיקע, ווייס־קאָלנער־ריקע, צילינדערדיקע, מיט ציגאַרן אין די פעטע מיילער, מיט בריליאַנ־טענע רינגען אויף די פינגער, מיט גאָלדענע זייגער־קייטן אויף די בייכער.

געווען איז דאָס דאָזיקע געזעמל — קאַהאַנ'ס „קאָמיסיע".

אָגב איז דאָ אויך מיטגעווען דער באַלעבאָס זעלבסט: קאַהאַן.

אַ הויכער, מיט אַ ברוין־הויטיקער, לאַנגער אָדלער־נאָז איבער עטלעכע גוידערס — איז ער געגאַנגען אין פראָנט פון דער „קאָמיסיע" און האָט געקלאַפּט מיט אַ גראָבן האַנט־שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען מיט די פינגער.

ער און די „קאָמיסיע" האָבן איצט אויסגעזען, ווי אַ ספּעציעלער מנחם־אבל־קאָמיטעט, וואָס קומט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, הגם דעם לײדנ־דיקן קען שוין איצט אפילו גאָט אַליין אין דעם ענין נישט העלפן.

דערצו האָט קאַהאַן נישט באַדאַרפט דאָ זיין. באַטראַכטן, באַ־שמעקן האָבן געקענט אפילו זיינע מענטשן אַליין, וואָרום זיי זענען בריות דערויף. איינער איז אַ ספּעציעלער מבין אויף מאַשינען; איינער — אויף הייזער. איינער — אויף מלבושים, אָבער ער איז ספּעציעל דאָ

אויך מיטגעקומען, ווייל ער האָט געוואָלט זען, מיט וועמען ער האָט גע־האַט ביז איצטער צו טאָן — מיט וואָס פאַרא נאַפּאָלעאָן. און דאָס בעסטע אָט־דאָס צו דערגיין איז, ווען ער וועט צו יענעם, ס׳הייסט, צום שונא אין די שוצגרובנס אריין, איז אָט גייט ער דאָס איצטער אַרום מיט דעם „קאָמיטעט״ ספּעציאַליסטן און באַקוקט אַלצדינג. וואו־נאָר ער טוט אַ קלאַפּ מיטן גראָבן האַנט־שטעקן: טוק, דאָרטן קוקן די ספּע־ציאַליסטן. ער, פאַרשטייט זיך, קוקט צוויי מאָל: איינמאָל—געשעפט־לעך, און איינמאָל — קאָמאַנדיריש, ווי אַ קאָמאַנדיר, וואָס געווינט אַן קאַפּוויטיק אַ קריג.

אָט מחמת דער דאָזיקער גרופּע מענטשן האָבן זיך דאָס די אַרבע־טער דערוואוסט נאָך פריער וועגן דעם גאַנצן געשעפט. ס׳איז געווען גאַנץ פּשוט: אַזוי ווי זיי זענען אריינגעקומען און אָנגעהויבן צו קוקן דאָ און דאָרטן, האָבן זיי שוין, די אַרבעטער, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ גייט.

אגב זענען זיי — קאַהאַן מיט די מענטשן — אויך נישט אַריינגע־קומען פאַר מיטאָג, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגעשמועסט מיט לעוו׳ן. נאָר ערשט נישט לאַנג צוריק, אויך נאָכמיטאָג, עטלעכע ווײַלעס פאַר לעוו׳ס אָנקומען. ס׳הייסט, זיי זענען, נאָך אַלעמען, אויך נישט קיין גאַנצע נאַראָנים און וועלן נישט לאָזן זיך אריינפּירן אין אַ געשעפט, וואָס זאָל זיי אָוועקנעמען פון אַ מאָלצייט.

איז אָט גייען זיי דאָס איצטער רואיקע, אָנגעגעסענע, גרעבצנדיק, און רויכערנדיק — שאַרן זיך איבערן שאַפּ און קוקן רונד אַרום.

איינער פון די אַרבעטער איז משה באַרסקי. אַ הויכער, מיט אַ הויכן, גלאַנציקן שטערן, מיט נאַכט־שוואַרצע אויגן און פאַרביסענע ליפּן, אַ נישט־יונגער מענטש, וואָס טאָרעט זיך תמיד אַרום פון שאַפּ צו שאַפּ, מחמת ער קען מיט קיין שום באַלעבאָס נישט אויסקומען, קריגט זיך, האַסט זיי אַ וועלט, זאָגט זיי נישט איין מאָל:

— פּיאַווקעס... מ׳וואָלט געקענט האָבן סאָציאַליזם שוין אַצינד, און אייך זאָל אויך גוט זיין. נאָר איר לאָזט נישט...

ער, באַרסקי, האָט איצט נאָכגעקוקט איטלעכן איינעם, ספּעציעל — דעם גרעסטן באַלעבאָס קאַהאַנ׳ען, וועמען ער האָט זעלטן־ווען גע־זען, און צום סוף — אַ שושקע געטאָן צו אַ שכנות׳דיקן אַרבעטער:

— מיר גייען, הייסט עס, בלייבן אינגאַנצן אָן אַ שאַפּ. אַ ?..

מ׳וועט אונדז אינגאַנצן אַצינד נישט באַזאָרגן...

— ווייזט אוים אזוי... — טוט א באשטעטיקנדיקן קוק דער צווייטער ארבעטער צו משה בארסקי'ן.

נאכדעם האט זיך דער געדאנק, ווי א בליץ, צעטראגן צו א דריטן, צו א פערטן, צו א צענטן, צו א פופציקסטן. אלע אויגן האבן זיך פלוצים מיט אמאל געטאן א הויב צו משה בארסקי'ן, גלייך ער וואלט זיי אויפגעוועקט פון א שלאף.

פון אלעמענס אויגן האבן זיך געטראגן געדאנקען:

— ווייזט אוים אזוי.

— יא...

מיר וועלן בלייבן אן א שאפ...

— אן א פונדאמענט.

— אן א ברעקל האפנונג...

— אן דעם לעצטן אנהאלט...

צום סוף, ווען לעוו מיט די מענטשן זענען ארויף אויפן צווייטן שטאק, און נאכדעם מסתם צו גיין אויך אויפן דריטן, וואו ס'זענען דא די רויע און אויפגעארבעטע סחורות — האבן זיך די ארבעטער דא געטאן א לאז־אריין אינמיטן שאפ און אויפגיך געהאלטן א פאר־זאמלונג.

— לאמיר גיין נאך חבר שלאם... — זאגט משה בארסקי — נאך דעם יוניע־פירער...

דא זענען די ארבעטער טאקע געווען יוניע-לייט.

עס איז געווארן א געשריי:

— יא! יא!!

— חבר שלאם.

— חבר שלאם!!

— זאל ער קומען...

— שוין קומען...

— זאל בארסקי נאך אים גיין...

— גיין! זאלן מיר אלע גיין...

זיי האבן געוואלט „אלע גיין", ווייל אלע האבן איצטער דערפילט א ציטער אין די פים, א מורא, גלייך די ערד וואלט זיך גענומען שאקלען...

משה בארסקי האט אבער א מאך געטאן מיט דער האנט:

— שאַט, חברים... נישט אַלע... זאָל דער שאַפּ נישט בלייבן לײדיק...

און ווי פֿיל פּונעם בויגן — אַליין זיך געלאָזט אין גאַס נאָך חבר שלאָס.

9

די געגנט, וואו ער, משה באַרסקי, איז געלאָפֿן נאָך חבר שלאָס, איז געווען דיזעלבע פֿאַבריטשנע געגנט, וואו עס שטייען כמעט אַלע שעפּער — יידישע און נישט־יידישע — וואו ס׳געפֿינען זיך די מערסטע קלײנהענדלערישע געשעפֿטן, וואו ס׳וואוינען אַרבעטער.

די דאָזיקע געגנט איז נישט ווייט פֿון „סטאַק־מאַרקעט״, וואו עס שטייען די בערזשע־וואָלקנקראַצערס, אָבער ווייט פֿון „מעין־סטריט״, וואו עס זענען די גרויסע טעאַטערן און רייכע האָטעלן, און נאָך ווייטער פֿון די גבירישע פּריוואַט־היימען, וואו עס וואוינט מאָרים מאָזעס לעוו.

די דאָזיקע געגנט איז שטענדיק שוואַרץ. רויך און שטויב פֿון פֿאַבריקן, רויך פֿון באַנען, וואָס האָבן דאָ דעם הויפּטוואָקזאַל, רויך פֿון שיפֿן, וואָס אויפֿן נישט ווייטן ים, און רויך פֿון אויטאָמאָבילן. דער רויך פֿאַרשוואַרצט דאָ די לופֿט, פֿאַרשטעלט די זון־שטראַלן.

אין אָט־דער געגנט, נישט ווייט פֿון לעוו׳ס שאַפּ, אויף דער לאַנ־גער, ברייטער „לינקאָלן־סטריט״ — שטייט די גרויסע, רויטציגלדיקע, דריי־שטאָקיקע יוניע־געביידע, וואָס מ׳רופֿט: „אינטערנאַציאָנאַל אַרבע־טער־הויז״.

צו אָט־דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־הויז״, וואו עס האָבן זייערע פּאַך־יוניעס — רוסן, פּאָלאַקן, דייטשן, טשעכן, נעגערס, ענגלענ־דער, אַמעריקאַנער, יידן — איז דאָס געלאָפֿן משה באַרסקי — נאָך חבר שלאָס.

חבר שלאָס זיצט שטענדיק אין אָט־דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבע־טער־הויז״ און פֿירט דעם קלאַסן־קאַמף פֿון עטלעכע טויזנט יידישע שניידער.

איצטער אָבער איז געווען שווער זיך אַריינצוקריגן אין אָט־דעם „הויז״.

הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען, אָדער געלעגן אין דרויסן— אויפֿן טראָטואַר און אויף די פֿראָנט־שטיגן. הונדערטער — אינעווייי־ניק אין קאָרידאָר. אויך זענען געווען די אינעווייניקסטע שטיגן און

די צימערן — פול, געפּאַקט מיט קעפּ.

שווער געווען אַראָפּצולאָזן אַ שפּילקע.

טייל אַרבעטער זענען געווען באַוואַקסן מיט בערד. טייל האָבן זיך געקראַצט די האָריקע לייבער, וואָס מ'האָט אַרויסגעזען דורך די צעקנעפּלטע מלבושים און העמדער. טייל האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, געדרויכערט און געשפּיגן.

צווישן די מערסטע איז אָבער געווען — אַ געברומעריי — ווי פון אַרומגעצאַמטע לייבן. אויגן האָבן געקוקט — ווילד. הענט זענען געווען פאַרביילט. ציינער האָבן געקריצט. ס'איז געווען אַ שרעק אַריינצוקומען צווישן זיי.

— שוין צוויי יאָר אָן אַרבעט...

— שוין אַנדערהאַלבן יאָר אויף דער אַרבעטלאָזע־ליסט...

— שוין אַ יאָר ווי כ'לעב אויף באָרג...

— אַלע וועגן פאַרפּאַסקודיעט — — — —

— אַ בראָך!..

— אַ גירן־אַנטצינדונג...

אַ רגע — שטיל. נאָכדעם — ווידער:

— רעד אַהין, רעד אַהער...

— אַ וואַנט — — — —

— אַ פּלאָם אין די קישקעס...

ווידער שטיל. אָבער דאָך קאָכט זיך עפּעס. עס באַווייזן זיך בלעזלעך אויף די מענטשנס ליפּן, ווי אויף אַ ים — ערב אַ שטורם.

— פרעסט ערגעץ...

— אָן אומזיסטער פּרעסער...

— אַ ביין זאָל זיך אים שטעלן אין האַלדז...

— דער דאַרמאָיעדניק — — — —

ווידער שטיל.

פּלוצים אָבער טוט זיך איינער — מיט אַן אויפגעשטעלט קעל־נערל, הגם ס'איז חמימה'דיקער זומער־טאָג — אַ שטעל־אַרויף אויף דעם שטיינגן־פאַרענטשע און טוט אַן אומגעהאַרישן, ווילדן געשריי:

— וואָס וועט מען שווייגן?! וואו איז שלאָס? אַ פייער אים אין די ביינער!

איבערן גאַנצן „הויז", פון עק ביז עק, איז פּלוצים געוואָרן אַ צוהעלפנדיק געשריי, ווי פון פרומע יידן אין אַ שול, ביי „האוחז ביד":

— וואו איז שלאָם?

— אַ פייער אים אין די ביינער...

— וואו איז דער דאַרמאָיעדניק?..

— זאָל ער שוין דאָ זיין!..

משה באַרסקי, וואָס האָט זיך קוים דאָ אינעם „הויז" אַריינגעפּאַקט, האָט זיך געכאַפּט, אַז די שרייערס זענען שניידער — אַרבעטלאָזע שניידער. טייל, וואָס ער קען, האָבן גרויסע פאַמיליעס. טייל האָט מען שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעוואָרפן פון די דירות פאַר נישט צאָלן קיין דירה־געלט. אַ סך האָבן שוין לאַנג נישט קיין אַרבעט, ווייל די שעפער האָבן זיך פאַרקלענערט, און אַ סך האָבן פאַרלוירן די פּלעצער, ווייל די שעפער האָבן זיך ליקווידירט...

ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט איצט זיך אַרומצוקוקן און באַטראַכטן איטלעכן איינעם. אויך נישט צוצוהערן זיך צו איטלעכן איינעמס רעש. ערשטנס — האָט ער געוואָלט זען דעם חבר שלאָם, צווייטנס — האָט ערגעץ אין אַ ווינקל איצט געחלש׳ט אַ הונגעריקער מאַן און מ׳האָט געהערט רופן:

— וואַסער!

— וואַ־ס־ע־ר!!

דער עולם, וואָס האָט זיך ערשט געקאָכט, האָט אויף אַ ווייל פאַרגעסן אָן אַלע פריערדיקע חשבונות און מ׳איז געלאָפן — ראַטעווען דעם מענטש. שיסלען, טעפּ מיט וואַסער האָבן זיך פון ערגעץ אָנגעהויבן ווייזן איבער אַקסל, איבער קאָפּ, און מ׳האָט געהערט אַ שאַרגעריי:

— כליאָפּ — — — — — —

אינמיטן גערודער האָט זיך פּלוצים פון דרויסן באַוויזן אַ דאַר־ביי־ניקער, שוואַרץ־אויגיקער, הויכער מאַן אין אַ גרוי העמד וואָס איז ביים האַלדז נישט צוגעקנעפּלט.

געווען איז ער — חבר שלאָם.

דער עולם, ווי פון שלאָף, האָט זיך אינמיטן אויפגעכאַפּט, אָנגעהויבן זיך אויסצוגלייכן און גענומען קוקן אויף דעם יוניע־פירער. אַלע אויגן זענען איצטער געווען געווענדט אויף אים. קיינער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, כאָטש זיי האָבן אים שוין איצטער געהאַט. ס׳איז געווען — אימת־מות.

חבר שלאָם — זעענדיק, אַז קיינער רעדט נישט — האָט נאָך אַ

לאַנגער פּאַוזע זיך גוט אַנגעשפּאַרט אַן די טירן־פּוטרינעס און נאָכדעם געזאָגט:

— די שעפּער זענען נישט מיינע... די מלוכה־קאַסע אויך נישט... ווידער שטיל.

דער עולם קוקט אויף אים, און ער — אויף זיי.

משה באַרסקי וואָס איז איצטער אויך צווישן עולם, באַטראַכט אים, שלאָס'ן. לויט ווי ער ווייס, זענען אַ סך טענות, וואָס זענען פריִער געווען אַרויסגעבראַכט צווישן עולם קעגן שלאָס'ן, געווען נישט אמת. שלאָס איז נישט בלויז אַן ערלעכער יוניע־פירער, ער איז אויך אַ פּשוט'ער, דרך־הישר'דיקער מענטש. נישט ער נעמט געניג שכירות פון דער יוניע אויף צו לעבן. נישט ער באַקלאָגט זיך פאַר עמעצן. אדרבה, ווען ער קריגט נישט פון סתם אַ פריינט אַ גמילות־חסד, אַ דאָלאַר, צוויי, וואָלט ער מיט זיין פאַמיליע, מיט וועלכער ער וואוינט אין אַן ענגער דירה, שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמה. נאָכמערצו: ווי ווייניק ער האָט, דאָך — אַז עמעצער דאַרף עפּעס פון אים, קריגט מען אויך אַ פּאָר מטבעות אויף צו דערהאַלטן זיך ס'לעבן...

ער ווייס עס, באַרסקי, ווייל ער איז זיינער אַ שכן.

שלאָס, וואָס איז געשטאַנען ביז איצטער און האָט באַטראַכט דעם עולם, האָט איצטער ווידער אַנגעהויבן צו רעדן — ווידער אָן כעס, אָן היץ, נאָר פּשוט, ווי פריער.

— כ'קום ערשט אַצינד פון אַ קאָנפערענץ... אַן אַרבעטער קאָנפערענץ...

נאָכדעם טוט ער אַ הויב־אויף די האַנט און ציט אויס עפּעס ווייט־ווייט דעם ווייז־פינגער:

—דאָרטן.

דער עולם נעמט איצט קוקן אויף זיין ווייז־פינגער און ווייס נישט, וואָס ער מיינט.

— קיין וואַשינגטאָן!! — רופט ער שוין איצטער עפּעס פאַרביטערט און פול מיט כעס, ווי אַ צערייצטער — דאָרטן צו דער רעגירונג... צום פּרעזידענט הואווער...

פּרעזידענט הואווער איז געווען שוין קנאַפּע פיר יאָר אַן־דער־שפּיץ פון דער מלוכה און זיך געגרייט ביינייס צו ווערן — דער פּרעזידענט.

צווישן מענטשן האָט מען אים געזאָגט:

— דער דומקאָפּ...

— דער אייזל...

— דער מיליאָנער...

ער, שלאָס, האָט איצטער, נאָכן דערמאָנען די רעגירונג און דעם פּרעזידענט הואווער, גערעדט אַלץ מער צע'כעס'ט, מער צעשרויפט... מ'האָט געהערט זיינע קולות ווייט אין דרויסן — אויף לינקאָלן סטריט.

דער ארומיקער עולם האָט איצטער זיך אָנגעהויבן איבערצוקוקן. צו דרייען מיט די אויגן, צו קנייטשלען מיט די שטערנס. זיי האָבן שוין איצטער אַלץ פאַרשטאַנען...

איבערן לאַנד איז אַ גערודער. הונגעריקע און ארבעטלאָזע גייען אין די טויזנטער קיין וואשינגטאָן. וויל ער, שלאָס, זיי זאָלן אויך גיין.

משה בארסקי, דער שליח, וואָס איז דאָ געשטאַנען איבער דער גאַנצער צייט און — צו אַלעם זיך צוגעהערט, האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלאַנגען פון חבר שלאָס'ן. לויט ווי ער האָט געהערט — האָט ער שוין געקענט ארויסדרינגען פון זיינע רייד — אויך אַן ענטפער פאַר זיך. איז אָט נאָכדעם האָט ער זיך באַלד געלאָזט צוריק אין שאַפּ, איז געגאַנגען אָנזאָגן די ארבעטער אַ ליכטיקע בשורה, וואָס עס שטייט־פאַר איצט צו טאָן. ער האָט זער ליב, משה בארסקי, אַזעלכע ליכטיקע בשורות... מ'רופט אים צווישן די ארבעטער:

— דער סאָציאַליסט.

— דער קאָמוניסט.

— דער אַנאַרכיסט.

— דער אַלצמיטאַנאַנד.

אָבער אין שאַפּ — איז שוין איצטער נישט געווען צו וועמען צו ברענגען די „ליכטיקע בשורה".

די ארבעטער זענען נאָך טאַקע דאָ געווען, אָבער זיי זענען שוין נישט געווען — די פריערדיקע. אַנדערע מענטשן זענען זיי איצט געווען. פון אַלע ארבעטער איז געוואָרן — אַ סך גרופּעס. איטלעכע גרופּע — פאַר זיך.

קיינער האָט שוין איצטער נישט אינזינען דאָס, צוליב וואָס מ'האָט פריער געהאַט ארויסגעשיקט משה בארסקי'ן אין „אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער הויז". מ'האָט עס שוין נישט געהאַט אפילו — אין דער לינקער פּאה.

ביי איין גרופּע האָט מען איצטער גע'טענה'ט:

— כ'האב באלד פריער פארשטאנען, ס'א אומזיסטע זאך, נאר כ'האב זיך נישט געוואלט ארויסשטעלן דער ערשטער.

ביי א צווייטער גרופע האט מען גע'טענה'ט:

— וואס קען די יוניע זיין א בריה, אז ער פארקויפט ס'געשעפט, לעוו?..

ביי א דריטער:

— כ'האב אין דר'ערד די יוניע מיט די באלעבאטים, די שעפער מיט דער ארבעט... מ'דארף זיך נעמען צוזעפסאנדערש...

ביי א פערטער:

— מ'קאן פון ארבעטן אין א שאפ גארנישט האבן... מ'קען קיין קינד קיין גוטס נישט טאן... מ'קען קיין ווייב ווי ס'קער-צו-זיין נישט באקליידן... שטענדיק נאר הארא-הארא און לעב אין דחקות...

ביי א פינפטער:

— מ'דארף זיך נעמען צו ביזנעס...

ביי א זעקסטער:

— הכלל, געמאכט?..

— וואס? טאקע ארומפירן עפל אין שטאט?...

— קומסטו היינט ארויף צו מיר, א?

— זאג-נאר דיין יידענע, זי זאל צוגרייטן עפעס א „לחיים".

ביי א זיבעטער:

— כ'וועל בעסער גיין אין דער היגער יידישער הילף-געזעלשאפט נאך שטיצע, איידער קא וואשינגטאן... האסט געהערט, וואס ס'טומלט זיך אין שטאט מיט וואשינגטאן?..

— זיי ווילן, די יוניע-מאכערס א פרעס-טאן הואווער'ן... אייסעך... ס'אן איי אויף נעכטן... אמעריקע איז שטאל... בלויז שטאל — — — — הערסט?..

משה בארסקי, וואס איז נאכן ארייגקומען דא, געבליבן שטיין אינ־מיטן שאפ, האט שוין איצטער גארנישט געהאט וואס צו זאגן. ער האט זיך נאר צוגעהערט, וואס מ'רעדט דא, און וואס — דארט.

חוץ די אלע פארשידענע רייד איז אויך איצטער געווען עפעס א מחיצה צווישן איין גרופע און דער אנדערער. האט איין גרופע גע־רעדט וועגן געשעפט, האט זי נישט געוואלט, אז די צווייטע גרופע, וואס רעדט אויך וועגן געשעפט, זאל הערן, און זיך אפגערוקט. האט איין גרופע גערעדט וועגן בארגן זיך געלט און איינצייטיק געהערט, אז די

צווייטע גרופּע רעדט אויך וועגן דעם, האָט זי זיך נאָכמער אונטערגע-הערט, געוואָלט הערן — וואו... עס איז איצטער צווישן אַלע שוין מער נישט געווען דיזעלבע אַחדות, וואָס פריער. איצטער זענען זיי עפּעס שוין געווען צעטיילט נישט אין כאַראַקטערן, נאָר אין גרופּעס. איטלעכע גרופּע — מיט אַנדערע עסקים.

משה באַרסקי, וואָס האָט שוין איצטער דאָ אין שאַפּ מער גאָר-נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אַרוים אויף דער גאַס און אַ בייזן מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלעם:

— נו, גיי מאַך עפּעס מיט זיי!.. אַ חברה קישקע־מענטשן...

ער האָט געמיינט די אַרבעטער, וואָס אַט־אַט זענען זיי געווען אַרבעטער, יוניע־לייט, און שוין זענען פיל פון זיי געוואָרן געשעפט-לייט, היטן זיך איינער פאַרן אַנדערן און בויען שלעסער אין לופטן...

11

שפּעט אין אָוונט, ווען דאָ אין שאַפּ איז שוין פון לאַנג קיינער פון די אַרבעטער נישט געווען, אויך נישט קיינער פון די שטענדיק באַצאָל-טע, פירנדיקע געשעפט־מענטשן, איז פונעם ווייטן „אָפיס" אַרויסגעקו-מען לעוו און נאָך אים — דער פיל־גווידערדיקער, הויכער קאַהאַן מיטן גראָבן האַנט־שטעקן אין די פינגער.

אין שאַפּ איז איצטער געווען פינצטער. פון דרויסן האָט אין די פענצטער-שויבן אַריינגעקוקט — אַ בלאָקייט.

די ניי־מאַשינען, וואָס שטייען ארום די ווענט, האָבן איצטער, אין דער טונקלקייט, אויסגעזען, ווי פּאַגראַמירטע נפשות.

לעוו און קאַהאַן זענען געגאַנגען פונעם „אָפיס", ווייל אָט ערשט האָבן זיי פאַרענדיקט דעם מסחר. די „קאָמיסיע" ספּעציאַליסטן איז אַהיימגעגאַנגען נאָך פריער, און זיי — לעוו און קאַהאַן — גייען ערשט איצט.

קאַהאַן האָט שוין געגעבן לעוו'ן אַלץ, וואָס אים איז געקומען, און לעוו האָט אים, קאַהאַנ'ען, שוין איבערגעלאָזט אַלץ, וואָס ער, קאַהאַן, האָט באַטאָג געזען.

איצטער איז שוין קאַהאַן דער גאַנצער באַלעבאָס!

נאָכן אַרויסגיין פון דער געביידע — האַלט שוין קאַהאַן אַ בונט שליסלען אין האַנט, פאַרשליסט די טירן, נאָכדעם זאָגט ער צו לעוו'ן:

— גוד נאַיט...

און פארט אהיים מיט זיין אויטאמאביל, וואס ער האט דא, אין דרויסן, געהאט שטייען.

אויך לעוו — פארט אהיים.

דער וועג אהיים איז איצטער — א לאנגער. זייער לאנג. ער איז עפעס צופיל געדרייט, צופיל בארג־ארויף און צופיל בארג־אראפ. אויך איז עפעס דער מער מיט דעם ליכט פון די אויטאמאביל־לאמפן. ער ווייס נישט, לעוו, וואס עס איז דער מער מיט דעם ליכט... א?... עפעס אמאל בלענדן זיי, און אמאל זענען זיי טויט־פינצטער. אויך איז בכלל א פאסקודנע נאכט איצט. ס׳איז נישט ווינטער און דאך אזוי קאלט. געווען באטאג, דאכט זיך, א שיינער טאג. דער הימל — אויסגעלייטערט, בלא, ווי בלאער סאמעט. און איצט — פארוואלקנט... און אפשר איז נישט פארוואלקנט?.. א?.. יא, ער זעט טאקע — שטערן. אבער נישט אומעטום. און אפשר ווייזט זיך אים גאר אויס, מחמת ער קען נישט גוט ארויסקוקן פונעם אויטאמאביל — בעת׳ן פארן?... און חוץ דעם, וואס איז דער מער מיט זיין קאפ?.. פארוואס האט ער אים פלוצים אנגעהויבן אזוי צו זעצן? דאכט זיך — ניין... באטאג האט ער נישט געפילט אזוי... באטאג האט אים דער קאפ בכלל נישט געזעצט. איז עס אמת? ניין... ער האט, דאכט זיך, באטאג אויך עפעס געפילט. אבער ער איז געווען פארנומען, צופיל פאר־פארעט מיטן געשעפט, דערפאר האט ער אזוי נישט געפילט, ווי איצט... יא, טאקע צוליבן געשעפט. איצטער, הייסט עס, איז שוין אלץ אויס. אויס געשעפט, אויס פארפארעניש, אויס — — — — — וואס אויס?!

ער איז פלוצים געבליבן שטיין מיטן אויטאמאביל. ער האט זיך געוואלט אומקוקן אויף זיין געשעפט — די געביידע מיטן שאפ — וואס ער האט אקארשט פארלאזט. אבער אומזיסט. ער איז שוין גע־ווען ווייט דערפון. עס האט זיך אים בלויז כהרף־עין׳דיק אויסגעוויזן, אז ער איז נישט גיך געפארן... אבער ער איז זער גיך געפארן. ער איז שוין באלד — לעבן זיין היים...

— א געשעפט... — טוט ער צו זיך א קרעכץ, ווי אן אבל, וואס גייט אוועק פון א פרישן קבר, וואו ער האט געלאזט איינעם פון זיינע געליבטסטע, און ער פארט ווייטער — א געשעפט, וואס האב דערויף געארבעט איבער דרייסיק יאר...

יא, טאקע איבער דרייסיק יאר ווי ער האט געארבעט אויף דעם געשעפט.

צום ערשט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַ בחור פון זעכצן־זיבעצן יאָר — מלך־משה'ל האָט מען אים נאָך דאַמאָלט גע־רופן — האָט ער געאַרבעט ביי פּרעמדע. עס איז אים, אַגב, געווען נישט לייכט צו אַרבעטן ביי פּרעמדע. ערשטנס, ווייל איידער ער איז געקומען דאָ אַהער אין דער אַמעריקאַנער שטאָט, האָט ער געהאַט פאַר־לאָזט אַ ישיבה אין פּוילן. צווייטנס, ווייל מ'האָט באַדאַרפט אַרבעטן זער שווער — פערצן, זעכצן שעה אַ טאָג. אָבער ער האָט געמוזט, מחמת זיינע עלטערן זענען געווען באַוואָרפן מיט אַ סך קינדער און מ'האָט געמוזט האָבן פון וואָס צו לעבן. — נאָכדעם איז שוין געגאַנגען אַן אַנדער גאַנג. אויך נישט קיין לייכטער, אָבער וואָס אַמאָל — אַלץ בעסער, בעסער. ער איז געגאַנגען פאַר זיך — — — — — אָפּגעהאַקט צו אַרבעטן ביי יענעם... און אַט ביז ער איז געקומען צו אַזאַ געשעפט... אָבער איצטער איז פון אַלעם — אַ וואַסער. גאָרנישט. ער איז כמעט צוריק דערזעלבער, וואָס ער איז געווען מיט איבער דרייסיק יאָר צו־ריק... — אַזאַ געשעפט... — טוט ער ווידער צו זיך אַ קרעכץ, ווי אַן אָבל, וואָס גייט אוועק פון אַ פרישן קבר, וואו ער האָט געלאָזט איינעם פון זיינע געליבטסטע — אַזאַ געשעפט...

12

אין הויז איז ער געזעסן אין הויפּטצימער, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט מעבל, מיט בילדער. ער איז געזעסן שטיל און האָט געהאַלטן די הענט פאַרקרייצט אויפן ברוסט.

נישט ווייט פון אים איז אויך געזעסן די שוואַרצהאָריקע, ברייט־טאַליעדיקע פרוי, עטע. זי איז געזעסן אויף דער סאָפע.

נישט ווייט פון איר, אין אַ ווינקל, איז געזעסן די שניי־ווייסע, הויכע, שמאָל־גופיקע טאָכטער העלענע. דעם גלאַנציק־בלאָנדהאָריקן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אָרעם, און האָט עפּעס געטאָן מיט אירע אויגן.

לעבן איר איז געשטאַנען ראַבאַי דזשוליוס לעווינסאָן. אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן גאַרניטור, דאָס קאַנאַכיקע פּנים — פריש געראַזירט, אַזש בלאָ פונעם פודער, געהאַלטן די הענט אין די הויזנקעשענעס — מעשה אומעטיקייט.

עס איז געווען זער שטיל דאָ.

געגעסן האָט מען נאָך נישט געהאַט. מ'האָט בכלל נאָך נישט גע־

האט געטראכט דערפון. עפעס אזוי ווי ער איז אהיימגעקומען, לעוו, און געזאגט:

— דאס געשעפט איז פארקויפט... שוין נאך אלעם...

אזוי איז געווארן טרויעריק, מיט דער נאז אראפ, גלייך מ׳וואלט ביי אלע די לונגען ארויסגעריסן.

עס איז גארנישט געווען, ווי באטאג.

באטאג, ווען ער איז געגאנגען פארקויפן ס׳געשעפט, איז אויך געווען גענוג טרויעריקלעך. אבער אזוי ווי איצט איז עס גארנישט קיין פארגלייך. ביי איטלעכן איינעם זענען די ליפן צוזאמענגעפרעסט. די פנים׳ער — כמורנע. עס איז טויטע שטילקייט.

אינמיטן טוט זיך אבער דער הויכער ראבאי א ריר, טוט זיך א גלעט איבערן קאפ שווארצע, געקרייזטע האר, וואס האבן געגלאנצט, ווייל ער האט זיי ערשט נישט לאנג צוריק געוואשן, האט זיך אויך געטאן א צי ביי די וואנצקעס, און איז צו צו לעוו׳ן.

דא האט ער ארויסגעטאן אויף לעוו׳ן א ווייכע צארטע האנט, דערנאך מיט א יאמערלעך קדשי־קדשים׳דיק קול גענומען אים טרייסטן:

— און אויך איוב — הייבט ער אן צו רעדן אין ענגליש — האט געהאט זיבן טויזנט שאף און דריי טויזנט קעמלען און פינף הונדערט פאר רינדער און פינף הונדערט אייזלען און זער פיל קנעכט און — — דאך... קיינער קען נישט זיין זיכער — — — — —

מארים מאזעס לעוו האט אויף דעם גארנישט געזאגט. ער האט בלויז געטראכט:

— וואס מיר איוב, ווען מיר איוב... כ׳האב אויך אמאל געלערנט...

אינמיטן אט־דעם טראכטן — ווערט פלוצים א רעש:

העלענע טוט זיך א צעשלוכץ, נאכדעם הויבט זי זיך אויף און נעמט לויפן מיט די שטיגן ארויף צום צווייטן שטאק.

די מוטער כאפט זיך אויף. אויך — ער, לעוו. זיי ווילן איר נאכלויפן, ווערן אומגעוויינלעך דערשראקן. אבער דער הויכגופיקער ראבאי האלט זיי צוריק, זאגט:

— בארואיקט אייך. — ס׳איז נישט מער ווי אן אויסברוך פון א לאנג־שטענדיקן צער...

און לאזט זיך אליין לויפן ארויף צו איר אויפן צווייטן שטאק — גייט זי איינגעמען.

אויפן צווייטן שטאק איז געווען איר שלאפצימער.

אינעווייניק, אויפן בעט, איז זי געלעגן אויסגעצויגן, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אין די הענט, די האָר פונעם קאָפּ — צעפלאָשעט. א שטאַרק געשריי האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער.

דער ראַבאַי איז צו איר צו און האָט זי אַרומגענומען:

— העלענע.

העלענע האָט אָבער נישט געענטפערט. זי האָט נישט געקענט ענטפערן. נישט ווייל זי האָט נישט געוואָלט, נאָר ווייל זי האָט פשוט נישט געקענט. — אונטן, אויפן ערשטן שטאָק, האָט עס איר צוגע־קוועטשט ביים האַרץ און דאָ איז זי אינגאַנצן ווי צוזאַמענגעקלעמט.

קיינער איז איר איצט, דאַכט זיך, נישט אָנגעגאַנגען אַזוי, ווי אירע עלטערן — אירע נאָענטסטע פון אַלע נאָענטע. נאָך זיצנדיק אונטן, אויפן ערשטן שטאָק, האָט זי געפילט, אַז דעם פאָטער'ס און מוטער'ס קאַריערע איז איצט אויסגעשפּילט. דאָס געלט, וואָס ער האָט גענומען פאַר דער געביידע און דעם געשעפט, היינט אויפדערנאַכט, וועט אַריינגיין אין דער חתונה. די טשעקס — אויך פאַר דער געביידע און דעם געשעפט — פאַר איר נדן. פאָטער און מוטער וועלן נאָכ־דעם, הייסט עס, בלייבן ביי גאָרנישט, בלייבן אויסגעשפּילטע, וועלן נישט זיין מער אָנגעזען ביי מענטשן אַזוי ווי ביז איצט, נישט קענען פירן אַזאַ לעבן, ווי זיי זענען געווען צוגעוואוינט ביז איצטער. אַלץ, מיט וואָס זיי וועט אויסקומען איצטער זיך צו פאַרנעמען, וועט זיין — אַרומצודרייען זיך לײדיק... נישט קיין געלט אין קעשענע, נישט גענוג אויף צו לעבן — עס וועט זיך אָנהויבן אַ הונגער־צייט, און ווער ווייס, צו וואָס דאָס וועט פירן?

אָט־די אַלע געדאַנקען האָט זי איצטער גיט געוואָלט אַרויסברענגען פאַרן חתן. וואָרים וואָס וועט ער איר העלפן, ווען זי וועט אים שוין יאָ דערציילן? ער וועט דאָך נאָך מיינען, אַז זי וויל, ער זאָל זיך אָפּ־זאָגן פונעם נדן לטובת די עלטערן! און ווי קען זי דאָס צו דעם צו־פירן... נאָך אַלעם דאַרף ער דאָך אויך האָבן געלט. אַ ראַבאַי קען זיך דאָך נישט שטענדיק שטיצן אויף קהל. טאָמער מאַכט זיך, מ'ווערט אַמאָל אָפּגעזאָגט פון אַ שטעלע, דאַרף מען דאָך האָבן דערווייל פון וואָס צו לעבן, ביז מ'קריגט אַ צווייטע שטאָט. און שטעט איז דאָך, בכלל, היינט נישט אַזוי לייכט צו קריגן, מחמת ס'זענען דאָ זייער פיל ראַבאַים — יונגע און אַלטע. איז אָט־דערפאַר פילט זי אפילו, אַז זי וואָלט גע־קענט איצט אָפּלאָזן דעם שידוך לטובת די עלטערן. ס'הייסט, אַבי די

עלטערן זאָלן נישט דארפן בלייבן ליידיק און בלויז. אָבער ווי וועלן די עלטערן דאָס וועלן? ביי זיי איז דאָך אַ גאַנצע שמחה געווען, ווען זי האָט תנאים געשריבן. און נאָך אַ גרעסערע שמחה, וואָס זי האָט געטאָן אַ שידוך מיט אים, דעם ראבאי — — — איז ווי וועלן זיי איצטער וועלן הערן פון אַזעלכע זאַכן, וואָס זי טראַכט? ביי זיי וועט דאָך זיין גערן אליין נישט צו האָבן, אבי די טאָכטער זאָל חתונה־האָבן מיטן ראבאי...

אָט־דאָס מיידל העלענע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיך ווייטאָן, נישט צופיל זיך אָנשטרענגען, און איז דאפאר באטראכט געוואָרן פון די עלטערן — ווי אַ צעבאַלעוועטע, קלערט נישט פאר קיינעם, ווי נאָר פאר זיך, אָט־די העלענע איז דאָס איצטער געלעגן אויפן בעט און האָט געטראַכט ווי זיך אָוועקצוברענגען לטובת דעם ווייטערן אָנהאַלט פון די עלטערנס פריערדיקן צושטאַנד.

אָבער ס'האָט נישט געטויגט. און זי האָט דערפאר געהעשעט. גע־העשעט — אויף פאָטער־און־מוטערס מזל, און אויך אויף איר טייל, וואָס האָט גורם געווען אויך צו זייער איצטיקן מצב...

13

עס איז פארביי אַ טאָג, צוויי און ס'איז אָנגעקומען אַ דריטער.

אין הויז איז שוין געווען אַ סך אַנדערש, ווי פריער. אַלץ, וואָס איז געווען פריער דערדריקט, שפּל, געפאַלן, כמורנע, איז איצטער אַ סך לעבעדיקער, מונטערער. מ'האָט שוין נישט געדענקט, וואָס מ'האָט פריער, מיט עטלעכע טעג צוריק, געטראַכט, געפילט, כאָטש געשעפּטלעך האָט זיך פון דאמאָלט ביז איצט גאָרנישט געענדערט. אָבער מ'האָט זיך דאָך געפילט שוין היפשלעך צוגעוואוינט צום מצב.

העלענע האָט שוין איצטער נישט געקלאָגט. זי האָט, וואָס אמת, נאָך נישט אָנגעטאָן זיך אין צאַצקעדיקע קליידער, נישט אויפגעהויבן צופרידן דעם קאָפּ, אָבער ס'איז שוין נישט געווען איצט אויף איר פּנים דאָסזעלבע, וואָס פריער — מיט עטלעכע טעג צוריק.

דאָסזעלבע — דער ראבאי.

איבער אַלע לעצט־פארגאַנגענע טעג האָט ער זיך ארומגעדרייט אי־בערן הויז, געריבן איין הענטל אינעם אַנדערן, און געזאָגט פּסוקים פון דער ביבל — צו טרייסטן דעם עולם דאָ.

אָבער איצט דרייט ער זיך ארום אין הויפּטצימער, גייט פון צימ

צו צייט צו העלענע'ן, וואָס קעמט זיך דעם קאָפּ האָר אַנטקעגן אַ שפּיגל, און ער וואַרפט איר אַריין אין קוש נאָכן אַנדערן:

— דער רוח־הקודש מיינער...

— דו, וואָס קענסט מיט דיין האַרץ זיין אויך אַ מאַרטירערין פאַר עפּעס אַ גרויסן אידעאַל — — — אַזוי ווי עס ווערט געבערענגט וועגן אַ סך פרויען אין דער הייליקער ביבל...

לעוו האָט זיך איצט געגרייט אַרונטערצופּאָרן אין צווייטן עק שטאָט, וואו ס'איז די פּאַבריטשנע געגנט, ווייל ער האָט באַדאַרפט נעמען געלט אין דער באַנק.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן נאָך די אַרבעטער פון זיין שאָפּ פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיי באַצאָלן פאַר אַרבעט, וואָס זיי האָבן, נאָך מיט עטלעכע טעג פריער, געהאַט געווען געמאַכט. איז אָט־דאַמאָלט האָט ער זיי נישט געקענט באַלד אויפן אָרט געבן. ערשטנס, האָט מען ערשט באַדאַרפט גיין אין דער באַנק. צווייטנס, האָט מען ערשט באַדאַרפט מאַכן אָרדנונג אין די געשעפט־ביכער. הכלל, איז געבליבן — זיי זאָלן אים היינט אָפּוואַרטן ביים זעלבן שאָפּ, וואָס ער האָט פאַרקויפט, און ער וועט זיי דאָרטן, איטלעכן איינעם, ביז צו אַ סענט באַצאָלן. איז אָט־איצטער, ווייסנדיק שוין, וואו ער האַלט אין דער וועלט, האָבנדיק שוין איבער די פאַרגאַנגענע עטלעכע טעג אַלץ אויסגע'חשבונ'ט, גרייט ער זיך דאָס צו אַרונטערצופּאָרן צו דער באַנק, פונוואַנען ער וועט אַרויסנעמען אַביסל געלט פאַר די אַרבעטער.

האָבנדיק זיך שוין אָנגעטאָן ס'רעקל, אויך דעם קאַפּעליש. איז ער אַרויס צום אויטאָמאָביל, וואָס אינדרויסן, פאַרן הויז, און האָט גענומען — ווינטעווען...

אונטן, אין דער פּאַבריטשנער געגנט, אויף לינקאָלן־סטריט, וואו עס שטייט דאָס „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־הויז", אויך זיין, לעוו'ס גע־וועזענער שאָפּ — — — איז אָבער געווען עפּעס אַ געלאַף.

מ'איז געלאָפן פון אַלע זייטן: פון הייזער, פון געסלעך, פון גאַסן, פון שעפער, פון „סטאָרס". ס'זענען געלאָפן ווייבער און מענער, אַלטע לייט און יונגע קינדער. טראַמווייען האָבן זיך געשטעלט און מענטשן זענען אַרויסגעשפּרונגען. אויך זענען אַ סך מענטשן אַרויס, כאָטש זיי האָבן באַדאַרפט פאָרן ווייטער. — ס'האָט אויסגעזען, גלייך אינעווייניק וואָלט געווען אַ שׂרפה. מענטשן זענען געלאָפן איבער קעפּ, איבער אַקסלען. מ'האָט אומגעוואָרפן מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען פּאַמע־

לעך, אָדער האָבן נישט געקענט לויפן. מענטשן האָבן געשריען „געוואלט!" לאַסט־וועגענער, געשפּאַנט צו פערד, האָבן זיך געשטעלט און די פורמאַנעס האָבן געלאָזט לייצעס אויף גאָט'ס באַראָט און זיך אויך געלאָזט לויפן מיט דעם זיך־כוואַליעדיקן ים־מענטשן. וועגענער, וואָס האָבן געפירט מילך, האָבן זיך איבערגעקערט, און צעפּריסקעט פלעשער־גלאָז איז געפלויגן אויף העט־ווייטע שטרעקעס.

עס האָט זיך אַלץ פאַרוואַנדלט אין אַ מבול־געלאַף.

פון צוויי, דריי און פיר שטאָקיגע אָפענע פענצטער האָבן קינדער געשריען אַרויס אויף דער גאַס:

— מאַ!..

— מאַ־אַ!!

הינט — פון אַלערליי פּאָראָדעס: געלע, שוואַרצע — וואָס זענען געווען אין גאַס, האָבן אָנגעהויבן צו לויפן קאַראַהאָדיש און בילן אויף די מענטשן:

— האַו! האַ־ו!!

קעץ, וואָס זענען געווען פאַר די הייזער, זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערטע, האָבן נישט געוואוסט, אין וואָסאַרע וועלט זיי זענען....

עס איז געווען אַ צעדולעניש.

מאָריס מאָזעס לעוו, וואָס האָט זיך באַדאַרפט שטעלן דאָ מיט זיין אויטאָמאָביל, ווייל דאָ, נישט ווייט, איז געווען די באַנק, וואו ער האָט געהאַט ס'געלט, האָט געטראַכט, אַז ס'מוז דאָ ערגעץ זיין ערד־ציטערניש. וואָרום, אַז ס'איז ערגעץ אַן ערד־ציטערניש לויפן טאַקע מענטשן אין אַט־אַזאַ שגעון. און ער האָט זיך איינס־צוויי געשטעלט — נישט צוליב דער באַנק, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט אויסגעפינען: אויב ס'איז טאַקע ערד־ציטערניש, טאָ זאָל ער דאָ אַפילו איין סעקונדע לענגער נישט שטיין, נאָר שוין, באַלד, תיכף זיך אָפּטראָגן. אָבער ווי־נאָר ער האָט אַרויסגעשטרעקט אַ פוס פונעם אויטאָמאָביל, האָט ער גאָר געהערט עפּעס אַנדערש:

— די בענק האָבן באַנקראָטירט.

— אַלע בענק.

— מ'גיט נישט קיין געלט.

— די טירן זענען פאַרמאַכט.

לעוו'ן איז אַזש טונקל־געוואָרן אין די אויגן. ער ווייס נישט, צי איז אים אַ שטיק פייער פאַרביי־געפלויגן פאַר אַן אויג, אָדער צי איז אים

בכלל אַן אויג אַרויס. ער פּינטלט מיט די אויגן — ער ווייסט נישט אויף זיכער. ער וויל פּינטלען אויפסניי — אָבער ער קען נישט. עפּעס טרייבט אים אַ כח זיך צוצוהערן צום קאָפּ, וואו מ'רעדט אינעווייניק צו אים, לעוו'ן. טאַקע גאָר צו אים:

— דו האָסט אין באַנק דאָס מזומן, וואָס קאַהאַן האָט דיר געגעבן

— רעדט מען צו אים — דאָס מזומן, וואָס האָסט אָנגעגרייט אויף חתונה־הוצאות. און האָסט דאַרטן אויך די טשעקס, וואָס האָסט אַריינ־געלייגט פאַר דעם חתנ'ס נדן.

לעוו טוט זיך טאַקע אַ קוק אַרום, זעט די מיט אייזן באַשלאָ־גענע טירן אין דער גרויסער, פּיל־פּענצטערדיקער באַנק־געביידע, וואָס שטייט אין אַ ראָג, זעט ווי די מענטשן — אָרעמע, רייכע — רייסן זיך צו די אייזערנע טירן — — — איינער קריכט אי־בערן אַנדערן, איינער קלאָגט העכער פון צווייטן, איינער שרייט העכער, ווי דער שכן... איבער דער לינקאָלן־סטריט טראָגט זיך אַ הויך, יאָמער־דיק געשריי. עס טראָגט זיך הויך אין לופטן, ווייט צו דער וועלט, הויך צו די הימלען:

— מיינע לעצטע צען דאָלאַר.

— מיינע הונדערט, וואָס די טאָכטער האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַר־בעט.

— מיינע טויזנט, וואָס כ'האָב אַריינגעלייגט פון אַ פאַרקויפטן גע־שעפט.

— מיינע פינף טויזנט.

דאָס געשריי איז געוואָרן העכער און העכער.

דער הימל אָבער האָט גערוט אין די געוועלבן אַזוי פעסט, ווי פריי־ער. דער הימל האָט זיך נישט געוואָלקנט, נישט געשפּאָלטן זיך מיט קיין בליצן, נישט געשריען מיט קיין דונערן. ער האָט אַראָפּגעשמייכלט זייער רואיק, געלאַסן, איז געווען בלישטנדיק, אויסגעסטראָצט אין אַ בלאָער אַרומהילונג, און האָט געקוקט, געקוקט און געקוקט.

14

ווען לעוו איז צוריק פאַרפאָרן פאַר זיין הוים, איז אינעווייניק אין הויז געווען שוין שטיל, ווי אויף אַ קברות.

פרוי און טאָכטער האָבן זיך איצטער נישט געוויזן אויפן טאָג־ליכט. זיי זענען איצטער געלעגן ערגעץ אין אַ צימער, פאַרקאָפּיעט אין

בעט־קישנס, און האבן זייער יאמערלעך געבליפעט. — דאס איז געווען א נייע געוויין אויף דעם איצטיקן חורבן זייערן.

נישט לאנג נאכדעם, ווי מארים מאזעס לעוו איז געהאט אוועק — האט זיך דא, אין דער רייכער געגנט, געמאכט עפעס אויך א טרעוואגע: מענטשן זענען געלאפן — — — אויטאמאבילן זענען געפלויגן — — אט־דאמאלט האבן זיך דאס מוטער און טאכטער דערוואוסט, וואס ס'איז פארגעקומען אין דער „וועלט", און ווי זיי האלטן...

איז אט נאכדעם האבן זיי זיך געלייגט אין א באזונדער צימער און כליפען.

איצטער אבער האבן זיי שוין מער נישט קיין כח צו שטיין אויף די פיס און צו פאראינטערעסירן זיך מיט דעם, וואס טוט זיך ארום זיי. זיי זענען ווי טויט.

לעוו, וואס האט זיך געשטעלט פארן הויז, קריכט איצט ארויס פונעם אויטאמאביל, נעמט שטעלן פיס, ווי גומעס, און ווען ער הויבט אן צו גיין, דאכט זיך אט־אט פאלט ער.

אינמיטן אבער בלייבט ער פלוצים שטיין, דערזעט, דורך פאר־נעפלטע אויגן, ביי א הויז־ווינקל אין דרויסן — א גאסט: דעם ראַ־באַי'ס מוטער.

די מוטער איז ערשט נישט לאנג צוריק געקומען פון שטעטל, וואו זי וואוינט מיטן ראבאי. געקומען איז זי נישט אן א פארוואס. נעכטן האט זי געקראגן א בריוו פון איר זון, דעם ראבאי, באשר ער, דער מחותן לעוו, שטייט שלעכט, האט פארלוירן די געשעפטן... איז זי דערפאר אייליק געקומען גלייך אהער, איבערצורעדן מיטן זון תכלית־ענינים.

זיין איז זי, די מוטער — א קליינע, א ברייטפנים'דיקע, א באוואנ־צלטע, מיט א פאר מבטל'דיקע, ברוינע, גליאיקע אויגן, וואס האבן נישט קיין רעספעקט פאר קיינעם, וואס איז נישט געגוג פרום, היט נישט אפ שבת און פירט זיך נישט לויטן שולחן־ערוך.

לעוו — דערזעענדיק זי — האט צו איר עפעס א מבולבל'דיקן שאקל געטאן מיטן קאפ:

— א גאסט...

נאכדעם — וואקלדיק זיך געלאזט אינעם הויז און אפילו נישט געזאגט צו דער מחותנת'טע:

— קומט אריין...

ניין.

ער איז איצטער געווען עפּעס ווייט פון מחותנים׳שאַפט, ווייט פון שידוך, ווייט פון אַלעם, וואָס בינדט, פאַרבינדט, פאַר׳משפחה׳ועט, פאַרגרעסערט די פריינדשאַפט, ווייט אַפילו פון זיך אַליין — — — ער איז געווען בלויז ווי אַן אָנגעדרייטער אויטאָמאַט...

איבעריקנס, ווען אַפילו ער זאָגט צו איר, „קומט אַריין", וואָלט זי איצטער מעגלעך אויך נישט געוועןגעגאַנגען.

פאַרוואָס?

זי איז געשטאַנען איצטער אין דרויסן מיט איר זון — דעם ראַ־באַי.

אַזוי ווי זי איז אָנגעקומען, האָט זי נישט לאַנג באַלעמוטשעט אינעווייניק אין לעוו׳ס הויז און אַ רוף־אַרויס געטאָן איר זון, דעם ראַ־באַי, אין דרויסן.

— כ׳דאַרף דיך תיכף האָבן... כ׳דאַרף תיכף מיט דיר עפּעס רעדן...

די דאָזיקע פרוי איז בלויז — „תיכף". אינגאַנצן גענומען איז זי — אַ ספּריזשונע, נישט־געקוקט אויף איר איבער פופציק יעריקער עלטער. הויבט זי אַ פּוס — איז ער פול מיט — תיכף. הויבט זי אַ האַנט — תיכף. און ווער שמועסט, אַז זי עפנט אַ מויל—תיכף, תיכף, תיכף. איר רעדן איז בלויז קאָמאַנדע, בלויז באַפעל. זי האָט בכלל נישט ליב קיין פאַרשלעפּעניש, קיין „באַלדס", קיין „וואַרט", נאָר בלויז „שוין", „תיכף".

איצטער איז זי דאָס טאַקע געשטאַנען מיט איר זון, דעם ראַבאַי, און האָט מיט אים געהאַט אַ שמועס — פול מיט תיכף.

— תיכף — זאָגט זי צו אים — זאָלסטו דיר שוין נעמען די זאַכן, דעם גאַנצן באַגאַזש און פאַרלאָזן דאָס הויז.

דער ראַבאַי האָט געקוקט אויף איר מאָדנע.

— נישט געקוקט!.. — זאָגט זי צו אים — נאָר שוין... אַ רייכער שידוך איז דאָס? אַ שמאָלצגרוב, ווי מ׳האָט דיר פאַר די תנאים איינ־גערעדט?..

דער שידוך איז אין אָנהויב געווען אַ גערעדטער. מאָרים מאָזעס לעוו, זיין פרוי עטע און די טאָכטער העלענע זענען איינמאָל געווען ביי זייערס אַ קרוב אויף אַ חתונה, וואו ס׳זענען אויך געווען — דער ראַבאַי און די מוטער. געווען איז עס אין דעמזעלבן שטעטל, וואו דער ראַבאַי

און די מוטער וואוינען. איז אַט-דאָרטן האָט מען דאָס אונטערגעשיקט מענטשן, פאַרגעשלאָגן דעם ראַבאַי דעם שידוך. צוגעזאָגט ס'טעלערל פון הימל און אויך אַלץ, וואָס ער וועט זיך נאָר אויסבּיטן, דער ראַבאַי... אגב, ווי־נאָר זיי האָבן זיך באַגעגנט, דער ראַבאַי און העלענע, האָבן זיי זיך איינער אין אַנדערן באַלד פאַרליבּט. זיי האָבן שוין מער נישט גע־קענט איינער פון אַנדערן אָוועקטרעטן.

איצטער אָבער שטייט דאָ די מוטער און הייסט אים שוין פון אַלעם אָפּהאַקן.

דער ראַבאַי האָט אָבער ווידער געקוקט מאָדנע:

עס איז אמת, אַז ער האָט געטאָן דעם שידוך, נו — אַ סך אויך, ווייל מ'האָט אים פאַרזיכערט דאָס און יענעס. מ'האָט אים צוגעזאָגט איינצוריכטן אַ היים, ווי ביים פּרעזידענט. מ'האָט אים אויך צוגעזאָגט אפילו צו קויפן אַן אויטאָמאָביל, וואָס ער זאָל האָבן צו פאָרן אומעטום, וואו ער דאַרף פאַר קהל־ענינים, און אויך פאַר זיך פּערזענלעך. דאָס אַלץ, הייסט עס, איז געווען צוגעזאָגט אַ חוץ דעם נדן. אָבער איצט איז פון אַלע צוזאָגן — אַ טייך. נישטאָ גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן!.. אָבער צי קען ער פאַרלאָזן דאָס מיידל — אויב דאָס אַלץ, וואָס מ'האָט אים צוגעזאָגט, האָט זיך אויסגעלאָזט? ניין. ס'איז פאַר אים שווער. זער שווער. זי איז אַ שיינע און אַ קלוגע. זעלטן צו טרעפן אַזעלכע. ער איז פאַרליבט אין איר... אָבער... אָבער צי זאָגט ער דעם אמת? ניין... דאַכט זיך — טאַקע ניין. וואָרום — עפּעס וויים ער נישט.. עט־לעכע מאָל האָט ער מיט איר שוין געהאַט „אינטימע באַציאונגען”, האָט ער נאָכדעם אויף איר אַנדערש געקוקט... יאָ, אודאי וועט ער דאָס דער מאַמען נישט דערציילן. זי איז זער אַ פרומע און וואָלט זיך אין אים זער מיאש געווען. — דו, אַ ראַבאַי, — וואָלט זי צו אים געזאָגט — אַ מנהיג־הקהל האָסט געטאָן אַזעלכע זאַכן נאָך פאַר דער חתונה?..

אָבער זי פאַרשטייט אים נישט, די מאַמע. זי מיינט, אַז ער דאַרף זיין — — — נו, לויט ווי זי מיינט... ניין. דאָ אין אַמעריקע איז מען גאַנץ אַנדערש. דאָ איז אַ ראַבאַי ציוויליזירט, טראָגט אין זיך חוץ רע־ליגיעזער לערע אויך וועלטלעכע קולטור. ער רעדט אין די שולן, אָדער קאָנגרעגיישאָנס, איבער ראָמאַנען, פּונקט ווי איבער אַ פּרשה חומש; ער עסט אין בלויזן קאָפּ, ווען ער קומט זיך צוזאַמען מיט מענטשן ביי אַ טיש אין אַ רייכן, מאָדערנעם הויז, אָדער צו אַ שמחה אין אַ האָטעל — און ער נעמט אויך די ליבע, נישט ווי אַ הייליקייט, נאָר ווי אַן אייביק־

נאַטירלעכן, אומבאַגרעניצטן שטראָם אין מענטשן... טאָ, צו וואָס זיך באַגרעניצן, ווען ס׳איז נאַטירלעך נישט באַגרעניצט? ווי זאָגט שפּינאָזא אין זיין „עטיק״? — — — יאָ, דאָ אין אַמעריקע קוקט מען אַנ־דערש אויף מענטשן. אַ מענטש דאַרף זיין גוט אַנטוויקלט... דאַרף האָבן מוסקולן, דאַרף זיך נאָכגעבן אַלע פאַרגעניגנס — כל־זמן זיי — — — ווי שטייט אין דער הייליקער ביבל?.. „גערעכטיקייט דערהויבט אַ פאָלק, אָבער זינד איז אַ שאַנד צו אַ פאָלק״... יאָ, אָבער די מאַמע איז אויך גערעכט. האָט מען נישט פון וואָס צו לעבן — פירט עס צו שלעכטע מחשבות. וואָס איז ער דען מיט עפּעס פאַרזינדיקט אין לעבן? ניין. זאָגט מען אים אָפּ, חס־וחלילה, דאָרטן אין שטעטל, וואו ער איז ראַבאַי, האָט ער דערנאָך נישט פון וואָס צו לעבן. און צי קען ער זיך אַרומ־טאַרען, ווי כ׳ווייס וועד?..

בעת ער שטייט און טראַכט — רעדט אין אים אַריין די מוטער:

— אין מילך האָב איך דיך געבאָדן... זיידענע העמדלעך פאַר דיר גענייט... וועל איך אַצינד דיך לאָזן הענגען אין לופטן?.. ניין! שוין גיי נאָך דיינע זאַכן. נישט געשטאַנען. תיכף...

דער ראַבאַי, וואָס אמת, האָט סיי ווי געהאַט שטאַרק דרך־ארץ פאַר זיין מאַמען. ערשטנס, ווייל ווי לאַנג ער געדענקט, האָט זי זיך זער שטאַרק אָוועקגעגעבן, אַז ער זאָל אַרויסקומען דאָס, וואָס ער איז — אַ רב, ס׳הייסט אַ ראַבאַי. צווייטנס, ווייל זי איז שוין אַלט און וויל, איידער זי גייט אויף יענער וועלט, זען אים אַרום־און־אַרום אַ פאַר־זאָרגטן, אַ גליקלעכן. אויך האָט פאַר זיינעטוועגן דער פאָטער זער פיל געטאָן. אָבער ער לעבט שוין נישט פיל יאָרן. איז אָט־דערפאַר איז ער, דער ראַבאַי צו דער מוטער — טאָפּלט צוגעבונדן.

— וועט מען דען — פרעגט ער זי אין יידיש, ווי ער טוט עס שטענדיק, ווען ער רעדט צו איר — נאָך גרייכן היינט אַהיים?.. ס׳איז דאָך פרייטיק! און דו ווילסט דאָך נישט אַהיימקומען אַ שעה, צוויי אין שבת!..

— אויס געזאָרגט!.. — טוט זי, די מוטער, אַ גיכן מאַך מיטן הענטל — מיר האָבן שוין אַן אָרט, וואו הי דערווייל צו שטיין איבער שבת...

הערנדיק דאָס — איז ער, דער הויכער, שמאַלגופּיקער ראַבאַי נאָך געשטאַנען פאַרטראַכט, האָט געדרייט מיט די אויגן אַביסל צעדולט, אַביסל זיך נאָך יישוב׳נדיק — — —אָבער דערמאָנענדיק זיך, אַז ער

איז דאָך נישט כ׳ווייס־אַבי־וועער, קען נישט לײַדיק־און־בלויז גיין פירן אַ לעבן מיט אַ פרוי, האָט ער צום סוף זיך געטאָן אַ לאָז אין הויז אַריין נאָך דעם באַגאַזש און דערווייל געלאָזט די מוטער שטיין אין דרויסן.

15

אַראָפּגעפאָרן זענען זיי גלייך צו משה באַרסקי׳ן, לעװ׳ס געווע־זענעם אַרבעטער, וואָס וואוינט אין צווייטן עק שטאָט, אין דער פּאָב־ריטשנער געגנט.

משה באַרסקי איז צום ראַבאַי און זיין מוטער געוועזן אַ נאָענטער קרוב, דורכן ווייב. זיין ווייב, באַרסקי׳ס, און דעם ראַבאַי׳ס מוטער זענען געוועזן קוזינקעס.

איז אָט מחמת דער דאָזיקער קוזינקעשאַפט איז זי דאָס איצטער מיט איר זון, דעם ראַבאַי, פאַרפאָרן צו באַרסקי׳ן, אָפּצושטייגן אויף איבער שבת, און נאָכדעם — אַהיימפאָרן. אגב איז זי שוין דאָ פריער געוועזן, דעם ראַבאַי׳ס מוטער. נאָך איידער זי איז אַרויסגעפאָרן צו די לעוס, איז זי שוין דאָ געוועזן. דאָ האָט זי געהאַט איבערגעלאָזט אירע מיטגעבראַכטע אונטערוועגנס-חפצים; דאָ האָט זי אויך צום ערשט גע־לאָזט די ידיעה, אַז זי גייט אָפּלאָזן דעם שידוך, און דאָ האָט זי אויך זיך באַשטעלט צו בלייבן מיט איר זון איבער שבת.

זי איז שוין איינמאָל אַ בחור׳טע, דעם ראַבאַי׳ס מוטער! אַלץ טוט זי אויסגערעכנט. זי רעכנט־ אוים פריער אַלץ, וואָס שפּעטער דאַרף זיין.

איז אָט-איצטער שפּאַנט זי דאָס אַריין מיט איר זון, דעם ראַבאַי, און אויך מיט זיין באַגאַזש אין דער קוזינעס דירה — כדי נישט מחלל־שבת־זיין אַהיים פאָרנדיק.

די דירה, באַרסקי׳ס, איז אַן ענגע, באַשטייט פון צוויי צימערן. אָבער ס׳מאַכט נישט. מ׳וועט זיך טאַקע קוועלן, אָבער נישט אויף אייביק.

משה באַרסקי זעלבסט — אַן אַ רעקל — האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער קיך, מיט אַ פאַרשוויצטן, הויכן שטערן, געהייסן שטעלן דעם באַגאַזש אויף אַן אָרט, וואו קיינער זאָל אים נישט טשעפּען, נישט צו־רירן זיך צו אים, און נאָכדעם — אַ קוק געטאָן אויף די געסט און געהייסן זיי זאָלן אַראָפּנעמען פון זיך די נישט נויטיקע מלבושים.

פרוי באַרסקי — אַ שלאַנקע, געל־ברעמענדיקע, מיט גלאַט־פאַר־

קעמטע, אהינטערגעוואָרפענע האָר אויפן קאָפּ, מיט גאָלדענע, פּריילעכע, קאַנאַריק־אייגעלעך — האָט גענומען פון דער קוזינקע דעם מאַנטל, דאָס היטעלע, פונעם ראַבאַי — זײַנע אַקטיאָרישע מלבושים, און זיי אַרײַנגעטראָגן אין צווייטן צימער, וואו ס'איז געווען זער ענג.

אין דער דאָזיקער ענגשאַפט זענען געשטאַנען צוויי בעטן. צווישן די בעטן — איר פּופּצן יערעקער, הויך־פּיסיקער, איין־און־איינציקער זון, בען, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט.

בען — מיט דאַרע, ברוין־הויטיקע באַקן, מיט קינדיש־גוטע, שוואַרצע אייגעלעך, האָט זיך איצטער געניט אַ רוקזאַק, וואָס וואַנדערער טראָגן אויף זייערע פּלייצעס, ווען זיי גייען פון שטאָט צו שטאָט און קוקן אויס די וועלט.

ער אָבער, בען, האָט זיך דעם רוקזאַק נישט געמאַכט צוליב אַזאַ־אַ אויספלוג. ער האָט זיך אים געמאַכט, ווייל ער גייט קירצלעך — קיין וואַשינגטאָן. מיט אַ גאַנצן שטאָטישן עולם גייט ער! די מוטער, אַגב, לאָזט אים נישט גיין. זי ציטערט איבער אים. אָבער ער וועט גיין, אַפילו זי זאָל זיך אים שטעלן אין די טירן. ער מוז גיין. ערשטנס, גייט ער דאַפאַר, ווייל ער האָט נישט קיין אַרבעט. ער האָט מיט אַ יאָר צוריק פאַרלאָזט דעם „האַי־סקול", ווייל דער פאָטער האָט אים נישט געקענט אויסהאַלטן מיט קיין ביכער; אויך דאַפאַר, ווייל דער פאָטער פאַרדינט נישט, האָט ער געוואָלט גיין אַרבעטן און צוהעלפן אין הויז... קען ער אָבער קיין אַרבעט נישט קריגן. ער איז שוין אַרומגעלאָפן אומעטום... צווייטנס, וועט ער גיין, ווייל די גאַנצע קאָמוניסטישע יוגנט־פּאַרטיי גייט. איטלעכער אייגער מוז גיין.

— ס'אַ רויטע אַרמיי, מאַמע... — זאָגט ער שטענדיק צו דער מוטער, ווען ער דאַרף זיך מיט איר שפּאַרן, צי ער זאָל יאָ גיין, צי נישט.

— מיר זענען גרייט אין יעדער צייט... — זאָגט ער נאָך — מיר שרעקן זיך פאַר גאָרנישט... מיר זענען פאַר אַ גערעכטער וועלט...

די מוטער, וואָס הערט־אויס אַזעלכע רייד, באַטראַכט דאָס קינד פאַר יונגלעש. אָבער ווען זי זעט, זי קען שוין גאָרנישט העלפן, ווישט זי זיך אָפּ ס'מויל און לאָזט אים אַליין.

דאָסזעלבע — איצטער.

זעענדיק, ער גייט זיך אַ „משלחת", זאָגט זי צו אים:

— יאָ, יאָ... ניי דיר אַ טאָרבע, בענעלע... מאַכסט דיך שוין באַצייטנס פאַר אַן אָרעמאַן...

הייבט ער אויף, בען, דעם יונגלעש-געקרויזטן, שווארץ־האריקן קאפּ, טוט איר, דער מאמען, א פארדראסיקן זאג:
— ניין, מאמע, דאס איז א קעמפערישע טארבע...
און נעמט זיך צוריק נייען דעם רוקזאק מיט התמדה...
לאזט זי אים אויך שוין איצטער שטיין און גייט צוריק אין דער קיך.
אין קיך זאגט זי צו דער קוזינקע און צום ראבאי:
— איר וועט טרינקען טיי... אדער אפשר מילך...
אמת, צו טיי האט זי גראד איצט נישט קיין צוקער, און אויב נישט טיי — האט זי אפילו נישט קיין מילך... אבער זי וואלט זיך שוין גע־שאפט. די „גראסערי"־לייט קומט זי שוין, וואס אמת, א סך געלט פאר געוויסע פראדוקטן, וואס זי נעמט אויף בארג אין הויז אריין, אבער זיי זענען, נאך אלעמען, נישט קיין שלעכטע, די „גראסערי"־לייט. זיי וואלטן איר געבארגט אויף נאך א פאר דאלאר.
די מוטער און דער זון, דער ראבאי, האבן זיך אבער אפגעזאגט:
— מיר פילן נישט אצינד.
— אפשר שפעטער.
וואס אמת, האט פרוי בארסקי פארשטאנען, אז ס'קען זיין זיי „פילן נישט אצינד", זיי זענען נאך איצטער אביסל צעדרייט פון דעם לעצטן געשעפט... דעריבער טאקע האט זי זיי געטאן אן אנדערן פרעג:
— ווי אזוי איז עס עפעס צוגעגאנגען?.. איז עפעס געווען א געטומל?
דער ראבאי, אביסל א שעמעוודיקער, מחמת ער קען נישט די דא־זיקע מענטשן זער גוט, איז זעלטן־ווען געווען דא אין „הויז" — האט באלד געענטפערט:
— גארנישט... די מאדאם לעוו און די טאכטער זענען געווען עפעס אין א צימער... מיסטער לעוו האט געשוויגן, געזעסן און געהאלטן די הענט אויף די קני און איך האב זיך ארויסגעלאזט, ווי קיינמאל גאר־נישט, און בין דא ארופגעקומען.
משה בארסקי, דער שארף־פנים'דיקער מיט די נאכט־שווארצע אויגן, האט זיך זער טשעקאוועדיק צוגעהערט צום ראבאי'ס קאלטן דער־ציילן, אויך באטראכט זיין גיך־פארטיק געמאכטן ענין, און צום סוף זיך געטאן א מבטל'דיקן דריי, געלאזט זיך אין צווייטן צימער נאכן רעקל, כדי ארויסצוגיין פון הויז, און דא געלאזט א מכלומר'שטן תירוץ:

— כ׳דאַרף זיין אין גאַס.

דער ראַבאַי, אומגערוואַרטנדיק אַ ווייל, אויך זיך גוט אַרומקוקנדיק אין שטוב, האָט זיך געטאָן אַ ווענדע צו דער מוטער און איר ליידנדיק איינגערוימט:

— כ׳ווייס נישט, צי כ׳וועל קענען דאָ איבערקומען גאַנץ שבת. עפּעס לאַנגווייליקע מענטשן, פּראָסטע, שוין צו פּראָסטע.

די קליינע מוטער האָט אויף אים געטאָן אַ שטעל־אויס אַ פּאָר ביסטרע אויגן, געטאָן אַ צי־צונויף אַלע שטערן־קנייטשן אין איין קופּקע און — אַרויסגעלאָזט אַ ברום:

— הער אויף, תיכף... תיכף, זאָג איך דיר...

געמיינט האָט זי: מאַך דיר בעסער צו ס׳מויל. זעסט נישט, די קוזינקע איז נישט ווייט? איבעריקנס, דו האָסט בעסער?

און צו זיך טראַכט זי:

— יאָ, כ׳ווייס. פאַר אים וואָלט נישט אויסגעמאַכט, ווען ער שטייט־איין אין אַ גויאישן האָטעל. ער וואָלט אפילו אויך חזיר געגעסן.

יאָ, ס׳איז נעבעך אַ צרה: די מוטער ווייס, ווי פרום איר זון איז. דאָך מאַכט זי זיך צו ס׳מויל און פאַרקוועטשט די רייד אין האַרץ. פאַר וועמען וועט זי רעדן? פאַר דער וועלט? די וועלט באַשטייט דאָך אויף אַזעלכע ראַבאַיס! זי מיינט, הייסט עס, די מאָדערנע פרומע וועלט.

— ס׳וועט נאָך קומען אַ מבול אויף דער דאָזיקער וועלט—טראַכט זי — יאָ. מ׳באַהעפט זיך נישט מיט ליבּ־און־לעבן צו אים, כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן. מ׳פאַרלאָזט זיינע דרכים. ס׳איז אַלץ, ווי אָן אַ השגחה, רחמנא־ליצלן...

16

אויף דער גאַס, וואו באַרסקי איז געגאַנגען, איז געווען אַ געדרענג פון מענטשן.

מענטשן — מיט צעקנעפּלטע מלבושים; מענטשן — מיט צעטראָגענע געזיכטער; מענטשן — מיט הויך־שרייענדיקע קולות; מענטשן — מיט יאָמערנדיקע, האַסנדיקע רייד.

געווען איז דאָס אויף דער לאַנגער, ברייטער לינקאָלן־סטריט, וואו ס׳שטייען דאָס „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־הויז”, כל־ערליי שעפער און אויך — די באַנקראָטירטע שפּאָר־און־ליי־בענק.

מענטשן זענען געשטאנען אין קופּקעס. עס האָבן זיך געזען ראסן: געלע, ווייסע, שווארצע. נאציעס: יידן, איטאליענער, רוסן, פּאָלאקן, טשעכן, דייטשן, נעגערס, כינעזער, ענגלענדער, אמעריקאנער.

ס'איז געווען א מישמאש פון שפּראכן. איטלעך איינער האָט אויף זיין לשון ארויסגערעדט — האס, געפּאלנקייט, ביטערניש, נקמה. אי די, וואָס האָבן פארלוירן געלט אין די בענק, אי די, וואָס האָבן נישט קיין ארבעט, שטייען שוין דאָ פאר דעם „אינטערנאציאָנאַלן ארבעטער־הויז" — ווער יאָרן, ווער חדשים, און קענען נישט קריגן קיין ארבעט.

משה בארסקי, וואָס האָט פון זיין היים ביז דאָ אויף דער לאַנגער, ברייטער לינקאָלן־סטריט — א קאַצנשפּרונג, האָט נאָך אַלץ בייזלעך גע־טראכט וועגן דעם ראבאַיס קאַלטן דערציילן, ווי נאָך ער האָט אויף גיך אָפּגע'פּטר'ט דעם ענין — — — —

— ווי געשעפּטלעך געמאכט... — טראכט בארסקי — ווי גיך...

סוף כל סוף האָט ער אָן דעם פארגעסן, איז געבליבן שטיין דאָ אין מיטן שרעקלעך־טומלדיקער גאס, און האָט צוגעקוקט זיך צו פיל איינצל־נע מענטשן, וואָס זענען עפּעס געלאָפן צווישן עולם און האָבן אַגיטירט:

— קיין וואשינגטאָן...

— מאָרגן קיין וואשינגטאָן...

— קיין וואשינגטאָן...

— מאָרגן — — — — — —

ס'זענען געווען ארבעטער־אַגיטאַטאָרס פון פארשידענע פעלקער: דייטשן, רוסן, אמעריקאנער, יידן.

צווישן די אַגיטאַטאָרס האָט בארסקי דערקענט דעם הויכן חבר שלאָס, וואָס האָט אויסגעזען זער פארפּינצטערט, געווישט זיך דעם שווייס פון ביינערדיקן פּנים.

משה בארסקי פארשטייט, אַז שלאָס איז מן־הסתם נישט גע־שלאָפן די לעצטע נאכט. וואָרום ס'רוב מאָל, ווען שלאָס שלאָפט נישט (און משה ווייס עס — ר'איז א שכן) זעט ער אויס אזוי פארפינצטערט. און אזעלכעס טרעפט זיך ביי אים א סך מאָל, מחמת ער טוט א ים ארבעט, א חוץ פאר דער יוניע, אויך פאר אַנדערע זאכן. ער איז א רעוואָלוציאָנער, א פירער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי אין שטאָט.

בארסקי שטייט איצטער — קוקנדיק אויך אויף אַנדערע. אָבער אינמיטן קומען צו אים צו עטלעכע פארשוין, וואָס האָבן געאַרבעט אין לעוו'ס שאַפּ, און נעמען קוקן אויף אים.

— ביסט גאָר דאָ? — זאָגן זיי.
— מ׳האָט דיך געזוכט ביי דיר אין דער היים.
— ערשט נישט לאַנג.
— מ׳גייט פון דיר.
באַרסקי באַטראַכט זיי:
—צו וואָס?
איינער: — מיר ווילן גיין צו לעוו׳ן.
אַ צווייטער: — ער האָט אונדז נישט געגעבן קיין געלט.
די איבעריקע: — ער האָט צוגעזאָגט אויף היינט און נישט גע־געבן. מיר׳ן אַרויפגיין צו אים.

— האָקן שויבן, אויב ער וועט אונדז נישט געבן די פּאָר באַמאַכ־טע, פאַרכעוואַטע דאָלאַרן, וואָס מיר האָבן זיך שווער פאַרדינט.

באַרסקי קוקט אויף זיי און באַטראַכט זיי ווידער:

דאָס זענען געווען דיזעלבע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך מיט עטלע־כע טעג צוריק אין שאַפּ געגרייט צו ווערן — ווער אַן עפּל־סוחר, ווער אַ שמאַטעס־אויפקויפער, ווער אַ פּאַפּיר־קלייבער.

ער באַטראַכט זיי, ווי לייכט זיי מאַכן דאָס אַ טומל איבער אַ „פּאָר באַמאַכטע, פאַרכעוואַטע דאָלאַרן". אמת, זיי זענען גערעכט, אָבער לוינט זיך?..

— ווייסט איר, — זאָגט באַרסקי — אַז ער האָט פאַרלוירן ס׳גאַנצע געלט, דער לעוו?..

— אודאי ווייסן מיר! — טוען אַ געשריי די געוועזענע אַרבעטער.

— נו?.. — פרעגט באַרסקי.

— נו, מאַך שבת!.. — טוען אַ וווּיז די געוועזענע אַרבעטער די ליידיקע הענט און ליידיקע קעשענעס, און לאָזן מיט ביטול, מיט האַס שטיין באַרסקי׳ן — רחמנות...

באַרסקי קוקט זיי נאָך, טראַכט, ער האָט גאָרנישט קעגן דעם, וואָס זיי פאָדערן, פאַרלאַנגען, אָבער מ׳דאַרף איצטער אויך נעמען אין באַ־טראַכט דעם מצב פון לעוו׳ן. אמת, ער איז איינער פון די שולדיקע, וואָס האָבן גורם־געווען צו אָט־דעם טומל, פאַרלוסט, מענטשנס אָרעמ־קייט. צום ערשט האָבן זיי, די כל־ערליי שפּעקולירער געשפּעקולירט אויף דער בירזשע, נאָכדעם, ווען די בירזשע האָט זיי אָנגעזעצט, האָבן זיי, די כל־ערליי שפּעקולירער־קאַפּיטאַליסטן אָנגעזעצט די בענק. איצט ליידט אויך דאָס פאָלק — די בענק האָבן אָנגעזעצט. מ׳דאַרף דאָס

אנדערש משפט'ן. אלע — די אלערליי לעווס, גרויסע און קליינע, פון די פארשידענע פעלקער... אבער אז ס'איז שוין געשען, און דער מענטש, ווי למשל, לעוו, ליגט א צעבראכענער, דארף מען אים נישט מער פייניקן. מסתם האט ער איצט נישט פון וואנען צו צאלן... נישט גענוג די בראך דארטן, סיי מיט געלט, סיי מיט געשעפט און סיי מיט דער פאמיליע, וואס נוגע דעם שידוך קומען נאך איצטער אונטער די געוועזענע ארבעטער און קלייבן זיך האקן שויבן — — —

— קישקע־מענטשן... — טוט ער א ברום — האבן נישט עפעס העכערס אין זין...

און ער איז טאקע נישט מיטגעגאנגען.

ער איז בלויז געשטאנען דא נאך א שטיקל צייט, נאכדעם זיך פארנומען אויף דעם וועג — צוריק אהיים, כדי די געסט זאלן נישט מיינען, אז זיי זענען איבעריקע ביי אים אין הויז.

— ניין, דאס וויל ער נישט. — טראכט ער — וואס זיי זענען — זענען זיי... אבער וויפיל ס'איז דא אין הויז, מיט אזויפיל וועט מען זיך טיילן...

ער האט געמיינט — וואס שייך עסן.

17

אינדערפרי — א דורכאוים שיינער טאג.

ס'איז געווען א בלענדנדיקער פרימארגן, ווי אויסגערוט, אפגעוואשן, אנגעטאן אין ליכטיקע, זוניקע קליידער.

דורך די פענצטער, וואס זענען אין בארסקי'ס צוויי שטובן געשטאנען אפן, האט אריינגעווייעט א לינדלעכע, פרישע לופט, וואס איז געווען אויסגעמישט מיט פארשידענע ריחות — ריחות פון גערטנער, ריחות פון פעלד, פון ים, וואס ציט זיך פארביי דער שטאט.

עס איז געווען זון און פרישקייט איןביידע שטובן — בארסקי'ס.

בען, דער קאמוניסט, איז איצטער אויפגעשטאנען פון זיין געלעגער אין דער קיך, האט אראפגעלאזט די לאנגע, דינע פיס אויפן דיל און זיך גענומען אנטאן. — שוין שפעט אודאי... — טוט ער א קוק אין די פענצטער, צו דער וועלט, און א טראכט — מ'וועט שוין מסתם אויף מיר ווארטן.

ער האט געמיינט די גאנצע קאמוניסטישע יוגנט־פארטיי, וואס גייט היינט אינאיינעם מיט א גרויסן שטאטישן עולם קיין וואשינגטאן.

גיך האָט ער גענומען ווארפן אויף זיך איין שטיק מלבוש נאָכן אַנדערן, און נאָכדעם איז ער צו צום וואַסער־קראַן — וואַשן זיך.

אין שכנות׳דיקן צימער זענען געלעגן: פרוי בארסקי מיט דער קוזינקע אין איין בעט, און משה בארסקי מיטן ראַבאַי — אין אַנדערן בעט. דאָס איז געווען דאַפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט אַ נישט מער צימערן און אַ נישט מער קיין בעטן.

משה בארסקי און זיין פרוי זענען שוין אָבער איצטער נישט געשלאָפן. אַזוי ווי זיי האָבן דערזען ווי זייער זון, בען, הויבט זיך אויף, אַזוי האָבן זיי זיך אויך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ פון די בעטן און אויך זיך גענומען אָנטאָן.

— ווינד און וויי, — זאָגט די פרוי בארסקי צום מאַן — אַז דו זאָלסט לאָזן אַזאַ קינד, וואָס דאַרף נאָך זיין ביי דער מאַמעס פאַרטעך, גיין קיין וואַשינגטאָן... ערשטנס, אַזאַ ווייטער וועג... צווייטנס, ווער וויים, וואו ער וועט נעכטיקן אונטערוועגנס... וואָס פאַרא וועטער ס׳וועט זיך טרעפן איבער דער צייט... אפשר וועט ער זיך, חלילה, צוקילן...

— מאַך נישט אַזעלכע טרויעריקע שטיק — זאָגט משה בארסקי צוריק צום ווייב — לייג נישט אַלץ אויס צום שלעכטן. ס׳גייען הונדערטער, טויזנטער... פון אַלע עקן לאַנד... וועסט דו זיין אַן אויסנאַם? ס׳זענען נאָך דאָ גענוג אַנדערע קינדער אויך, אָפּגעציטערטע... ער איז נישט דער איין־און־איינציקער...

פרוי בארסקי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט בארואיקן און ווייטער געקרעכצט. נאָך דערצו האָט איר איצטער אונטערגעהאָלפן די קוזינקע, דעם ראַבאַיס מוטער, וואָס האָט זיך אויך איבערגעוועקט פונעם שלאָף:

— אַזאַ אויסטערלישקייט... — זאָגט די אַלטע, פרומע קוזינקע — וואו איז דאָס געהערט געוואָרן. ס׳פּאַסט פאַר גוים. אָבער ווי קומט עס צו יידן? יידן מישן זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן. וואָס איז עס אונדזער לאַנד? זאָלן אַנדערע טאָן, די אמת׳ע אַמעריקאַנער — — —

אָבער בארסקי האָט זיך נישט געוואָלט מער צוהערן, נישט צו זיין אייגענער פרוי און נישט צו דער קוזינקע, וואָס ער האָט איר געגעבן אַ גאַסטפריינטלעך בעט אויף אָפּצוהאַלטן שבת.

— וואָס ווייסט איר — טוט ער טראַכטנדיק אַ מבטל׳דיקן מאַך צו זיי מיט דער האַנט — דאָס גיין קיין וואַשינגטאָן קען צופירן צו עפּעס מער... ס׳קען אונדז נאָך ברענגען די ריכטיקע ישועה... מ׳זאָל מער אַלע

מענטשן, נאָך אין אונדזערע צייטן, אָנהויבן צו לעבן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין...

און ער איז אַריין אין קיך.

— ביסט פאַרטיק? — זאָגט ער צום זון, — וואַרט, איך גיי אויך. כ'וועל דיך באַגלייטן. ווען כ'זאָל נישט זיין אַלט, אויסגעמוטשעט שוין פון אַמאָל אין די וואַרשטאַטן אין דער אַלטער היים, אויך פון דאַנעט אין די אַמעריקאַנער שעפּער — — — כ'אַרבעט שוין דאָ אַריבער דריי־סיק יאָר, ווייסט? ווען נישט דאָס, וואָלט איך אויך געגאַנגען. אָבער אַזוי — — — — —

נאָכדעם האָט ער אָפּגעהאַקט און גענומען זיך צוגרייטן גיך.

אויך האָט זיך פרוי באַרסקי צוגעגרייט אַרויסצופירן דעם זון, ס'הייסט, באַגלייטן אים, כאָטש זי האָט מיט איר גאַנצן האַרץ נישט גע־וואָלט, אַז ער, בען, זאָל אַ טריט שטעלן איבער דער שוועל. אָבער אַז זי האָט געזען, זי וועט שוין גאָרנישט מאַכן, אי דער זון און אי דער מאַן זענען קעגן איר, האָט זי זיך אָפּגעווישט ס'מויל, פאַרגאָסן עטלעכע טרערן און אין זיך דערשטיקט די רייד, וואָס האָבן, נעבעך, געוואָלט פליסן, פליסן אַן אַ שיר, פליסן אָן אַן אָפּהאַלט, פליסן — אייביק...

סוף כל סוף — אַרויס אויף דער גאַס.

אין דרויסן, אויף לינקאָלן־סטריט, ביים „אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטער־הויז" זענען איצטער געשטאַנען מענטשן איבער אַ שטיק גאַס.

ס'איז געווען שוואַרץ.

אַ סך מענטשן מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס. טייל — מיט רוק־זעק. טייל פרויען האָבן געטראָגן קינדער אויף די הענט. אַנדערע פרויען האָבן געהאַט אויף די קעפּ אַרומגעבונדענע טיכלעך. טייל זענען געווען אין בלויזע קעפּ. מען איז געגאַנגען משפּחה־וויַיז: טאַטעס, פרויען און קינדער. טייל מענער האָבן געטראָגן רעקלעך אויף די אָרעמס. אַנדערע האָבן געהאַט אויף זיך בלויזע העמדער און הויזן.

עס איז געווען היים.

די זון האָט געבאַקן. דאָך — אויך אַ ווינטל. שטיקער מלבוש, פון מענער און פרויען, האָבן זיך געהויבן מיטן ווינטל, וואָס האָט גע־בלאָזן פון ים, וואָס ציט זיך, דאָ נישט וויַיט, פאַרביי דער שטאָט.

דאָס ווינטל האָט זיך געדרייט אַרום דעם גרויסן עולם, געוואָלט אים געבן פליגלען, טראָגן זיך מיט אים, אַוועק העט־וויַיט, וואוהין נאָר זייער פאַרלאַנג וועט זיין.

געגאַנגען איז אַט־דער עולם קיין וואַשינגטאָן.

נישט ווייט פון אַט־דעם דאָזיקן עולם האָט זיך געזען אָנקומען פון אַן אַנדער גאַס, אַ גרויסע מחנה מיט רויטע בענדער. געווען איז דאָס אַ מחנה פון בלויז יוגנטלעכע: מיידלעך און בחורים, וואָס זענען געגאַנגען געשלאָסן אָרעם אין אָרעם, צו פיר אין דער ברייט.

בען, וואָס איז אַרויסגעקומען איצטער מיט זיין פאָטער און מוטער דאָ אויף דער גאַס, האָט זיך פלוצים געטאָן אַ רייס־אַרויס פון דער פאַמיליע־דריי, און זיי איבערגעלאָזט:

— גוד־באַי, טאַטע!.. גוד־באַי, מאַמע!..

— קום־נאָר!.. — האָט די מוטער געשריען — קום־נאָר, בען עלע.

— די פּאַרטיי גייט .. — האָט בען אַ געשריי געטאָן, און זיינע געקרויזטע, שוואַרצע האָר פון נאַקעטן קאָפּ האָבן זיך פליענדיק צע־טראָגן מיטן גיך־טרייבנדיקן ווינטל.

— האַלאָ, חברים!.. — האָט ער גריסנדיק געמאַכט מיט זיינע הענטלעך צו דער אָנקומענדיקער מחנה — האַלאָ!!

געווען איז דאָס טאַקע, די מחנה, — די קאָמוניסטישע יוגנט־פּאַרטיי, צו וועלכער בען, די באַרסקים פּופּצניעריקער, איינציקער זון, האָט אָנגעהערט.

משה באַרסקי און זיין פרוי האָבן שוין איצטער נישט געקענט צור־קומען צו זייער זון.

ער איז אַריין אין דער מאַרשירנדיקער מחנה, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פיס אָנ'ם אַספאַלט, ווי סאָלדאַטן, און האָט שוין מער נישט גע־וואָלט אַרויסגיין.

די מוטער האָט צו אים, פון ווייטנס, געוויזן מיט די פינגער אויף אירע ליפּן, אַז זי וויל אים קושן, געזעגענען זיך מיט אים, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. — ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— מ'דאַרף נישט, מאַמע... ס'איז נישט שיין...

און ווייטער מאַרשירט.

נאָכדעם, ווען דער גאַנצער עולם האָט שוין אויך אָנגעהויבן זיך צו רירן, זענען די באַרסקי'ס, משה און די פרוי, אַראָפּ פון דער גאַס און האָבן גענומען צוריק אַהיימגיין.

משה באַרסקי האָט איצטער געפירט די פרוי אונטערן אָרעם — מעשה טרייסט. אָבער דאָך האָט זיך אין ביידנס הערצער צעלייגט אַ

שווערער טרויער, מחמת זיי האָבן זיך נישט געקענט געזעגענען מיט זייער איינציקן זון.

18

א שטיק צייט, דעמזעלביקן טאָג, זענען משה באַרסקי און זיין פרוי געזעסן ביים טיש אין קיך און האָבן — אָדער גערעדט, אָדער געטראַכט.

געווען איז שוין לאַנג נאָכדעם, ווי בען איז געהאַט אוועק קיין וואַשינגטאָן.

ביים טיש זענען אויך געזעסן, חוץ די באַרסקי׳ס, די מוטער און איר זון, דער ראַבאַי: דזשוליוס לעווינסאָן.

עס איז געווען א ליכטיקער אינמיטן טאָג. אָבער נישט כסדר. טייל־מאָל האָט זיך די זון ערגעץ באַהאַלטן. טיילמאָל איז זי צוריק אַרויסגע־קומען. דאָס איז געווען מחמת וואָלקנס האָבן פּלוצים פון ערגעץ אָנ־געצויגן. עס זענען געווען שוואַרצע וואָלקנס, שווערע. אמאָל האָבן זיי זיך געטאָן ראַפּטום א פאַרשפּרייט איבערן בלאָען הימל, און אמאָל האָט זיי די זון צעיאָגט, צעפּלאָשעט, אזש א רויך איז געגאַנגען. טייל וואָלקנס האָבן טאַקע נאָכדעם געוויכערט, זענען אויסגעגאַנגען צו גאָרנישט. אָבער די וואָלקנס זענען נאָכדעם פון ערגעץ ווידער אָנגעקומען. מעגלעך, נישט דיזעלבע, אָבער ס׳זענען אָנגעקומען.

איצט גראָד שיינט די זון העל. נישט אזוי בלענדנדיק־ליכטיק, ווי אין דער פרי, אָבער דאָך העל.

פרוי באַרסקי, וואָס זיצט ביים טיש, האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַן אונטערלענענדיקער האַנט, קוקט אויף דער קוזינקע און דער־ציילט איר, ווי אזוי איר איז אָנגעקומען ס׳האָבן און ס׳דערציען אָט־דעם זון, בענע׳ן, וואָס איז אוועק קיין וואַשינגטאָן. זי דערציילט עס, מחמת זי פילט אזויאַנאַך אַראָפּצורעדן זיך פונעם האַרץ צוליב דעם זונס אוועקגיין פונעם הויז. טאָמער וועט איר ווערן גרינגער.

דער ראַבאַי הערט זיך אויך איין, כאָטש ער איז נישט פאַראינטעע־רעסירט. ער הערט זיך אָבער צו, ווייל ער האָט איצט עפּעס אַנדערש נישט צו טאָן. אויף דער גאַס האָט ער מורא אַרויסצוגיין. נישט דער־פאַר, ווייל מ׳וועט אים, חס־וחלילה, אַרעסטירן. ניין, אָפנעהיטן זאָל מען ווערן. ער איז גאָרנישט, חס־וחלילה, עפּעס שלעכטס באַגאַנגען — ניין. נאָר ער וויל נישט אַרויסגיין, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועסן

שוין מענטשן וועגן זיין „עסק״, וואָס ער האָט גענומען פאַרענדיקט און מ׳וועט אָנהייבן אויף אים צו קוקן פון אַלע זייטן:

— אָט דאָ גייט דעם רייכן לעװו׳ס חתן — — —

— דעם געוועזענעם רייכן לעװו׳ס חתן, דער ראַבאַי — — —

און וואָס אמת, איז ער, מעגלעך, טאַקע גערעכט, דער ראַבאַי. מחמת, טאָמער מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ ענלעכע מעשה, ווערט זי צעפּלויגן איבער דער שטאָט ווי אַ האָגל. איז אָט־דערפאַר טאַקע גלייכער, ער זאָל אין ערגעץ נישט אַרויס, ביז ער וועט, אם ירצה השם, אַהיימפאָרן. דערווייל אָבער הערט ער זיך צו וואָס די פרוי באַרסקי רעדט, כאָטש ער איז נישט פאַראינטערעסירט.

— ווען כ׳האָב זיך באַקענט מיט באַרסקי׳ן, — דערציילט פרוי באַרסקי, — האָב איך נישט געהאַט קיין סך געלט. אָבער ער האָט גאָר־נישט געהאַט. האָב איך אים געמוזט אַ לאַנגע צייט אויסהאַלטן אויף מיינע פאַרדינסטן, וואָס כ׳האָב געמאַכט אין שאַפּ. נאָכדעם, ווען מיר האָבן שוין יאָ חתונה־געהאַט, האָבן מיר ווידער נישט געקענט האָבן באַלד קיין קינד. די פאַרדינסטן זיינע האָבן נישט געסטייעט. האָבן מיר אָנגעהויבן צו וואַרטן. געוואַרט איין יאָר, צוויי, דריי, פיר — ערשט נאָך אַ סך יאָר אָפּשפּאָרן אַביסל געלט — בין איך געוואָרן מאַמע און האָב דערצויגן אָט־דעם זון, בענע׳ן, וואָס איז מיר היינט אַוועק קיין וואַשינגטאָן.

בעת׳ן דערציילן האָט זיך איר דאָס פּנים אַלערלייאיק געענדערט. אַמאָל אויף ליכטיק, אַמאָל אויף טונקל, כמורנע. אָט פּונקט אַזוי, ווי אין דרויסן: אַמאָל איז די זון אַליין איבערן הימל, און אַמאָל פאַרציען זיך איבערן הימל וואָלקנס.

שוין אָט־אַזאַ טאָג, וואָס איז ענלעך צו פרוי באַרסקי׳ס האַרץ, און איר האַרץ — צום טאָג. ווייל אַזוי ווי איר האַרץ, אַזוי איז איר פּנים: אַמאָל ליכטיק, אַמאָל כמורנע.

משה באַרסקי וואָס האָט זיך אויך צוגעהערט צו ווייבס רייד, האָט זיך פּלוצים געטאָן אַ נייג־אַוועק פונעם גאַנצן ענין, אַ קוק־געטאָן צום ראַבאַי און זיך אָנגענומען ביי דער גאַמבע פרעגנדיק:

— וויפיל, דענקט איר, מאַכט מען דורך מייל אַ שעה גאַנג?

דער ראַבאַי האָט געטאָן אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צו דער מוטער און אויף איר געטאָן אַ קוק. דער קוק האָט געמיינט:

— וואָס זאָגסטו צו אַזאַ אינטעליגענטן שמועס?..

די מוטער, וואָס האָט זיך משער־געווען, וואָס ער מיינט, האָט אָבער געטאָן אויף אים א גיכן קוק, וואָס האָט געמיינט:

— וועסט געמיינערט ווערן, אז דו וועסט רעדן?..

דער ראַבאַי האָט זיך איצטער געטאָן צוריק א דריי־אויס צו באַר־סקי'ן און געענטפערט:

— א שטייגער, כ'ווייס — — — —

באַרסקי — זעענדיק, אז ער ווייסט נישט — האָט אים איבערגע־ריסן:

— איין מייל...

נאָכדעם טוט ער א פּרעס־אַרויף א גאַנצע האַנט אויפן טיש און זאָגט:

— איר ווייסט, צוליב וואָס כ'פרעג זיך?

דער ראַבאַי האָט א דריי־געטאָן מיטן קאָפּ: ניין.

געמיינט האָט ער אָבער: — כ'זאָל אזוי וויסן פון אייך...

באַרסקי טוט איצטער א זאָג: — צוליב מיין זון, בען.

נאָכדעם טוט ער זיך א קוק אויף די פינגער און נעמט חשבונ'ען:

— זינט ער איז אוועק ביז אצינד איז א קיימא־לן פון א דריי שעה. ריכטיק?.. איז אז איטלעכע שעה איז א מייל, איז צוזאַמען דריי מייל.

נאָכדעם טוט ער א הויב אויף דעם קאָפּ צום ראַבאַי און זאָגט שטאָלץ:

— הכלל, דריי מייל...

דער ראַבאַי טראַכט איצט:

— א שיין באַנעמען זיך... א גרויסע דערגרייכונג. ס'יידישע פאָלק מעג זיך איבערנעמען.

דעם ראַבאַי'ס מוטער, וואָס הערט זיך אויך צו צו באַרסקי'ס שטאָלצע און מוטיקע רעכענונגען, טראַכט:

— א שיינע דערציאונג קען שוין א קינד קריגן, וואָס האָט אזא טאַטן.

משה באַרסקי מאַכט אָבער איצטער, ווי צו להכעיס אַלעמען, א חשבון פאַר גאַנצן עולם ביים טיש:

— איר מיינט, אז מ'קען נישט דורכמאַכן מער מייל?.. האָט איר במחילה, א טעות.

ער רוט זיך אָפּ א ווייל, קוקט אויף אַלעמען, ווי צו ווען זיי אַלע־מען איבערצייגן, און נאָכדעם ווייטער:

— און מ׳דאַרף דורכמאַכן וואָס מער. און אויך וואָס גיכער, וואָרים וואָס גיכער אַלץ בעסער...

ער רוט זיך ווידער אָפּ אַ ווייל. נאָכדעם — ווידער ווייטער:

— נאָר די צרה איז, אַז מ׳גייט אין קאָמפּאַניע, שלעפּט מען זיך אַביסל. דאָ אַ לאַך, דאָ אַ זינג, דאָ אַ שטיף, דאָ עפּעס אַנדערש. עס פאַרנעמט — — —

בעת ער האַלט נאָך אַן אַזוי זיין שמועס, הערט זיך פון דרויסן עפּעס אַ האַרמידער, אַ געשריי און אַ געפּילדער, וואָס קומט, דאַכט זיך, פון אַלע עקן וועלט. אויך הערט זיך אַ געפּאָרעריי פון שווערע רעדער.

דער עולם דאָ טוט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל־אויף, גייט־צו צו די פענצטער ארויסצוקוקן, וואָס ס׳טוט זיך. אין דעם טוט זיך אָבער אַ רייס־אָפּ די טיר און ס׳קומט אַריין דער הויכער, חבר שלאָס אַ פאַר־סאָפּעטער, מיט אַ גרויסער חברה אַרבעטאָרערישע מענטשן.

חבר שלאָס, אין פראַנט, טוט זיך צו די האַנט צום קאָפּ, האַלט זי דאָרט, גלייך ער וואָלט געהאַט קאַפּוויייטיק, און זאָגט צו משה באַרסקי׳ן טרויעריק:

—— חבר באַרסקי...

באַרסקי שטייט שוין לעבן אים.

דאָסזעלבע — זיין פרוי.

חבר שלאָס טוט ווידער אַ רעד: — חבר באַרסקי...

אָבער מער קען ער שוין נישט רעדן. ער שטייט בלויז שטום, די ליפּן צוגעביסן, די אויגן — דאָ אויף באַרסקי׳ן, דאָ אויף פרוי באַרסקי.

אויך באַרסקי און זיין פרוי קוקן אויף אים.

ביידע צדדים קוקן זיך אָן, דערוואַרטן עפּעס נייעס. און ס׳נייעס איז באַלד געקומען:

פון דרויסן, אויף דער גאַס, האָבן עטלעכע מענטשן אַראָפּגענומען פון אַ שווערן לאַסט־אויטאָמאָביל אַ לאַנגען, אויסגעצויגענעם, פאַרבלו־טיקטן טויטן קערפּער און אים אַריינגעטראָגן דאָ, אין די באַרסקי׳ס הויז.

געווען איז עס — בען.

19

אין פירהויז, אין דער קיך, ביי די טירן, ביי די פענצטער, אומעטום זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרטערהייט אַנגעלאָפענע מענטשן — שכנים.

באַקאַנטע, פרייַנט — און האָבן גערעדט וועגן בר־מינן און וועגן אַלעם אַרום אים:
— נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט.
— געשטאָרבן ווייט אַוועק פון שטאָט.
— נישט לאַנג נאָכן אַרויסגיין מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע מאַר־שירער.
— געשטאַנען אויפן וועג פּאַליציי אַ וואַנט.
— מסתם באַשטימט פון וואַשינגטאָן.
— און מסתם אויך פון דאָרטן, דער שטאָט.
— מכלומרשט נישט אָנגעהויבן דאָ אין די גאַסן.
— טאָמער פאַלן אויך זייטיקע מענטשן.
— און טאָמער שטייען־צו זייטיקע, נעמען זיך אָן די קריוורדע.
— האָבן זיי קודם אַרויסגענאַרט אויסער דער שטאָט.
— דאָרטן געמאַכט די שחיטה.
— געפאַלן — — — מ׳ווייס גאָרנישט וויפיל.
— אַמעריקאַנער —
— רוסן — —
— דייטשן — — —
— אַ סך ליגן שוין אויך אין די שפּיטאָלן

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט, אין צווייטן צימער, צווישן די בעטן, אויפן דיל איז געלעגן בען — דער בר־מינן — צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. צוקאָפּנס — ברענענדיקע ליכט.

אויך איז נישט ווייט פונעם בר־מינן געלעגן דער רוקזאַק, אָדער די „קעמפּערישע טאָרבע", ווי ער האָט זי גערופן נעכטן, בעת אַ שמועס מיט דער מוטער.

די „קעמפּערישע טאָרבע" איז געווען פאַרבלוטיקט, פּונקט ווי ער, בען, ווען מ׳האָט אים פריער דאָ אַריינגעטראָגן. די „קעמפּערישע טאָרבע" איז געלעגן אָן אָנגעפּאַקטע מיט פיל זאַכן.

איידער בען איז אַוועק, האָבן מוטער און פאָטער אָנגענומען אין די „גראָסערי־סטאָרס" אויף באָרג: ברויט, קעז, געבאַקענע פיש, אויך קאָנסערווירטע הערינגלעך. זיי האָבן אים אפילו מיטגעגעבן אַ וואַלענע צודעק, וואָס ער זאָל זיך האָבן מיט איר צוצודעקן, ווען ער וועט ערגעץ אונטערוועגנס דאַרפן נעכטיקן אויף פעלדער, אָדער אין אַ ליידיקן שייַ־

ער. אַלץ האָבן זיי געטאָן, די עלטערן, פאַר זייער איין־און־איינציקן זון כדי ער זאָל נישט דאַרפן ליידן דחקות אויפן וועג און, חלילה, זיך נישט צוקילן. ער איז דאָך פאַרט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך לאַנגע יאָרן זיין פאַר־הייראַט און נאָך לאַנג זיך מוטשען, ביז זיי האָבן געקענט טראַכטן פון אַ קינד.

אָבער איצטער ליגט ער אויפן דיל, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך, און די „טאַרבע" לעבן אים אַן אומניצלעכע.

די מוטער, אַ געבויגענע אין דרייען, שטייט דאָרטן, אין צווייטן צימער, איבערן זון, האַלט די הענט ווי ביי ליכט־בענטשן, אויפן פּנים, אויף די אויגן, און צעריננט אין טרערן. אירע קולות—מאַמעשע, פּרוי־ענלעכע, מענטשישע — צעטראָגן ס'הויז.

אויך איז דאָ אין הויז משה באַרסקי. אָבער נישט אין צווייטן צימער.

דער ראַבאַי און די מוטער האַלטן אים צו דאָ, אין דער קיך. זיי האַלטן אים ביי די הענט. ביי די אַקסלען, ביים קאָפּ. שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט זיך געוואָלט אומברענגען. אָבער דער ראַבאַי און זיין מוטער היטן אים:

— יידן טאָרן אַזעלכע זאַכן נישט טאָן...

— ס'לעבן ווערט געגעבן פון גאָט און צוריקגענומען פון גאָט...

ער זעט אויס איצטער פאַרעלטערט, דער שטענדיק מונטערער משה באַרסקי, וואָס האָט אַ סך האָפנונגען, חלומות... די אויגן רויט, פול מיט טרערן. פּלוצים איז אים אויך עפּעס אָנגעוואַקסן אַ באָרד. און לויט דער באָרד זעט מען ערשט, אַז ער איז שוין גאַרנישט קיין יונגער, אַנט־קעגן דעם, ווי ער האַלט זיך שטענדיק מיט זיין מונטערקייט. די באָרד איז גראָ. זי בלישטשעט מיט פּראָסטקייט, מיט וויי־טער סודות'דיקייט. זי שיינט פון חוצפּה: טויט.

דער ראַבאַי, וואָס האַלט־צו באַרסקי'ן, זאָגט איצט שטיל צו דער מוטער, וואָס האַלט אויך באַרסקי'ן:

— מיר וועלן שוין נישט אַהיימפאָרן היינטיקן אָוונט. מ'וועט זיין ביי דער לויה.

די קליינע, שטרענגע מוטער האָט איצטער פאַרלוירן אַלע אירע „תיכפּ'ס" און אַ מילדן קוק, ווי פון תהילים אַרויס, געטאָן אויף אים:

— אודאי... ס'אַ מצוה...

20

אויף דער נאַכט זענען דאָ, אין דער קיך, געזעסן צוויי פרעמדע מענטשן ביים טיש און האָבן גערעדט וועגן אַ קבר.

איינער פון די שמועסער איז געווען באַרסקי׳ס אַ שכן, אַ גראָער, ברייטבייניקער, נידעריקער, וואָס וואוינט אינעם זעלבן הויז, אויפן צווייטן שטאָק. זיין נאָמען איז: איסר איסעראָוויטש. ער איז זער אַ געלאַסענער, דער איסר איסעראָוויטש. ווען ער גייט, במחילה, שפּייען, טוט ער עס אָן אַ זייט; אַמאָל אויך אין אייגענעם קעשענע־טיכל. און איידער ער גייט עפּעס רעדן, קוקט ער פריער לאַנג אויף דעם מיט־שמוע־סער, גלייך ער וואָלט אים געוואָלט זאָגן איין וואָרט, אָבער אַ גוטס...

דער צווייטער איז געווען אַ יונגער, בענ׳ס אַ חבר: בערגער. בער־גער איז געווען אַ פלינקער, גיך אין אַלעם, וואָס ער האָט געטאָן. שעמען, נישט שעמען זיך, קונצן, נישט קונצן — דאָס איז אַלץ נאַרנישט. וויכטיק איז נאָר, וואָס מ׳וויל, און אמת׳דיק ווילן, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען. — דער אמת איז איבער אַלץ!

— אַפילו איבער זיך אַליין... — פלעגט ער זאָגן, אָט־דער בערגער.

איצטער זענען זיי ביידע געזעסן אַקעגנאיבער זיך, אָט־דער איסר איסעראָוויטש און דער יונגער בערגער, און האָבן זיך זער שטאַרק אָנגעקוקט. איינער דעם אַנדערן האָט געגעבן וואָס מער צו פאַרשטיין, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. ביידע האָבן נאָר גערעדט איצט וועגן אַ קבר.

איינער האָט געזאָגט: — דער קבר געהערט אונדז...

און דער צווייטער האָט געזאָגט: — דער קבר געהערט אונדז...

עס איז געווען אַ לאַנג שפּאַרעניש.

יעדער איינער פון די צוויי שמועסער האָט אָנגעהערט צו אַ באַ־זונדערער פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָלט האָבן רעכט אויף דעם געשטאָרבע־נעם בחור, בען.

דער גראָער איסר איסעראָוויטש האָט געהערט צו אַ סאָציאַליסטי־שער קעגנזייטיקער הילף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן: „אַרבע־טער־רינג״.

דער יונגערמאַן בערגער, ווידער האָט אָנגעהערט צו אַ קאָמוניס־טישער הילף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן: „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן״.

ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן קיינמאָל נישט געלעבט בשלום. דער

קריג צווישן זיי איבער די אופנים, ווי אזוי אפצושאפן די קאפיטאליס־טישע אָרדנונג. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געוואָלט: נישט איילן זיך, געלאַסנקייט, וואַרטן ביז דאָס פאָלק אַליין וועט וועלן... די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע — קיין וואַרטעניש, שוין, אפילו דורך בלוט.

צו דער סאָציאַליסטישער קעגנזייטיקער הילף־אָרגאַניזאַציע האָט אויך אָנגעהערט משה בארסקי, כאָטש ער האָט אויך געוואָלט זיין מיט דער קאָמוניסטישער. ער איז געווען דאָ גוט און דאָ גוט. ער האָט ביידע ליב געהאַט.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט זיין זון, בען — כאָטש אַ יונגינקער, האָט זיך דאָך באַלד געשטעלט מיט ביידע פיס אין איין מחנה — אין דער קאָמוניסטישער. ער האָט אָבער געהערט צו דער סאָציאַליסטישער קעגנזייטיקער הילף־אָרגאַניזאַציע, מחמת דער פאָטער האָט פאַר אים דאָרטן געצאָלט שטייער.

איצטער אָבער זענען זיך צונויפגעקומען ביידע צדדים — איינער פון דער סאָציאַליסטישער מחנה, און איינער פון דער קאָמוניסטישער — און האָבן בשתיקה, שאַ־שטיל אַ שטילינקן קריג.

איינער זאָגט: — דער קבר געהערט אונדז.

און דער צווייטער זאָגט: — דער קבר געהערט אונדז.

זיי רעדן וועגן אַ קבר, מחמת איטלעכע קעגנזייטיקע הילף־אָרגאַני־זאַציע באַזאָרגט די אָנגעהעריקע, נאָכן טויט, אויך מיט אַ קבר.

דער סאָציאַליסטישער איסר איסעראָוויטש טענה'ט:

— אַזוי ווי דער פאָטער האָט ביי אונדז שטענדיק געצאָלט, געהערט דער זון נאָכן טויט אויף אַלע אונדזערע הוצאות.

און דער קאָמוניסט, בערגער, טענה'ט:

— כאָטש דער פאָטער האָט ביי אונדז קיינמאָל גאָרנישט גע־צאָלט, באַשטייען מיר דאָך צו נעמען דעם זון נאָכן טויט אויף אונ־דזערע הוצאות.

און אַלס פירוש גיט ער נאָך צו:

— ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער ביים לעבן, דער זון, ווילן מיר אים אויך האָבן נאָכן טויט צווישן אונדזעריקע.

בעת זיי קריגן זיך איז אין דער גאַנצער וואוינונג שטיל.

אין צווייטער צימער, וואו עס ליגט נאָך דער בר־מנין צווישן די בעטן, אויפן דיל, טריפן אָן אויפהער ברענענדיקע ליכט. דאָ שטעקט

מען אריין אין די לייכטערס נייע, דא טריפן זיי באלד אויס. די פענ־צטער אין צימער דארטן זענען אפן, ווייל ס׳גייט א ריח פון מת. א בלוטיקער ריח. פון פינצטערן דרויסן ווייעט אריין א ווינטל, א קילב ווינטל, און עס גענעזט דא אביסל די לופט.

אויך איז דארטן, אין צימער, דא דער פאטער בארסקי. ער זיצט אויף א שטול, איבערן טויטן זון, האלט דעם קאפ אראפגעלאזט, אנ־געלענט אויףביידע אונטערשפארנדיקע הענט.

אויך איז דארטן די פרוי בארסקי. אבער זי ליגט איצט אויפן בעט. זי ליגט אין אנגעטאעכץ. איר קאפ איז אהינטערגעווארפן. אירע האר צעפלאשעט. אירע אויגן זענען נישט רויט, נישט געל. זיי זענען עפעס בלויז נעפל און טיף אריינגעפאלן.

אויך זענען אין יענעם צימער דא א סך מייז. עפעס איז געווארן א שפע׳דיק אנגעלאף פון זיי. זי לויפן פון אלע זייטן. עס הערט זיך א קוויטשעריי ווי אויף א חתונה.

די איינציקע, וואס גיבן איצט אכטונג אויפן גאנצן „הויז" דא, זענען דער ראבאי און זיין מוטער.

זיי שטייען איצטער דא אין דער קיך, גיבן אכטונג אויף די צוויי פארטייער, אויף זייערע באוועגונגען, הערן זיך אויך צו צו זייערע ווער־טער און שוויגן.

אין פירהויז, ביי די טירן, אין דער גאנצער קיך זענען שוין איצטער נישטא די אלע אנגעלאפענע מענטשן — שכנים, באקאנטע, פריינט — וואס זענען געשטאנען דא אינמיטן טאג.

עס איז איצטער שטיל.

פון דרויסן שפארט אריין די פינצטערניש. די עלעקטרישע לעמפ־לעך דא לייכטן אויך עפעס נישט, ווי אלעמאל.

עס איז אין „הויז" א מרה־שחורה, א וויסטקייט, א קאלטקייט.

סוף כל סוף קומען ביידע פארטייער, איסר איסעראוויטש און בער־גער, צו א פארשטענדניש:

— מ׳וועט פרעגן דעם פאטער בארסקי׳ן, וואס ער וועט זאגן, אזוי וועט זיין.

איצטער אבער קען מען צו אים נישט צוגיין. מ׳דארף אים פאקן אין א באזונדערס לייטישן מאמענט.

21

אין דער פרי איז אין דרויסן געווען שווארץ.

א געדיכט־קעפּיקער עולם האָט אוועקגערירט פון באַרסקי׳ס וואוינונג, פון וואַנען מ׳האָט ארויסגענומען דעם פאַרשטאָרבענעם זון, בען.

עס איז געווען א בראַנדיק, הייסער אינדערפרי. די זון — א ליכטיק חתונה־פּנים אין לויטערן, בלאָען הימל, האָט געפּלייצט מיט ליכט. פייגל זענען געפּלויגן איבער דעכער. ביימער ביי די טראָטוארן זענען געשטאַנען רואיק. בלעטלעך האָבן זיך נישט באַוועגט.

פון די הייזער־פענצטער, אויף יעדע זייטן גאַס, האָבן ארויסגעשטעקט די קעפּ אַלטע לייט, וואָס זענען מיט א סך יאָרן צוריק אהערגעקומען פון דער אַלטער היים, וואו ס׳זענען געווען פּאָגראָמען, הונגעריאָרן און רעכטלאָזיקייט, כדי דאָ אויסצולעבן די יאָרן רואיק. עס האָבן זיך אויך געדראַפּעט אין די פענצטער— זוויג־קינדער און געקוקט אויף זאַכן, וואָס זיי האָבן געזען ערשט ס׳ערשטע מאָל.

צווישן געדיכט־קעפּיקן עולם האָבן מענטשן הויך געהאַלטן רויטע פענער.

די פענער האָבן אומרואיק זיך געווינטעוועט. געכוואַליעט איבער טויזנטער קעפּ.

פיל פון די מענער און פרויען האָבן געטראָגן שווארצע קרעפּ בענדער אויף די אָרעמס.

פיל קינדער, וואָס עלטערן האָבן געפירט ביי די הענט, האָבן געטראָגן שווארצע קליידלעך.

דער מתים־וואָגן איז געווען ארומגעהילט אין רויטע און אין שווארצע טיכער.

הינטער דעם מתים־וואָגן האָט מען געפירט — די פאָטער־און־מוטער באַרסקי׳ס. נישט קיין פּנים, נישט קיין אויגן איז איצטער געווען צו דערקענען ביי זיי, פאָטער און מוטער.

הינטער זיי זענען געגאַנגען: דער ראַבאַי און זיין מוטער. זיי האָבן זיך אגב געפילט, ווי עפּעס אויף א פרעמדער חתונה. אָבער זיי האָבן געמוזט גיין. ערשטנס, קוזינען; צווייטנס, זענען זיי בייגעווען כמעט ביים גאַנצן עסק. חוץ דעם, איז סתם א מצוה נאָכצוגיין א לויה.

אין פראָנט פון דער לויה איז געגאַנגען א לאַנגע מחנה פון פירייאיקע שורות יונגוואַרג: מיידלעך און בחורים. דאָס זענען געווען די קאָמוניסטן, וואָס בען האָט צו זיי געהערט.

די מיידלעך האָבן געטראָגן שוואַרצע זאָקן און רויטע שלייפן אין די בלוזקעס. די בחורים — רויטע קראַוואַטן און שוואַרצע קרעפּ־בענדער אויף די אָרעמס.

אָן סאַמע שפּיץ זענען געגאַנגען דער הויכער חבר שלאָס און צוויי נישט־יידן, אַן אַמעריקאַנער און אַן ענגלישער, וואָס האָבן אויך גע־הערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

געגאַנגען איז אָט־די גאַנצע מחנה אַוועק צום „פעלד", וואָס גע־הערט צו דער קאָמוניסטישער קעגנזייטיקער הילף־אָרגאַניזאַציע.

משה באַרסקי איז אַגב באַשטאַנען, אַז די אָרגאַניזאַציע, וואָס דער זון האָט צו איר אָנגעהערט ביים לעבן, זאָל אויך אים האָבן נאָך זיין טויט.

— ס׳איז פאַר דעם זון׳ס כבוד... — האָט ער געזאָגט.

דאָס „פעלד" איז געווען ווייט אויסער דער שטאָט.

לעבן דעם „פעלד" זענען געווען אַ סך אַנדערע. אָבער איטלעך איינציק „פעלד" — אַרומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם פּאַרקן. איין „פעלד" האָט געהערט צו די פרומע יידן; איין „פעלד" — צו די ציוניסטן; איינס — צו די סאָציאַליסטן און אַזוי ווייטער. איטלעכע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ באַזונדער „פעלד".

זינט מ׳האָט אַוועקגערירט פון די באַרסקי׳ס וואוינונג ביז אַרויף אויפן „פעלד" איז געווען שטיל. קיינער האָט נישט גערעדט, אפילו נישט געשעפּטשעט. ערשט ווען מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט בענע׳ן אין קבר אַריין, האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג.

די גאַנצע קאָמוניסטישע יוגנט־פּאַרטיי, אויך אַנדערע האָבן אַרונ־טערגענומען די היטלען פון די קעפּ און אָט־אַזוי באַערנדיק דעם טויטן חבר האָט מען געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל":

. . . די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר און דאַן —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

בעת פאַרשיטן דעם קבר זענען פאָטער און מוטער באַרסקי׳ס גע־לעגן אויף דער ערד און האָבן יאָמערלעך געהעשעט:

— צו וועמען וועלן מיר אַצינד אהיימגיין...

— וואָס פאַרא נחת וועלן מיר שוין אַצינד האָבן אין דער וועלט.

חבר שלאָם — אַ בלייכער, מיט אַריינגעקראָכענע אויגן — איז איצטער צו צו משה באַרסקי'ן און האָט אים געמונטערט:

— חבר באַרסקי... חבר באַרסקי... האָט מוט... נעמט אייך אין די הענט אַריין.

אויך איז צו משה באַרסקי'ן צו איסר איסעראָוויטש, דער שכן, וואָס איז אויך מיטגעגאַנגען מיט דער לויה, און האָט אָנגעהויבן אים, באַרסקי'ן, צו טרייסטן:

— און די פּאַריזער קאָמונע האָט דאָך אויך געהאַט נישט ווייניק קרבנות... איר ווייסט דאָך, חבר באַרסקי... און ווען נישט? כל־זמן מיר וועלן האָבן רייכע און אָרעמע, הערשער און באַהערשטע, וועלן מיר שטענדיק האָבן קרבנות...

די פרומע קוזינקע, וואָס איז געשטאַנען מיט איר זון, דעם ראַבאַי, דאָ לעבן די באַרסקי'ס, האָט איצטער צו אים, דעם ראַבאַי, אַ זאָג געטאָן:

— מ'וואָלט באַדאַרפט זאָגן איינעם פון אָט־דער חברה, אַז עמיצער זאָל בלייבן מיט זיי, די קוזינען, אין הויז, כדי מיר זאָלן נאָך קענען היינט אַהיימפאָרן...

— יאָ... — טוט אַ שטילן, אומעטיקן פּרעפּל דער ראַבאַי, וואָס איז איצט אויסגעבלייכט, מחמת ער האָט די לעצטע עטלעכע טעג גוט צוגעהונגערט — כ'בין זער מיד, צעבראָכן. דאַרף קומען צו זיך. כ'האָב נאָך אַזעלכעס נישט איבערגעלעבט.

און די מוטער האָט גענומען צוואַרטן ביז מ'וועט אָנהייבן אַרויסצוגיין פונעם פּאַרק, כדי עמיצן פון דער חברה צו זאָגן וועגן איר בקשה און פּאַקן זיך אין וועג אַריין.

א. לעיעלעס

אפרים אויערבאַך

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

בעריש וויינשטיין

ז. ווינפער

א. לעיעלעס

פּאַביוס לינדס טאָגבוך

יאַנואַר 27

מוטערדיס, טיף אין מיין אינגעוויד
מאָנען לידער אין מיר ווי אַ וואונד אין געביין.
זאָל מיר זיין אזוי און נאָך מער,
אויב נישט אַ לעמפּערט אויף לויער דורך נאַכטלעך געווילד
איז דער הונגער נאָך ליד אין מיין גומען און לענד —
אומגעשטילט.
דערפילונג איז אָנונג און אָנונג איז מאָנונג,
נישטאָ קיין זעטיקייט פאַר ליד אין מיר.

יאַנואַר 28

פינצטערניש.
נעדיכטע, קנויליקע,
אוראַלטע, גרויליקע, אומהיימלעכע, מויליקע.
און פּלוצלונג — פונקען ווייסע, גאַנצע פּאַסן.
מאַגניום־גלי — ווייס, ווייס.
אַ קני — וואָרעם, ווייך און שטייף.
אַ רייף אַרום מיר, ווי דער רינג אַרום סאַטורן.
שטייף אַרום מיר. ווייס. מוטערלעכער נאַקטורן.
סומנע רייצעניש.
מאַרך־פאַרפּלייצעניש. פּאַל — פּלי. פּאַל — פּלי.
קני. מאַגניום־גלי. און ווידער —
קנויליקע, קויליקע פינצטערניש.
פאַרפּאַלעניש.

יאַנואַר 29

פון נאַנטסטן שפּיגל איז אויף מיין געהער
אַ רוף געפאַלן שאַרף און אומגעריכט.
איך האָב דערזען — נישט אַ באַקאַנט געזיכט.
איך האָב נישט־ווילנדיק געמורמלט: ער.
פון קאַלט געשליפענעם, פון גלאַטן שיכט

האָט אַ געדאַנק געוואַקסט ווי זייטיק, קווער.
אַ טאַטע האָט דערלאַנגט זיין קינדס באַגער,
און אים פאַרטרויט זיין קלוגן סוד פון ליכט.

ער. ער. איך האָב געפאַרשט דעם שפּיגל לאַנג,
און זיך צעלאַכט פון זיך. כ'בין דול, ס'איז קלאָר.
און כאָטש עס האָבן אויגן, ציין און האָר
צוריקגעלאַכט איצט מיט באַקאַנטן קלאַנג,
האָט אויך דער וואַכער, קווערער גאַסט־געדאַנק
געגריסט דורך דער גרימאַסע — ליב און וואָר.

און כ'האָב געוואוסט: אַ דריי און וואָך ווערט וואָך.
אַ דריי און אומזין שפּאַלט זיך אָפּ פון אום.
אַנטפּלעקונג אין דעם שטורעמס רעוו און ברום
און אויך — אַט וויזאַווי אין שפּיגלפּלאַך.

אַ רייפע נאַכט האָט דרויסן קיל געבלויט.
אַ קינד האָט פריי געטייטשט דעם פּשט פון טויט.

יאַנואַר 30

קאָלאָמבוס־סוירקל פאַרנאַכט — אַ געמיש פון לייב און שטיין,
אַ צענויפלויף פון דער שטאָטס עשירות,
מיט אַ שווינדזוכטיק נעגעריש געסל
פאַר זייטיקע, אונטערטעניקע עדות
אויף דעם הפקר, הו־הא און הויכקלעטעריי.
דעם פאַרגעסענעם דענקמאָל פון דעם גרעסטן אַנטדעקער
איז לאַנגווייליק פון די אויטאָס, עלעקטרישע רעגנבויגנס,
פון די פּאַטריאָטישע סטאַטועריין,
וואָס באַוואַכן דעם פּאַרק פאַרן פאָלק, פון דעם פאָלק, דורכן פאָלק.
די דרייסיק־פערציק־שטאָקערס אַרום —
אַט שטרעקן זיי זייערע גראַניטענע לאַפּעס
צו די מיידלשע הינטנדלעך,
וואָס טאַנצן אויף די פרוזשינעס פון אַ כיטרען מעכאַניקער,
אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף,
מיט צוזאָג, מיט לאַדונג — ווער ווייס וואָס פאַר אַ גליקן!
פון לאַנגווייל באַסעוועט פינקטלעך מיט יעדן זייגער־קער

א. לעיעלעס

(ווער ס'קאָן הערן — הערט)
די שטים פון דעם אנטוישטן, פרומען קאָלומבוס:
וועמעס לעבן איז נישט א צופעליק איבערגעלאָזענע שילד,
וואָס שרייט וועגן דערפאָלג, וועגן גרעסטער מציאה
אויף א פאַרהאַקטן, שוין לאַנג באַנקראָטירטן געשעפט?

31 יאַנואַר

א שטרייט מיט דיר ברודער
אויף לעבן און טויט.
דיין גאַנצער געגודער
אין מיין שווייס, אין מיין הויט
איז מיין טויט.

כ'בין דו — דאָך א צווייטער,
אַן אַנדער געשטאַלט.
כ'וועל ברענען אַלץ רויטער
ביז צו אַש מיט געוואַלט
דיין געשטאַלט.

פאַר ביידן צוזאַמען
קיין אָרט אונדז נישטאָ.
מיט דיקטאַטאָרשע קאַמען
צעצויט איך דיין שעה
און נישטאָ.

דו ווינק מיר נישט מיסטיש
מיט מאַגישן שטאָק.
איך טייל באָלשעוויסטיש
איצט דיר אויס דיין פאַיאָק
מיט א שטאָק.

און מאָרגן און ברען איך
און קאַם זיך אַליין —
איך גיב נישט קיין פעניק
פאַר מיין אייגן געביין.
כ'טויט אַליין.

פאביוס לינדס טאָגבוך

פעברואַר 1

מען האָט אים געפירט צו דער גיליאָטין.
די מאַשין האָט געזאָגט: איך בין, איך בין בלויז אייזן.
דער הענקער איז געווען קלוג און פריינטלעך,
און הינטער אים האָט ער געזען נאָך אַ קליגערן, נאָך אַ פריינטלעכערן.
אים האָבן פאַרוואונדערט די פרייד־געשרייען פון די סאָנים.
ער האָט מורא געהאַט מיט אַלע מורא׳ס
פון יעדן לעבעדיקן בלוטסטראָפּן.
נאָר נישט קיין וואָרט און נישט קיין ווילן
האָבן אָפּגעטיילט זיך פון אים
אויסצושרייען אָדער אַריינצושעפּטשן
זיין אומשולד.

ליבע קעגן אייזן.
ער האָט גאָרנישט געוואָלט באַווייזן.
ווי דאָס מעטאַל וואָלט אַריין אין זיינע מורא׳ס
און זיי געשטייפּט מיט מוט און איראָניע.
אין פולער האַרמאָניע מיט זיך —
צום ערשטן און לעצטן מאָל —
האָט ער געקושט דאָס שטאָל פון מעסער,
און ברידערלעך געגריסט דעם הענקער.
קיין איין וויטרינע
פון זיינע טוגענטן האָט ער נישט אויסגעפּוצט.
אויף אַלע פּאַרצופֿן גרויע גאַרדינען און געזאָגט:
דו ביזט בלויז אייזן,
איך בין בלויז אומשולדיק.

פעברואַר 2

זיי רוישן און שרייען אין שטיבער, אין גאַסן,
זיי האָבן ליב פענער, באַזונדערע רייד.
ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז באַגינען געמט בלאַסן —
זיי זאַמלען זיך, קריגן זיך קאָכיקערהייט.

ווי מענטשן אָן היימען. און אַלץ — זייער דאגה.
וואו עפּעס — אַ מיטינג, אַ מאַרש, אַ פּראָטעסט.

פון וואַשינגטאָן סקווער ביז אַזיאַטישער טאַונע
מיט אַלע אין שטריימ, קענן גאָט אין פּאַרמעסט.

וואו צווייַ, דאָרטן דריטע, און תיכף שוין היימיש.
מען זיהט נישט, מען פלאַנצט נישט — זיי וואַקסן דיר אויס.
פאַר זייטיקע לייט אַ מין פריקרע געהיימניש,
נאָר טומלער מיט אויגן, וואָס אַלץ איז זיי גרויס.

פאַר זייטיקע לייט בלויז צעשטערער אַזוינע,
אַ שבט, וואָס גלייכער צו ווייכן פון אים.
אַז זייער האַנט איז אין יעדן, און יעדער אַ שונא,
און גרילציקער שוועבל צערייסט זייער שטים.

נו זאָל זיין געבענשט אָט־דער טומל געדרעכטער,
אָן אים וואָלט קיין רו נישט געקומען אין לאַנד,
נאָר אייביקער כאַרכל אין אייביקן שעכטהויז —
אָן ציטער פון קוילערס נישט־זעטיקער האַנט.

אַ זאָלן זיי אויסזען ווי שרייערס אומיסטן,
גלייך דערוווישן, דולע פון געטלעכן סם.
עס היטן די פילדערער — די קאָמוניסטן,
ס'זאָל דאָ זיך נישט אָפּטאָן דער געטלעכער פּלאַם.

פעברואַר 3

דער הויכגעפרייזטער איז געשטאַנען פאַר אַ מענטשן טויזנט
און האָט געפּראַוועט די עבודה פון נשמה־ברויזן.
די טויזנט זיינע ענטפערער, און ער דער רופנדיקער גלאָק.
די טויזנט זיינע נאָכגייער, און ער דער פירנדיקער שטאָק.
ער — אַפּאָסטאָל, ער גאָט און זיי די אָנבעטער געבוקטע,
זיין וואָרט אַ שם המפורש, אָן שום ספק, אָן שום פּלוגתא.
הויך האָט געשלאָגן דער עקסטאַז, די הערצער — פלאַמעדיקער קויל,
איין פייערפלאַם, וואָס איז געוואַקסן אַלץ אַרום דעם ליבלינגס מויל.
און מיטאַמאָל, פון גרויס עקסטאַז, די טויזנט אויף דער בימה,
און אים באַפאַלן מיט געשריי, מיט טרערן, שלוכצן, הימנען.
פון אייטל ליבשאַפט, טריישאַפט און פון איבערשוימעדיקן גליס
האָט יעדערער פון אים גענומען רייסן שטיק נאָך שטיק.

א בראָק פון אים, א האָר פון אים, א זכר פון א נאָגל.
א קרבן ער, די טויזנט — זיין פארצוקערדיקער האָגל.

ווען פון דעם גאָט איז גאָרנישט געבליבן,
און די אָנבעטער זענען אוועק נישט־געזעטיקטע,
האָב איך דערהערט אונטער די פיס א סקריען, א סקריפּן,
און דערזען א קופּע בראָכווארג.
געדולדיק האָב איך די שטיקער און שטיקלעך
צענויפגעליגט, צענויפגעקלעפּט,
ביז אויף מיין האַנט האָט געפלאַטערט א טייערע, געגאַרטע וואזע,
און אויף איר רונד אַרום די אויפשריפט:
דאָס איז די אַנגסטיקע באַלאַדע פון דעם וואָס איר באַגערט.
דאָס ווערק פון טויזנטער בין איך, זיין יעדנס קנעכט איז מיר באַשערט.
די וואַזע האָט אַרויסגעגליטשט זיך פון מיין אומגעשיקטער האַנט,
איך האָב באַטראַכט די שטיקלעך און א קליגערער פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

פעברואַר 4

צוויי אַלטע נאָנעס זענען געשטאַנען אין דער זאַווערוכע
פון מיינס א חלום.
אויף זיי די סימבאָלן פון א פרעמדן גלויבן.
איך האָב זיי באַוואָרפן מיט שנייענע קוילן.
האָט א ווינט זיך צעהוילן און בייזע פליגל האָבן געקלאַפּט,
און כ'האָב צעריסענע ווערטער געכאַפּט:

שונא אויף שונא.
ווי די נעכטנס, אַזוי די היינטן.
לאָמיר זיך פיינטן, איינס ס'אַנדערע היטן.
איך דיך, דו מיך, מיר ביידע א דריטן —
שונאים אַלע.

שוין נישט קיין נאָנעס, קיין זקנות —
אינמיטן צעבייזערטער ווייסקייט פון שניי
האָבן צוויי שוואַרצע שווערטן געפאָכעט מיט סוף.
און איך האָב זיך צערימשעט אין שלאָף,

און געעפנט די אויגן מיט אַ צעשראָקן געשריי —
חברים, חברים, חברים.

פעברואַר 5

כ'האָב היינט געזען מענטשן אין שטרייט פאַר ברויט,
פאַר דער גריים פון צוגעטיילטן ביסן.
איך קען יעדן פון זיי.
דער וועבט לופטיקע בריקן אַלץ ארויף
פון דינסטע זייד־פעדים, לויטער גייסט.
אַ צווייטער שפּייזט ציטעריקע חלומות פון אויסגעדאַכטע ברעקלעך,
וואָס עס טראָגט אָן דער ווינט פון דורכפאַל.
אַ דריטער דערציילט חכמות פון זיין יינגסטן קינד
און פייכט און וואַרעם גלעט זיין אויג די גאַנצע וועלט.
אַלע פיינע לייט,
עס קומט זיי אויבנאָנס ביי אַ יום־טוב פון גוטסקייט.
האָבן זיי געדאַרפט מעסטן פאַר אַנדערע צוגעטיילט ברויט,
זיי — די זייד־פעדים, די ציטער־טרוימען, די ליבהאָבער פון קינד.
זיי זענען געווען ווי היינט.
און איך — יענעם טאָג האָב איך נישט גענומען
מיין אייגן פונטל ברויט און עס צעטיילט צווישן הונגעריקע.
נישט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אָפּגעגעבן אַ דערפרוירענעם.
נישט געלאָזן זיך נאַקעט און פריי
זוכן דעם וועג פון גוטס און קלוגשאַפט.
כ'בין אַליין געווען אַ וועגער און מעסטער.
כ'האָב מער נישט פיינט די מענטשן,
נאָר זיך אַליין בין איך ווי אַ וואונד און אַ קרעציקייט.
איז דאָ סייכל און פאַרשטאַנדיקייט
צווישן אָט־די פיר ווענט און דעם אויג
פון בער־שטערן ?

פעברואַר 6

הינטער אומענד קאַלטע טירן
אַנצאָל פאַרהענג פונקט ווי פעך.
ווייטער אינסוף וועגן פירן,

אַלע פינצטער — און אַ דעך.
פון דער ערשטער טיר איז מער נישט
דאָ קיין דרויסן, קיין צוריק.
פאַר דער צווייטער טיר אַ שטערניש,
צו די אַנדערע קיין בריק.
און די ווענט — גליטשערס, לויפערס,
הוילע פאַסטקעס און געדריי.
ס'קלינגען גלעקער, ס'שאַלן שופרות —
נישט אויף זיי, אָ נישט אויף זיי.
ווער עס שטרויכלט, ווערט פאַרשאָטן,
און אַ שטרויכל יעדער קער.
אָט דאָס רעטעניש מיך ראָטן
הייסט דער שטערן פון דעם בער.

פעברואַר 7

איך האָב גע'ירש'נט נאַאיוון אָפנהאַרץ
פון דורות קליינשטעטלדיקע פוילישע יידן,
און שפּיציקע רייד
פון הייסגעבאָדענע פרויען אין מיין קלאַן.
אַ בלינדע יוני־נאַכט האָט אַלץ אויסגעמישט
און מיך אַרויסגעשיקט —
אָן איינזעעניש פאַר סימעטריע.

מיין וויזאַווי וועגט מיך פאַרזיכטיק
אויף דער וואָג פון זיין וועלט־ און מענטש־געניטקייט.
רופט מיין שטים צוריק — אינטים און גראַד.
לויט דעם כּלל פון אַ העלפט דער וואַנט און אַ העלפט דעם טייך,
איז ער מיר מוחל די אינטימיטעט.
און די גראַדקייט — עלעהיי אַ ווירע פון שטאָל:
יצעשיידט און שטעכט.

ווערן מיינע וויזאַווים שיטערער.
און דער זשאַווער פון מיין קליאַמקע —
נישט בלויז דער זויערשטאָף פון דער לופט.

א. לעיעלעס

נאָך גוט וואָס פון צייט צו צייט
קאָן איך האָבן מיין אייגן ביסל שפּאַס מיט זיך אַליין.

פעברואַר 8

היינט איז אַ שטעג אַ רונדער,
פאַרענדיקט ביז צום ענד,
אַ גאַנג וואָס איך באַזונדער
דערפיר אים, לענק און װענד.

עס האָבן מיר חברים
דעם גאַנג באַצווייט באַדריט,
חברים ווערן גרים,
און ס׳שיידן זיך די טריט.

היינט וויים איך: קיין געמיינזאַם,
אומזיסט באַגערט, געזוכט.
היינט קלאָרע פרייד פון איינזאַם,
ווי זון אויף רייפער פרוכט.

פעברואַר 9

דעם פּראָפיל האָט דורכגעלויכטן אַ וואַרעמער שמייכל,
און פון די קאַרגע ליפּן האָט ערלעך זיך אָפּגעריסן
אַ גוט וואָרט, און —
עס האָט זיך גרינג און פריי געגליטשט פאַר מיר
דער שווערער גרויער טאָג.
די זשאַווערדיקע שטאַבעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט
אַ ברוגז׳ע מיטווינטער־זון
זענען געוואָרן לופטיקע פלאָרענטינער קאָלאָנעס,
און באָטש דער דרויסן האָט נאָך אַלץ גרוי געגרוינט,
האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם געל־גרין־רויט
פון דיעגאָ ריוועראַס בלומען־פיעסטאַס
און קינדער־פּאָרטרעטן.

איך האָב ווידער נאָך לאַנגע טעג
געשמייכלט פריידיק צו די טראָמטוארן און צו זיך.
איך האָב אַפילו פאַרגעבן דעם גראָבן מענטש,

וואָס האָט מיך אַ טאָג פריער באַליידיקט.
ער וועט אויך שטאַרבן, און ער האָט אויך אַמאָל געוויינט
פאַר נישט קריגן אַלע צאַצקעס אין אַ שויפענצטער.

פעברואַר 10

כ׳בין מיד פון ווערטער. וואָס מער קלאָר איז אַלץ מער דול.
איך בין מיט דולקייט ביז דער קלאָרסטער קלאָרקייט פול.

פון סתירות האָט אַ טורעם פאַר אַ טאָג זיך אויסגעבויט.
דאָס ליד איז רו פאַר מיר, אַ פרייד־באַגעגעניש מיט טויט.

פעברואַר 11

ווער ס׳צעהענגט זיין פאַרלאַנג אויף די פלויטן פון היינט,
אים אַ גדר איז היינט מיט זיין לוין וואָס איז שטראָף.
אָבער מאָרגנס אָן ענד זענען יענעם געגרייט,
וואָס די נויט פון דער וועלט איז אין וואָרט פון זיין מוט,
וואָס אַריבער דעם לוין זעט די דורות פאָראויס,
מעג דער היינט פאַר אים הייסן „פאַרשפּאָט און פאַרשטויס".
עס איז וואָרער די נויט ווי די לייט פון דעם דור,
און דער קלאָרער געדאַנק זעט גערעכטער ווי ס׳אויג.
זאָל געוויטערן בייז אַרום אים דאָס געהאַס,
ער איז קלאָרער געדאַנק און קאָן ווארטן באַהאַרצט.
די פאַרהאַסערם — זיי שטעלן אַ פאַנצער אים צו.
קעגן שטורעם — אַ טורעם פון גבור׳שער רו.

פעברואַר 12

זילבערנע בלענדן אַרום און אַרום
פליסטערן אין אויער פאַרטאַיעטע שטילקייטן.
איך לויש צו דעם לשון אָן ווערטער:
פאַר דיר און נאָך דיר מיליאָסן,
אַרום דיר לאַנגען און פלויגען מיט מענטשן,
ווי לאַנקעס מיט לעמער צעלייגטע,
נאָר דו ביזט אַליין.

מיט קילער מילך פליסן פון הימל
די העלע געלאַסענע שליאַכן

פון מיין פאַרזיגלטן גורל:
דאָס איז די קלאָרקייט פון נאַכטלאַנד,
דער טאָל פון דעם טויט דעם ליבן
מיט זיינע בלויע, לעצטע לעגענדעס.

די לבנה, אַ פולע, אָן אָפּענע,
שמייכלט פאַרטרויליך אַראָפּ
און מיר פאַרשטייען זיך קלוג, פאַרשטייען זיך צערטלעך
אין רייפער, באַלאָדענער שעה.

פעברואַר 13

בירגער בונעס האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט
און זיך צעזונגען — ברוסטיק און ברייט,
ברוסטיק און פריי,
צו זיין אייגענעם גרויסן פאַרוואונדער.
שוין לאַנג
האָט ער געוואָלט זיך אויס׳טענה׳ען מיטן וויטן שטערנשיין,
נאָר ס׳געזאַנג איז אַלץ געפאַלן אַראָפּ
און שווער,
ווי דער קיינמאָל־קיינמאָלמער פון עדגאַר פּאָוּ ראָב.
אַצונד איז זיין ליד געגאַנגען
אַלץ אַרויף, אַלץ אַרויף,
און גראַד און שאַרף דערגאַנגען אַהין וואו מען דאַרף.
און שנעל האָט אַראָפּגעפינקלט דער ענטפער:
קלייב אויס:
אַ גאָלדענעם קלאַרנעט, וואָס זאָל פרי און שפּעט צעקליינגען דיין רום.
אַ וואַסערל צו וואַשן דיין ליב מיט אייביקער יונגשאַפט.
אַ געלונגשאַפט אין וואָס דו זאָלסט נישט טאָן.
אַ וואונקשאַפט אין אויג צו טרעפן יעדע פרוי,
אַז איילן זאָל זי צו דיר מיט דער דרייווינקלדיקער טאַץ
פון איר רונגשאַפט.
אָדער אפשר ווילסטו דעם שפּרוך
צו עפענען פאַר אַלעמען דעם טויער צו גליקעכלאַנד,
הארבעריק פון אַלדאָס גוטס און אַלדער רו,
און זאָגן זאָל מען זאָגן: מאַרקס, לענין און דו?

דער וואוילהאַרציקער שטערן האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.
נאָר בירגער בונעם האָט בלויז געזונגען.
און אין זיין געזאַנג איז געווען:
וואַסערפאַל,
ערהצימערניש,
מרידה פון פיל פאָלק אין גערעכטער איינזאַמלונג,
קידוש־השם פון הייליקע קעפּ אין פלאַם פון שייטער, אויף פלאַך
פון טייך.

און זיין געזאַנג איז אויך געווען —
ווי געוויין פון דיכן אָנהייב פרילינג,
ווי אומעטשפּיל פון יונגע לייבן שוין געבוירענע אין שטייג,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט גרעזל אויפן קריש ערד פון אַ בלומענטאָפּ.

אין סאַמע מיטןנאַכט האָט זיך געשטאַרקט בירגער בונעמ׳ס ליד.
נאָר געזונגען, אַלץ געזונגען.
און דער ווייטער שטערנשיין איז געווען זער באַטריבט —
פאַרוואָס וויל בירגער בונעם נישט מפסיק זיין זינגען?
נאָכאַמאָל ענטפערט נישט בירגער בונעם?

פעברואַר 14

פול מיט שטעכיקן געבערג
איז ס׳לאַנד אין מיינע טיפן.
דאָרטן בראָיען ווילדע סקיפּן,
און אַ מאַלפּעדיקער צווערג
מאַכט אַ תל פון גרויסן ווערק
מיט די קיניגלעכע מיפן.
שיין איז ס׳לאַנד פון מיינע טיפן,
נאָר צעהאַקט פון שאַרפע בערג.

פעברואַר 15

זוך נישט קיין בריק צו מענטשן.
וואַרט מיט דער וועלט אויף דעם וואָרט,
וואָס זאָל זיין ווי דאָס שטאַרבן פון אַ צדיק
נאָך אַ פול און אָפּגענאַרט לעבן.

בענק אוים דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אָפּשטעלן די רציחה פון מידע בייזע מחנות.
זוך דאָס וואָרט,
וואָס זאָל פּאַרציען מיט אַ נעפּל די אויגן פון שטאַרקע לייט.
טראָג אוים דאָס וואָרט,
וואָס זאָל רעדן ווי דאָס שווייגן פון אַ גרייז
ווען ער קוקט אויף דער זון אויבן און אויף אַ לויה אונטן
מיט דעם זעלבן זעענדיקן בליק.
פון דיין האַרץ שטראַלן זיך בריקן אין אַלע זייטן.

פעברואַר 17

קעגנער מיינער, זיכער איז דיין פּנים,
און איך האָב אַזויפיל נחת צוצוזען,
ווי דו לייגסט אַוועק די ביטרע שונאים,
און מיט פריינט — ווי פריינטשאַפט וואָלט געוועז
צו דיין נאָמען דער געבוירענער רעפרען.

שיפן ווייִרויך, גאַנצענע אַקרענטן,
שווימען וויליק צו דיין טיש און צו דיין נאָז.
נעמסט מיט גראַציע אָן די קאָמפּלימענטן —
גאַנץ עגאַל, צי ס'בוקט אַ צעדער זיך צי גראָז
איבער דיין שוין וויפלטן שוואַרץ־קאַווע גלאָז.

איך באַוואונדער דיין סטראַטעגיע, קלוגשאַפט,
איך קוועל מיט — מיט דיין ערפאָלג און אַפּלאָדיר.
מערנישט איך — כ'זוך אַנדערע געניגשאַפט.
ביים קאַפע־טיש אָדער איבער שרייב־פּאַפּיר,
וויל איך זיין געגליכן בלויז צו איינעם — מיר.

דו טוסט ריכטיק. אין דיין טאַט איז שיינקייט,
אויב ווי דו — ביזטו דער דינסטער, שענסטער דו.
נאָר איך האָב אַ חשד, אַז אין אַליינקייט
וועגט אַריבער מיין צופרידנקייט און רו
דיינע — דעמלט נעם אָן כעס מיין מיטלייד צו.

פעברואַר 17

פּאַביוס לינדס קעניגרייך —
עטלעכע אָפּגעצאַמטע קעסטלעך.
ווי לויט אַ שטענדיקן, זעלביקן שפּרוך
צעפּענען זיך די קעסטלעך אַרויסצולאָזן זיינע טעג —
פון איין הויז מיט אַ נומער
צו אַ צווייט הויז מיט אַ נומער.
איבער אים געראַשן פון גרויסשטאָטדס,
רעדער, רעדער אויבן,
רעלסן, רעדער אונטן, טיף אין אַ טונעל.

ווען פּאַביוס לינד טוט זיך אויס פון די געראַשן,
בלייבן ברעקלעך פאַרב, פּלעקלעך קלאַנג,
אַ צוזאַמענגעשטעלטע מאַסקע פון אומרו און צעטומלעניש.
אַמאָל בליצט דורך אַ קלאָרקייט און זי כאַפּט דעם אָנבליק
פון אַן אויסגעבענקטער נאַטרדאַם,
פון אַ געפּלאַנטן עמפּייער־סטייט,
פון אַן עלעקטראָ־סטאַנציע אויפן דניעפּער —
אַמאָל, אַמאָל.

די אַמאָלן ווערן בלינד צעשטאָכן פון זיגזאַגישן בראָכוואַרג,
וואָס פאַלט אויף זיין קאָפּ. דער קאָפּ אין סאַמע מיטן
פון פאַל און בראָך. און ער אַליין — אין אַ זייט, אויפן ראַנד.
דאָן איז ער איינגעהילט אין נאַכטעניש,
אַלץ איז אים דאַכטעניש, אויסטראַכטעניש,
קונצן און מאַסקעס פון טויט.

פעברואַר 18

זאָגט ס׳פאַרשטאַנדיקע פערד מיר אויף גיך,
שפּאַרנט מיך אָן מיט די מאַגישע שיך,
איך וויל קיין גליקלעכלאַנד.

רייט איך דריי טעג און דאַן טעמנע דריי נעכט
איבער געהיגל און וואַלדיק געפלעכט
צום וואוילן גליקלעכלאַנד.

א. לעיעלעס

קום איך צום טויער און קוק דאָרט אַריין,
ערשט אַ געמיש דאָרט פון חשכות און שיין.
טאָ וואָס איז גליקלעכלאַנד?

ענטפערט אַ קול מיר, האַלב קלאָר און האַלב דול,
וואוילטאָג און ווייטיק געוויקלט פאַרפול:
„אַזאַ איז גליקלעכלאַנד.

„עפּעס אַ נביא מיט שווערן געמיט
האָט אין אַ וואונדיקער שעה אויסגעגליט
אַ טרוים פון גליקלעכלאַנד.

„ס'וואָרט זיינס די פרייד, וואָס זי יעדער באַגערט,
נאָר אין דער האַנט אַ שאַרפשניידיקע שווערט —
ער שניידט פאַר גליקלעכלאַנד.

„ליכטיק דער טרוים, נאָר ס'באַשטייט דאָך די טאַט,
ביז אָפּט די טאַט, ווי די אַרבעט פון קאַט,
אַ וואונדיק גליקלעכלאַנד.

„ווייסט איצט פאַרוואָס עס איז סומנע געמישט,
ס'בילד און דער אָנבליק, וואָס האָסט דאָ דערווישט,
דאָס בילד פון גליקלעכלאַנד".

מער נישט געפרעגט און נישט הערן פאַרלאַנגט,
אָבער מיין האַרץ האָט געצוקט און געאַנגסט
פונוועגן גליקלעכלאַנד.

אָפּגעשיקט שנעל דאָס פאַרשטאַנדיקע פערד,
שווייגיק פאַרוואָרפן די שיך און פאַרקערט
מיין טראָט פון גליקלעכלאַנד.

באָרוועס, צעשויבערט דורך נעכט און דורך טעג
וואָגל איך איצט אין אַ רונדיקן וועג
אַרום דעם גליקלעכלאַנד.

אויערן וואָרע פאַרנעמען, ווי ס'פאַלט
מיט אַ געיאָמער אַן עכאָ אין וואַלד:
אַ דו מיין גליקעכלאַנד.

פעברואַר 19

אַן אַנדערשקייט, לויט זיינע רייד — שגעון,
האָט שוין מיין טאַטע אין מיין יינגלשאַפט דערקענט.
און שרייבן פלעגט ער: וועסט מיין נאָמען בויען.
איך האָב די בריוו באַהאַלטן און אין שפּעטע שעה׳ען
געלייענט און — פון שאַנד געביסן זיך די הענט.

נאָר ס׳איז צו קאַרג געווען די דולקייט־דאָזע.
די ערלעכקייט פון טאַטנס דורות׳דיקער באָרד
האָט מילד פאַרווייכט דעם זונס פאַרשפּיצטע העזה
און האַרט געמאַכט אַקעגן לאָמער פּאָזע,
אַקעגן נישט געמיינטן נאָר באַקוועמען וואָרט.

זיי שרייען כ׳בין פאַרשטעלט און טראָג אַ מאַסקע,
ווען כ׳פריר פון נאַקעטקייט אין ווינט פון יעדן שלעכטס.
זיי זעען ליסטיקייט, ווען כ׳טונקל אָדער בליאַסקע,
ווען כ׳פאַל אין יעדן שוטה׳ס פלאַכער פּאַסטקע,
און קירץ די טעג מיר מיט דער דאַכטעניש פון נעכט.

כ׳האָב נישט באַזיגט מיין אַנדערשדיקן פלאַטער,
ער אָטעמט אומרואיק אין וואָרט ביי מיר, אין ליד.
נאָר איך אַליין בין זיך אַליין אַ מאַטער —
גלייך ס׳וואָלט אין מיר געברענט אַ קריג־טעאַטער,
וואו מזרח האַסט דעם מערב, צפון שלאָגט דעם זיד.

אַוועק צוויי דריטלעך לעבן. פאַראַוים — פאַרפרוירן,
ווי ס׳איז דער דרויסנדיקער פיינטלעכער פּייזאַזש,
וואָס ווייסלט מיט פאַרקאָוועט־קאַלטע טרויערן.
ווען כ׳וואָלט געקאָנט די צייט אין נישט פאַרמויערן —
אַ שאַרף־שטיין וואָלט מיין האַרץ געווען, און איך — קוראַזש.

פעברואַר 20

דריי שפּעטנאַכטיקע לייט אין אַ סאָבוויי־צוג,
און איך אַ פערטער — דער זייטיקער קוק.

האָט איינער געשלעפּט זיך אויף קוליעס צוויי
אין אָנדענק פון שלאַכטן ביי קורטעניי.

א צווייטער, פאַרלוירן אין אַקעוויט־גליק,
האָט געשלוקערצט און געבענשט די רעפּובליק.

די דריטע — אַן אַלטע נעגערשע פרוי
ווען ווייס, וואָלט זי געווען בלאָנע־בלוי.

דריי גראָטעסקע לייט אין אַ סאָבוויי-צוג,
און איך אַ פערטער — דער זייטיקער קוק.

איז דער געליימטער העלד פון קורטעניי
זיך פאַרגאַנגען בייז מיט קייך און געשריי:

גיט אַ דיים מיר אַהער, אַ ניקל כאָטש —
ברויט פאַר די קוליעס, נישט ראַי און נישט סקאַטש.

און שרייענדיק — שווער זיך אַראָפּגעלאָזט
ביי דער, וואָס געווען ווי שאָטן און פראָסט.

ווייל זיין כעס איז געשטיגן מיט ברען און ברויז,
האָט ער איר געגעבן אומהעפלעך אַ שטויס.

האָט זי, די שוואכע, פאַרשעמט און פאַרגאַפּט
איר שטים געהויבן מיט באַפרייטער קראַפט:

רעספּעקט פאַר דעם מענטש, די ווירדע היט אָפּ!
די מענטשנווירדע איז אַלץ, וואָס איך האָב.

האָט שוין נישט פאַרטראָגן דער פאַטריאָט,
און שכור געברומט מיט ווייי און שפּאָט:

וואָס טוט זיך אין דעם לאַנד פון דזשעפערסאָן,
די קולטור וואו איז, און וואו ברודער־טאָן?

זיי האָבן געצערנט אַלץ הייסער, אַלץ מער,
און לאַנג שוין פאַרגעסן אי וואָס, אי ווער.

כאָטש ניכטער איך, מיט גאַנצע גלידער באַשטאַט,
לויט הויט און אויגן אַ נאָרדיק כמעט —

האָב איך מיט לייב און לעבן טיף דערפילט,
אַז אויך איך געהער אַהער צו דעם בילד,

װאו ס'האָבן פאַרטיידיקט די העכסטע רעכט
אַ שכור, אַ קאַליקע און אַ קנעכט.

עס איז געװען זײגער דרײ פאַרטאָג,
װען זאַכן פאַרלירן זײער מאָס און װאָג,

װען נערװן געשפּיצטע קוקן דורך — דורך װענט
און הערן פאַרשטאַנדיק פון ענד ביז ענד.

דרײ פאַרגעסענע לײט אין אַ סאָבװײ־צוג,
און איך אַ פערטער, דער זײטיקער קוק.

פעברואַר 21

הערט צו מײן זאָג, איר פעלקער פון דער ערד,
קומט, לאָמיר זיך אַ קוק טאָן אין די אויגן.
צי װען אַנומלט איז אַרױס פון בויגן
אַ פײל און אונדז פאַרװאונדט — האָט איר געהערט?
איר זענט געװען אַ ריח, העכסטנס רױגן,
װען װי האָט גורל'דיק אױף אונדז געשװערט.
אַצונד — אײך שמעקט די װאונד. איר מערט און מערט
איר זאַלץ, איר װײקט זי אױס אין זיבן לויגן.

אויף אונדזער קאָפּ פאַרזײט איר אײער שולד,
און װאַרפט אין אונדז דאָס בײז פון אײער זאָמען.
איך װאָלט געזאָגט מיט בלינדער אומגעדולד —
װען כ'װאָלט געװען פון אײער בלוט און נאָמען:
אַ זאָל מען קװעטשן שרעק פון אײך, צעדולט —
װי װאַסער פון געשװאָלן־פולע שװאָמען.

נאָר כ'בין נישט איר. עס קלינגט רבשקה'ס װאָרט
אין בלוט בײ מיר, און ס'װערט דאָס װאָרט נישט זװער.
איך װיל נישט שעלטן אײך. כ'קוק צו מיט טרויער,
װי איר פאַרגרײט פון אונדזערטװעגן — מאָרד.
איר גרײט פאַרשטאַנדיק. עלעהײ דער בויער
אַ שלאַכט־הויז, אַ מאַטראַז זײן הוליע־פּאָרט.
נאָר װאָס װעט איר זיך האָבן אָפּגעשפּאָרט?
בלויז מאָרד, איר דולע יעגער אויף דער לויער.

און איילט איר צו דעם טאָג פון א פּאַרמעסט,
נישט איילט זיך מיט די צימבלען, פּויקן, האַרפן.
דער ביבער האָט א הייל, די טויב — א נעסט,
מיר האָבן בלוט, וואָס קאָן דעם עמעס שאַרפן.
ס'וועט סטאַיען אי פּאַר אייער רויב אויף קעסט,
אי ס'גאַנצע רויב־ווערק אייערס צו פאַר'שרפ'ן.

פעברואַר 22

א שוין נישט ווייטע שטיים ערגעץ אויף א באַרג
די פאַרשייטע יונגע העקסע
אין ברייט און הויך צעפּלאָשעטן קלייד
אָן אונטערהוויזן.
אירע הוילע, זאַפטיקע פּיס
קלייבן זיך א טרעט צו טאָן איבער אַלע דיכן אויף דער ערד.
די פּיס וועלן זיגן.
אַלע דיכן וועלן אָנהויבן קאָנוואולסירן, וויברירן
און באַשפּריצן מיט פאַרבן און ריחות די ווענט פון דער וועלט.
נאָך א טאָג, נאָך א טאָג —
זי וועט איינגעמען אַלץ און אַלעמען
די נאַקעטע מוידטשיסקע.

פעברואַר 23

באַלד צוויי צענדליק יאָר. קיין קונצן אַריפמעטישע
קאָנען נישט באַרואיקן, אַנטפּלעקן דעם געדאַנק
ווי די צייט — א קאַצנשפּרונג, און ווי זי ציט זיך לאַנג.
ווייב און היים — נישט ווערטער פּראָסטע, נישט פּאָעטישע,
נייערט בלוט און ליבּ, ווען ס'איז דער שותפות'דיקער גאַנג
באַלד צוויי צענדליק יאָר.
כ'וואָלט באַדאַרפט א שפּרוך, א נישט־באַנוצט געבעטעניש,
אָן שום ענלעכקייט צו רייד געגרעדטע, אָן א קלאַנג,
אז אויך די — דו זאָלסט דערפילן ס'גאַנצע רעטעניש
פון מיין לעבן. ס'האַרץ וועט זאָגן דיר, עס ו ו ע ט דיר שוין,
וויפיל גראַדיק ליכט דיין נאָמען מיינט, וויפיל דאַנק.
האָסט געזען מיין שלעכטס אָן שמינק, ווי קיינער זעט דאָך נישט,

האָסט מיר אַלץ פאַרגעבן — און עס דאַרף נישט טאָן דיר באַנג.
מיין גאַנץ וועזן וואַרעמט היינט צו דיר: ס'אַרא רייך געשאַנק —
באַלד צוויי צענדליק יאָר.

פעברואַר 24

א פּאָרטרעט פון מאָנטיטשעלי און אַ גיוד פון רענואַר.
דאָרט אַ זעל אַ קיל־און־העלע, דאָ פון ליבּ דער ראָזער צער.

אַלטע פרוי פון מאָנטיטשעלי, מיך פאַרפּלייצט דיין קלאָרער בליק.
ביזט אויף לעבנס קאַרוסעליע אויך געווען אַזוי באַגליקט?

אָט אַזוי מיט ווייסער קלוגשאַפט אויף דער וועלט דיין גוטס
פאַרשווענדט —
אין אַ העלדישער געבוקטשאַפט און מיט פריד פון שטילע הענט?

אָדער צום פּאַטעל געגאַנגען אונטער שמייכל פון רויטן קנוט
און דיין גאַנג האָט אָנגעפאַנגען רענואַרס צעגליטער גיוד?

יונגער צער פון ראָזע לענדן, לייבס מעת־לעת'יק לייב־געשריי —
הונגער־דאָרשט נישט אָפּצואוועגדן, רוף פון איין־אַליין נאָך צוויי.

איין־אַליין איז מדבר טרוקן, איין־אַליין איז שוואַרצער פראָסט,
קראַמפּן איין זיך לענדן, צוקן, עפענען זיך פאַרשעמט, פאַרלאָזט.

נאָר ס'איז צווייקייט — לידיק שפּינען, אויסגע'חלום'טער נישטאָ,
קיין שום אויסלייז, קיין אַנטרינען, איין־אַליין ביז לעצטער שעה.

מאָנטיטשעלים אַלטע ווייס עס און איר רו — איר העכסטער שכר,
ווייסן דאָס די לענדן הייסע אויף דעם גיוד פון רענואַר.

לעבן — אייביק ראַשער סטימול, לעבן — אָפּגעקילטער קוואַרץ.
מאָנטיטשעלי — באַרג פון הימל? רענואַר — די ערד, וואָס
שוואַרצט?

ס'איז מיין וועג און דיין אַזוינער. דורך דער פיבערדיקער לענד,
וואָס באַפאַלט אָפט ווי אַ שונא — צו דעם פריד פון בליק און הענט.

פעברואַר 25

בײַ די טײַכן פֿון ניו־יאָרק בין איך געזעסן,
גאָרנישט פֿאַרגעסן, זיך גאָרנישט דערמאָנט
און נישט געוויינט.
ווי פֿאַרשטיינט איז אַ ווערבע לעבן מיר געשטאַנען,
כ'האָב זיך געכאַפּט צו דער האַרף, וואָס נישט פֿאַראַנען,
און זיך פֿאַרשעמט.
מיטאַמאָל איז אַ קול אַרויס פֿון דער ווערבע
און איך האָב פֿאַרנומען:
האָסט גענוג געזאַנגען צעהאַנגען אויף די טורעמס אַרום,
אַרײַנגעפּלאַסטערט אין ברוק.
איצט קוק.
ערשט די צווייגן זענען געוואָרן פּנים'ער,
זיך שווייגיק געקליבן,
און אויף איטלעכן פֿאַרשריבן אַ יאָר,
אויף איטלעכן אַ זיגל: חלום — וואָר, חלום — וואָר.
און די פּנים'ער האָבן געלוגט מיט צעעפֿנטע אויגן,
מיך געמאָסטן, געוואויגן מיט אַ באַדויערן.
נישט טרויערן — איך האָב זיך געשטאַרקט.
פֿאַרוואָר, זאָג איך, ווי פֿול מיט אומרו איז מײַן זעל,
איז פֿול און העל געוועזן מײַן באַגער.
און אויב געציילט ווערט געציילט צום יום־טוב פֿון ליכטיקער פּאָן,
וועט דאָרט אַ דערמאָן אויך מיר זײַן געטיילט.
די פּנים'ער זענען נישט געוואָרן, די אויגן פֿאַרמאַכט,
ווי אַ זייל נאַכט — די ווערבע, פֿינצטער, פֿאַרשטיינט.
איך האָב נישט געוויינט.

אפרים אויערבאַך

מענטש איז פולער ווי ער לעבט

פויערישע פלייצעס

הויך בין איך, מיט פויערישע פלייצעס,
מיט דער ווארעמקייט פון ברויט אין זומערס ענד,
כ׳האָב נאָך זון מיין ווינטער צו באהייצן,
כ׳האָב נאָך ליכטיקייט פאר אייגענע פיר ווענט.

ס׳איז דער בוים צעפייניקט מיט געשווירן
איידער צווייגן רייסן אויף זיין הויט,
אָבער מיט די נאַקעטע קאָלירן
ציטערט ער זיך אין זון, צו ברענען ווי א קנויט.

ערד צעשניטן אויפצונעמען זריעה,
און געזאַנג גייט אויף פון פאַס און שניט, —
ס׳איז א פיין צו וואקסן און צו בליען,
ס׳איז א פרייד אויפצוגיין אין ליד.

בלאָנדער אליהו

ווייט איז דער סטעפ, נאָר גאָט איז נאָענט,
היימיש, ווי ווינט אין צעשויבערטע האָר,
איך — א בלאָנדער אליהו —
האָב אים פארנומען אין זוניקן שאָרך
מיט דער פרייד פון דערוואַרטונג און פאָרכט.

יאָרן צערונען ווי הארבסטיקע זונען,
עמערוויים שיין פון הארצן געשעפט.
כ׳קוק אין זיך ווי אין פולן ברונעם, —
מענטש איז פולער ווי ער לעבט, —
כ׳גיי נאָך מיט גאָט, מיט זון און מיט סטעפ.

דער דריטער

זיי האָבן געטראָגן דעם קאסטן
ארונטער דעם ליימיקן שליאָך,

וועז ס'האָבן נאָך ביקסן געקראַכט,
ווען פיינט האָט געשניטן נאָך פאַסן
פון לייבער ביי פינצטערער שאַכט.
זיי האָבן געטראָגן דעם קאַסטן
מיט טריט ווי צעשאָקלטע מאַסטן.

דריי מאָגערע מענער פון פאָרנט,
און איינער פון זיי גיט אַ שפּיי:
אויך מיך וועט צעלעכערן בליי,
נאָר ער איז פון בליי שוין באַוואָרנט,
איז גוט וואָס מיר טראָגן אים דריי,
און ער וועט שוין איצטער פאַרשפּאָרן
מיין קאַסטן צו טראָגן פון פאָרנט.

דער אַנדערער וויגט זיינע פּלייצעס,
ווי לײדיקע זעק אויפן ווינט:
איר זעט ווי די כמאַרע צערינט,
אַ זון, אַז מיט אונדז זיך צו רייצן,
ווי ס'רייצט זיך דער קצב מיט הינט,
מיט אויפשיין דעם וועג אונדז פאַרפלייצן,
ווען ער ליגט אויף אונדזערע פּלייצעס.

דער דריטער, — איך טראָג נישט דעם קאַסטן
אַרונטער דעם ליימיקן שליאַך,
נאָר ס'האָט מיר דער ווינט היינט געבראַכט
דאָס לעבן, דעם טויט — זיינע לאַסטן.
איך גיי מיט זיי אונטער מיין דאַך, —
מיר טראָגן אין דרייען דעם קאַסטן
מיט טריט ווי צעשאָקלטע מאַסטן.

דער עלטער

צען גוטע ברידער זענען מיר געווען,
האָבן מיר די טעג געסיליעט ווי די קרעלן,
האָבן מיר פון בעלצער האָבערדיקע שוועלן
אָנגעזאָגט דער וועלט אַז מיר זענען צען, —
און דער עלטער, אַברהם, לעבט אין לעקסענדרען.

צען גוטע ברידער, מיט די „שבחי בעש״ט״
אויף אָניעגינס קני ווינן אין טאַטיאַנען,
דאָ איז בעלץ, און די וועלט איז בלאָ פונדאַנען,
איינער גייט אַוועק מיט אַ פּאָרל ווערש, —
און דער עלפטער, אברהם, זייט און שניידט און דרעשט.

צען גוטע ברידער, קומט אַרויס אין סטעפּ
מיט צעווייטע פּאָנען, מאַרקסן און לאַסאַלן,
ווייען מיט געזאַנג: איינער איז געפאַלן,
איינעם האָט דער גורל קיין סיביר פאַרשלעפּט, —
און דער עלפטער, אברהם, שווייגט און גראָבט און לעבט.

צען גוטע ברידער, — וויפל זענען הי?
לאָמיר זיך דערציילן „זאַוויעסאַ זבראָשענאַ״,
לאָמיר זיך צעטיילן ביי שטערן אויסגעלאָשענע,
ס׳גייט אַוועק די באַן אין שנייאיקן פאַרפרי, —
און דער עלפטער, אברהם, האָט שוין זיבן קי.

צען גוטע ברידער, — ס׳גיט דאָס האַרץ אַ ריס, —
האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ שנירל קרעלן,
שטום זענען די טעג אויף די בעלצער שוועלן,
אָנזאָג צו דער וועלט איז געווען אומזיסט, —
און דער עלפטער, אברהם, — שרייב מיר וואו דו ביסט.

אַ פּערטער צום דריילינג

איבער נאַכט איז דאָס וואונדער געשען,
ס׳האָבן שעה׳ען אויף ביימער געקלעטערט,
און פאַרטאָג דורכן פענצטער געזען:
זון און ווינט און צעפלאַקערטע בלעטער.

ס׳האָט דער דריילינג אויף וועגן שפּאַצירט
מיט צע׳הפקר׳טן שיין פון פאַרלענדן,
און דער מענטש איז געשטאַנען פאַרווירט
אַז דער אונטערגאַנג זאָל אַזוי בלענדן.

אפרים אויערבאך

ביי אַ בוים האָט אַ וועוועריקעס פעל
פון דערוואַרטונג און קעלט אויפגעציטערט,
און געגעבן זיך פלוצלינג אַ שטעל
מיט דערקענונג פון שטעכיקע ריטער.

גייט דער מענטש מיט צעזונגענעם גאַנג, —
צו דעם דריילינג אין הפקר אַ פערטער, —
טרינקט די זון ווי דאָס לעצטע געטראַנק,
וואַרפט דעם ווינט, ווי קערנער, ווערטער.

נאָר אויף בלעטער גיט זיין אויג זיך אַצינד,
אינעם פלאַם זיך אַ פלאַמיקן זעט ער.
ערשט אַצינד דעם צונויפמיש באַזינט:
זון און ווינט און צעפלאַקערטע בלעטער.

אַ מידער פּרוּאוו

וואָס איז שייך אים, איז ער דער מענטש,
שטייט ער דאָ ביים אויסבייג פונעם קעטסקיל קריק
אָנגעשפּאַרט מיט נאָר זיין פּיין אין אַ פּאַרענטש,
און צום ווינט זיין גוף גיט זיך אַלעמאָל אַ וויג.

שפּעט דער הארבסט, און בלעטער אויפן שטראָם
וועבן אוים אַ רויט און געל געוועב,
איבער אים דער הימל — אַ קאָלירטער שוואָם,
אונטער אים די ערד — מיד און אויסגעשעפּט.

שטייט ער דאָ, דער מענטש, און זוכט באַשייד
אויף אַ ריס אין אים, אויף דעם ריס אַ זין.
וואָס איז ער? אַ רינג, צי גאַנצע קייט?
איז ער נאָר אַ פאָדעם אין געשפּין?

וויגט אים ווינט אינאיינעם מיטן פלויט,
פאַלן בלעטער אויף זיין מיד געביין.
אויף פּאַרשפּעטיקטע גראָע הייפּטלעך קרויט
טאַנצט אַ האָז מיט ציטערדיקע ציין.

שטייט דער מענטש מיט אַפּגעשטעלטער צייט
אויף דעם אומעטיקן וואָרט: ריס. ריס. ריס.
און דער האָז די בלעטלעך קרויט קייט,
ביז דער הימל פאַלט און אַ רעגן גיסט.

יאָ, ס'איז דאָ אַ שטוב, אַ שטול, אַ טיש.
מענטש איז דאָ, צעריסענער ווי דו מענטש.
דו מיט אים — אַ בלוט מיט בלוט געמיש,
וואָס־זשע שטייסטו דאָ אין רעגן ביים פּאַרענטש?

ס'איז נאָך דאָ אַ בוים מיט בלעטער־קרוין,
נעמט דער מענטש אַרום דעם בוים ווי אַ גוף,
שמעקט דאָס לעבן און ער זאָגט: שוין. שוין.
ס'איז דער לעצטער, ס'איז דער מידער פּרואוו.

און ער פילט ווי ס'רינט אַריין אין אים פון בוים
צער, וואָס איז אייביקער פון אים אַליין.
מענטש האָט אָנגערירט די וועלט נאָר ביים זוים,
און ער וויל זי שוין צעשניידן ביזן ביין.

גייט דער מענטש אין שטוב אַריין צוריק
מיט דער פרייד פון אַ צער'דיק געפינס.
שרייט אים נאָך דער בייזער קעטסקיל קריק,
און דער ווינט באַלייט אים מיט קול אַ דינס.

משה'ס הענט

אָפּגעשטעלט האָט זיך די זון איבער גבעון,
מיד זענען משה'ס הענט, זיי רוען.
ווערטער זיינע, ווי טראָפּנדלעך טריפן,
צו דעם יונגען, דעם בלאָנדן יהושען.

ס'האָט זיך געזעצט די זון אונטער ביימער
פלעכטן פון בלעטער גילדענע קוישן, —
קינד מיינס, ווי אייגענע ברידער גייען מיר
אונטערצוהאַלטן די הענט ביי משה'ן.

דאָרטן וועט וואַרטן די זון ביז מיר קומען, —
אייביק וואַרט אַ זון אויף מידע גייערס, —
דו ביסט יהושע, און יונג איז דיין אומעט,
ס׳פּנים דיינס הילט אַ זילבערנער שלייער.

שפּעטער בייטאָג, דיביימער רוישן,
ס׳בייגן זיך צווייגן מיט נאַקעטע מום׳ען, —
ס׳האָט מיך מיין טאַטע געפירט צו משה׳ן,
נאָר מיר זענען צו אים נישט געקומען.

און די הענט משה׳ס ווערן שוואַכער,
איבער גבעון שטייט די זון אַ מידע, —
ווייט זענען, קינד, די האַרבסטיקע שליאַכן,
ביידע גייען מיר, ווי אייגענע ברידער.

אין דער קילקייט פון טאָג

אין דער קילקייט פון טאָג ווערט וואַרעמער דער עלנט,
ווערן פּאַסיקלעך שיין אויף שטאַמען דינער.
זעסט ווי ביימער אין אייגענעם אומעט פאַרגעלן,
הערסט דעם אָפּקלאַנג פון וועלט ווי אַ וואַסערל רינען, —
אין דער קילקייט פון טאָג וואַרט אויף ביימער בליט,
ווי אויף אַהרנ׳ס שטעקן דער שנייאיקער צווייט.

וואַרט איז דיינס, ווי ס׳איז דיינער דער גילדענער עלנט,
טראָגסט אַנטקעגן דעם נאַקעטן בליעכץ זיי ביידע.
שאָטנס ווערן פאַרפרעמדט, ווי די אייגענע שוועלן,
זעסט אויף קוסטעס דערברענען דיין שיין — דיין עקדה,
זעסט ווי פונקען פון צווייגן רייסט דער היימישער ווינט, —
און דער אָפּקלאַנג פון דיר ווי אַ וואַסערל רינט.

חברים מיינע

אויף האַרבסטיקע וועגן גייען חברים מיינע
און טרינקען טרויער פון שטילע ביימער,
זיי טראָגן הבל׳ען אַנטקעגן קינ׳ען

און יצחק'ן צו מוריה'ס גראָע שטיינער,
זיי טראָגן ליכטיקייט אויף וועגן פיינען, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

דער בלאָנדער הבל אויף זייערע הענט דערוואַרעמט
זיין חלום פון געבראָטענע זאַנגען,
אויף שטילע וועגן נעמט אַרום אַ צער אים
וואָס איצט דאַרף ער זיך קינ'ען דערלאַנגען,
אויף גוטע הענט אַנטקעגן קינ'ען, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

ס'ווערט דינער דער פאַרנאַכט, אויף ביימער בליען
צעפלאַמטע בלעטער — בלוטיקע קרישטאָלן,
אַזויפיל אומעט אין די הענט וואָס טראָגן צום מוריה
דעם יונגן גוף, פאַרהילט אין בלאָען וואָלנס,
אַזויפיל יצחק־טרויערס שיינען, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

צעשויבערטע טראָלדן

די נאַכט קומט אָן מיט צעשויבערטע זילבערנע טראָלדן,
די רויטלעכע בערג נעמט אַרום אַ טונקעלער ראַנד.
איין בוים נאָר ביים פענצטער איז קופּערדיק־גאָלדן,
איין מענטש נאָר צום פענצטער מיט ציטערדיק וואַרטן שפּאַנט.

צום פענצטער דער גאַנג איז עטלעכע שפּאַן נאָר געציילטע,
זיין ציטער איז אָבער אויף מיילן און מיילן די ווייט.
ער גייט דורך ווענט, צעבויגענע און אָפּגעשיילטע,
ווי גאַנג דורך היילן, וואו לעבן הונגערט און שרייט.

ער פילט אויף זיין לייב ווי שטעכיקע אויגן קוקן,
ווי פייער צעשפּריצט אויף זיין הויט דעם הונגער.
אויף עטלעכע שפּאַן וועט דאָס לעבן אים פאַרצוקן,
און ער דאַרף נאָך קומען צום פענצטער אַ יונגער.

ער ווייסט אַז צום פענצטער דער גאַנג איז נאָר רגע'ס,
און גייט אים אויף שעה'ען, אויף גאַנצע טעג,

אויף בלוטיקע רייד און אויף בייזע געשלעגן,
ער גייט ביז צום אָפּגרונט, ביז צום פינצטערן דעק.

אַליין ער דערפילט אין זיך בלוט פון אַ רויבער,
דעם ציטער פון טויט אין זיינע אייגענע הענט, —
און זילבערנע טראָלדן זענען איצט מער נאָך צעשויבערט,
און אָפּגעשיילטער נאָך די צעהויקערטע ווענט.

דאָס רויבערשע בלוט הייבט אָן וויינען און מאָנען
דער מענטש זאָל פאַרגיסן מיט מאָרד זיינע שפּאַן,
נאָר בלייך, ווי זיין מאַמע, גייט אויף די לבנה
און אויסגעשטרעקט איז דער וועג, ווי דער האַלדז ביי אַ שוואַן.

צום פענצטער דער גאַנג איז עטלעכע רגע׳ס, —
אַ לעבן גייט דורך דער מענטש אויפן גאַנג,
די פינצטערע שויבן־חית — דער סוף פונעם וועג איז,
פון יענער זייט וויגט זיך דער טויט אויף אַ שטאַנג.

ס׳איז נאַכט שוין. מיט וועלפישע אויגן צעשטאָכן,
פאַרפּייניקט דער גוף, דאָס האַרץ פאַרקנוילט, —
דער מענטש איז צום פענצטער שוין דערקראָכן
און צוגעפאַלן צו שויבן, בלינד און אויסגעהוילט.

ו ו ע ר ט ע ר

ווערטער האָב איך ווי די הינדלעך אויסגעבריט
און געלאָזט זיי אויף דער וועלט מיט ווייכן פוך,
פליגלען וואַרעמע, ווי מיין צעהעלט געמיט,
האָבן אויף דער נאַכט אַ דאַך געזוכט.

ווייסע הינדלעך, אין בלוילעכן פאַרפרי,
נעמען זיך צענויף, מיט פליגעלעך צעשפּרייט,
אַז די זון וועט אויפגיין, — טאָן צו איר אַ פלי
צו דערציילן איר פון זייער שטילער פרייד.

מיטנטאָג. אַ לויטערקייט, ווי רעגן גיסט.
ס׳כוואַליעט זיך דער ווינט אויף די ברוטן, ווי אַ שפּריי.

ווייסע הינדלעך גראַבלען זיך אין מיסט,
ווארעמען די שנאָבלען אין געשמאַקן היי.

אויסגעפּיקט אַ קערנדל, — דערנער מיך, וואָרט,
זעטיק מיר דעם טאָג מיט קלייענברויט און שיין,
ווייל איך האָב דיך אין דיין פּראָסטקייט אויפבאַוואָרט
און געלאָזט דיך יערן אין מיין האַרץ, ווי ווין.

אויבסן אַ קאָרב

ווען מיין געביין וויל צו מענטש אַ געשריי־טאָן,
זיך צו באַהעפטן מיט אים אין זיין גאַנג,
אַקער איך אויף מיינע ווערטער ווי בייטן,
אויפגיין פאַר אים זאָל מיין וואָרט אין געזאַנג.

זאַנגען־געזאַנגען, גאָלדיק צעקרויזטע,
ערדיקע רייד, מיט אַ סווישטש אין דער רייש,
סטעפּעס אויף מיילן, צו דער זון אַנטבלויזטע,
בראָטן זיך זומער ווי שאָפן פליש.

אמת׳ער ווין איז ביטער און זויער,
אויבסטיקער בוים האָט אַ וואונד און אַ האָרב, —
וואָרט — מיין ברויט, מיין ווין, מיין טרויער,
איך טראָג דיך מיט פרייד, ווי אויבסטן אַ קאָרב.

קינד פונעם אונטערן בריק

ווער האָט דיר פאַרקעמט אַזוי וואַרעם
די האָר אין אַ גילדענעם שרונט?
צוקאָפּנס — אַ ליכט ווי אַ כמאַרע,
וואו ס׳שלאָפט אַ פאַרלאָשענע זון.

צוויי טעג אַז דו וואַרטסט אויפן אָרון,
אַ, קינד פונעם אונטערן בריק,
מיט טויט האָט די שטאָט דיך באַוואָרנט,
נאָר נישט מיט אַן אייביקער וויג.

אפרים אויערבאך

געהארבסט האָסטו דאָ, און געווינטערט,
נאָר זומערן איז דיר באַשערט
מיט אַנדערע זוניקע קינדער
אין וואַרעמער, זאַמדיקער ערד.

צען יאָר, ווי די צען דיינע פינגער,
פאַרבלייכט און פאַרבליט אָן געזאַנג,
דאָס עלפטע דיינס וועט איצט זינגען
דער ערד, — דיך אַליין, — אַ געשאַנק.

דיין גאַנג אין דער היים צו באַלייטן
האָט קיינער קיין רויז נישט געשיקט,
די האָר — דיינע אייגענע קווייטן,
אַ, קינד פונעם אונטערן בריק.

אַ קריינדל פון גרעזעלעך דאַרע
אַרום דעם צעגראָבענעם גרונט,
אין אָרון איז ליכטיק און וואַרעם
דעם מיידעלעס גילדענער שרונט.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

כ׳וועל אַזויפיל האָבן צו דערציילן

(רייזע איינדרוקן)

ב י י ם ש ו ו ע ל

דער ווינט האָט צוגענומען ס׳לעצטע וואָרט.
איך האָב געזען נאָר אַ ריר פון ליפּן
און אַ האַנט וואָס פאָכט.
די ווייטקייט האָט פאַרדעקט מיין שטאָט.
וואַרשע — מיין פינצטערע נעסט,
מיין גאַס — מיין טרויער און מיין פּאָן.
נאָר ווערטער, נישט געזאָגטע, גרייפן אָן:
— פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט?
אַוועק און צוגעמאַכט די טיר
אָט איצט — ווען פינגער אונדזערע זענען אין קלעם
ביסטו אין הענטשקעס זיידענע —
דער שווערסטער דעזערטיר.
די רעדער יאָגן זיך ווי בייזע הינט.
בילן, רייסן שטיקער ערד;
און איך, ווי שטענדיק, זוך דאָס וואָרט
אויף ענטפערן —
ווייל איך בין אויך געערכט.
עס פאַלט ערגעץ אַראָפּ דער וועג.
מיין גוף פאַלט אויך.
עס שרייבט אַ שוואַרצן יעראָגליף
פון באַן דער יאָגנדיקער רויך,
פון לאַנד צו לאַנד שיפרירטע בריוו.
— אָט נעמט אים דעם מענטש,
זיין לעבן, זיין ליבּ, און זיין געשריי
און שטעלט אים הינטער דראָטן
אין אַ גרויער ריי.
אין נאָענטסטן קופּע פאָרט אַן „אומשטערבלעכער" פּאָעט.

(ס'איז נישט מיצקעוויטש, ניין)
ס'איז שטאָלץ זיין לאַנד מיט פרישן פיאָלעט
און ס'שמעקט זיין אייראָפּעאישקייט,
ווי פּאַסטע צו די ציין.
ער פאָרט איצט אין פאַרבלוטיקטן בערלין
אויף אַ באַבלומטן און גלאַנציקן באַנקעט.
אַ שמועס טאָן וועגן קולטור און פּאָעזיע.
דערמאָנען געטע און וואַן גאָג,
(און אים, דעם פּערסישן, מיט טויזנט יאָר צוריק)
פון „שטערן גאָלדענע" די אייביקע מוזיק,
און פעלקער־ליבע היינט צו טאָג.
די גראַמען פאָרן זיך ווי מייז.
פלינקע. אונטערטעניק. פלייסיק.
ס'איז יאָר —
טויזנט ניין הונדערט פינף און דרייסיק.

אַ מעשה שהיה

אַ מעשה שהיה,
אַ מעשה פאַראַן,
עס פאָרט מיין געביין
אויף דייטשלאַנדס אַ באַן.

שכן, וואו פאָרט אַ ייד?

איך וואַרט — ער זאָל אַ ריר טאָן מיט אַ ברעם,
איך וואַרט — עס זאָל אַ שמייכל טאָן אַ ליפּ.

נאָר ס'זיצט מיין שכן שטיינערדיק פאַרקלערט
אין באַן אויף דייטשלאַנדס ערד.

שכן, אפשר מאַכן מיר אַ קראָם
(פון ראָזשינקעס און מאַנדלען)
אפשר מאַכן מיר אַ קראָם
ביזן נאָענטסטן פּאָגראָם?

איך וואַרט אויף יאָושדיקן: מסכים.
איך וואַרט, אַז קליינגעלט זאָל אַ בליאַסק טאָן.

נאָר ס'זיצט מיין שכן שטיינערדיק פאַרקלערט
אין באַן אויף דייטשלאַנדס ערד.

שכן, אפשר איצט וועלט-אויס-וועלט־איין
זיך אַ שמד־טאָן ביזן דריטן דור אריין?

איך וואַרט מיין שכן זאָל אַ שאָקל טאָן אויף — יאָ.
איך וואַרט — — —
עס איז פון נאַכט די שוואַרצסטע שעה.

נאָר ס'זיצט מיין שכן שטיינערדיק פאַרקלערט
אין באַן אויף דייטשלאַנדס ערד.

שטומער שכן, קענסטו אָנשרייבן אַ וואָרט?
שטומער שכן, קענסטו לייענען אַן אלף?

און ס'גיבן ליפּן זיך אַ קרים:
— איך קען פון דער חד־גדיא אַ שיר —
דעם שיר מיטן נקמה'דיקן חלף.

מיין פּאָפּוגאַי

מיין ליד —
וויל אַ שפּיל טאָן
אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

וויל אַ פייף טאָן,
ווי אַ ווינט
אין אַ צעלעכערטן דאַך.

וויל אַ וויין טאָן,
ווי מיין חלום
איבער אַ תהום.

וויל אַ קלונג טאָן
ווי אַ שויב
אין אַ פּאָגראָם.

נאָר מיין פּאַפּוגײַ
דער פּאַר׳עקשנ׳טער ליטוואַק
מיט ווערטער דריי,

מיט זיין הארטן שנאָבל שארט
און רעדט צו מיין ליד:
— ווארט נאָך, ווארט.

מיין ליד
וויל א טאנץ־טאָן
א האָפּקע א מיאוסע

פון א נאכט אָן א דאך
אָן א פּאַס,
אָן א וויזע.

מיין ליד,
וויל זאָגן די שירה־משונה

פון דעם באָרוועסן מענטש,
פון דער באָרוועסער אומה.

נאָר מיין פּאַפּוגײַ
דער פּאַר׳עקשנ׳טער ליטוואַק
מיט ווערטער דריי,

מיט זיין שנאָבל — אָן אײַזערנע קארש,
שלאָגט מיין ליד —
צו א האסטיקן מארש.

אין דער פרעמד

כ׳דערקען אײַך פרעמדע בערג,
האַלאָ!
אַן אנדער לאַנד
אַן אנדער שעה.
מיין וועג איז וואָכעדיק
פון אייביק אָן.

די זונטיקס, מאָנטיקס
גרייפּען אָן —
אַ שוואַרצע טונקעלע אַרמיי.
אַ טאָג פון רעגן,
אַ טאָג פון שניי.
אַ טאָג אַ זוניקער פאַרהוּנגערט אין ווייטן כרך.
אַ סך אַזעלכע טעג,
אַ סך.
מיין וועג איז וואָכעדיק פון אייביק אָן.
פונדעסטוועגן — — —
האָב איך געהערט אַ פלאַטערדיקע פאָן
זיך כוואַליען ערגעץ איבער מיר.
און ס'האָט זיך מיר געוואָלט
אַנידערפאַלן אויף די קני
און זאָגן צו דער זון,
ווי איצט צו בערג —
מודה אני.
כ'האָב ליב מיין גרויע וואָכעדיקע קלייד,
און טראָג די לאַסט פון טעג
מיט טרערן און מיט פרייד.
די זונטיקן,
די מאָנטיקן
און טאָג נאָך טאָג —
ווי פון דער זון
און פון דער לבנה
די אייביק באַלאַנסירנדיקע וואָג.
און איך הער מיין פלאַטערדיקע פאָן,
ביי גרויער וואָכעדיקער טיר,
זיך כוואַליען ערגעץ איבער מיר.

באַוואונדערטער בלוי

ס'האָט ווידער פּאַרטאַגיקע בלויקייט אַ וויש געטאָן מיר אויף די אויגן,
און כ'האָב ווידער פאַרגעסן,
אַז ס'האָבן אַזויפיל שוין זאַכן געפּייניקט,

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אַז ס׳האָבן אַזויפֿיל שוין זאַכן דערעסן,
און ס׳איז געקומען אַ ווייטער, אַ מאָדנער גערענקען:
אַ ים האָט גענומען זיך שווענקען?
אַ זאַמד האָט גענומען זיך גילדן?
נאָר מיין האַרץ וואָס ליגט אונטער אַש פֿון אַזויפֿיל צעצונדענע שילדן —
פֿון גרין
און פֿון רויט, פּיאָלעט,
פֿון גאָר דער וועלט די באַנאַכטיקע שטעט,
פֿון בליציקע ליכט מאַסקאַראַדן,
וואָס בלענדן, פֿאַרכלינען —
האָט שטיל זיך געוואונדערט אויף איינפֿאַכן בלוי פֿון באַגינען.

עס האָט אַ האַרמאָשקע געשפּילט
און פּעטריאָ האָט געהאַקט מיט אָפּצאַסן.

אין ווייסע לבנה׳דיקע נעכט,
גיי איך אום איבער ליכטיקע גאַסן.

און אַבֿרהמל׳ען האָט גאָרנישט געאַרט
וואָס זיין שווייגן האָט ביטער פֿאַרדראָסן.

און מיין צונג איז געווען פֿאַרקלעמט,
ווי אַ האָז אין זיין נאָרע געשאָסן.

פֿאַרשווינד שנעלער, באַוואונדערטער בלוי, —
כ׳הער טריט אויף די שטיגן.
ס׳טראָגט דער ציימונגס־מאַן בלוטיקע טעג
מיט גרעסטן שריפֿט צושריגן.
ס׳טראָגט ווילנע אַ ווייטן געוויין
פֿון יידישע קראָמען צעשאָטן,
און וואַרשע און לעמבערג און לאָדזש
געפּאַנצערט אין שטעכיקע דראָטן.
ס׳איז די זון נאָך נישטאָ.
ס׳לויפֿן ציימונגס־קאָלומנעס אין סטרוי.

פֿאַרשווינד שנעלער באַוואונדערטער בלוי.

כ׳וועל אַזויפיל האָבן צו דערציילן

פּיס מיינע, קריכט אַריין אין די לעדערנע כאָדאַקעס.
דאַכט זיך, כ׳האָב שוין ווידער נישט קיין דאַך,
כ׳ווייס נאָך נישט צי כ׳וועל האָבן אויף דער באַן,
כאַפּט אַריין זיך אין די צוגעוואוינטע לעדערנע כאָדאַקעס —
מירן ווידער לאָזן זיך אין שפּאַן.

עס האָט פּאַסירט —
עס האָט אַ האַפּענונג מיט טויזנט־מיילעדיקע שטיוול
זיך אַראָפּגעזעצט אויף אָפּגעהאַקטן פּניאָק.
פּיס מיינע, האָט נישט קיין פּאַריבל,
גיין איז גיין — ס׳איז שוין אַן אייגענער דער טראַקט.

נישט קיין זוניקער —
אונטער טעראָר אונטער פּאָגראָמען
גייען אַלע באָרוועסע, ווי איך.
שואוואַקס, בערשטל, גיט אַ פּוץ די לעדערנע כאָדאַקעס
זאָלן אויסזען ווי ניש׳קשה׳דיקע שיך.

שוין אַזויפיל שפּראַכן האָט מיין צונג געלערנט,
מאָרגנע קאַלט איז מיין געמיט צו זיי.
כ׳טראָג אַ שפּראַך אַזאַ, ווי כ׳טראָג אַ לעבן,
אונטער שנאה, האַגל און געשריי.

כאָטש מיין האַרץ איז שוין אַביסל כריפּעוואַטע,
זענען שטאַרקע נאָך ווי שטיין די פּיס.
כ׳וועל אַזוי פיל האָבן צו דערציילן —
ווי די טייכן אַלע זענען ביטער,
ווי די טייכן אַלע ווילן ווערן זיס.

בעריש ווײַנשטיין

סימפּאָניעס

פּיאָטאָר טשײַקאָווסקי

אויף די פעלדער פאַר דײַן פענצטער פאַלט שטענדיקער שניי, שניי ווי פון הימל.
ווי פון הימל טראָגסטו דעם גורל פון דײַן שכן, די ברכה פאַר דײַן פאָלק.
אינערגיץ און בײַ קיינעם קען ערד אַזוי ווײנען פאַטעטיש, ווי דורך דיר, —
ווײַל ליב האָסטו די ערד אין שניי, די ערד אין פראָסט, די ערד אין דײַן לאַנד.

עפנסטו דיך שווער ווי די וואָלגאַ, אָן ליבעס, — נישט אַזוי זוניק ווי ס'ריינגאָלד, —
מיט באָרוועסע פויערטעס און מאַנסבילן מיט אָפענע, פּאַרוואַקסענע ברוסטן,
וואָס טרעטן נאָס אויף שווערע ברעגן זומפּיקע, — שלעפּ־שטריק אויף אַקסלען, —
און פּרייכן טיף נאָר דער משא, נאָך דעם ווייטיק פון אַ דינער בײַטש אין לײַב.

נאָך די יסורים, וואָס די וויאָלאָס ציען אויס בײַם סוף פון דער פּאַטעטיק,
קען מען הערן ס'מענטשלעכע קול אין שווערן קלאַנג פון געשמידטע פּיס,
וואָס שלעפּט קעלט אויף די ליפּן מיט אָפּגעריסענע אויגן דורך זאַווערוכעס, —
פאַר שרעק שרײַט פון זייערע פּנים'ער רחמים צו דער ערד קיין סיביר.

אַז ס'זומערט די ערד אין דײַן לאַנד, שטייסטו מיטן פויער אינמיטן פעלד;
לייגסט תבואות אין בונטן, און פון דײַנע פינגער צעשיטן זיך קערנער.
איבער אַלעמענס דאָרף גייט אויף ס'געזאַנג דײַנס — בענטשונג פון דײַן האַנט —
און קערסט זיך אום אין וואָטינסק, וואו ס'פאַלט שטענדיקער שניי ווי פון הימל.

מיט דײַנע אויגן פאַרקלערסטו די נאַכט וואָס ווינטערט אויף דײַן שויב.
דער הימלעכער סאַמאָוואַר פאַר'שיכור'ט טרויעריק ס'אויג פון דײַן פּנים:
אַ שטאַרבנדיקער זעלנער ראַטשקעט פון מיטן פעלד און גענענט צו דײַן פענצטער
אין צעשאָסענע קליידער מיט אַן אויפגעריסענע פעלד־פלאַש, פאַרלוירן פון פערד.

ווערסט צאָרנדיק, ווי פּעטערסבורג, און שפּאָרנסט דיך אויפן ווילדסטן פערד
אין רויטע לאַמפּאַסן מיט אַ טראָמבאָן פאָראויס נאָך הייסער נקמה צו נאַפּאָלעאָן.
ס'רײַט נאָך דיר ס'פאָלק, קופּאָלן צעקלינגען אין קופּער די הימנע פון צאַר,
אַ געשטילטער קערסטו זיך אום פון שלאַכטפעלד מיט דער מאַרסעליעזע פון „1812".

ריכאַרד וואַגנער

פון דײַנע אויגן רינט פאַרקלערט ס'זוניקע וואַסער פונעם ריינגאָלד.
ס'ווײנט דער וויאָלין שאַרף און דין מיט כונה פון דײַנע פינגער.

פאַראַן אַזויפיל פּרילינגען, אַזויפיל ליבעס אָפּפּער אין דיינע ניבעלונגען,
אַז דו וועקסט גלוסט צו שטאַרבן אַזוי ווי טריסטאַן באַהעפט מיט איזאָלדע,
און שיין איז אַזוינאָך צו ליבן ווי זיי, צו שטאַרבן באַהאָפטן.

אויפן פּנים ביזטו ענלעך צו דער לעגענדע האַנס זאַקס — ביזט מילד ווי ער;
טראָגסט זיין בייז־פּאַרקאַמטע באָרד, דאָס רונדע היטל אין אַ זייט פאַרוואָרפן,
און אויף אַ שוסטער־בענקל, אין אַן אָפּענעם קאַמער פון אַ זאַקסיש הויף,
קלאַפּסטו געמיטלעך איבער אַ שוך ריטמיש נאָכן גראָבן ליד פון מייסטער, —
און ס'ענטפערן דיר אָפּ די געזעלן מיט אַ לויב־ליד פון דער וואָלהאַלע,
ווייל ביזט גוט און שפּאַסיק צו די מייסטער־יינגלעך פון נירענבערג.

און ווידער וואַרטסטו מיט ברונהילדע ביים ריין, פאַרלוירן פון מענטשן:
זי — דורכזיכטיק אין ווייסן טול, ווי די אויפגייענדיקע ווענוס אין טאַנהייזער,
און דו — ווי דער ריטערישער וואָטאַן, באַגריסטו די רייזע פון די ניבעלונגען, —
די שיפן דיינע האָבן אַ טבע שטורמיש צו צעפּאַלן אויף הויכן וואַסער.
די מאַטראָזן ראַטעוועטסטו, ווי דורך אַ נס, און לאָזט די שיף ווילד אין ווינט,
ווייל ברונהילדע וויל קושן הייסע, שטאַרקע הענט — דעם העלד פון נצחון.

אין די ניבעלונגען נידערן ווייך די הימלען און בייטן זיך אין שקיעה,
אין גאָלד, ווי פלאַמיקע פעלזן, און ווי בערג אויף אַ פאַרגעסענער ערד; —
אויף די בערג — שטייגט לאָנגרין מיט אַ פאַרבלאָנדזשעט געזיכט, רוימיש,
מיט אַ שפּיז אין האַנט, אָנגעטאָן אין אַ שווערן זילבערנעם פּאַנצער;
ער פאַלט אין ווידוי אויף די קני מיט אַ דערשראָקענער תפילה, און וויינט
מיט נאָענטע טרערן צו דער געפונענער כלי אָפּגעריננען בלוט פון געקרייציקטן גאָט, —
מיט דער כלי אין דער האַנט פאַרגייט לאָנגרין ווי געזאַנג, ווי שקיעה.

ס'פאַלט צו די נאַכט, ווי אַ וואַלד, אויפן דאָרף פון דיין פאַרביקן לייפּציג.
די לופט צאַפּלט מיט פאַרהוילענע קולות פון די טונקעלע וואַלד־וועבן.
די ברעגן פונעם ריינגאָלד גיסן זיך איבער אין טרערן אויף זיגפרידס גסיסה
און ווערן אָבל'דיק, — וואָרים זיגפריד שטאַרבט צוביסלעך אין געצונדענע פענצטער.

דוואָראַק'ס נייע וועלט

האָסט מסתמא געזען פּנים'ער אַנדערע, ווי דיינס, אַזעלכע שוואַרצע, אַזעלכע גרויסע.
נעז אַזוינע ברייטע, און אַזוי גראָב די ליפּן, ציין שטאַרקערע ווי דיינע, —
ווייבער און מאַנסבילן אויסגעטאָן אויף צעבליטע פעלדער אונטער אַ בייטש —
מיט זויגנדיקע קינדער צו די רוקנס געבונדן — אָנשטאָט אַ וויג, אָנשטאָט אַ שטוב.

האָסט מסתמא געזען הויטן שוואַרץ צעפּאַלן אין דער זון אונטער אַ הוילער רוט, —
קינדער רײַסן זיך צוריק צו די מאַמעס, ווען מ'נעמט זײ איז געפּאַנגענע שטעט.
דערפּאַר קלאָגט דײַן נײַע וועלט מיט אַזאַ כּח, וואָס צערירט דאָס האַרץ
מיט טרערן אַזעלכע, וואָס שטאַרבן אָפּ אין די אויגן, טרויעריק ווי אַ נעגער.

טראָגסט פון זײ אַזויפיל ווייטיק, אַזויפיל הכנעה און אַזויפיל גענאַדיק געזאַנג:
זוכסט פאַר זײ אַ דערלייזער, מ'זאָל אָננעמען ס'געוויין זייערס איבער די ערד;
ווילסט באַהעפטן דעם נעגערישן טרויער מיט דער פרייד פון ווייס געלעכטער,
זײ זאָלן געניסן די גאָב פון געברידערונג און שטאַרבן לייטיש ווי מענטשן.

אינדיאַנער ברענגן ליגן אויף דײַן געמיט, רײַסן דײַן הערשאַפטלעכע פּאַלערינע,
אין די פּריצישע קליידער צעשפּילסטו די מנהגים, די תּאווה פון פרייע אינדיאַנער,
ווערסט אַ געוועלטיקער איבער אַ נײַער וועלט, איבער שרעק פון ווילדקייט,
און מיט די סלאַווישע פינגער צע'שיכּור'סטו די פּויקן מיט קולות פון פרעמדע שבטים.

פון דײַן צונג רײַסט זיך אָפּ ס'פּאַרביקע געלעכטער פון אינדיאַנער אויף זאַמד,
און ווי זאַמד צעשיטסטו דעם נאַקעטן יאָמער פון לעפּצן ביים אויסגעזעצטן פייער:
ווײַבער אָן קליידער הייבן זיך יונג אין טענץ און בענטשן די פרידלעכע נאַכט, —
פונעם טאַנץ ווערט אַ פייער־תּפילה, אַ גאָט, אָבער נישט אַזאַ ווי פון הימל.

הויל צעפּאַלט ס'געלעכטער פון לײַבער, וואָס יאָגן זיך דערוואַקסן אויף זאַמד, —
שוואַרצע גופים אײַנגעצויגן אין סטענגעס עלפנבײן — גליען ווי האַרבער מאָן,
און בריסטן טרײַסלען ס'באַהאַנגענע גאָלד, ווי הייסע קאַרעלן — נאָך גלוסט,
און פונם גלוסט, ווערט אַ פייער־תּפילה, אַ גאָט, אָבער נישט ווי פון הימל.

שיפן נאָך שפּורן גאָלד צעבלוטיקן די רויטע לעגענדע פון זייערע ברעגן,
און צעפּלוישן זייערע אָוונט־טענץ, מאַכן קאַליע זייער גאָט, זייערע ווײַבער,
און צעפּאַרכטן די מאַנסבילן אין אימה'דיקן געוויין פאַר אויפגעשוואָומענע לענדער,
וואָס נעמען זײ אויף שפּאַנישע שיפן געבונדן — פון קאָלומבוסעס מאַטראָזן.

צ ע ז אַ ר פ ר אַ נ ק

אומיץ האַלט די לבֿנה אין דער האַנט און צעקרישלט זי מיט פינגער פאַר דײַן שטוב.
און דו מיט בלויזע אויגן דערבליקסט ס'ליכט און צעפירסט דעם ים מיט סיגנאַלן.
אויף דער יבשה גייסטו דערמיט אויף, ווי אַ פעלדז קעגן הייסע הימלען בראַנדז;
ווערסט רוי, און פּראַסט בלאַנקט דער קופער פון דײַן סימפּאָניע „אין די מיינאָר".

צערוישטע טראָמפּייטן בלאָזן אויף דעם ים און הייבן אים גרין און ווילד.
שווערע מענטשן אין קאַלטע קליידער שטייען ליימיק מיט רידלעס אין נעפּל
אויף צעגראָבענע זומפּן און לייגן פרישע קלעצער פאַר סקאַנדינאַווישע באָרטנס;
און אין זייער שטוב — אַ טליענדיקער קאַמין, אַ ווייב לעם אַ האָלענדישער וועב־שטול.

בילדער ווי דיין געזיכט, הענגען בלויז אין הילצערנע שטיבער לעם פישער־האַפנס.
ס׳פּנים דיינס איז ברייט און בעלגיש, די באָרד געמיטלעך, האַבסבורגיש פאַרקאַמט, —
אין אַזאַ שטוב בענקען דיינע אויגן, ווי ביי טאַטעס פון ווייטע מאַטראָזן־קינדער,
וואָס ראַנגלען זיך פרעמד אויף אַ שיף, פאַרוואָרפן אין שטורעמס פון שטעט.

סימפּאָניש שפּרינגען אָפּ קלעפּ פון אַ שמידס האַמער און הייבן זיך איבער דער קאָוואַדלע, —
ס׳שטייט דער שמיד טונקל און בראַנדיק און זינגט דעם איבערגאַנג פון „די מיינאָר”,
שכנים אויף געהילץ זיצן ערנסט מיט בעלגישע לולקעס און האָרכן פאַרקלערט:
ס׳שטילט זיך ס׳ליד פון שמיד, אויף זיין פלאַמיק פּנים פאַרגייט צעזאָר פראַנק.

ער וואַגלט אַ פאַריאָגטער אין פאַריז מיט אויגן שטילער ווי ביי אַלע מענטשן,
און שלאָגט טרויעריק אויס דעם בין־השמשות אויף האַרטן קופּער פון פאַריזער קופּאָלן.
אָפּגעשיילטע טורעמס צעציינדן ציפּערבלעטער און וואַרפן אַז א ליכט אויף זיין גסיסה,
ס׳טוען זיך אָפּ פון אים די פּיס אינמיטן גאַנג, פאַרצוקט פון דער העלער גאַס.

די ביבלישע רבקה פאַלט נאָענט מיט אַ פולן־קרוג טרערן אויף זיין גע׳הרג׳עטן גוף;
זי לאָזט פאַנאַנדער די צעפּ, און מיט די האָר ווישט זי לאַנג ס׳מת פון זיינע אויגן.
ברוין קומט אָן רות פון די קאָרן פעלדער מיט אַ יונגער זון אויף איר פּנים
און צעשיט אַ גאָלדענעם בונט שטרוי, ווייך אונטער זיין קאָפּ פון אַ בלוטיקן טויט.

פ ע ל י ק ס   מ ע נ ד ע ל ס אָ ן

ס׳בלייבט יונג דיין געשטאַלט מיט נאָענטקייט צו די יידן פון היימישן מזרח.
אין די אויגן דיינע האָט זיך הכנעה׳דיק אָפּגעשטעלט דער שטילער צער פון עם געטאָ.
פון דיין געזיכט קוקט יינגליש אַראָפּ דער תלמוד, ווי אַ קלאָר ספר־בלאַט,
און ס׳זינגט אַרויס די גמרא פון דיינע ליפּן, בייאַכט אין אַ שפּעטער קלויז.

פאַראַן אַזויפיל ליכט אין דיר, אַז געשטאַלסט אָפּ פון זיך דעם פּשוט׳ן אליהו־הנביא.
וואַקסט אויס אַ דערשראָקענער לעם זיין גוטער האַנט און גייסט אים נאָך אומעטום:
פעליקס מענדעלסאָן—אַ יינגל אַ בלאַס, אליהו—אַ ווייסער ייד—גייען ווי פראָסטע מענטשן,
ווי אַ לעגענדע דורך דאָרפישע וועגן מיט מעשׂות פון אַלטן האַמבורג און אַלטן פּראַג.

דער ווײַסער ייִד טוט זיך אָפּ פֿון דיר, און פֿאַרפֿרעמדט דיך אויף גענטעס גרויסן ים,
מיטן כּח פֿון אליהו באַהערשטו די שוואַרצע ווילדקייט, ערגיץ אויפֿן ווײַסן וואַסער
ברעכסטו איבער דעם ווינט פֿון שטורעמס און טײלסט צו די נאַכט אַ העלע לבֿנה.
שיפֿן און קאַפּיטאַנען באַשירעמסטו פֿון אַלדעס־בייז און ווערסט אַ בטחון פֿאַרן ים.

פֿאַרוויגסט שוימיק דעם ים אין אַ זילבערנעם חלום, אין אַ נאַכט פֿון אַ כּשוף־וואַלד,
ס'ווערט „אַ מיטזומער־נאַכט" פֿון פֿאַרביקן ריח, הייסע בלומען און ליבעס־פּרויען, —
ליבעס, ווי ראָמעאָ און יוליעט מיט לאַנגע שווערדן און שווער געפּאַנצערטע קליידער, —
אויסצושטײן געפֿעכטן פֿון ים־רויבער און זיך אָפּפֿערן פֿאַר אַ לעבעדיקן קבֿר.

פֿעליקס מענדעלסאָן — אַ תּפֿילה פֿאַר אַלע ים'ען, — ברעגן שטילן זיך אונטער דײַנע פֿיס.
פֿרידלעך צוימסטו די כוואַליעס און באַוועגסט זיי אין אור־ביבלישע נגונים,
און דײַן רייזע גייט אויף דערפֿאַלגרייך, ווי אַן אויג אויף אַ פֿרישן אינדזל, —
אַ קינד פֿון דער גענטאָ קערסטו זיך אום אין דײַן שטאָט, וואָס איז טרויעריק ווי אַמסטערדאַם.

לעניִן ביאָגראַפֿיש

אַ זון רונד איבער מאָסקווער קופּאָלן, אַ זון אָנגעשפּיצט אין הייסן קופּער.
אין דער אָפֿענער שטאָט — לעניִן, אויסגעהאַקט פֿון ווילדן שטיין אַ לעבעדיקער,
מיט אַן אויפֿגעהייבענעם אָרעם, דעם דאַשעק בייז אין די פֿינגער פֿאַרקלעמט,
און דאָס פּנים צאָרנדיק, דעם האָריקן האַלדז מיט אַ האַרטער שאַל פֿאַרוואָרפֿן.

לעניִן אַ צעקנעפּלטער, אין צעטראָגענע קליידער, — ס'מויל אָפֿן איבער מאָסקווע:
ס'האַרץ, וואָרעם פֿון זון, שלאָגט מיט בלוט און מיט אָדערן אפֿילו דורך שטיין;
ער שטייט אַ צעשריגענער, — פֿאַר אים אָטעמען פּויערים מיט פֿאַרריסענע פּויסטן,
און איבער זייערע קעפּ — לעניִנ'ס שטרענגע הענט אויסגעשטרעקט צו פּעטערסבורג.

צו זײַנע אויגן גענענען גאַסן — פֿרעמדע באַנען און געוועזענע שטעט, —
שווייצער פֿעלזן — אין שקיעה, בערג שטייגן בראַנדיק אונטער צעפֿירטע הימלען,
אײנעם בראַנד — לעניִנ'ס רייד צווישן אומרואיקע חבֿרים אין הייסן געשפּרעך, —
חבֿרים מיט רוסלענדישע געזיכטער אין ברייטן שפּאַציר ביז טיפֿער נאַכט.

ציריך — אַ פֿאַרשנייטע שטאָט; אַן אויסלענדישע ווינטער־נאַכט איבער צעגליטשטע גאַסן.
לעניִן אַ כּסליודיקער, פֿון וואָקזאַל אַן אויסגעשטייגטער גייט אום איז קעלט,
פֿונעם היטל כּליפּעט די נאַכט און צערינט ברייט איבער זײַנע נאַסע אַקסלען,
און מיט אַ פֿינגער פֿאַרווישט ער אַ היימישע קאַפּע־שויב צו דערקאָנען אַ מענטש.

פארהוילן קוקן לעניגס אויגן דורך גלאָז, ס'פּנים קלוג אין דער שאָל באַהאַלטן:
אײנעם קאָפּע — פּאַפּיראָסן, צעפּאָלענער רויך, צערודערטע טישן מיט ערנסטע באָלשעוויקן,
און זיי ווייסן נישט, אז די אויגן דורכן גלאָז וועלן דערצערגען די וועלט,
וועלן קוקן לעבעדיק, און אָפּן, אויסגעהאַקט פון ווילדן שטיין, איבער מאָסקווע.

אין דער אַנטלאָפענער פּרעמד — שפּראַכן און ביכער אין לעניג'ס דאַך-צימער,
מײדלעך, אין שפּעטן ליכט באַנאַכט, קלאַפּן מיט צעשראָקענע פינגער אין זיין טיר
און רײסן זיך אין שטוב אריין מיט גאַס און קעלט אויף די קליידער, —
מיט וױכטיקע פּאָרטפעלן, און בייטן לעניג'ס פּנים אין אַ קאַלענדאַר פון בלוט.

פּעטערבורג אין חורבות פון זעלנערס, צעוואָרפענע ביקסן — אין אָקטאָבער.
איינגעפּאַלענע סאַלאָנען פון מאַרמאָר אבל'ען נאָכן צאַרס אויפגעלייגטע נעכט,
און אַ צופרידענע גייט אויף מאָסקווע לייטישער ווי ציריך, ווי לאָנדאָן.
איבער איטלעכן — לעניג'ס שטרענגע האַנט אויסגעשטרעקט צו שטעט נאָך, נאָך און נאָך.

ז. ווײַנפּער

אינטימאַ

א.

ביסט אַרײַנגעקומען אַזאַ מידע
און מיטגעבראַכט ירידה
אונטער די טריט.
אויף מײַן טיש האָט געלויכטן אַ ליד
פון לויטערן גלויבן,
און אַ טעלער מיט טרויבן,
עפּל און באַרן און פּאָמעראַנצן,
נאָר דו האָסט גענומען פלעכטן קראַנצן
פון טרויער!
עס איז געווען, ווי דו וואָלסט געזאָגט: — איך באַדויער,
וואָס איך בין אַזאַ, ווי איך בין,
נישט געווען ערגעץ אַנדערש, וואוהין
אַריבער צו גיין,
און שווער איז געווען מיר צו בלייבן אַליין, —
אַט אַזוי האָסטו שווייגנדיק גערעדט
און אין אָנטאָן זיך געוואָרפן אויפן בעט
מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן, —
וואָס פאַר אַ קראָ איז איבער דיר היינט געפלויגן?

ב.

עס איז נאָכמיטיק געווען און איצט איז שוין נאַכט, —
וואָס האָב איך פאַר דער צייט שוין נישט איבערגעטראַכט!
נאָר זאָגן האָב איך גאָרנישט געקאָנט.
מײַן ליד אויפן טיש האָט דערמאָנט
אָן דעם ליכט פונעם פאַרגאַנגענעם נאָכמיטיק, —
געווען איז אין שטוב אַזוי צוויטיק,
ווײַל אַלצדינג האָט דאָ געוואַרט אויף דיר, —
געוואַרט האָט די קליאַמקע אויף דער טיר,
אַז דו זאָלסט קומען און זי באַרירן, —

און איצט? — דער טרויער שאַרט זיך דורך אַלע טירן,
און גראַבלט זיך ווי מויזנלאַפּקעס, אויפן געמיט. —
אָ, העלף מיר! העלף מיר, מיין ליד!

ג.

גלין־גלאַן־גלין! —
דאָס זילבער־גלעקל אויפן הימל קלינגט אַזוי דין,
ווייל פאַראַן איז דאָרט אַ פאַרבאָט
נישט צו וועקן דעם דרימלדיקן גאָט
אין זיין שכינה׳דיקן בעט;
נאָר פּאָעט
האָט אַן אַנדער מין גלאָק. —
מיינער איז איצט דער האַמער אויף טשוואָק,
וואָס שלאָגט אויף דער וואַנט פון דער וואָך; —
אָבער פּאָעט אינעם יאָך
בענקט דאָך טאָפּלט נאָך שבת!
זאָל איך איצט שרייבן אַ ליד פון שלמה׳לע אַבעס,
וואָס האָט דורך תעניתים געוואָלט ברענגען משיח׳ן?
צי פון ר׳ אָשר דעם נגיד, — עס זאָל אַ ריך אין
זיין טאַטן ביזן עלטער׳זיידן!
אָדער אפשר זאָל איך גאָר אַליין זיך באַריידן?

ד.

וואָס רעד איך צו זיך, — פרעגסטו ביי מיר?
אָ, דאָס רעד איך צו דיר
איצט פון גאָרנישט מיט גאָרנישט.
קיין זאַך וועט דאָך סיי־ווי אויף אַ האָר נישט
דיין געמיט איצט גרינגער שוין מאַכן.
איך בין אָפּטמאָל גליקלעך מיט פּשוט׳ע זאַכן, —
עס איז דאָך פּשוט צום לאַכן, —
אויף מיין טיש, — אַ ליד פון לויטערן גלויבן,
אַ פּולער טעלער מיט פרוכט, — די טרויבן
אַזעלכע רייפע, באַ׳טעמ׳טע,
ווי צייטיקע לידער, געגראַמטע, —

— און דו?
הײַנט ביסטו
דער אומרו מײַן,
די פּײַן,
דער צער,
דער שכר,
פֿאַר זײַן, וואָס איך בין.
—!גלין־גלאַן־גלין
דאָס גלעקל אין הימל איז דײַן,
!נאָר דײַנער פֿון דעם נאָך ביסטו —
!אָ, דו

ה.

— ,דו שווײַגסט? דו טראַכטסט פֿון אַזוינס און אַזוינס
איך זע עס. איך ווײס עס. — דײַן פּנים דאָס ברוינס
וועקט פֿײַנלעכן נײַגער. עס ווילט זיך מיר טרעפֿן,
נאָר גײ זײ אַ בריה און עפֿן, צעעפֿן
— ,אָן אַ שליסל די טיר, די פֿאַרמאַכטע
!איך האָב אַזוי ליב דײַנע אויגן פֿאַרטראַכטע

וואָס-זשע טראַכטסטו אַזוינס? דער טרויער דעם טראַכטער געהערט?
פֿאַראַן אַזויפֿיל טראַכטער בײַ אונדז אויף דער ערד,
וואָס טראַכטן און דערטראַכטן זיך צום אײביקן גאָרנישט.
אָ יאָ, איך ווײס, אַז מען טאָר ניש
— ,אַזוינס און אַזעלעכס אויפֿן מויל גאָר צו ברענגען
.אין אַלאַבאַמאַ גרײט מען זיך איצט אַ נעגער צו הענגען

איך ווײס, אַז עס הויערט אַרום אונדז נאָך די טונקעלע נאַכט,
זענען דערפֿאַר דײַנע אויגן, ווי לאָדנס אויף פֿענצטער פֿאַרמאַכט,
נאָר נישט שטענדיק זענען זײ אָט־אַזוי ווי זײ זענען.
— ,איך האָב נישט אײנמאָל געזען אין זײ פֿײַערן ברענען
פֿײַערן, ווי שטורקאַצן, וואָס וואַרפֿן ליכטיקע פּאַסן
.איבער אויפֿברויז פֿון לעבן אויף טונקעלע גאַסן

דאָס לעבן און דו. — אײן בלוט־רויטער פֿלאַם,
וואָס צינגלט זיך, שלינגלט זיך און רײַסט צאַם נאָך אַ צאַם,

אינטימא

נאָר שטיינערדיק, שטאָלעדיק איז אַלץ נאָך באַטויערט, —
די נאַכט קוקט אַרונטער נאָך נאַכטיק־פאַרטרויערט
און טרויעריק ווינקען די שטערן זיך איבער,
נאָר, אז דו רעדסט פון לעבן, ווערט שוואַכלינג א גבור.

וואָס־זשע אַזוינס האָט מיט דיר היינט געטראָפן?
איז א קאָטער, א שוואַרצער דיין וועג דורכגעלאָפן?
דער קאָטער, דער שוואַרצער, — דיין באָס מיט די גיריקע בליקן?
אָדער אפשר האָסטו היינט אין פאַבריק ביי דעם שטריקן
מיטן שפּיץ פון דער נאָדל זיך א פינגער צושטאָכן?
צי האָט אַן אַרבעטער קעגן זיין קלאַס היינט פאַרבראָכן?

דו שוויגסט און דו טראַכסט, — וואָס־זשע טראַכסטו עס פאָרט?
אונדזער לאַנד איז א ברייטס און דאָך איז פאַר א סך נישטאָ קיין אָרט,
וואו א טישל, א בענקל און א בעטל אַנידער צו שטעלן.
אַזוי פיל פאַרשטיינערטע שומרים היטן לײדיקע שוועלן, —
זיי היטן, ווי היינט דורך די נעכט, מיט גרויליקן וואויען, —
פאַראַן איז א האַמער און מען שטערט אונדז צו בויען.

איז עס דאָס, וואָס דו טראַכסט איצט אַזוי? —
די נאַכט איז א סוד און א סוד איז די פרוי, —
וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלכע בליקן?
איבער שטאָטיקע טייכן הענגען ריזיקע בריקן,
זינגט איבער זיי דאָס מעכטיקע ליד פון ניו־יאָרק,
וויינט איבער זיי די שווערע זאָרג פון ניו־יאָרק.

היינט פרי האָב איך לעבן איינעם פון זיי א מענטשן געזען, —
אויב ביינער און הויט איז א מענטש, — איז ער דאָס געווען,
גערעדט האָט ער שטיל פון זיין ווייב, וואָס האָט אים פאַרלאָזן,
ווייל דער האָרן פון אַנדערנס אויטאָ האָט שענער געבלאָזן,
ווייל די האַנט פון דעם צווייטן האָט איר בעסער געקעכלט, —
גערעדט האָט ער שטיל און אַזוי קלוג אין דער לערקייט געשמייכלט.

צו וואָס דערצייל איך עס דיר אין אָט־אָ דער נאַכט?
אָט גלאַט, עס דערציילט זיך, — א מענטש האָט אין א טונקעלער שאַכט
נעכטן ביים גראָבן די קוילן זיין לעבן פאַרלוירן,
און היינט האָט זיין ווייב דאָ א צווילינג געבוירן,

האָט דער באָס דער אַלמנה געטרייסט, אַז אַם ירצה השם אין יאָרן
וועט זי האָבן פּאָר זײַנע שאָכטן צוויי יונגע שאָכטיאָרן.

דו מיינסט, אַז איך שפּאַס? — נאָ לייען דאָס בלאַט! —
אָט איז וועגן דעם זקן דעם רייכן, וואָס האָט חתונה געהאַט
מיט אַן אָרעם מיידל פון עטלעכע און צוואַנציק,
אָט איז וועגן היטלער'ן וואָס שאַרפט זײַנע נעגל אויף דאַנציק
און וועגן דעם עס־אָ־עס פון דער שיף, וואָס איז אין סכנה
און אָט איז די מעשה פונעם באָס מיט דער אַלמנה.

דו לאַכסט? נו אַז דו לאַכסט איז דיר אודאי שוין בעסער, —
זײַ מוחל, וואָס איך בין בײַ דיר נאָך אַלץ אַזאַ פּרעסער.
ווען דו האָסט געטרויערט, האָב איך פאַרשלונגען די טרויבן,
נאָר געבליבן איז דאָס ליד פון מײַן ליכטיקן גלויבן,
און עפּל און בארן און פּאָמעראַנצן אַ פּאָר, —
ווי קרויזיק און ווייך עס זענען היינט דײַנע האָר!

ו.

דער טרויער?
אַ שאָטן ביים טויער
פאַרבליבן פון נעכטן, פאַריאָרן.
מיר וועלן אים לזכרון
אין דער געשיכטע פאַרשרייבן
און דאָרט זאָל ער בלייבן.
און ביסטו אַ מידע?
איז דאָס נישט ירידה,
נאָר פּשוט פאַרמאַטערט, —
אַ גאַנצן טאָג אומגעפלאַטערט
אינעם ברויז פונעם לעבן,
דאַרף מען אָפּרו זיך געבן.
מאַך צו דײַנע אויגן, —
אַ פויגל געפלויגן, געפלויגן,
דער פויגל געקומען
און אין נעסט זיך פאַרנומען
צו רוען אַן זאָרגן, —
אַזויפיל אַרבעט אויף מאָרגן!

ז.

שלאָף איין
אין רו, —
די שיין,
ווי דו,
באַדאַרף
אויך שלאָף.
די האַרף
ביים סוף
פון שפּיל
אין רו,
שפּילט שטיל:
ליו־ליו.

א קלאַנג?
א טאָן?
דער גאַנג
אין קאָן
איז נישט
פאַרשפּילט!
פאַרווישט,
פאַרקילט
א טאָג
פון דיר?
נישט זאָג
דאָס מיר!

דער טאָג
געבערט
א טאָג,
און מערט
די שעה
מיט שיין.
וואָס דאַ
וועט זיין.

דיין בלוט
איז קיל?
עס רוט
איצט שטיל.

ווי דו
באַגערט
אויך רו
די ערד.
אַ טרער
פון שאָף
אויף שער?
שלאָף, שלאָף,
אַמאָל
געוועזן!
אין טאָל
געשען!

ח.

ביסט מער נישט מיד? און שלאָפן ווילט זיך דיר נישט?
אַבי איך האָב זיך געשראָקן אומזיסט און אומנישט
און אַזוי פיל לירישע רייד איבער דיר אויסגערעדט.
פּאָלג מיך און שיק צום טייפל דיין יונג. — דעם פּאָעט,
און נעם זיך אַ בחור מיט מאַזאָליעטע פינגער,
עס וועט מיט אַזעלעכן זיין דיר פיל גרינגער.

אָט האָב איך אין מיין אומרו פאַרשלונגען די טרויבן
און געבליבן איז בלויז דאָס ליד מיינס פון גלויבן, —
דער גלויבן איז גוט, נאָר צו וואָס איז דאָס ליד?
מיין פּנים האָט געכטן פון חרפּה געגליט, —
כ'האָב מיין ליד צו אַ באַלעבאָס פון אַ צייטונג געבראַכט,
האָט ער פאַר אַ יאָלד מיך באַטראַכט און חוזק געמאַכט.

דערצו נאָך ביסטו היינט געקומען צו מיר אַזאַ מידע
און אָנגעפילט די שטוב מיט שווערער ירידה,
וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דיין געמיט,

אָבער איצט? — אַט לייענסטו מיין אויפגעלויכטן ליד
און דיין פּנים אַזוי לויטער און פריש,
און שיינט, ווי דער לאָמפּ אויף מיין טיש.

דיין בליק? — וואָס זע איך אין אים אצינד?
פריער האָט געיאָגט פון אים אַ פראַסטיקער ווינט, —
אַ ניין, נישט קיין ווינט, נאָר מחנות מיט ווינטן! —
אַמאָל האָט אַ מיידל אויף אַ פעלד אַ צוגרינטן
געזונגען אַזעלכע פריידיקע, ליכטיקע לידער, —
געזונגען? — אַט הער, — זי זינגט זיי שוין ווידער!

די לידער פון פרייד צו אַלץ און פון אַלץ, —
די ערד גיט אונדז ברויט און דער ים גיט אונדז זאַלץ,
און דו גיסט די ליבע, ווי זון גיט שטראַלן.
אויף אַ ווייל איז דער הימל צו דר'ערד צוגעפאַלן,
אָבער אונדזערע הענט האָבן אים צוריק אויפגעהאַנגען
מיט לויטערן ווילן און פריידיקע, העלע געזאַנגען.

געזאַנגען פון לעבן, געזאַנגען פון ליכטיקער וואָר, —
איך זע אויף דיין קאָפּ אַ זילבערנע האָר,
עס איז נישט פון יאָרן, — דו האָסט זיי נאָך ווייניק, —
געזאָגט האָט דער נביא: — גיי אַרויס און פאַראייניק,
האָסטו אים געפאָלגט און דו ביסט געגאַנגען, —
איצט פאַלן פון שטייגן די אייזערנע שטאַנגען.

און אַז די אייזערנע שטאַנגען וועלן צעפאַלן,
וועלן טירן און פענצטער אויף ברייט זיך צעפראַלן
און זינגען וועט פרייד ביי אַלעמענס שויבן.
און איצט? — דערווייל דאַרף מען לעבן און גלויבן
און טראָגן זיי ביידע אויף וועגן.
אַט זע, די נאַכט גייט אַוועק און טאָג קומט אַנטקעגן!

א. ראַבאָי
ש. מילער
יצחק באַשעווים
אהרן צייטלין
ב. לאַפּין
י. י. סיגאַל
איציק מאַנגער
י. אָפּאַטאָשו
דר. יעקב שאַצקי
ה. לייוויק

א. ראַבאַי

אָרעמע גראַשנס

(קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן)

חיים פּאווידלע האָט געדונגען אַן אָפּיס און זיך אַליין אוועקגעזעצט אין אָפּיס אַלס דער פּאַרוואַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער הײם. אין דער פּרעסע זענען דערשינען נאָטיצן וועגן דעם, אַז די אונטערנעמונג צו בויען אַ קאָאָפּעראַטיוו וואַקסט: אַז עס איז נאָך פאַראַן אָרט פאַר זעך אַ קלײנע צאָל מיטגלידער, זאָלן זיך יידן צואײלן. אויך אַז דער קאָאָפּעראַטיוו וועט האָבן אַ פּיקניק אויף זײן שטיק לאַנד.

דער טאָג פון דעם פּיקניק איז געווען אַ וואַרעמער זונטאָג. אַ שײנער ליכטיקער טאָג מיט אַ רײנעם מילך־בלויען הימל.

דאָס שטיק לאַנד מיט די ווילדע גראָזן, בוימער און בושעס איז באַהאַנגען געוואָרן מיט פּלאַקאַטן, מיט גרויסע אותיות: „קאָאָפּעראַטיווע הײם." עס האָט אויך ניט געפעלט די אַמעריקאַנישע פאָן.

פון גאַנץ פרי אָן, איז שוין דאָ חיים פּאווידלע געקומען מיט אַ גאַנצער מחנה רעפּאָרטערס פון די אידישע צײטונגען. חיים פּאווידלע איז דאָ אויפן באַרג אַרומגעלאָפן ווי אַ בין פון אײן ווינקל צום צווייטן און אַלעמאָל צוגעלײגט אַ האַנט, ווי אַ דעכל צו די אויגן און געקוקט אין טאָל אַרײן צי עס קומען מענטשן.

די רעפּאָרטערס, אידישע באַנק־קוועטשער, זענען אַרומגעגאַנגען מיט די הענט אויף זײערע אונטנס און זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט בײ אַ בוים אָדער אַ בלימעלע און אַרײן אין התפּעלות:

— ווי שײן!

— זעט נאָר ווי דער בוים דאַוונט שמונה עשרה!

— האַ, ס'אַ מחיה'דיק גן־עדן ווינטעלע!

— ווי הײסט דער בוים?

— פרעג מיך אַ גרינגערע זאַך.

— דאָס מוז זײן דער מין בוימער פון וואָס מען האָט געבויט דעם בית המקדש...

— און אָט קריכט משה רבינו'ס פערדל!

— וואָס פאַר אַ בלימעלע איז דאָס? זעט, אַן אויג אין דער מיט און אַרום און אַרום געלינקע ברעמעלעך.

— אידן זענען גזלנים.
— מיט וואָס?
— דאָ אויסצובויען אַ הויז.
— גאָט'ס וועלט חרוב מאַכן.
— אַ משל לעמעשקע. איך דענק פּאַרקערט, אַז מען איז מתקן גאָט'ס וועלט מיט דעם וואָס מען בויט אַ ישוב.

אַלעמאָל איז צו די רעפּאָרטערס צוגעקומען חיים פּאווידלע און עפּעס צו זיי געזאָגט, ווי אַ מחותן ביי אַ שמחה, וואָס דאַרף אַלע געסט אונטערהאַלטן.

אויפ'ן סאַמע שפּיץ באַרג, אונטער דעם קודלאַטן גרייז־אַלטן בוים, איז געשטאַנען אַ טיש מיט „סענדוויטשעס", פּרוכט און זיסע זאַכן. ביים טיש זענען געשטאַנען חיים פּאווידלע'ס ווייב פּאַיע און זיין מיידל, די זעכצניאַריקע בראַנים. בראַנים האָט אַלעמאָל געזוכט מיט צעטראָגנע אויגן צי מעק איז שוין דאָ. לעבן טיש אין שאָטן פון בוים אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ גרויסער קעסל מיט שטיקער אייז און אַרום דעם אייז זענען געלעגן פלעשער מיט מילך, סאָדע און קוואַס. עס איז אויך געשטאַנען אַ פּאַס מיט אַ הילצערנעם דעקל. אין דעם פּאַס איז געווען „אייז־קרים".

די זון האָט געוואַרעמט און באַגאָסן מיט ליכטיקייט דעם גאַנצן באַרג. אין דער לופט האָט זיך געהערט אַ געזאַנג פון פויגל און דאָ און דאָרט אַ טרעל פון סאָלאָוויי... די פייגלעך זענען געפלויגן מיט שרעק פון איין בוים צום צווייטן, זיך געשטעלט אויף די צווייגן און וויגנדיקע געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף דעם בייז־וואונדער.

עס זענען געקומען נאָגצע גרופּעס מענטשן, אָנגעטאָנענע אין ווייסן, ברענגענדיק מיט זיך גאַנצע פּעק מיט פּראָוויאַנט. טייל האָבן געבראַכט מיט זיך קאָלדרעס און פאַרשפּרייט די קאָלדרעס אויפן הויכן גראָז.

מאַמעס און טאַטעס האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די קאָלדרעס, און די קינדער זייערע האָבן ווי ווילדע ציגעלעך געשפּרונגען און גע־לאָפן און זיך געקאַטשעט אין גראָז, געריסן בלימעלעך און געבראָכן צווייגן פון די ביימער. עס האָבן זיך געהערט קוויטשענדיקע געשרייען פון מאַמעס: סעמי! סע־מי־מי! אייבי! איי־בי־בי!

אויף יעדער קאָלדרע זענען באַלד אויסגעפּאַקעוועט געוואָרן פּעק־לעך מיט זיסע אוגערקעס, סאַלאַמי, פּאַסטראַמי, ברויט, רויטע רעטעכ־

לעך, גרינע ציבעלעס, רויטע פּאַטלאַזשאַנעס און פּרוכטן. די טאַטעס האָבן אַראָפּגענומען די רעקלעך און פאַרקאַטשעט די אַרבל און אויפ־געקנעפּלט די קאָלנערס. די מאַמעס האָבן איינגעטיילט יעדן קינד אַ פּאָרציע עסן און זיך געבעטן ביי די „ציגעלעך", אַז זיי זאָלן זיך אוועקזעצן און עסן רואיק. אָבער די קינדער האָבן ניט געקאָנט איינ־זיצן. עס איז דאָ פּאַר זייערע אויגן אַזויפיל וואונדער. אָט האָבן זיי דערטאַפּט אויף אַ קליינעם בוים אַ נעסט פון אַ פויגל. אויף צוויי צווייגלעך איז געווען אויסגעבעט פון שטרוי אַ נעסט און אין איר איז געזעסן אַ פויגל מיט אַ לאַנגן שנאָבל. אַ גראָער פויגל און דער שנאָבל איז ביי אים אַ געלער. שטייען קינדער ארום דעם פויגל. דער פויגל האַלט אָפן זיין שנאָבל, אָנגעגרייט צו פאַרטיידיקן זיין נעסט. קינדער ברעכן אָפּ שטיקלעך ברויט און וואַרפן צום פויגל אין דער נעסט. עס דאַכט זיך זיי, אַז דאָס וואָס דער פויגל האַלט אָפן זיין מויל, איז דערפאַר, וואָס ער איז הונגעריק. אָבער דער פויגל רירט זיך ניט פון אָרט און קוקט זיך אַפילע ניט אום אויף די שטיקלעך ברויט. ער איז דערשראָקן ביז טויט פאַר אַזויפיל שונאים, וואָס האָבן אים דאָ אַרומגערינגלט.

די קינדערלעך רוקן זיך וואָס אַמאָל נענטער צום פויגל אויף דעם נעסט.

— איך וויל אים נעמען אַהיים!

— איך האָב אַ שטייגל אין דער היים!

— איך האָב אים צום ערשטן דערזען!

אַזוי קריגן זיך די קינדער צווישן זיך, ווער עס זאָל דעם פויגל נעמען. און דערווייל האָט דער שטאַרקסטער צווישן די קינדער זיך מיישב געווען און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום פויגל. זאָלן זיך די איבריקע קינדער קריגן און ער וועט זיך דערווייל דעם פויגל כאַפּן. אָבער דער פויגל האָט דעם בראַוון אינגל געטאָן אַ ציפּ מיט זיין שאַרפן פּיסקל אין דער האַנט אריין.

— הוטש! — האָט דאָס אינגל געטאָן אַ כאַפּ צוריק די האַנט.

—ער בייסט! — פון דער האַנט ביים אינגל האָט געשפּראָצט רויט בלוט. דאָס אינגל האָט פאַרלאָרן זיין בראַווקייט, איז געוואָרן בלאַס און אָנגעהויבן צו וויינען אויף אַ קול. איז די מאַמע זיינע געקומען צו לויפן מיט אַ געוואַלד: — ווער האָט געביסן? האָבן די קינדער גע־וויזן אויפן פויגל אין דער נעסט. האָט די מאַמע פון דעם אינגל מיט

איר בייטל אין האַנט געטאָן אַ זעץ דעם פויגל. און דער אָרעמער פויגל האָט מיט אַ מאָדנעם געפּילדער, און שפּרייטנדיק פּעדערן אין דער לופט, זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפלויגן. איצט האָבן די קינדער זיך דערנעענטערט צום נעסט און דערזען דאָרט ליגן דריי גרינע לאַנגעכיקע אייערלעך. אָבער די מאַמע פונם געביסנעם אינגל האָט צעטריבן די אינגלעך און זיי ניט געלאָזט נעמען די אייערלעך.

דער צעשראָקענער פויגל איז געזעסן אויף אַ הויכן בוים אויף אַ צווייג און געקוקט אַראָפּ צו זיין נעסט.

דער גאַנצער באַרג איז געווען באַדעקט מיט מענטשן און מיט קאָלדרעס; מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער קאָאָפּעראַטיווער היים, האָבן געשמועסט מיט די רעפּאָרטערס און זיי דערציילט אַלערליי גליקן, כדי זיי זאָלן קענען באַשרייבן אין די ציטונגען.

חיים פּאַווידלע איז אַרומגעלאָפן מיט אַ ביכל און פּען אין זיינע הענט, און פאַרשריבן נייע מיטגלידער. ער האָט שוין ניט געפּילט זיינע פּים פון צופיל אַרומלויפן.

און ער האָט געדאַרפט פירן אַ מיטינג, וואָס צוליב דעם האָט מען געמאַכט דעם פּיקניק.

פּאַיע פּאַווידלע האָט מיט אַ ווייס פּאַרטעך אויף זיך געטיילט פון בופעט עסנוואַרג, און איר מיידל בראַנים, אויך אין אַ ווייס פּאַרטעך, האָט געטיילט מילך, קוואַס און אייז־קרים. בראַנים איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט וואָס מעק איז נאָך ניט געקומען. אַלעמאָל האָט ער גע־האַלטן וואָרט. און וואָס האָט איצט געטראָפן? אין דער לופט איז געשטאַנען אַ געפּילדער ווי אויף אַ יאַריד.

— אָט דאָ וועלן זיין מיינע רומס. — זאָגט איין פרוי צו דער אַנ־דערער.

— פון וואַנען ווייסט איר אַז דאָ?

— אָט דאָ, ווייל איך...

— אַנדערש זיינט איר נישט געוואוינט געוואָרן פון שניפּישאָק?

— און וואָס הערט זיך מכוח רענט?... פרעגט אַ מאַן ביי אַ צווייטן.

— ווער רענט, וואָס רענט!... פאַרשטער מיר ניט דעם יום טוב...

— היי! וויפיל גיסטו מיר אָפּטרעט געלט? — שרייט אַ רויטער

יונגערמאַן אַריבער פון זיין קאָלדרע צו אַן אַנדערן, וואָס זיצט אויך אויף אַ קאָלדרע.

— וויפיל ווילסטו ?

— אַ טויזנטער !

— איך וועל דיר געבן, מיט שרה־ליבען !...

— סיי ! וואו וועלן דאָ זיין די קראָמען ?

— אַ קעגן וואָס פרעגסטו ?

— גלאַט אַזוי...

— גלאַט אַזוי איז ביי קיין אידן נישטאָ !..

— האָב ניט מורא... אויב דו טראַכסט פון אַ קראָם...

— ווער האָט דיר געזאָגט אַז איך טראַכט ?

— מע קאָן מיט דיר נישט רעדן...

— ביזט אַליין אַ — — —

— טראַ־לאַ־לאַ־, וואָס־טאָם־טאָם־ !

— טראַ־לאַ־לאַ־, וואָס־טאָם־טאָם־ !

— היי־היי־טער־רע-בים־באָם !

— היי־היי־טער־רע-בים־באָם !

— טיי־די־די־בים־באָם !

— טיי־די־די־בים־באָם !

און אין מיטן דערינען באַוויזט זיך חיים פּאַווידלע אויף איינעם פון די שטיינער אויפן שפּיץ פון באַרג. און עס ווערט אַ געלאַף אַהין צו יענעם אָרט. בראַנים קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין פאַרוואָס מעק איז ניט געקומען. איר יונג האַרץ האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן.

אויפן סקאָט פון באַרג, וואָס איז געווען געדיכט באַוואָקסן מיט קלאָווער און טימאָטי, און וואו דער קלאָווער איז געווען אין פולן בלום און עס האָט געשמעקט פון זיינע רויזן מיט האָניג און די טימאָטי קעפּ־לעך האָבן זיך געוויגט ווי ווייצען־זאַנגען — —, זיינען אויף קאָלדרעס אויסגעלייגט אין אַ האַלבן רינג געזעסן עטלעכע אַרבעטער־פאַמיליעס. די מענער און פרויען האָבן זיך געקענט זייער גוט. זיי זיינען ערשטנס געווען לאַנדסלייט ; צווייטנס האָבן די מענער געאַרבעט אַלע אין „פּאַר טרייד" ; דריטנס האָבן זיי אַלע געוואוינט אין איין געגנט אין איסט־בראָנקס. דאָ האָט זיך געפונען דאדי לאַרבער מיט זיין ווייב סטעלא. ער אַ הויכער, געזונטער, ברייט פלײשיגער מאַן מיט אַ קנײטשיגן גרויסן פּנים, מיט גרויסע ברוינע אויגן און מיט אַ קוטשמע דין געקרייזלטע

שוואַרצע האָר. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע פיס און צוויי שווערע ביי־ניסע הענט אַזוי ווי צוויי לאָפּעטעס. ער איז אין כאַראַקטער אַזוי גוט, אַזוי ווי אַן אומשולדיק קינד. מען האָט אים גערופן מיטן צונאָ־מען: דאָס גרויסע קינד.

זיין ווייב סטעלאַ אַ קליינינקע, אַ פריילעכע און אַ שיינענדיקע. איר פּנים האָט געשיינט, אירע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט אומטלעכן שטערן־פייער. און אירע ציין האָבן געבלענדט מיט זייער ווייסקייט. זי איז געווען אַ קיילעכיקע, אַן אויסגערונדעטע אין אַלע אירע גלידער. זיי האָבן צום פּיקניק געבראַכט מיט זיך צוויי קינדערלעך: אַ מיידעלע מיט אַ אינגעלע פון אַרום 6-5 יאָר — צוויי לאַלקעס. דאָס מיידעלע מיט אַ רויטן באַנד אין אירע ברוינע, לאַנגע און גלייך באַשוואַרצנע האָר, אין אַ ווייס זאַכין קליידל, וואָס האָט קוים געגרייכט ביז צו די קני, און די פּיס־לעך אירע ראָזעווע, ריינע און אויסגעטאַקטע, זיינען געווען אַנגעטאָן אין קורצע זעקעלעך מיט שוואַרצע שיכלעך. דאָס אינגעלע געשוירן מיט אַ טשאַפּרינע ביז אַ העלפט פון שטערן, מיט צוויי גרויסע אויגן, ווי ביים פאָטער, און אַנגעטאָן אין אַ ווייסן לייוונטענעם גאַרניטערל מיט אַ בלוי מאַטראָסענעם קעלנערל. די הויזן ביי אים האָבן געגרייכט ביז צו די קני, און ער איז אויך געווען אַנגעטאָן אין קורצע זעקעלעך און שוואַר־צע שיכעלעך.

דער צווייטער שכן איז געווען, זיסי פּאַטאַשניק מיט זיין ווייב ליאַלע. זיסי, אַ רויטער מיט אַ דאַר אויסגעווייקט פּנים, מיט קלייען אויף זיין פּנים און הענט. ער רעדט זייער ווינציק, און ער מאַכט דעם איינ־דרוק, אַז ער האָט גאָר קיין ליפּן ניט, — אַזוי שטייף האַלט ער זיינע ליפּן צוזאַמענגעדריקט. ער איז פאַרפּוצט אין אַ בלויען גאַרניטור, און טראָגט אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט צעשפּרייט איבער דער ברוסט פון איין זשילעט קעשענע ביז צו דער צווייטער. זיין ווייב ליאַלע—אַ בלאָנדינקע, מיט כמעט ווייסע האָר, אַזוי ווי דער קאָליר פון קליאַטשע — אָבער זיי־דענע קליאַטשע. זי האָט בלויע אויגן און עס פעלט איר עפּעס, כדי מען זאָל זי קענען אָנרופן שיינהייט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך איין קינד — אַ רויט, דאַר ייִנגעלע פון אַ צוויי דריי יאָר, וואָס איז אַזוי שלעכט און וויל זיך נישט שפּילן; זיצט אַ ברוגז׳יער און דאָס פּנימ׳ל זיינס איז אָנגעצונדן.

דער דריטער שכן, טשאַרלי וואַסערמאַן מיט זיין ווייב מערי. ער אינגאַנצן אַ שוואַרצער, די האָר, די הויט, דער גאַרניטור — אָבער

זייער א פּריוויליקבער און א לעבעדיקער. זיין ווייב מערי, א פּראָסטע גוטהאַרציקע פרוי מיט אַן אָפן פּנים, א ליכטיקס, מיט פאַר׳חלומ׳טע גרין־וואַסערדיקע אויגן. אירע האָר פון דעם קאָליר וואָס פריש ליים פּאַרמאָגט ווען מען גראָבט עס נאָר אויס פון דער ערד. זיי האָבן אויך געבראַכט מיט זיך צום פּיקניק צוויי מיידעלעך, אַזוי ווי צוויי אויסגע־האַקטע סטאַטועטקעלעך. די האָר ביי די קינדערלעך אויך פון פרישן ליים און אַרומגעשוירן ווי מיט שאַרפע ווינקלען, מיט פאַרשווירענע טשאַפּרינעס ביז האַלב פון זייערע שטערנס און מיט קליינע זשמוטן אַראָפּ ביז אַריבער די אויערן. פּנימ׳לעך אָפענע, ערליכע און גוטע, מיט אויגן ווי ביי דער מאַמען — וואַסערדיק־גרינע. זיי האָבן געטראָגן גרינע זעקעלעך, קורציינקע, געלע שיכעלעך, און זייערע דינע פּנימ׳לעך זענען געווען פריש, ריין און פול מיט זאַפט אַזוי ווי זאַנגען.

דער פּערטער שבן סאַלי שאַפּנפעלד מיט זיין ווייב לייצי. ער א יונג א כוואַט, בויגעוודיק און שפּרינגעוודיק אין אַלע זיינע מוסקולן, ניט צו פעט און ניט צו מאָגער, פון מיטלען וואוקס, ברונעט אין קאָליר, מיט א שיינעם קאָפּ אויף זיך און מיט ליידנשאַפטלעכע ליפּן. ווען ער זאָגט עפּעס, פילט זיך נאָך אין זיין אויסשפּראַך דער בעסראַבער קאָמען און רייש, און דאָס בעסאַראַבער ברייטקייט און געמיטלעכקייט פון אויסדריקן ווערטער. זיין ווייב לייצי געזונט ווי א בוים; הענט און פיס ביי איר ווי ביי א מאַנזביל. ווען זי רעדט, איז אין איר אויסשפּראַך דאָ מאַנזבי־לישעס; זי האָט אָבער אַזוי פיל חן אין זיך, און דער חן ליגט איינגעגלאַנצן ביי איר אין די צוויי ווינקלען פון איר מויל. ווען זי רעדט, פאַרמירען זיך דאָרטן צוויי חן־גריבלעך. אירע ברוינע האָר זענען אַביסל געגוויגט צו קרייזלען זיך. און איר נאָז האָט א קליין האָרביקעל און מיט צוויי קליינע נאָז־לעכעלעך און ניט איר אויך צו א סך חן. זיי האָבן געבראַכט צום פּיקניק זייערע דריי קינדערלעך. אַלע יינגעלעך, איינער גרעסער פונם אַנדערן מיט א שפּאַן. אַלע אָנגעטאָן פּראָסט אַזוי ווי יינגלעך אין אַמעריקע: א פּאָר הויזן, א ווייסע בלוזע און פּראָסטע שיך און זאָקן. אַלע דריי קינדער בראַווע, שקאַצעוואַטע; גוטע קריכערס אויף ביימער; די בעסטע כאַפּערס פון זומער־פויגלעך. זיי האָבן אין צייט פון פּיקניק אָנגעבראַכט פון אַרום און אַרום א גאַנצע קאָלעקציע אינזעקטן, קליינע שלענגלעך, זומער־פויגלעך. און אַלע לעבעדיקע ברואימ׳לעך אַריינגע־ליינט אין פלעשער פון מילך.

די פיר פאַמיליעס האָבן געמאַכט א קאָמונאַלן אָנבייסן, און נאָכן

עסן זענען די מענער געזעסן און געשמועסט וועגן זייער אַרבעט אין די שעפּער און וועגן דער לאַגע אין פּאָריער פּאַך.

זיי האָבן זיך אַלע פיר פאַרשריבן אין קאָאָפּעראַטיוו. געווען זע־נען זיי גוטע פאַרדינער. אין פּאָריער פּאַך האָט מען דאַמאָלט אַן אַרבע־טער געוואויגן מיט גאָלד.

— מאַן סוקין־סין (דער זון פון אַ הונט) — זאָגט סאַלי—האָב עך געגיבען אַ בוכטשע אויף צען טאָלער. אַ־ניט, האָב עך נישט געוואָלט אַרבעטן. ווי אַזוי זאָגט בען גאָלד: קינדער, מען דאַרף האַלטן אַלעמאָל קעגן אַ באַלעבאָס די הערנער אָנגעשטעלט ווי אַ באַראַן, פּאַרטיק צו גיבן אין די זייטן!

— איך גלייך אים, בען גאָלדן — זאָגט דאָדי לאַרבער.

— אונזערער, אַ באַסראַבטשוק!

— אַ שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן אין דזשוינט באָרד! — זאָגט דאָדי לאַרבער.

— די באַלעבאַטים ציטערן פאַר אים. מיין באָס האָט פאַר אים אַזוי מורא, אַז ער רעדט מיט אים נאָר אויפן טעלעפאָן — זאָגט טשאַרלי וואַסערמאַן. די אַרבעטער צעלאַכן זיך.

— איר ווייסט ווער מיין באָס איז? — פרעגט טשאַרלי וואַסערמאַן ביי די איבעריקע חברים. —

— וואָ־דען, מיר ווייסן ניט? ווער ווייסט ניט די מעשה מיט זיין טאַטן דעם פערד־גנב... זאָגט דאָדי לאַרבער.

— און דאָ אין אַמעריקע איז דאָס דער גרעסטער פּאַר־באָס!... ווי אַזוי קאָן עס פּאַרט זיין?.. אַלס ייִנגל פלעג אים דער טאַטע מיטנעמען באַנאַכט גנב'ענען פערד. און דאָ איז ער דער וויים־פּרעזידענט אין דער אַסאָסיאיישן... פירט ביזנעס אויף אַ האַלבן מיליאָן דאָלער... מיין קאָפּ איז צו קליין צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך.

— וואָס גרעסער דער גנב, אַלץ רייכער ווערט מען דאָ — זאָגט סאַלי שאָפּענפעלד.

— יאָ, — אַזוי איז עס!

— איך עס פונקט אַזוינע גוטע זאַכן, גלייך מיט אים.

— וואָ־דען?

— עס מוז אים דאָך זיך דערמאָנען, ווי ער האָט גע'גנב'עט פערד.

— אָבער ער פאָרט אין אַ ראָלס־ראָיס!...

די ווייבער זענען געזעסן אין אַ בינטל און זיך דערציילט מעשות וועגן זייערע מענער. יעדע פרוי האָט דערציילט וואָס פאַר אַ טשיקאַווע טבע איר מאַן האָט. אַלעמאָל האָבן זיי אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער; זיי האָבן אַזש געקרייעט פון צופיל לאַכן.

— מיין מאַן — האָט דערציילט סטעלא וועגן דאַדי לאַרבער, — האָט מורא זיך צו באָדן אַפילו אין אַ וואַנע. איך מוז אים האַלטן ביי דער האַנט ווען ער זעצט זיך אַריין אין אַ וואַנע...

— און מיין מאַן — דערציילט לייצע וועגן סאַלי שאַפּענפעלד — האָט מורא פאַר אַ קאַץ. אויב עס קומט אַריין אַ קאַץ אין שטוב אַריין באַהאַלט ער זיך אין אַ שאַפע...

— און מיין מאַן — זאָגט מערי וועגן טשאַרלי וואַסערמאַן — האָט מורא צו טראָגן אַ שניפּס טאָמער וועט ער זיך דערוואָרגן.

— ווי אַזוי־זשע גייט ער אַרום ? אָן אַ שניפּס ?

— איך קויף אים די באַנטיקלעך מיט דראָטלעך וואָס טוען זיך אָן אויף דער זאַפּינקע.

— און מיין מאַן — הויבט אָן ליאַלע דערציילן וועגן זיסי פּאַ־טאַשניק און קאָן ניט ענדיקן, ווייל זי צעלאַכט זיך פּלוצים.

— לאָמיר אויך וויסן וואָס.

— מיר ווילן אויך לאַכן.

אָבער ליאַלע האָט זיך ניט געקאָנט קאָנטראָלירן און געלאַכט, ביז זי האָט אַזש געקראָגן ספּאַזמעס.

אויפן באַרג איז געשטאַנען חיים פּאַווידלע און געהאַלטן דרשות.

— עס איז אונדזער אידעאַל אויפצובויען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָ־לאָניע, וואו יעדער איינער וועט זיך פילן פריי... און אַזוי ווייטער...

וואָליע וויינטשלקערן און דושקין זענען געשטאַנען גרייט אויך עפּעס צו זאָגן.

— וואָס באַלאַבעטשעט ער ! — זאָגט וואָליע אויפן חשבון פון פּאַ־ווידלען.

— וואָס אַרט עס דיר, לאָזט עס איבער צו מיר — באַרואיגט אים דושקין.

— ער איז שוין דאָ געקומען מיט זיין ווייב און טאָכטער — בורעט וואָליע און זיין פּנים קרימט זיך.

— איר זענט אַ מאָדנער מענטש ! אימיצער האָט דאָך געדאַרפט טאָן אָט־די אַרבעט — זאָגט דושקין.

— דינגט מען אימיצן.

— און אַז זיי טוען די אַרבעט אומזיסט?

איך האָב פּיינט, אַז מענטשן צעלעגן זיך, אַזוי ווי עס וואָלט געווען זייערס אַ פּריוואַטע ביזנעס.

חיים פּאווידלע האָט ניט געהערט וואָס וואָליע זאָגט וועגן אים. ער האָט איצט פאַרגעשטעלט וואָליע'ן אַלס דעם באַוואוסטן כלל-טוער און איינעם פון אונדזערע פיינסטע פערזענלעכקייטן אויף דער אידישער גאַס.

וואָליע האָט געשמייכלט, בשעת ער איז צוגעגאַנגען צום שטיין, ווי ער וואָלט אַליין ניט געגלויבט אין די אַלע גוטע זאַכן וואָס פּאווידלע האָט וועגן אים נאָר וואָס געזאָגט.

— אין אַן ערך מיט אַ יאָר שפּעטער — האָט וואָליע אָנגעהויבן פריער שטיל און דערנאָך העכער — וועט שוין דאָ מער ניט זיין קיין ווילדערניש. דאָ וועט שטיין אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. די פּלענער זענען שוין פאַרטיק און מיר האָבן שוין אַריבער הונדערט מיטגלידער. אונדז האָט צוגעשפּילט דער צופאַל. איך גלויב זייער שטאַרק אין צופאַל. מיר האָבן געקראָגן אַזאַ אידעאַלן ווינקל. עס איז אַזוי שטיל דאָ אַרום, ווי אין אַ דאָרף, און אינגאַנצן דרייסיק מינוט פון דעם הו-האַ פון ניו־יאָרק. פּאַרפּאַלן — איר קאָנט מיך רופן ווי איר ווילט — אַפילו אַן אָפּאָרטוניסט — שמייכלט וואָליע קרענקלעך — אָבער איך זאָג, אַז דאָ האָט יעדער איינער די אָפּאָרטוניטי זיך אַרויס־צו־ראַטעווען פון דעם הו־הא פון ניו־יאָרק, און קומען וואוינען דאָ אויפן שויס פון דער נאַטור. חבר דושקין, אונדזער אַרכיטעקט, וועט אויך באַלד זאָגן עטלעכע ווער־טער. חבר דושקין!

וואָליע טרעט אָפּ דאָס אָרט דושקינ'ען בשעת דער עולם קלאַפּט אים בראַוואָ. דושקין הויבט אָן.

— עס איז אַ היסטאָרישער מאָמענט. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער יידישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע, וועט דאָס זיין אַ ליכטי־קער מאָמענט. איך מיין אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. עס האָט באַוויזן נאָכ־אַמאָל אונדזער געפיל פאַר אחדות. איך האָב שוין פאַרטיק די פּלענער, און מיר וועלן שוין היינטיקע וואָך קאָנען קלויבן די אַפּאַרטמענטס. יעדער איינער וואָס האָט זיך שוין פאַרשריבן, זאָל קומען אין אָפיס און זיך אויסקלייבן זיינע צימערן. עס וועט גיין נאָכן נעקסט. דער, וואָס האָט זיך פריער פאַרשריבן, וועט פריער קאָנען קלויבן צימערן. זאָגט עס

אייערע פּריינט און קומט אַליין זיך פֿאַרשרייבן. ביים קלויבן די צימערן וועט יעדער איינער מוזן איינצאָלן הונדערט דאָלאַר פּאַר אַ צימער. מיר מוזן האָבן געלט מיט וואָס אָנצוהייבן בויען. גיט אַ קוק ווי שיין דער פּלאַץ איז, ווען ער איז ווילד! און שטעלט זיך פֿאָר ווי שיין ער וועט זיין, ווען מען וועט אים באַאַרבעטן!... די שטיינער מיט דעם באַרג מיט די אַלע ווילדע גראָזן וועלן דאָ ניט זיין. פּונקט דאָ, וואו איך שטיי איצט, וועט ביי אונדז זיין אַ פֿאָנטאַן מיט בלומען. עס גלויבט זיך אייך ניט? יאָ, ניט נאָר פֿאָנטאַנען מיט בלומען, מיר וועלן דאָ האָבן אַ אמת'ן פּאַרק...

פֿאַרנאַכט, איידער די זון האָט זיך געזעצט, האָבן די קאָאָפּעראַ־טאָר'ס פֿאַרלאָזן דעם פּיקניק. עס איז דאָ אויפֿן באַרג געבליבן אַ חורבן. שטיקער פּאַפּיר, ליידיקע פֿלעשער און אָפּפֿאַל פֿון עסן האָט זיך געוואַל־גערט אומעטום. עס האָט זיך געדאַכט די פֿייגל, אַז זיי הערן נאָך דאָס געזשומעריי פֿון די וואָס זענען באַפֿאַלן זייער שטיל ווינקל.

אויף דער נעסט איז געזעסן די מוטער־פֿויגל, און זיך ניט געקענט באַרואיגן. זי האָט איצט באַדאַרפֿט זיך אָנשטרענגען צו דערוואַרימען די פֿאַרקילטע אייערלעך. זי האָט די אייערלעך געקאַטשקעט מיט איר שנאָבל און זיי צוביסלעך דערוואַרימט.

גאַנצע מחנות פֿייגל זענען אַראָפּ פֿון דיביימער און געגעסן פֿון די שטיקער ברויט און לעקעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין גראָז.

די פֿעלד־מייז זענען אַרויס פֿון זייערע לעכער, געכאַפּט אַ שטיקל פֿלייש, קעז און צוריק זיך פֿאַרבאַהאַלטן.

מוראַשקעס זענען געווען ענערגיש, געשלעפּט גרויסע שטיקער צו זיך אין די נעסטן. פֿליגן זענען אָנגעקומען פֿון אַרום און אַרום, באַפֿאַלן דעם אָפּפֿאַל און זיך געלאָזן וואַוילגיין. עס איז געווען געגנוג פֿאַר אַלע־מען. קיינער פֿון די אַלע אינזעקטן, פֿייגל און חיה'לעך, האָט זיך ניט געשלאָגן מיט איינעם פֿון זיין מין פֿאַר אַ גרעסערן ביסן.

אָבער די דאָזיקע באַשעפֿענישן האָבן זיך ניט געריכט אויף דעם, אַז זיי וועלן מוזן באַלד אין אַ קורצער צייט אַרום פֿונדאַנען אַפּפֿליען, און עס וועט דאָ טאַקע אויפֿגעשטעלט ווערן אַ קאָאָפּעראַטיווע הויז.

דורך דער וואָך זענען געקומען מאַסע מענטשן אין אָפֿיס זיך פֿאַר־שרייבן און אויסקלויבן צימערן. אויף אַ וואַנט אין אָפֿיס איז געהאַנגען אַ גרויסע קאַרטע וואָס מעק דושקין האָט אויסגעפּלאַנט. עס איז געווען אַ פּלאַן פֿון טויזנט צימערן צוטיילט אין צוויי הונדערט מיט פֿופֿציק

וואוינונגען. צווישן די וואוינונגען זענען געווען אַפּאַרטמענטס פון זעקס, פינף, דריי און צוויי צימערן.

דער פּלאַן האָט געוויזן יעדעס צימערל אין דער פאָרם פון אַ קליין קעסטעלע. די גרויס פון יעדן צימער איז געווען אָנגעגעבן אין ציפערן, און די טירן, די פענצטערס, די אַלמערס און באָד־צימערן זענען אויך געווען באַצייכנט מיט אַזוינע קעסטעלעך. עס איז אויפן פּלאַן געווען אָנגעצייכנט וואו דער אויוון וועט שטיין אין קיך, וואו עס וועט שטיין דער וואַשטאָפּ, וואו עס וועט זיך געפינען דער אייזבאָקס און וואַנע.

מעק האָט אַריינגעלייגט אין דעם פּלאַן זיין גאַנצע קענטעניש, און אַריינגעגעבן אַלע קלייניקייטן, און אַז ער האָט אים געוויזן זיין פאָטער פּאָוול׳ן איז יענער שיר ניט אַרויס פון די כלים.

— דאָס איז אַ פּלאַנדרעלע גנב!

בראַניס האָט געזען דעם פּלאַן און אים נישט פאַרשטאַנען. נאָר אַז מעק האָט איר אַלעס דערקלערט, איז איר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. זי האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן אַזוי אויסרעכענען פון פריער אַזוי פיל זאַכן און זיי אויפצייכענען אויף פּאַפּיר אַזוי סימעטריש.

— דאָס איז אַ קונסט־ווערק! — האָט זי געזאָגט פאַרקוועטשנדיק מיט אירע אויגן פון גרויס פאַרגעניגן.

— עס האָט אַזוי צו טאָן מיט קונסט, ווי איך בין אַ גלח — האָט מעק געלאַכט. בראַניסעס מוטער פּאַיע האָט אָנגעקוקט די קאַרטע און געגעבן איר הסכמה, אַז דער בחור מעק האָט צוויי גאָלדענע הענט. זי האָט זיך אָבער מיט דעם נישט צופרידן געשטעלט. זי האָט גענומען אַרבעטן איבער פּאָוויידלען, אַז ער זאָל נישט זיין קיין שמאַראָוואָזניק, און זען אַריינגעמען בראַניסן אין אָפּיס. אָט דושקין האָט צוגע־שאָרט זיין זון מעק׳ן אַ דזשאָב. פאַרוואָס־זשע אויך נישט באַזאָרגן בראַניסן מיט אַ דזשאָב?

חיים פּאָווידלע האָט זיך סיי ווי ניט געקאָנט אַליין ספּראַווען מיטן אָפּיס. האָט ער דאָרט אַריינגעזעצט בראַניסן, אַז זי זאָל אים העלפן — פאַרשטענדלעך נישט אומזיסט.

בראַניס האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו קוקן אויף דער קאַרטע מיטן פּלאַן. חיים פּאָווידלע האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַנעמען די קעסטעלעך און פּאַסיקלעך. און ביים קלויבן די צימערן איז בראַניס גע־שטאַנען און דערקלערט די קאָפּעראַטאָרס וואָס עס טוט זיך אויף דער קאַרטע.

עס זענען פאַרגעקומען קריגערייען. נישט אַלע צימערן האָבן די זעלבע אויסלעגונג. און נישט אַלע האָבן געקאָנט אַרויסקוקן דוקא, ווי עס האָט זיך יעדן געוואָלט, צו דער מזרח זייט. עס איז געווען אין מיטן וואָך, אַז דושקין האָט אָפּגערופן פּאַווידלען און אים געהייסן רופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער עקזעקוטיווע.

צו דער עקזעקוטיווע איז דושקין געקומען מיט אַ פאָדערונג, אַז די קאָמפּאַניע וויל אויסמאַכן פּאַפּירן אויפן שטיק לאַנד.

— זיי ווייסן, אַז מיר דאַרפן דאָס לאַנד, און זיי שפּאָרן אונדז צו דער וואַנט — זאָגט דושקין.

— מיר זענען פּאַרטיק אויסצומאַכן די פּאַפּירן.

— און וויפיל געלט האָבן מיר?

— גענוי, צען טויזנט דאָלאַר.

— דאָס איז נישט גענוג. מיר דאַרפן באַטש 25 טויזנט.

— איר האָט געזאָגט, אַז וועגן געלט דאַרפן מיר זיך נישט זאָרגן.

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען נוצן מיין געלט — זאָגט דושקין מיט אַ רחמנות פּנים — אָבער, ליידער, בין איך איצט אַביסל געדריקט.

— טאַקע שלעכט.

— גרויסינקע צרות... דער „אָפּשען" גייט אוים מאָרגן צוועלף אַזייגער, און מיר מוזן שאַפן די סומע ביז מאָרגן — זאָגט דושקין אַ פאַרלאָרענער.

— ווי וואָלט געווען, אַז דו, גאָלדמאַן, זאָלסט עפּעס קאָנען טון?

— פרעגט וואַליע.

— ווען איך האָב 25 טויזנט דאָלאַר! — וויצלט זיך שלמה גאָלדמאַן — וואָלט איך מיט אייך נישט גערעדט.

אברהם קאַפּילזאָן האָט זיך נישט געמישט אין דער דעבאַטע וועגן געלט. ער איז געווען אַן אָרימאַן, און 25 טויזנט דאָלאַר האָט ביי אים אויסגעוויזן אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע אַז ער האָט מורא געהאַט זיך צו צורירן.

דושקין האָט אין זיך, אַן איינגע'עקשנ'טער, פאַרבאַהאַלטן זיינע פּלענער, וואָס זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז די עקזעקוטיווע וועט די 25 ביז מאָרגן נישט קאָנען שאַפן. דערנאָך וועט ער קומען צו דער עקזעקוטיווע מיט אַ נייעס, אַז די קאָמפּאַניע, דאָס הייסט, ער אַליין, וויל שוין טייערער פאַרן שטיק לאַנד.

אויפֿן ריל־עסטייט־מאַרק האָט איצט געברענט אַ פֿלאַם־פֿייער. „לאָטס" זענען געשטיגן אין פּרייז יעדע מינוט. איבער גאַנץ ניו־יאָרק האָבן זיך געבויט הייזער. דושקין האָט געקויפֿט דאָס שטיק לאַנד אויף ספּעקולאַציע, און איצט האָט ער געזען אַ געלעגנהייט אָפּצולעקן אַ פֿעטן ביין.

די עקזעקוטיווע איז געבליבן זיצן ווי אַנמעכטיק. עס איז געווען אַ פּראָבלעם וואו צו קריגן געלט ביז מאָרגן.

פֿון טרייסטן איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. די מיטגלידער זענען זיך צוגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים.

און אויף מאָרגן איז חיים פּאווידלע געווען שטאַרק באַזאָרגט. עס איז איצט געשטאַנען אין קאָן זיין דזשאָב. ער האָט גאָר פֿאַרגעסן צו טראַכטן וואָס עס וועט זיין מיטן פֿאָלק. חיים איז געלאָפֿן צו דושקינ׳ען אַהיים. זיין בראַניס איז געפֿאָרן עפֿענען דעם אָפֿיס.

אָבער צו חיימ׳ס גרויסער אַנטוישונג, האָט ער דושקינ׳ען ניט גע־טראָפֿן אין דער היים.

איז פּאווידלע אַוועק צו זיך אין אָפֿיס. ערשט נאָך צוועלף האָט דער טעלעפֿאָן געקלונגען, און דושקין האָט גערעדט.

— וועל, די קאָמפּאַניע רעדט שיינע רייד.

— וואָס ווילן זיי?

— זיי ווילן פֿאַר די לאָטס כמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל.

— וואָס?... איך הער נישט.

— זיי האָבן געהעכערט דעם פּרייז אויף די לאָטס כמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל. פּאווידלע האָט שיִר נישט גע׳חלש׳ט.

— וואו איז יושר?!

— אויפֿן בית־הקברות.

— מיר ווילן האָבן היינט אָוונט אַ מיטינג — ציטערן פּאווידלעס הענט פֿון אויפֿרעגונג.

— עס וועט אונדז העלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס.

— אָלרייט, מיר וועלן זעען. קומט צום מיטינג.

פּאווידלע האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן מיט אַ קנאַק.

— וואָס האָט פּאַסירט, פּאַ? — דערשרעקט זיך בראַניס.

— טראָבל.

— וואָס איז געשען?

— דו וועסט נישט פאַרשטיין, קינד.

— איז נישט — איז בראַנים געווען צופרידן.

און ווי אויף צו'להכעיס זענען יענעם טאָג געקומען א מאַסע מיט־גלידער פון קאָאָפּעראַטיוו קלויבן צימערן. עס זענען אויך געקומען נייע מענטשן זיך פאַרשרייבן.

פּאַווידלע האָט אפילו נישט איבערגעטראַכט קיין איין מינוט, אַז עס איז נישט עטיש צו פאַרקויפן א קאָאָפּעראַטיווע היים אויף דער לבנה. ער האָט געוואוסט, אַז קיין לאַנד איז דערוויל נישטאָ. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו נעמען ביי אומשולדיקע מענטשן געלט און זיי געבן קבלות.

פאַרקערט, ער איז דוקא געווען שטרענג אין דעם פאַרשרייבן פון נייע מיטגלידער. ער האָט געשפּילט די ראָליע פון א ביוראָקראַט, און אויסגעפרעגט יעדן איינעם בייז און שטרענג.

פאַר אים זענען געזעסן א פשוט'ער אַרבעטער מיט זיין ווייב.

— אייער נאָמען ?

דער אַרבעטער האָט זיך דערשראָקן און פאַרגעסן זיין נאָמען.

— היימאַן — האָט די פרוי געענטפערט פאַר איר מאַן.

— וויפיל קינדער ?

— דריי ; קיין עין־הרע נישט — זאָגט די פרוי.

— צו פיל ! — בייזערט זיך פּאַווידלע.

דאָס אַרבעטער פּאָר־פּאָלק בלייבט זיצן דערשראָקן.

— גאָט האָט אונדז געשאָנקען דריי טייערע קינדערלעך — הויבט אָן די פרוי אין איר פּראָסטן פּאָלקס שטייגער.

— וואָסער גאָט ! — גיט פּאַווידלע א געשריי — מיר גלויבן נישט, אַז עס איז דאָ אַזא חיה. זענט איר אַבערגלויביקע מענטשן ? ביי אונדז אין קאָאָפּעראַטיוו נעמען מיר נאָר אַריין פריידענקער !

— מיין מאַן באַלאַנגט נישט אין קיין שול — פאַרענטפערט זיך די פרוי.

— איך בין א פריידענקער ! — זאָגט היימאַן מיט הכנעה.

— זענט איר אין ביזנעס, צו איר זענט אַן אַרבעטער ?

— איך בין אַן אַרבעטער.

— ווי־זשע קומט עס וואָס איר גייט אין מיטנטאָג אַרום ליידיק ?

— איך האָב וואַקיישאָן.

— וויפיל פאַרדינט איר א וואָך ?

דאָ איז דעם ארבעטער ווידער נישט געוואָרן באַקוועם. דאָס ווייב האָט הײמאַנ׳ען אַרויסגעהאָלפן.

— מיר מאַכן, דאַנקען גאָט, אַ פיין לעבן.

— האָט איר געלט איינצוצאָלן?

— יאָ, — האָט הײמאַן שווער אָפּגעאָטעמט. זיין ווייב האָט גע־טאָן בגנבה אַ פּאַרהויב דאָס קלייד, און זיך גענומען פּאָרען ארום איינעם פון אירע זאָקן. זי האָט דערביוועט אַ פּעקל. זי האָט געפרעגט:

— אָבער איז די זאַך אַ זיכערע? ווייל מיר זענען פּראָסטע מענטשן און אונדז איז לייכט אָפּצונאַרן.

פאַווידלע האָט זיך אָנגעצונדן.

— אַז איר גלויבט נישט אין אונדז דאַרף מען נישט! הונדער־טער מענטשן געבילדעטע, שרייבער, קינסטלער, דאָקטוירים האָבן זיך שוין ביי אונדז פאַרשריבן.

— אַזוי?! — אַנטשולדיגט זיך די פרוי. הײמאַן ציט זי ביים ארבל אַז זי זאָל שווייגן. אָבער זי הערט אים נישט — מיין מאַן אַר־בעט שווער, און מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט. איר ווייסט, לע־בעדיקע מענטשן. פאַרן רוח איז אַלע מאָל דאָ — שמייכלט די פרוי.

— ווער האָט אייך רעקאָמענדירט אַהער? — גיט פאַווידלע אַ נעם די פּראָסטע פרוי אויף זיכער.

— מיר האָבן געלייענט אין „פּייפּער" — זאָגט שוין הײמאַן, מורא האָבנדיק אַז זיין ווייב זאָל נישט קאַליע מאַכן.

— איר זעט, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין זיכערע זאַך, וואָלטן די „פּייפּערס" דערפון נישט געשריבן — זאָגט פאַווידלע.

דושקין האָט זיך צו זיין איצטיקער שטופּע אַרויפגעאַרבעט נאָך דורך דעם וואָס ער האָט, ווי ער האָט זיך אַליין באַרימט, געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם מאָמענט. ער איז געקומען קיין אַמעריקע צוריק מיט צוואַנציק יאָר. אַזוי ווי אַלע אימיגראַנטן זיך געמוטשעט אין אַ סוועט־שאַפּ און געלעגן ביין איילן אין דער אדמה. לאַנדסלייט האָבן אים אַרויסגעהאָלפן און ער האָט געקויפט אַ קענדי סטאָרקע. אין קרעמל האָט ער געאַרבעט מיט זיין ווייב טאָג און נאַכט און קוים זיך דורכגע־שלאָגן מיט זיין חיונה. האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט: דאָס הויז, וואו ער האָט געהאַלטן זיין קרעמל, האָט געהערט צו אַן אַלטער מויד, אַ פּאַראַליזירטער. האָט זי אַליין נישט געקאָנט אָפּהיטן דאָס הויז און דושקין איז געוואָרן איר פאַרטרעטער. עס איז אַוועק צוויי יאָר, אין

משך פון וועלכע דושקין האָט נישט דערלייגט צו דעם מסחר. דושקין האָט דערהערט, אַז הייזער ווערן חשוב. איז ער אַוועק צו דער אַלטער פּאַראַליזירטער מויד און ביי איר געקויפט דאָס הויז. אין אַ וואָך אַרום האָט אים אַ „טשיין סטאָר" (אַ מראָסט פון קראָמען) באַצאָלט אַ גרויסע סומע פּראָפיט פאַר דעם הויז. דושקין האָט פאַרקויפט און אויפגעגעבן זיין קרעמל. ער האָט אָנגעהויבן קויפן „לאָטס" אין פאַרוואָלגערטע געגנטן און געבויט הייזקעס. זיינע פּראָפיטן זענען געווען ריזיקע. דושקין האָט פאַר זיך אַליין אויסגעבויט אַ שיין הויז און געקויפט אַ טייערע מאַשין. און האָט זיך גענומען האַנדלען מיט גרויסע הייזער. זיין אויסרעכענונג איז געווען אַזוי: וואָס דאַרף ער בויען קליינע הייזקעס און זיך צער־ברעקלען? בעסער, וועט ער זיך קאָנצענטרירן אויף גרויסע הייזער.

דושקינ'ס ווייב, עטל, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, פון דער געווען אַ דוחק אויף אַרבעטער. און אַז מען האָט שוין געקראָגן באַל־מעלאָכעס האָט מען זיי געדאַרפט צאָלן הויכע פּרייזן.

— איי, ווען מען קאָן בויען הייזער אָן אַרבעטער!... ווער האָט זיי אויסגעטראַכט!... פלעג דושקין אָפט זאָגן.

דושקינ'ס ווייב, עטל, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, פון דער פאַר'חושב'טער אידענע, וואָס זי איז געווען אין סאָדע־קרעמל, איז זי איצט געוואָרן אַ גאַנצע גראַנד־דאַמע מיט אַ שלעפּ, מיט פענסנע און מיט אַ דרייגאָרנדיקן גוידער. זי האַלט זיך אַזוי גלייך, ווי די ערד האָט אַ גרויסן זכות צו לאָזן זיך באַטרעטען פון איר.

אין הויז טוט זי גאָר ניט. זי האַלט אַ דינסט צום ראַמען און אַ קעכין. עטל די גראַנד־דאַמע איז איצט אַ סאָסייטי־ליידי. דושקין האָט פאַר איר אויך געקויפט אַ באַזונדערע טייערן מאַשין. און אַזוי ווי זי האָט ניט וואָס צו טאָן ליגט זי איבער, דאָס מערסטע פון די טעג, אין מאָדע סאַלאָנען און ביי אַנדערע אַזוינע גראַנד־דאַמעס, ווו זי איז, ביים קאָרטן־טישל.

דושקין איז רייך. ער האָט אַליין נישט געוואוסט וויפיל עס באַ־טרעפט זיין רייכטום. ער פאַרמאָגט אַ סך שטרעקעס ערד איבער דער גאַנצער שטאָט און אירע פאַרשטעט. שטיקער ערד, פאַר וועלכע ער האָט באַצאָלט צען דאָלאַר, זענען איצט ווערט צוויי הונדערט און מער.

זיינע „לאָטס" זענען אומצייילבאַר. ער האָט אומיסטן געגרינדעט אַלע מאָל נייע פירמעס מיט נייע נעמען, כדי צו קאָנען לייען געלט אין אַלערליי בענק און אויך כדי זיך צו באַוואָרענען, אַז טאָמער מאַכט זיך,

אַז אין איין אונטערנעמונג גייט נישט גוט אוועק, זאָל ער קאָנען, גרינג און אָן בויך־ווייטאָג, ליקווידירען, דורך וואָס פאַר אַ נישט איז מיטלען — אפילו דורך באַנקראָט... און די דאָזיקע אָפּעראַציע זאָל נישט שאַטן די איבעריקע געשעפטן.

— מיינע געשעפטן זענען אַזוי איינגעשטעלט ווי דער סיסטעם אין אַ מענטשלעכן קערפּער. און אַז מען מאַכט אויף אַ מענטשן אַן אָפּע־ראַציע ליידן מיט די איבעריקע אברים פון קערפּער — פלעגט דושקין טראַכטן.

דאָס שטיק לאַנד, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרקויפן צו דער „קאָ־אָפּעראַטיווער היים", האָט דושקינ׳ען געקאָסט פערצן הונדערט דאָ־לאַר.

דושקין איז אָבער נישט געווען צופרידן מיט דעם ערשטן פּרייז, וואָס ער האָט אָנגעגעבן באַלד ביים גרינדן דעם קאָאָפּעראַטיוו. טאַקע אמת אַז ער וואָלט געמאַכט פּראָפיט אריבער הונדערט טויזנט דאָלאַר, אָבער דושקין איז געווען בלוט־דורשטיק אַלץ אויף גרעסערע פּראָפיטן. ער האָט געזען אַ געלעגנהייט צו מאַכן צוויי מאָל הונדערט טויזנט.

די לאַגע אין ניו־יאָרק איז געווען אַזעלכע: די גרעניצן פון ניו־יאָרק זענען ענג. עס איז נישטאָ וואו זיך אויסצושפּרייטן. דושקין האָט געוואוסט, אַז עס קאָן זיין, אין דער נאָענטער צוקונפט, זאָלן די שטיקער לאַנד ווערט זיין טויזנט מאָל אַזוי פיל, ווי זיי זענען איצט ווערט. דער שטאָט איז ענג. די פאַבריקן האָבן זיך שוין געטאָן אַ רוק אַפּטאַון, אַזוי ווייט, ווי די פערציגסטע גאַס, און די גרויסע קראָ־מען, די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, רוקן זיך אַזוי ווייט ווי די זעכציגסטע גאַס. די פינפטע עוועניו ווערט באַזיגט פון קראָמען, און די רייכע פּאַרלאָזן זייערע פּאַלאַצן אויף פינפטער עוועניו און ציען זיך אריבער העכער און אויסער דער שטאָט.

ווען דער אַנאַליז זיינער, טראַכט דושקין, איז אַ ריכטיקער, וועלן אינגיכן די מיליאָנערן מוז ן ערגעץ בויען אַ נייע פינפטע עוועניו, און דאַן וועט קיין בעסערער אָרט נישט זיין, ווי דער געגנט וואו דושקין האָט דאָס שטיק לאַנד. פאַר וואָס־זשע זאָל ער עס פאַרפּאַקן צו עטלע־כע אידליקעס פאַר אַ וואַרעניק מיט קעז?

דושקין האָט באַשלאָסן, אַז אויב זיי גיבן אים פאַרן שטיק לאַנד אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, וועט ער זיי עס פאַרקויפן. אויב נישט, וועט ער וואַרטן נאָך אַ יאָר, און דאַן וועט עס אפשר ווערט זיין אַ

מיליאָן. דושקין ווייסט די געשיכטע מיט די אַסטאָרס און וואַנדער־בילטס... לאַנד, וואָס האָט זיי געקאָסט צען סענט אַ „לאָט", איז איצט ווערט הונדערטער און טויזנטער דאָלאַר.

דושקין האָט איין כּלל: „אין ביזנעס איז נישטאָ קיין סענטי־מענטן"... אין אָוונט איז געווען אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. דושקין האָט קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— די קאָמפּאַניע האָט אָן אָנבאָט פון אַ גרויסער פירמע אויף אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר פאַרן שטיק לאַנד.

— וויפיל? !... — קאָן וואַליע ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון אויפ־רעגונג.

— אַ פערטל מיליאָן! — חזר'ט איבער דושקין.

— דאָס הייסט, אויב מיר ווילן קויפן, וועט עס אונדז אויך קאָסטן אַזוי פיל? — פרעגט שלמה גאָלדמאַן.

— יע, מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן.

— אַ פערטל מיליאָן! דאָס איז דאָך צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי עס וואָלט אונדז געקאָסט לעצטע וואָך — קאָן חיים פּאָווידלע ניט פאַרשטיין.

— — אָט דאָס איז עס! איך גיב אייך איבער וואָס דער פּרעזי־דענט פון דער קאָמפּאַניע האָט מיר געזאָגט — זאָגט דושקין נישט דעם ערשטן ליגן אין זיין לעבן.

— איך האָב אַ פאָרשלאַג — רופט זיך אָן אברהם קאָפּעלזאָן.

— וואָס איז אייער פאָרשלאַג?

— איך מאַך אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן אומקערן צוריק, יעדן איינעם זיין געלט — זאָגט קאָפּעלזאָן — מיר קאָנען אַזוי ניט נאַרן די וועלט.

— מען קאָן נישט זאָגן, זייער אַ קלוגער פאָרשלאַג — לאַכט וואַליע — וואָס זענען מיר עפּעס יינגעלך וואָס שפּילן זיך אין טשייכן?

— פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָנען דאַרפן אַזוי האַנדלען — זאָגט קאָפּעלזאָן—אומקערן איטלעכן זיין געלט! עס איז אָרימע גראָשענס!

— נו, און ווער וועט דעקן די הוצאות, וואָס זענען שוין ביז איצט געמאַכט געוואָרן? — פרעגט פּאָווידלע.

— איך וואָלט רעקאָמענדירט סיי ווי צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג — זאָגט קאָפּעלזאָן — לאָמיר דערציילן דעם עולם דעם גאַנצן אמת.

—מער דאַרף מען נישט, דערציילן דעם עולם דעם אמת! — לאַכט ווידער וואַליע — דער עולם־גולם וועט אונדז צעטראָגן אויף שטיקלעך.

— און צוליב וואָס זענען מיר דאָ אין דער עקזעקוטיווע? — פרעגט דושקין — וואָס זענען מיר? טשוטשעלעס?

— מיר דאַרפן טאָן, וואָס מיר פאַרשטייען אליין — האַלט אונטער שלמה גאָלדמאַן.

— מיר זענען שוין אַריינגעקראָכן אַזוי ווייט, וועלן מיר קריכן ווייטער. אויף אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג וועט אַ פּערטל מיליאָן זיך אָנזען ווי אַ שפּיי אין ים. — זאָגט וואַליע.

— אַז מען וואָלט עס צעלעגן אויף יעדן אייגוואוינער וועט עס הייסן טויזנט דאָלאַר אויף אַ שכן אין דורכשניט — מאַכט דושקין אַוועק מיט דער האַנט די גאַנצע זאַך. איך בין וויליג צו צוטראָגן מיין טויזנטער.

— איך אויך — שרייט אויס גאָלדמאַן.

— אָבער וואָס זאָל טאָן אַן אָרימער אַרבעטער? — פרעגט קאָ־פּערזאָן — וואו זאָל ער נעמען אַ טויזנטער?

— דעם אַרבעטער לעבט זיך רואיקער ווי, למשל, מיר — פּינעט מיט נישטפאַרגינען דושקין.

— פונדעסטוועגן פאַרט איר אין אַ ראָלס־ראָיס — ניט דער אַר־בעטער!

דושקין האָט געטאָן אַ שטעך דורך־און־דורך קאָפּילזאָנען מיט אַ פאַרניכטענדיקן בליק. פון אַט־דעם קליינעם צוזאַמענשטויס איז די גאַנצע עקזעקוטיווע געבליבן זיצן ווי צעמישט. אָבער נאָר אויף אַ קליינער צייט.

— בלייבט עס, אַז מיר קויפן דאָס שטיק לאַנד? — רייסט איבער חיים פּאַווידלע די קורצע פּאַוזע.

— מען מוז. אי דאָס, מוז עס ווערן געטאָן באַלד, מאָרגן—זאָגט וואַליע.

וואַליע איז נישט געווען קיין נאַר. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָ מוז זיין אַ „פּעטער פגר" באַגראָבן. ער האָט עס דערשמעקט מיט זיינע אַלע חושים. ער האָט געוואָלט זיין גוט מיט דושקינ'ען, און ער האָט דערפאַר געצויגן אין זיין זייט — קעגן די אינטערעסן פון די מאַסן.

ש. מילער

אַרויס פון די האַלאַבליעס

פון לאָס אַנדזשעלעס קיין פּאַלם ספּרינגס, אַ ניינציק מייל לופט ליניע, זענען זיי געפלויגן.

געלאַנדעט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־שלאָס זייגער און מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן צו זיין מיטפליערן: זיבן און פערציק מינוט מיט צוועלף סעקונדן! ניט שלעכט, האַ?

איידער זי האָט נאָך געענטפערט, איז דער שאָופער פון אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי, געשטאַנען ביי דער געעפנטער טיר, גרייט זיי אַריינצולאָזן. זי האָט זיך אַ נויג געטאָן אַריינצוגיין אין אויטאָמאָביל. אַן אָפּנויג פון־אָט דעם נויג האָט דער שאָופער גענומען פאַר זיך, באַצאָלט דערפאַר מיט אַ עקסטרע שמייכל, זיך נאָך מער אַ נויג געטאָן, געמאַכט אַ מין רעוועראַנס, אַריינגעלאָזט איר באַגלייטער און צוגעמאַכט די טיר. אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט זיך דער אויטאָמאָביל אַ ריס געטאָן פון לאַנדונג־פעלד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ שטויב וואָלקן. און אין אַכט מינוט אַרום זענען זיי געווען אין „גאָרטן פון אַללאַה", וואו עס איז פאַר זיי געווען רעזערווירט אַ „גאַנג צימערן".

ביים טויער פון אָט־דעם רייכן האָטעל זענען געווען אָנגעשטעלט אַ פּאָר טוצן וועלאָסיפּעדן. איבער דער הויפּט־גאַס האָבן זיך געטראָגן וועלאָסיפּעד פּאָרער. אין פּאַלם ספּרינגס איז פּאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד געווען אין דער מאָדע אָט־ווי טרינקען טאָמיטאַ זאַפּט, ווי קרייץ־ווערטער רעטענישן, פּינג־פּאָנג און ענלעכע חידושים. „וואָס קורצער די הויזן אַלץ לענגער דאָס לעבן", האָט געלויטעט אַ מאָטאָ ביים וועלאָסיפּעדן שטאַנד. מענטשן האָבן געזען פאַרלענגערן זייער לעבן. אַלטע מענער, מיט רעוומאַטיזם אין די ביינער, אויסגעפּוצט אין אַ שטרוי הוט אויפן פּליכעוואַטן קאָפּ און אַ פּאָר קורצע ווייסע הויזלעך אויף די לענדן, האָבן געדרייט מיט אויסגעקרומטע פיס די פּעדאַלן, זיך געיאָגט נאָך די יונגע, אויסגעגלייכט זיך, אָדער באַגעגנט זיך מיט אַ יונג מיידל, זיך וואויל־יונגעריש צעשמייכלט: זעסט? איך קאָן נאָך... יונגע, געזונטע, שלאַנקע בחורים, מיט לאַנגע הענט און פיס, פאַרברוינטע פּלייצעס, זענען גראַציעס געזעסן, האַלב געשטאַנען, אויף זייערע וועלאָסיפּעדן. זייערע באַוועגונגען — אַ לאַנגזאַמער שפּאַן, אָבער אַ גרויסער. דאָס שנעל דרייען לאָזן זיי פאַר די מיידלעך. זיי, די בחורים, קענען זיך

פאַרגינען צו דרייען לאַנגזאַם, זאָלן די מיידלעך קוקן, זאָלן זיי זען די מוסקוליסטע אָרעמס, די געזונטע, שטייפע ליטקעס, די ברייטע ברוסטן און די געזונטע ווייסע ציין ביים שמייכלען.

האָבן די מיידלעך אויף די וועלאָסיפעדן אויפגעכאַפּט די שמייכלען פון די בחורים, געזען זייערע געזונטע ציין, זייערע מוסקוליסטע אָרעמס און פאַרנדיק גראַציעז, קאָקעטירנדיק אין זייער זיצן, אין זייער דרייען די רעדלעך, געענטפערט: קוקט אויף אונדז, בחור, זע מיך! איך טראָג קיין היטל, איך האָב קיין מורא נישט פאַר דער מדבר זון, זאָלן מיינע האָר זיך וויגן אין דער לופט, זאָל דאָס ווינטל דערטראָגן דעם ריח פון די האָר אין דיינע נאָזלעכער. נאַקעט איז מיין פּלייצע, זאָל די זון זי גלעטן, דערפאַר אָבער זענען מיינע בריסט פאַרדעקט מיט אַ באַנדאַנע. די עקן פון טיכל פאַרבונדן אויף הינטן. בלויז די שפּיציקע ניפּלען קענסטו באַמערקן, אָבער קוק זיך גוט צו. די הויט פון דער פּלייצע הינטער אונדז איז פאַרברענט פון זון, אונדזער הויט איז ראָוז און גלאַט ווי די הויט פון ציטיקע אַפּריקאָזן. נו, בחור?

אים איז דאָס געפעלן געוואָרן. ער האָט שוין געזען עוועלינען אַ נאַקעטע אין דער ליכטיק, שוין געפילט איר לייב אין דער פינצטער, אָבער דאָ־אָ, אין אָט־די קורצע הויזלעך, מיט אָט־דער רויטער באַנדאַנע... וועלאָסיפעדן!

מ'איז געפאָרן אויף די וועלאָסיפעדן. אָט האָט מען זיך געיאָגט, און אָט איז מען געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך זייט ביי זייט, אַז קאָפּ האָט זיך געטוליעט צו קאָפּ. זיין אָרעם איבער איר פּלייצע אַז די שפּיץ פינגער האָבן געגרייכט אונטער איר פּאַכווע. קיצלסט זיך! — האָט זי געלאַכט, איז אַנטלאָפן פון אים, און זיך געלאָזט אָניאָגן. און די זון, די פּאַלם ספּרינגס, די מדבר זון, האָט געגליט דעם אַספאַלט אויף דער הויפּט גאַס, דאָס זאַמד אַרום און אַרום, געצונדן דאָס בלוט. בלויז אַן אַלטע אינדיאַנערין מיט אַ פּנים, ווי דער קאָליר פון שוואַרצן פּעפער, אָנגעטאָן אין שוואַרצע שיך, שוואַרצע זאָקן, אַ שוואַרץ קלייד פאַרשפּיליעט ביזן האַלדז, ביז אונטערן קין, מיט אַ שוואַרץ דרייעקיג טיכל אויפן קאָפּ, איז געזעסן אויף דער פריזבע פון איר שטיבל, געוויכערט אַ ליולקע מיט אַזאַ רואיקייט, אַזאַ קילקייט, אַזוי ווי זי און די זון וואָלטן פירן אַ שטילן, שווייגנדיקן געשפּרעך — אַלטע גוטע פריינט, פאַרשטייען שווייגנדיקערהייד.

— לאַטס אָף פאַן! — האָט ער אויסגערופן.

אירע פּאַרפּאַליעטע באַקן, צעפּלאַמטע אויגן האָבן געענטפערט: יאָ, דאָס איז נאָך גאָרנישט. — דאָס מויל האָט געזאָגט: און איצט לאָמיר נעמען אַ פערד און וועגעלע.

„אללאהם גאַרטן", — פאַרפלאַנצט אין דער מדבר בלויז כדי צו דינען די ריכטיק גלויביקע, זיינע געסט, — האָט גלייך צוגעשטעלט אַ פערד און וועגעלע. אַ מיניאַטור בריטשקעלע געשפּאַנט צו אַ מיניאַטור פערדל: פּיצעלעך לייצעס, אַ שטיקל בייטשל, דערפאַר אָבער זעען אויס די פאָרער ריזן גרויס, אַזוי אויסגעשטעלט צום „פּובליקום", צו די אוי־טאָמאָבילן, וואָס יאָגן זיך פאַרביי הין און צוריק.

פון אָנהויב האָט זיך געפּילט אַזוי קאָמיש און אַזוי אַנגענעם, אַנגענעם אַפילו צו כאַפּן אַ שמייכל פון אַ פּאַסאַזשיר אין אַ פאַרביי־לויפנדיקן אויטאָמאָביל. באַלד אָבער איז די נייקייט פון פערד און וועגעלע אָפּגעפאַלן. „נאָ פאָן". ניט דאָס האָט זי געמיינט. די פאַלם ספּרינגס זון האָט נאָך אַלץ געלויכטן, געשיינט און געגליט, איבער עווע־לינס פּנים האָט זיך אָבער פאַרצויגן אַ גאז.

— וואָס איז, צוקערלעקעכל, וואָס אַזוי אומעטיק מיט אַמאָל? געפעלט דיר ניט דאָס פערד און וועגעלע?

— עס איז ניט דאָס.

— וואָס מכח פאָרן רייטנדיק?

— צו היים. רייטנדיק קענען מיר פאָרן אין שטאָט.

— וואָס איז מכח אַ ריקשאַ?

— פיין! אויסגעצייכנט! הוירבי, ביזט אַ מאַדים! אַ דימענט, אַ . . .! — אַ קוש האָט שוין דערענדיקט.

„אללאהם גאַרטן" איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין דער מדבר צו דינען די ריכטיק גלויביקע, די געסט. — ריקשאַס? אודאי, אָט זענען זיי.

דער וואָגן, זיץ פּלאַץ — אַ געפלאָכטענער קויש, גראָס גענוג פאַר איינעם, ענג גענוג פאַר צווייען. גוטע רעסאָרן, דינע, הויכע וועלאָ־סיפּעד רעדלעך, צוויי דינע דישלעס און אַ דינער, אָבער מוסקוליסטער בחור־פערד, אַ טיף פאַרברוינטע פּלייצע, פאַרברענטע, האָריקע, שוואַר־צע פיס, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, עטוואָס געבליאַקעוועט פון דער זון, אַליוון שוואַרצע אויגן. די ריקשאַ געפעלן, אויך דאָס פערד... זיין נאָמען איז דזשאו.

פון ניו־יאָרק ביז פּאַלם־ספּרינגס, אַ שטח פון אומגעפער פינף און דרייסיק הונדערט מייל, האָט עס גענומען יאָסלען זעקס יאָר.

אָנגעהויבן האָט ער גאָר אין אַטלאַנטיק סיטי. נאָך אַ ווינטער ניט אַרבעטן אין פילאַדעלפיע, ווען ער איז שוין אַזוי געוואוינט געווען צו ניט אַרבעטן אַז ער האָט שוין מורא געהאַט גיין זוכן אַרבעט, טאָמער געפינט ער, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרזעצט ביים „פעטער״, און דער באַלעבאָסטע — אַ וואוילע אידענע — איז שוין געקומען אַ וועלט מיט געלט פאַר שלאָפן און עסן איין מאָלצייט אַ טאָג, איז ער, — ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, — מגולגל געוואָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי, און דאָרט האָט ער דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעשפּאַנט.

דערזען צום ערשטן מאָל אַ מענטש פירט אַ מענטשן אויף אַ וועגעלע, האָט ער זיך צעלאַכט: זיי קענען נישט גיין, וואָס? קאָמיש! אָבער ער זעט דאָך, מ'שטופּט זיי און מ'פאַרדינט דערביי נישט שלעכט. גענומען אַליין שטופּן אַזאַ וועגעלע איז אים פונדעסטוועגן געווען אַביסל פּריקרע. דער פּאַסאַזשיר אַ מענטש, דער שטופּער אַ מענטש, — עפּעס פּאַסקודנע; אָבער, ער זעט דאָך, ער איז ניט דער איינציקער. וואָס וועט ער גיין איבערמאַכן אַ וועלט? כאַפּט עס דער טייוול. האָט ער געשטופּט, זיך אַריינגעאַרבעט אין דער מלאכה, און מיט דער צייט שוין אַזוי אַריין אין פאַך אַז ער האָט גענומען אויסמאַרקירן וואָס שנעלער צו מאַכן די נסיעה הין און צוריק. וואָס שנעלער אַלץ מער געלט פאַר אים. לויפנדיק אַזוי מיט איינעם אַ פּאַסאַזשיר, אַן עלטערן מאַן, האָט ער אַ קער געטאָן די ריקשאַ, שיר נישט אַרויסגעוואָרפן דעם אַלטן. האָט זיך דער אַלטער אומגעקערט צו אים, אויפגעהויבן זיין שטעקן: שטיי! שטעל זיך אָפּ! האָט זיך יאָסל אַ בויג געטאָן אויסצומיידן דעם שטעקן, אָבער דער אַלטער האָט אפילו אין זינען נישט געהאַט צו שלאָגן מיטן שטעקן. דאָס איז געווען זיין סיגנאַל: שטיי! — קום אַהער! — האָט ער גערופן מיטן שטעקן. — יונגערמאַן, אַז מ'גייט גיך צערייסט מען די שיך. ביסט אפילו אַ באַסיאַק, אָבער עס שאַדט נישט זאָלסט עס געדענקען. איך בין נישט קיין צוציק, פאַר נישט צוליב שפּאַס, איך „פאָר״ ווייל מיינע פיס ווילן נישט גיין. פּאַמעלעך געפאָרן — ווייטער פאַרפאָרן. געדענק־זשע.

יאָסל איז שוין געשטאַנען הינטערן וועגעלע, גרייט צום שטופּן, און געהערט ווי דער אַלטער רעדט צו זיך אַליין: אַ יונג פערדל, דער „אַבריק״ ברענט אים. — ער האָט שוין געשטופּט פּאַמעלעך, אַפילו אויף

צוריק, מיט אַ ליידיק וועגעלע. מ'איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אין קאָפּ האָט געזשומעט: אַ יונג פערדל, דער „אַבריק" בריט. אַ פערד. אַ מענטש און דאָך אַ פערד. אַ פּאָר וועגעלעך זענען פאַרבייגעפאָרן און ער האָט דערזען — פערד.

דער ברען פון דער אַרבעט איז אָפּגעפאַלן. ער האָט שוין אפילו דעם סעזאָן נישט דערענדיקט, איז צוגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, האָט אָפּגעצאָלט אַביסל אויפן חוב, און איז מיט עטלעכע דאָלאַר אין קעשענע אוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. אַ פּאַסקודנע שטאָט פילאַדעלפיע.

ניו־יאָרק איז געווען נישט בעסער. דאָ קריגט מען אַרבעט שנעלער, מ'פאַרלירט אָבער נאָך שנעלער. מלאכה נאָך מלאכה, און ווען עס איז געקומען דער ווינטער איז שאַרן שניי געווען די הויפּט אַרבעט. נאָך אַזאַ ווינטער האָט קוני איילאַנד, מיט זיין פּראָמענאַדע, מיט זיינע ריקשאָס, אויסגעזען אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש. אַ ראַדיקאַלער מענטש יאָסל לעווין. איינגעפּאַקט די זאַכן אין אַ צייטונג און ער קלייבט זיך אַריבער אין אַ נייער דירה, אויסגעטאָן דאָס רעקל און זיך געשטעלט וואַשן געפעס אין אַ רעסטאָראַן, אָנגעטאָן דאָס רעקל און ער קען אַרויפקריכן אויף אַ וואָגן אייז, העלפן דעם אייז פאַרקויפער, און דאָך אַ באַקאַנטע מלאכה די ריקשאַ. איז כאַפּט עס דער טייוול — זיך איינשפּאַנען.

—אַביסל מער פעפ! — האָט אַ זאָג געטאָן דאָס יונגע בחור'ל מיט די ווייסע, דריי דאָלאַרדיקע פלאַנעלענע הויזן און מיט דעם גלאַט צוגעפלעטשטן קעפּעלע.

— דיר געבן פעפ! — האָט יאָסל אין זיך אַ זאָג געטאָן, גענומען לויפן, און, וועלנדיק איבעריאָגן אַ צווייטע ריקשאַ, אויסמיידן דערביי נישט צו פאַרטשעפּן קיין פאַרבייגייער, האָט ער שאַרף אַ קער געטאָן דאָס וועגעלע. דער פראַנט מיט זיין מיידל זענען אויסגעשאָטענע געליגן אויף דער ערד.

צוערשט האָט ער גענומען אָפּקלאַפּן די ווייסע הויזן, נאָכדעם ערשט זיך אַנידערגעשטעלט מעשה האָן, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן, פאַרטיידיקן זיין „ערע". צופיל עולם איז אָבער געשטאַנען אַרום, געלאַכט, געשמייכלט. יאָסל האָט אויסגעזען נישט דערשראָקן, נישט קיין ייִנגעלע דערצו, און דאָס מיידל האָט געצופּט פאַרן רעקל, געצויגן דעם פראָנט פאַרן אָרעם, — האָבן זיי זיך אַרויסגעשאַרט פון עולם. יאָסל איז געבליבן מיט ליידיקן. אַ שאָד, אַ שאָד, ער וואָלט אים שוין געגעבן

צו פאַרזוכן אביסל פעפּ־ער. אָבער די שטעלע האָט ער פאַרלאָרן. זעסטו, מ׳האָט עס אין דער ערד. אַ פאַסקודנע אַרבעט, און... ניו־יאָרק אַ פאַס־קודנע שטאָט. זיך לאָזן איבערן לאַנד.

מיטן רוק־זאַק אויף די פּלייצעס האָט ער געשפּאַנט פון שטאָט צו שטאָט, דאָ זעקס חדשים, דאָ דריי וואָכן בלויז, אין דעטראָיט אָפּגעשטאַנען אַ גאַנץ יאָר. אין שיקאַגאָ, דער קרייץ וועג פון אַלע ווינטן, פון אַלע באַנען און אַלע טרעמפּס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ער געבליבן שטעקן.

אַ מיאוסע שטאָט, אַ פאַסקודנע שטאָט, מיט אַלע אירע בולווארן און מיט אַלע אירע פּאַרקן. אָבער ווי רייסט מען זיך ארויס? אַ פּראַכט צוג? ניין, ניט פאַר אים, ער איז נישט קיין טרעמפּ, ער האָט פּשוט נישט געפונען די שטאָט, די אַרבעט. קאַליפאָרניע איז דער פּלאַץ פאַר אים. יאָ, די זוניקע קאַליפאָרניע. דאָרט אין אַ מאַראַנצן סאָד... יאָ, אַהין וועט ער פאָרן, ער וויל בלויז איבערוואַרטן די וועלט אויסשטעלונג. ווערט צו זען. אַגב, ביי דער אויסשטעלונג קען מען פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר. געבוי ווי אַזוי קען מען דאָס דאָרט פאַרדינען, האָט ער נישט געוואוסט, אָבער אַלע גרייטן זיך, אַלע ריכטן זיך, מסתּם אויך עפּעס גע־פינען.

ער האָט געפונען — די ריקשאַ.

דער פאַרוואַלטער האָט זיך געקווענקלט. די מאָס האָט ער אפילו, געבוי פון קערפּער, געשטאַלט — אַלץ גוט, אָבער איין חסרון — די פיס, די ליטקעס זענען צו באַוואַקסן. דער אוניפאָרם פון די ריקשאַ־פירער איז קורצע הויזלעך. עס זעט אויס נישט גוט, — סיידן ער זאָל אָפּגאָלן די האָר פון די פיס יעדע צוויי טעג.

— דאָס איז נישט קיין חסרון, — האָט זיין ארויסהעלפער זיך איינגעשטעלט פאַר יאָסלען. — די פרויען געפעלט עס, — האָט ער צו־געגעבן מיט אַ שמייכל, אַ אָנצוהערעניש. דער פאַרוואַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין ארויסהעלפער, איבערגעלייענט דעם שמייכל, האָט איינ־געזען די מעלה פון באַוואַקסענע פיס, און יאָסל האָט געקראָגן אַ ריקשאַ.

צי ער איז געפעלן געוואָרן זיינע פרויען פּאַסאַזשירן האָט ער נישט געוואוסט, אָבער — צי דאָס זענען טאַקע געוועזן זיינע באַוואַקסענע פיס, צי זיין מוסקוליסטער קערפּער, און אפשר גאָר זיינע שוואַרצע אויגן, — איין מיידל איז ער יאָ געפעלן געוואָרן. זיך פאַרדרייט מיט איר, אַ

מיידל, וואָס האָט געאַרבעט ביים זעלבן קאָנצעסיאָנער פון די ריקשאָס. דער פאַרוואַלטער האָט עס באַמערקט גלייך געגעבן יאָסלען דעם וועג. עס איז אַ געזעץ פון דער פירמע אַז אָנגעשטעלטע טאָרן זיך נישט צו־פיל חבר'ן. דער עיקר אַ בחור מיט אַ מיידל. דאָס מיידל אַרבעט שוין ביי אים יאָרן לאַנג, — ער, יאָסל, זאָל זיך אָבער שוין פאַרנעמען. פאַראַן געגוג סטודענטן, אָנשטענדיקע בחורים, וואָס וועלן זיין צופרידן צו קריגן אַזאַ שטעלע און ניט מאַכן קיינע סקאַנדאַלן.

יאָסל לעווין האָט זיך נישט שטאַרק מצער געווען, וואָס ער האָט פאַרלאָרן די שטעלע. אַז מ'וויל איז ער גאָר צופרידן. נמאס געוואָרן די גאַנצע אויסשטעלונג, דער גאַנצער קוני איילאַנד, די פאַרמערס וואָס קומען צו דער אויסשטעלונג, די שטעקעלעך מיט וועלכע זיי פוצן זיך אויס, אַז ער דערזעט אַ שטעקעלע... און דער עיקר, די ריקשאַ! אויס. נישט מער. זוניקע קאַליפאָרניע.

סאַנטאַ פע, יוניאָן פאַסיפיק, ראָק איילאַנד, דענווער, ריאָ גראַנדע, באַנען מיט פולמאַנס, עסצימערן, קלוב צימערן; אפילו אַ וואַגע קען מען נעמען אַז מ'וויל. יאָסל לעווין האָט נישט באַשטעלט קיין בעט, קיין שטול אויף קיינער פון די באַן ליניעס.

גרעיהאַונד, קאָלאָמביא, איגל. אויטאָבאָסעס גייען צוויי אַ טאָג, גייען אַזוי שנעל ווי די באַנען, גוטע באַקוועמע שטולן, העפלעכע באַ־דינונג. אויף דער קאָלאָמביא קען מען האָבן אַ בעט צום שלאָפן. יאָסל לעווין האָט נישט באַשטעלט קיין בעטל צום שלאָפן, קיין בענקל צום זיצן.

פריוואַטע אויטאָמאָבילן פאָרן אויף און אָפּ. געדן צו נעמען אַ פּאַסאַזשיר קיין קאַליפאָרניע פאַר וועלכע ס'איז פופצן, צוואַנציק דאָלאַר, אָבער יאָסל לעווין גייט דאָס נישט אָן, וואָס איז ער, וואָס? אַ מיליאָ־נער? אויסגעבן געלט אויף פאָרן! און, צווייטנס, ער דאַרף עס קומען קיין קאַליפאָרניע אין אַ דריי אָדער פינף טעג? עמיצער וואַרט דאָרט אויף אים? ער האָט צייט. ער וויל זען אַמעריקע. קאָלאָראַדאָ, גרענד קעניאָן, יעללאָסטאָון פאַרק, די היילן אין קאַרלסבאַד, דעם פאַרשטיי־נערטן וואַלד. — דאָ געגוג וואָס צו זען, געזונטע פיס האָט ער, איז גע־גאַנגען, פאָרט פאַרביי אַן אויטאָמאָביל. נעמט אַרויף אַביסל אונטערפירן — אודאי גוט.

אַזוי האָט יאָסל לעווין געזען אַמעריקע. און ווען ער האָט ענד־לעך, דערזען קאַליפאָרניע, איז עס שוין נישט געווען אַזאַ גוואַלדיקער

חידוש. שוין געזען שענערס. יאָ, אַ זון איז דאָ אַ פיינע. וואַרים, ליכטיק, אָבער וואו איז ערגעץ דער הכנסת־אורחים? מ׳דאַרף איבער־נעכטיקן. — אַ מאָלצייט. — אין קעשענע טאָגט שוין.

די געסט אין הכנסת אורחים זענען נישט קיין באַשטענדיקע, אַ נאַכט, צוויי, און גיי. יאָסל לעווין איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער׳ט נישט פאַרפאַלן ווערן. משטיינס געזאָגט — וואָס דאַרף דאָ אַ מענטש? עסן איז דאָ ביליק. און אַ דירה? אַט איז שוין הערבסט און ס׳איז שיין, וואַרים, אַ פאַרגעניגן. אמת די נעכט זענען קילע, זייער קיל, שלאָפן אין דרויסן איז נישט אַזוי אַנגענעם, דערצו זענען די פאָליציסטן אין לאָס אַנדזשעלעס אַזעלכע הינט: אַ דירה מוז מען האָבן! עטלעכע וואָכן — און יאָסל לעווין האָט אויסגעפונען, אַז די לאָס אַנדזשעלעסער דירות טויגן נישט. זיי זענען נישט פאַר אים. האָסטו געזען אַ מדינה? מ׳בויט הייזער פון שפינוועבס, מ׳קלעפּט זיי צוזאַמען מיט שפּייעכץ, אָן באַהייצונג; ביי־טאָג איז נאָך צו דערליידן, — ווערט קאַלט, גייט מען אַרויס אין דרויסן און מ׳וואַרימט זיך אָן, אָבער באַנאַכט! ס׳איז דאָך צום דערפרוירן ווערן! אַזאַ איינגעגעסענע קעלט; און אַז גאָט העלפט און עס גיט אַ גאָס אַ רעגן, איז שוין גאָר אַן אומגליק; ניט אין דרויסן צו זיין, נישט אין שטוב. קאַליפאָרניע! ניין, לאָס אַנדזשעלעס איז נישט קאַליפאָרניע. אין פּאַלם ספּרינגס — דאָרט שיינט די זון דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג. אַליין געזען אַ גרויסן פּלאַקאַט „דעם טאָג, וואָס די זון וועט דאָ נישט שיינען, געבן מיר אַ מאָלצייט פריי". קען מען נאָך אַמאָל קריגן אַ מאָלצייט אויך. געהערט, אַז פּאַלם ספּרינגס איז אַ פּלאַץ פאַר מיליאָנערן; אָבער יאָסל לעווין האָט שוין געזען אַמע־ריקע, — ער ווייסט שוין, אַז לעבן יעדן גוטן טראַקט, וואו עס פאָרן גוטע אויטאָמאָבילן, איז אויך דאָ אַ סטעזשקע פאַר קבצנים. אַט פאָרן דאָך קבצנים, כמעט אַזעלכע האָלעדריגעס ווי ער; מער נישט, זיי האָבן אַ קאַטערינקע, אַ בויד אויף פיר רעדלעך. וועט ער אויך פאָרן, דאָס הייסט ער וועט אַרויסגיין אויפן ברייטן טראַקט, אַ אויטאָמאָביל פאָרער וועט זיך שוין דערבאַרימען, אַרויפנעמען; מ׳דאַרף נאָר קענען אויס־שטעלן די האַנט ריכטיק, אַזוי אַ, מיטן גראָבן פינגער; אָ, יאָסל לעווין קען שוין די מלאכה, ער׳ט שוין נישט פאַרפאַלן ווערן.

אין פּאַלם ספּרינגס האָט טאַקע אַ בלישטשע געטאָן די העלע, ליכ־טיקע, וואַרימע זון און די נייסטע, די גאָר לעצטע... ריקשאַ.

די ריקשאַ האָט ער באַטראַכט גריטלעכער ווי די זון. פון דעם

געזעס קויש ביז די דישלעס, אין וועלכע מ'שפּאַנט זיך איין פון פאָרנט, טאַקע ווי אַ פערד, האָט ער זי באַטראַכט, שיר נישט באַטאַפּט, און — גיי שאַץ אַ מענטשלעכע נשמה, — אין אים האָט זיך דערוועקט אַ חשק זיך איינצושפּאַנען אין אָט־דער ריקשאַ, איין מאָל בלויז, זען ווי גייט זיך עס.

דער פּאַרוואַלטער האָט אים גוט באַטראַכט, אויסגעהערט זיין ריקשאַ סטאַזש: — אַן איינגעבראָכן פערד, — און יאָסל לעווין האָט זיך איינגעשפּאַנט.

אַ וואָוילע זאַך די ריקשאַ, ניין?

— איך דענק אויך אַזוי.

זיין קוק נידערט צו אירן, איר קוק שטייגט צו זיינעם. אַ שמייכל הויערט אינמיטן. ווינקלען פון מויל באַגעגענען זיך. הענט — — — —

אַ פאַרגעניגן. מ'פאָרט און — קיין ראָד צום דרייען, קיינע לייצעס, קיין בייטש, דאָס פערד גייט זיך, און די הענט, ביידע הענט, זענען פריי, פריי צו וואַנדערן איבער איר וואַרימע פּלייצע, און זי נעסטלט זיך צו אים. די וואַרימקייט פון ביידע קערפּערס קומט זיך צוזאַמען, מישט זיך אויס, אַזאַ וואַרימער נעפּל פאַר די אויגן... גוט, גוט, גוט. מער נישט, ס'איז שלעכט וואָס אויטאָמאָבילן פאָרן פאַרביי הין און צוריק. מאַכט זיך, אַז אַ שייגעץ גיט נאָך אַ בלאָז דעם האָרן, — אַ חוצפּה'דיקן, דרייגאָרנדיקן פייף, — גיט מען זיך פאָרט אַ צאַפּל, און אַפילו דורך דעם וואַרימען גאַז דערזעט מען דעם שמייכל, וואָס דער שייגעץ האָט אַ וואָרף געטאָן.

— לאָמיר אַריינקירעווען אין אַ קעניאָן.

אַזוי שטיל, אַזוי ווייך זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די ווערטער — אַ סוד. אָבער די ווערטער זענען אָנגעלאָדן, — קאָנדענסירטע היץ. אין קעניאָן וועט אָט־די היץ אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי. דער קנויט פון דעם דינאַמיט שטעקל איז אָנגעצונדן, ער האָט שוין דערפילט דעם ברי. אַ שטויס מיטן פוס:

— מעי! פאַרקירעווע אין קעניאָן!

יאָסל לעווין האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. אַ סעקונדע. דער אָנגעצונדענער קנויט האָט אויך אים אַ ברי געטאָן. ער האָט שאַרף אַ קירעווע געטאָן פון וועג אין טאַקוויץ קעניאָן. אויס הייסער אַספאַלט!

וויכער, וואָרימער זאַמד; — זיינע פיאַטעס טרעטן אָבער אויף פּריסעק.

אַ ריקשאַ שלעפּער האָט אויגן אין נאַקן. ער האָט נאָך פריער געזען, מיט די הינטערשטע אויגן פון דעם ריקשאַ שלעפּער, וואָס עס קומט פאַר הינטער אים. — שוויינען! — האָט ער געפּרוואווט מבטל מאַכן זייערע טועכצן, שעמען זיך גאָרנישט פאַר־פאַרביי־פאָרער, פאַרביי־גייער, זשעדנע אַ ווייב, אַ מאַן... ער, יאַסל, נעמט ניט אַרום קיין מיידל, אין אַ מואווי אָדער אַ טראַם, — האָט פיינט צו זען ווי יענער טוט עס. אַ כּלל האָט ער, — די וואָס האָבן זיך עפנטלעך „ליב" בייסן זיך אין שטוב. אָבער דאָס, אָט־דאָ־אָ, דאָס איז שוין פּשוט שווינעריי, און — זיי שעמען זיך אפילו נישט פאַר אים!

— פאַרקירעוועט זיך אין קעניאַן — האָט אים גענומען בּרענען נישט נאָר דאָס זאַמד אונטער די פיס, די האָר אויף זיין קאָפּ — אַ פייער פלאַקער. אין פּנים, אין די אויגן האָט אַ זעץ געטאָן אַ פלאַם. פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן. פאַר אים דאַרף מען זיך נישט שעמען, ער — אַ פערד. און ער איז איינשטימיק, — אַ פערד!

אָה, פאַרדאַמט, ער קען עס נישט פאַרטראָגן, ער וויל נישט טראַכטן וועגן דעם, ער וויל לויפן, יאָגן, יאָגן, יאָגן...

די ריקשאַ האָט גענומען שפּרינגען איבער שטיינער, גריבער. האָט עמיצער געשריען ער זאָל זיך אָפּשטעלן? עס האָט זיך אים געדוכט בלויז! און אויב אפילו יאָ, כּאַפּט זיי דער רוח! לויף, יאַסל! לויף אַז דער רוח זאָל דיך נעמען מיט זיי אינאיינעם! טראָג זיך איבער בערגלעך, גריבער, דערנער, שטיינער, באַרג אַרויף? — יאַסל, לאָז נישט נאָך! ראַפּטאַם! מיט אַמאָל אַ שיס אַרויף. אָט אַזוי. און איצט — באַרג אַרונטער. געדענק, די ריקשאַ קען אַרויפקריכן אויף דיר. נישטאָ קיין טאָרמאַז. דאָס מאַכט נישט. פּפּפּו־ט! באַרג אַרונטער, אַ־ררררונ־טער. אַ־רונ־טער. יאַסל! די ריקשאַ איז דריי צאָל פון דיין רוקן, ראַטעווע זיך! ראַ־טע־ווע...

אַ קער אָן אַ זייט, אַ דריי איין האַלאַבליע, די ריקשאַ איז איבערגעדרייט, די פּאַסאַזשירן אויסגעשאָטן. יאַסל לעווין, — נאָך אַ קאָמישן טאַנץ — אַ קער אָן אַ זייט, אַ נויג, אַן אונטערשפּרונג — איז געבליבן שטיין אויף די פיס, שווער געסאַפּעט.

ער האָט זיך נישט אָנגעבויגן צו העלפן זיי זיך אויפהויבן. און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, האָט ער זיך נישט אַנטשולדיקט. ער האָט נאָך געסאַפּעט. אָבער די אָנגעלאָדנקייט, וואָס ער האָט געפילט

פריער, איז אויסגעליידיקט. הײַס, אָבער נישט יענע היץ, נישט יענער ברי פון אָנגעצונדענעם דינאַמיט־קנויט. ער איז קיל, רואיק.

— האָסטו זיך צעקלאַפּט? — האָט ער געהערט ווי דער קאַוואַליער פרעגט זײַן דאַמע, און באַלד דערהערט: — וואָט אין אַ העל דו יו קאָל דים? (וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק?).

— גאַרנישט.

אַ קילער, נייטראַלער „גאַרנישט", אַ קילער, רואיקער בליק. אָבער אָט־דער רואיקער, קלאָרער קוק, אָט־דער נאָכלעסיקער טאָן איז קריגס דערקלערונג. אַ הענטשקע, אַ שווערד, אַ שפּײַ געוואָרפן אין פּנים אַרײַן, — אין פּנים פון הערבערט ל. וואַהיטני, דער יורש פון די וואַהיטני מיליאָנען, אין דער אָנוועזנהייט פון זײַן כּלה איוואַ מ. סטיוואַרט, אַ טאָכטער פון דעם מיליאָנער מ. ד. סטיוואַרט.

— וו־א־א־ם!

אויב פריער איז דער הערץ הערצאָג פערדינאַנד געוועזן שוין אַ דערשאָסענער, האָבן שוין איצט די אַרמייען זיך גערירט.

— וועסט זיך נישט שלאָגן מיט אים! — האָט איוואַ מ. סטיוואַרט אַנטריסטעט אויסגעשריען. אַ שאַר מיט איין אָרעם. — דו רוק זיך אָפּ.

— געביילטע פויסטן. יאָסל!

יאָסל זעט די געביילטע פויסטן, די אויסגעשטשירעטע, פאַרשטשעמעטע ציין. ער זעט אַפילו דעם קין ציטערן, זעט מיט אַזאַ רואיקן קוק, דער קוק היט, מעסט, שאַצט די כּחות, צילט, די פויסטן פאַרקלעמען זיך, פּאַמעלעך אָבער שטייף. אײַנהאַלטן דעם ציטער, אויסמײַדן דעם שונא'ס ערשטן שטויס, און ביז יענער וועט זיך פאַרמעסטן אַ צווייט מאָל דערלאַנגן, דערלאַנגן ריכטיק.

— הויר־בי!

הוירבי האָט נישט געהערט. — אַזאַ טכויר! ער וועט, ער... נישט געטראָפן. וואַרט! דו... הע? וו־וו־א־ם איז דאָס? דער טכויר מיינט זיך שלאָגן מיט אים? מיט אים! מיט אים! מיט אים! נאַ!

זײַן קולאַק האָט פאַרפאָרן אין יענעמס קינבאַק, פאַרפאָרן גוט. אָבער, אָבער, וואָס איז דאָס? בלוט? זײַן נאָז בלוטיקט אַזוי? וו־וואַר־דר־ט! טאַנץ, טאַנץ, איכ'ל שוין פאַרפאָרן ריכטיק. ג־נ־נאַאאַ! דעם גאַנצן כּח זײַנעם האָט ער אַרײַנגעלעגט אין דעם שוואונג פון זײַן פויסט, און דער „ג־נ־אַאאַ" האָט עס געזאָלט זײַן דער עכאָ פון דער האַק ווי זי שנײַדט זיך אַרײַן אין קלאָץ, אָבער די האַק האָט אַ שניט

געטאָן די לייִדיקע לופט, דער העקער איז שיר נישט אומגעפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד פון זיין אייגענעם שוואונג. אַ שוואונג פון אַ פויסט אונטער זיין קין גיט אים אַ וואַרף צוריק, און ער פאַלט מיטן נאַקן צו דער ערד, אויף אַ שטיין, אַ קלאָץ, דערנער.

יאַסל ציט אַרויף די קורצע הויזלעך מיט ציטערנדיקע הענט, די מוסקולן אין די ליטקעס ציטערן. יאַסל׳ס קאָפּ איז אָבער רואיק. דער קינבאַק ברענט, פלאַמט, אַ העליש פייער, די אויגן גליען, זיי קוקן אָנגעשטרענקט צו דעם געפאַלענעם. — וועט ער זיך אויפהויבן ? זי איז דאָ לעבן אים, העלפט אים זיך אויפהויבן. ער רייסט זיך פון איר, רייסט זיך צו אים, אָבער זי האַלט אַרומגענומען זיין קאָפּ, זיין האַלדז. — הויר-בי ! — אירע אָרעמס זענען שוין אַרום זיין ברוסט, רייסט ער זיך אַרויס, ווערן אירע הענט אַ פאַרשלאָסענע צוואַנג אַרום זיין אָרעם, און זי שלעפּט אים, פירט אים, זעצט אים אַוועק.

יאַסל האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט. די הענט האָבן מער ניט געציטערט, די פיס מוסקולן האָבן נאָכגעלאָזן, קאַלט, אויסגעלאָדן, בלויז דער קינבאַק פלאַמט. אַ טאָפּ טאָן, אַ גלעט טאָן. וואַסער, קאַלטע וואַסער.

— קום, נעם אונדז אַהיים צום האָטעל !

ווער האָט עס אַ וואַרף געטאָן דעם בראַנד פאַקעל צו זיינע פיס ? ווער האָט עס ?... זי ! אַט-די באַנדאַנאַ... אַט-די רויטע באַנדאַנאַ... אַט-דאָס מויל, אַט-די געפאַרבטע, דיקע ליפּן...

רואיק, יאַסל ! — אָבער אין יאַסל׳ען האָט שוין אויפגעקאָכט דאָס בלוט. — איך ? איך אייך נעמען ? איך ? — דער אָנגעצונדענער קנויט האָט דערגרייכט דעם דינאַמיט. — איך אייך נעמען ? נאָ ! נאָ !

צוויי צוואַנגען האָבן אַרומגענומען די האַלאַבליעס פון דער ריקשאַ, זי אַ וויג-טאָן און אַ זעץ געגעבן אין אַ שטיין. איין ראָד איז אָפּגעשפּרונגען, זיך אַ קייקל געטאָן און אומגעפאַלן, באַלד האָט דאָס צווייטע ראָד זיך שוין געוואַלגערט. די צוויי צוואַנגען האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די האַלאַבליעס, אַ טיגער האָט געריסן אַ שעפּסעלע, — אַ מענטש האָט צעריסן אַן אַנאַנימען, מיאוסן בריוו, געריסן אויף שטיקלעך, ברעקלעך, פּיצלעך, זיי צעוואָרפן, צעזייט, צעשפּרייט. געבליבן די צוויי האַלאַבליעס. איינע האָט ער נאָך געפּרואווט איבערברעכן, אַ בויג טוענדיק איבער זיין שין-ביין, נישט געגאַנגען, האָט ער זי אַ שמיץ געטאָן,

זיך אומגעדרייט און האט אוועקגעשפאנט. — ווייטער אין טאקוויץ קעניאן איז דא וואסער. דער קינבאס...

אין דער „מדבר זון", די טעגלעכע צייטונג וואס גייט ארויס אין פאלם ספרינגס, איז געווען געמאלדן, אז הערבערט ל. ווהיטני און זיין כלה איווא מ. סטיוארט זענען דא צוגאסט פאר א פאר טעג. געקומען אין זיין עראפלאן און וועלן דערשיינען ביים באל היינט אוונט.

אויף מארגן איז אין דערזעלבער צייטונג דערשינען די נייס, אז מר. הערבערט ל. ווהיטני איז לייכט פארוואונדעט געווארן פארנדיק מיט א פערד און וועגעלע אין טאקוויץ קעדיאן, דאס פערד איז געווארן ווילד און איבערגעקערט דאס וועגעלע, ער איז לייכט פארוואונדעט געווארן, זיין כלה איז ארויס אומבאשעדיקט. זיי האבן היינט פרי פארלאזט פאלם-ספרינגס מיטן עראפלאן צוריק קיין לאס-אנדזשעלעס. וועגן דעם געיעג נאך יאסל לעווין אין טאקוויץ, אנדרעאס און פאלם קעניאן האט די צייטונג נישט געשריבן.

יאסל לעווין איז ווי אין וואסער אריין, מר. הערבערט ל. ווהיטני איז שוין מער אויף ריקשאס נישט געפארן, ביים טויער פון „אללאהס גארטן" שטייען נאך פונדעסוועגנס ריקשאס.

יצחק באַשעוויס

אויף אַן אַלטער שיף

פון דעם טאָג אָן, וואָס נאַטאַן שפּינדל, דאָס קליינע מענטשעלע מיט דעם שטייפן קאַפּעליושל אויף דעם שפּיץ קאָפּ און מיט די ווייבערישע הענטלעך האָט באַקומען פון זיין פעטער די וויזע קיין דרום-אַפריקע, האָט ער אויפגעהערט צו געבן זיינע לעקציעס, צו גיין טאָג־איין, טאָג־אויס אין דער וואַרשעווער שטאָטישער ביבליאָטעק און איז אַפילו זעלטן אַריינגעקומען אין דעם קליינעם קאַווע־הייזל, וואו ער האָט אין משך פון יאָרן יעדן אָוונט געגעסן נאַכטמאָל און געשפּילט אין שאַך. ער האָט איצט געהאַט איין טואונג: צו איילן פון איין אַמט צום אַנדערן אַרויסצובאַקומען דעם אויסלענדישן פּאַס. אַזוי ווי ער האָט אויך קיין אינלענדישן נישט געהאַט, האָט ער געמוזט אָנהויבן אַלץ פון אָנהייב אָן. צו באַווייזן, אַז ער איז אַ בירגער אין דעם לאַנד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער געדאַרפט אַרויסבאַקומען אַ צייגניש, אַז ער איז פאַרשריבן אין די „באַשטענדיקע באַפעלקערונג־ביכער". ער איז אָבער אין אָט־די ביכער נישט געווען פאַרצייכנט און ער האָט דערפאַר געזאָלט ברענגען אַן אויסצוג, אַז זיין פאָטער איז אין אַזעלכע ביכער איינגעשריבן. צוליב דעם האָט ער געמאַכט אַ נסיעה ערגיץ אין אַ קליין שטעטל נעבן דער באַלשעוויסטישער גרעניץ, וואוהין ער האָט זיך געשלעפּט אַ קנאַפּן מעת־לעת, מיט דער באַן און אַקס. דאָרטן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין דער מלחמה איז דער אַרכיוו פאַרברענט געוואָרן. דער הויכער דאַרער שגץ מיט דער לאַנגער בלאַסער נאָז און מיט די קליינע קורצזיכטיקע אייגעלעך, וואָס צו אים האָט נאַטאַן שפּינדל איצט געמוזט אָנקומען, האָט מיט באַדויערן געשאָקלט מיט זיין שמאָלן פערדישן קאָפּ. ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע ביינערדיקע הענט, אויף וועלכע עס זענען געזעסן צוויי ביוראָ־אַרבל פון שוואַרצן אונטערשלאַק, אַ סימן, אַז ער קאָן נישט העלפן, און גע'טענה'ט:

— עס איז שלעכט! . . . עס איז נישטאָ קיין שום אויסוועג! . . .

עס איז געווען נאָך־סוכות. דער גרויסער פיר־עקיגער מאַרק האָט אויסגעזען נאָך די רעגנס ווי איין גרויסער זומפּ. די הייזלעך — קרומע, אַרומגעקלעפּטע מיט ליים, האָבן אויסגעוויזן פונדערווייטנס צו שטיין אין בלאָטע ביז צום גאַרטל. די מאָכיק־גרין־געלבלעכע דעכלעך האָבן זיך געשפּיגלט אין די ברייטע קאַלוזשעס מיט אַלע זייערע לאַטעס, און עס

האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אונטן ליגט נאָך אַ שטעטל, אַ וויסטס, אַ אונ־טערוואַסערדיקס, פול מיט יענער־וועלטישער מרה־שחורה. די שייבלעך אין די קליינע פענצטער זענען געווען שוואַרץ, ווי אין חורבות. אַרום די עטלעכע נאַקעטע, אָפּגעשיילטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן אַרויס־געשטאַרצט דאָ און דאָרטן, זענען אַרומגעפלויגן קראָען מיט אַ קראַקעריי, און נאַטאַנ׳ען האָט זיך מיט איינמאָל אויסגעדוכט, אַז ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ אויסגעשטאָרבענעם ישוב, אַ פאַרגעסענעם פון גאָט און פון לייט. אַ וואַסער־טרעגער, מיט פאַרשאַרצטע פאָלעס, מיט אַ נאַסער באָרד און צעשויבערטע פאות, ווי עפּעס אַ למדן־וואָרניק, האָט אים אַן עצה געטאָן, ער זאָל גיין אין בית־המדרש אַריין.

— דאָרטן וועט מען אייך זאָגן, וואָס איר האָט צו טאָן! — האָט דער וואַסער־טרעגער געדזשאָמדזשעט מיט זיין אָן־ציינער מויל און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער — אַלץ דאָרטן! . . .

און נאַטאַנ׳ען האָט זיך אויסגעדוכט גלייך דער ייד וואָלט געהאַט דערביי אַ טיפערן מיין און גלייך ער וואָלט געוואָלט אים וואָרענען: געגוג געבלאָנדזשעט! . . . גיי צוריק, פון וואַנען דו שטאַמסט! . . .

אין ביתמדרש זענען די ווענט געווען שוואַרצלעך, ווי אין אַ באָד. די פּאָליצעס זענען געווען ליידיק, אָן ספרים. עטלעכע אידן האָבן זיך אַרומגעדרייט אַהין־און־צוריק, אַהין־און־צוריק. פריער האָבן זיי נישט געהערט וואָס דער פרעמדער זאָגט צו זיי און זיי האָבן אָנגענויגט די אויערן, ווי טויבע. ווען זיי האָבן שוין פאַרנומען, אַז ער רעדט יידיש לשון, האָבן זיי ערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. ערשט צווישן מנחה און מעריב, ווען דער עולם איז גרויס, האָט נאַטאַן שפינדל געפונען יידן, וואָס האָבן געקאָנט זיין טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק. דער ראש־הקהל האָט אויסגעפונען אַן עצה.

— צוויי עדות וועלן אוועקגיין אין מאַגיסטראַט אַריין און שווערן, אַז אייער טאַטע עליו־השלום איז אַ היגער! דעם שגץ וועט מען דאַרפן עפּעס געבן אין יד אַריין. . . .

צומאָרגנס האָבן צוויי אַלטע יידן, הייזער־גייער, געטאָן אַ שבועה, אַז זיי האָבן געקאָנט נאַטאַנ׳ס פאָטער. דער ראש־הקהל האָט זיך ע׳סוד׳עט מיט דעם שגץ און נאַטאַן האָט אַרויסבאַקומען שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיין פאָטער איז דאָ אַ נכתב. דערפאַר האָט נאַטאַן שפינדל געגעבן עטלעכע גילדן פאַר קהל, אַ נדבה פאַר דער שול, דער מקווה, חברה קדישא און אויף צו פאַרריכטן דאָס בית־מדרש. איידער

ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט מען אים געפירט אויף דעם בית־עולם, וואו טאַטע־מאַמע זענען געלעגן. אויף דער מאַמע׳ס קבר איז קיין מצבה נישט געווען. עס האָט בלויז דאָרטן געשטעקט אַ פאַרפוילט ברעטל. דעם טאַטנ׳ס מצבה איז געווען האַלב איינגעזונקען און ארומגעוואַקסן פון אַלע זייטן מיט עפּעס־אַזעלכע געלבלעך־בלאַסע שטרויען, וואָס האָבן דערמאָנט אין דעם קאָליר פון דעם טאַטנ׳ס באָרד. דער האַלב־רונדיקער שטיין, אַ צעלעכערטער פון רעגן, ערדיק־גרוי, האָט אויסגעזען זיך צו טוליען צום איינגעפאַלענעם בערגל, גלייך ער וואָלט וואָס־גיכער געוואָלט אַראָפּ אונטן און נישט אָנקוקן מער די שיין פון דער וועלט. . . .

אַלץ איז אָנגעקומען שווער. נאָכדעם ווי ער האָט ארויסגעקראָגן אַ ציינגניש, אַז ער איז אַ נכתב, האָט ער ערשט געמוזט האָבן אַ מעטריקע און נאָך דער מעטריקע—נאָך אַנדערע דאָקומענטן. יעדעס מאָל האָט ער געדאַרפט אָנגעבן אַ ביטע, און אויף יעדן בויגן האָט מען געמוזט קלעפּן מאַרקעס. די שקצים און די שיקסעס, וואָס זיצן אין די אַמטן בלויז ביז דריי אַזייגער בייטאָג, האָבן אים געהאַלטן אין איין אָפּשיקן איינער צום אַנדערן און מען האָט נישט אויפגעהערט צו געפינען אויף אים עבֿרות און צוטשעפּעניש. ער האָט געמוזט ארויסקריגן אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט מאָראַליש, און אַ פּאַפּיר, אַז ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן באַשטראָפט. דער שטייער־אַמט האָט זיך מיט איינמאָל דערמאָנט אין אַ לאַנג־פאַרגעסענעם שטייער. שפּעטער האָט זיך ארויסגע־וויזן, אַז אין זיין מיליטער־ביכל איז עפּעס נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און מען האָט אויפסניי אים געהייסן שטיין צו אַ קאָמיסיע. ער האָט געציטערט פון קעלט, ווען ער האָט אַ נאַקעטער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די צוויי יונגע דאָקטוירים, אָנגעטאָן אין מיליטערישע מלבושים. אַ ברייטער פאָלקאָווניק, מיט אַ פולער ברוסט מעדאַלן, האָט מיט חוזק געשאָקלט איבער אים מיט דעם קאָפּ און געבלינצלט וואוילעריש מיט איין אויג. די דאָקטוירים האָבן באַ־באַטראַכט זיינע הענט, געהייסן אויפהויבן די פיס, און אים געקוקט אין די ציין אריין, ווי אַ פערד. זינט ער האָט אָנגעהויבן באַמיען זיך וועגן דעם פּאַס, איז ער אויסגעמאָגערט געוואָרן, ווי פון שווינדזוכט. די ריפּן האָבן ארויסגעשטאַרצט ווי רייפן, דער בויך האָט שלאַבריק נאָכגעהאַנגען ווי אַ ליידיקע טאָרבע און פון שוואַכקייט זענען די אויגן געווען רויט. דער פאָלקאָווניק האָט צו אים געפּאָכעט מיט זיין קולאַק.

— האסט דיך געצערט, אויסוואורף! — האט ער גע'טענה'ט צו אים — מיר קאנען זיך אויף אזעלכע שטיק! . . .

און ער האט עפּעס פארשריבן מיט א בליישטיפט אויף א בויגן,

ווען ער האט סוף־כל־סוף ארויסבאקומען דאס שווארצע ביכל מיט דעם גאלדענעם אדלער אויף דעם פּאדער־בלעטל, האט ער זיך געשפּירט ווי נאך א קראנקייט. פון מורא, מען זאל אים דעם פּאס נישט ארויס־גנב'ענען, פלעגט ער זיך יעדעס מאל א כאפּ טאן ביי דער זייט, וואו עס געפינט זיך די בוזעם־קעשענע. ביינאכט פלעגט זיך אים חלומ'ען, אז א גנב האט ביי אים דעם פּאס ארויסגעריסן פון די הענט און ער אנטלויפט. ער, נאטאן, יאגט אים נאך, ער לויפט מיט אלע כחות, אבער זיין הארץ ווערט דערפון אלץ שוואכער און די פיס שטייען אפּ. ער וויל שרייען, אבער זיין קול קומט ארויס א הייזעריקס, א פארשטיקטס, ווי ער וואלט געהאט א פארשטאפּט מויל. פלוצלינג פלעגט ער א ציטער טאן, אז דאס בעט האט זיך אזש א וואָרף געטאן צוזאמען מיט אים, און ער האט זיך אויפגעריסן א באגאסענער מיט קאלטע שווייס. כאטש דער פּאס איז געלעגן הינטער דעם קישן, האט ער שעה'ן לאנג דערנאך נישט געקאנט איינשלאפן.

— מער פעלט מיר נישט! — האט ער גערעדט צו זיך אליין אין דער פינצטער. — ווײ — ווײ !...

איצט האט זיך אין די טעג אנגעהויבן א וואנדערן איבער די שיף־געזעלשאפטן. דער פעטער פון יאהאנעסבורג, דער איינציקער קרוב, וואס איז געבליבן לעבן, האט נישט צוגעשיקט קיין שיף־קארט, נאר אביסל געלט. דער גרעסטער טייל איז אוועק אויף דעם פּאס און געבליבן איז איצט נאר ווייניג. כאטש נאטאן איז גרייט געווען צו פארן דריטע קלאס און אפילו צווישן דעק, האט ער אין ערגיץ נישט געקאנט באקומען די רייזע פאר די עטלעכע פונט, וואס זענען אים געבליבן. עס האט אפילו נישט געהאלפן דאס, וואס ער האט פארקויפט זיינע ביכער, דאס איינציקע פארמעגן. געטהע, שעקספּיר, די צוואנציק־בענדיקע ענציקלאפּעדיע, די ווערטער־ביכער — אלץ איז שוין געווען פאר'תכלי'ועט, אבער אויף קיין שיף־קארטע איז נאך אלץ נישט געווען. עס איז געבליבן בלויז איין עצה: דאס ערשטע מאל אין לעבן אוועקצוגיין ערגיץ אין די וואוילטעטיקע געזעלשאפטן, וואס פארזארגן ארימע אימיגראנטן. אבער ווי נאר ער איז אריינגע־קומען אין דעם ווארט־זאל און דערזען פאר זיך דעם עולם, וואס ווארט

אויף שטיצע, האָט ער זיך גענומען רוקן אויף צוריק. אויף לאַנגע בענק זענען געזעסן אַלע לייט, ווייבער אין גרויסע שייטלען און מיט קאָפּקעס אויף די קעפּלעך. אין מיטן שטוב האָבן זיך געשפּילט אויסגעבליכטע קינדער. פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט שפּיי-קעסטלעך און עס האָט געשמעקט מיט יאָד און צאָן-ווייטאָג, ווי אין אַ שפּיטאָל. ערגיץ אין אַ צווייט צימער האָט אַ דאָקטאָר געהיילט די אויגן פון אַ מיידעלע, וואָס ליידט אויף טראַכאָם. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט איר דאָרטן געוואָלט אַ ריר טאָן ביי די קראַנקע אויגן, האָט די קליינע זיך צושריגן, ווי פון אַ ברי. מען האָט געהערט ווי דער דאָקטאָר טענה'ט צו איר:

— איז גוט, די מאַמע מיט די שוועסטערלעך און די ברידערלעך וועלן אַוועקפאָרן צום טאַטן... און דו וועסט דאָ בלייבן... יאָ, יאָ...

און די קליינע האָט, ווייזט אויס, שוין מסכים געווען אויף אַלע-מען, ווייל באַלד האָט מען ווידער דערהערט אַ קוויטש. די קליינע האָט זיך אַזש פאַרקייכט, און דער דאָקטאָר האָט אַלץ גע'טענה'ט:

— איז גוט, וועסט דאָ בלייבן... בלייבן...

ער איז צוריקגעגאַנגען פון דאָרטן אַן איינגעבייגענער, אַן אויסגע-לייטערטער, ווי נאָך אַ תענית, מיט עפּעס אַן אינעווייניגסטער קלאָר-קייט, אַז זיין מי איז געווען אומזיסט. ער וועט שוין פון דעם לאַנד קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. זיך איילען האָט ער מער נישט געהאַט צו וואָס. די לעקציעס האָט ער געהאַט אָפּגעלאָזט און אַנדערע האָבן פאַרנומען זיין אָרט. קיין נייע קאָן מען היינטיקע צייטן נישט באַקו-מען. עס איז געבליבן איין זאַך: זיך אַוועקצולייגן אין בעט אריין און שטאַרבן.

ער האָט נישט געזעהן וואו ער גייט. די קליינע פּיס, וואָס זענען געזעסן אין אַ פּאָר גרויסע טיפע קאַלאָשן, האָבן אַליין געפירט ערגיץ איבער די גאַסן, וואָס זענען געווען סיי היימיש און סיי פרעמד. דער טאָג איז געווען אַ נאַסער, אַ פאַרוואָלקנטער, די לופט איז געווען געלב-לעך. קנוילן נעפּעל האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם ברוק, ווי שטיקער רויך נאָך אַ פאַרלאָשענער שרפה. כאָטש עס איז נישט געווען גליטשיק, זענען כסדר געפאַלן משא-פערד, ברייטע, מיט נאַסע צושמיסענע פעלן און מיט האָריקע פיס. די בעל-עגלה'ס האָבן געקנאַקט מיט די פאַר-קערטע זייטן פון די בייטשן, פאַרבייגעער האָבן געהאָלפן און געשריגן מיט גראָבע קולות. די פערד האָבן געקלאַפּט מיט די אייזערנע

פֿאַרקאָוועס אין די שטיינער, אַז פֿונקן זענען געפֿלויגן. די פֿאַרע האָט געזעצט נישט בלויז פֿון זייערע נאָז־לעכער, נאָר אויך פֿון האַלז, פֿון בויך, פֿון די ברייטע היפֿטן. די גרויסע טונקעלע אויגן, פֿול מיט שוואַרצאַפּל, האָבן געקוקט מיט דעם צער פֿון שטומע באַשעפֿענישן. פּלוצ־לינג האָט נאַטאַן אַ ציטער געטאָן. אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר האָט ער דערזען אַ שילד פֿון אַ שיף־געזעלשאַפֿט, וואו ער איז ביז איצט קיינמאָל נישט געווען, און וועלכע ער האָט אַפֿילו ביז איצט נישט געזען, כאָטש ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט דאָ פֿאַרבייגיין.

דאָס ביוראָ האָט זיך געפֿונען אין אַ פּשוט געוועלב, מיט אַ קליין שוי־פֿענסטער. די שילד איז געווען אַן אַלטע, אַ האַלב־אָפּגעמעקטע, ווי פֿון אַ קראָם, וואָס שטייט שוין לאַנג געשלאָסן. די שויב איז געווען נישט־געפּוצט און פֿאַרקאַלכט, גלייך מען וואָלט אינעווייניק געמאַכט אַ רעמאָנט. עס איז דאָרטן געלעגן אַ צוקנייטשטע מאַפּע פֿון דער וועלט. אויף דעם אָפּגעקראָכענעם בלוי, וואָס האָט פֿאַרגע־שטעלט די ימים און אָקעאַנען, האָבן געשטעקט פֿאַרזשאַווערטע שפּיל־קעלעך, וואָס האָבן אָנגעוויזן דעם וועג פֿון די שיפֿן. ווען נאַטאַן האָט געעפֿנט די טיר, האָט ער דערזען אַן אַלטן שרייב־טיש, נעבן וועלכן עס איז געזעסן אַ יונגערמאַן און האָט זיך געפּאָרקעט מיט אַ פֿעדער. צווישן די פּאַפּירן איז געלעגן אַ שטיקל ברויט און עס איז גע־שטאַנען אַ טעפּל. דער יונגערמאַן, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, אַ שלעכט־ראַזירטער, האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, ווען נאַטאַן איז אַריינגעקומען. עס האָט אויסגעזען, אַז מען איז דאָ נישט געוואוינט עמיץ זאָל עפֿענען די טיר.

— די שיף־געזעלשאַפֿט עקזיסטירט נאָך? — האָט נאַטאַן געפֿרעגט.

— עקזיסטירט — האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט מיט אַ טאָן, ווי איינער זאָגט: אַז אָך און וויי צו אַזאַ עקזיסטירן!...

— עס גייען שיפֿן?

— ס׳גייען...

— איך וויל פֿאָרן קיין דרום־אַפֿריקאַ...

נאַטאַן האָט גלייך אָנגעהייבן צו דערציילן וועגן דעם וויפֿיל געלד דער פּאַס האָט אים אָפּגעקאָסט און וויפֿיל עס איז אים איצט געבליבן. דער יונגערמאַן האָט אים אויסגעהערט זייטיק און מיט אַ מינע פֿון איינעם, וואָס האָרכט זיך צו צו יענעמס רייד, כאָטש ער ווייסט פֿאָרויס,

אַז עס וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. זיין נאָז איז געוואָרן לענ־גער און שפּיציקער.

— ס'גייט נישט אין געלד... מיר וואָלטן אייך אפשר געגומען פאַר די פּאָר פונט, וואָס איר האָט... מיר וואָלטן די רעשט ביי אייך צוריק־געמאָנט... אויפ'ן אָרט... אָבער איר וועט מיט אונדזער שיף נישט פאָרן...

— פאַרוואָס נישט? — האָט נאַטאַן געפרעגט און עס האָבן אים מיט איינמאָל באַגאָסן אַנגסטן.

— זעט איר, איך וואָלט אייך באַדאַרפט צורעדן — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט און דאָס איינגעפאַלענע מויל האָט ביי אים גענומען ציטערן און זיך איינשרומפּן — אָבער... איך בין אַן אמת'דיקער מענטש, אפשר דערפאַר האָב איך טאַקע אַזאַ פּנים... אונדזערע שיפן זענען אַלטע, אָן באַקוועמלעכקייטן... ביז קיין יאָהאַנעסבורג וועט זי זיך שלעפּן צוויי מאָנאַטן... דאָס עסן אויך נישט פאַר אייך...

— ווער פאָרט מיט אייערע שיפן?

— אָט, מיר פירן לאַסט... און פויערן...

— ווען גייט אָפּ אַ שיף קיין יאָהאַנעסבורג?

— מאָרגן — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

— וואו קאָן איז איינשטייגן?

— אין דאַנציג.

נאַטאַנ'ען האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן אריין. זיין קול איז מיט איינמאָל געוואָרן הויל, ווי עס וואָלט זיך אים אינעווייניק עפּעס אָפּגעריסן.

— הערט מיך אויס — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איך האָב צוויי וועגן: אָדער צו פאָרן, אָדער צו שטאַרבן! אויב איר קאָנט מיר העלפן איך זאָל מאָרגן אָוועקפאָרן, ראַטעוועט איר מיך פון אַ זיכערן טויט! דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג!...

און ער האָט מיט איינמאָל אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם עטלעכע צוקנייטשטע באַנקנאָטן און דעם פּאַס וואָס איז איינגעוויקלט געווען אין אַ סך פאַרפעטסטע שטיקלעך פּאַפּיר. דער יונגערמאַן האָט אַרייג־געקוקט, געבלעטערט, ווי ער וואָלט זיך נישט געגלייבט, אַז אַלץ קאָן דאָרטן זיין ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דערנאָך האָט ער מיט ציטערנדיקע פינגער איבערגעציילט די באַנקנאָטן.

— איך זאָג אייך פאָראויס, אַז עס זענען דאָרטן נישטאָ קיין שום באַקוועמליכקייטן! די שיף איז אַן אַלטע! — האָט דער יונגערמאַן

געוואָרנט — עס איז נישטאָ מער ווי איין קלאַם! איר קאָנט זי אָנ־רופן די דריטע אָדער די פערטע!

— אַ בעט צום שלאָפן וועל איך האָבן?

— יאָ, דאָס יאָ...

— און ברויט מיט וואַסער אויך?...

— ברויט מיט וואַסער אויך!...

— אויב אַזוי איז נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט נאַטאַן געקופן

— איך פאָר!...

און ער האָט מיט איינמאָל אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלויע נאָז־פאַטשעלקע און גענומען ווישן דעם שטערן, ווייל ער איז אינגאַנצן אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס, ווי עמיץ, וואָס ווערט פּלוצלינג און אומגעריכט אָפּגעראַטעוועט פון אַ גרויסער סכנה. אַ פּוס האָט ביי אים גענומען ציטערן, דאָס האַרץ אין דער לינקער זייט האָט זיך צו־נויפגעקאָרטשעט און עס איז אים אַ ווייליע פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. ביסלעכווייז איז אים ווידער העל געוואָרן פאַר דעם בליק, אָבער עס האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז די ווענט אַרום שאָקלען זיך און וויגן זיך, גלייך ער וואָלט זיך שוין איצט געפונען אין דער שיף און געפאָרן.

—איז אָפּגעמאַכט? — האָט ער געפרעגט.

— אויב איר ווילט, איז אָפּגעמאַכט! — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט קאַלט — פון מיין זייט איז נישטאָ קיין שטערונג... ביטע, זעצט אייך!

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אים צוגעטראָגן אַ הינקענדיק בענקל...

.2

עס איז געווען צומאָרגנס, פאַרנאַכט־צו. צווישן נאָך אַ סך אַנ־דערע שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין דאַנציגער האַפן, האָט אויך גע־רוט די נאָרוועגישע שיף „טראָנדהיים", איבער וועלכער עס האָט געפלאַ־טערט אַ פאַרשמירטע פאָן פון רויט, מיט אַ בלויען צלם אין דער מיטן. די שיפן אַרום — אויסגעלאָשענע, פאַראַנקערט מיט גראָבע שטריק צום ברעג, פוסטע, קאַלטע, — האָבן נאַטאַנ'ען דערמאָנט אין יענע שיפן פון די מעשה־ביכלעך, וואָס זענען דורך אַ שטורם־ווינט פאַרטראָגן געוואָרן אין ים־הקרח און דאָרטן געבליבן שטעקן, ביז די גאַנצע מאַנ־

שאַפט איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט. די הויכע אייזערנע קראַנען אַרום דעם ברעג זענען קעגן דער שיין פון בין-השמשות פאַר־געקומען ווי אַ מחנה ריזן, פאַרציייטישע, יענע־וועלטישע, וואָס זענען צו־ליב עפּעס אַן אוראַלטער זינד פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע ער־טער. גלייך אַזוי אַלט און פאַרלאָזן האָבן אויסגעזען די נידריקע דיק־וואַנטיקע שפּייכלערס מיט די האַלב־קיילעכיקע דעמבענע טירן. עטלעכע גראָע מעוועס זענען געזעסן אויף אַ קלאָץ און געקוקט פאַר זיך שטאַר ווי אויסגעשטאָפּטע. נידריק אויף דעם הימל איז געשטאַנען אַ האַלבע לבנה, אַרומגערינגעלט מיט אַ נעפּלדיק ווייסלעך ראָד. זי האָט אויסגעזען ווי אַ הימליש אויג, וואָס קוקט זינט אייביקע צייטן אויף אַ וועלט אַ חרוב'ע, וואָס הערט זיך צו צו איר אייגענער פאַר־שטומקייט.

ביי דער שיף „טראַנדהיים" האָבן זיך געפּאָרעט עטלעכע מאַנס־לייט, אָנגעטאָן אין שמאַטיקע מלבושים. מען האָט איבערגעוואָרפן אַ בריקל און אַראָפּגעקוילערט עטלעכע גרויסע פעסער, מיט ברייטע איי־זערנע רייפן. געטאָן האָבן אָט די לייט זייער אַרבעט פויל, שווייגנדיק. גלייך אַזוי אָן אַ וואָרט האָט איינער פון די מענטשן צוגענומען ביי נאַטאַן'ען די שיף־קאַרטע און אים אַרויפגעלאָזט אויף די שיף. די דעק פון דער שיף איז געווען פול אָנגעשטעלט. עס זענען דאָ געלעגן גרויסע קנוילן מיט אַלטע שטריק, אַלערליי פעסער, קאַסטנס און זעק, וואָס זענען צוגעדעקט געווען מיט צעריסענע פּלאַנדעקעס. אַראָפּגע־גאַנגען אונטן איז מען דורך אַ שמאָלער עפענונג, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאָך.

נאַטאַן איז פאַרביי אַ שמאָלן ענגן קאָרידאָר. פון ביידע זייטן האָט זיך געפונען די קיך. דורך אָפענע טירן האָט מען געזען אַ געדיכ־טע פאַרע, ווי אין אַ באָד, און אין דער פאַרע האָבן זיך געפּאָרעט האַלב־נאַקעטע לייט, באַוואַקסענע און נאַסע. אַ היץ האָט פון דאָרטן געזעצט, ווי פון אַ באַק־אויוון און אַ שווערער ריח פון פלייש, פעטס און נאָך עפּעס, פון וועלכן דער אָטעם איז אַזש פאַרכאַפּט געוואָרן און עס האָט געשלאָגן דערפון מיט חלשות. די יונגען האָבן גראָד הויך געלאַכט, און זייער גראָב געלעכטער האָט דערמאָנט אין נישט־גוטע, לצים, וואָס כאַטש זיי געפינען זיך ערגיץ אין שאול תחתיה, מאַכן זיי נאָך אַלץ לצנות. באַלד האָט מען נאַטאַנ'ען גענומען פירן אויפסניי איבער טרעפּ, אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, גלייך די שיף וואָלט נישט געהאַט

קיין דנאָ. נאַטאַנ׳ען האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מען וואָלט אים אַריינ־געפירט אין אַ תּפֿיסה, אין איינע פֿון יענע אונטערערדישע „קערקערס״ וואָס זענען באַשריבן אין די אַלטע ראָמאַנען. ערשט נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אַראָפּ און אַראָפּ, איז מען צוגעקומען צו אַ שמאָלן גאַנג מיט טירלעך פֿון קאַיוטעס. איינע פֿון אָט די טירלעך איז געעפֿנט געוואָרן און מען האָט נאַטאַנ׳ען אַריינגעלאָזט, ווי מען לאָזט אַריין אַ חיה אין אַ שטייג.

ער האָט זיך געפֿינען אין אַ קליין קעמערל, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שווערער גערוך פֿון אייל. פֿיר אייזערנע בעטן זענען דאָ געווען, צוויי פֿון אונטן און צוויי פֿון אויבן. אויף דריי בעטן זענען געזעסן האַלב־נאַקעטע פֿאַרשווינגען, ברוינע, נישט־ראַזירטע, צוקנייטשטע. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַרעסטאַנטן. איינע פֿון זיי האָט געהאַלטן אין די הענט אַ העמד און האָט דאָרטן געזוכט אומפֿליט. ווען נאַטאַן איז אַריינגעקומען, זענען אַלע אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געריכט עס זאָל נאָך עמיץ אַריינפֿאַלן אַהער. איינער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן צו נאַטאַנ׳ען, אָבער עס איז געווען אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך. נאַטאַן האָט צעטומלט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט און געוויזן אויף דעם מויל אַ סימן אַז ער קאָן זייער לשון נישט רעדן.

אויף שטום־לשון האָט מען אים אָנגעוויזן וואו אָוועקצושטעלן די וואַליזע און ווי אַזוי אַרויפֿצוקריכן מיט דעם אייזערנעם לייטערל אויף דעם בעט אויבן. הארט איבער דעם בעט האָט זיך געפֿונען אַ קליין פֿענצטערל מיט אַ פֿאַרפֿלעקט שייבל. די שיף האָט זיך גענומען רירן פֿון אָרט. ער איז געלעגן און האָט אַ פֿאַרגאַפֿטער אַרויסגעקוקט. סיי דער ים, וואָס האָט קעגן דער נאַכט אויסגעזען שוואַרץ, ווי צוגאָסענער פֿעלז, סיי די שנאָבלען סיי די שיפֿן, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דער־ווייטערט, ווי זיי וואָלטן געשוואומען אויף צוריק, סיי די האַלבע לבֿנה, וואָס איז געשטאַנען נידריק, שיר נישט הארט איבער דער פֿלאַך פֿון וואַסער, האָבן דורך דעם גראָבן טריבן שייבל אויסגעזען נעפּלדיק און אָן ממשות, ווי אין אַ מעשה־ביכל. ביסלעכווייז איז דער ברעג אָפּגע־ווישט געוואָרן, די האַלבע לבֿנה איז אונטערגעגאַנגען און ער האָט בלויז געזען פֿאַר זיך ים, אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. די כוואַליעס, כאָטש נישט קיין הויכע, האָבן געשוימט, זיך געדרייט אין אַ ווירבל און גע־שפּריצט, ווי עפּעס אַ ריזיקע חיה, אַן אומגעהייער, וואָלט זיך אינעווייניק

געפּליוסקעט. עס איז געווען ווי ער וואָלט שוין דאָס אַלץ אַמאָל געזען, אין חלום, אָדער עפּעס ווי אין אַ פריערדיקן גלגול...

וויַיזט אויס, אַז ער האָט אַזוי געקוקט דורך דעם שייבל לאַנגע שעה'ן, וויַיל ווען ער האָט סוף־כל־סוף אוועקגענומען פון דאָרטן דעם קאָפּ, זענען שוין אַלע דריי פּאַסאַזשירן געשלאָפן. אַ שווער שנאָרכן האָט זיך צעטראָגן איבער דער קליינער קאַיוטע און אַ געשטאַנק. אויף דעם שוואַרצן אייַזערנעם סופיט האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמ־פּעלע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ נעץ פון פאַרזשאַווערטן דראָט. דערפון איז די שיין געפאַלן אַ שוואַרצלעכע, אַ שאָטנדיקע. סיי די טיר, סיי דער סופיט, וועלכן ער האָט כמעט אָנגערירט מיט זיין פּנים, זענען געווען נאַס, ווי מחמת היץ וואָלט דאָס אייַזן געשוויצט. אויף זיין בעט איז געלעגן אַ שוואַרצער צעריסענער קאָץ און אַ קליין קישעלע, וואָס איז אָנגעשטאָפּט געווען מיט שטרוי. ווען ער האָט דאָס קישעלע אויפגעהויבן, האָט ער דערזען, אַז הינטער דעם איז אונטער־געלייגט עפּעס אַ מין ברייטער גאַרטל פון ראַגזשע־קאָליר. אויף דער וואַנד, האַרט ביי זיין נאָז, האָט געהאַנגען אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט. ווי אַזוי אַ מאַן טוט אָן אויף זיך אַזאַ ענלעכן גאַרטל, און שפּרינגט מיט אים אַריין אין ים אַריין...

יענע נאַכט איז נאָטאַן נישט געשלאָפן. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס פּלוצלינג האָט די שיף זיך גענומען וויגן. דערפון האָט נאָטאַנ'ען גליַיך זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. עפּעס אַזוינס האָט ער געהאַט איבערגעלעבט, ווען ער האָט זיך אַמאָל אין די יונגע יאָרן גע־הוידעט אויף אַ הוידע און מען האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַזוי הויך, אַז ער איז אַ ווײַלע געבליבן הענגען מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. יעדעס מאָל, וואָס די שיף האָט זיך אַ בויג געטאָן אַראָפּ, ווי זיך איבערצוקערן, האָט אים אַ שלאָג געטאָן צום האַרץ און ער האָט דערהערט אין בויך אַ גיסן און פליוכן, ווי אויך אינעווייניק וואָלט זיך דאָרטן אַלץ איבערגעקערט. פונקן זענען אַזש געפלויגן פאַר זיינע אויגן. פון מורא, אַז ער זאָל נישט אַראָפּברעכן פון דער הויך, וואו ער איז געלעגן, איז נאָטאַן אינדערגיך און מיט די לעצטע כחות אַראָפּ פון זיין בעט און איז אַרויס אויף דעם קאָרידאָר. דאָרטן איז ער אוועק־געפאַלן און איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנגע שעה'ן. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך מיט די לעצטע כחות צוריק אוועקגעשלעפּט אין דער קאַיוטע. נאָכדעם ווי ער איז אַרויפגעקראָכן מיט דעם ליטערל אויף

דעם בעט, איז ער געבליבן ליגן א האלב־פאר׳חלש׳טער. דער קאפ איז געווען פארהאקט, די פיס האבן געבראכן און כאטש ער איז נישט געשלאפן, האט זיך די גאנצע צייט געפירט אין זיין קאפ א חלומ׳דיקער שמועס, ווי ביי עמיצן, וואס ליגט אין א היץ־שלאפקייט. צומארגנס אינדערפרי האט אים איינער פון די פאסאזשירן געוועקט ער זאל גיין עסן אין עס־זאל, אבער ער האט זיך נישט געקאנט רירן פון ארט. שפע־טער־צו האט אים א קעלנער אין פארפלעקט רעקל און אין א שמוציק פארטוך געבראכט צו עסן. אין איין שיסל זענען געלעגן עטלעכע קאר־טאפל אין די שאלן, אין דער אנדערער — א שטיק פיש, וואס איז גע־ווען סיי גרינלעך און סיי געלבלעך. פון בלויזן אנבליק האט זיך נאָ־טאנ׳ען ווי איבערגעקערט די גאל...

פון דאמאלס אן האט זיך אנגעהויבן פאר נאטאנ׳ען א לעסטיקע נסיעה. די ערשטע עטלעכע טעג איז ער כמעט אינגאנצן נישט ארויס פון בעט. פון דעם שאקלן און פון דעם וויגן זענען זיינע גדערים געווארן ווי איבערגעקערט. ווען ער האט א קוק געטאן אויף זיך דורך דעם קליינעם שטיקל שפיגל, וואס האט דא געהאנגען אויף דער וואנד, האט ער דערזעהן א געל פנים, אן אויסגעדארטס, מיט ארויסגעבאלע־וועטע אויגן און מיט ווייסלעכע ליפן, ווי פון געלזוכט. דאס פענצטערל האט מען נישט געקאנט עפענען און פון דושנעקייט האט נאטאן געהאלטן אין איין דרימלען. אט איז געווען טאג און אט איז ווידער געווען נאכט. ער האט פארלוירן דעם חשבון פון די טעג אין דער וואך, ווי א מסוכן־שלאפער, און פון נישט עסן האט ער זיך דערשפירט הויל, ווי מען וואלט אים אלץ אינעווייניק ארויסגענומען. ביסלעכווייז האט ער אנגעהויבן ארומצוקריכן און אפילו צו עסן די קארטאפל אין די שאלן, מיט וועלכע מען האט געקארמעט אויף דער שיף, אבער אינגאנצן צו זיך איז ער נישט געקומען.

דער וועג פון זיין קאיוטע ארויף צום דעק איז אים אנגעקומען שווער. די פיס האבן זיך אונטער אים אונטערגעבראכן. בעת דעם ארויפגיין פלעגט טרעפן, אז די טרעפ זענען אים ווי אקעגנגעלאפן. דער טריט איז דערפאר ארויסגעקומען א צו־ברייטער. אן אנדער מאל פלעגן די טרעפ ווי אנטלויפן פאר אים און ער איז א פאל געטאן אויף הינטערוויילעכץ. אויף דעם דעק איז די לופט געווען א קאלטע און א געזאלצענע. דער הימל איז געווען פארוואלקנט, דאס וואסער האט אויס־געזען ווי בליי. ווייסע כוואליעס שוים האבן געזאטן וואו ווייט דער

בליק האט דערגרייכט און עס האט געווייעט מיט דעם אָטעם פון וועלט־באשאפונג און בראשית. זעלטן אַמאָל האט מען דערזען ערגיץ פונדערוויטנס אַ זעגעל־שיף. דער ווייסער זעגל איז פאָרגעקומען ווי אַ הויכע ווייסע געשטאַלט, אַ מת אין תכריכים, וואָס גייט איבער דעם ים. עס האט נישט לאַנג געדויערט און ער איז געלם געוואָרן, ווי אַן אויסרוכטעניש. אַ קאַלטער פראַסטיקער ווינד האט געבלאָזן און די מלבושים פלעגן גיך דורכגעזאַפט ווערן מיט פייכקייט. ער האט געמוזט באַלד צוריק אַראָפּ. אין דעם עס־זאַל, וואָס האט אויסגעזען ווי אַ קרעטשמע, זענען תמיד געזעסן אַ סך פּויערים. זיי האָבן אַלע גערעדט הויך, געשריגן מיט זייערע רויע קולות, געשפּיגן פאַר זיך און געררויכערט שטינקענדיקן טאַבאַק. ווי נאָר נאַטאַן איז דאָרטן אַריינגעקומען, האָט אים גענומען קרעלן אין האַלז און די נאָז איז אים פאַרשטאָפּט געוואָרן. צו די גערוי־כערטע פּליישן און צו די געטרוקנטע ים־פיש האט ער זיך נישט צוגעגרירט, און ער האט געשפּירט, אַז ער ווערט פון הונגער שוואַכער פון טאָג צו טאָג. עס זענען אפילו נישט געווען קיין באַזונדערע טואַלעט־שטיבלעך, נאָר איין גרויס בשותפות׳דיקע בית־הכסא, מיט אָפענע טירן, ווי אין אַ קאַזאַרמע. ביי דעם אַלעמען זענען נאָך נישט געהאַט אַריבער קיין אַכט טאָג זינט די שיף איז אַרויסגעפאָרן פון דאַנציג. נאָך זיבן לאַנגע וואָכן האָט ער זיך געמוזט אַזוי שלעפּן, ביז ער וועט אָנקומען קיין יאָהאַנעסבורג!

— איך וועל שוין קיין לעבעדיקער פון דאַנען נישט אַרויס! — פלעגט ער מורמלען צו זיך אַליין מיט ליפּן, וואָס זענען שוין אָפּגעוואוינט געוואָרן פון רעדן. — ביטער, ביטער!...

אין איינער אַ נאַכט, ווען נאַטאַן איז געלעגן אויבן אויף זיין בעט און איז געשלאָפן, האָט אים פּלוצלינג אויפגעוועקט אַ קנאַל ווי פון אַ דונער. די שיף האט זיך יעדעס מאָל געגעבן אַ בויג־אַראָפּ אַזוי, אַז דער דיל האָט זיך אַ שטעל געטאָן משופּע און די פיס זענען אויסגעקומען אַ סך העכער פון דעם קאָפּ. אַ ווײַלע איז אַלץ אַזוי געבליבן קאַפּויר, הענגענדיק אין דער לופט, ווי די שיף וואָלט זיך אַ קווענקל געטאָן די לעצטע רגע: איבערקערן זיך אָדער נישט? . . . דערנאָך האט זיך די קאַיוטע אַזאַ שטאַרקן לאָז־אַראָפּ געטאָן אין דער אַנדערער זייט, אַז עס איז אים פינצטער געוואָרן אין מוח. דורך דעם פאַרשמירטן שויבל האט נאַטאַן דערזען אַ ווייסע כוואַליע, וואָס האט אַ זעץ געטאָן אין דער וואַנט פון דער שיף ווי מיט אַ

מעכטיקן האמער. די טיר פון דער קאיוטע האָט זיך דערביי אויפגע־פּראַלט. אין דער רגע איז דאָרטן עמיץ אריין. עס איז געווען איינער פון די מאַטראָזן. ער איז פלינק ארויף אויף נאַטאַנ׳ס בעט און האָט צוגעשלאָסן דאָס גראָבע אייזערנע דעקל איבער דעם שייבל. דערנאָך איז ער פונקט אַזוי פלינק אַראָפּגעשפּרונגען און איז נעלם געוואָרן.

יענע נאַכט איז נאַטאַן שוין נישט געשלאָפן. אויך די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן נישט צוגעמאַכט קיין אויג. דאָס דונערן אויף יענער זייט פון דער גראָבער אייזערנער וואַנט האָט נישט אויפגעהערט. די שיף האָט געגנומען גיין פּאַמעלעך. באַטש אינדרויסן איז געווען אַ שטורם, איז אויף דער שיף געווען שטיל. די מאַשינען האָבן זיך כמעט אָפּגעשטעלט און עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט סכנה.

דער מאָרגנדיקער טאָג האָט זיך אויף דער שיף קיינמאָל נישט אָנגעהויבן. די דעקלעך פון אַלע פענסטערלעך זענען געווען צוגעשרויפט און עס האָבן בלויז געלויכטן די קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך. דעריי־בער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נאַכט ציט זיך אַזוי פון נעכטן אָן. פון דעם וויגעניש און טרייסלעניש זענען געווען קראַנק ניט בלויז די פּאַסאַזשירן, נאָר אויך אַ טייל פון דער מאַנשאַפט. די קעלנערס, וואָס האָבן אריינגעטראָגן אין די קאַיוטעס עסן, פלעגן פאַלן אויף דעם וועג און אַלץ אויסגיסן און אויסשיטן. אין די קאָרידאָרן איז אומעטום געווען אָנגעבראָכן, די טואַלעטן און דער וועג צו זיי איז געווען פאַר־אומרייניקט. נאַטאַן איז היינט גראָד נישט געווען קראַנק. ער האָט זיך אָנגעטאָן און געוואָלט ארויסגיין אויף דעם דעק. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז ארויפגעקראָכן צו דעם לאָך, וואָס פירט ארויס פון די לאַבירינטן. אָבער דאָרטן איז געשטאַנען אַ מאַטראָז און נישט געלאָזט אַדורכגיין. נאַטאַן האָט בלויז באַוויזן צו זעהן, אַז די דעק איז נאַס און די ברעטער—ווייס־אויסגעריבן, ווי מען וואָלט דאָרטן אַ גאַנצע נאַכט געוואַשן דעם דיל. דער ים איז אינגאַנצן געווען ווייס פון שוים. ווען די שיף פלעגט זיך פּלוצלינג געבן אַ לאָז אַראָפּ אין איין זייט, האָט זיך אויסגעדוכט, ווי דער ים וואָלט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן, ווי אַ באַרג פון וואַסער, און דער הימל — אַ בלענ־דיקער, פול מיט צעריסענע שטיקער וואָלקן — וואָלט זיך נידריק אַראָפּ־געלאָזט. דערנאָך איז דער באַרג פון וואַסער צוריק אַראָפּגעפאַלן און דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן, גלייך הימל און ים וואָלטן געשפּילט אין עפּעס אַ קאָסמישער שפּיל... שטיקער ווינט — קאַלטער ווי אייז,

דורכגעזאַפּט מיט שטעכעדיקן רעגן — האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם קאָרידאָר, וואו נאַטאַן איז געשטאַנען, און זיינע מלבושים זענען באַלד געוואָרן דורכגענומען פון קעלט און נעץ.

עס איז געווען אָוונט־צו. דאָס דונערן אויף יענער זייט פון די שיף־ווענד האָט נישט אויפגעהערט. די שיף האָט זיך איצט געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי שיכור. דער פייפער פון דער שיף האָט געהאַלטן אין איין פייפן, לאַנג און אויסגעצויגן. עס איז געווען ווי דאָס מרוקן פון אַ הייזעריקן אָקס. צווישן דער מאַנשאַפט איז, אַפּנים געווען, אַ בהלה, ווייל מען האָט געהערט די גאַנצע צייט אַ לויפן, אַ שרייען, אַ קנאַקן מיט די טירן. אָבער די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געהאַלטן שטיל. זיי זענען צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם שטורם, ווי צו אַ שווערער שלאָפקייט. ווער עס האָט נאָך אַלץ געבראָכן מיט דער גרינער גאַל און ווער עס האָט בלויז געקרעכצט, שטיל און קורצאָטעמדיק. ווער עס האָט געדרימלט מיט האַלב־אָפענע אויגן, ווי אין פיבער, ווער עס איז מיט ציטערנדיקע פיס געקראָכן טאָן זיין באַדערפעניש. נאַטאַן האָט די לעצטע עטלעכע טעג געהאַט אויסגעפונען אַ מין באַהעלטעניש, אַ קליינע פוסטע קאַיוטע, וואָס איז פון קיינעם נישט געווען פאַרנומען. זי האָט זיך געפונען ערגעץ אין סאַמע עק פון קאָרידאָר, אַראָפּצוגיין מיט טרעפּלעך. עס איז געווען אַ קליין קאַמערל, אַ נידריקעס, ווי אַ שטייג. אויסער די צוויי בעטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, זענען געשטאַנען עטלעכע זעק, וואָס האָבן, אַפּנים, געהערט צו דער מאַנשאַפט, און אַ אייזערן לייטערל, אַ טאָפּעלטס. דאָ, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָט נאַטאַן צום ערשטן מאָל זינט ער איז געווען אויף דער שיף, געפּרוּווט לייענען אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיטגעבראַכט. כדי די טיר זאָל זיך נישט עפענען יעדעם מאָל, וואָס די שיף האָט זיך אָנגעבויגט אין איין זייט, האָט ער אָנגעשפּאַרט אין איר די לייטער. ער איז געלעגן אויף דעם בעט אַ באַגאָסענער מיט שווייס און כאָטש עס האָט אים גאָרנישט ווי געטאָן, האָט ער שטילערהייד אונטערגעקרעכצט, ווי פון געוואוינהייט. שפּעטער צו איז אים פּלוצלינג אַ מאַטקייט באַפאַלן, אַז עס איז אים אַזש פינסטער געוואָרן אין קאָפּ, און ער איז איינגעשלאָפן, פול מיט יענער שווערקייט, וואָס קומט פון נישט האָבן מיט וואָס צו אָטעמען. אַזוי שלאָפט מען איין אין אַ הייסן און דעמפּיקן זומער־טאָג, ווען מען קאָן זיך מער נישט אויסבאַהאַלטן פון דער היץ, און מען גיט זיך איינ־

גאַנצן איבער אויף גאָט'ס באַראָט... נאָך אײדער די ווײעס האָבן זיך צוגעמאַכט, איז דער קאָפּ שוין געלעגן שווער ווי אַ שטײן, און הענד און פֿיס זענען בײ אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. פֿינסטערע געשטאַלטן האָבן גלײך גענומען אויפֿטויכן ווי פֿון אַ שוואַרצן תהום...

יענע נאַכט איז געווען אַ לענגערע ווי נעכט קאָנען געוויינלעך זײַן. ער איז אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן און אויפֿסנײ אויפֿגעציטערט, ווי אין פֿיבער. אין האַלבן חלום און האַלבער וואָך האָט ער געהערט געשרײען און טרומייטערן, אַ לױפֿעניש און אַ טומל. עס האָט זיך אים אַפֿילו אויסגעדוכט, ווי עמיץ וואָלט אַ זעץ געטאָן אין דער טיר מיטן פֿויסט און עפּעס געגרופֿן. שפּעטער איז אים פֿאָרגעקומען, אַז די וועלט ווערט חרוב. די זון אין הימל לעשט זיך אויס, די שטערן פֿאַלן אַראָפּ און אין מיטן העלן טאָג ווערט נאַכט. אַ שווער דונערן דערהערט זיך, ווי מעכטיקע פֿעלזן וואָלטן זיך געקײַקלט. באַלד ווערט דער גאַנצער רוים פֿול מיט געדיכטן שוואַרצן רויך. אַ טונקלקײט נעמט אַלץ אַרום און אַ מרה־שחורה, ווי נאָך אַן אויסגעברענטער שׂרפֿה...

פּלוצלינג האָט ער געעפֿנט די אויגן. אַ ווײַלע האָט ער נישט געוואוסט וואו ער געפֿינט זיך. ער האָט אַפֿילו געהאַט פֿאַרגעסן ווער ער איז. אַזוי כאַפּט מען זיך אַמאָל אויף נאָך אַ שווערער שלאָפֿקייט, בעת וועלכער מען איז געווען נענטער אַהין ווי אַהער. עס האָט גענומען אַ לאַנגע ווײַלע ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אין וועג, אויף דעם ים. ערשט איצט איז אים מיט אײנמאָל אויפֿגעפֿאַלן, אַז עס איז צו־שטיל, גלײַך די מאַשינען וואָלטן אויפֿגעהערט צו אַרבעטן, און אַז כאָטש ער האָט נישט פֿאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע לעמפּל פֿאַר דעם שלאָף, איז דאָ חושך־פֿינסטער. סײַ די שטילקייט, סײַ די פֿינסטערניש זענען געווען נישט־געוויינלעך, שווער, אָנגעלאָדן. דערצו איז געשטאַנען אַזאַ היץ און אַ שטיקעניש, אַז ער האָט אויסגעפּעלט אָטעם. אַ געפֿיל — ווי ער וואָלט באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. דאָס האַרץ אין דער לינקער זײַט איז אַזש ווי שטײן געבליבן.

— אַ קאַטאַסטראָפֿע! — איז אים משונה־גיך דורכגעלאָפֿן דורך דעם רעיון — אַן אומגליק!...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט זיך אויפֿצוזעצן, אָבער ער האָט דערפֿון באַקומען אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ אַרײַן, אַז ער איז אַ פֿאַל געטאָן אויף צוריק און ער האָט דערפֿילט ווי עס לויפֿט אויף אַ גרויסער בײל. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, ווי זיך אין עפּעס

אָנצוכאַפּן, אָבער זי האָט אָנגעטראָפן אויף ליידיקייט. מיט די לעצטע כחות איז ער אַראָפּגעקראָכן פון בעט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן, גלייך דאָס קעמערל וואָלט געווען איבערגעקערט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס לייטערל צו עפענען די טיר, אָבער די פיס האָבן אים געשטרויכלט און דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט. פייערדיקע פונקען האָבן אָנגעהויבן פליען פאַר די אויגן. קאַלטע אַנגסטן האָבן אים באַגאָסן. צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָט ער אַ רוף געטאָן:

— אוי, מאַמע!...

ער האָט דאָס לייטערל פונדעסטוועגן אומגעוואָרפן און איז אַרויס אויף דעם קאָרידאָר. אָבער דער דיל איז דאָרטן געגאַנגען באַרג אַרויף און ער האָט געמוזט קלעטערן. ער האָט בלינדערהייט געעפנט די קאַיוטע־טירלעך אין ביידע זייטן און גערופן, אָבער דאָס קול איז פאַרשטיקט געוואָרן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען די אייגענע ווערטער, ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ פרעמד לשון. ער איז געגאַנגען און געפאַלן, זיך צוקלאַפּט און ווידער אויפגעשטאַנען. ביים סוף פון קאָרידאָר האָט זיך אים פלוצלינג אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערזען געשטאַלטן אין דער פינסטערניש, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערנעהנטערט, זענען זיי ווי צוגאַנגען געוואָרן. ער איז שטיין געבליבן, האָט אויסגעשפּיצט די אויערן און זיך לאַנג צעגעהערט. אַ ווײַלע האָבן זיך אים די האָר אויפגעשטעלט: עמיץ האָט דאָ הויך געכראָפּעט, ווי אין שלאָף. נאָד באַלד האָט ער אַ ציטער געטאָן: עס איז געווען זיין נאָז, וואָס האָט געשנאָרכט אויף איר אייגענער אחריות...

פון דאַמאָלס אָן האָט נאַטאַן מער נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. עס איז געווען גלייך דער פחד וואָלט אים שיכור געמאַכט און די גלידער האָבן זיך אָפּגעטיילט פון גוף און יעדעס האָט געטאָן דאָס זייניקע. די הענט האָבן געטאַפּט אין חשכות, די פיס זענען געקראָכן, דאָס מויל האָט גערופן און גערעדט, ווי עס וואָלט זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט עמיצן, אַן אומגעזעענעם. אָט איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ בלינדער וואַנט און אָט זענען אויסגעוואַקסן טרעפּ, ווי דורך אַ נס. אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער גייט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. דערנאָך איז ער געבליבן הענגען אויף איין טרעפּל, און ער האָט מיט ביידע הענט געזוכט אַן אָנטשעפּעניש, ווי אַ בלינדער וואָרעם. טירן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט,

ווענד זענען געוואָרן דילן. פּלוצלינג האָט אַ ווייע געטאָן אַ קיל ווינטל און אַ רויש האָט זיך דערהערט, ווי דאָס ראָלן פון רעדער. ער איז אַרום אויף דער דעק.

עס איז נאָך געווען נאַכט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געזען שטערן. פון צווישן אַ ריס אין וואָלקן האָט אַרויסגעקוקט אַ בלענדיק שטיק לבנה. אַן אייז־קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן. די דעק האָט זיך אויפגעהויבן משופּע. נאַטאַן האָט געמוזט פעסט זיך אָנהאַלטן אין דער באַריערע, אַז דער ווינט זאָל אים נישט אַוועקרייסן. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויבן, איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין און שווייגנדיק אַראָפּגעקוקט, ווי עמיץ, וואָס דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, און באַטראַכט פון דאָרטן דעם טאָל אונטן. כאָטש דער שטורם איז שוין געווען פאַריבער, האָט דער ים נאָך אַלץ געקאָכט ווי אַ קעסל, אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. קעגן מטושטש פּאַרטאַגישן ליכט האָבן כוואַליעס זיך אויפגעהויבן, ווי מענטשן, אינדערגיך צוגעלאָפן צו דער שיף, אָנגעשריגן אויף איר און אָפּגעטרעטן אויף צוריק. זייערע שוימיקע שפּיצן האָבן פונדערווייטנס אויסגעזען ווי קעפּ מיט ווייסע היטלען. באַלד זענען אָנגעלאָפן אַנדערע אויף זייער אָרט, צונויפגעשלאָסענע, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן ביי די הענד, שטרייט־לוסטיק, ווי מילי־מיליאָסן חיילות פון עפּעס אַ יענער־וועלטישער הערשאַפט, אַ ווילדע, אַ ליצנישע, פון מיט פּחדים׳דיקער פּאַרשייטקייט. ווייזט אויס דאָס קליינע מענטשעלע האָט אָנגענומען, אַז מען האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אויף אַן אונטערגייענדיקער שיף, ווייל ער האָט זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענד ביים קאָפּ און גענומען יאָמערן:

— גוואַלד, ראַטעוועט, גוואַלד!...

דער ווינט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די האָר, אויפגעבלאָזן זיין העמד ווי אַ זעגל, און אים אַ שליידער געטאָן אויף צוריק. אַ פּייפּעניש איז געוואָרן, אַ הולעריי און אַ געלעכטער. דער ים האָט געבילט מיט אַ שאַרף בילעניש, ווי מחנות כלבים וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פון אָפּגרונט און זיך פאַרגאַנגען אין איין גרויסער הינטישער יללה...

אהרן צייטלין

אַכט לידער

פּאַסטאָראַל

אין פעלד איז זי געגאַנגען,
און ס'האָבן זיבן זאַנגען
פאַר איר געקניט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
זענען זיבן געזאַנגען
געווען אין איר טריט.

די זון איז געהאַנגען
ווי אַ פויגל, געפאַנגען
אין אַ שטייג, וואָס גליט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן זאַנגען
זיך פאַרבענקט נאָך שניט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן פאַרלאַנגען
דערלאַנגען נישט געקאָנט,
נישט געקאָנט זי דערלאַנגען,
און פלאַטערדיק געהאַנגען
ביים האָריזאָנט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
איז מיין אויג געגאַנגען,
נאָכגעגאַנגען נאָך איר פוס.
ווען ס'פעלד האָט זי פאַרשלונגען —
האָט לאַנג אין מיר געקלונגען
פון בועז און פון רות.

און ס'פרעגן אַלע וועגן,
פאַרוואָס איך בין אַנטקעגן,
אַנטקעגן נישט אַרויס,
ס'געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אויף אייביק צו פאַרהאַלטן
און ברענגען אין מיין הויז.

ס'געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אויף אייביק צו פאַרהאַלטן,
באַפעלן: נישט פאַרשווינד!
און מיט איר צו געבוירן,
מיט איר צו געשטאַלטן
דאָס הייליקע קינד.

אַ קאָפּ

ער האָט מיט בלוט געטריפט פאַמעלעך,
אַט ווי מיט וואַסער טריפט אַן עמער,
און האָט אַריינגעברענגט אַ בייזער
אין ברוינעם אָוונטיקן דעמער.
געגלאָצט אויף שטולן, אויף טאַפּעטן,
געקוקט מיט בלוטנדיקן חוזק
אויף הויכע יוסט-געבעטע בעטן,
און אויפגעלויכטן רויט און רויזיק.
און ווי אַ קינד אויף פיר געקראָכן,
מיט שנירלעך בלוט באַדעקט די דילן,
אין ווינקל לאַנג מיט בלוט געבראָכן,
געזעצט זיך צו דער פּיאַנאָ שפּילן.
מיט געלע צאָרנדיקע ציינער
געקלאַפּט אין פּיאַנאָ, געבעטהאָונט,
געשפּילט אַ שטורעמדיקע מעשה,
אַדורכגעלעכערט וואַנט און אָוונט.
דערנאָך אַרויסגעשטעלט דעם שפּיגל
אַ צונג אַ ציטערדיקע, שמאָלע,
אַ וואָרף געטאָן צו די גאַרדינען
אַ בליק אַ הארבן ווי אַ קללה,
נאָר פאַר אַ פּרוי־פּאָרטרעט געבליבן
פאַרגאַפט, ווי פאַר אַ הויכן גילוי,
געבענטשט די שטריכן פון איר פּנים,
געזופט זיי לאַנגזאַם ווי נאַרגילע.
און תפילה טויאיקע געמורמלט,
געבעטן גנאָד און זיך פאַרגעסן

צוריק אין חלום פון די יאָרן,
צוריק אין טאַנץ פון די מעת־לעת'ן.
און אָפּגעפּאָרן מיט די שאָטנס,
און אויסגעזעגן אויף זייער וואָגן
ווי א געהרג'עטע לבנה,
ווען ס'הייבן הימלען אָן צו טאָגן.

פון קעגנאיבער קלינגט מען אַריבער

פון קעגנאיבער
קלינגט מען אַריבער
צו אונדז אין די שטיבער,
צו אונדז אין די שטיבער.

צום קעגנאיבער
קוקן אַריבער
די פענצטער אַלע
פון אונדזערע שטיבער.

אונדזערע ריגלען
שרייען נאָך פליגלען,
אונדזערע טירן
ווילן דעזערטירן,
ווילן זיך פארלירן,
ווילן זיך פארלירן.

די ווענט אונדזערע לויפן
צו טעג, ווען זיי וועלן
אויפהערן פארשטעלן,
אויפהערן פארשטעלן.

אונדזערע שוועלן
זענען רעבעלן,
ווילן ווערן וועלן,
ווילן זיך צעגיסן.

אונדזערע שלעסער
לאָזן אונדז וויסן:
מ'קאָן גאָרנישט פארשליסן,
גאָרנישט פארשליסן.

פאַרבײַפֿלי

האָט מיך אָנגערירט, האָט מיך אָנגערירט,
ווען כ'בין אַפּהענגדיק געבליבן זיצן,
וואָרטלאָז וואַרטנדיק אין מײַן לײַדיקייט,
ווי אַ פֿעלד אין גרויסע היצן.

צו דער טיפֿעניש פֿון מײַן לײַדיקייט
האָט קיין עמער נישט גענידערט.
יאָ-און-ניין-געפּעכט האָט זיך אײַנגעשטילט,
גאָרנישט האָט געקידער-ווידערט.

ס'ליכט נישט אויפֿגעדרייט, ס'טראַכטן אָפּגעשטעלט,
ווי אַ וואָגן: ווײַטער פֿאָר נישט!
האָט מיך אָנגערירט, האָט מיך אָנגערירט —
בלויז אַן אָנריר — און מער גאָרנישט.

ס'איז אַ בליץ געווען, ס'איז אַ פֿלי געווען —
כאָטש ס'איז אַלץ אין מיר געשטאַנען.
דאָס איז זי געווען, דאָס איז זי געווען —
אָבער ווער איז זי? פֿון וואַנען?

האָט מיך אָנגערירט, האָט מיך אָנגערירט,
ווען כ'בין אַפּהענגדיק געבליבן זיצן.
איז אַדורך דורך מיר, איז אַדורך דורך מיר,
ווי אַן אומט-ווינט דורך שוואַרצע שפּיצן.

אַ ליד פֿון טאָגבוך

אַזוי, אַזוי, דו נאַר פֿון נאַרן,
אַזוי, אַזוי, דו נאַר, דו אַהרן.
אלה תולדות קאַריקאַטור.
אין יאָרן, אין אומגליק, אין ליטעראַטור
אַרײַנגעוואַקסן ביסטו גאָרנישט אויף קאַטאָוועס,
און פֿאַרגעסן: אויף יענער זײַט שוועל,
אויף יענער זײַט שוועל,
וואַרטן די גוואַלדיקע ריכטער — די אָבות.

וועסט אַרויסוואַקסן, אַרויסוואַקסן צוריק
פון דעם אַלעם —
אַרונטערקוילערן, אַרונטערקוילערן פון זיך
די וועלט ווי אַ באַלעם —
אויף יענער זייט שוועל,
אויף יענער זייט טאָג,
זיצן די היטער פון דער וואָג,
וואַרטן די ריכטער.
און דו —
וואָס וועסטו זיי ענטפערן, דיכטער?

אַ צווייט ליד פון טאָגבוך

איך ווייס דאָך, ווי ווערטער ווערן געמאַכט,
ווערטער מאַך איך אַליין.
איך ווייס דאָך, ווי ווערטער ווערן געמאַכט
און וואָס מען קאָן פון זיי מאַכן.
מען מאַכט פון זיי בערג און מען מאַכט פון זיי טאָלן,
מען מאַכט פון זיי בלוט און מען מאַכט פון זיי זאַכן,
קאַלטע קרישטאָלן און זילבערנע שאָלן,
הינט וואָס הוילן און טונקעלע היילן —
מיר קאָנט איר מיט ווערטער נישט צאָלן!
מיך וועט איר מיט ווערטער נישט היילן!
נעמט אייך די ווערטער און גייט.
מאַגיקער, נעמט אייך די ווערטער און גייט.
פלוך צו די רייד.
גיי אויף, גיי אויף, בילעריי
צו אלהים —
וואָיע, נשמה, צו אים
אַ ווילד וואָיעריי!

אַ דריט ליד פון טאָגבוך

געפעלשט האָב איך, געשיקטער, אין מיין שיקער.
ווי קאָנען לידער אויסקויפן מיין חטא?

דעם ווייַן פאַרזוכט בלויז — נישט געוואָרן שכור.
נאָך אַלץ פּאָעט — נישט מער ווי אַ פּאָעט.

און ווי! זיך אויסגעמישט מיט זיי, מיט אַלע.
אַ שווערע שטראָף, דו קיטן־שווערע שטראָף!
מיט זיי צוזאַמען פּרעפּלען זייער אַלף,
ווען דו אַליין ביסט ווייט נאָך תיו.

און שטיין אין קיך, וואו ס'פּרעגלען זיך די ווערטער,
אַליין זיין קאָך און פּיינט־האָבן די קיך,
און שפּעט באַנאַכט בלויז בלייבן זיצן אַ פאַרקלערטער
אין שטומען דיאַלאָג מיט זיך.

און זען אין פענצטער אויסגעשטעלט די שטערן
און הערן, ווי זיי טרייבן פון דיר שפּאָט,
למאַי דו מוזסט נאָך זיצן אַלץ און קלערן,
אַנשטאָט אָן פאָרכט אַרויסצוגיין צו גאָט.

1933.

ווייב, דורך איין פינצטערניש

ווייב, דורך איין פינצטערניש גייען מיר ביידע.
וואָס מיר רופן ליבע — ווער ווייס, ווי עס דאַרף הייסן.
שטראָף איז עס אפשר און גאַנג צו עקידה.
נישט מען פרעגט ביי אונדז און נישט מיר ווייסן.

די נאַקעטקייט פון גוף דיינעם איז גרויזאַם־געשליפן.
ס'איז גלאַטקייט פון אַ ים: אויף איר גייען מיינע שיפן
צום אָפּגרונט דעם אַלטן, צום אָפּגרונט דעם טיפן.

אַ קינד וועסטו געבוירן און דאָס קינד וועט שרייען,
אַ קינד ווי אַ לעבעדיק געוואָרענער רעיון.
דערשראָקן וועל איך האָרכן און ווער וועט אַנטשיידן,
צי שרייט עס משיח אָדער שרייט עס קין?

ב. לאַפּין

דער מאַרש פון צוויי

(לידער פון ניו יאָרק)

1

אכטע עוועניו — צווייאונפערציקסטע סטריט.
א נעץ פון שטאָלענע אָדערן אויף אויסגעשטרעקטער האַרץ
פון די ברייטסטע פּירווינקלען פון שטאָט.
די שפּיצן־מויערן — ביז די וואָלקן געשטאַרצט,
מיט גערויש פון ראַדיאָ־שטאַנגען ווי האַרפן אָנגעדראָט. —
אין וואונדיקע עקן פון א ריזיק־צעשניטענעם קנופּ
צעפליען זיך שלאַנגיק אויף שייד־וועג די שטאָלענע רעלסן,
איבער גוף פון דער גאַס, ווי א צלם געקרייצט.
דער בלויער שטאָל — פון הייסער זון געשמעלצט זיך,
ווי שמאָלע וואַסערן ליכטיקע געפּליצט.
צום דרום, צום צפון די עוועניו פּליט,
צווייאונפערציקסטע גאַס גיט דעם צלם־שניט.
מיט איין וועג צו מזרח, מיט צווייטן צום מעריב,
וואָס שרייט מיט די קולות פון האָדסאָן,
אין יאָמערדיקן סירענע־רוף פון פּירן און פעררים;
זיי ענטפערט אָפּ צוריק דער טעמפּער בראַזג
פון די אונטערערדישע רערן —
ניו־יאָרק׳ס טשוגונענע געדערים.

2

אכטע עוועניו — צווייאונפערציקסטע סטריט.
אינמיטן העלן, וואָכעדיקן טאָג.
א ציענדיקער קאַראַוואַן פון אָמניבוסן,
טראַמווייען, אויטאָס און טראָקס,
אונטער דער הייסער זון פון הימל־מיט,
ווי דזשאָנגל־חיות גלאַנצנדיק געגליט.
און כוואַליעס פון ווינגנדיקע מענטשן־קעפּ, —
זיך שווינדלדיק געטרעפּט
איבער שטאָטיקן סטעפּ,
אין געיעג פון יאָגן און איבעריאָגן, —

ס'האָבן פון יעדער גאַס די ראָגן
מיט גוואַלד אַראָפּגעשעפּט
אַ כוואַליע מענטשן־שטראָם,
ווי צוק־ווינטן אַריסגעטאָן,
און די כוואַליעס מיט זיך אַוועקגעשלעפּט.

דאָך געדרענג אויף דער עווענױ נישט ווינציקער ווערט,
ווי עס זעצט זיך נישט דער ברייטער ים אַראָפּ,
ווען ס'ווערן זייטיקע קאַנאַלן פון אים גענערט.
ס'קומט צו אַלץ מערער, ווי ס'פאַלט אָפּ.
ס'שווימט רוישיקע שטאָט ווי דער ים אין איין שטראָם,
און דו זעסט נישט די, וואָס גייען אַוועק, און די וואָס קומען אָן.

3

ס'איז אַכטע עווענױ, דער פּראַכט־אַריינגאַנג,
און אַרויסגאַנג־טיר פון גרויסער שטאָט.
פון דאָרט צעשפּרייטן זיך די האַמער־קלאַנגען
און דער גערויש פון דער פאַבריקן־ראָד.
דורך אַכטער עווענױ ווערט דורכגעגאַנגען
אין די באַגינענס און פאַרנאַכטן,
דער הילכיקער אַרבעטער־טראָט.
דורך דאַנען סקריפּען שווער די געלאָדענע פראַכטן
מיט איבערגעפּאַקטער משא־וואָג;
דאָ הילכן אָפּ די אַרבעטער־שלאַכטן
פאַר מערער ברויט און קירצערן טאָג.

4

כּאָטישע ניו־יאָרק איז געבויט אָן אַ פּלאַן,
און נישט געוואוסט, אַז ענג וועט זיין פאַר איר דאָס אינדזל־לאַנד.
נאָר אויך אין כאָאָס רוט השגחה;
וואו מענטש האָט געשטעלט בית־עולם־צאָם,
דעם לעצטן טראָט פאַר דורכפאַל און נצחון, —
איצט טורעמט דאָרט אַ לעבעדיקע וואַנט
פון וואוינונגען, פאַבריקן, און געשעפטס־רעקלאַמען.
די אייביקע רו האָט זיך איבערגעבראָכן. —

ס׳לויערט ניו־יאָרק אויף טויטנס לעצטע דאַלער־אָטעם;
ווי אַ פֿאַרפֿלייצונג לאָזט זיך גיריקע שטאָט נישט צאַמען,
און יעדער ערד־טראָט ווערט פֿון איר פֿאַרשלונגען.
זי שטופּט און שפּאַרט זיך אין דער ברייט, צום האָדסאָן,
און קלעטערט אין דער הויך מיט זיגזאַגן־צונגען,
ווי אַ שטייניק־לעבעדיקע שפּראָצונג! —
איבערנאַכט ווערן הייזער און גאַסן איבערגערוקט,
וואוינונגען — פֿון פֿאַבריקן־געבייִדעס פֿאַרצוקט.
קליינע הייזלעך, איינגעשרומפּענע פֿון שרעק זיך פּרעסן,
זיי ווערן צווישן מויערן אין אַ סענדוויטש אויפֿגעגעסן.

5

ס׳האָט גרויסשטאָט איר אייגענעם לעבן, איר אָטעם, —
מיט דזשאַנגל־קולות צעררייצטע גאַסן ברומען.
די מויערן, ווי באַשעפֿענישן לעבעדיקע סאָפּען.
ס׳האָט ריטם און באַדייט צעהילכטער טומל;
אין די בראַזגענדיקע טריט פֿון פֿאַראייניקטן טאָפּען,
שרייט איינציקער טראָט, ווי אין ים דאָס געשריי פֿון טראָפּן,
וואָס וויל נישט אין כוואַליע־רויש פֿאַרשטומען.
ס׳קוקט שטאָט דורך פּירקאַנטיקע שויבן־אויגן
אַרום און אַרום אין אַלע זייטן, —
און מיר ווערן פֿון איר בליק אַרומגענומען
ווי פֿון אַן אייביק צעפֿלאַקערטן שייטער.
און גאַס ווערט אַלע רגע פֿון געשעענישן נייע צוגעצויגן,
נאָר שטראָם פֿאַריאָגט זיי ווייטער, ווייטער;
בלויז צופֿאַלן, וואָס קומען אָן ווי קריגער, שטרייטער,
זיי לאָזן זיך נישט גרינג מיט שטראָם פֿאַרשלעפּן,
און פֿאַרצויגן מיט אַן אייגן נעפּל —
צעברעכן זיי אַמאָל דעם גאַנג פֿון שטאָט,
און ס׳ווערט לענגער אָפּגעשטעלט צעיאָגטער ראָד.

6

איינמאָל, — איך בין געווען פֿאַרכאַפּט
פֿון שטאָטישן קאַליידיסקאָפּ־באַוועג,

און ווי טראָפּן אַריינגעזאַפּט
אין שטראָמיקן געיעג —
האָט אַ צופאַל אָנגערירט מיין אַקסל,
און געשעעניש פאַר מיין בליק צעוואַקסט זיך: —
ווי פאַר אַנ׳אָפּפּלוס ווערט מענטשנשטראָם צעטאָלט,
און אויפגעעפנט ווי אַ טויער ברייט.
די איילנדיקע מענטשן — שטיין געבליבן מיטאַמאָל,
און ווי מיט רידלען גראָבט דאָס איינגעשטילטע טראָט־געשריי,
וואָס עמיץ האָט פאַרהאַלטן: שטיי! —
וואָס איז געשען? — המון האָט שטוינענדיק באַגלייט
אַ מאָדנע פּאָר פון ערגיץ אָנגעקומען, —
וואָס גייט דורך מענטשן־טויער שווייגנדיקערהייט.
אַ מאַמע, מיט אַ זון אַרומגענומען,
מאַרשירן שטאָלץ אין שמאָלער ריי,
מאַרשירן אַ פייערלעכן מאַרש פון צוויי.

המון האַלט איין דעם אָטעם,
קוקט נאָך דאָס פּאָר, צוויי בלייכע שאָטנס
אין שטאָטיקער כאַאָטיק.
האָב זיך דערנענטערט, און דערזען:
די בלוי־געשוואָלענע אָדערן פון מאַמעס אַרבעט־הענט,
ווי פאַרפרוירענע שטריק דאָס לייב געשניטן.
אין די אויגן האָט צער פון חיה געברענט,
ווען סטאַדעס טרינקען זיך אין טיפע זעמד
פון הייסן זון צעגליטע,
און האָבן מיט יעדן זעמדעלע געקעמפט. —
מאַמע און זון האָבן מוטיקן מאַרש געשריטן.
ביידע — אין ווייסע זומער־שמאַטעס,
נאָר אָרימקייט האָט זייער שטאָלצקייט נישט פאַרראַטן.
די בלאַסע פּנים׳ער, פון שוויים באַגלאַנצטע,
זיי ווייסן גוט די פרייד פון מקריב זיין אינגאַנצן,
און זיך נישט אונטערגעבן פּיין און מאַטער;
די ברוסט פון אויסגעגלייכטער דאַרער מאַמע
איז מוטיק אויסגעשטעלט ווי שיצנדיקער פּאַנצער, —

דער שוואַכער זון, מיט יאָרן פון אַ טאַטע,
האָט קינדעריש זיך אָן איר געקלאַמערט,
געשלעפט די קראַנקע, טאַנצנדיקע פיס
אין וואַקלענדיקן ריטם פון קינדער־פּאַראַליז,
געהיט געטריי די ריי,
אין פיינענדיקן מאַרש פון צוויי.

7

המון — שוין לאַנג פון דער פּאַר אויסגעניכטערט,
און איז ווידער אַוועק מיטן שטראָם.
די ווייסע שמאַטע־קליידער אין זון געליכטיקט,
געפלאַטערט ווי צעריסענע פאָן.

אָפּט וואַשן יסורים אַראָפּ ווי אַ רעגן
פאַרשטויבטן פּנים פון המון.
אויך די, מיט פאַרבלוטיקטע נעגל,
ווערן אַ ווייל דורך יסורים ריין.

נאָר המון ווערט ווי בליץ אָנגעצונדן,
ווערט באַלד פאַרלאָשן, און פאַרגעסט.
ער ווערט נישט צוגעשמידט צום וואונדער,
אויב ס'העננגט נישט ווי אַ שווערד דער נס! —

איז פּאָר פאַרפרעמדטע אין געדרענג געגאַנגען,
פּראָצעסיע פון קיינעם מער באַגלייט.
דער מאַמעס ווערטער אין דער לופט געהאַנגען,
אַזוינע פאַרפייניקטע מאַמישע רייד:

— דער מענטש גיט אַוועק זיין בלוט און יוגנט
פאַר אויפבלי פון שטיינערנע שטעט.
פון מויער־שפּאַלטן קוקן אַרויס הרוגים,
אין ליים פון די ווענט אַריינגעקנעט.

עס ווערט אַלץ העכער אייער בבל־טורם,
און ס'איז נאָך אַלץ אייך נישט גענוג.
דער טראָט, — געבלוטיקט אין יסורים —
אייך ברענגט נישט צום שפּור פון פאַרצוק.

ב. לאַפּין

ווען ציגל פאַלט אויף דר'ערד אַנידער,
פאַרזאָרגטע הייבט איר שנעל אים אוף.
בלייבט שטום פאַר איבערגעפאָרענע גלידער
פון אַ לעבעדיקן מענטשן־גוף.

אַ מאַמע, — כ'האָב אַלץ אַוועקגעגעבן,
באַליידיקטן נפש פון טויט אויסגעלייזט.
ס'מוז ווערן באַשיצט די קרוין פון לעבן,
ביז ס'גליט נאָך וואו אַ פונק פון טרייסט.

אַט קלאַמערט זיך אַ לעבן אַ פאַרשעמטער,
נישט אינגאַנצן פון פאַרצוק פאַרהיט.
ווער הערט די שפּראַך פון גלידער געלעמטע,
פון פאַראַליז־צעטאַנצטע טריט?

נאָך קינדער־טריט דער חיה'ס אויגן לוגן,
און זייער מאַרך־ביין רייסט זי אויף.
זי באַפאַלט זיי אין בלי פון יוגנט,
נאָך אין קינדערש־ווייכן גוף.

נישטאָ קיין גרעסערע שטראָף פאַר גלידער,
צו ווערן בליענדיק פאַרוויסט.
פאַרגליווערט ליגט אין זיי די מרידה,
ווי אַ בערגל רויע מיסט. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

איך האָב די שטורם־רייד אַרויסגעלייענט
פון מאַמעס פיבערדיקן בליק.
און וויפל פאַרבאָרגענע געשרייען
נאָך אַלץ געבליבן אין האַלדז פאַרשטיקט.

און ס'דראַפּעט זיך איר בליק אויף די געביידעס,
וואָס ענג איז זיי די אָפענע גאַס,
אויף זיי אָנגעשפּאַרט די צעבראָכענע דאגות,
זיי זאָלן צוהאַלטן איר שווערע לאַסט.

ניִשט אויף לאַנג געלאָזט די דאגות ליגן,
די שווערע לאַסט, ווי איר זון איז איר נאָנט; —
דאָס פּאָר איז שטאָלץ ווי אויף בערג געשטיגן,
אין איילנדריקן מענטשן־שטראָם.

8

אכטע עוועניו! — צוויי־און־פערציקסטע סטריט, —
ס׳וועלן מיליאָנען־מיליאַסן טריט
איבער דיין גוף מיטן צלם־שניט,
אין שטילקייט פון נאכט און אין טאָגס געשריי,
ניִשט קאָנען פארהילכן דעם מארש פון צוויי, —
פארטייעטע מחנות ציען נאָך זיי.

פרימאָרגן. זיי גייען אַרום ווי פאררויכערטע קעץ,
די מחנות הונגעריקע מענטשן־שאָטנס, —
און צורייסן דעם האַרסאַן־טומאַן
פון רויטן ניו־יאָרקער באַגין.
זייער האַנט האָט געבויט די מויערן־נעץ, —
און זיי אַליין איז פארבאָטן,
און זיי אַליין איז פארצאַמט,
אריינצוגיין פאר נאכטלעגער אהין.

די אַלע הימלאָזע אין רויטן באַגין,
די קליידער צעקנייטשט פון הארטן שטיין,
וואָס איז זייער בעט געווען, —
די האָר האָבן אין קאַלטן מאָרגן־ווינט
מיט רויטן טומאַן געוויינט.
נאָר אַן אנדער באַגין האָט געטאָגט אונטער ברעם,
און ס׳הארץ האָט געוואָרעמט אַ יונגן געדאנק:
— וואָס דיין האַנט האָט באַשאַפן — פארנעם!
און דיין חלק וועלט — פארלאַנג!

י. י. סיגאַל

לידער

אַ ליכט

דיין קליינקינדערשקייט פאַרלאָשן,
דין פאַרבויגן זיך צום טויט — — —
אינעם קלייטל — פאַר אַ גראָשן
הײַנט געקױפט אַ שטיקל קנױט.

גיס אָן אין אַ שערבל בוימל,
שטעל דעם ווייסן קנויט אַריין:
פאַר מיין דין פאַרשניטן ביימל,
פאַרן קינדערשן געביין.

פונעם פעלד און פון די וועגן
שוועבט מיר דאָס געדעכעניש אָן. —
זים דאָס מויל פון פרישן רעגן
אין דער נייער זומער־זון.

כלה־טאָכטער, ווייסע זיידן
און אַ זילבער קלאָרע הויב. —
יונגער זומערווינט פון ווייטן
ווייט אויף מיין פאַרנאַכטיקער שויב.

צו...

אויף איטלעכנס קבר — אַ ברעטל,
אַ צייכן אַ בלייבער — אַ וואָרט.
אויך אויף דיינעם — דיין שטאָט, דיין נאָמען,
און דיין ערלעך חשוב אָרט.

שטייט דאָרט אַז דו ביזט געבאָרן
אין אַ ווייטן טאָל פון פּאָדאָל.
(אַ ישוב פון עטלעכע שטיבער,
אַ מאַרק מיט אַ הייזעריק קול.)

און נאָך עפּעס זינגען די ווערטער
געבלימלט אין ליבשאַפט און לויב.

מסתמא כדי צו פארדעקן
דאָס גרוי פון דיין אָרימען שטויב.

עס וועלן די רעגענער גיסן
פון הערבסט־וואָלקן איבער דיין שטיין.
אזוי ווי דאָס ליכט פון דיין לעבן
וועט אויבעט דיין אָנדענק פארגיין.

און וואָס ד'האָסט דאָ איבערגעלאָזן —
דיין צער, שטומער זשאר אין א בוך,
וועט טרויעריק פארהילן, פארדעקן
די צייט מיט איר שטויביקן טוך.

איך וועל קומען און וועל אויפהייבן
דעם שטויביקן טוך פון דיין וועלט:
ווי גוט איז מיר קומען און רוען
ביים שוועל פון דיין רואיק געצעלט.

ר ז

אין דיין בליק
אזא בארוט געמיט.
דיין איטלעך וואָרט
א געלייטערט ליד.

דין, געפאַסט,
א זילבערנע רייף
קרישטאָל־געשליפן,
ווי אָקטאָבער־רייף.

א פרישקייט בליט
איבער דער מידיקייט,
דער טויט קומט אריין — א גאַסט,
און איז ווייס פארשנייט.

וואַרפט זיין הוט
און זיין מאַנטל אראָפּ. —

קלאָרער זילבער
זיין שטאָלצער קאָפּ.

זעצט ביים טיש זיך,
אַ פּוס איבער אַ פּוס.
אַ זילבערנער נאָכמיטאָג,
און אַ ליכטיקער שמועס.

ווייסט און בייז...

שלאָפסט איין און איך וויל פון דיר אַוועקגיין,
רוסט איין און — איך גיי פון דיר אַוועק.
כ'זוך אין נאַכט ליכטיק־פּריילעכע פענצטער,
גוטע ברידער נאָך פון די יונגע טעג.

בין דורך דיר פון זיי פאַרפאַלן געוואָרן,
און אריינגעפאַלן אין דער בלינד פון זיך.
שווארצער אומעט פון טויט אויף מיינע קליידער,
דו — אַ פיינלעכע רייף אַרום מיין דיך.

דו ביזט קליין, פאַרלאָרן און וויינסט צו מיר,
און איך טרינק, טרינק אין זיך דיין געוויין,
און רייס זיך פון דיין ברעג — אַנטלויפן,
פאַל און — ליג איבער זיך ווי אויף אַ שטיין.

דיין גאָב

דיין גאָב איז: קליינע אָרימע גענאָדן.
עשירות קומט ניט פון דיין ריינער האַנט.
געבויגן־שווער דער בוים מיט פרוכט באַלאָדן,
פאַרריסן — דער וואָס שטייט אין טרוקן זאַמד.

נידעריק די פרות אויף די צווייגן
הענגען רייף אַרונטער — גאָלד און רויט:
פולע הענט מיט פרייד אַראָפּגעבויגן
צום דורכגייער אין וועג לעבן דעם פּלויט.

דיין גראָז איז אָרימברויט, און דיינע זאַנגען
און פרות — אָרימברויט פאַר מענטש און פי.

אז וואויל איז דעם וואָס איז דעם וועג געגאַנגען,
דעם שווערן וועג פון בענטשנדיקער מי.

פאַר גאָר די קאַרגע אומגעריכטע פרייד־מינוטן
און פאַרן מינדסטן — איבערפול מיט פרייד און ליד.
ביים שוועל פון טאָג, אין שווייגן, א באַרוטן
טרעפט מיך די אָוונט־שעה, און כ'בין נישט מיד.

גאָר די אומזיכערע אומרו אָפּגעטראָטן,
די שוואַרצע מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג,
צערונען ווי א שפּינוועבס, ווי א שאָטן,
און קלאַפּט ניט אין מיין אויער מיט איר גלאָק.

און מיין געלעגער אויפן אַלטן בעט נאָר ווארים,
ווי ס'וואָלט אים אויסגעגלעט מיין מאַמעס האַנט.
און גאָר מיין לעבן שמייכלט ריין און אָרים
פון איטלעך ווינקל און פון יעדער וואַנט.

אוודאי קומט דער מאָרגן מיט זיין משא
שטענדיק פרעמד און אָנגעצויגן, האַרט, —
דער טעמפער באַלעבאָס פון אַלע גאַסן,
כיטרער בייזוויל אין די אויגן און פאַרדאַכט.

מילא, נו, כ'וועל שוין אַזוי דערמוטשען מיינע יאָרן,
זיך איינבויגן, זיך אויסגלייכן און אָננעמען פאַר וואויל
דעם צער, ווי ס'נעמט די קוויט פאַר ליב דעם דאָרן,
וואָס שפּיצט זיך צו איר שמעקנדיקן מויל.

מיין הערבסט הויבט אָן שוין מיינע רייפע יאָרן צינדן
אין גאָלד און ווייַן, ווי ביימער אויפן באַרג.
און אַלע וועגן נעמען אַרום מיר זיך בינדן,
און ס'שטייפט די ענגשאַפט, — מילא, נו, דערוואַרג.

דער האַרבער ווייִרויך דעמפּט אין שווערן וויאַנען,
ווי קרבן־בלוט — ברוינט איבערן אַלטאַר.
דער כהן היט די פולע קופער־פאַנען,
און רוקט צו דאַרע צווייגלעך אונטערן זשאַר.

י. י. סיגאַל

פּ אַ ר ז י י ט

כ׳האָב אויף מיין קליינעם שטח ערד פּאַרזייט
דיינע געשענקטע קערנער ברויט.
אינדערפרי, בייטאָג — דיין זון אין ליכטיק גאָלד
אין איטלעך וואַרימען פעלד.

ווי טאָג־אויפבראָך
דאָס אויפפּראַלן פון שלאָס
פון יעדן קערן,
און פון יעדן גראָז.

דאָס וואַקסן און דאָס אויסוואַקסן פון זאַנג,
די תמוז־טעג —
כהאָב זייער פעסטן גאַנג
ווי אַ געזאַנג איבער מיין ערד געהערט,
די גלעקער און די קלאַיען פון די ברוינע פערד.

און ווען איך האָב מיין ברויט אַראָפּגעפירט,
האָט אויף מיין ערד גערוט אַזאַ געבענטשטע שעה,
אַזאַ געבענטשט שטיל ליכט.

און פונעם הימל האָט אַראָפּגעקעוועלט
דיין פרום גענאָד,
דיין רו,
אויף מיין באַרוטער ערד.

ו ו אַ ו ה י ן ?

און איך וועל אוועקגיין פונדאַנען —
וואוהין ?

וואו דער בוים איז גרין,
וואו דאָס פעלד איז גרויס
און די שטילקייט — דין.

און ביי מיין צוקאָפּנס וועט וואַקסן —
וואָס ?

פון דעם פרייען זומער,

פאַר דער יונגער זון
גרינע ליכטלעך — גראָז.

און צו מיין רו־אָרט וועט קומען צוגיין
אין אַ העל בלוי קלייד,
אין אַ ווייסן הוט
מיין קינד — קליין, קליין,
לעבן דעם ווייסן שטיין.

און פון גאָר דער שטילקייט
אַזאַ זילבערנער קלאַנג,
דער זילבערנער קלאַנג
פון איר שווייגנדיק קול.
דער זילבערנער קלאַנג
פונעם ברייטן טאָל,
פונעם רואיקן טאָל.

געזעץ...

איך האָב געזען דעם טויט איבער אַ גאַנצן דור זיך שפּרייטן.
דאָרף און קליינשטאָט האָבן טונקל זיך צו דר׳ערד געבויגן.
פאַרנאַכט האָבן געצאַנקט די שטיבער — געלבלעך־אַלטע אויגן,
און אינדערפרי — קרום־שטומע מאַרק־דעכלעך טויט־קאַלט פאַרשנייטע.

שווערע לאָדנס אונטער זשאַווערנדיקע לאַנגע אייזנשטאַנגען.
אַן אַלטער איד אַ האָרביקער, פאַרהילט אין ראָק, איז שוואַרץ געזעסן,
אַן איינציקער אַזאַ וואָס האָט זיך דאָ אין מאַרק פאַרגעסן,
צי אפשר איינגעדרימלט און — דער זומער איז דערוויל אַוועקגעגאַנגען.

און די ווינטן, און דער ווינטער, און די ווייסקייט איז דאָ אָנגעקומען.
קעלט און וואָלקן האָבן רוי די טויבע טעג אַרומגענומען.
די דערנער־בייטש — די נויט, האָט אַלעמען געטריבן, געטריבן,
און ער איז איינגעהויקערט דרימלענדיק אויפן אָרט געבליבן.
דער ערשטער שניי איז דורך דער נאַכט אויף אַ ווייסן בעזים אַריינגעריטן,
און אויפן שטעל אונטערן דעכל ביט דערשראָקן דעם פאַרגליווערטן אידן.

י. י. סיגאַל

אַרום טיש פון טרויער

פון די לעצטע לײַדן קאָנסטו נישט באַשיצן,
װענדסטו אָפּ דײַן פּנים, קערסטו אָפּ דײַן אויער.
דאָ אין נאָנטן חדר מײַנע נאָנטע זיצן
שװײַגנדיקע, שטומע אַרום טיש פון טרויער.

אין אַ גרויען װאָכטאָג זיך צונויפגעקומען,
צוגעמאַכט די קלייטן אויף אַ טאָג אַ האַלבן.
איינער אין אַ זײַדן היטל מיט אַ באָרד אַ פרומער,
איז געקומען פאַרן טויטן מלכות מיך צו זאַלבן.

האָט מיט זיך אַ ספר טרויעריקע געבעטן,
און דער ניגון — עלנט, פאַרכטיקייט, פאַרגעבן,
װי אַ האַנט אַ גרינגע, װי אַ קינדערש גלעטן
אויף די בלײַכע ברעמען פונעם מידן לעבן.

אָנגעטאָן האָסטו מיך אינעם קלאָרסטן װײַסן —
אַן אײַנגעדרימלט ייִנגל, דין און אויסגעצויגן.
כ'דאַרף זיך ערגעץ אַנדערש װי אַ גאַסט באַװײַזן
מיט אַ ליכטיק פּנים און מיט ריינע אויגן.

דו, דו קינדערש מײַנע בײַ די גרויע טירן,
דו װעסט אויף מיר װאַרטן אויף מײַן שפּעטן קומען.
מיט דײַן האַנט דײַן קליינער נאָר מײַן האַנט באַרירן:
װאָס האָסטו געזאַמט זיך אַזוי שפּעט צו קומען?

כ'האָב אָװעקגעשאַרט זיך פון דײַן שמאָלן שטעגל,
אומגעקערט זיך װידער צו די װיסטע עול'ן.
טעג מיט בײַן און ציינער, טעג מיט זעג און נעגל,
און — געזען זיך תמיד צו דײַן שטעג דײַן שמאָלן.

אָװנט. אויפן הימל — װײכע גוטע ברעמען,
קערװע איך זיך אָפּעט פון די טויבע מאַרקן.
אָט װעל איך באַלד קומען און איך װעל דיך נעמען,
װאַרטסטו אַזאַ קליינע לעבן הויכן פּאַרקאַן.

דאָרפס־בחור

אין ניו־יאָרקער פעלז און אייזן
דאָרפס־בחור געבליבן.
אזוי וויל איך זיך ארויסזען
אין אַלצדינג וואָס כ׳האָב געשריבן.

כ׳וויל זיך אונטער דעם באַהאַלטן —
פעלדער, ברייטע, גרויסע,
בייגט דער ווינט די תבואה־פאַלדן,
טוט מען מיך פון דאָרט ארויסזען.

דורכגעלאָפן הונדערט וועגן
ביז — צו זיך געקומען.
ווי אַ הערבסטיק רויער רעגן
האָט די וועלט מיך דורכגענומען.

צי זיך איין אין זיך, מיין ווייטיק,
צוריק אַ קנאָספּ אַ גאַנצער.
שטייף און שלייף און רייף און צייטיק
אין דער טונקל פון דיין פאַנצער.

זומערס עפענען בלויע אויגן,
דיינע — צוגעשלאָסן.
ווינטערס — ווייסע וועלן שווייגן,
דיינע — טיפער נאָך פאַרשלאָסן.

וואָרט

אַ ערלעך וואָרט, דיך דאַרף מען גאָרנישט לערנען,
קלאָר דיין צייכן, דיין סימבאָל,
ווי באַרג־נאַכט טוט איר לויטערקייט צושטערנען
געדיכטע הענגלען קלינגענדיק קרישטאָל.

דורך ווייסטע טונקלקייטן, אַלטע פינצטערנישן
פירסטו אויף אַ הויכן שליאַך,
און גאָר די בייזקייטן און שלאַנגיש גיפטיק צישן
פאַרמילדערסטו אין וואונדערלעכער קינדערישער שפּראַך.

י. י. סיגאַל

און דיינע שטילע לידער זאָגן, זינגען פון פאַרגעבן,
צי דען פאַרגיבן מיר נישט אונדזער טויט?
און קליינע טראָגן מיר דאָס גרויסע שווערע לעבן —
אַ שטיין צוקאָפּנס ביי דעם לעצטן פּלויט.

אויפן שטיין פאַרקריצט זיצט ווי אַ בודא אונדזער נאָמען
און אַ טרייסטוואָרט פון דער וועלט,
וואָס האָט פון אונדזער לייב דעם שטומען זאָמען
פאַרגראָבן ליכטיק אין דער פינצטער פון איר פעלד.

דורך אַלע גאָלדענע רוישן פון איר הויכן קאָרן,
זיסע ריחות פון געשניטן היי,
דורך אַלע אומעטן — די קראָען אויפן שוואַרצן דאָרן —
דורך אַלע ווייסע שטילקייטן פון לאַנגען שניי

וועט דאָס געדעכעניש פון אונדזער איינמאָל לעבן
קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגיין.
און אונדזער לעבן וועט זיין אַלעמענס גרויס לעבן,
און אונדזער שיינקייט — איבער אַלעמען שיין.

פאַרנאַכט־ליכט

גרויע אָפּגעראַמטע שטעלן,
אומעט, שטילקייט, אָוונט־רויט.
אַ טונקעלער פאַרנאַכטיקער פויגל
היפּט, קלייבט דאַרע זעמדלעך ברויט.

ווינטיקער פייער אויפן הימל,
וויין און שיין און זאַנגען זייד.
ווייסע דינע הענט דאָרט פאָכן, —
פאָנען שטילע לויטערקייט.

ליד. געמיט. מיין ליד טוט תפילה,
מיין געבעטהויז — דיין פאַרנאַכט.
וואָגנס פאָרן צוריק אין די דערפער,
אוקריינער דערפער און פאַרנאַכט.

די זון אין איר פארגיין — אנטקעגן
שפרייט אויף די פעלדער גאָלד און רו.
איבער דער ערד דער שפעטער זומער —
א בראָנזיק־ברוינע שטומע קו.

א קראָ פון ווייטע קאַלטע וועלדער
לאָזט זיך אראָפּ איבערן פעלד.
אזויפיל אייביקער טרויער וואָגלט
אין שפעטער שיינקייט פון דער וועלט.

ראָדירונג

שאַרף אָן ווידער די אַלטע געצייגן
און — איבער דעם וואַרשטאַט אריבער.
לאַנגע נעכט אונטער שפּעטקייט געבויגן
מיטן שטאָלענעם נאָדל אויף קופּער.

אויף געפּרעסטע געפעסטיקטע בלאַטן,
דין — א גינגאָלדענער פּאָדעם,
און פון פריען גרוי־בלויליכן שאָטן
פינקלט דימענט און זוניקער אָטעם.

און די שטאָלענע נאָדל — אַן אַקער,
און די ערד נעמט זיך גאָלדיק צופאַלדן.
און די נאָדל, דער שאַרפער אַקער,
צינדט דאָס ליכט פון דער טונקל באַהאַלטן.

און גרויס נעמט דער טאָג זיך באוועגן,
און אָפענער ווערן די ווייטן.
גאָר די ערד ביז די וויטסטע ברעגן
צעאַקערט — צעפלאַקערטע בייטן.

ביז ערדענע שורה׳ס פארציען
די זאַפטיק צעעפנטע מיילער,
און פון מערב׳שער זון נעמען פליען
פארבלוטיקטע פייגל און פיילן.

איציק מאַנגער

ליד סאָנעט באַלאַדע

וועלוול זבאַרזשער שרייבט אַ בריוו צו מלכה'לע דער שיינער

געווידמעט רחל אויערבאַך

כ'האָב מלכה'לע אַ ליד פאַרפאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון:
„דער חלום ווייזט אונדז גילדענע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן".

אַ ראיה האָסטו מלכה'לע:
אַט בין איך דאָ אַנומלט,
זיצנדיק ביים גלעזל וויין,
ביים טישל איינגעדרימלט.

האָט מיר דער פויגל פלאַטער־פלי
אויף זיינע גילדענע פליגל
געבראַכט אַ בריוועלע פון דיר
פאַר'חתמ'עט מיט אַ זיגל.

און אַז איך האָב עס אויפגעמאַכט
און אָנגעפאַנגען לעזן
איז עס איז נישט קיין בריוו געווען
נאָר דו ביזט עס געוועזן.

אַ שלאַנקע, מיט צולאָזטע האָר,
ביזטו פאַר מיר געשטאַנען,
און ס'האָבן הינטערן פענצטער זיך
צוצוויטעט די קאַשטאַנען.

האָסטו געזאָגט: „אוי, וועלוול קרוין,
וואָס כ'האָב זיך אָנגעליטן" —
און ס'האָט דער אַלטער ליפּע־בוים
אויף ס'ניי גענומען צוויטן.

האָב איך געזאָגט: גוט, מלכה'לע,
גוט וואָס דו ביזט געקומען,
און כ'האָב מיט מיינעביידע הענט . . .
דעם טיש אַרומגענומען.

האָט זיך די שענקערקע צולאַכט:
„וואָס האָט זיך אייך געטראָפן?
איר זענט, ווייזט אויס, הער ערנקראַנץ
ביים טישל איינגעשלאָפן".

בין איך אוועק אין מיין האָטעל
און גענומען טינט און פעדער,
און כדי פאַר היינט און אַלעמאָל
זאָל וויסן עס איטעדער,

האָב איך דאָס שיינע ליד פאַרפאַסט,
און דערצו געמאַכט אַ ניגון —
דער חלום ווייזט אונדז גילדענע בערג
און צו סוף איז עס אַ ליגן.

וועלוול זבאַרזשער שרייבט אַ צווייטן בריוו צו מלכה'לע דער שיינער

אַ פויגל האָט היינט מלכה'לע
געזונגען אויף מיין דאַך:
„דאָרט וואו ס'ענדיקט זיך די שטאָט
הויבט זיך אָן דער שליאַך.

טאָ נעם דעם שטעקן, וועלוול קרוין,
אין דער האַנט און שפּאַן,
אויב דו האָסט ניט קיין בילעט
צו פאָרן מיט דער באַן.

נעכטיקן קענסטו אין פעלד
און עסן, שמעסן... עט!
פון ווען אָן טראַכט עס וועגן פרעס
אַ יידישער פּאָעט?

זע, מלכה'לע די שיינע וואָרט
שוין יאָרן לאַנג אויף דיר,
אַ סימן האָסטו: יעדע נאַכט
פאַרשליסט זי נישט די טיר.

האָב איך צו אים געזאָגט אַזוי:
— העי, פויגל פלאַטער פלי,
דו ביזט, ווייזט אויס, אַ נעבעכטיקער,
אָדער נישט פון הי.

און אפשר גאָר אַ שוטה'לע
וואָס ווייסט נישט, מן־הסתם,
אַז צווישן מיר און מלכה'לען
רוישט דער שוואַרצער ים.

און ס'זאָגט דער שוואַרצער ים אַזוי:
„העי מענטשל... צוציק שוויג!
שפּאַנען קענסטו אויפן שליאַך
נאָר איבער מיר אַ פיג".

און ס'איז דער פויגל פלאַטערפלי
אַוועק פון מיר פאַרשעמט,
און ס'האָט דאָס האַרץ מיר, מלכה'לע,
אַ גאַנצן טאָג געקלעמט...

פּ ע ר י פ ע ר י ע

אָרימע ייִנגלעך מיט קוישן בייגל
לויפן איבערן ווייסן סקריפּענדיקן שניי,
שרעקט אויף זייער הייזעריק געשריי
די שוואַרצע, טרויעריקע ווינטער־פייגל.

אָרימע מאַמעס לויפן אויף די טרעפּ
מיט ציטערנדיקע גראָשנס אין די הענט,
שניידער־געזעלן שאַרן זיך ביי ווענט
און דינסטן לויפן מיט פליענדיקע צעפּ.

„וואַרעמע בייגל!" אַ לאַמטערן־צינדער
צינדט אָן אין דער דעמערונג, דער בלינדער
דעם איינציקן קרומען גאַס לאַמטערן.

אַ גאַסן־קערער שאַרט צונויף דעם שניי,
און זע, ס'בלישטשען אים אַנטקעגן צוויי
האַלב־פאַרלאָשענע, בלאָע שטערן.

זעלבסטמאָרד

מיטן־נאַכט. אין צימער פון האָטעל.
ער באַטראַכט דעם בראַונינג און דעם בריוו,
„גורל מיינער!" ער אָטעמט שווער און טיף,
און די שאָטנס לויערן ביי דער שוועל.

„וועסט מיר קויפן מאָרגן, ליבסטער, זאָג!" —
אַ פּאָרל פּלוידערט, ליגנדיק אין בעט
אין צווייטן צימער. און ווי פּראָסט מען רעדט
פון דער ווייטער, ווייסער לעגענדע: „טאָג".

ער שטייט און האָרכט אַ טיפע רגע לאַנג,
און טיף אין אים דערמערט אַ געזאַנג
פּראָסט און פּשוט: ליכט און ברויט.

ער טוליעט זיך פאַרצווייפלט צו דער וואַנט,
נאָר ס'האָט די אייגענע רעכטע האַנט
גע'משפט שאַרף און דייטלעך: טויט!

עקזעקוציע

די מאָרגן־דעמערונג — ווי בלאָ צעקנייטשטער זייד,
דער תליון שטייט און וואַרט ביים עשאַפאָט
טרויעריק און שיין, ווי אַ יונגער גאָט,
ווי אַ וואָרים אין האַלץ טיק־טאַקט די צייט.

דאָס תפיסה־גלעקל קלינגט. צוויי תפיסה־וועכטער
פירן אַרויס דעם גראָען דעליקווענט.
די קייטן קלינגען שאַרף אויף זיינע הענט
און די שפּערלען צוויטשערן אויף די דעכער.

ביים גרינעם טיש אַ שוואַרצע, ערנסטע געשטאַלט
טוט אָן דעם צוויקער און לעזט שאַרף און קאַלט
צום סאַמע לעצטן מאָל דעם פּסק.

דער מערדער שטייט געהויקערט און ער הערט
און זעט זיין קרבן אין אַ שטאַל פון פערד
און אַ רויטן זונשטראַל אויף דעם תליונ'ס האַלז.

איציק מאַנגער

אַנטלויפנדיקע פרוי

זי שטייט און קוקט. אין ווינקל שטייט דאָס בעט,
און ס׳איז איר היינט אַזוי מאָדנע פרעמד,
גלייך זי וואָלט קיינמאָל נישט אין שפּיצן־העמד
געשלאָפן דאָ, געפילט זיין הייסן גלעט.

זי נעמט די וואַליזקע אין דער האַנט
און לאָזט זיך פעסט און אַנטשלאָסן גיין.
זי עפנט די טיר און בלייבט אַ רגע שטיין,
ווי זי וואָלט אָן עפּעס זיך דערמאַנט.

זי קערט זיך אום. ס׳בלאָנדזשעט אום איר בליק
איבערן צימער, אַהין, אַהער, צוריק:
אָט הענגט דער שפּיגל אויף דער וואַנט.

און ס׳ציטערט אויף איר יונגער, שטאָלצער קאָפּ,
זי גייט צום שפּיגל צו. מעקט אָפּ
איר שפּיגל־בילד מיט דער קליינער, ווייסער האַנט.

שאָטנס

בטבע זענען שאָטנס הכנעה׳דיקע שטילע,
זיי ליגן ביי דיר צופוסנס, באַגלייטן דיך ווי הינט.
געדענק! זיי האָבן דיך געהערט אַלס קינד
שעפּטשען פאַרן שלאָפן־גיין די ערשטע תפילה.

און תמיד, ווען דאָס ליכט פאַרראַט די ערד,
קומען זיי צוגיין, די סאַמעטענע, קילע —
קענסט פרעגן דעם מינדסטן דאָרן אַפילו,
צי ס׳האָט אויף אים זייער ליבשאַפט נישט געטרערט.

טאָ רייץ זיי נישט; קוים ווערן זיי דיר שונאים
און בלענדן דיר דאָס אויג, פאַרלעשן דיר דאָס פּנים
און שרעקן דיך מיט טויזנטער געשטאַלטן,

מעגסטו לויפן וואו די ווילסט, זיי וועלן דיך דעריאָגן,
און צווישן די פאַרנאַכטן און פאַרטאָגן
וועלן זיי דיך ערגעצוואו פאַרהאַלטן.

די באַלאַדע פון דעם אָרעמען ייד וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ

אברהם זיינפעלד׳ן

דער גראָער קאַיאָר שטייט באָרוועס אין הויף
און קלאַפּט אין אָרימסטן פענצטער אָן.

כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער אָרימער ייד
און טוט זיך די גראָע מלבושים אָן.

פאַרלעגט די טאָרבע אויפן אַקסל און נעמט
דעם גראָען שטעקן אין דער האַנט

און לאָזט זיך גיין, מיט פאַמעלעכע טריט,
מיטן גראָען שליאַך זאַלבענאַנד.

גייט ער און גייט און די גראָקייט ווערט
געדיכטער און ווי בליי אַזוי שווער,

ווערט טרויעריק דער אָרימער, גראָער ייד —
און אין זיינע אויגן פינקלט אַ טרער,

אַ גרויסע טרער, וואָס קייקלט זיך שטיל
אַראָפּ אין זיין גראָער באָרד אריין.

ווערט ליכטיק די גראָע באָרד פונעם ייד
פון איר דינעם, זילבערנעם שיין.

נאָר וואָס קלעקט דאָס זילבער פון אַ טרער?
אַ רגע און צוויי — און נישטאָ זי מער.

שטעלט דער ייד זיך אוועק ביי אַ גראָען בוים
און זאָגט אַ תּפילה אויפן קול:

„רבונו של עולם, מעק די גראָקייט אָפּ
פון אַלע מיינע וועגן און זאָל

מיין וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זיין באָטש ליכטיק און אויפגעהעלט".

פאַרענדיקט די תּפֿילה, ווערט דאָס האַרץ אים גרינג,
די תּפֿילה — אַ בלאָער שמעטערלינג

פֿלאַטערט פֿאַר אים — אַ פֿינטל בלאָ
אין דער לאַנדשאַפֿט פֿון גראָ און גראָ.

גייט ווייטער דער אָרעמער ייִד און גייט,
זעט ער — צווישן די וועגן שטייט

אַ שטילע אַכסניה, און אויף דער שוועל
אַ בלאָנדע פֿרוי אין אַ בלאָען קלייד.

ווערן די אויגן פֿון ייִד דורשטיק און גרויס,
טרינקען זיינע אויגן די בלאָקייט אויס.

זאָגט די בלאָנדע פֿרוי: „גאָט העלף, רב ייִד,
איר זענט אודאי פֿון די וועגן מיד.

טאָ קומט אויף אַ ווייל צו אונדז אַריין,
מיר האָבן גענוג אי ברויט, אי ווייַן".

עפֿנט דער ייִד די טיר מיט מידע הענט,
אַ שטוב מיט בלאָ־געקאַלעכטע ווענט,

אין ווינקל זיצט דער באַלעבאָס פֿון הויז
און האַלט דאָס מוזיניקל אויפֿן שויס,

און דערציילט אים פֿון בלאָען קיניגרייך
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ בלאָען טייך.

הערט זיך איין דער ייִד און ווערט פֿון בלאָקייט מיד
און ווערט אַנדרעמלט — פֿון בלאָקייט מיד.

שפּינט דער חלום אַ וועג — און דער וועג איז בלאָ,
דער שטעקן איז בלאָ און די טאָרבע בלאָ.

און דער פֿויגל, וואָס פֿליט פֿאַרביי, איז בלאָ,
און דאָס פֿעלד און דער וואַלד און דער טייך איז בלאָ.

גאַפֿט דער באַל'באָס און ס'גאַפֿט די פֿרוי,
ווי ס'שפּאַרט פֿון דעם ייִדן אַרויס דאָס בלוי

ליד סאָנעט באַלאַדע

און פולט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרוים
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

ווער ווײנט? דו הערסט? אינדרויסן ווײנט
דער גראָער שליאַך ווי ס'ווײנט אַ קינד:

— פאַרוואָס האָט דער ייד מיך געלאָזט אַליין
אינדרויסן אויף הפקר מיטן ווינט?

וועקט דער שענקער דעם ייד: „שטייט אויף, רב ייד!
אינדרויסן וואַרט דער שליאַך אויף אייך".

שמייכלט אין חלום דער ייד. ער שטייט
ביים טויער פון בלאָען קיניגרייך.

אָט עפנט ער אויף דעם טויער און זעט
אין טאָל די ערשטע דריי בלאָע שטעט.

און ס'גאַפט דער שענקער און ס'גאַפט די פרוי,
ווי ס'שפּאַרט פונעם ייד אַרויס דאָס בלוי,

און פולט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאָמל און פלי,
פליסטער און רויש און געזאַנג פון נישט הי,

ווערט בלאַט און צווייג און שטאַם און בוים,
וואָלקן און וואָלד און טרוים איבער־טרוים.

און די בלאָקייט ווערט כוואַליע און טייך און ים,
אַנונג פון סוד און זיין הייליקער גראַם.

ווערט טראָט און טופּע און טאַנץ און פרייד,
ווערט פרייד איבער־פרייד און אייביקייט.

ווערט פלומער און שימער און שטראַל און ליכט,
ווערט שאָטן, ווערט חומר און ווערט געזיכט.

גאַפט דער שענקער און ס'גאַפט די פרוי,
ווי ס'שפּאַרט פון דעם יידן אַרויס דאָס בלוי

און פֿולט אַן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

באַרג־ליד

די רויטע פֿייערלעך פֿון טאָל
רופֿן דעם פּאַסטוך פֿון די בערג אַהיים,
דער שטילער ניגון אין זיין פֿלייט
איז פֿאַר דער נאַכט אין די בערג צו־קליין.

אין טאָל איז היימלעכער דעם פּאַסטוך און די שאָף,
לאָזט ער אויף גאָט׳ס באַראָט אַליין
די בערג, די שטילקייט און די שטערן.

דער וואַנדערער איילט זיך צו. שוין שפּעט.
אים שרעקט די אייגענע טריט צו הערן,
ער האָט שוין אָפּגעשטאַמלט זיין געבעט
און פֿילט ווי ס׳וואַרגן אים די טרערן.
אָט נאָך אַ רגע בלייבט דאָס האַרץ אים שטיין.
זיין גלויבן — ער ווייסט ווייזט אויס אַליין,
איז פֿאַר דער נאַכט און די בערג צו־קליין,
לאָזט ער איבער אויף גאָט׳ס באַראָט
די בערג, די שטילקייט און די שטערן.

און טיף אין טאָל שפּינט דער פּחד די לעגענדע
ביי גראָשנדיקע ליכט פֿון שדים און פֿון בערן.
ער זעט די ווייסע כּלות פֿון די בערג — זיי קלערן
ביים רוישן פֿונעם וואַסער אויס געפֿאַרן,
ווי אַזוי צו בלענדן, פֿאַרפֿירן און פֿאַרנאַרן
די בלאָנדע קינדער פֿון די כאַטעס.

ציטערן די מאַמעס און זיי שעפּטשן שפּרוכן,
און די גרויסע בערדיקע טאַטעס
רופֿן הויך אַן גאָטביים נאָמען.

און גאָט אַליין וואַנדערט דורך די בערג
די גאַנצע נאַכט ביז צום באַגינען.

און יעדער איינער קען פֿאַרפֿרי,
וואַנדערנדיק איבער די בערג, אָן מי,
די שפּורן פֿון זיינע טריט געפֿינען. —

י. אָפּאַטאָשו

צווישן ים'ען און לענדער

אַ רייזע קיין ארץ־ישראל

1. אויף דער אָלימפּיק

אָנהייב מאַי, ווען דער הימל איז געווען טיף און בלוי, די קיילעכדיקע שיף־פענצטערלעך ברייט צעעפנט, האָבן ים־ווינטלעך פראַנק און פריי געשפּאַצירט איבער די קילע און טונקעלע קאַיוטעס. אינעם צעשטראַלטן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך געריסן פון מזרח מיט אַזאַ עזות, האָט אַלץ געגרינט — דער ים, די לופט, די ווינטלעך. די זון האָט געבלענדט, אָבער קוים געוואַרעמט. פון ים האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן אַ קילקייט — אַ קילקייט, וואָס הייטערט אויף, שטאַרקט און דער מענטש ווערט יונגער, טראָגט זיך פון איין דעק אויף דער צווייטער, איז גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט די ים־ווינטן. און דעם מענטש איז גוט מיטן בלויען הימל, מיט גרינלעכן ים, מיט דער נאָך גרינלעכער שוים, וואָס שפּאַרט זיך פוןביידע זייטן שיף, ווי אַ ריזיקער, צעדריוועלטער פּעכער, וויגט זיך ווי צעשמאָלצן ביר־גלאָז.

אין אַזאַ פרימאָרגן האָט אַ סטואַרד צווייִמאָל אָנגעקלאַפּט אין אַ טוריסטן קאַיוטע:

— מיסטער נעש! מיסטער נעש!

נעש האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם וואַנט־בעטל:

— ווער איז?

— ס'איז צען מינוט נאָך זיבן, מיסטער נעש.

נעש האָט זיך אויפגעזעצט:

— גוט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט — אַ קראַנפּאַס, אַן עלעקטרישער פּעכער, אָנגעטאָאָעכץ, געפּעק. אויפן טיש — אַ צעעפנט בוך און מאַראַנצן־שאָלעכץ. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט דער ים, אַ גרינלעכער, אַ רואיקער, זיך געקנייטשט. וואו איז ער געווען, נעש? ער האָט זיך גוט אויסגעריבן די אויגן און עס האָט גענומען אַ ווייל ביז ער האָט פון זיך אָפּגעשאָקלט די נאַכטיקע וועלט און איז אַריבער אין דער טאָגיקער.

נעש איז אַראָפּ פון בעטל. קילע ווינטלעך האָבן אים דורכגענומען,

אָפּגעפּרישט און אויפגעהייטערט. נעש איז געפאָרן מיט דער אָלימפּיק קיין שערבורג. פון שערבורג וועט ער פאָרן קיין מארסעל און פון דאָרט מיט א פראנצויזישער שיף קיין ארץ־ישראל. מארסעל, אַלעקסאַנדריע, יפו. דער וועג איז אן אויסגעטראָטענער, אַלט — יאָרהונדערטער. ווער איז שוין אַלץ דאָ נישט דורכגעגאנגען?

נעש האָט זיך א צי געטאָן, זיך פארמאָסטן מיט די פויסטן אין דער לופט אריין. איין מאָל, נאָך אמאָל, א דריט מאָל. צו וואָס האָט מען אים אזוי פרי אויפגעוועקט? דאָס האָט ער, נעש, זיך אליין געהייסן אויפוועקן, געוואָלט זען, ווי מען וועט דעם ניו־יאָרקער פּרעסער זיין רעכט טאָן, ווי מען וועט אים אינמיטן ים ברענגען צו קבר־ישראל.

און דער ים האָט נישט געשטורעמט, נישט געשליידערט די שיף, נישט געשפּאָרט ביי די פאסאזשירן די געדערעם אין האַלדז אריין. דער פרימאָרגן, אנגעלאָדנט מיט אוצרות, האָט זיך געקייקלט איבערן ים, פארשטעקט אין יעדן וואסער־בויג, אין יעדן וואסער־קנייטש, גאָלד און זילבער, גאָלד און זילבער.

נעש האָט זיך אָנגעטאָן. ער האָט געשנורעוועט די שיך און גע־טראכט, אז ביים „כשר־טיש" אויף דער אָלימפּיק וועט איצט בלויז זיצן דאָס לאָנדאָנער מיידל. נעכטן איז נאָך ביים לאַנגן טיש אויך געזעסן דער פּרעסער, א שווערער, אָפּגעאַרבעטער ייד פון א יאָר פופציק, וואָס האָט געליטן פון אסטמע. דאָס לאָנדאָנער מיידל איז געקומען קיין ניו־יאָרק זוכן א' חתן. זי איז אָפּגעווען אין ניו־יאָרק א יאָר צייט און פאָרט צוריק קיין לאָנדאָן אן אנטוישטע. זי האָט גע'טענה'ט, אז די יידן, וואָס זי האָט אין ניו־יאָרק באגעגנט, זענען ערגער פון געצנדינערס, ווייסן נישט פון קיין שבת, פון קיין יום־טוב, גלייבן אין איין זאַך — אין געלט. און דאָס וואָס ס'לאָנדאָנער מיידל האָט פארמאָגט און וואָס זי האָט געדאַרפט אוועקגעבן, האָט זי מיט שטאָלץ צוריקגעפירט קיין לאָנדאָן, נישט פארגונענדיק די ניו־יאָרקער „געצנדינערס".

דער צווייטער פאסאזשיר פונעם „כשר'ן טיש" האָט איבער דרייסיק יאָר געפּרעסט אין ניו־יאָרק רעק, אָנגעוואָרן ביי דער אַרבעט ס'געזונט. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער פאָרט אהיים, וועט שטעלן טאטע־מאמע מצבות, וועט זען חתונה צו מאכן א שוועסטער'ס פארזעסענע טאָכטער. דערצו האָט ער געגלייבט, אז די נסיעה איבערן ים וועט ביי אים צונעמען די אסטמע. פאָרט ער שוין צוויי מעת־לעת און די לונגען זענען פול מיט לופט — א מחיה. און ער וועט טאַקע מיט די אייגענע

אויגן נאָך אַמאָל אָנקוקן פּלאַצק. דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן, דאָרט איז ער אויסגעוואַקסן און דאָרט האָט ער חתונה געהאַט. אין די פּלאַצקער וועלדער, טרוקענע, סאָסנאָווע וועלדער, וועט ער געזונט ווערן, מוז ער געזונט ווערן. פאַר די דרייסיק יאָר אין אַמעריקע האָט ער געהאַט איין חלום — זיך נאָכאַמאָל דורכשפּאַצירן איבער דער לאַנגער, וואַרשעווער גאַס, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. און דער חלום האָט געהאַלטן ביים מקוים ווערן. פון גרויס פרייד האָט דער פּרעסער נישט אויפגעהערט צו שטעלן „סקאָטש", געטרונקען ברודער־שאַפט מיט וועמען ס'האָט זיך געמאַכט. צום פּרעסער'ס שמחה איז קיין שיעור נישט געווען. ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס געלט, וואָס ער האָט געקליבן אַ גאַנץ לעבן, וועט ער אויף דער שיף צעטרענצלען. ער איז כמעט נישט אַרויס פונעם טרונק־זאַל. עס איז צוגעפאַלן אַ האַרץ־אַטאַקע. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. די האַרץ־אַטאַקע האָט נישט נאָכגעלאָזט. אַרום האַלבע נאַכט איז דער פּרעסער געשטאָרבן. עס איז געווען טויזנט מייל פון ניו־יאָרק, איבער צוויי טויזנט מייל פון שערבורג.

נעש איז אַרויף אויף דער דעק. די פּאַסאַזשירן זענען נאָך גע־שלאָפן. מאַטראָסן אין גומענע שטיוול האָבן פאַרענדיקט דאָס וואַשן פון דער דעק. דער הימל איז געווען בלוי, דער ים — גרין. און פון מזרח האָט די זון, אַ יונגע, געשלײַדערט אין דער טיפער גרינקייט — גאָלד, זילבער, בריליאַנטן.

פונעם העכסטן דעק איז אָנגעקומען אַ פּאָרל. די לעדערנע רעקלעך צעקנעפּלט, די שויבערס אויף די בלויזע קעפּ — צעווינטלט. און אין די יונגע, אָפענע פּנים'ער, געוועלנלעכע פּנים'ער, איז געווען אַזאַ אומרו, אַז מען האָט געמוזט זיך אָפּשטעלן און זיי נאָכקוקן. דאָס פּאָרל — ער אַכצן, זי זיבעצן — איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, געפאָרן אַרבעטן אין אַן אַמעריקאַנער קבוצה. זיי האָבן דערזען נעשן און זייערע פּנים'ער צעשמייכלט פון ווינט, האָבן אויפגעלויכטן:

— אַ גוטן מאָרגן, חבר נעש.

אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי מען קוקט זיך איבער, ווען פון צופיל ליכט כאַפּט נישט ס'אויג וואו ס'איז ים און וואו הימל. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל. באַלד זענען די אויגן ביים מיידל, קאַרע אויגן, געוואָרן טרויעריק און ס'קינדישע פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט:

איר פאַרשטייט, חבר נעש, אויף דער שיף, וואו מען זעט בלויז

ארום זיך הימל און וואסער, דערפילט זיך דער מענטש אזוי קליין, אזוי נישטיק, א שטויבעלע — און מיטאמאל באווייזט זיך טאקע דער טויט.

— און נישט אזוי דער טויט — האט דער בחור מיט אזא רוגזה א שפיי געטאן, דאכט זיך, נישט אין ים אריין, נאר טאקע דעם טויט אין פנים אריין — א מענטש האט ס'גאנצע לעבן געבענקט אהיים און אז ער איז שוין אינמיטן וועג, נעמט ער און שטארבט גאר אוועק! אט־דא ליגט די מיאוס'קייט!

נעש האט אנגעקוואלן פונעם פארל, וואס האט געשפאנט מיט פארריסענע קעפ איבערן לידיקן געוואשענעם דעק.ביידע זענען געווען סטודענטן, וואס האבן געווארפן די אוניווערזיטעטן. ביידע זענען געפארן קיין ארץ־ישראל, געפארן ארבעטן אין א קאמונע, געפארן בויען סאציאליזם.

ס'האט זיך באוויזן א מענטשל אין א שווארצן, רבנ'ישן קאפעלוש, אין א שווארץ אלפאגן כאלאטל ביז צו די קני, אין א פאר נייע אלפאגענע הויזן, וואס האבן געפינקלט, ווי גאס־אייזן. ס'דארער פנים — ברוין, טונקל ברוין. ס'בערדל, די האר — שווארץ, פעך־שווארץ. און די אויגן — סמאלע אויגן — האבן געקוקט אי איבערגעשראקן, אי ווי ביי א גזלן. דערצו האבן די ליפן, רויטע, פליישיקע ליפן, אפגעדעקט א מויל מאכיקע ציין, וואס זענען געווען געדיכט, א צאן הינטער א צאן, געדיכט און שפיציק, ווי די שופן ביי א צייטיקער סאסנע־שישקע.

נעש האט זיך גע'חדוש'ט פארוואס ער האט דעם פארשוין ביז איצט נישט געהאט באמערקט. פון וואנעט האט ער זיך דא געהאט גענומען? דער פארשוין איז שוין געשטאנען לעבן נעשן. ער האט א רוק געטאן ס'רבנ'ישע קאפעלושל צום קארק צו, אפגעדעקט א לומדישן שטערן, וואס האט זיך געפעלדלט, ווי ער וואלט זיך גע'ישוב'ט מיט די נישט־זיכערע אויגן:

— אזוי צי אזוי?

ער האט ארויסגענומען פון א וועסטל־קעשענע א וויזיט קארט, זי צוגעטראגן, ווי א קורצזיכטיקער, צו די אויגן. דערנאך האט ער ס'קארטל א שטעק געטאן נעשן אין דער האנט אריין און זיך סתם צערעדט:

— אויף אזא טויט קען מען יא זאגן: „והיתה נבלתך למאכל לכל תניני המים", ווי מען פלעגט זאגן ביי אונדז אין ירושלים — וועסט קומען די הינט צעטיילט.

ס'וויזיט־קאַרטל איז געווען אין ענגליש:

ABRAHAM DRATVE
Rabbi of the Jewish Colonies of the Upper
Galilee, Palestine

נעש האָט עס איבערגעלייענט, אָפּגעמאָסטן מיט איין אויג דעם רב פון גאַנץ גליל־העליון און אים געפרעגט:

— איר זענט א רב?

— איך? — האָט ס'קאַפּעלושל זיך אַ שאָר געטאָן פון קאַרק איבער די גזלנ'ישע אויגן — איך? כ'בין אַ רב, אודאי בין איך אַ רב. און כ'וועל אייך זאָגן, מיסטער נעש — האָט דער רב גערעדט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס'איז אַ חדוש געווען פאַרוואָס די ווערטער פאַרטשעפּן זיך נישט ביי אים צווישן די ציין — ס'איז אַן עוולה, ס'איז אַ גרויסע עוולה, אַזאַ שיף, אַ קלייניקייט, די אָלימפּיק. יידן אין ערשטן קלאַס, יידן אין טוריסטן קלאַס, יידן אין דריטן קלאַס — דאַרף מען זען אַ ייד זאָל קומען צו קבר־ישראל, נישט אים וואַרפן אין ים אַריין. האָט יואב די דער'הרג'עטע שונאים מקבר געווען.

— האָט איר גערעדט מיט די יידן פונעם ערשטן קלאַס? — האָט נעש אים געפרעגט און זיך געוואונדערט פון וואַנעט דער רב ווייס אים אָנצורופן ביים נאָמען.

— ווי קען איך רעדן, אַז מען לאָזט מיך אַהין נישט אַריין?!

— מיט וואָס פאַר אַ קלאַס פאָרט איר דען?

— איך? — האָט דער רב עטלעכע מאָל איבערגע'חזר'ט דעם „איך" און זיין צעאַקערטער שטערן האָט זיך גלייכצייטיק דורכגערעדט אויף שטום־לשון מיט די אומרואיקע אויגן — איך? מען האָט זיך געבעטן ביי מיר: „פאָרט מיט טוריסטן־קלאַס". און איך — ניין! אַז מען פאָרט וועגן אַ דבר־מצוה, אַז מען פאָרט קלייבן געלט פאַר אַ ירושלימ'ער ישיבה, דאַרף מען איינשפּאָרן יעדן סענט.

דער כשרות־משגיח פון דער אָלימפּיק, אַ דיקלעך מענטשל מיט בלאָנדע, צוגעשוירענע וואָנסעלעך, איז אונטערגעלאָפן צו נעשן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרשוין מיטן רבנ'ישן קאַפּעלוש און זיך קריקגעצויגן מיט אַזאַ שרעק, ווי דער פלאַץ אַרום אים וואָלט געווען געמינעוועט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי, דריי רגע'ס. דער משגיח איז שוין אַזוי געבליבן שטיין, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין פּאָזע,

נאָר זיין געוויינלעך געשטעל. ער האָט געוויזן אויף זיין בלויען ראָק מיט די מעשענע קנעפּ, וואו ס'איז געווען אויסגענייט מיט גאָלד „שומר" און זיך צערעדט אין אַ ברייטן פּוילישן יידיש, גערעדט אַזוי, ווי אַ חוץ נעשן, וואָלט קיינער ארום אים נישט געשטאַנען:

— כ'בין שוין אכט יאָר אַ „שומר" איבער כשרות און, גאָט באַהיט, קיין ייד איז נאָך ביי מיר נישט געשטאָרבן. כ'האָב דורכגעשניטן דעם אַטלאַנטיק, דעם פּאַסיפיק, דעם מיטלענדישן ים, געהאַט ביי מיין „כשר־טיש" צענדליקער און הונדערטער פּאַסאַזשירן. און דאָ—גאַנצע צוויי פּאַסאַזשירן — נעמט איינער און טוט אַזאַ נארישקייט. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ'זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין בייז, צי כ'וויס, וואָס מען דאַרף זאָגן, ווען מען וועט דאָס מת אראָפּלאָזן אין ים אריין?

— וואָס איז דאָ נישטאָ צו וויסן? — איז דער פּארשוין מיטן רבנ'ישן קאַפּעלוש געווען גרייט ארויסצוהעלפן — מען זאָגט קדיש.

דער משגיח האָט נישט געענטפערט. זיין קליין געשטעל איז נאָך קלענער געוואָרן. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיט די פּלייצעס צום רבנ'ישן קאַפּעלוש און ווייטער גערעדט צו נעשן:

— דעם טויטן איז דאָך אַלץ איינס. וואָס איז טאַקע די נפקא מינה צי פיש, צי ווערים עסן אויף דעם גוף? כ'וואָלט אָבער נישט געוואָלט מען זאָל מיך נאָכן טויט ווארפן אין ים אריין. כאָטש גוים קוקן דערויף אַנדערש. האָט דער פּרעזידענט פון דער „קונארד ליין", אַן אַלטער בחור, אַ מיליאָנער, איבערגעלאָזט אַ צוואה מען זאָל אים אין מיטן וועג, צווישן ניו־יאָרק און שערבורג, אריינוואַרפן נאָכן טויט אין ים אַריין. און מען האָט עס געטאָן. משוגעים.

— און מיט די מיליאָנען, מיטן פּרעזידענט'ס מיליאָנען, וואָס איז געוואָרן? — האָט דאָס רבנ'ישע קאַפּעלושל זיך אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ נייגעריקייט, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ יורש צו די מיליאָנען.

— זעט נאָר ווי ס'גייט אים אין לעבן? — האָט דער משגיח ערשט איצט בייז און מיט ביטול אַ קוק געטאָן אויפן רבנ'ישן קאַפּעלוש — און אַז דו וועסט שוין וויסן, רב מיינער, וואָס ס'איז געוואָרן מיט די מיליאָנען, וועסטו דען קריגן אַ סענט דערפון? וועסט קיין געשוואָ־לענעם סענט אויך נישט קריגן! אין ארץ־ישראל איז יעדער משולח, יעדער מדינה־גייער — אַ רב!

— אודאי בין איך! — האָבן די אויגן ביים ארץ־ישראל ייד זיך

צעפּינקלט, זענען קלענער געוואָרן און ס'בערדל, די אויגן, דער שטערן, אַלץ האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ שטיק חושך.

נעש האָט נישט געוואָלט דערלאָזן די „כלי־קודש" זאָלן זיך צע־קריגן. און איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַריינצומישן, האָט דער משגיח זיך שוין געטראָגן צום אָפענעם דעק־פּאַרענטש.

עולם האָט זיך שוין געהאַלטן אין קלייבן — יידן, גוים. אָט איז דער קאַפּיטאַן אין „פול־דרעס". ס'ווייסע געפּרעסטע העמד האָט אַרויס־געבליצט פון דעם שוואַרצן פראַק. אויף די הענט ווייסע הענטשקעס. אַרום דעם קאַפּיטאַן — זיין גאַנצער שטאַב. די שיף האָט גענומען גיין פּאַמעליכער. אין דערמיט פונעם זעגלבוים האָט זיך צעווינטלט די אַמעריקאַנער פאָן, דערציילט, אַז די אָלימפּיק טרויערט נאָכן פּרעסער. ס'איז געוואָרן שטיל. ס'האָט אויסגעזען, ווי די שיף וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער קאַפּיטאַן מיטן שטאַב האָבן זיך צעשטעלט פון ביידע זייטן מת, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער פּלאַכטע. הינטערן קאַפּיטאַן — אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר מיט אַ קליינעם סינעמע אַפּאַראַט. דער פּראָפעסאָר, וואָס איז קריקגעפאָרן קיין עגיפּטן, וואו ער איז שוין יאָרן געווען פאַרבונדן מיט אַן אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע, האָט נישט אויפגעהערט צו פאָטאָגראַפירן די לויה.

דער משגיח, אָן מראה אין פּנים, איז אויסגעוואַקסן צוקאָפּנס דעם מת. צווישן די געוויקסיקע שיף־אָפיצערן האָט ער אויסגעזען נאָך קלענער. דער משגיח האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך גע־וואָלט צעוויגן, און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„יתגדל ויתקדש — — — "

בשעת דער משגיח האָט געזאָגט קדיש האָבן די אָפיצערן מיטן קאַפּיטאַן סאַלוטירט און דער פּאַרשוין מיטן רבנ'ישן קאַפּעלוש איז געגאַנגען מיט אַ פּאַטשיילע אין דער האַנט פון איינעם צום צווייטן. ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ שטיל מאַראַליש קול:

— צדקה תציל ממות.

געגעבן האָבן אַלע — יידן, קריסטן — ווי זיי וואָלטן זיך דערמיט געוואָלט אויסקויפןביים טויט.

דער משגיח האָט אַראָפּגענומען די שוואַרצע פּלאַכטע, אָפּגעדעקט אַ ווייס ברעט, אַ געוויינלעך אומגעהובלט ברעט. צום ברעט איז דאָס

מת געווען צוגעבונדן. א מאטראַז האָט אונטערגעהויבן ס'ברעט, עס א שטופּ געטאָן אין ים אַריין.

נעש האָט געקוקט, ווי ס'ברעט וויגט זיך, קייקלט זיך אַרויף, קייקלט זיך אַראָפּ, פּליט אין וואַסער אַריין מיט א טעמפּן־פּליעסק.

ס'פּאָרל, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַרבעטן אין א קבוצה האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם עולם. ביידע געאַרעמט. זי — די אויגן פאַרוויינט. ער — מיט א געבויגענעם קאָפּ, מיטן שוואַרצן שויבער האָר ביז איבערן שטערן.

די שיף האָט גענומען גיין גיכער, שנעלער. זי האָט אַרויסגע־וואָרפן גרינלעכע כוואַליעס, פאַרווישט ס'ברעט מיטן פּרעסער, וואָס האָט איבער דרייסיק יאָר גע'חלום'ט צוריקצופאָרן קיין פּלאַצק, געוואָלט נאָכאַמאָל זיך דורכגיין איבער דער וואַרשעווער גאַס, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

דער קאַפּיטאַן מיטן שטאַב זענען אַוועק. די מאַטראָזן זענען אַוועק. ס'לאָנדאָנער מיידל איז אונטערגעקומען:

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק. איצט וועל איך דאַרפן זיצן איינע אַליין ביים „כשר־טיש”.

2. אַלעקסאַנדריע

מיטאָגצייט האָט די פראַנצויזישע שיף „פּאַטריאַ”, וואָס איז גע־פאָרן פון מאַרסעל קיין יפו, זיך דערנענטערט קיין אַלעקסאַנדריע. ווייסע ים־פייגל מיט נאָך ווייסערע פליגל האָבן זיך געטראָגן אין די הונדערטער מיט א ווילד געגודעריי. די פליגל פאַרשפּיצט, די קעפּ פאַררים. און אין יעדן בויג אַזאַ ביטול צו דער אַפריקאַנער זון, וואָס האָט שטאַרק געברענט. נאָך די פייגל — די שיף, געפאַרבט אויף ווייס מיט דריי בלויע קוימענס. נאָך דער שיף — א צענדליק בייכיקע שיפלעך.

געוויקסיקע אַראַבער אין ווייסע הויזן, אין שוואַרצע הויזן — ברייטע, צעבלאָזענע הויזן — זענען באַרוועסע געשטאַנען אויף די ראַנדן פון די שיפלעך. יעדער אַראַבער האָט געהאַלטן א לאַנגע וויאָסלע, געשאַרט ס'וואַסער, וואָס איז אַרום די שיפלעך מער שוין נישט געווען בלוי, נאָר גרין, געשאַרט און מיטן וויגן פון די כוואַליעס האָבן די אַראַבער זיך גראַציעז געבויגן דאָ אויף איין פוס, דאָ אויף אַן צווייטן. די ברייטע הויזן האָבן זיך צעבלאָזן, די ווייסע העמדער מיט די לויזע

אַרבל האָבן זיך צעבלאָזן און די אַראַבער — ווי ווילדע ים־פֿייגל — האָבן זיך צעגודערט, איבערגעשריען די הונדערטער מעווען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער דער שיף.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט גענומען אַראָפּלאָזן די הענג־בריקן.

עס זענען אָנגעלאָפֿן באָרוועסע טרעגער, האַלב־נאַקעטע. די קעפּ — פֿאַרבונדן מיט שטיקלעך האַנטעך, וואָס זענען אַמאָל ווייס געווען. אַרום די לענדן — שטריק. זיי זענען געלאָפֿן צעשראָקענע, ווי איבער די געבויגענע פּלייצעס וואָלטן זיך געהויבן צעקנאַלטע בייטשן. דאָ און דאָרט האָט אַן אויפֿזעער, אין אַ ברודיקער שוואַרצער קאַפּאָטע, איבער דער קאַפּאָטע אַ ווייסער כאַלאַט, מכבד געווען אַ טרעגער מיט אַ יאַמשענעם שטעקן. די געשלאָגענע טרעגערס האָבן הכנעה'דיק געשמייכלט, פֿלינק אונטערגעשטעלט קעפּ און פּלייצעס, געשלעפּט קאַסטנס, גרויס ווי אַ שטאַק. פֿון אונטער די קאַסטנס האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען — פֿיס. דאַרע, אָפּגעשלאָגענע פֿיס, חשכ'דיקע, ווי ביי מומיעס, האָבן זיך געוואַקלט איבער די אָנגעגליטע שטיינער.

געלט־טוישער, מיט אַזויפֿיל שפּראַכן אין די מיילער, וויפֿל שיפֿן ס'קומען אין פּאָרט אַריין, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער „פּאַטריאַ", ווי אַ וואָלקנבראָך. אין דער לינקער האַנט אַ שטוים פּאַפּירן־געלט — דאָלאַרן, פֿונטן, מאַרקן, פֿראַנקן. אין דער רעכטער האַנט — קליינגעלט — זילבער און ניקל געקלימפּער. די שוואַרצע אויגן צעקרימט. איינס אַרויף, איינס אַראָפּ. צווישן די אויגן אַ נאָז, ווי אַ פֿראַצעגנט פּאַסיקל צווישן צוויי נולן. און די כיטרע מיילער האָבן אויסגערופֿן אויף ענגליש, אויף פֿראַנצויזיש, אויף העברעאיש, אויף דייטש און אפֿילו אויף רוסיש:

— בייטן געלט, בייטן געלט, בייטן געלט!

און אַז אַן עגיפּטישער ייד, אַ חלפֿן, צי אַ פּערסישער, האָט דער־קענט אַ פּאַסאַזשיר אַ ייד, האָט ער צוגעגעבן אין נדן אַריין: „יהודי אָנוכי, יהודי". און אַז דער חלפֿן האָט אַלץ נישט געקענט מושוה ווערן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון הינטער דער וועסט די ציצית און אָפּגע־נאַרט אויף עטלעכע פּיאַסטערס.

וואו אַ קער — ווייסע ציין, שוואַרצע אויגן, שטילע חיה'שע טריט. מען איז באַפֿאַלן יעדן אויסלענדער, זיך געוויקלט אַרום אים, ווי שפּינ־וועבס, אים נאָכגעשריגן אויף צענדליקער שפּראַכן:

— ווילסט נישט קיין גילדענע לעטשלעך, ווילסט נישט קיין זיל־

בערגע לעטשלעך, האָב איך בורשטינען, האָב איך בראַסלעטן, האָב איך אַלטע אַנטיק אוירינג.

דער פּאַרשוין אינעם רבנ׳ישן קאַפּעלוש האָט דאָ געקויפט אַ בראָש, דאָרט אַ בראַסלעט, דאָ — אַ פּאָר גילדענע לעטשלעך, דאָרט — אַן אויסגעהאָפּטן קלייד. די מתנות, וואָס ער האָט געקויפט פאַרן ווייב, פאַר די טעכטער, האָט ער געטראָגן אין די הענט, אויף די אַקסל. פון גרוים פרייד האָט זיך ס׳קאַפּעלושל ביי אים פאַרשאַרצט, די אויגן האָבן זיך געפּרעגלט אין דער אייגענער סמאַלע. און אַז ער איז שוין גרייט געווען קריק אַרויפצוגיין מיט דער הענג־טרעפּ אויף דער שיף, האָט אַ הענדלער אין אַ טורבאַן אים אונטערגעטראָגן אַ פּעקל זנות־פאָטאָגראַפיעס :

— ביליק. איינגאַנצן צען פּיאַסטערס.

דער פּאַרשוין האָט זיך גוט איינגעקוקט און זיך אַ שאַר געטאָן פונעם הענדלער, ווי פון אַ שרץ :

— פע, פע.

וויפל פעלקער, וויפל לשונות, וויפל קולטורן האָבן זיך שוין דורכגעטראָגן איבער אַלעקסאַנדריע, וואָס צײלט קנאַפּע דריטהאַלבן טויזנט יאָר ? גיי טרעף וועמעס בלוט ס׳רינט אין די אַלע געלט־טוישערס, אין די לאַסט־טרעגערס, אין די באַלייבטע אויפזעערס מיט די יאַמשענע שטעקנס ?

דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג האָט זיך געטראָגן מיט נעשן אין אַן אָפענעם אָויטאָמאָביל, איבערגעשראָקן אייזלען, קעמלען, פאַר׳חלומ׳טע אַראַבער. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַריינגעדרייט אין ניי־אַלעקסאַנדריע, וואָס איז אַ געמיש פון שטיקלעך פּאַריז, שטיקלעך בערלין און אפילו שטיקלעך ניו־יאָרק. ס׳איז אַ הינטערשטאָט. די גרויסע שטאָט אַליין איז אָבער נאָך נישט אויסגעבויט. און אַז דער אויטאָמאָביל איז אַרויס פון ניי־אַלעקסאַנדריע, האָט דער אַרכעאָלאָג, וואָס האָט בעסער געקענט עגיפּטן, ווי זיין געבורט־שטאָט באָסטאָן, גענומען צורעדן נעשן זיי זאָלן זיך לאָזן צו די פּיראַמידן, קיין גושן, אין דער מדבר. דער אַרכעאָלאָג איז געווען זיכער, אַז די האַנט, וואָס האָט פאַרצייכנט מענטשלעך האַרץ, מענטשלעכן מוח, איז דויערהאַפטיקער ווי די האַנט, וואָס האָט געקריצט פיגורן אין שטיין. מען דאַרף בלויז האָבן אַן אַנדער אלף־בית, אַן אַרכעאָלאָגישן. מען דאַרף געדענקען, אַז אונטער די מדבר-זאַמדן, וואָס טראָגן זיך שוין טויזנטער יאָרן איבער עגיפּטן,

ליגן פאַרשאָטענע קולטורן. איז אָנשטאָט אַהערצוקומען און אָפּצו־קערן די זאַמדן, אָפּצוּשטעכן די אָנגעטראָגענע בערג, זיצן דייטשישע פראָפעסאָרן אין דייטשישע אוניווערזיטעטן און שאַפן ביבל־טעאָריעס, וואָס האָבן היינט צו טאָג פונקט אַזאַ האַפט, ווי זייערע ראַסן־טעאָריעס. בלויז עגיפּטאָלאָגן, וואָס גיבן זיך אָפּ דאָ אויפן אָרט מיט אַרכעאָלאָגיע, בלויז זיי זענען זיכער, אַז ס׳איז געווען אַ יציאת־מצרים, אַז ס׳איז געווען אַ משה, בלויז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די געאָגראַפיע פון יציאת־מצרים איז נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג דער זיכערסטער וועג־ווייזער אין דער מדבר. ווייל ס׳חומש „שמות" — געאָגראַפיש, סטיליסטיש, לעקסיש — האָט בלויז געקענט געשריבן ווערן אין מצרים, אַ דור צי צוויי דורות נאָכדעם, ווי די סעמיטישע האַקסעס־דינאַסטיע איז אַראָפּ פון טראָן.

און אַז דער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענטערט צום נילוס, האָט דער אַרכעאָלאָג געוויזן אויפן טייך:

— ווייסט איר, מיסטער נעש, אַז דער נילוס ווערט קיין איינמאָל נישט באַצייכנט אין „שמות" מיט די נעמען — נהר צי נחל — נאָר שטענדיק יאור. אַזוי הייסט ער אויך אין אַלט־עגיפּטיש. דאָס האָט בלויז געקענט שרייבן אַ מצרי׳שער ייד, וואָס האָט נאָך געדענקט דעם לאָקאַלן נאָמען: יאור — דער קאַנאַל. און דאָס איז נישט ס׳איינציקע העברעאישע וואָרט, וואָס איז אַריין אין אַלט־עגיפּטיש. און פאַרקערט, עגיפּטישע ווערטער זענען אַריין אין אַלט־העברעאיש. ס׳איז אַן אויס־טויש פון צוויי קולטורן. אַ שאָד, מיסטער נעש, וואָס מיר מוזן זיך דאָ שיידן. אָט איז אַלט־אַלעקסאַנדריע. קריקוועגס פון פּאַלעסטינע זאָלט איר אומבאַדינגט מיר אָנקלינגען. איך וועל אייך ווייזן דעם גאַנצן וועג פון יציאת-מצרים.

זיי האָבן זיך געזעגנט. דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג, וואָס איז פאַרשוואונדן מיטן אויטאָמאָביל, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויפגע־ריסענע דורות און שאַרפן געזאַלין ריח.

נעש איז אַריין אין אַלט־אַלעקסאַנדריע:

וואו אַ קער — האַלב־נאַקעטע, פאַרוואָרלאָזטע קינדער. לעבעדיקע מומיעס, פאַרהונגערטע, פאַר׳חלש׳טע, זענען געלעגן אין שאָטן אויף די טראָטואַרן, זענען געלעגן אַרום די חורבות און האָבן צומאָל קיין כוח נישט געהאַט אָפּצוּיאָגן די מחנות פליגן, וואָס האָבן גענאָגט די באָרוועסע, אַזוי אויך שוין אויסגענאָגטע פיס. גאָר שמאָלע גאַסן, נאָך שמעלערע

געסלעך, פינצטערע ליקלעך. כמעט נישט דורכצוגיין. פליגן, קינדער, ציגן און שווערע ריחות. און איבער דעם אלעם — הייזער און חורבות. איין גארן איז געהאנגען איבערן צווייטן, ווי ער וואלט פון ערגיץ־וואו אראפגעפאלן און איז געבליבן ליגן מיטן בויך ארויף. ס'קאלך פון די ווענט האט זיך געשיילט, ווי א צרעת. די זון האט געברענט, געבייצט די חושים, אפגעטעמפט דעם מוח. ס'איז אנגעפארן א וואגן אויף צוויי רעדער געשפאנט אין אן אייזעלע. דאס אייזעלע האט זיך איינגע־עקשנ'ט און נישט געוואלט גיין. די גאנצע גאס־באוועגונג האט זיך אפגעשטעלט.

וואו א קער — א קאפע, א רעסטאראן, א טרונק־שטוב. אראבער אין קאלירטע כאלאטן, געפאלדעוועטע הויזן, פעסקעס אויף די קעפ, זענען געזעסן אויף די טראטוארן און געשפילט אין „שטיינער", גע־שפילט אין קארטן. מען האט געריכערט נארגילעס און געמיטלעך געזופט ווער א שווארצע קאווע, ווער א קאלטן געטראנק.

ביי אן אפטייק־ביידל איז געשטאנען א פאר'חושך'טער אראבער מיט א געשוואלענער באק און מיט אן אומבאהאלפענעם בליק אין די אויגן, ווי ביי א קראנקער מאלפע. דער אפטייקער מיט ברילן אויף דער שפיץ נאז האט איינגעריבן די געשוואלענע באק מיט שמירעכץ. ער האט געטונקט שטיקלעך וואטע אין קאלירטע פלעשלעך, עס גע־שטופט אין קראנקן צאן אריין און די לופט האט א בלאז געטאן מיט טערפענטין, מיט יאדאפארם. א צוויי צענדליק קינדער, אין די בלויזע העמדלעך, האבן זיך צונויפגעקליבן און מיט גרוים הנאה זיך צוגעקוקט.

פון א הינטערגעסל איז אנגעקומען א בארוועסער אראבער איינגע־שפאנט אין א וועגעלע גרינס. ער האט אויסגערופן די סחורה מיט א פארוויינטן, פאר'דבקה'טן ניגון, ענלעך צו א גמרא־ניגון.

ס'זענען אנגעקומען צוויי עלטערע אראבער אין לויזע, געשטרייפטע כאלאטן, ווי טליתים. אויף די קעפ — שטיקלעך טורבאנען. די אויגן — טרויער. די בערדלעך — יידישע. מען איז זיך געגאנגען בנעימות, די בייכלעך אויף א פריער. אזוי האבן געדארפט אויסזען ר' פפא, ר' טרפון.

פון מאל צו מאל האבן פארבייגעשלייכט פארשלייערטע אראבישע פרויען. זיי זענען געגאנגען צו דריי, צו פיר, (ווייזט אויס ווייבער פון איין מאן), האבן געטראגן אין די הענט שאכטלעך פודער, פלעשלעך פערפיומען, וואס זיי האבן איינגעהאנדלט אין דער ניי־שטאט. דער

הלוך — אַ שוואַרצער, אַ לויזער, וואָס וויל אַלץ פאַרדעקן און בלייבט נאַקעט. בראַסלעטן אויף די הענט, אויף די פיס. נישט אומזיסט זענען אין העברעאיש „קודש" און „קדשה" לייבלעכע שוועסטערקינדער.

איבער אַ שוסטער־ביידל איז געהאַנגען אַ ציוניסטיש פענדל מיט אַ מגן־דוד.

— יהודי? — האָט נעש געפרעגט דעם שוסטער.

אויגן ווייכערע, ווי ביי אַראַבער, האָבן זיך אַ צונד געטאָן. דער שוסטער, אַ מיטליעריקער, האָט אָוועקגעלייגט די דראַטוועס מיטן שטיק פעך, וואָס ער האָט געהאַלטן. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן די הענט אינעם כאַלאַט, וואָס איז אַמאָל ווייס געווען און מיט אַ שמייכל פון אַ מכניס־אורח האָט ער נעשן געגעבן שלום:

— יהודי, יהודי.

— וואו איז דער יידישער קוואַרטאַל? — האָט נעש אים געפרעגט.

ער איז אַרויס פונעם שוסטער־ביידל, גרויס ווי אַ הינערשלאַק, האָט געוויזן אויף איין געסל, אויף אַ צווייט געסל, און געזאָגט מער מיט די הענט, מיט די ליפן, מיט די אויגן, ווי מיט זיינע העברעאישע ווערטער:

—אויך דאָ וואוינען ספרדישע יידן, די אָרימערע — טרעגערס, באַלמעלאָכעס. די רייכע וואוינען אין דער ניי־שטאָט. איבער דרייסיק טויזנט ספרדישע יידן וואוינען אין אַלעקסאַנדריע. רייכע יידן, באַנקירן, גרויסע קעפּ. נישט ווייט וואוינען אשכנזים — האָבן אַ בית־הכנסת.

דער שוסטער האָט נעשן געוויזן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן איינגעפאַלענעם פּלויט. אויפן ליידיקן פּלאַץ, וואו מען האָט קיין גרעזל נישט געזען, האָבן ציגן זיך געפּאַשעט צווישן בערגלעך פאַרהאַרטעוועט מיסט.

— זעסט דעם פּלאַץ — האָט דער שוסטער זיך איבערגענומען, ווי אויף דער חורבה וואָלט געשטאַנען אַ פּאַלאַץ — מיט טויזנטער יאָרן קריק איז דאָ געשטאַנען אונדזער בית־המקדש, חוניו'ס בית־המקדש, ס'איז נאָך געווען — פאַרן חורבן.

— חוניו'ס בית־המקדש איז דאָך נישט געשטאַנען אין אַלעקסאַנ־דריע — האָט נעש אים פּרובירט אָפּפרעגן.

— געשטאַנען, געשטאַנען — האָט ער מיט ביטול אָפּגעוואָרפן נעשעס טענות — מיר האָבן עס בקבלה פון אונדזערע „כאַכאָמים".

און ס'איז שענער געווען פאַרן ירושלים'ער בית־המקדש, אַזוי שטייט אין דער „גמרא".

ווי דער שוסטער האָט גע'דרשנ'ט, זענען זיך צונויפגעלאָפן אָפּ־געריסענע, באָרוועסע יינגלעך, אָפּגעריסענע, באָרוועסע מיידלעך. ס'־קליינוואַרג, מיט אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן, האָט גלייך אַרומגע־רינגלט. ס'איז אויך אונטערגעקומען אַ ווייבל מיט אַ זויג־קינד. פון די ביידלעך, וואו מען האָט פאַרקויפט עסנוואַרג, קליידער, מעבל — האָבן זיך גענומען אַרויסשאַרן מאַנצבילן, ווייבער. פון אַלע זייטן האָט זיך גענומען טראָגן: „שאַלאָם, שאַלאָם". די גאַנצע גאַס האָט גלייך געוואָלט אַרויסהעלפן. און אַז ער האָט זיך געפרעגט, וואו ס'איז דער אַשכנזישער קוואַרטאַל, האָט ס'קליינוואַרג אים אַהינגעפירט.

לעבן אַ רעסטאָראַן זענען געזעסן עטלעכע יידן. זיי האָבן גע־טרונקע טיי מיט ציטרין, געטרונקען קאַווע און גע'מסחר'ט מיט לאָטערי־צעטלעך. יידן פון רומעניע, פון פוילן, פון גאַליציע. יידן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין וועג, האָבן געהאָפט היינט־מאָרגן זיך אַרויסרייסן פון אַלעקסאַנדריע. און אויך יידן, וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן פון אַשכנזישע עלטערן. דערווייל איז אין דער ספרדישער געטאָ אויס־געוואַקסן אַן אַשכנזישע. מען איז געזעסן אַרום די טישלעך, ווער איבער אַ „מאָמענט", ווער איבער אַ „היינט". מען האָט געלעבט מיט די זכרונות פון אַמאָל. און איבערן רעסטאָראַן אַן אייגן שולכל מיט אַ שרייעדיקער שילד: „נצח ישראל".

און אַז גלייך האָט זיך געזעגנט מיט די לאַנדסלייט האָבן אים נישט בלויז אויגן מיט נעבעכדיקן טרויער באַגלייט, נאָר אויך אויגן מיט עקשנות, אויגן מיט אויסדויער, וואָס האָבן דערציילט, אַז די זיבערקייט ליגט אינעם המון.

אַ קוואַרטאַל אַהין, אַ קוואַרטאַל אַהער און גלייך איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאָל געסל, נאָר אַ שמאָלס. שטיבלעך — זעקס־עקיגע קאַסטנס. איינס הארט לעבן צווייטן. די טירן פון די שטיבלעך צעעפנט. ס'האָבן אַרויסגעקוקט בעטלעך, הימל־בעטלעך, און מיידלעך נאַקעט ביז איבער די גאַרטלען. די מיידלעך האָבן נישט גערופן. רופן איז פאַרווערט פון דער פּאָליציי. זיי האָבן בלויז געשמייכלט. און די נאַקעטע לייבער — שוואַרצע לייבער, ברוינע לייבער, ווי טונקעלע איילבירטן, אויך ווייסע לייבער האָבן גערופן, געשריגן. ס'איז אָנגעלאָפן אַ פּאַרט־אַרבעטער, אַן אָפּגעריסענער, אַן אויסגעהונגערטער. ער איז געלאָפן

פון איין שטיבל צום אַנדערן, ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ שטייג. מיטאַמאָל האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט אַ טיר — אויס מיידל, אויס הימל־בעט.

פון אַזאַ זעקסעקיג שטיבל, פון אַזאַ „קובאַ", האָט דער תנא ר' מאיר מעגלעך אַרויסגענומען זיין שווערן?

און הינטער דעם געסל האָט דער נילוס געשוואָנקען זיין ליימיק וואַסער. זעגל־שיפלעך האָבן זיך געוויגט. די זון האָט געברענט. און דער בלויער הימל האָט זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעשפּיגלט אין דעם ליימיקן, שליימיקן טייך. באָרוועסע אַרבעטער, אָפּגעשליסענע, געבויגענע, ווי די קעמלען, זענען געלאָפן איבער די הייסע שטיינער. זיי האָבן געשלעפּט משא, זענען געפאַלן פון די כוחות און האָבן ווייטער־געשלעפּט. אויפזעער האָבן געהויבן די יאַמשענע שטעקנס, געטריבן די לאַסט־אַרבעטער.

3. וואָס איז יידישקייט?

די „פּאַטריאַ" האָט זיך דערנענטערט קיין יפו.

ס'איז געווען שבת.

דער נאָכמיטאָג, אַ זוניקער, האָט זיך געצייטיקט אינעם שטילן ים, האָט זיך געצייטיקט אינעם הימל, וואָס האָט געבלענדט מיט ווייטע בליצן. די דורכזיכטיקע לופט, וואָס האָט געאָטעמט מיט רייפע פּלאַנצן, האָט אַ רוק געטאָן די ווייט אין ים אַריין, זי דערנענטערט, און די שטאָט יפו, וואָס האָט זיך געבערגלט, אַ קאָפּל איבער אַ קאָפּל, האָט זיך אַרויס־געשיילט. בלויז דער מענטש איז געבליבן אומרואיק. און איבערן מענטש — מעוועס. אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. די פייגל האָבן זיך גערעדלט, געטוקט, אויפגעריסן די רואיקייט מיט געפּלאַטער, מיט געגודער.

פון די צעעפענטע טירן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּאַסאַזשירן. זיי האָבן זיך צעשטעלט אַרום די שיף־פּאַרענטשעס, געקוקט אין דער ווייט:

— וואָס, יפו? איז דאָס טאַקע יפו?

— און וואָס איז דאָרט?

— תל־אביב?

ס'איז אָנגעקומען אַ פּאָרל.

— האַלאָ מיסטער ,נעש!

— האַלאָ, עטל !

די עלעגאַנטע עטל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט נעש׳ן. זי איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ יונגען פראַנצויזישן אָפיצער, געגאַנגען אָפּ־שליסן אַ ליבע, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער רייזע פון מאַרסעל קיין יפו.

ווי די שיף איז אָפּגעשוואומען פון מאַרסעל האָט עטל פאַרזיכערט נעש׳ן, אַז זי קען אים פון ניו־יאָרק. זיי האָבן זיך דעמאָלט און דעמאָלט באַגעגענט אין דעם הויז, דעמאָלט און דעמאָלט — אין יענעם הויז. זי האָט איבערגעגעבן אַזוינע איינצלהייטן, אַז נעש אַליין האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, דאָס ער האָט זיך טאַקע מיט איר געטראָפן. עטל איז געווען אַ געענדיקטע לערערין. זי האָט אָבער קיין שטעל נישט געהאַט. צייט־ווייליג איז זי געווען פאַרבונדן מיט אַ רייכן ניו־יאָרקער טעמפּל, וואו זי האָט געלערנט מיט קינדער יידישע רעליגיע און „היברו״. בלויז צייט־ווייליק. דאָס איז שוין איר צווייטע רייזע קיין ארץ־ישראל. תל־אביב ? זי וועט זיך אַפילו נישט אָפּשטעלן אין דעם אויפגעקומענעם תל־אביב, דעם ארץ־ישראל׳דיקן בראָנזוויל. זי פאָרט גלייך קיין ירושלים. וועמען זי קען דאָרט ? אַפילו דעם „היי־קאָמישענער״. זי פאָרט זיך פאַר־שרייבן אינעם ירושלים׳ער אוניווערסיטעט, וועט אָפּנעמען סעמיטישע שפּראַכן. יאָ, מיסטער נעש, אַז איר וועט זיין אין ירושלים פאַרפאָרט צו מיס פילד. איר וועט דאָרט באַגעגענען „אונדזער״ ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג פון דער רייזע. פאַר די זעקס טעג האָט נעש עטל׳ען כמעט ווי נישט געזען. זי האָט פאַרבראַכט אין ערשטן קלאַס מיטן קאַפּיטאַן, מיט די אָפיצערן, זיך נישט געוויזן צווישן יידן.

נעש האָט נאָכגעקוקט ס׳פּאָרל.

פון אַ ווינקל האָבן זיך אַרויסגערוקט דריי פּוילישע גלחים אין שוואַרצע, פאַרקנעפּלטע טענדע־ווערענדעס. נאָך זיי — אַ האַלב טוץ נאָנעס אין ווייסע, לויזע קליידער. אין די הענט — שנורן פּאַטשערקעס. אַרום די העלדזער — ווייסע געקאַרבירטע פריזעס. די נאָנעס האָבן זיך געטראָגן ,ווי ווינט־מילן. די גלחים האָבן זיך אין מיטן דעק אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני. הינטער זיי — די נאָנעס. מען האָט זיך שטיל און קלויסטערדיק צעזונגען, באַגריסט די ערד, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם דערלייזער.

ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ רעדל יידן. איינער פונעם רעדל האָט זיך

מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ רוגזה, ווי מען וואָלט אים צונג־האַלטן, נישט געלאָזט אַוועקגיין. דער איינער האָט זיך צעבייזערט: —

— וואָס איז דאָ דאָ זיך איינצוהערן? געהערט זיי בלעקעצן, גע־הערט!

אין מיטן קניען האָט איינער פון די גלחים, אַ באַלייבטער, זיך אויפגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ יונגענמאַן, וואָס האָט געדרוי־כערט און די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער קליינער פּראָצעסיע. דער גלח האָט פּאַטערלעך אַ זאָג געטאָן צום יונגענמאַן:

— איר זענט דאָך אַ ייד, אַ ייד וואָס פּאָרט קיין ארץ־ישראל. און אַ ייד דאַרף נישט רייכערן אום שבת, ווען די שיף דערנענטערט זיך צום הייליקן־לאַנד.

— וואָס זאָגט ער, דער כומר? —האָט דער פּאַרשוין אינעם שוואַרצן רבנ׳ישן קאַפּעלוש זיך אונטערגערוקט — וויי צו די אויערן, אַז אַ כומר דאַרף שוין מוסר׳ן אַ ייד ער זאָל אום שבת נישט רייכערן.

— פּאָלגט זיי נישט, די פֿלעדערמייז! — האָט אַ חלוץ צוגעגעבן דעם יונגענמאַן קוראַזש.

דער יונגערמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן חלוץ, דערנאָך אויפן גלח, דערנאָך אויפן ראַבאַי פון גאַנץ גלול־העליון. ער האָט זיך פאַר־לוירן און אַריינגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס אין ים אַריין.

נעש האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט זיך גע־טראָגן פון איין דעק אויפן צווייטן. ס׳האָט אים געטריבן פון די פראַנק־פורטער יונגעלייט אין קאַפּעלעך און אָן קאַפּעלעך, וואָס האָבן זיך גע־שאַרט אַרום דעם רב־הכולל פון די אָרטאָדאָקסישע יידן אין ענגלאַנד. ס׳האָט אים געטריבן פון די פראַנקפורטער מיידן — שוואַרצע, בלאָנדע, רויטע — וואָס זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון די מאַנצבילן, האָבן גע־דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג און; ווי דעמעקטיווס, נאָכגעשפּירט די כשר׳ע קיך, געהאַלטן אין איין האָבן טענות צום משגיח. ס׳האָט אים געטריבן פון די עטעלס — די עלעגאַנטע קעבסווייבער, די בירוניקוס, וואָס מיר שטעלן צו אַלע לענדער, אַלע דורות.

נעש איז פאַרקראָכן צו די רעטונג־שיפלעך. ער האָט זיך געוואָלט קלאָר מאַכן פון וואַנען ס׳נעמט זיך צו אים אַזאַ אומרו. פּונקט אַזאַ אומרו האָט ער געהאַט איבערגעלעבט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען ער איז פון ניו־יאָרק קריקגעפאָרן אינעם פּוילישן שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

ער האָט זיך איינגעהערט. דאָס געזאַנג פון די נאָנעס, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטילער, האָט זיך אויסגעמישט מיט דער „התקוה", וואָס די פראַנקפורטער האָבן פאַרצויגן. אויף דער צווישן־דעק האָט מען גע־טאַנצט די „האָרא", געטאַנצט און געזונגען. דאָס געזאַנג איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער, דער טאַנץ — ראַש און ראַשער. און מיט אַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ געשאַל, ווי אַ מלחמה־רוף, וואָס האָט פאַרהילכט די „האָרא", פאַרהילכט דאָס געוואָרקעריי פון די מעוועס. דאָס האָבן חלוצים פון פוילן געזונגען, ווער מיט דער ספרד'ישער חברה, ווער אין יידיש, דעם אינטערנאַציאָנאַל.

רייכע יידן פון ערשטן קלאַס, פאַרמעגלעכע יידן פון טוריסטן קלאַס, האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער די פאַרענטשעס, געקוקט צום דריטן קלאַס, וואו די שיף האָט מיט איר שטאָלענער „נאָז" געשניטן דעם ים. פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן דער אינטערנאַציאָנאַל. די רייכע יידן האָבן זיך איבערגעקוקט. און זייערע בליקן, נישט זיכערע, האָבן מיט ביטול זיך געשאַרט איבער די חלוצים:

— גיי בוי מיט זיי ארץ־ישראל.

נעש איז אַראָפּ אויף דער דעק פונעם דריטן קלאַס. ער איז אַריין צווישן די חלוצים און האָט גענומען מיטזינגען. דער טאָג האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. אַלץ אַרום איז געוואָרן בלויער — דער הימל, די לופט. און דער ים איז געוואָרן אַזוי בלוי, ווי מען וואָלט אים אָפּגע־מאָלט. נעש האָט זיך צערעדט. אַרבעטער האָבן זיך גענומען קלייבן אַרום אים אין אַ רעדל. פונעם רעדל איז געוואָרן אַ ראָד. טייל האָבן זיך צוגעהערט, וואָס נעש רעדט, אַנדערע, פאַרגאַפּטע, האָבן געקוקט אין ים אַריין:

— און וואו איז ארץ־ישראל?

— אָט, דאָרט.

דאָרט?

אַ טאַטע מיט אַ זון האָבן זיך צעקושט. אַ באַלייבטע יידענע איז נעגאַנגען פון איין רעדל צום צווייטן — „איר הערט יידן, מיר זאָלן שוין מער פון קיין צרות נישט וויסן". דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָרל אָוועקגערעדלט איבערן דעק, ווי ס'וואָלט קיין שרעק נישט געווען פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווי ס'וואָלט קיין שרעק נישט געווען פאַרן נייעם לאַנד, וואו אַלץ האָט אויסגעזען, ווי אַ חלום. און אין דער סאַמער גילדינער

מיט, ווען דער עולם איז געשטאַנען אַ צעגאַרטעלטער, איז אַ ייד אַרויס מיט אַ ירגזון:

— אין תל־אביב וואָלט אַזאַ עוכר־ישראל ביי מיר געכאַפּט פּעטש! רייכערט אום שבת! און בפרהסיא! איז אַ חדוש, וואָס אַ „שומר־שבת" וועט ענדער צונעמען אַן אַראַבער צו דער אַרבעט, איידער אַזאַ פּושע ישראל, וואָס לאַכט פון יידישקייט?

— חבר נעש — איז אַן אַרבעטער מיט אַ לאַכעדיק פּנים אַריין נעש'ן אין די רייד — קענט איר אונדז אפשר זאָגן וואָס איז אַזוינס יידישקייט?

נעש, וואָס האָט נישט דערוואַרט אַזאַ פראַגע, האָט זיך אויפן אָרט פאַרלוירן. זיינע אויגן, טיפע, טונקעלע, האָבן געבלאַנדזשעט אין דער בלויקייט. איז עס געווען הימל? איז עס געווען ים? ווער ווייס? און איידער ער האָט קריקגעכאַפּט דעם פאָדעם, האָט זיך ווייט הינטער אים גענומען פּלאָנטערן — „ווער ווייס, מעגלעך, אַז מיט אַ צוויי טויזנט יאָר קריק האָט טיטוס מיטן זעלבן וועג געשיקט קיין רוים די באַזיגטע העלדן פונעם צווייטן חורבן".

און נעש האָט זיך צערעדט. ער האָט אָנגעהויבן ערגיץ אין אַ מיט, אָנגעהויבן אויפן קול און מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי די אַרומיקע וואָלטן געוואוסט, וואָס ס'האָט זיך אים נאָר וואָס געפּלאָנטערט.

— וואָס הייסט, מעגלעך? — האָט נעש אַליין זיך געפּריוווט אַי־בערשרייען און בשעת מעשה זיך אַזאַ צי געטאָן, אַז ער איז געוואָרן העכער — נישט מעגלעך, נאָר גאַנץ געוויס זענען מיטן זעלבן וועג גע־פאָרן שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב, געפאָרן געשמידטע אין קייטן, געפאָרן קיין רוים, וואו זיי האָבן געדאַרפט אומקומען פון אויס־געהונגערטע, צערייצטע לייבן. ס'פאָלק איז געווען צעשלאָגן, די חוט־השדרה צעשניטן און אין גאַנצן אַזאַ פּיין — וואָס וועט ווערן פונעם יידישן פאָלק? אָט־דער „וואָס וועט ווערן" לאָזט אונדז נישט אָפּ ביז דעם הייַנטיקן טאָג, טראָגט זיך מיט אונדז צווישן ימ'ן און אָקעאַנען. איך אַליין, חברים, האָב זיך באַגעגנט מיט דעם נאַקעטן געדאַנק אויג אויף אויג. ס'איז געווען נאָך דער מלחמה. כ'בין אַהיימגעפאָרן פון אַמעריקע קיין פּוילן. ס'איז געווען אויף דער אָקוויטאַניע. כ'בין גע־שטאַנען אויף דער העכסטער דעק, געשטאַנען לעבן פאַרענטש און כ'האָב געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט, ווי די שיף שניידט ס'וואַסער. דער הימל, אָנגעפּיקעוועט

מיט שטערן איז געהאנגען נידעריק. ארום מיר — די אומענדלעכקייט. איך אליין — אזוי קליין, א שטויבעלע. א שטערן האט א שאס געטאן. א צווייטער איז אים געקומען אנטקעגן. נישט צוויי שטערן האבן זיך באגעגנט, נאר צוויי מחשבות. מיינע א מחשבה און מיין פאטערס, וואס האט מיט דרייסיק יאר קריק דא אין מיטן ים, צווישן שערבורג און ניו־יארק, געטראכט — וואס איז אזוינס יידישקייט? דרייסיק יאר ווי די מחשבה האט געוואגלט אין מיטן ים און מיט אמאל האבן טאטע־זון, שטיקלעך פון איין המשך, זיך באגעגנט, זיך געפרעגט:

— וואס איז יידישקייט?

— איז עס רבינו בחיי'ס „חובת הלבבות", וואו ס'ווערט נישט דערמאנט נישט ציון, נישט ירושלים? וואו מען איז קעגן דעם ארץ־ישראל'דיקן ישוב? אנשטאט ייד — מענטש. אנשטאט יידן און ארץ־ישראל — פעלקער און לענדער. רבינו בחיי האט אוועקגעשטעלט אינעם מזרח דעם „אדם העליון", דעם אויבער־מענטש. און דער המון? דער המון איז ביי אים גארנישט, בהמות ממש. ווי קומט עס טאקע, וואס דער „חובת הלבבות" האט אזוי אנגעריסן ביים המון?

— וואס איז יידישקייט?

— הלוי'ס „כוזרי", וואו דער „אדם העליון" איז נישט משה, נאר דער המון. אלץ איז דער המון, דער יידישער המון. און וויל מען, אז דער יידישער המון זאל ווערן „נצח ישראל", דארף מען א ריינע ראסע, דארף מען ארץ־ישראל.

— וואס איז יידישקייט?

— דער רמב"ם, שפינאזע, שמואל דוד לוצאטו? צי אפשר גאר משה העס, מארקס, יצחק לייב פרץ?

ווי נעש האט געהאלטן אין מיטן רעדן, האט ער דערפילט אויף זיך א האנט. ער האט זיך אומגעקוקט. לעבן אים איז געשטאנען דער רב־הכולל פון די ארטאדאקסישע יידן אין ענגלאנד — א הויכער באַ־לייבטער פארשוין מיט א שיטער גרוי בערדל, ווי ביי א כינעזער, מיט מאנגאלישע אויגן. הינטער אים — די פראנקפורטער יונגעלייט אין די קאפעלעך. דער רב האט גערעדט מיט א ליטווישער שין:

— גיי שאץ אפ א יידישע נשמה. ביים „כשר טעבל" זע איך איך נישט, מן הסתם א „סאשעליסט". וועגן ר' בחיי'ן און ר' יהודה הלוי'ן דארף מען אויך אזוי נישט רעדן. אדער וואס ס'איז מיר יא געפעלן איז דער רעיון וועגן שמעון בר־גיורא. דא דארף טאקע זיין

דער וועג — האָט דער רב־הכולל געוויזן מיט דער האַנט אויפן ים און זיך געווענדט צו די דייטשן — הא, וואָס זאָגט איר?

— יאַ, יאַ, הער ראַבינער, גאַנץ וואָרשיינלעך.

דער אַרבעטער מיטן לאַכעדיקן פּנים האָט זיך אַ בויג געטאָן צו נעש'ן:

— וואָס טויג דער גאַנצער פּלפּול, חבר נעש? דעם רב'ס יידישקייט איז נישט מיין יידישקייט. אַלץ וואָס איז פּראָדוקטיוו און אונדזער לעבן — דאָס איז מיין יידישקייט. מעג עס זיין אַ „קבוצה" אין ארץ־ישראל, מעג עס זיין אַ יידישער קאָלכאָז אין בירא־בידזשאַן, צי אפילו אין קרים.

די „פּאַטריאַ" איז מיט אַמאָל געבליבן שטיין. דער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שיף צום ברעג, איז פול געוואָרן מיט סקאַלעס. דער שטילער ים האָט גענומען שלאָגן וואַלן, געקייקעלט גרינלעכע כוואַליעס. און דער געפּאַקטער עולם — יונג און אַלט — וואָס איז געשטאַנען פאַרגאַפט, געשטאַנען אַזוי, גלייך ער וואָלט קיין אָרט נישט פאַרנומען, דער עולם האָט געעפנט מויל און אויגן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ נס.

אַ מאָטאָר־שיפל מיט אַן ענגלישן פאָן האָט מיט אַ געוואַלד־רים געשניטן דעם ים, זיך דערנענטערט צו דער „פּאַטריאַ".

* * *

צומאָרגנס האָט נעש זיך געטראָגן אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל איבערן „עמק". מיט אים איז מיטגעפאָרן זיינס אַ חבר, דער בעלעטריסט נאַרקיס, וואָס האָט שוין יאָרן געוואוינט אין תל־אביב.

4. עין־חרוד

צווישן די בערג האָט דער אָוונט גענומען פרי צופאַלן. רעכטס — די שטיינערנע גלבוע־בערג — נאַקעטע, פליכעוואַטע. אַ באַרג איבער אַ באַרג. לינקס — יונגע פאַמעראַנצן פעלדער, עלטערע איילבירטן פעלדער, וואו די קנאָכיקע ביימער, ברייטער ווי העכער, האָבן אויסגעזען, ווי פאַרוואַקסענע ארץ־ישראל יידן. בארג אַראָפּ אין טאָל, איז ס'לאַנד געווען צעשניטן אין קוואַדראַטן, אין דרייעקן — ווייץ, גערשטן, קוקורוזע. און צווישן די תבואה־פעלדער — אויסשיטן — ליימיקע, זאַמדיקע, שטייניקע — אויסשיטן, ווי אַ צרעת, אויסשיטן, ווי אַ געשווילעכץ.

מיט די פעלדער זענען אָנגעקומען קעמלען מיט סטויגן תבואה. איין קעמל נאָכן אַנדערן. די לאַנגע פיס האָבן זיך געוויגט, די העלדזער האָבן זיך געוויגט, די סטויגן תבואה האָבן זיך געוויגט, ווי אין דעם בלויען פאַרנאַכט וואָלטן זיך נישט געטראָגן קיין קעמלען, נאָר אויסטערלישע שיפן. דער אַראַבער, וואָס איז געזעסן אויפן ערשטן קעמל, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ איכה־ניגון, וואָס איז געווען אי ווילד, אי טרויעריק.

דער אַראַבער האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט זינגען. די קעמלען זענען געבליבן שטיין, האָבן העכער פאַרריסן די העלדזער און די קעפּ, טרויעריקע, פאַרשאָלטענע, האָבן זיך איינגעהערט, געבליקט מיט חדוש, מיט שרעק.

אַ „קאָמבינאַט", — פינקלדיק שטאָל און אייזן, — וואָס האָט געשניטן די תבואה, זי געדרעשט, צונויפגענומען דאָס שטרוי אין בינטלעך — האָט זיך געשאַרט איבערן פעלד מיט אַ קלינגעריי, מיט אַ סאָפּעריי. אַן אַרבעטער, קליין און דאַר, מיט אַ שטרויענעם, ברייט־ראַנדיקן קאַפּעלוש איבער די אויגן, איז געזעסן אויף דער קעלניע מיט אַזאַ מינע, ווי נישט די מאַשין וואָלט געשניטן, געדרעשט, געבונדן, נאָר ער, דער אַרבעטער.

איבער די פעלדער, איבער די קעמלען, איבער דער דרעש־מאַשין, זענען ווייסע שטיבלעך געווען אויסגעשטעלט, ווי אויף אַ שאַך־ברעט.

דאָס זענען נעש מיט נאַרקיסן אַריינגעפאָרן אין דער קבוצה עין־חרוד. דער פאַרנאַכטיקער הימל איז געווען בלוי, די לופט איז געווען בלוי און דאָרט וואו די זון האָט זיך געזעצט, האָבן פאַסן הימל אויפגעפלאַמט.

אַרום דער עלעקטרישער מיל, וואָס האָט גערוישט, ווי אַ וואַסערפאַל, האָבן אַראַבער געלאָדנט זעקלעך מעל אויף אייזלעך. דאָס האָט אַ שכנ'יש אַראַביש דאָרף געמאָלן תבואה אין עין־חרוד'ער מיל. דאָס מיל־גערויש האָט נאָך טיפער געמאַכט די אַרומיקע שטילקייט. דאָס איז נישט געווען די שטילקייט, וואָס קומט מיט דער נאַכט, מיטן שלאָף. דאָס איז געווען די שטילקייט וואָס קומט צווישן איין דונער און דעם צווייטן. נאָך דער מיל — אַ סטאָלעריי, אַ שלאָסעריי, וואָס האָבן נישט בלויז געאַרבעט פאַר עין־חרוד, נאָר אויך גענומען באַשטעלונגען פון ירושלים, פון תל־אביב.

איבערן שליאַך, וואָס האָט זיך געהויבן העכער און העכער —

אַ סטאַדע קי. געוויקסיקע, ברייטע. אויסלענדישע קי מיט גלאַנציקע פעל זענען געלעגן אינם זון־פאַרגאַנג, ווי אויסגעמאָלענע. בלויז די בויגיקע ווײַדלען האָבן זיך געהויבן, ווי בייטשן, זיך געשמיסן איבער די זייטן און אָפּגעיאָגט די פליגן.

ס׳איז אונטערגעקומען אַ חבר מיט אַ ברייטן, האַרציקן „שאַלאָם" און מיט הענט אויסגעשמירטע, מיט הענט, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געגראָבן אין דער ערד. ער האָט אָנגעהויבן אין העברעאיש, באַלד זיך געכאַפּט אַז צוליב געש׳ן דאַרף מען איבערגיין אין יידיש:

— גוט וואָס איר זענט געקומען. ווי לאַנג רעכנט איר צו בלייבן ביי אונדז?

— איבער נאַכט, חבר מנוח — האָט נאַרקיס געענטפערט.

— דאָס איז ווייניק. בלייבט מיט אונדז אַ צוויי, דריי טעג. איר ווייסט גאָר וואָס? בלייבט מיט אונדז אַ חודש, צוויי,דריי. באַזעצט זיך גאָר ביי אונדז! יידישע שרייבער באַ׳עולה׳נען די קבוצה, ס׳דאַרף. וואָס ציט אייך אַזוי אין שטאָט אַריין? וואָס וועט איר פאַרשפּעטיקן אין תל־אביב? דאָס קלאַפּעריי פון „גזז"*) מאַשינקעס? די אויפגעשרויפטע שפּעקולאַציע? אַ שרפה אויף זיי דאָרט!

ס׳איז אונטערגעקומען אַ באַוואַקסענער פאַרשוין. די לאַנגע, שוואַרצע באָרד איז זיך צונויפגעוואַקסן מיט די נאָך לענגערע און שוואַרצערע האָר פון קאָפּ.

— באַקענט אייך — האָט מנוח אונדז פאָרגעשטעלט — דאָס איז אונדזער שוסטער.

דער שוסטער, וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ נזיר־פילאָזאָף, האָט זיך שטאַרק געאיילט:

— איר וועט מיר מוחל זיין. איך וויל נאָר אויף אַ רגע־לע אַריינלויפן אין בית־תינוקות, אַ קוש טאָן פאַרן שלאָפן גיין מיין דריי יעריק טעכטערל. איר וועט מיר מוחל זיין.

ווי איר זעט — האָט מנוח זיך געלאָזט מיט די געסט צום עסצימער — איז ביי אונדז אַן אמת׳ע קאָמונע. אַנטוויינט מען אַ קינד פון דער ברוסט, נעמט מען עס גלייך אַרויס פון דער מוטערס רשות. קינדער זענען ביי אונדז אויפן ערשטן פּלאַן. אונדזערע שענסטע און באַקוועמסטע געביידעס זענען די קינדער־היימען. ס׳קליינוואַרג האָט אַלץ, קריגט

*) גזז — סאָדעוואַסער.

אַלץ. ווי שפּעט איז אַצינד? — האָט מנוח אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־גלעלענק, וואו אַ זייגערל איז געווען צוגעשנאַלט — שוין זיבן? נאָך אַ שעה צום נאַכט־עסן. די קבוצה — אַ פינף הונדערט פאַרשוין — עסן אַלע אינאיינעם. מיר וועלן אייך נאָך וויזן אונדזערע בין־שטאָקן, אונדזערע טרויבן, אונדזערע אָראַנזשערעען. איך וועל אייך דערווייל איבערגעבן אין די הענט אריין פון אָט־דעם חבר — האָט ער געוויזן אויף אַ געוויקסיקן בחור, וואָס איז אָנגעקומען פון די קי־שטאַלן — און איר חבר נארקים, איר קענט דאָך שוין די קבוצה. בעת איך וועל פאַר אייך צוגרייטן אַ נאַכט־לאָגער, וועל איך מיט אייך איבער־שמועסן אַן ענין. קומט מיט מיר, חבר נארקים.

וואו אַ דריי מיטן קאָפּ — אַרבעטער, אַרבעטאַרינס. מען איז אָנ־געקומען פון די פעלדער, פון די גערטנער, פון די שטאַלן, פון די היי־זער. דאָס שלאָסעריי, דאָס סטאָלעריי, די מיל — אַלץ האָט זיך אָפּגע־שטעלט. דער טראָט — אַ שווערער, אַ מידער. דער קאָפּ געבויגן. אויף די פּנים׳ער, אויף די גלידער — אַ טאָג שווערע פּראַצע. בלויז פון די אָראַנזשערעען, וואו יונגוואַרג האָט געשטיפט, האָט זיך געקייקלט גע־לעכטער.

— וואָס ווייזט מען אייך אַזוי שפּעט? — האָט האַראַרי אַ נעם גע־טאָן נעש׳ן פאַר אַ האַנט — כ׳וועל אייך גאָר אַרויפפירן אויפן דאַך פון־נעם עס־צימער, וועט איר אַ קוק טאָן אויף אונדזערע גלבוע־בערג.

האַראַרי האָט גערעדט יידיש, ווי אַ גוי. ער האָט נעש׳ן דערציילט, אַז אין דער קבוצה איז ער אָנגעקומען אַ צוועלף יעריק יינגל. פון וואַנען ער קומט? פון די אַלטע כּערסאָנער קאָלאָניעס, פון קרים, פון דער גאַנ־צער וועלט. און די גאַנצע וועלט איז ביי אים — חוץ־לאָרץ. נאָר דאָ איז ארץ־ישׂראל. און נישט אַזוי ארץ־ישׂראל, ווי טאַקע עין־חרוד, ווי די גלבוע־בערג. דאָס איז זיין היים, זיין פאַטערלאַנד, דאָס איז די לופט, וואָס האַראַרי אָטעמט.

נעש האָט אים געפרעגט:

— און דאָס לעבן אין דער קבוצה, וואו דאָס יחיד׳ישע, דאָס אינ־דיווידועלע אינעם מענטש ווערט פאַרווישט, מוז פאַרווישט ווערן צוליב דעם קאָלעקטיוו — אַזאַ לעבן ווערט נישט דערעסן?

— וואָס רעדט איר? — האָבן די גרויע אויגן ביי האַראַרי׳ן זיך אַ צינד געטאָן — בלויז דורכן קאָלעקטיוו קאָן ערשט דער יחיד זיך אויס־לעבן.

— אויב אַזוי — האָט נעש אים ווייטער געפרעגט — פאַרוואָס דערציילט ס'בית־עולם פון דער שכנ'ישער קבוצה גאָר עפּעס אַנדערש? דער און דער האָט זיך גענומען ס'לעבן, דער און דער איז דערטרונקען געוואָרן אין ירדן, די און די — אינעם ים־כנרת.

— און איר האָט געמיינט, אַז ס'לעבן אין אַ קבוצה איז אַ שפּיל?

— האָט דער בחור זיך אַ צי געטאָן איבער נעש'ן — און איר האָט גע־מיינט, אַז ס'איז גענוג אַ שפּרוך און פון שטיינער וועט וואַקסן תבואה? אָן יסורים איז נישטאָ קיין אַרבעט, קיין פּראַצע. בלויז שווינדל איז אָן יסורים. און יסורים קאָן מען נישט איבערגעבן. ווען מען וואָלט גע־קאָנט איבערגעבן יסורים, וואָלט קיין פּראַצע נישט געווען. דעריבער אַזויפיל קרבנות. די שוואַכע גייען אַוועק און די שטאַרקע בלייבן.

די שטיינערנע גלבוע־בערג זענען מער נישט געווען נאַקעט. שאָטנס, ווי שוואַרצער סאַמעט, האָבן זיך געקנייטשט איבער די בערג, וואו דער הימל איז געווען טונקל בלוי. הימל, באַרג, טאָל — אַלץ האָט זיך גע-רוקט, אַלץ האָט זיך דערנענטערט, איינגעשלונגען די ווייטקייט און ס'אויג האָט מיט רחבת געקוקט אויף מיילן. די זון איז געשטאַנען אין פלאַמען און קעגנאיבער האָט געשמייכלט די לבנה, ווי זי וואָלט נישט אונטערגעגאַנגען, ווי זי וואָלט געבליבן שטיין פון נעכטן.

האַראַרי איז מיט נעש'ן אַראָפּ פון דאַך. ס'איז אָנגעריטן אַ „שומר" מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. דאָס איז ער אַרויסגעריטן אויף אַ גאַנצער נאַכט, געהיט אַז בעדואינער, צי שכנ'ישע אַראַבער זאָלן נישט באַפאַלן די יידישע פעלדער. האַראַרי האָט זיך מיטן שומר צערעדט אויף אַ ספרד'ישן העברעאיש. נעש האָט געקוקט אויפן שומר, וואָס איז געזעסן אויפן פערד, ווי אַ ווירע. די געדיכטע האָר — שוואַרץ, די וואַנ־סעלעך — שוואַרץ, די אויגן — קוילן. אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען לערמאָנטאָוו'ס העלד: „פּעטשאָרין". נעש'עס אויער, אַ נישט געניטס, האָט קוים געכאַפּט וואָס זיי רעדן. ער האָט זיי געפרעגט:

— מיט אַן אמת, איר ווילט מיר טאַקע זאָגן, אַז אייער שפּראַך איז העברעאיש?

האַראַרי האָט זיך פאַרטראַכט. דער שומר האָט זיך אַ צי געטאָן אויף די זאָטל־טרעטערס און אָנגעהויבן:

— בייטאָג רעדן פון מיר אַרוים אי יידיש, אי רוסיש. ביינאַכט אָבער, ווען כ'רייט אַרוים — האָט דער שומר געוויזן מיט דער האַנט אויף די בערג — ביינאַכט, אונטער מיר ס'פערד, אין דער האַנט אַ ביקס

און די נאכט איז א פינצטערע — דעמאָלט רעדן צו מיר די גלבוע־בערג העברעאיש. יעדע הייל, יעדער שטיין, יעדער שפּאַלט — באַקומען ביי מיר לשון. אָט איז גדעון מיט זיין מחנה פון צוויי־און־צוואַנציק טויזנט. די שרעקעדיקע שיקט ער אוועק און גדעון בלייבט מיט צען טויזנט. די מחנה לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל אריין צו די קוואַלן, טאַקע צו אונדזערע קוואַלן אין עין־חרוד. אַנדערע קניען און טרינקען, אַנדערע בלעקן אַרויס די צונגען, טרינקען ווי הינט. מיט זיי, מיט די דריי הונדערט, וואָס האָבן געלעקט ס׳קוואַל־וואַסער, האָט גדעון צעשלאָגן די מדינים. און אָט־איז יונתן. און אָט וואַרפט זיך שאול אויף זיין שאַרפער שווערד. טאַ ווי, פרעג איך אייך, דאַרפן די בערג צו מיר רעדן? און זיי רעדן, אוי רעדן זיי, ווען איך רייט אין דער פינצטערער נאַכט איינער אליין מיט אַ ביקס אין דער האַנט.

דער שומר האָט אַ שפּאַרע געטאָן ס׳פערד, אוועקגעפּאַטשט. נעש האָט געהאַט ס׳געפיל, ווי נישט דער שומר, נאָר „פּעטשאָרין" האָט אוועקגעפּאַטשט און עפּעס פון נעש׳ן מיטגעריסן.

וואָס?

ס׳איז אונטערגעקומען מנוח. זיינע הענט זענען נאָך אַלץ געווען אויסגעשמירט מיט ערד. אין די אויגן אַזאַ פרייד, אַזאַ טיפע פרייד, ווען מענטש, חיה, ערד גייען אויף אין יסורים, גייען אויף אין פּראַצע, גייען אויף אין געבוירן. ער האָט אַ נעם געטאָן נעשן אונטער אַ האַנט:

— מיר וועלן גיין עסן אַ קאָלעקטיווע וועטשערע.

אַרום האַלבע נאַכט איז נעש געבליבן איינער אַליין. ער איז געשטאַנען אין אָפן פענצטער, האָט נאָכגעקוקט מנוח׳ן, וואָס האָט זיך געשאַרט מיט אַ שמאָל וועגל, איז אַריין אין אַ לבנה־טויער. פון יענער זייט לבנה־טויער האָט זיך ערגיץ אַן אייזל צעשריגן, אויפגעטרייסלט פאַר אַ וויילע די נאַכטיקע שטילקייט און ס׳איז נאָך שטילער געוואָרן. די נאַכט, אַ ליכטיקע, וואָס האָט זיך געוויקעלט אין פעלדער, אין פּרדסים, האָט אָנגעהויבן סאָפּן מיט ריחות, מיט פאַרשטיקטע קולות, מיט וויטע טריט.

דער אָוונט, וואָס נעש האָט פאַרבראַכט אין עס־צימער פון דער קבוצה, איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן. פנים׳ער ליכטיקע, פנים׳ער טרויעריקע. הענט שווערע, הענט אָפּגעאַרבעטע. די פאַרבענקטע אויגן — וויינטן און חמימות. וואו איז אָבער אַהינגעקומען די פרייד, וואָס

איז אין נעש'ן אויפגעגאַנגען אַ גאַנצן אָוונט? וואו איז די פרייד פון אַ יידיש דאָרף, פון אַ יידישער קאָמונע? האָט דאָך אַ דיכטער גערעדט וועגן נעש'ן אין העברעאיש? האָט דאָך נעש געלייענט דערציילונגען אין יידיש? דערנאָך רייד — וואַרעמע, האַרציקע. און צווישן די רייד פּאָטערלעכע טענות, — צייט, לאַנג צייט, נעש זאָל אויך נעמען שרייבן העברעאיש".

פון די פעלדער, פון די פּרדסים, זענען אַנגעלאָפן קילע ווינטלעך, האָבן מיטגעבראַכט טרויער — טרויער פאַרן אייגענעם לעבן, פאַר דער אייגענער פּראַצע, פאַרן אייגענעם לשון.

ס'איז מיט אַמאָל קיל געוואָרן.

נעש האָט צוגעמאַכט ס'פענצטער. ער האָט געקוקט אויפן איי־זערן בעטל, אויף די פּאָליצעס ביכער, אויף די צעוואָרפענע זשורנאַלן, אויף ד י רעפּראָדוקציעס, וואָס זענען געהאַנגען אויף די ווענט. ער האָט זיך גע'חדוש'ט. זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט אַ קבוצ'ניקעס דירה. דאָ אינעם צימער איז אים אַלץ געווען באַקאַנט, אַפילו דער ריח. אין אַזוינע דירות האָבן געוואוינט עקסטערניקעס אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

ס'האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. נעש האָט גע־עפנט. פריער האָט זיך באַוויזן אַ פּנים — זון און ווינט. דערנאָך — ברייטע פּלייצעס, גאָר ברייטע, אויף אַ געוויקסיקן געשטעל. די ברוינלעכע האָר, פּייכטע, האָבן געבלישטשעט.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז אַזוי שפּעט. אויב ער שטערט, אויב נעש קלייבט זיך גיין שלאָפן, גייט ער שוין אַוועק. ער איז אַ קופּער שמיד, אַרבעט נישט ווייט אין אַ ווײנקעלטער. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז נעש איז געבליבן אויף נאַכט אין עין־חרוד, איז ער צוגעקומען. נעש איז אודאי מיד, וויל גיין שלאָפן, וועט ער אים בלויז דריקן די האַנט און ווינטשן אַ גוטע נאַכט.

און אַז דער קופּערשמיד האָט אַריינגעשטעקט נעש'ן אַ ברייטע, אויסגעאַרבעטע האַנט, אַ וואַרעמע האַנט, האָט נעש אַ צי געטאָן די האַנט צו זיך און גענומען פאַרזיכערן דעם יונגענמאַן, אַז ער איז נישט מיד. פאַרקערט, ער וויל גאָרנישט שלאָפן. נעש האָט אַוועקגעזעצט דעם קופּערשמיד אויף איין בענקל, זיך — אויף אַ צווייטס. ביידע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, געקוקט מיט ליבע, ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין יאָרן נישט געזען. דערנאָך האָט דער קופּערשמיד זיך פאָרגעשטעלט. ער הייסט הערש־לייב. און הערש־לייב איז דאָ אָפּ־

גערים־פרעמד, ווייט פון א יידישער סביבה, ווייט פון א יידיש, ממש יידיש לעבן. ער זאגט דאס אלץ נישט לרע. פארקערט, ווייל ער האט ליב ס׳לאנד, האט ער ליב יידיש, מיט אלע פיטשעווקעס. ער האט ליב די זון, א שטארקע זון, וואס וואלט געקענט שטארק מאכן און ניי מאכן, ווען נישט די פרעמדקייט, וואס דער פראסט־פשוט׳ער ארבעטער דער־פילט צום ציוניסט. און די ארץ־ישראל׳דיקע זון וואלט באגעגנט ס׳יידישעווארט מיטן שענסטן גוט־מארגן. און יידן וואלטן זיך אויס־געוואשן מיט זון, מיט ים, מיט די בלויע בערג, אנשטאט מורא צו האבן און האלטן די צונג אן א זייט, אפילו אין דער לינקער זייט. און די בערג, און דאס זאמד און אפילו די זיתים־ביימער וואלטן זיך נענטער באַ־העפט, וואלטן זיך געהאלדזט, ווייל איינס וואלט ס׳אנדערע פארשטאנען אן א ווערטערבוך, אדער ווי מען רופט עס דא — „מלון”. נייע „אויס־געגילטע” קינדער, וואס וואקסן דא מיט דער היסטאריע פון די חשמונאים און פון בר־כוכבא און נישט מער — נישטא מער קיין יידישע היסטא־ריע — וועגן די „אויסגעגילטע” קינדער וועט מען נאך האבן צו זינגען און צו זאגן. אדער דאס וועט נאך דויערן יארן ביז די שכרות וועט איבערגיין און די „גאונים” וועלן אויסוואקסן. א גרויסער טייל איז שוין אויסגעוואקסן און וואונדערט זיך שוין, וואס יידן אויף דער וועלט רעדן אזא מאדנע נישט פארשטענדלעך לשון. און אז זיי וועלן אויסוואקסן וועלן יידן שוין דערזען, וואס הייסט האבן אן אייגן העבערעאיש לאנד.

בשעת דער קופערשמיד האט גערעדט האבן בלויז די קארע אויגן זיך ביי אים געצונדן. אויפן אפגעברענטן פנים איז גארנישט געווען קענטיק. ער האט גערעדט גיך און אפגעהאקט, ווי ער וואלט זיך גע־איילט איבערצוגעבן א שליחות. ער האט מיט אמאל אין מיטן רעדן זיך אויפגעשטעלט. איבערן פנים האט זיך ביי אים צעלייגט א מינע, אז ער האט עפעס פארשפעטיקט, אז ער האט שוין לאנג געדארפט גיין פון דאנען. ער האט זיך געזעגנט. און אז ער איז שוין געשטאנען אין דער אפענער טיר האט ער צוגעגעבן:

— גלייבט מיר, נעש, אז דאס זענען נישט קיין צו להכעיס רייד. קעגן „עברית” האב איך גארנישט. וויסן זאלט איר אבער, אז דער פראסט־פשוט׳ער ארבעטער בלייבט דא שטום. און מיט א שטומען קען מען אלץ מאכן, א חוץ — די סאציאלע רעוואלוציע.

דער קופערשמיד איז אוועק. ער האט מיטגעריסן פון נעש׳ן א

שטיק אומרו און איבערגעלאָזט נאָך זיך שטאַרקע זון, הייסע ווינטן און א קנאַכיקן יידיש.

נעש האָט געשפּרייזט איבערן צימער, געשפּרייזט א לענגערע צייט. און אַז די פיס האָבן אָנגעהויבן מיד צו ווערן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די פּאָליצעס ביכער, געזוכט מיט די אויגן, מיט די פינגער. אָט איז שפּענגלער אין דייטש. אָט העברעאיש — ביאַליק, טשערניכאָווסקי, גאָרדאָן,ברענער. אָט איז מיצקעוויטש אין פּויליש.

— און אין יידיש?

5. טבריה

די שמאָלע, געדרייטע געסלעך זענען געלעגן אין חורבות. ארום די איינגעפאַלענע שטיבלעך — אָן דעכער, אָן ווענט — האָבן זיך גע־וואַלגערט אשכנז׳ישע משפחות, ספרד׳ישע משפחות. מען האָט זיי דער־קענט אינעם הילוך. די אשכנזים — געלאָקטע פאות, רבנ׳ישע קאַפּע־לושן, קאָלירטע כאַלאַטן. די ווייבער — רביצינס אין שטערנטיכלעך. די פּנים׳ער — שלאָבערדיקע, בלייכע, ווי נאָך א תענית. ס׳לשון — א ווייכער, ברייטער יידיש. די ספרדים — טערקישע פּעסקעס. פּנים׳ער — ברוינע, אָפּגעברענטע. ס׳לשון — שפּאַנאָליש, אַראַביש, העברעאיש — וואָס רייסט זיך טיף פון האַלדז, מיט א כאָרכל. און ארום די חורבות, ארום די צעלייגטע משפחות — קליינוואַרג און ציגן. שוואַרצע, רירעוו־דיקע ציגן אָן הערנער.

האָט מען דערטאַפּט א פרעמדן, דערצו אַן אויסלענדער, האָט מען זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, דערציילט וואָס פאַרא אומגליק ס׳געוויסער האָט אָנגעמאַכט, וויפיל נפשות ס׳האָט צוגענומען. גערעדט האָבן אַלע — זיידעס, טאַטעס, מאַמעס, קינדער, — גערעדט יידיש, גערעדט העב־רעאיש, גערעדט שפּאַנאָליש און צומיינסטן האָבן גערעדט אויגן און הענט.

הונדערטער יאָרן וואוינען אין שכנות האָט נישט געקאָנט אויפטאָן דאָס, וואָס ס׳געוויסער האָט אויפגעטאָן — דערנענטערט די אשכנזים מיט די ספרדים. מען האָט זיך אין איינעם געגראָבן אין די חורבות, ארויסגעשלעפּט דאָ א לעמפּל, דאָ א לייכטער, דאָרט א ערדענעם טאָפּ, זיך געגראָבן און גע׳חלומ׳ט, אַז הילף וועט אָנקומען פון ניו־יאָרק, פון פּאַריז, פון וואַרשע.

ס'איז געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג. נעש איז געגאַנגען מיט נאַרקיסן אינעם יידישן קוואַרטאַל, וואָס ביים ים-כנרת. דער וועג איז געווען אַ געדרייטער — שטיינערנע טרעפּלעך, חורבות, ציגן מיסט און פליגן. און כאָטש די זון האָט געברענט האָבן די שמאָלע געסלעך געשמעקט מיט טוכלען קעלער און די לופט איז פול געווען מיט קאַלך-שטויב.

זיי זענען אַרויס צום ים-כנרת, וואָס האָט אַרויסגעשפּילט פון צווישן די חורבות אי ווי אַ פידל, אי ווי אַ פליט, אי ווי אַ טראָמפּייט.

איז דער ים-כנרת בלוי? איז ער גרין? איז ער וויאָלעט?

ס'איז זון-אויפגאַנג, ס'איז זון-פאַרגאַנג. ס'איז פרייד און טרויער. דער טרויער פון טויזנטער יידן, וואָס וועספּאַסיאַנוסעס זעלנער האָבן דערטרונקען אינעם ים-כנרת. די פרייד פון בר-כוכבא'ס חילות, וואָס האָבן לעבן טבריה צעשלאָגן די רוימישע אַרמייען, זיך געוואָלט באַפרייען.

ס'איז אויסגעוואַקסן אַ בחור'ל מיט געקרייזלטע פּאות, אויפן קאָפּ אַ קיילעכדיק קאַפּעלושל, אַ סאַמעטענס. ס'לויזע, שוואַרצע כאַלאַטל ביז צום טריט, ווי ער וואָלט אַרויסגעטאַנצט פון אַנסקי'ס „דבוק". אויף די ליכטיקע באַקן אַ לייכטע רויטקייט. ס'בחור'ל האָט באַטראַכט די פרעמדע, זיך געקווייקלט — יאָ צוגיין, נישט צוגיין?

נעש האָט אים באַגריסט:

— שלום!

ס'בחור'ל איז געוואָרן דרייסטער. ער האָט נעש'ן אַריינגעשטעקט אַ האַנט, ר' האָט נאַרקיס'ן אַריינגעשטעקט אַ האַנט:

— שלום-עליכם!

נעש האָט געפרעגט:

— איר רעדט יידיש?

— וואָס דען זאָל איך רעדן?

— כ'האָב געמיינט איר רעדט העברעאיש.

— כ'בין דען אַ „פרענק" (ספרד'ישער איד), כ'בין דען אַ חלוץ, כ'זאָל רעדן העברעאיש? כ'בין דאָך אַ היגער, אַ געבוירקטיקער, און אונדזער לשון איז יידיש!

— אָבער העברעאיש פאַרשטייט איר? — האָט נאַרקיס אים גע-פרעגט אויף העברעאיש.

— לשון-קודש? אודאי פאַרשטיי איך.

— און רעדן קענט איר?

— ס'גייט אייך דוקא כ'זאָל רעדן לשון־קודש? — האָבן די אויגן זיך ביים בחור'ל צעשפּילט — כ'וועל מיט אײַדנישט רעדן קיין לשון־קודש.

— און העברעאישע צייטונגען לייענט איר? — האָט אים נאַרקיס ווייטער געפרעגט.

— איר מיינט העברעאישע בלעטער? ניין, כ'לייען נישט. ביי אונדז אין דער ישיבה הענגט פון גערער רבי אַ חרם און נישט בלויז פון גערער. אַלע רביים, וואָס אין ארץ־ישראל, וואָס אין חוץ־לארץ, האָבן גע'אסר'ט צו לייענען די העברעאישע בלעטער.

— פאַרוואָס האָט מען זיי גע'אסר'ט?

— ווייל די שרייבער, וואָס שטעלן צונויף די בלעטער, זענען מחלל־שבת.

— לייענט איר גאָר קיין בלעטער נישט?

— מיר לייענען די יידישע בלעטער, וואָס קומען פון וואַרשע.

— איר זענט אַ ישיבה־בחור?

— יאָ.

— און דער פאָטער אייערער?

— מיין פאָטער איז דער טבריה'ער ראש־ישיבה.

— פון וואַנען קומט אייער פאָטער? פון פּוילן?

— מיין פאָטער, מיין זיידע, מיין עלטער זיידע, זענען היגע געבוירטיקע. מיין מוטערס משפּחה אויך. מיין משפּחה שטאַמט אי פון ליטע, אי פון פּוילן. מיר אָבער זענען צפת'ער.

— און העברעאישע ספרים לייענט איר?

— ניין.

— און פון ביאַליק'ן האָט איר געהערט — האָט אים נעש געפרעגט.

ס'בחור'ל האָט אַ קוק געטאָן אויף נעש'ן, דערנאָך אויף נאַרקיס'ן און פון די ליפּן האָט זיך ביי אים אַ ריס געטאָן אַ שפּרוך:

— שם רשעים — — —

— פאַרוואָס שילט איר ביאַליק'ן? — האָט נאַרקיס זיך אַ בייזער געטאָן אויפן טבריה'ער בחור'ל.

— ווייל ער איז אַ מחלל־שבת.

— דו האָסט געזען?

ניין, אַן עלטערער איד, אַ ירא־שמים, האָט עס מיר דערציילט.

— ווייסטו כאָטש, דו פּרא־אדם, אַז מען דאַרף דיר געבן פּעטש?
— האָט נאַרקיס אַ געשריי געטאָן — אַז פאַר אַזאַ קללה קומט דיר פייערדיקע פּעטש?

די לייכטע רויטקייט איז אָפּגערונען פון דעם בחור׳לס באַקן. ס׳בלאַסע פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער. נעש׳ן איז איינגעפאַלן, אַז אַזוי צעשראָקן און פאַרלוירן האָט געדאַרפט אויסקוקן אַ ייד פון בבל, ווען אַ ירושלים׳ער איז אים באַפאַלן, אים גערופן: „בבלאי טפּשאי". ס׳בחור׳ל האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעעפנט און ס׳קול איז געוואָרן דרייסטער:

— אַז איר וועט געבן פּעטש וועל איך נישט צונעמען.
— ווייסטו כאָטש, אַז דער ייד דיינער, דער ירא־שמים, האָט דיר געזאָגט אַ שקר? — האָט נאַרקיס זיך אין גאַנצן געטרייסעלט — אַז פאַר דיין אומזיסטער קללה וועט מען דיך בראָטן אין גיהנום?
— מיטן גיהנום שרעקט מיך נישט — האָט ס׳בחור׳ל זיך גע־רוקט אויף הינטערווייליעכס — מיטן גיהנום וועל איך שוין אַליין פאַר־טיק ווערן.
— אַזאַ פּרא־אדם!

ס׳בחור׳ל האָט געוויזן אויף מעריב, וואו די זון, אַ רויטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים־כנרת:

— כ׳וועל פאַרשפּעטיקן מנחה.

ער האָט לייכט אַ הויב געטאָן די פּאָלעס פון כאַלאַטל און אָפּגע־צויגן.

— ווי געפעלט אייך אייער „יידישיסט", נעש? אַזאַ שטיק מיטלאַלטער! אַזאַ טבריה׳ער שוטה! אַזאַ טיפּוש!

אַ פאַרשמאַלצן יידעלע, — באָרד, טאַבעק, רויטע אויגן — וואָס האָט צוגעהערט דעם גאַנצן שמועס, האָט אונטערגעטראָגן אַ נדבה־הענטעלע:

— אַזאַ צפת׳ער שייגעץ. מען זאָגט דאָך: „זאָל מיך גאָט היטן פאַר צפת׳ער, ווי פאַר פייער און פאַר וואַסער". שענקט אַ נדבה, שענקט!

נעש און נאַרקיס זענען קריקגעגאַנגען. הינטער אויסגעבויגענע און אונטערגעשפּאַרטע ווענט זענען געזעסן, זענען געלעגן לעבעדיקע מתים. וואו אַ קער — גסיסה בליקן. נאַרקיס האָט זיך אַלץ נישט גע־קענט באַרואיקן:

— קענט איר פאַרגלייכן אָט־דאָס שטיקל מיטלאַלטער, כ׳מיין דעם בחור, דעם טיפּוש, מיטן שומר פון עין־חרוד, וואָס די גלבוע־בערג רעדן צו אים העברעאיש ?

נעש האָט געשוויגן. פאַר אים איז אויפגעגאַנגען הערש־לייב דער קופּערשמיד, וואָס דרייט זיך אַרום אַ שטומער, בענקט אין ארץ־ישראל נאָך אַ יידישער גאַס, נאָך אַ יידיש הויז, נאָך אַ יידישער משפּחה. און מיטן שווייגן איז נעש׳ן איינגעפאַלן, אַז ווען מען טראַכט זיך אַריין אין די געהיימע, רעליגיעזע באַוועגונגען פונעם רענעסאַנס. אין די רייסערייען, אין דעם צאָלן מיט מענטשלעך לעבן, קומט מען צום געדאַנק, אַז דאָס זעלבע פייער, וואָס האָט געברענט אין די פאַנאַטיקער, אין די סאַוואָנאַראָלעס, דאָס זעלבע פייער האָט אויך געשאַפן מיכל אַנדזשעלעס ווערק, האָט אויך געשאַפן דאַווינטשיס ווערק. ס׳איז די זעלבע קאָפּ־שלאָק מטבע. דער שומר, וואָס איז געזעסן אויפן פערד, ווי אַ ווירע, איז העכסטנס אַ העלד פון אַ ראָמאַן, העכסטנס — אַ „פּעטשאָרין״, וואָס מיידלעך חלומ׳ען וועגן אים. פון דעם טבריה־יער בחור וועט מן הסתם גאָרנישט אַרויסקומען. מען קען אָבער נישט דרינגען דערפון, אַז פון די פאַנאַטישע בחורים׳לעך, פון די שטיקער „מיטלאַלטער״, וואָס רעדן יידיש, לעבן זיך אוים אין יידיש, וועט גאָר־נישט אַרויסקומען. פון זיי זענען דאָך אַרויסגעקומען נישט בלויז אַ ביאַליק, אַ בערדיטשעווסקי, אַ ברענער, נאָר אויך כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אויך אונדזערע קעמפער, רעוואָלוציאָנערן, אויך די פירער פון אונדזערע אַרבעטער פּאַרטייען.

דער וועג האָט זיך געהויבן העכער און העכער. מיט זונפאַרגאַנג האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. אָט איז דעם רמב״מ׳ס קבר. אַ גע־מויערט אוהל. און אויפן אוהל — „רבינו משה בן מימון מבחר האנושי״. אַרום דעם אוהל — קברים־בערגלעך. ס׳איז אַרויסגעקומען דער שמש — אַ הויכער, אַ געבויגענער, ענלעך אויף משה מיט אהרנ׳ען, ווי מען מאָלט זיי אויף די חומשים־שער־בלעטער. ער האָט געוויזן אויף די בערגלעך און איבערגעכאַזערט צום טויזנסטן מאָל אין זיין ספרד׳־ישן העברעאיש:

„— — — דאָ ליגט דער תנא ר׳ יוחנן־בן־זכאי, דאָ ליגט זיין ווייב, דאָ — זיינע קינדער. און דאָ — האָט ער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַנדערע תנאים.

— ווער? ר' יוחנן־בן־זכאי ליגט דאָ? — האָט נעש געקוקט אויפן בערגל אָן אַ מצבה און זיך גע'חדוש'ט.

— יאָ, מיר האָבן עס בקבלה — האָט דער שמש פאַרזיכערט — ער איז דאָך געווען אַ ספרדי.

— וואָס פאַר אַ ספרדי איז אייך ר' יוחנן־בן־זכאי געווען? — האָבן זיך נעש און נאַרקיס צעלאַכט.

— וואָס איז דער חלוק? — האָט דער שמש מיט הכנעה אויסגעשטערעקט אַ האַנט מען זאָל עפּעס אַריינלייגן — מיר זענען אַלע יידן, אשכנזים, ספרדים, אַלע אברהם אָבינו'ס קינדער. וואָס, דריי פּיאַסטער?

— האָט ער זיך אַ קרום געטאָן — ווייניק! גיט נאָך אַ צוויי פּיאַסטער!

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. נעש און נאַרקיס זענען געגאַנגען מידע, פאַרשטויבטע, געגאַנגען און געשוויגן. געגאַנגען צום אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי לעבן אַן אַכסניה. דאָ און דאָרט האָט זיך צעוויינט אַ פיר־עקיק אייזעלע, אָנגעיאָגט אַ טרויער. אויף אַ טרעפּל איז געזעסן אַ באָבע אין אַ שטערנטיכל. זי האָט איינגעוויגט אַ קינד, שטיל איינגעוויגט און צוגעזונגען אין אַ ברייטן קלינגענדיקן יידיש, וואָס מען הערט בלויז אין אַלט־ירושלים און אין צפת:

אין אונדזער לאַנד,
אין אונדזער לאַנד,
דאָ־אָס הייליקע,
זענען פאַראַן זער פיל קברים,
וואָס אין זיי זענען באַהאַלטן
אונדזערע הייליקע צדיקים,
התמימים והישרים.

דאָרטן רוען זייערע כשרע קעפּעלעך,
און קיין וואָרעם האָט זיי נישט באַרירט.
אויף זיי בליען ארץ־ישראל עפּעלעך,
אתרוגים, לולבים, און מירטן אויך.

נעש און נאַרקיס זענען אַריין אינעם אויטאָמאָביל. נעש אין איין ווינקל, נאַרקיס — אין צווייטן.ביידע האָבן געשוויגן, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע. דער שאָופער, אַ גאַליציאַנער בחור אין געפּאַסטע

קאָקי־הויזן, האָט מיט גדלות אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט ס'רעדל, וואָס האָט זיך, ווי צעגוואַלדעוועט אויפן אָנלויף:

— לאָזט דורך!

דער אָנלויף:

יידן מיט שוואַרצע בערד, מיט רויטע בערד. יידן מיט הויקערס, מיט ווייבער, מיט קינדער. באָרוועסע אַראַבער מיט אייזלען און אָן אייזלען. באַוואַקסענע אַראַבער ענלעך אויף שטאָט־משוגעים. קליינוואַרג מיט שוואַרצע, פלאַמיקע אויגן, קליינוואַרג מיט אייטערדיקע אויגן.

דער אָנלויף האָט פּונעם שאָופער'ס געשריי זיך צעשאָטן, דורכגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל, אים באַגלייט מיט אַ קאַץ־מוזיק.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געהויבן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, זיך געדרייט צווישן געסלעך, ליקלעך און בית־עלמינס, זיך געטראָגן איבער דורות.

טבריה — די שטאָט פון דער משנה, פון דער גמרא. דאָ זענען רעליגיעס אָפּגעגאַנגען אין בלוט, זיך אויסגעשאָכטן אין נאָמען פון גאָט. טבריה — די שטאָט פון דער מסורה, פון דעם ניקוד. דאָ האָט מען גערישן און געברענט יעדעס וואָרט, וואָס איז געווען קעגן דער מסורה. דאָ האָט מען גע'רודפ'ט די ערשטע קראים, דאָ האָט מען גע'רודפ'ט ענג'ס תּלמידים. און די ביידע סעקטעס האָבן איינע די אַנדערע זיך אויך גע'רודפ'ט. און ווען נישט די רדיפות וואָלט פון דער תּלמודישער מסורה, פון דער „תּורה שבעל־פּה", וואָס איז געשטאַנען אין גרויס סכנה, קיין זכר נישט געבליבן, פּונקט ווי ס'איז נישט געבליבן קיין זכר פון די ערשטע קראים.

ווען איז דאָס געווען?

אין זיבעטן יאָרהונדערט, אין אַכטן יאָרהונדערט, אין ניינטן יאָרהונדערט?

און היינט?

היינט ווייזט מען פאַר אַ פּיאַסטער וואו ר' יוחנן־בן־זכאי ליגט, וואו זיין ווייב ליגט, וואו זיינע קינדער ליגן.

דער אויטאָמאָביל איז שוין געווען הינטער דער שטאָט. וואו אַ קער — חורבות און נאַקעטע בערג. וואו אַ קער — אַ פאַרגעסענע פּאַלמע, אַ קאַקטוס, ווי אַ פאַרזועניש. די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. אַ סטאַדע ציגן — קליינע, שוואַרצע — וואָס האָבן געזוכט גרעזלעך צופוסנס אַ באַרג, האָבן אַרויסגעבלאָנדזשעט אויפן אַספאַלט־

וועג. די ציגן האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַרן אויטאָמאָביל, געגומען לויפן באַרג־אַרויף און אינעם שטילן פאַרנאַכט האָט אָפּגעהילכט דאָס קלאַפּן פון קלאָען אָן שטיין.

דער פּאַסטוך, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ גאָלן קאָפּ, האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער דער פּלאַכטע, וואו ער איז געלעגן. ער איז געבליבן שטיין אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט, גע־שטאַנען נישט ווי אַ שעפער, נאָר ווי אַ נביא. ער האָט נאָכגעקוקט דעם אויטאָמאָביל. דער שאָופער האָט זיך מיט אים באַגריסט:

— עלה קורח!

די מאַשין האָט זיך איינגעדרייט לינקס. פון צווישן די בערג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שטיק פונעם ים־כּנרת, אַ בלוי'ס, אַ גרינ'ס. די געמיטער זענען געוואָרן אויפגעהייטערט. באַלד איז דאָס שטיק ים פאַרשוואונדן.

דער וועג, וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, האָט אָנגעהויבן ווערן זאַמדיק. אין טאָל האָט די מאַשין גענומען גיין פּאַמעלעכער. די רעדער האָבן אָנגעהויבן זינקען אין הייסן זאַמד, ווי אין וואַסער. די מאַשין איז געבליבן שטיין. די פּאַסאַזשירן זענען אַרויס פון דער מאַשין, האָבן צוגעלייגט ווער אַן אַקסל, ווער אַ האַנט, געהאָלפן אַרויס־שלעפּן די רעדער פון זאַמד. דער שאָופער האָט געאַרבעט מעשים ביים רעדל. דער מאָטאָר האָט געקרעכצט, זיך געבייזערט. די רעדער האָבן זיך געדרייט אַרום די אַקסן, אַרויסגעוואָרפן וואָלקנס שטויב, און זיך נישט גערירט פון אָרט. דער שאָופער האָט אַן עפּן געטאָן ס'טירל און איז אַרויס פון דער מאַשין. אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט און די בליקן, פאַרלוירענע, האָבן געהאַט צו זאָגן:

— וואָס וועט זיין?

ס'איז אָנגעריטן אַן עלטערער אַראַבער אויף אַ קליין אייזעלע. הינטער אים פון ביידע זייטן אייזל צוויי געפּלאַכטענע קאָשן גרינס. דער אַראַבער האָט זיך באַגריסט מיטן שאָופער. און אַז דער שאָופער האָט געהאַט מכבד געווען דעם אַראַבער מיט אַ סיגאַרעט און דער אַראַבער דעם שאָופער מיט אַ שוועבעלע, האָבן זיך ביידע צערעדט:

— אַזוי און אַזוי, כאַוואַדזשאַ, נישט ווייט פונדאַנען וואוינט מיינ'ס אַ שכן. ער האָט אַ פּאָר פערד. אַז דער כאַוואַדזשאַ וויל, וועל איך צורייטן נאָכן שכן. מען וועט איינשפּאַנען די פערד און אַרויס־שלעפּן דעם אויטאָמאָביל. ס'וועט קאָסטן אַ שיבוש.

און אַז דער אַראַבער איז אַוועקגעריטן נאָכן שכן, האָט דער שאָופער אַריינגעלאָזט זיינע צען פינגער אונטערן קעפּ:

— דער „שיבוש" וועט מיך שוין קאָסטן אַ צען פּיאַסטער.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און דער אַראַבער איז אָנגעריטן אויפן אייזעלע. נאָך אים — דער שכן מיט די פערד. דער שכן, אַ יונגער, אַ באָרוועסער, איז איינגאַנצן געווען געראָטן אינעם עלטערן אַראַבער. דער שאָופער האָט עס באַמערקט און אַ זאָג געטאָן צו די פּאַסאַזשירן:

— איר מיינט טאַקע, אַז זיי זענען שכנים? דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זון! און ביידע זענען גנבים!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. דער יונגער אַראַבער האָט אַ זינג געטאָן זעכציק פּיאַסטער. דער שאָופער האָט אים אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין, זיך נישט געשעמט אָנצובאָטן פינף פּיאַסטער. דער אַראַבער האָט געשריגן, איינגעלייגט וועלטן. דער שאָופער האָט אים איבערגעשריגן. דער אַראַבער האָט געהאַלטן אין איין אַראָפּלאָזן פון פּרייז, דער שאָופער האָט געהאַלטן אין איין באַטרעטן, און צו קיין אויסגלייך איז מען נישט געקומען. נעש איז צוגעשטאַנען צום שאָופער:

— דינגט זיך נישט מיט אים, גיט אים נאָך.

— וו'הייסט איך וועל אים נאָכגעבן? זעכציק פּיאַסטער? דריי דאָלער פאַר העלפן אַרויסשלעפּן די מאַשין? ניין! אַ שאָד יעדיש געלט! אַזאַ פּאַרשוין אַרבעט דאָך אָפּ פאַר זיבן פּיאַסטער, פאַר פינף און דרייסיק סענט, אַ גאַנצן טאָג ביים עפענדי אויפן פעלד! דאָס איז דאָך גזלה!

— נו, באַטרעט אים נאָך פינף פּיאַסטער — איז נעש געוואָרן אומגעדולדיק — אַבי אַ סוף!

מען האָט זיך ווידער גענומען דינגען. און אַז מען האָט אָפּגעגוואַלדעוועט, זיך אָפּגעקריגט אַ מינוט צען, איז מען מושווה געוואָרן אויף צוואַנציק פּיאַסטער.

ביידע אַראַבער האָבן אויף גיך פאַרוואָרפן אַרום די אויטאָמאָביל־אַקסן קייטן, איינגעשפּאַנט די פערד אין די קייטן. די פערד האָבן אַ צי געטאָן, איין מאָל, נאָך אַמאָל, מיטגעשלעפּט דעם אויטאָמאָביל, און איידער וואָס־ווען, איז די מאַשין אַרויס פון די טיפע זאַמדן.

דער עלטערער אַראַבער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד. דער ייִנגערער איז געשטאַנען מיט אַ צעעפנטער האַנט, ברייט ווי אַ לאָפּאַטע. דער שאָופער, אַ צע'נכפה'טער, האָט אַריינגעציילט אין דער אָפענער האַנט

די פּיאַסטערס, געציילט מיט אַ ניגון, ווי אַ פרומער ייד ציילט פּרעה׳ס מכות.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַוועקגערעדלט. די זאַמדן זענען גע־וואָרן פלאַכער און שיטערער. דער שאָופער, וואָס איז נאָך נישט זיכער געווען צי די צוואַנציק פּיאַסטער וועלן אויסגיין צו זיין קעשענע, צי צו די פּאַסאַזשירנ׳ס, האָט זיך איצט נאָך מער גע׳כעס׳ט, ווי פריער:

— געהערט? פאַר העלפן אַ שטופּ טאָן אַן אויטאָמאָביל צוואַנציק פּיאַסטער? דאָס זענען דאָך קעשענע־גנבים!

— פאַרגינט זיי — האָט נעש איינגעשטילט דעם שאָופער — ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ אַנרייסעניש? איינמאָל אין אַ יובל. און דעם דאָלער וועלן מיר באַצאָלן.

— ס׳גייט נישט אין דאָלער — האָט אַ צופרידענער שמייכל, וואָס האָט זיך צעלייגט אַרום דעם שאָופער׳ס מויל־ווינקלען, גענומען טרייבן דעם כעס פון פנים — אייער געלט איז פּונקט אַזוי אַ שאָד, ווי מיינס! ס׳איז יידיש געלט!

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַריינגעדרייט אויף אַ שטיק אויפגע־ריסענעם שאָסע. פון ביידע זייטן האָבן געגלאָצט הייב־מאַשינען, גראָב־מאַשינען, פעסער סמאָלע, פריזמעס שטיינער, אַנגעוואָרפענע זעק־לעך צעמענט. עטלעכע צענדליק אַראַבער — יונגע, עלטערע, זקנים — באַרוועסע אַראַבער אין ברייטע הויזן, וואָס זענען אַמאָל ווייס געווען, אַרום די קעפּ שטיקלעך האַנטעך, האָבן זיך געהויבן אַרום די פּריזמעס, וואו זיי האָבן געהאַקט שטיינער. די אַראַבער האָבן דורכגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל. און אין זייערע אָפּגעברענטע פנים׳ער, שיינע פּנים׳ער, אין זייערע שוואַרצע אויגן, יידישע אויגן, איז געווען שנאה צום שאָופער, צו די פּאַסאַזשירן, צום אויטאָמאָביל. פון צווישן די פּריז־מעס זענען געפאַלן ווערטער, ווי שטיינער:

— יהוד כלב!

— כלב יהוד!

נעש און נאַרקיס, וואָס זענען געזעסן פון ביידע זייטן אויטאָמאָביל, האָבן זיך אַ רוק געטאָן איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך איבערגע־קוקט, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

דער שאָופער האָט מיט ביטול אַ קוק געטאָן אויפן המון און זיך אומגעדרייט צו די פּאַסאַזשירן:

— זיי האָבן צו אונדז, יידן, דערלייגט דער באָבעס ירושה! כ'האָב אייך געזאָגט — הינט — אַזוינע הינט! און איר ווילט טאַקע אויף נאַכט צופאָרן קיין נצרת? לאָמיר בעסער איבערנעכטיקן אין אַ קבוצה. דגניה איז נישט ווייט פון דאַנען.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן אויף שטום־לשון באַשלאָסן, אַז דער שאָפער איז גערעכט און נאַרקיס האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן איבערנעכטיקן אין דגניה און פאַרטאָג אַרויספאָרן קיין ירושלים.

6. אין ירושלים

נעש האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שרייבטיש. ער האָט געקוקט אויף די צעוואָרפענע ביינגעלעך פּאַפּיר, פריש באַשריבענע, וואו דער טינט איז נאָך נישט געווען אויסגעטרוקנט, און איז נישט געווען צופרידן. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן פרימאָרגן, געוואָלט באַשרייבן דעם אונטערגאַנג פון ירושלים, געוואָלט געבן די אינערלעכע רייסערייען — קנאים, סיקריקין, הונגער, מגפה, טויט. מיטן טויט איז אויף ארץ־ישראל אָנגעפאַלן אַ שלאָף, אַ חוני־המעגל־שלאָף, אויף קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. און נאָכן שלאָף — דיזעלבע אינערלעכע רייסערייען — בריונים, הסתדרות'ניקעס. פונעם קרימלעכן, אויסגעבויגענעם שטילעט איז געוואָרן אַ רעוואָלוער, פונעם רוימישן אָדלער — אַן ענגלישער לייב.

נעש האָט שטייענדיקערהייט געלייענט אַ זייטל נאָך אַ זייטל. די אומצופרידנקייט איז אין אים געוואַקסן. נישט דאָס האָט ער געוואָלט איבערגעבן. וואו זענען די אמת'ע רייסערייען, וואו איז דער אמת'ער געראַנגל? האָט דאָך יעדער מענטש זיין ריח, האָט דאָך יעדער תקופה איר ריח? און אויב פון ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ באַרג אַש, איז געוואָרן אַ חורבה, וואו איז דער ריח פון דער חורבה? פאַר די אויגן האָבן זיך געטראָגן ווערטער, אויסגעבלאָזענע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלייגט אַרום נעשעס פיס, ווי געשאָכטענע פייגל. ער האָט צעריסן די באַשריבענע ביינגעלעך פּאַפּיר, זיי צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. ער האָט אַן עפן געטאָן אַ פענצטער און די שטיקלעך פּאַפּיר זענען זיך צע־פלויגן איבער ירושלים, האָבן זיך געטראָגן איבער אַלע פיר זייטן.

שוין אַ חודש, ווי נעש איז געווען אין ירושלים, ווי ער איז איינ־

געשטאַנען ביי מיס פּילד אין פּאַנסיאָן, וואָס זיין „שיף־שוועסטער", די עלעגאַנטע עטל, האָט אים רעקאָמענדירט. זי האָט טאַקע געוואוינט מיט אים אַ טיר איבער אַ טיר.

צען אזייגער האָט נעש געדאַרפט זיין ביים ירושלים'ער בית־דין. ער האָט געוואָלט זען, ווי פּנינה, דאָס תימנ'ער ווייבל, וואָס רוימט אויף די צימערן, וועט זיך גט'ן מיט סעדיהן. איצט איז נאָך קיין ניין נישט געווען.

ס'האָט געשן אויסגעפּעלט אָטעם. ער איז אַרויס פון צימער. אינעם שטילן קאָרידאָר האָט פּנינה געוואַשן דעם דיל. נעש האָט זי באַגריסט.

— וואָס, פּנינה, איר האָט זיך אפשר איבערגעבעטן מיט סעדיהן?

— ס'וועט זיך נישט אָן מיר, אדוני — האָט זי אַ הייב געטאָן צו נעשן אַן אויסגעטרוקנט, פאַרעלטערט פּנים — ער וויל אַ גט.

— וועט איר אים געבן?

נעש האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט גענומען אַראָפּגיין מיט די טרעפּן. און אַז ער איז שוין געווען ביים אַרויסגאַנג, האָט ער געהערט ווי פּנינה שרייט אים נאָך:

— די תוכחה וועל איך אים געבן!

נעש האָט זיך געטראָגן פון איין גאַס אין דער אַנדערער. די שרעק פאַר דער אייגענער לייִדיקייט האָט אים געטריבן — די לייִדיקייט פון אַן אויסגעקאָכטן טשייניק, וואָס שטייט נאָך אויפן פלאַם.

נעש האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער אַלטער שטאָט. ער איז כמעט געלאָפן איבער דער קייטן־גאַס, וואָס האָט זיך געשניטן באַרג־אַראָפּ. די געסלעך זענען געווען שמאָל, אַזוי שמאָל, אַז ווען צוויי מענטשן זאָלן זיך אַרויסבייגן פון צוויי קעגנאיבערדיקע הייזער, וואָלטן די מענטשן זיך לייכט געקענט געבן „שלום". נעש איז אַריין אין דער בשׂמים גאַס. פון דער בשׂמים גאַס אין דער יידישער, וואו ס'זענען שוין באַלד קיין יידן נישט געווען. אומעטום — שפּייז־געוועלבלעך, שניט־קרעמלעך, יאַטקעס. אומעטום — וויינשענקלעך, בעזים־פלעכטער, סאַנדאַלן־מאַכער. אָנגעלאָדענע אייזלען, אָנגעלאָדענע קעמלען האָבן פאַרשטעלט די געסלעך. און ווען נישט די כאַרכלדיקע קולות פון יידן און אַראַבער, ווען נישט דער האַנדל, וואָלטן די געוועלבטע, טונקעלע געסלעך אויסגעזען ווי אַלטע, טוכלע קאַטעדראַלן, וואָס לאָזן נישט צו קיין זון.

אין א ווינקל איז געלעגן א תימנ'ער טרעגער — א דאַר, באַרוועס מענטשל מיט א שטריק אַרום די לענדן. דער טרעגער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט, האָט אַרויסגענומען א ספר'ל און מיט א צעצויגע־נעם ניגון, אַריינגעוויינט אינעם טומל אַריין א פּרק משניות.

נעש האָט זיך געטראָגן צווישן די געוועלבלעך. ער האָט אומעטום אַריינגעקוקט, אומעטום אַריינגעשמעקט. ער האָט באַטאַפּט די אַלטע געביידעס, וואו צווישן די ציגל האָבן אַרויסגעגלאָצט גרויסע פּירעקיגע מירמלשטיינער, ענלעך אויף די שטיינער פונעם כותל־מערבי. נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א קאַשעמאַכער. א שמאָל, טונקל געוועלבל. זעקלעך קאַשע, זעקלעך הירזש. א יידל — באָרד און פּאות — האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, געזוכט א קונה. און טיף אינעם געוועלבל איז געשטאַנען א צעוואַקסענער אַראַבער מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און האָט געדרייט א האַנט־מיל. פונעם טרויעריקן פּנים האָט אַרויסגע־קוקט אַן אומבאַהאָלפענער שמשון הגיבור.

נעש האָט אויפגעציטערט, דערפילט ווי די ליידיקייט אין אים הייבט אָן פאַרשווינדן. ער האָט זיך נאָך גיכער געטראָגן איבער די שמאָלע געסלעך און הינטערגעסלעך, איז צוגעקומען צום „שער הזהב", וואָס די אַראַבער האָבן פאַרמויערט, משיח זאָל נישט האָבן דורך וואַנען אַריינצופאָרן קיין ירושלים. עפּעס איז אין נעשן אויפגעגאַנגען, א ריח, אַן אַלטער ריח, דער ריח פון דער אַמאָליקער ירושלים. די אויגן זענען ביי אים געוואָרן גרעסער, די נאָזלעכער ברייטער. אָט איז פאַר אים די אַמאָליקע בשמים־גאַס, די אָקסן גאַס, די יאַטקע גאַס, די גלעזער גאַס, די שמידן גאַס. יעדער מענטש האָט זיין ריח. יעדער תקופה האָט איר ריח. און נעש האָט דערפילט אַרום זיך ריחות פון צוויי טויזנט יאָר קריק, פון דריי טויזנט יאָר קריק. די ריחות זענען געלעגן אויף די שפּיץ־פינגער, אַרום די מויל־ווינקלען, ווי דאָס אַלץ וואָלט פּאַסירט נעכטן, אייער־נעכטן.

נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון א געוועלבל, וואו מען האָט געפלאָכטן בעזימער, האָבן אַרויסגעקוקט א פּאָר באַקאַנטע אויגן.

— שאַלאָם, יוסף — האָט נעש זיך דערפרייט מיט א פּערצניעריק בחור'ל, וואָס האָט געפּוצט יעדן פרימאָרגן שיך אין מיס פּילד'ס פּאַנ־סיאָן — וואָס טוסטו דאָ?

— איך העלף מיין פאָטער — האָט יוסף געוויזן אויף א פאַרשווין

מיט פעסטע צונויפגעקלאפטע פּלייצעס, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיקל ראַגאָזשע מיט די פיס אונטער זיך און האָט געפּלאָכטן בעזימער.

יוסף׳ס פאָטער איז געווען זיכער, אַז דער פרעמדער אַזי זיין זונ׳ס באַלעבאָס. ער האָט אונטערגערוקט אַ נידעריק בענקל און געזאָגט האַלב אין העברעאיש, האַלב אין שפּאַנאָליש:

— זיצט, מאַעסטראָ!

דאָס געוועלבל איז ענלעך געווען אויף אַ הינער־שטעלכל. קליין, נידעריק. פון די אָפּגעשיילטע ווענט, פון דעם ערדענעם דיל, פון די בינטלעך שטרוי, האָבן זיך געטראָגן שווערע, טוכלע ריחות.

נעש האָט געפרעגט:

— וויפל צאָלט איר דירה־געלט?

— צוועלף „פונט" אַ יאָר.

—און ווי איז מיט פרנסה?

— פרנסה? — האָט ער אויף גיך אָנגעצויגן בינטלעך שטרוי אַרום דעם בעזים־שטעקן — שוואַך!

— וויפל פאַרדינט איר אַ טאָג?

ער האָט צוויי מאָל אַ הייב געטאָן די צען פינגער, געוויזן, אַז ער פאַרדינט צוואַנציק פּיאַסטער און ס׳האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן העברעאישע ווערטער אָן אַ פאַרבינדונג, וואָס האָבן געדאַרפט מיינען:

— דערפון צאָל דירה־געלט, צאָל קהילה־געלט, צאָל שכר־לימוד, דערנער ווייב מיט פינף קינדער.

— פונוואַנען זענט איר?

— איך? — זענען די פינגער געפלויגן איבערן בעזים, ווי איבער אַ האַרפע — פון סאַלאָניקי. אין סאַלאָניקי בין איך געווען דער פּרעזי־דענט פון אַלע בעזים־פלעכטער. אין סאַלאָניקי איז געווען פרנסה, איז געווען גוט. און ווען נישט דער שונא־ישראל, דער יון־הרשע, דער גריך, וואָלט איך אפשר אהער נישט געקומען.

— און מיט די אַראַבער, מיט די שכנים אייערע, לעבט איר בשלום?

— מיט די אַראַבער? — האָט ס׳פּערצן יעריק ייִנגל זיך אָנגערופן

— אַז זיי דאַרפן עפּעס פון אַ ייִד, איז אדרבא ואדרבא: „שאַלאָם, שאַלאָם"! זיי זענען אָבער הינט! גייט אָן אַראַבער אַרויס פון מע־טשעט, וואו דער מופטי האָט גערעדט שלעכטס אויף ייִדן, ווערט דער אַראַבער פריער פאַר אַלץ דערשטעכן דעם ייִדישן שכן זיינעם.

— ווער דאַרף זייער חבר׳שאַפט? ווער דאַרף מיט זיי לעבן בשלום?

— האָט דער פּאָטער אוועקגעלעגט דעם בעזים, זיך צערעדט צום זון אויף שפּאַניאָליש, גלייך זיך אויסגעדרייט צו נעשן, געוויזן אויף די אייגענע הענט־מוסקולן און פון מויל זענען געפאַלן העברעאישע ווערטער אָן פאַרבינדונגען — איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. איך געווען אַ „זאָלדאַט", געדינט מחמד'ן אַכט יאָר, דורכגעמאַכט די וועלט־מלחמה.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בעזים, אים אָנגעשטעלט ווי אַ ביקס צום שיסן, געזוכט ווערטער:

— איך געשאָסן מיט אַ „מארטין", אַזוי: „פּיף־פּאַף"! איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. איך — „מארטין", חלוצים — „מארטין". מיר — נישט מורא. אַראַבער — הינט, משוגענע הינט.

— און וואו זענט איר געווען אין די אומרוען? אין ירושלים?

— האָט נעש געקוקט אויף דעם סאַלאָניקער „פּרעזידענט" פון די בעזים־פלעכטער און געזוכט אַ שייכות צווישן זיך און אים.

דער בעזים־פלעכטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, האָט זיך געמוזט איינבייגן, ווייל די סטעליע איז אים געלעגן אויפן קאָפּ. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפינקלט:

— אין די אומרועז? אין ניין־און־צוואַנציק? מיט פינף יאָר קריק? כ'האָב געוואוינט אין ירושלים, נישט ווייט פונעם אַראַבישן קוואַרטאַל, געוואוינט צווישן יידן, צווישן אַראַבער. אין איין הויז פינף יידן. איך, אַ חבר מיינער, אַ פישער, נאָך אַ חבר, אַ טרעגער און צוויי אשכנזישע „חכמים", שוואַכע זקנים, מיט בערד, מיט פאות. אין דער נאַכט, האָבן מיר געשיקט די „חכמים" אויף אַ פריער. נאָך זיי — מיר. נאָך אונדז די שכנים אונדזערע, די אַראַבער, מיט מעסערס, מיט שטיינער, מיט דרענגער. אַרום און אַרום — חושך מצרים. כ'טו אַ קוק — אַ חבר מיינער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ — בלוט. אַ צווייטער חבר כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ — בלוט.

דער בעזים־פלעכטער האָט מיטאַמאָל אוועקגעשטעלט די פיס ווי אַ רויב־חיה, וואָס קלייבט זיך אַ שפּרונג טאָן. ער האָט ערגיץ דער־טאַפּט אַ לאַנג קרימלעך מעסער. די אויגן, ווילדע אויגן, נישט קיין יידישע, האָבן זיך ביי אים אַ שפּאַר געטאָן פון קאָפּ. ער האָט שוין מער נישט גערעדט. טיף פון האַלדז האָבן אָנגעהויבן צו קייקלען זיך פאַר־שטיקטע קולות, גיך, גיכער. די האַנט מיטן מעסער איז געשפּרונגען הין און קריק, געוויזן ווי ער האָט אוועקגעלעגט איין אַראַבער נאָכן צווייטן, געוויזן ווי מען האָט אים זעקס מאָל געשטאָכן און ער האָט

ס׳מעסער נישט אַרויסגעלאָזט. ס׳פּנים איז געוואָרן פלאַם־פייער. די ציין — שוים. און פון מויל האָבן זיך געריסן צוויי ווערטער:

— קאַבע־קאַך, קאַבע־קאַך — אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי.

און דאָס פערצניעריק ייִנגל האָט אָנגעקוואָלן פונעם פאָטער, נאָכגעזאָגט:

— קאַבע־קאַך, קאַבע־קאַך.

דער בעזים-פלעכטער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו נעשן, אים איינגערוימט, אַז די גאַנצע ייִדישע גאַס האָט געהערט:

— איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. יעדער דאַרף האָבן אַ „מאַרטין", אַ ביקס. איין פאָן, — אַ ייִדישע פאָן. איין מלוכה — אַ ייִדישע מלוכה.

נעש האָט נישט געדענקט, צי ער האָט זיך געזעגנט מיטן בעזים־פלעכטער. ס׳איז געווען נאָך צען. ער האָט זיך געאיילט צום ירושלים׳ער בית־דין, געטראָגן אין זיך דעם אמת׳ן געראַנגל פונעם חורבן־ירושלים, וואָס ער האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן ניט געקאָנט געפינען. נעש האָט געזוכט אַ שייכות צווישן זיך און דעם סאַלאָניקער ייִד, וואָס האָט די גאַנצע ישועה געזען אין אַ ביקס, אין אַ פאָן, אין אַ מלוכה און אַזאַ שייכות נישט געקאָנט געפינען.

7. אַ דין־תורה

דער שמש, אַן איידל מענטשל, מיט אַ ליכטיק בערדל און מיט אַ גאָלדענעם צאָן אין דער סאַמע מיט מויל, האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון בית־דין־שטוב. ער איז אַריין אין געפּאַקטן וואַרט־צימער און האָט אויסגערופן אין העברעאיש:

— וואו איז סעדיה הלוי? וואו איז שושנה מזרחי? ירושלים׳ער בית־דין וואַרט אויף אייך!

פון צווישן עולם האָט זיך דער ערשטער אַרויסגערוקט סעדיה הלוי, אַ תימנ׳ער יונגערמאַן אין די צוואַנציקער. די הענט, דער האַלדז, ס׳פּנים — שוואַרץ און אויסגעהאַמערט, ווי אָקסידירט זילבער. דער יונגערמאַן איז געווען שיין, איז געווען געוויקסיק, האָט זיך געטראָגן אין בית־דין שטוב אַריין, ווי אַ רויבפויגל. נאָך אים — דער פאָטער זיינער, די מוטער זיינע — קליינע, איינגעדאַרטע, אמת׳ע צוגעברענטע אַרץ־ישראל ניסלעך. סעדיה מיט זיינע עלטערן זענען געבליבן שטיין

רעכטס פון בית־דין טיש. לינקס איז אויסגעוואַקסן שושנה. די פּעך־שוואַרצע האָר אַרומגענומען מיט אַ ווייס, זיידן טיכל. האַלדז, פּנים, אויגן — מאַטע איילבירטן, טונקעלע, גלאַנציקע איילבירטן. און צווישן די איילבירטן — רויטע ליפּן. הינטער שושנה׳ן — איר מאַן, וואָס איז געווען דאַר און געלבלעך. די פּיס — דינע, גאָר דינע, ווי ביי אַ קינד. די אויגן, דערשראָקענע האָבן קיינעם נישט אָנגעקוקט.

ביים בית־דין טיש זענען געזעסן צוויי רבנים — אַן אשכנזישער און אַ תימנער. ביים אשכנזישן איז אַלץ געווען צעוואַקסן — פּלייצעס, הענט און פּיס, באָרד און פּאות. דער זיידענער שלאָפראָק צעקנעפּלט. ער איז געזעסן אַ געבויגענער און עפּעס איבערגעשריבן. לעבן אים — דער תימנער רב אין אַ קאָלירט כאַלאַט, אויפן קאָפּ אַ טורבאַן. באָרד, פּאות, פּנים — קיין זאַך איז ביים רב נישט געווען דערוואַקסן. דער אשכנזישער רב האָט מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אַ רוק געטאָן דעם קאַפּל, באַטראַכט אַ ווייל מיט קורצזיכטיקע אויגן דעם עולם און זיך געפרעגט:

— וואו איז סעדיה׳ס ווייב?

— אָט בין איך, רב!

ס׳האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פאַר׳חשכ׳ט, אויסגעמאַטערט ווייבל, ס׳פּנים איינגעלאָפן ווי אַ קינדישע פויסט. בלויז די אויגן, גרויסע, שוואַרצע אויגן, האָבן געפיבערט.

— ווי הייסטו? — האָט דער אשכנזישער רב זי געפרעגט.

— פּנינה.

— האָסט אַ כתובה?

— ווי קען איך האָבן אַ כתובה, אַז מען האָט מיך צום ערשטן מאָן פאַרקויפט, ווי מען פאַרקויפט אַ הונט?

— אַזוי רעדט נישט קיין יידישע טאָכטער — האָט דער תימנער רב זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די שטיקלעך באָרד, וואָס זענען ביי אים בלויז געוואַקסן אויף דער גאָמבע.

— וואָס זענען דיינע טענות, פּנינה? — האָט דער אשכנזישער רב ווייטער געפרעגט.

דאָס איינגעפאַלענע מויל האָט זיך געעפנט, ווערטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן און דאָס פאַר׳חלש׳טע פּנים האָט זיך גענומען אויסקלאָרן, איז שענער געוואָרן. זי האָט גערעדט:

— מיינע טענות? כ׳בין אַ זינדיקע, כ׳בין אַ געשטראָפטע, כ׳דאַרף

גרויס רחמים. א ווייב איז א גאנץ מענטש, ווען זי האט א מאן. נעמט מען ביי איר צו דעם מאן — בלייבט זי א שטיק וויסט פעלד. וואס זאל איך לייקענען? איך האב ליב מיין מאן, איך וויל בלייבן א גאנצער מענטש, נישט קיין צעשפאלטענער, נישט קיין האלבער.

— איז וואס זענען דיינע טענות, פנינה? — האט דער אשכנזישער רב געגומען ווערן אומגעדולדיק.

— מיינע טענות? — האט פנינה א רוק געטאן דאס שווארצע קאפטיכל, ווי זי וואלט מיטן וויסטן, אפגעדעקטן שטערן געוואלט אויפ־דעקען א סוד. — צו פופצן יאר האב איך חתונה געהאט. מיין ערשטער מאן איז געווען סעדיה׳ס עלטסטער ברודער. זיבן יאר האבן מיר גע־לעבט צוזאמען, זיבן גליקלעכע יאר. ער איז, נישט פאר אייך געדאכט, געווען א קראנקער, געליטן אויף די לונגען. איך האב געארבעט, שווער געארבעט. כ׳האב געוואשן וועש, געוואשן דילען, געזען פלטיאל זאל יעדן טאג האבן א פריש גלאז מילך, ס׳זאל אים קיין זאך נישט פעלן. אויב איר גלויבט מיר נישט, אויב כ׳בין נישט באגלויבט, פרעגט שווער און שוויגער, כ׳בין אבער זינדיק געווען. גאט האט מיר דעם מאן צו־גענומען און איך בין געבליבן א וויסטע אלמנה, געבליבן אן א קינד, געדארפט נעמען חליצה. איבערלאזן אבער שווער און שוויגער, איבער־לאזן דעם קליינעם סעדיה׳ן האב איך נישט געקענט, קיין הארץ נישט געהאט. זיי וואלטן געדארפט אנקומען צו מענטשן. דערצו האב איך זיי ליב געהאט.

— ס׳איז אמת, — האבן סעדיה׳ס עלטערן זיך אנגערופן, — ס׳איז אמת.

— האב איך איצט נאך מער געארבעט, געפראצעוועט ווי אן אייזל — האט פנינה זיך גענטער א רוק געטאן צום בית־דין־טיש. — נאך דער ארבעט פלעג איך לויפן אין חדר אריין צו סעדיה׳ן. ער איז דעמאלט זיבן יאר אלט געווען. כ׳האב אים געטראגן אויף די הענט, כ׳האב אים געשלעפט אויף די פלייצעס אהיים. אזוי בין איך פאר־שווארצט געווארן יארן. און אז סעדיה איז פופצן יאר אלט געווארן, האבן מיר חתונה געהאט. און איצט, אז כ׳בין שוין אפגעארבעט, כ׳בין שוין זיבן־און־דרייסיק יאר אלט, וויל ער מיך גט׳ן, טענה׳ט אז כ׳בין אן עקרה. און הערט, הייליקער רב, ווען נישט זי, די חצופה, — האט פנינה געוויזן אויף שושנה׳ן — וואלט ער מיך נישט געוואלט גט׳ן. א מאן, וואס מען האט אליין אויסגעהאדעוועט, אים געצויגן,

אים געשלעפּט אויף די פּלייצעס, אַזאַ מאַן וואַרפט נישט סתם אין דער וועלט אַריין אַוועק ס'ווייב. אלא וואָס דען, רב? זי, שושנה, זי האָט אים אַראָפּגעפירט פון וועג. ווי ס'ווערט נאַכט, פאַרשווינדט ער פון שטוב, שלעפּט זיך מיט איר אַרום, קומט אַהיים ווען ס'נעמט שוין טאָגן. איך, הייליקער רב, שלאָף קיין נעכט נישט, קוק זיך אויס די אויגן די טיר זאָל זיך עפענען, און ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער חצופה, מיט שושנה'ן.

— ביזט אַליין אַ חצופה — האָט שושנה זיך אַ רוק געטאָן צו פנינה'ן, זי אָפּגעמאָסטן מיט ביטול — דו, וויסטע עקרה, דו!

— נו, נו, נו — האָט דער תימנער רב אויסגעשטרעקט זיינע קליי־נע, דינע הענט, ווי אַ מחיצה, די ווייבער זאָלן זיך נישט פליען אין די פנים'ער אַריין — נו, נו, נו!

— וואָס זאָגסטו, שושנה, אויף פנינה'ס טענות? — האָט דער אשכנזישער רב אַ זשמורע געטאָן מיט די קורצזיכטיקע אויגן.

— גאָרנישט, רב, כ'האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איז עס אמת, אַז דו שפּאַצירסט אין אָוונטן מיט סעדיה'ן?

— נישט אמת, רב.

זי שפּאַצירט יאָ — האָט שושנה'ס מאַן זיך צעפּינטלט מיט די אויגן, וואָס האָבן אויף קיינעם נישט געקוקט.

— כ'שפּאַציר מיט בחורות — איז ס'קול ביי שושנה'ן געוואָרן אָנגעשפּאַלטן, זיך אַליין פאַר'מסר'ט, אַז זי זאָגט נישט קיין אמת.

— ניין, רב, זי שפּאַצירט מיט סעדיה'ן — האָט דער אויסגעדאַר־טער תימנער גענומען קלאַפּן אין בית־דין־טיש מיט די פויסטלעך — האָט קיין בושה נישט, טוט עס פאַר מיינע אויגן! אַזאַ חצופה! און דעם תכשיט, סעדיה'ן, דאַרף מען די פּיס אונטערהאַקן, וועט ער פאַר־זאָגן אַ צענטן זיך נישט אומצושלעפּן מיט אַן אשת־איש!

סעדיה האָט געבעטן גאָט, ס'זאָל זיך אונטער אים עפענען אַ גרוב, אפילו ווי ביי קורח'ן, וואָלט ער אַהין אַריין, אַבי נישט אויסצוהערן דאָס אַלץ. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, וואו דעם רמב"ם'ס בילד איז געהאַנגען און זיך גע'חידוש'ט פאַרוואָס דעם רמב"ם'ס טורבאַן איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי דעם תימנער רב'ס. ער האָט געהערט ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען, געהערט ווי מען רופט אים, איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל. ער האָט זיך אויסגעדרעט צום בית־

דין־טיש, אַנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן:

— איר האָט מיר גערופן?

דער אשכנזישער רב האָט זיך געבייזערט:

— איז עס אמת, אַז דו, סעדיה, שלעפּסט זיך גאַנצע נעכט אַרום מיט שושנה'ן, מיט אַן אשת־איש?

— אמת.

— ס'איז אַ בלבול, רב, ס'איז אַ מיאוס'ער בלבול! — האָט שושנה פאַרשאַרצט ס'ווייסע זיידענע קאָפּטיכל און איר בייז פאַר־וואָלקנט פּנים איז נאָך שענער געוואָרן.

— ווייסטו, סעדיה, אַז ס'איז אַ זינד, אַז ס'איז אַ האַרבע זינד זיך אַרומצושלעפּן מיט אַן אשת־איש?

— כ'ווייס — האָט סעדיה אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אַז דו ווייסט יאָ, ביזטו דאָך דער אמת'ער חוטא!

ער האָט נישט געענטפערט.

— און פאַרוואָס ווילסטו גט'ן פנינה'ן? — האָט דער אשכנזישער רב שוין נישט גערעדט, נאָר געשריגן.

— ווייל זי איז אַן עקרה — האָט סעדיה זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן טיש — ווייל זי איז מיר ניט צום האַרץ, ווייל כ'האָב זי פיינט!

פנינה האָט אַ שלעפּ געטאָן דאָס שוואַרצע קאָפּ־טיכל איבערן שטערן און איז מיט אַמאָל געוואָרן עלטער, איז געוואָרן אַ זקנה. זי איז צוגע־פאַלן צו סעדיה'ן, ווי אַ מוטער פאַלט צו צו אַ זון, וואָס איז אַוועק אין שלעכטע דרכים. זי האָט זיך צעהעשעט. דערנאָך האָט זי זיך אַ בויג גע־טאָן צו סעדיה'ס קני, דערנאָך צו זיינע פיס, וואו זי איז געבליבן ליגן, ווי אַן איבערגעגעבענער הונט. זי האָט געוויינט דין און שפּיציק, ווי אַ געפּייניקטע חיה:

— סעדיה, קינד מיינס, באַלעבאָס מיינער, מאַן מיינער, זיי מיט מיר, גט מיך נישט. אַ ווייב אָן אַ מאַן איז אַ האַלבער מענטש, איז אַ ווייסט שטיק פעלד.

סעדיה האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון אירע הענט, זיך געשטעלט מיטן פּנים אין פענצטער אַריין, וואו אַלט ירושלים האָט זיך געהויבן איבער די דעכער.

פנינה איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַראָפּגעריסן ס'טיכל פון קאָפּ,

האָט זיך אַ צי געטאָן — הויט, נעגל און ביינער. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף שושנה׳ן, זי אומגעוואָרפן, איז איר אריין מיט די נעגל אין פּנים, אין די האָר, געשריען:

— חצופה, גיב מיר אָפּ סעדיה׳ן!

די בית־דין־שטוב איז פול געוואָרן מיט פאַרשפּיצטע קולות. דיביידע רבנים האָט פאַרפעלט לשון. דער איידעלער שמש האָט איינגע־שטילט דעם עולם:

איר זענט נישט אין דער תימנער „שכונה״! איר זענט אין ירושלימער בית־דין שטוב!

8. עטל

ווען נישט די צוויי אַראַבער, מאַכמוד און אַבראַהאַם, וואָס האָבן באַדינט די געסט ביי מאַדאַם פּילד אין פּאַנסיאָן, וואָלט מען געקענט מיי־נען, אַז מען איז אין ניו־יאָרק, נישט אין ירושלים. אויף יעדן טיש — ענגלישע צייטונגען, ענגלישע וואָכנבלעטער, ענגלישע ביכער. דערצו האָבן אַלע אין פּאַנסיאָן גערעדט ענגליש.

די געסט — יונגע אַמעריקאַנער לערערינס אָן שטעלעס, געוועזענע „סאָשעל וואָירקערס״ און אַזוינע, וואָס האָבן שוין געהאַט זיך דער־שלאָגן צו עפּעס, געאַרבעט אין דער „יידישער אַגענטור״, געאַרבעט אינעם „פּאַלעסטינער בולעטין״.

כמעט אַלע אין פּאַנסיאָן האָבן געזוכט שידוכים. מען האָט גע־חלומ׳ט אַריינצופאַלן אויב נישט צו אַ יונגן יידישן לאָרד, איז צו אַ סער. האָט דאָך עוועלין חתונה געהאַט מיט אַ לאָרד, וואוינט אין אַ פּאַלאַץ נישט ווייט פון טבריה, האָט דאָך רוט אַזוי רייך חתונה געהאַט. אויב ס׳האָט אָפּגעגליקט עוועלינ׳ען, אויב ס׳האָט אָפּגעגליקט רוט׳ען, פאַרוואָס זאָל עס נישט אָפּגליקן פּרענצים׳ען, רעי׳ען, לאָרע׳ן? און געלעגנהייטן זענען דאָך פאַראַן אַזויפיל. ס׳איז נישט געווען די וואָך ס׳זאָלן נישט אַריבערקומען קיין ירושלים אַ לאָרד, אַ באַראָן, אַ סער. ס׳איז נישט געווען די וואָך ס׳זאָל נישט אַריבערקומען קיין ירושלים אַ יידישער מיליאָנער פון אַמעריקע. און ווי די געהויבענע געסט קומען אַריבער, הויבט די ירושלימער „פּני״ זיך אָן טומלען. היינט — אַ „פּייף אָ קלאָק״, מאָרגן — אַן אָוונט, איבערמאָרגן — אַ באַל. מען רעדט מיט אַזויפיל הארץ וועגן דער „כותל מערבי״, וועגן „ים כנרת״, וועגן צפת

און דער עיקר וועגן די קאָמוניסטישע קבוצות, וואָס אין גליל. דוקא זיי, די יונגע מאַגנאַטן, זענען אַזוי פאַרליבט אין די קבוצות.

אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן, אין שיקאַגאָ — וואו וואָלט אַ לערערין, און דערצו נאָך אָן אַ שטעל, געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט לאָרדן, מיט מיליאָנערן? און דאָ, אין ירושלים, האָט אפילו די ניו־יאָרקער „היברו" לערערין, עטל, געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צוריקצופאָרן קיין ניו־יאָרק אָן אַ רייכן מאַן. עטל איז שוין דעם צווייטן חודש געזעסן ביי מאַדאַם פילד אין פּאַנסיאָן. געהייסן האָט עס, אַז זי לערנט זיך אין ירושלימער אוניווערזיטעט אַראַביש און תּלמוד. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַן אויסרייד.

אין דער אמת'ען האָט עטל אין ירושלים געהאַלטן אין איין פיבערן. וואָס אַ חודש איז איר שווער אָנגעהאָרעוועט ביסל געלט אַלץ ווינציקער געוואָרן. מאַדאַם פילד האָט יעדן חודש צוגענומען ביי איר זעכציק דאָלער פאַר פּאַנסיאָן. אויף קליינינקייטן — נאָך צען דאָלער. אין אַ זעקס, זיבן חדשים ארום, וועט עטל בלייבן אָן אַ סענט, וועט בלייבן אויפן וואַסער, וועט ניט האָבן מיט וואָס אַהיימצופאָרן.

עטל האָט געהאַט טענות צו זיך אַליין. און אַז זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר? און אַז די הויט אויפן פּנים, אויפן האַלדז, אויף די הענט — איז געווען מאַט, איז געווען טונקל? אַזוינע פּנים'ער — עלעגאַנטע יידישע פּנים'ער — באַגעגנט מען אין קיעוו, אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק. און אַז אירע פיס זענען געווען דין און בויגיג? און אַז זי האָט געשטעלט טריט אי ווי אַ פּאַווע, אי ווי אַ טויב? און אויב דאָס אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איז וואָס? און אויב עטל האָט אויסגענומען, איז מיט איר העברעאיש רעדן. צווישן די ברייטע פּתח'ס האָבן זיך געקייקלט ווייכע למד'ס, גאָר ווייכע. און אַז זי איז געווען אויפגעלייגט, צי אויפגערעגט און האָט זיך צערעדט שנעל, גאָר שנעל, האָט עטל'ס העברעאיש געקלונגען ווי שטיקער אָפּערע. און נישט בלויז העברעאיש האָט זי שיין גערעדט. עטל האָט אויך שיין גערעדט ענגליש, אויך שיין גערעדט פראַנצויזיש, אויך שיין גערעדט דייטש. און מכמוד, מאַדאַם פילד'ס פאַר'חלומ'טער באַדינער, האָט צוגעגעבן, אַז די „גברת" עטל רעדט אויך שיין אַראַביש.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. ריכטיקער, דער טאָג האָט זיך גענומען זעצן און די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן. און דער פאַרנאַכט? נישטאָ אין ארץ ישראל קיין פאַרנאַכט. און אַז ער געדויערט פינף מינוט, און

אַז ער געדויערט זעקס מינוט, גליטשט זיך דער פאַרנאַכט פּאַרביי און מען זעט אים נישט, מען באַמערקט אים נישט.

אין אַזאַ פאַרנאַכט האָט עטל אויף גיך איבערגעוואָרפן אַ האַלב טוץ קליידער, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט אין ניו־יאָרק אויף דער פּער־צנטער גאַס. קיין איין קלייד איז איר איצט נישט געפעלן געוואָרן. דאָס גייט זי דאָך נישט אויף קיין ניו־יאָרקער „פּאַרטי", דאָס גייט זי אויך נישט אויף קיין ירושלימער „נשף", וואו יוגנט טאַנצט, זינגט און טומלט. דאָס גייט זי צו עוועלינ׳ען, וואָס איז געקומען פון איר טבריה׳ער פּאַלאַץ, געקומען אויף אַ וואָך קיין ירושלים, שטייט איין אין „קינג דייוויד׳ס האָ־טעל". עטל וויים אפריער וועך ס׳וועט אַלץ דאָרט זיין. דער יונגער סע־מיוועלס, דער יונגער מאַנטיפיאָר, און דער עיקר — דער יונגער פּרימאָ־ראָז. דער פּאָטער זיינער — פון דור־דורות קעניגן און לאָרדן. די מו־טער — אַ ראָטשילד. דעם יונגן פּרימאָראָז קען עטל. זי האָט זיך מיט אים לעצטע וואָך באַקענט. ער איז צוגעשטאַנען, אַז עטל זאָל מיט אים רעדן העברעאיש, גע׳טענה׳ט אַז עטל׳ס העברעאיש קלינגט שיינער ווי איטאַליעניש, קלינגט ווי שטיקער אָפּערא.

עטל האָט געקוקט אויף די ביליגע קליידער, וואָס זענען געלעגן אויפן בעט ווי הרוגים. קיין זאַך איז איר איצט נישט איינגעגאַנגען. אַלץ אַרום איר האָט זיך גענוצט, אַלץ האָט זיך געלאָשן — דער טאָג, די אייגענע חלומות. פאַר די אויגן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ בראָנ־קסער טענעמענט־הויז. אַ גרוי הויז מיט „פייער־עסקייפּס". אויפן דריטן שטאָק דריי צימערן מיט אַ קיך. ס׳איז היים, ס׳איז דושנע, ס׳איז נישטאָ מיט וואָס דעם אָטעם צו כאַפּן. דער פּאָטער קומט פון דער אַר־בעט. ער איז הונגעריק, איז מיד, ער שלעפּט קוים די געשוואָלענע פיס. ס׳קליינוואַרג מיידט אויס דעם פאָטער, רוקט זיך אין די ווינקלען. דער פאָטער וואַרפט אַראָפּ ס׳רעקל, ס׳וועסטל, ס׳העמד. ער פרעגט אין דער וועלט אַריין:

— אפשר איז דאָ אַ בריוו?

— אודאי דאָ — קומט די מוטער, אַ פאַרשמירטע, אַ פאַרשוויצטע אַריין פון קיך — כ׳האָב שטענדיק גע׳טענה׳ט, אַז מיר וועלן נאָך דער־לעבן נחת פון עטל׳ען, נאַ, לייען, זי האַלט דאָך ביי אַ כלה ווערן — —

— ביי אַ כלה ווערן? — נעמט דער פאָטער דעם בריוו און אויפן מידן, אויסגעמאַטערטן פּנים באַווייזן זיך שטיקלעך שמייכל — מיט וועמען?

— מיט וועמען ?

דאָס שנירל האָט זיך מיט אַמאָל ביי עטל'ען איבערגעריסן. אין מוח איז געוואָרן פּוסט, אונטערן האַרץ — הויל. פון אונטערן בעט, פון אונטערן טיש, פון אַלע ווינקלעך האָבן זיך גענומען רוקן שאָטנס. עטל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס האָט זיך געהויבן איבער יפוער גאַס. וואו אַ קוק — דעכער, דעכלעך, קוימענס. און איבער די קוימענס — בערג און בערגלעך. ניי־ירושלים, אַלט־ירושלים. און דאָרט פון הר־הצופים, וואו ס'הויבן זיך די אוניווערזיטעט געביידעס, קען עטל אַפילו מיט צוגעמאַכטע אויגן זען דעם ים־המלח.

זי האָט צוגעשפּאַרט דעם הייסן שטערן צו דער קילער שויב, געקוקט ווי אויף אַ דאַך, געגנאַיבער, האָט זיך אַ קאָטער קונציק געצויגן איבער אַ שמאָלן ראַנד, זיך געצויגן צו אַ קאַץ, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעטורעמטן רוקן און געוואַרט.

אַלץ אין עטלען האָט זיך אַ צי געטאָן, האָט זיך אַ ריס געטאָן צום יונגן פּרימאָראַז, וואָס איז געווען דין, וואָס איז געווען הויך, נישט ברייט און קורץ, ווי טיטוס. און אַז ס'פּנים זיינס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַן אַפּאָלאָן, פון אַ יעזוס, פאַרוואָס זאָל עס אויך נישט האָבן עפּעס פון אַ טיטוס ?

עטל — בערעניקע.

אויב טיטוס האָט זיך פאַרליבט אין בערעניקע'ס פּיס, אין בערעני־קע'ס טראָט, פאַרוואָס זאָל פּרימאָראַז זיך נישט פאַרליבן אין עטל'ס קול, אין עטל'ס קלינגענדיקער אויסשפּראַך ? פאַרוואָס ?

עטל האָט נישט געהערט, ווי טירן האָבן זיך פאַרמאַכט, האָבן זיך געעפנט. און אַז פּרענסים, רעי, לאָראַ, פאַרפּוצטע, האָבן אָן עפן געטאָן עטל'ס טיר, האָט זי אויפגעציטערט :

— וואָס, איר גייט שוין ?

— ס'איז דאָך שפּעט.

— שוין באַלד אַכט.

איינע פון די חבר'טעס האָט אַ דריי געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל און די שטיקער חושך וואָס האָבן אָנגעפילט ס'צימער, האָבן זיך באַ־האַלטן אונטערן בעט, אונטערן טיש, אין די ווינקעלעך.

עטל אין אונטערקליידל האָט געוויזן מיט דער האַנט אויפן בעט, וואו איר גאַנצע גאַרדעראָבע איז געלעגן אָנגעוואָרפן און ס'קול אירס איז פול געווען מיט געוויין :

— כ'האָב נישט וואָס אָנצוטאָן.
— האָסט דאָך מער פאַר מיר — האָט פּרענסים גענומען איבער־וואַרפן די קליידער.
—אַלץ שמאַטעס.
— טו אָן ס'ברוינע, — האָט פּרענסים אַ הויב געטאָן אַ ברוין קליידל מיט שטיקלעך אַרבל.
— ניין, טו אָן ס'גרויע — האָט רעי זיך אָנגערופן.
— און איך האַלט, אַז עטלען קליידט טונקל־רויט — האָט לאָראַ איר דערלאַנגט אַ טונקל־רויט קליידל — נאַ, טו אָן.
— נאָר מיר קבצנים האַלטן זיך אין איין „שטראַצלען", — האָט פּרענסים אַ זאָג געטאָן מיט ביטול — כ'האָב געזען, ווי זיי, די רייכע, טוען זיך אָן! די יונגע לידי סעמיועלס האָט געטראָגן אַזאַ פּשוט קליידל... אַזאַ איינפאַך קליידל . . .
— ס'קאָסט מער ווי אונדזערע אַלעמענס גאַרדעראָבעס — האָט עטל אויף ס'ניי גענומען איבערוואַרפן די קליידער.
— ס'וועט אַמאָל נעמען אַ סוף? — האָט פּרענסים זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.
— איין רגע און כ'גיי — האָט עטל אַ קוועטש געטאָן ס'גלעקל — וואָס מאַכמוד וועט מיר הייסן אָנטאָן טו איך אָן!
מאַכמוד אין דער ווייסער, לויזער קאַפּאָטע מיט די נאָך לויזערע אַרבל, אין די ווייסע ברייטע הויזן, איז נישט אַריין אין צימער, נאָר ער האָט זיך אַריינגע'גנב'עט מיט שטילע טריט, ווי אַ חיה. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ טונקל־רויטע פעסקע מיט אַ שוואַרצן טראָלד. די אויגן זיינע, אי שוואַרצע, אי טונקל פּערלמוטערנע האָבן געהאַט צו זאָגן:
— די „גברת" עטל וויל עפּעס?
— זאָג, מאַכמוד — האָט עטל מיט אַ קול, וואָס איז געקומען פון טיפן האַלדז, אַ פרעג געטאָן אויף אַראַביש — וואָס פאַר אַ קלייד זאָל איך אָנטאָן? וואָס פאַר אַ קלייד פּאַסט מיר בעסער צום פּנים?
מאַכמוד'ס טונקל פּנים האָט אויפגעלויכטן. פון דער טונקלקייט האָבן אַ פּאָר אויגן — שוואַרצע פּיערדיקע אויגן — זיך פריער איינגע־געסן אין עטלען, דערנאָך אין די קליידער, און זיינע ווייסע ציין, ווי פּרישער, ווייסער קעז, האָבן זיך צעלאַכט:

— דאָס שוואַרצע, „גברת״ עטל. מאַכמודן געפעלט שטאַרק די גברת עטל אין שוואַרצן קלייד.

מאַכמוד האָט צונויפגעלייגט די הענט, צוזאַמענגעדריקט די ליפּן — דין, דינער, גאָר דין, אַ שוואַרצער פויגל מיט ווייסע פליגל.

— מאַכמוד איז גערעכט — האָט עטל זיך צעלאַכט — מאַכמוד איז שטענדיק גערעכט!

ווייל מאַכמוד האָט ליב עטל׳ען, — האָבן דער אַראַבערס אויגן געברענט.

די מיידלעך האָבן געלאַכט . . .

9. שטיינער

ס׳איז געווען שבת באַגינען.

אין קאָרידאָר האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ טיר. נעש איז געווען זיכער, אַז די שכנה זיינע, עטל, איז נאָר וואָס אַריינגעקומען. ער האָט געהערט, ווי זי טוט זיך אויס איבער דער וואַנט, ווי זי לייגט זיך אין בעט אַריין מיט אַ קרעכץ. ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן.

נעש האָט מער נישט געקענט שרייבן. ער האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך אַ זייטל פּאַפּיר, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט איין וואָרט — טיטוס, טיטוס, טיטוס. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. פאַר די אויגן האָט זיך געבערגלט אַלט־ירושלים — אַ האַלב איינגעפאַלענע מויער, צעקרישעלטע טורעמס, טויערן, ווי היילן. און איבער דער מויער — אויסגעקרומטע דעכער און דעכלעך. און איבער די דעכער — אַ טרוקענע חמימה.

נעש איז אַראָפּ אין גאַס אַריין און האָט זיך פאַרנומען קיין מערב. ער איז אַריין אין אַלט־שטאָט דורך יפו׳ער גאַס. אַ טויער־זייגער האָט געשלאָגן אַכט. אָנגעלאָדענע אייזלען, אָנגעלאָדענע קעמלען האָבן פאַר־שטעלט דעם וועג. פון די אַראַבישע שפּייז־געוועלבלעך, פון די שענק־לעך, פון די יאַטקעס, וואָס זענען שוין געווען אָפן, זענען אָנגעלאָפן אַראַ־בער מיט כאַרכלענדיקע קולות. מען האָט געשריגן, געשריגן, אָפּגעשריגן און זיך גענומען פונאַנדערגיין. ס׳איז צוריק שטיל געוואָרן.

אויף דער בשמים־גאַס האָט נעש זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז, וואָס איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיינערנער וואַנט. אין דער וואַנט זענען געווען איינגעמויערט רויע שטיינערנע גליבעס, ברייטע, פיר־

עקיקע, ווי שטיקער טראַטואַר. מען האָט אים שוין נישט איינמאָל גע־
האַט אָנגעוויזן, אַז די גרויע פּירעקיקע שטיינער זענען פונעם בית־
המקדש. די כותל־מערבי איז געבויט פון דיזעלבע שטיינער.

נעש איז נאָך ביים כותל־מערבי נישט געהאַט געווען. ער האָט
נישט געוואָלט גיין אַהין. פון יינגלווייז אָן האָט מען אים איינגערעדט,
אַז די „וואַנט" איז אַ צעקרישלטע יצאָן, וואָס מען דאַרף אַרויסרייסן. און
אַז ער איז געקומען קיין ירושלים, איז ער אַהין נישט געגאַנגען. שפּע־
טער, ווען ער האָט גענומען שרייבן די דערציילונג פונעם צווייטן חורבן,
האָט אים יאָ געצויגן אַהין. ער איז אָבער נישט געגאַנגען, האָט נישט
געוואָלט ווערן סענטימענטאַל, האָט אויסגעמיטן די קליינע געסלעך און
ליקלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער „וואַנט".

ס'איז געווען שבת.

דאָ און דאָרט איז פון אַ הויף אַרויס אַ ייד אין אַ שטריימל, אין
אַ קאָלירטער אַטלעסענער קאַפּאָטע. דער טלית מיט דער ברייטער זיל־
בערנער עטרה איבער די אַקסלען. פון די צעפלויגענע פּאָלעס האָבן
אַפּערגעבליצט לאַנגע, ווייסע זאָקן, שוואַרצע, אָפּגעפּוצטע פּאַנטאָפל. מען
האָט זיך געטראָגן אין מיטן גאַס מיט גדלות.

די אויסטערלישע יידן, וואָס האָבן נעשן צוגעוואָרפן אַ ברייטן
„גוט-שבת", זענען אים געוואָרן נאָענט. ער האָט זיי נאָכגעקוקט, ווי זיי
גייען אַליין, ווי זיי גייען מיט די ווייבער, ווי זיי גייען מיטן גאַנצן הויז־
געזינט. דאָס גיין האָט נעשן מיטגעשלעפּט. ער האָט זיך פאַרנומען
רעכטס. קולות ,אי שטילע, אי באַנומענע, זענען אים מיט אַמאָל באַ־
פאַלן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געוואָלט מיט איין בליק
אַרומנעמען — מזרח, מערב, צפון, דרום. ער האָט געוואָלט אַרומנעמען
דעם גאַנצן המון, וואָס איז געווען צעוואָרפן אין מנינים, אין קרענצלעך,
ביחידות. נעשעס אויגן האָבן נאָך אַלץ געזוכט דעם כותל־מערבי:

וואו איז ער?

אָט דאָס טאַקע איז דער כותל־מערבי?

פון אָט דעם פּלאַץ האָט זיך טאַקע די שכינה קיינמאָל נישט אָפּ־
געטאָן?

נעש איז געבליבן שטיין פאַר אַ ווייל אָן אָטעם, געבליבן שטיין מיט
אַ הוילקייט אַרום האַרץ. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן —
שטיינער, ברייטע שטיינער, לענגלעכע שטיינער, פּירעקיקע שטיינער,
דורכזיכטיקע שטיינער — אַ שטיינערנע וואַנט. און אַרום דער וואַנט

— יידן פון אַלע עקן וועלט. יידן פון בבל, פון קורדיסטאַן, פון בוכאַרע. יידן פון פּערסיע, פון עגיפּטן, פון טוניס, פון תימן. פּוילישע יידן, רוסישע יידן, ענגלישע יידן, אַמעריקאַנער יידן. פּרויען מיט אויערינגלעך, מיט רייפלעך אין די נעז, מיט בראַנסלעטן אַרום די קנעכלעך. „פּלעפּערקעס" מיט יינגליש געשוירענע האָר. טייל האָבן געדאַוונט מיט אַ מנין, טייל — ביחידות. אַ ייד אין אַ בלויער אַטלעסנער קאַפּאָטע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, האָט געגראָבן דעם קאָפּ אין אַן אויסגעגעסענעם שטיין און געזאָגט, „זוהר" מיט אַ ברען. אַ דינע פרוי, אַ געוויקסיקע, מיט גאָר שמאָלע פּליצעס האָט זיך געצויגן איבער דער וואַנט. מיט דורכזיכטיקע פינגער, האָט זי געגלעט די שטיינער, זיי געקושט מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיט די באַקן.

אַ פרעמדער איז נעש געגאַנגען צווישן עולם. ער האָט זיך געשאַרט האַרט לעבן דער וואַנט. אין די שטיינער־שפּאַלטן האָבן געשטעקט קוויטלעך. נעש האָט געשלעפּט איין קוויטל נאָך צווייטן, זיי געלייענט. כמעט אַלע קוויטלעך האָבן געהאַט איין געבעט — פּרנסה און קינדער. און די קינדער — דווקא יינגלעך, נישט קיין מיידלעך. צווישן דרייסיק תכלית־קוויטלעך האָט זיך פאַרוואַרגעלט איין קוויטל, וואו אַ ייד האָט געבעטן כח צו עבודת־הבורא.

די פרעמדקייט און וואָכעדיקייט איז אין נעשן געוואַקסן.

צוויי פּוילישע יידענעס, אין שטערנטיכלעך, האָבן פאַרגעסן אַז זיי זענען אַהערגעקומען תפילה־טאָן. זיי האָבן זיך צוגעהערט, ווי אַ שפּאַניאָליש ווייבל האָט מיט האַרץ אַריינגערעדט אין דער וואַנט אַריין. איינע פון די יידענעס האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער דער צווייטער, איר שטיל איינגערוימט:

— האָט מן הסתם אַ שווער האַרץ.

— די „פרענקינע?" — האָט די צווייטע געענטפערט מיט שמייליקע ליפּן און געוויזן מיט אַ גראָבן פינגער אויפן שפּאַניאָלישן ווייבל — גלייבסט טאַקע אַז זיי שטאַמען פון אברהם־אָבינו?

— אַז מען פאַרשטייט נישט זייער לשון — האָט די ערשטע אַריינגערעדט דער צווייטער אין אויער אַריין — ביי מיר וואַשט איינע קען זי די נאָז נישט אויסשנייצן. אַנשטאָט אַן אויערינגל, טראָגט זי גאָר אין דער נאָז אַ זילבערן קנעפּל.

ביידע יידענעס האָבן זיך שטיל צעלאַכט.

עולם — טליתים איבער אַקסלען, טליתים איבער קעפּ — האָבן גע־

האַלטן אין אָנקומען מינינימוויז. דאָ האָט מען געזאָגט „קדיש״, דאָרט האָט מען אריינגעכאַפּט אַ „קדושה״, געזאָגט הויך, געזאָגט אין געאײַל און מיט אַזאַ התלהבות, און מיט אַזוינע פּאַרריסענע קעפּ און מיט אַזוינע צעשפּרייטע הענט, נאַקעטע הענט, צעוויגטע הענט, אַז דער שטיילער, הייסער שבת־פרימאָרגן האָט אויפגעציטערט, האָט זיך געריסן איבער דער „וואַנט״, איבער ירושלים, הויך, העכער — קדוש, קדוש, קדוש!

נעש איז מיטגעריסן געוואָרן. ס׳האָט אין אים זיך אָנגעהויבן עפּעס איבערצואַנדערשן. אויס פרעמדקייט, אויס וואָכעדיקייט. ער האָט זיך געדרייט צווישן די מנינים, צווישן די הויזגעזינטן, וואָס זענען אָנגעקומען, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען. טענות, אָן ווערטער, זענען אויפגעגאַנגען אין אים:

— חלוצים? קבוצות? דאָס קען מען האָבן נישט בלויז אין אַרץ־ישראל, נאָר אויך אין קרים, אין כערסאָן, אין ניו־דזשוירזי, אין קאַליפאָרניע, אין אַרגענטינע. און וואו נישט? און די שטיינער — אָט די דורכזיכטיקע שטיינער? דאָס איז מער, ווי אַ שטיקל וואַנט, וואָס קרישלט זיך, מער ווי אַ חורבה, מער ווי ליריק. ווען די נשמה פון אַ גאַנץ פאָלק בענקט, שוויגט, וויינט, הערט דער יחיד אויף צו זיין מיט זיך אַליין, העלפט מיט פרייד שלעפּן די אויסגעבויטע, אַרומיקע וועלט, דערפילט אין זיך דעם אָטעם פון גאַנצקייט, פונעם „אחד״, דערפילט אין זיך די זיכערקייט, אַז ס׳שטייט אַ וועלט. און די קולות, די געוואַלדן, וואָס הייבן זיך איבער דער „וואַנט״, איבער ירושלים? דאָס איז פאָלק־פּאַטאָס!

נעש האָט זיך מער נישט געדרייט צווישן המון. ער האָט זיך געאײַלט, זיך געטראָגן אַרום און אַרום דער „וואַנט״. האָט ער עמיצן געזוכט? זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דינער פרוי מיט די שמאָלע פּלייצעס, וואָס האָט זיך געקלאַמערט צו די שטיינער, זיך געצויגן איבער דער וואַנט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריין צווישן די שפּאַלטן. די זון, אַ יונגע, אַ צעפלאַמטע, האָט פאַרטשעפּעט אַ שטיק ציגל־וואַנט, וואָס איז געווען צוגעמויערט צום „כותל״. שטראַלן האָבן זיך צעשאָטן איבער די שטיינערנע פּליטעס, איבער דער פרוי מיט די שמאָלע פּלייצעס. איר פּנים בלאַס און דורכזיכטיק, ווי די שטיינער — האָט אויפגעהעלט מיט אַ וואַרעם, וואַקסן ליכט. דער בליק, ווי נישט פון דער וועלט, האָט אים דערמאָנט זיין אייגענע מוטער, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ ראַק.

דעם לעצטן פריטיק פארן טויט האָט זי געבעטן מען זאָל איר צוטראָגן די לייכטער צום בעט. זי האָט געוואָלט ליכט־בענטשן. די מוטער האָט אַ הייב געטאָן די הענט, אַ הייב געטאָן די אויגן און דאָס פנים, וואָס איז געווען דאַר, איינגעלאָפן און צעוויטאָגט, איז מיט אמאָל געוואָרן אזוי ליכטיק, אזוי דורכזיכטיק, ענלעך צו דעם פנים, וואָס האָט זיך געקלאָ־מערט צום שטיין. דער מוטערס לעצטער בליק איז אים שוין פארבליבן אויף שטענדיק אין זכרון.

אַ הייסע קנויל האָט זיך נעשן אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אריין, געטריבן ס'בלוט אין די שלייפן. ער האָט געקוקט אויף דער צעקרישל־טער וואַנט, געקוקט אויפן המון, וואָס רייסט קברים. אַלץ צעטראָטן. אַלץ באַליידיקט, דערנידרעקט, באַשפּיגן. פאַרוואָס בילט ער נישט, ווי אַ הונט? פאַרוואָס וואָיעט ער נישט, ווי אַ וואָלף?

נעש האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּלעך, איז פאַרביי די ענגלישע וואַך. ער האָט זיך געטראָגן איבער געסלעך, מער נישט געהערט, ווי מען זאָגט אים „גוט־שבת" און איבערן גאַנצן לייב האָט זיך דורכגעטראָגן אַזאַ גרימערייַ, ווי טיף אין אים וואָלט אַ הונט זיך געיאָגט נאָך אַ קאַץ.

נעש האָט זיך דערוווייטערט פון דער „וואַנט". ער האָט זיך גע־איילט, איז כמעט געלאָפן און האָט זיך נישט אויפגעהערט צו ווישן די אויגן, וואָס זענען געווען טרוקן, ווי פייער. פאַרוואָס וויינט ער נישט? ווי זאָל ער וויינען, ווען ס'גייען אין אים אויף די פלאַמען פון דער עקדה, די פלאַמען פון שייטער הויפנס? ס'האָט אים מער נישט געאַרט, וואָס ער געהערט צו אַ געפּייניקט פאָלק. טיף אין אים איז געזעסן די זיכער־קייט, אַז צו זיין אַ ייד, צו זיין אַ געפּייניקטער, איז אַ זכיה.

ביים יפו'ער טויער האָט זיך נעש אָפּגעשטעלט.

אַן המון, אַ פינצטערער המון, מיט אייזערנע דרענגער, מיט שפּאַד־לעס, מיט העק, מיט אַ כאַרכלדיק גמרא־לשון, איז אים אַנטקעגן געקומען.

גייט דאָ יהושע־בן־נון איינעמען יריחו? — פאַרוואָס בלאָזט מען נישט אין די שופרות?

נעש האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון המון:

— וואָס איז דאָ, יהודי? וואוהין קלייבט איר זיך?

— נקמה נעמען האָט דער „יהודי" אָוועקגעלייגט דעם שפּאַדל צווישן די פיס און אָנגעהויבן צו רעדן מיט די הענט, מיטן שוואַרצן שי־טערן בערדל, מיט די ברייטע ווייסע צייט — נקמה נעמען.

— פון וועמען?

— פון די הינט, פון די אראַבער.

— פאַרוואָס?

— הערט און שטוינט — האָט דער פאַרשווין זיך צורעדט אַזוי הויך, ווי ער וואָלט נישט געהאַט אַרום זיך בלויז נעשן, נאָר אַ גאַנצן עולם — דעם דאָנערשטיק איז מיין פֿאָטער געשטאָרבן. מיר, קורדיס־טאַנער יידן, זענען מקבר אַ טויטן, דריי שעה נאָך דער פּטירה. צו דער לויה איז קיין גרויסער עולם נישט געקומען. אַ וואָכנטאָג — מענטשן אַרבעטן. ס'בית־עלמין איז לעבן אַן אַראַביש דאָרף. די הינט, די אַראַ־בער, האָבן באַוואָרפן די לויה מיט שטיינער. ס'איז געווען, זאָג איך אייך, אַן אמת'ער חלול־המת. היינט איז שבת, שבת־שבתון, קורדיס־טאַנער יידן אַרבעטן נישט אום שבת, גייען מיר נקמה נעמען. מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אַראַבישן דאָרף. דאָ ביים יפו'ער טויער דאַרפן מיר זיך אַלע טרעפן.

פלאַמען זענען אויפגעגאַנגען אין נעשן. ער האָט געפיבערט. טענות זענען אים באַפאַלן, זענען צוגעשטאַנען און געמאָנט, ווי ס'מאָנט אַ הונגעריקער שטוב־חיה:

— וואו איז ס'גרויסע מענטשלעכע וואָרט, וואָס איז מיט טויזנטער יאָר קריק געקומען פון ירושלים, געקומען, ווי אַ רוף צו דער וועלט:

אויס מיט אונטערדריקטע פעלקער!

דאָס גרויסע וואָרט פון ירושלים איז נע־ונד, וואָגלט ערגיץ איבער באַרג און טאָל פון יהודה, האָט קיין תיקון נישט. שטייען — ייד, אַראַ־בער, לייבלעכע ברידער, ווי דם־שונאים:

— כלב יהוד!

הונט אַראַבער!

בלויז ס'גרויסע וואָרט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, וואָס האָט אויסגעלייזט מאָסקווע, בלויז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קען אויך אויסלייזן און באַפרייען ארץ־ישראל, קען פאַרברידערן דעם ייד מיטן אַראַבער.

נעש האָט זיך געאיילט אַהיים, זיך געאיילט אין מיס פילד'ס מעבּ־לירטע צימערן.

ס'האַרץ האָט שטיל געוויטיקט פאַר הערש־לייבן, דעם קופערשמיד, פאַר דער דינסט פנינה'ן, פאַר דער עלעגאַנטער מיס עטל, פאַר די פאַר'־חשכ'טע יידן, די „שואבי־מים", פון קורדיסטאַן. ס'האַרץ האָט אויך גע־וויטיקט פאַר די אומגעקומענע פיאָנערן פון דער דגניה'ער אין עין־

חרובֿער קאַמונעס. אויף זייערע מצבֿות שטייט — דער׳הרגעט, דערמאָר־דעט, זיך געטויט, פֿאַרבֿרענט פֿון קדחת. און הינטער דעם ווייטיק — אַ באַליידיקט פֿאָלק — אַ גאַנץ פֿאָלק, וואָס בענקט, וואָס וויינט, וואָס שווייגט, וואָס מוז קריק יונג ווערן.

10. אין סאַנאַטאָריע מוצא

נעש האָט זיך איבערגעוואָרפֿן אויפֿן געלעגער, איז געוועזן זיכער, אַז ער איז נאָר־וואָס איינגעשלאָפֿן, און האָט מיטאַמאָל ברייט צעעפֿנט די אויגן:

— וואָס, סאיז שוין גרויסער טאָג?

בערג און טאָלן, באַשאָטן מיט צעקרימטע אויבס־ביימער, האָבן זיך געשפּאַרט מיט אַזאַ יונגער גרינקייט אין דעם צעעפֿנטן פֿענצטער אַריין, אַז די לופֿט אין צימער האָט זיך געגרינט.

אַן אויסגעשלאָפֿענער, אַ לייכטער, איז נעש אַראָפּ פֿון געלעגער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגערל. ס׳איז געווען פֿינף פֿאַרטאָג. ער האָט זיך גע׳חידוש׳ט, וואָס די פֿיס זענען ביי אים אַזוי לייכט, דער מוח אַזוי לופֿטיק, קיין זכר פֿון דער נעכטיקער מידקייט, און געשלאָפֿן איז ער אינגאַנצן אַ פֿינף שעה.

אונטערוועגנס, צווישן תל־אביב און ירושלים, איז דער אויטאָמאָביל קאַליע געוואָרן, און נעש מיטן שאָפֿער האָבן זיך אַרום עלף ביינאַכט קוים דערשלעפּט אין דער סאַנאַטאָריע מוצא.

נעש האָט זיך אויף גיך איינגעוואַשן, נאָך גיכער זיך אָנגעטאָן. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, געקוקט רעכטס, געקוקט לינקס, געוואָלט זען, צי ס׳וואַקסן טאַקע אין מוצא ווערבעס. סוכּות־צייט פֿלעגט מען דאָך פֿון דאָרף מוצא ברענגען קיין ירושלים הושענות.

ס׳האָבן זיך געצויגן סעדער, גערטנער. און איבער די גערטנער, אויפֿן העכסטן בערגל, — חורבֿות, אַן איבערבלייבעניש פֿון אַ רוימישער פֿעסטונג, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטעלן דעם וועג קיין ירושלים.

נעש האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס ס׳טרייבט אים. אַן אומרו האָט זיך געלייגט איבער אים, דער אומרו, וואָס באַפֿאַלט אים אַזוי אָפֿט, ווען ער זיצט ביים שרייבטיש. דער בליק אין די אויגן ווערט אַן אַנדער־רער, אַ פֿרעמדער, ווי נישט פֿון דער וועלט. דער בליק, וואָס איז אויס-

געלאָשן פאַרן אַרום, קריכט דורך וועגט, קריכט דורך הייזער, דערזעט זאַכן, וואָס זענען מער נישט בנמצא.

נעש האָט זיך געאײַלט. ער האָט דער ערשטער געוואָלט אַרויס אויף די וועגן, געוואָלט באַגעגענען יענעם פרימאָרגן, ווען שליחים זענען געקומען צו די אײַנוואוינער פון קרית־יערים, אַזוי צו זאָגן:

„— — — די פּלשתים האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט. נידערט אַראָפּ, נעמט אים אַרויף צו אײַך. און די מענטשן פון קרית־יערים זענען געקומען און האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט און אים געבראַכט אינעם הויז פון אבינדוב׳ן, אויפן בערגל".

אויף וואָס פאַר אַ בערגל?

אַ קו האָט זיך צעמעקעט. אַ צווייטע האָט איר געענטפערט. נעש האָט זיך אײַנגעהערט אינעם טרויעריקן מעקען, וואָס האָט זיך געקײַקעלט פון באַרג אין טאָל, און זײַנע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די וועגלעך און אונטערוועגלעך, געזוכט די יונגע קו, וואָס מעקעט, געזוכט גאָטס אָרון.

נעש איז נישט געווען דער אײנציקער צו באַגעגענען דעם פרימאָרגן. אַ מענטש איז שוין געשטאַנען אויף די קני צווישן די בייטן און האָט זיך געגראָבן מיט די פינגער אין דער ווייכער, קילער ערד. נעש האָט געפילט, ווי ס׳גייט אין אים אויף די פרייד פון גראָבן זיך אין דער ערד, אַ פרייד, וואָס געבערט, וואָס פאַרזיכערט דעם מענטשן, אַז וואו ער האָט צוגעלייגט זײַנע פינגער, וועט אַרויס אַ פלאַנץ. נעש איז אַרײַן צווישן די בייטן, האָט באַגריסט דעם אַרבעטער און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳דאַרף זײַן אַ גרויס גליק, ווען אַ מענטש קאָן זיך חבר׳ן מיט דער ערד.

אַ שטרויענער קאַפּעלוש מיט גאָר ברייטע ראַנדן האָט זיך אַ הויב געטאָן. ס׳פנים — נאָז, אויגן און באַקנביינער — האָט זיך פריער גע־ווענדט קיין מזרח, וואו די זון, אַ נײַ־געבוירענע, האָט זיך געריסן פון טאָל. דערנאָך האָט דאָס אָפּגעברענטע, אָפּגעצערטע פנים, אַ פאַרעל־טערט פנים, אַ קוק געטאָן אויף נעשן אי מיט חידוש, אי מיט ביטול.

— איר קומט אודאי פון חוץ־לאָרץ, — האָט דער אַרבעטער זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שטײפע פיס. — אַלע וואָס קומען פון חוץ־לאָרץ מיינען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי זיך צו גראָבן אין דער ערד. אין דער ארץ־ישראל׳דיקער ערד — אודאי און אודאי. דאָס האָט מיר אויך געזאָגט דר. הערצל, ווען איך האָב אים געהאָלפן פאַרזעצן

אויפן שפיץ בארג א יונגן צעדער, וואס די טערקן האבן אפגעהאקט אין דער מלחמה.

— און איר האלט, אז ס'איז נישט קיין גליק? — האט נעש זיך געכאפט, אז ס'שטייט פאר אים א מענטש, וואס איז אלט געווארן פאר דער צייט.

כ'וויים — האבן דעם ארבעטער'ס מויל־ווינקלען זיך צעשמייכלט — כ'קאן אייך פארשאפן דאס גליק. אז איר ווילט, בלייבט ארבעטן א טאג אין גארטן. ס'איז פאראן וואס איבערצוזעצן, מען דארף אויס־יעטן שלעכטע געוויקסן. איך האב אבער מורא, אז ווען איר וועט אפ־זיצן אויף די קני פון זונאויפגאנג ביז זונפארגאנג, וועט איר דערשפירן דעם טעם פון „בזיעת אפך". דעמאלט וועט איר זיך דערוויסן, אז אויב ארבעט איז א קללה, איז ערד־ארבעט — די תוכחה אליין. איר, טו־ריסט, ווי טויזנטער פאר אייך, זענט דאך אודאי געקומען קיין מוצא זוכן הושענות, ווייל ס'שטייט ערגעץ אין דער גמרא, אז מוצא האט צו־געשטעלט הושענות קיין ירושלים. זאג איך אייך, אז איר וועט אין מוצא קיין ווערבע נישט געפינען. איר, גלות־יידן, לעבט מיטן „אמאל". דער רבי פלעגט טייטשן: „נחל — א טייכל". און אין ארץ־ישראל וואו איר וועט צוקומען צו א „נחל", איז עס א טריקעניש. דא איז אלץ אנדערש!

די ארומיקע שטילקייט, וואס האט נאך געטראגן אין זיך נאש־ריחות פון עפל־בליעכץ, האט אויפגעציטערט. א וואלקן שטויב האט זיך א הויב געטאן איבערן גארטן. פונם שטויב האט זיך ארויסגעריסן א פאסאזשיר־אויטא, וואס איז געבליבן שטיין פארן סאנאטאריע־ארייג־פאר.

דער ארבעטער האט א וויש געטאן אן די הויזן די ערד פון די הענט און זיך איינגעקוקט ווער ס'איז אנגעפארן. ער האט געזאגט:

— צו־פרי פאר געסט.

פון דעם פאסאזשיר־אויטא האבן זיך ארויסגעשאטן איבער צוויי צענדליק יונגעלייט, וואס מען באגעגנט אין די ישיבות פון אלט־ירושלים. זיי האבן געטראגן שווארצע אלפאגענע באלאטלעך, שווארצע רבנישע קאפעלושלעך. אויף די אויסגע'דבקה'טע פנים'ער — לאנגע געקרויזטע פאות.

די יונגעלייט, איבערגעשראקענע, האבן זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן. זיי האבן דערזען נעשן מיטן ארבעטער און זיך גענומען דורכ־

רעדן מיט די אויגן, מיט די הענט. צוויי פון די יונגעלייט זענען אונ-טערגעקומען און זיך געפרעגט:

— וואו גייט מען דאָ צום „ארז־הערצל״?

דער ארבעטער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן אויף די צוויי אירע, זיי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן צו דער כנופיה, וואָס איז געבליבן שטיין אַרום דעם אָמניבוס, און ס'קול זיינס איז פול געווען מיט בייזער:

— איר ווייסט, אַז דאָ אין מוצא איז אַ סאַנאַטאָריע? אַז אַרבע־טער קומען אַהער אַרויס זיך אָפּרוען? און אַז איר כאַפּט זיך אויף מיט די הענער גלייך און ווילט דווקא דעמאָלט עולה־רגל זיין קיין מוצא, איז עס אַן עולה! איר לאָזט נישט שלאָפן!

די יונגעלייט האָבן געפינטלט מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך דער־פילט שולדיק, און גאָרנישט געענטפערט. דער אַרבעטער האָט געוויזן אויף אַ שמאָל שטעגל:

— אַז איר וועט אַרויפקומען אויפן באַרג, אויף דער „הרצליה״, נעמט זיך רעכטס. דאָרט וועט איר זען אַ שטאַם פון אַ בוים אַרומגע־רינגעלט מיט שטיינער.

פּאַלעס זענען זיך צעפלויגן, קאַפּעלושן האָבן זיך גערוקט פון קאַרק אויפן שטערן. מען איז געגאַנגען איינציקווייז, געגאַנגען גיך, ווי צו אַ דבר־מצוה, ווי מען וואָלט געדאַרפט אָפּטאָן אַ נויטיקע שליחות. ביי אַנדערע יונגעלייט האָבן פון צווישן די שוואַרצע צעפלויגענע פּאַלעס אַרויסגעבליצט ווייסע, לאַנגע זאָקן.

נעש איז זיי נאָכגעגאַנגען.

די זון האָט זיך געריסן פונעם טאָל, זיך געהויבן איבער די בערג־לעך, באַהאַלטן צווישן די פלאַנצן גאָלד און זילבער. און דאָרט וואו די בערגלעך זענען געווען נאַקעט האָבן זיי אונטער דער הייסער זון אויס־געזען ווי אַ געשווילעכץ.

נעש האָט אויפגעציטערט.

די יונגעלייט האָבן זיך צעשטעלט אַרום דעם „הערצל־שטאַם״ אין אַ ראָד, זיך צעשטעלט, ווי לויט אַ קאָמאַנדע, און זיך צעשאָקלט מיט אַ ברען, ווי צו כל־נדרי:

— שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי גיך, אַז ווען די יונגעלייט, ווי שוואַרצע קראָען, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פונעם „ארז־

הערצל", ערשט דעמאָלט האָט נעש זיך דערמאָנט, אַז נאָכן „שקע תשקצנו" האָט די גאַנצע כנופיה דריי מאָל אויסגעשפּיגן. נעשן האָט די כנפּה געגעסן. וואָס מאַכט ער נישט קיין געוואַלד? אַט ליגן דאָך אַזויפיל שטיינער, פאַרוואָס פּלעט ער נישט כאָטש איינעם פון דער כנופיה דעם מוח? נעש האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, איז געשטאַנען ווי אַ געלײמטער. און כאָטש ער האָט פאַר זיך געזען דעם אָפּגעהאַקטן צעדערבוים, געזען די ירושלימער יונגעלײט, אין שוואַרצן, ווי רויב-פייגל, איילן זיך באַרג־אַראָפּ, איז ער אַלץ נישט זיכער געווען, צי ער האָט דאָס טאַקע אַליין געזען, צי ער האָט דאָס געלייענט אין די „פּוילישע וועלדער", וואו חסידים זענען משתין אויף בערעק יאָסעלאָוויטש'עס קבר.

פון טאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. דאָס האָבן די „קריגער", וואָס זענען איינציקווייז אַריין אין דעם פּאַסאַזשיר־אויטאָ, געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן באַזיגט דעם „שונא".

— וואָס איז די שמחה אויף אייך, פראַים? — איז אָנגעלאָפן דער אַרבעטער מיט אַ שטעקן — וואָס פאַר אַ זינגען, ווען דער עולם שלאָפט?

דער אַרבעטער האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן שטעקן אין ליידיקן חלל אַריין. דער פּאַסאַזשיר־אויטאָ איז פאַרשוואונדן אין דעם אייגענעם שטויב, וואָס ער האָט געהויבן אַרום זיך.

פונעם וואַלקן־שטויב, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, האָט זיך אַרויסגעשיילט דער שאָפער, אַ געבוירענער, ווי ער שטייט פאַרן מאָטאָר און דרייט אים אָן מיט אַזאַ רציחה, אַז די געפּאַסטע קאַקי־הויזן פּלאַצן שיעור נישט אויף זיין בכבוד'יקן געזעס. דער שאָפער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— וואָס, אדון נעש, מיר פאָרן?

ער האָט נישט געוואַרט אויף נעשעס ענטפער און ס'האָט פון אים אַרויסגערעדט:

— ווען איך כאַפּ די ירושלימער „קעסט־קינדער", די מנוולים!

נעש האָט זיך אָפּגערעכנט ביי דער קאַסע. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט לעבן שאָפער. דער מאָטאָר האָט זיך העכער צעסאָפּעט און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט זיך דערוווייטערט פון דער סאַ־נאַטאָריע מוצא. דער פרימאָרגן איז שוין געווען אַ הייסער, כאָטש די זון האָט זיך נאָך ערגעץ אויסבאַהאַלטן, בלויז געשיקט איבער דעם טיף־

בלויען הימל פּייערדיקע פּיילן, וואָס האָבן געצונדן דאָ אַביימל אין גרי־נעם גאָלד, דאָרט אַ קעמל אויף אַ באַרג.

ביים אַספּאַלט שאָסע, וואו וועגן האָבן זיך געקרייצט, איז געשטאַ־נען אַן איבערגעוואַקסענער פּאַרשוין אין אַ שטרויענעם אָפּגעטראָגענעם העלמעט, וואָס ענגלישע פּאָליציאַנטן טראָגן. דער פּאַרשוין האָט פריער אַ הייב געטאָן איין האַנט, דערנאָך די צווייטע און אַזוי איז ער פאַר אַ ווייל געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעבויגענער צלם. און אַז דער אויטאָ־מאָביל האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער זיך צערעדט האַלב אין העברעאיש, האַלב אין יידיש:

— איר פאָרט קיין תל-אביב? נעמט מיך מיט.

— וואָס, אויפנעמען? — האָט דער שאָפער אַ פרעג געטאָן נעשן און דער בליק זיינער האָט זיך געשאַרט איבערן פּאַרשוינס העלמעט, איבערן העמדל, וואָס ס׳איז שווער געווען צו זאָגן צי ס׳איז ברוין, צי געל — ס׳וועגד זיך אין אייך, אדון נעש.

— אַ מענטש בעט דאַרף מען אים אויפנעמען.

אַ נישט אויפגעלייגטער האָט דער שאָפער געעפנט ס׳טירל. און אַז דער פּאַרשון האָט זיך אַריינגעזעצט, האָט דער שאָפער איינגערוימט נעשן:

— כ׳וואָלט געשוואוירן אַז ס׳איז איינער פון דעם „דוטשי׳ס״ אַט־יודאַנטן.

— וועמעס? — האָט נעש געפרעגט.

— זשאַבאָטינסקי׳ס — האָט דער שאָפער נאָך שטילער געזאָגט.

— מער יחוס ווי צו זיין אַ הסתדרות׳דיק.

דעם פרעמדנס ענטפער איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז דער שאָפער איז געבליבן אַ ווייל אָן לשון. דאָס האָט דעם פרעמדן געגעבן די אויבערהאַנט איבערן שאָפער און ער האָט ווייטער גערעדט:

— אויב ס׳איז דאָ אויפן היגן יידישן ישוב אַ נגע-צרעת, כ׳מיין אַן אויסשלאָג, וואָס איז אָנשטעקנדיק און וואָס ס׳איז אַ מצוה אויסצו־ברענען, איז דאָס די הסתדרות, וואָס וויל איינפירן אין ארץ-ישראל סאָ־ציאַליזם, קאָמוניזם.

— און איר, ברוינע העמדלעך, וועט נישט לאָזן איינפירן אין ארץ־ישראל קיין סאָציאַליזם, האַ? — האָט דער שאָפער אַזאַ האַסטיקן שטעל אָפּ געטאָן דעם אויטאָמאָביל, אַז ס׳האָט נעשן צוויי מאָל אונטערגעהויבן פון געזעס — נישט דערלעבן וועט איר עס, פאַשיסטן!

דער שאָפער האָט מיט רוגזה אויפגעפּראַלט ס'טירל פון דער מאַ־שין, געוויזן מיט דער האַנט דאָ אויפן פּרעמדן, דאָ אויפן פינקלדיקן אַספּאַלט־וועג און זיך צעשריען, ווי אַ באַנומענער:

— כ'זאָל וויסן מיטן קאָפּ צו פאַרלייגן, וועל איך קיין איין טראָט ווייטער נישט פירן! געגאַנגען! גע—גאַנ—גען!

און אַז דער פרעמדער האָט דערפילט אונטער די פיס דעם אַספּאַלט, האָט ס'איבערגעשראָקענע פּנים, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ביטול, געהאַט צו זאָגן:

— כ'האָב דיך אין דר'ערד מיטן אויטאָמאָביל!

דער שאָפער האָט זיך נישט געקענט שטילן, זיך איינגעקליאַמערט מיט ביידע פויסטן אינעם טרייב־ראָד, געיאָגט די מאַשין און געבערדט צו זיך:

— אַזאַ הונט מיט אויערן! אַזאַ שטרייק־ברעכער!

11. דער סטרייק

קיין וואָלקנדל, קיין שאָטן. דער הימל — טיף בלוי, דער ים — גרין. די זון, וואָס האָט געברענט, געבלענדט, האָט דורכזיכטיק געמאַכט די לופט, ברייטער און בולט'ער דעם שטח, אַז דאָס אויג האָט לייכט געקענט אַרומכאַפּן און אויסשיילן גאַנץ יפו, וואָס איז געלעגן אַן אַנגע־וואָרפענע אויף אַ בערגל.

עולם האָט זיך געאיילט, האָט זיך געשטופּט אָן אויפהער מיט די טראָטוואַרן, מיט די גאַסן, ווי תל־אביב וואָלט נישט געהאַט קיין ניינציק טויזנט איינוואוינער, נאָר אַ מיליאָן. דאָס האָט מען זיך געאיילט צו די אָמניבוסן, צו די דראָזשקעס, צו די טעקסיס, מורא געהאַט צו בלייבן ערגיץ שטעקן אין שטאָט, ווען אין תל־אביב וועט זיך אַלץ אָפּשטעלן — די אַרבעט, דער האַנדל, אפילו דאָס עסן אין די רעסטאָראַנען.

עס איז געווען האַלבצוועלף. נאָך אַ האַלבע שעה און דאָס גאַנצע יידישע ארץ־ישראל וועט אַרויס אין אַ זיבן שעה'דיקן סטרייק קעגן ענג־לאַנד, וואָס דערגייט דעם יידישן ישוב די יאָרן.

אויף עלענבי גאַס, האַרט לעבן ים, זענען געווען צעוואָרפן אַרבעטער. שיך צעפּאָרענע, צעפּרעסענע פון שטויב און קאַלך. אַרום די לענדן—שטיק־לעך הויזן. און די נאַקעטע לייבער — ברוינע, ערדענע, קופּערנע — האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל זון, אַזויפיל גאָלד, וואָס דער הייסער טאָג האָט מיט רחבות געשפּריט. .

מענטש, קעמל, אייזל — אַלע אין זיבן שווייסן — האָבן געשלעפּט זעקלעך זאַמד, זעקלעך צעמענט, זעקלעך זשוויר, געשלעפּט הייסע עמערס סמאָלע. דאָס אַלץ האָט מען גשליידערט, געבראָכט אין אויפגעריסענע מאַשין־בייכער. די בייכער האָבן זיך גענומען דרייען. זשוויר־זאַמד צעמענט־סמאָלע האָבן זיך גענומען מישן, האָבן זיך גענומען קנעטן מיט אַזאַ געגריליץ, מיט אַזאַ געעגבער, אַז די ציין זענען געוואָרן אייליק. דעם אַספאַלט האָט מען געגאָסן אין טאַטשקעס, זיי געפירט צו דער פריש אויסגעברוקירטער גאַס, וואו מען האָט די וועגעלעך אויסגעליידיקט. וואַלץ־מאַשינעס מיט פאַרריסענע העלדזער האָבן זיך געקייקעלט איבערן אַספאַלט, אים אויסגעגלייכט, אים איינגעקוועטשט, איינגעפּרעסט. און די צעפלאַמטע לופט איז פול געווען מיט עגבער־בוירעריי, מיט מאָטאָר־סאַפּעריי, וואָס האָבן אָפּגעטעמפּט די חושים, דעם מוח, אָנגעיאָגט אַ הינער־פּלעט.

נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַרבעטער האָבן זיך געקאָפּיעט אין זאַמד, זיך טיף געקאָפּיעט ביז איבער די בייכער, ביז איבער די העלדזער. זיי האָבן אַריינגעפּאַסט און פאַרפעסטיקט דאָ וואַסער־רערן, דאָ קאַנאַליזאַציע־רערן. אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט אייזערנע טעלעגראַף־סלופּעס. איבער רישטאָוואַניעס האָבן זיך געהויבן מוליאַרעס מיט טרעגלעך־ציגל אויף די נאַקעטע פּלייצעס. אין די הענט — עמערס קאַלך, עמערס ליים, עמערס צעמענט. און די זון האָט געברענט, און דאָס זאַמד אונטער די פיס האָט געברענט, און די לופט אַן אָנגעגליטע האָט פון מאָל צו מאָל אַ ברען געטאָן.

נעש האָט געקוקט אויף די יידישע אַרבעטער, אויף דער לאַנגער אַלענבי גאַס, וואָס האָט געוויגלט מיט מענטשן, אויף דער אַראַבישער יפו, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פונעם גרינעם ים און געוואָלט וויסן צי יונה הנביא, ווען ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן פון גאָט, איז ער טאַקע אַנטלאָפן אַהער קיין יפו, וואו די פּלשתים האָבן געוואוינט? ער האָט געוואָלט וויסן צי אויף די זאַמדן פון תל־אביב, אַנדערהאַלבן שעה פון ירושלים, האָט טאַקע דער יידישער גאָט געפירט אַ לאַנגע מלחמה מיטן גאָט פון די פּלשתים, מיט דגונען?

פון אַן אייזערנער קעלניע, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אַ קנעט־מאַשין, איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ יונג, שוואַרץ און אויסגעשמירט, ווי אַ קוימען־קערער. ער האָט אַ קוק געטאָן נעשן אין די אויגן אַריין און זיך געפרעגט מיט אַן אָפּן, צוגעלאָזט פּנים:

— דאַכט זיך, נעש?

— יאָ.

— כ'האָב אייך גלייך דערקענט, כ'האָב אייך אין 1922 געזען אין וואַרשע — האָט דער אַרבעטער אַריינגערוקט נעשן אַ האַנט — זייט געגריסט אויפן כביש *) פון תל־אביב.

די „שלום"־הענט האָבן אַ ציטער געטאָן, זיך שטאַרקער איינגעקליאַמערט. אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פרייד, זיך געוואָלט דערגרונטעווען, ווי ס'וואָלטן נישט געשטאַנען קיין צוויי ווילד־פרעמדע מענטשן, נאָר אַלטע באַקאַנטע. נעש האָט זיך געפרעגט:

— וואָס, מען רעדט נאָך אויפן כביש יידיש?

— מען רעדט, אוי, רעדט מען.

— איר זענט אַ לינקער פועל־ציון?

— פאַרוואָס עפעס אַ לינקער? — האָבן די אויגן אַרויסגעפינקלט פונעם אויסגעשמירטן פנים.

— ווייל איר רעדט נאָך יידיש.

— כ'בין נישט קיין לינקער.

— אַ רעכטער? — האָט נעש געפּרובירט טרעפן.

— אויך נישט.

— וואָס דען זענט איר? — האָבן ביידע זיך צעלאַכט.

— כ'בין אַ פשוט'ער אַרבעטער, וואָס איז נישט רעכט, וואָס איז נישט לינק. און יידיש רעד איך נישט בלויז אין תל־אביב, כ'רעד אויך אויפן כביש. און אויפן כביש רעדט מען ערשט יידיש, ווייל אין תל־אביב היט מען זיך נאָך.

— אַזוינע ווי איר זענען פאַראַן אַ סך?

— אַ סך, אַ סך, — האָט אַ שטיקל געלעכטער אויפגעטוקט אינעם אויסגעשמירטן פנים, ווי ס'טוקט אויף אַ שטיקל זון אין אַ פאַרוואָלקנטן הימל — און וואָס איז די נפקא־מינא צי מען רעדט יידיש, צי העברעיִש? דער עיקר — האָט ער מיט די נאַקעטע הענט געוויזן אויף די ברייטע שאָסעען — דאָס אַלץ, וואָס איר זעט האָבן יידישע אַרבעטער געמאַכט, דאָס אַלץ האָט דער יידישער אַרבעטער דורכגענעצט און איינגעצעמענטעוועט מיט זיין אייגן בלוט און שוויס. און איצט לאָזט מען אונדז אין לאַנד נישט אַריין. מען וואַרפט אונדז צו סערטיפיקאַטן, ווי

*) כביש — שאָסע.

אין די פּוילישע שטעטלעך פלעגט דאָס אָנגעפּרעסענע קהל צוואווארפן דורכפּאַרנדיקע אָרעמעלייט „פּלעטן אויף שבת. אָפּשטעכן בערג, לייגן שאָסעען, אויסטרוקענען זומפּן — וואָס מיר זאָלן נישט טאָן — קוקט דאָס „קולטורעלע" ענגלאַנד אויף אונדז קרום. אוי שמעקט נישט דעם ענגלענדער, וואָס דער ייד הייבט אָן איינצופירן דאָס עלעקטרישע לעמפּל אינעם אַראַבישן דאָרף אריין. פאַר ענגלאַנד איז געזונטער, ווען דער אַראַבער וועט אין די אָוונטן זיצן אין דער פינצטער.

עס האָבן זיך ארום נעשן גענומען קלייבן ארבעטער. און כאָטש מען האָט דאָ אָפּגעשטעלט אַ מאָטאָר, דאָרט אַ מאָטאָר, איז אין די אויערן נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס בויערייַ. עס זענען אויך אונטערגעקומען סתם דורכגייער. די קנעט־מאַשין, די וואַלץ־מאַשין, די מאָטאָרס — אַלץ האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם, אַלץ איז געבליבן ליגן, ווי נאָך אַ שלאַכט. ערשט איצט האָט מען געהערט, ווי דער שטילער ים שווענקט זיך אין דעם ווייסן זאַמדיקן ברעג.

אַ דורכגייער, מיט אַ ברייטער פּוילישער אויסשפּראַך, האָט אומדערוואַרט אַ זאָג געטאָן צו נעשן, ווי צו אַ לאַנדסמאַן:

— און איר, פּאַניע נעש, דאַרפט זיך נישט צוהערן צו די אַלע שיינע ריידעלעך. געגוג זיך שוין געפּאַטשט אין די בייכלעך, געגוג. מען דאַרף זיין אָביעקטיוו, ווייל דאָס גאַנצע תל־אביב, מיטן גאַנצן הור־האַ איז אַן ערשט קלאַסישער „בלאָף". ווער ס'קאָן לעקט אָפּ אַביינדל און ס'איבעריקע איז בלאָף, בלאָף, בלאָף!

— וואָס, האָבן עטלעכע ארבעטער זיך מיטאַמאָל צעלאַכט — איר זענט געבעך פון די אָפּגעברענטע פון די נשרפים? וואָס, איר האָט שפּעקולירט מיט „מגרשים" *) און פאַרלוירן די פּאָר פּיאַסטערס?

— גאַנץ תל־אביב איז איין גרויסע שפּעקולאַציע — איז דער פאַרבייגייער גרייט געווען ווייטער צו רעדן.

קיינער האָט זיך צו אים מער נישט צוגעהערט.

ס'איז געווען מיטאָגצייט. עולם האָט געוואָרפן די ארבעט. וואו אַ געוועלב, וואו אַ געוועלבל, וואו אַ סאָדע־בודקע — אַלץ האָט זיך צוגעמאַכט, אַלץ האָט זיך געשלאָסן. פון גאַס און געסל האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין אָנקומען, געשטראָמט איבער דער לאַנגער אַלענבי־גאַס. וואו אַן אויטאָמאָביל און אַ דראָזשקע אָפּשטעל, וואו אַ דורכפאָר, האָבן

---

*) מגרש — אַ שטיקל לאַנד צו בויען אַ הויז.

צען און צוועלף יעריקע יינגלעך עם פארשטעלט מיט לײדיקע פעך פע־סער, מיט שטיקער בלעך. פאליציי, די ביקסן אין די הענט, זענען אנ־געפארן אויף געפאנצערטע אויטאמאבילן, אויף מאטארציקלס. זיי האבן אוועקגעשארט די פעסער, די שטיקער בלעך. און ווי נאר די פאליציי אויטאמאבילן זענען פארשוואונדן, איז דאס קליינוואַרג קריק אויסגע־וואקסן און די דורכפאר פלעצער זענען ווידער פארבאריקאדירט געווארן. אלץ איז אפגעטאן געווארן שנעל און שטיל, מיט פארזארגטע פנים׳ער, ווי דאס וואלט בלויז געווען אן אנהייב צו א לאנגער „עבודה", וואס דארף ערשט קומען. דא און דארט האט מען געווארענט דעם המון:

— רבותי, האלט זיך רואיק, לאזט זיך נישט פראוואָצירן. ענגלאנד האט דא נישט צו טאן מיט אירע האלב־ווילדע שבטים. שטייט נישט אויף איין פלאץ, האלט אין גיין.

און מען איז געגאנגען אין די טויזנטער, אין די צענדליק טויזנטער. מענטשן, וואס האבן נאר וואס געווארפן די ארבעט. די שיך — פאר־שטויבט, פארקאלכט. די פנים׳ער — פארביטערט, צעוויייטיקט. די אר־בעטער האבן אויסגעמיטן די אויסגעפוצטע „ברוינע העמדלעך", וואס האבן מארשירט, ווי זעלנער. די טויזנטער, די צענדליק טויזנטער אר־בעטער, זענען געגאנגען און האבן געשוויגן, זענען אנטקעגן געגאנגען געפאנצערטע אויטאמאבילן, וואו פאליצאנטן זענען געשטאנען מיט גע־לאדענע ביקסן אין די הענט, געווען גרייט צו שיסן.

און מיטאמאל א געלויף.

מען האט דערטאפט אין א זייטיק געסל א רעסטאראן, וואו די קעל־נער האבן נישט געווארפן די ארבעט. יונגווארג האבן פארשטעלט טיר און פענצטער. דער רעסטאראטאר, א חוצפה׳דיקער ייד, האט זיך אנט־קעגנגעשטעלט:

— קודם כל דארפן מיינע געסט אפעסן מיטאג!

— קודם כל פארדינט אזא ייד, ווי איר, פעטש!

דער רעסטאראטאר האט געכאפט א פלאם אין פנים אריין. ער האט זיך קוים ארויסגעריסן פונעם המון. יונגווארג האבן גענומען ברעכן שטולן, רייסן פענצטער. די קעלנער זענען ארוים אין די ווייסע רעק־לעך. זיי זענען ארוים איבערגעשראקענע, מורא געהאט ארײנצוכאפן קלעפ און זיך געבעטן:

— מיר האבן געווארפן די ארבעט... מיר האבן געווארפן...

אן ענגלישער ייד איז פארבייגעגאנגען מיט צוויי דאמען. ס׳האט

אים לאַנג געגומען ביז ער האָט דערטאַפּט אַן אַרבעטער, וואָס זאָל זיך מיט אים אויס׳טענה׳ן אויף ענגליש.

— דערצו האָב איך נישט געדאַרפט קומען קיין ארץ־ישראל — איז דער ענגלענדער געוואָרן בלאָס פון כעס — דאָס האָב איך דאָך אין ענגלאַנד!

— און אויב איר מיינט, אַז ארץ־ישראל איז אַ „האָלי־לענד" און אַ „האָלי־לענגוויטש", — האָט דער תל־אביב׳ער אַרבעטער געענטפערט דעם ענגלישן ייִד מיט מער כעס — האָט איר אַ טעות! ענגלאַנד דריקט דעם ארץ־ישראל ייִד, דער רייכער ייִד דריקט דעם ייִדישן אַרבעטער, טאַקע, ווי אין ענגלאַנד, און דאָס איז דער הייַנטיקער פּראָטעסט, דער הייַנטיקער סטרייק.

נעש איז ווידער אַריין אין דער אַלענבי גאַס, געהערט, ווי מען וואָרענט דעם המון:

— לאָזט זיך נישט פּראָוואָצירן... האַלט אין גיין...

פּיס האָבן זיך געהויבן, זוילן האָבן זיך געשאַרט איבער שטיין, איבער אַספאַלט, זיך געטראָגן אַנטקעגן געפּאַנצערטע פּאָליציי אויטאָמאָבילן. נעש האָט געוואָלט וויסן צי אויף ארץ־ישראל איז טאַקע אָנגעפאַלן אַ שלאָף, אַ חוני־המעגל־שלאָף, אויף קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר? און נאָכן שלאָף — די זעלבע אינערלעכע רייסערייען — בריונים, הסתדרות׳ניקעס? פונעם קרימלעכן שטילעט איז געוואָרן אַ רעוואָלווער, פונעם רוימישן אָדלער — אַן ענגלישער לייב?

נעש איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן המון, וואָס איז געגאַנגען אַ שטומער. און אַז די שטומקייט האָט זיך גענומען כפל׳ען אויף צענדליקער טויזנט מיילער און הערצער, איז די שטומקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשריי, אין אַ געשריי פון אַ גאַנץ פאָלק.

ארץ־ישראל, 1934



דיזען בילד, מיינע טהייערע לעזער, שיק איך
אייך אלס אייביגען אנדענקען, פערגעסט ניט אן
אייער הערצענספריינדליכען [illegible]

משה יעקב ראָזענפעלד.

Morris Rosenfeld.

ד"ר. יעקב שאַצקי

מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון זיינע בריוו *)

מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד איז געווען דער פאָנען־טרעגער פֿין א ליטעראַרישן דור, וואָס איז געווען, לויט דעם טרעפלעכן אויסדרוק פון לייוויקן, א „ממזור דור", א דור אָן ליטעראַרישע טראַדיציעס און אָן ליטעראַרישע אחריות.

דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ראָזענפעלד אָפּגעלעבט אין אַמעריקע. אויב „יידישע" אַמעריקע איז געווען אַ טראַגישער פונקט (און איז נאָך עד היום) אין לעבן און שאַפן פון א סך פון אונדזערע שריפטשטעלער — איז פאַר ראָזענפעלד'ן דאָס דאָזיקע לאַנד געווען, ווי צוגעפּאַסט. ווייל די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט כמעט ווי נישט עקזיסטירט. אירע „שרייבער" האָבן געקוקט אויף שרייבן „יידיש טייטש", ווי אויף א גייסטיקע הילף פאַר די „אָרימע אימיגראַנטן" פון דערזעלבער קאַטעגאָריע, ווי די „האַיאַס"־טעטיקייט איז געווען אַ מאַטעריעלע הילף. עס איז געווען נישט מער, ווי טאָן עפּעס, וואָס איז אומפאַרמיידלעכער פּאַליאַטיוו איידער דער אימיגראַנטישער דור וועט אַריינגיין אין דעם „ענגליש־שפּרעכנדן" אַמעריקאַנער גן־עדן.

ראָזענפעלד'ן האָט געפעלט דער עלעמענט פון קאָלעקטיווקייט, אָן וועלכער עס איז נישטאָ קיין ליטעראַטור. אָן אַ ליטעראַרישער טראַדיציע, אָן קינסטלערישן קאָמפּאַס איז ער געוואַקסן ווילד, נישט קאָנטראָלירט פון א קריטישן באַראָמעטער — איז ער געווען דיכטערישע ווילד גראָז, געוואַקסן אין זכות פון זיך אַליין, געשעפּט יניקה פון אייגענע, פּאָטענציעל זער שטאַרקער, קינסטלערישע וואָרצלען.

---

*) די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן אויפן סמך פון ראָזענפעלד'ס בריוו צו פאַרשיידענע פּערזאָנען, הויפּטזעכלעך צו פ ר אָ פ ע ס אָ ר ל ע אָ ו ו י נ ע ר , פון האַרוואַרד.

איך האָב בדעה גאָר אין גיכן פאַרעפנטלעכן די אַלע בריוו, וואָס וועלן בלי ספק זיין אַ צושטייער צו דער ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן דיכטער.

די אַלע בריוו געפינען זיך אין מיין רשות מערסטנטיילס אין אָריגינאַלען. אייניקע פּערזאָנען מיט וועלכע ר. איז געשטאַנען אין אַ בריוונאויסטויש האָבן מיר געגעבן אַ דערלויבניש צו מאַכן קאָפּיעס פון זייערע בריוו.

די ציטאַטן פון די בריוו ווערן געבראַכט מיט דער מאָדערנער אויטאָגראַפיע.

לייוויק קוקט אויף ראָזענפעלד'ן, ווי אויף דעם טראַגישן טרעגער פון דעם שריפטשטעלערישן גורל פון דעם גאַנצן עלטערן דור פון אַמע־ריקאַנער יידישע שרייבער. אָבער צו זיין טראַגיש דאַרף מען פאַרמאָ־גען יענע גייסטיקע יסורים־עלעמנטן, וואָס זיינע מיטצייטלערישע שריפט־שטעלער האָבן נישט פאַרמאָגט. ראָזענפעלד איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געטראָגן אין זיך אָט־יענעם טראַגישן געראַנגל צווישן היימישער, סענטימענטאַלער ליבע צו דער „יידישער סטיכיע" און קאַלט־בלוטיקער „האָכשטאַפּלערישער" גאווה זיך פון איר באַפרייען כדי געפי־נען אַ וועג צו דעם נסיונות־פולן טויער פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

געקומען איז ראָזענפעלד קיין אַמעריקע מיט אַ נישט גענוג רייכן גייסטיקן באַגאַזש און מיט אַ פאַרבנלאָזער קליינבירגערלעכער פאַרגאַנגענ־הייט, וואו עס איז נישט געווען אפילו קיין רמז פון אידעאַישקייט, ווי מיר געפינען דאָס ביי איניקע שרייבער פון זיין דור. אין דער אַלטער היים איז ער געווען, לויט זיין אייגענער אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק, אַ „בעל'בתישער לייזדיקגייער" וועלכער פלעגט „אַביסל לערנען אין בית־המדרש און אַביסל זיך לערנען אויף אַ מאַשין" אין זיין טאַטנס „שאַפּ".

דער דראַנג צו שרייבן האָט זיך ביי ראָזענפעלד'ן אַנטוויקלט גאָר פרי. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער אַזוי:

„שרייבן געדיכטעט האָב איך אָנגעהויבן, לויט ווי איך געדענק, צו מיין 14טן יאָר. מיינע עלטערן אָבער און אַלע מיינע פריינדע, וואָס קאָנען מיך פון מיינע קינדער יאָרן דערציילן, אַז איך פלעג ליב האָבן צו זינגען לידלעך נאָך צו מיין 7טן יאָר; דאָס מענטשן פלעגן זיך אַרומ־קלייבן אַרום מיר און בעטן מיך, איך זאָל זיי זינגען לידלעך, נאַטירלעך פאַרשיידענע פאָלקס לידלעך, וועלכע איך האָב צו יענער צייט געקענט".

דאָס איז דער וועג פון אַלע פרימיטיוון: עס זינגט זיך אין זיי, זיי שרייבן לויט דעם שטאַמפּישן נוסח פון פאָלקס ליד, וואָס איז אויך — אין תוך גענומען — אינדיווידועל.

זיין שרייבן איז אין אָנפאַנג נאַציאָנאַל; פרימיטיווער „יידן־שמערץ", וואָס איז נישט מער ווי אַ ריין פיזישער באַנעמען דעם ווייטאָק פון דער רעכטלאָזער יידישער עקזיסטענץ. דער גאַנצער טראַפּאַרעט פון קלאָג ווערטער, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין זיין תקופה אַ דאַנק דער וואַנדערנדיקער חיבת ציוניסטישער „דיכטונג" פון די בדחנ'ישע משוררים.

דאָס „פּראָלעטאַרישע" קומט שפּעטער — אָדער ווי ראָזענפעלד שרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

„מיינע ערשטע געדיכטע זענען געווען נאַציאָנאַלע, שפּעטער, אַריינ־פאַלנדיק אין די סוועטינג שעפּער פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק האָב איך גענומען זינגען אַרבעטער לידער".

באַמערקט דעם וויכטיקן בייזאַץ: אַרבעטער לידער הייבט ראָזענ־פעלד אָן צו „זינגען", ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין שאַפּ, דאָס הייסט, בעת ער גופא האָט געליטן פון דעם דאָזיקן סיסטעם, אויף וועלכן ער האָט געקוקט מיט אַזאַ איבערגעטריבענער טראַגישקייט; די טראַגישקייט איז געווען נישט קיין אָביעקטיוויזירטע טראַגיק, נאָר אַ סוביעקטיוויר־טער אומגליק.

דער ייד („נאַציאָנאַלע לידער") איז אין ראָזענפעלד'ס וועלט באַנעם פאַרבונדען אויך מיט אויסערלעכע אומגליקן. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ראָזענפעלד אַזוי:

„די טעטיקע פּעריאָדע פון מיין דיכטן איז געווען אין דער צייט פון די לעצטע פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד און גריכנלאַנד (אין קאָרפו). דאַן האָב איך זיך פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט. פאַר מיר האָט נאָר געלעבט איין זאַך: און דאָס איז געווען דער ייד".

ראָזענפעלד פאַרגעסט נישט צו דערמאָנען אַז דווקא די נאַציאָנאַ־לע לידער האָבן אים געמאַכט אַ שם אַ סך יאָרן פריער, איידער ער איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע פּראָלעטאַרישע לידער. זייער וויכטיקייט באַשטעטיקן די רעצענזיעס אין די העברעאישע זשורנאַלען ווי אויך אין „וואָסכאָד", וואָס איז צו יענער צייט געווען אָנערקענט פאַר דעם העכסטן פּוסק אין דער יידישער ליטעראַטור.

די דאָזיקע אַמפּליטודע: נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַריש פאַרגרעסערט זיך אָדער פאַרשמעלערט זיך אָפּהענגיק פון די דרויסנדיקע סיבות וואָס באַ־ווירקן דעם דיכטערס פּערזענלעכן גורל און געמיט. וואָס איז געווען ראָזענפעלד'ס גייסטיקער באַגאַזש? וואָס האָט ער געהאַט צו פאַר־דאַנקען דער לעקטור פון פּאָעטן? אין דער יוגנט האָבן אים באַווירקט די העברעאישע פּאָעטן אדם הכהן לעווענזאָן און י. ל. גאָרדאָן, — באַ־ווירקט אָבער „נישט צו שטאַרק באַגייסטערט" — ווי ער דריקט זיך אויס. שפּעטער קומען די דייטשע קלאַסיקער. ווען ער איז אַלט גע־ווען 25 יאָר האָט ער געלייענט שעקספּירן אויף דייטש. פינף יאָר שפּעטער האָט ער זיך באַקאַנט מיט די וועלט קלאַסיקער, ווי האָמער,

ווירגילי, דאנטע, הוגא אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. זיין באַליבטער פּאָעט איז אָבער געווען געטע, וועמענס נאָמען ער דערמאָנט זער אָפט אין די בריוו זיינע. אַ זער שטאַרקע השפעה האָט אויף אים געהאַט היינע, אפשר דעם סאַמן דעציזירענדיקן איינפלוס.

די דאָזיקע מאָמענטן פון באַווירקונגען זענען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער ביאָגראַפיע פון ראָזענפעלד. וווייל, הגם דער דיכטער גופא פאַרזיכערט אונדז אַז ער „דענקט אימער אין יידיש-דייטש און בין כמעט (!) גאַנץ אָריגינעל" (פון זיין אויטאָביאָגראַפיע) — דאַרף לאָזן זיך נישט פאַרלייקענען גאָר שטאַרקע השפעות פון פרעמדע פּאָעטן.

וויכטיק זענען אויך די דאָזיקע ידיעות פאַר דער כאַראַקטערים־טיק פון ראָזענפעלד'ס מענטאַליטעט. ראָזענפעלד האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ גרויסן למדן און מיט ביטול זיך באַצויגן צו אַנדערע, וואָס שרייבן „יידיש־דייטש", ווייל יענע זענען געווען אין זיינע אויגן אומוויסנדע מענטשן. אין זיינע בריוו וואַרפן זיך דורך זער אָפט פאַראַכטונגס באַמערקונגען וועגן די יידיש־לייענער, ווי וועגן אומוויסנדע מענטשן.

פון דער דאָזיקער האַלטונג פון זיך און פון דער באַציאונג צו דער דירעקטער אווידיטאַריע זיינער האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט דער ראָזענפעלדישער קאָמפּלעקס, אַ דואַליזם, וואָס האָט אַזוי פיין, אין תוך גענומען, געפּאָרט זיין אויבנאויפיקן סאָציאַליזם מיט זיין פּסידאָ־אינטעלעקטואַלן אַריסטאָקראַטיזם.

ראָזענפעלד האָט אָבער פאַרמאָגט נאָך איין שטריך אין זיך, אַ שטריך זיכער אַן אָרגאַנישן, נישט אַנטנומען פון דרויסן: דאָס איז געווען זיין פּאַלעמישער טעמפּעראַמענט און איבערגעטריבענע סענסיווי־טעט—צוויי זייטן פון איין מעדאַל, צוויי סימנים פון אַ אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט.

ראָזענפעלד פאַרלאָזט זיין היים אין 1882. אַ געוויסע צייט געפינט ער זיך אין אַמסטערדאַם.

קיין אַמעריקע וואַנדערט ער צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל ווילט ער דאָ אַ קורצע צייט און פאָרט אוועק פון דאַנען אַן אַנטוישטער. ער קען אָבער אין זיין פויליש־ליטוויש שטעטל מער נישט זיין. ער באַזעצט זיך אין לאָנדאָן, וואו ער קומט אין באַרירונג מיט דער יידישער אַנאַר־כיסטישער גרופּע. ער שרייבט שוין לידער, וואָס ווערן גע'פּסל'ט פון די רעדאַקטאָרן פון „אַרבעטער פריינט". דאָס אַנטוישט אָבער נישט

דעם יונגען אימיגראַנט. סוף זומער 1886 קומט ראָזענפעלד צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע.

דעם 17טן דעצעמבער, 1886, האָט ראָזענפעלד דעביוטירט אין דרוק מיט אַ ליד, וואָס איז דערשינען אין דעם האַלב־סאָציאַליסטישן וואָכנ־שריפט „די יודישע פאָלקסצייטונג".

ראָזענפעלד ווערט אַ שרייבער. צו דיכטונג איז נאָך ווייט, אָבער אין גראַמען „שרייבט זיך". ער שיקט שוין לידער קיין לאָנדאָן, וואָס האָט זיך איצט געשעמט אַביסל פאַר דער „אומגאַסטפריינדשאַפט" צו די ראָזענפעלדישע בכורים, און מיט אַ ברייטער האַנט אים געדרוקט*).

צוויי יאָר שפּעטער (1888) האָט ראָזענפעלד דעביוטירט מיט אַ ביכל לידער א. נ. „דיא גלאָקקע", און אין 1890 דערשיינט זיין זאַמלונג „די בלוממענקעטטע".

צו יענער צייט איז ראָזענפעלד שוין געווען זער פּאָפּולער ביי די יידיש לייענער אין ניו־יאָרק. אין יענעם ווירבל פון אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט ראָזענפעלד זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפּאָרטוניסט. עס איז געווען אין זיינע אינטערעסן צו לעבן בשלום מיטביידע ריכטונגען, ווייל ער האָט זיך מפרנס געווען פון געבן „קאָנצערטן", דאָס הייסט, פון פאָרלעזן לידער אייגענע און פרעמדע.

ראָזענפעלד'ס ענדגילטיקער איבערגאַנג פון דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן

---

*) עס איז זער כאַראַקטעריסטיש פאַרן געשמאַק פון די לאָנדאָנער ראַדי־קאַלען, אַז זיי האָבן אָפּגעדרוקט אַ לאַנג ליד פון ראָזענפעלד'ן א. נ. דאָס פעלד פון סאָציאַלזם, וואָס איז געווען אַ סך שוואַכער, ווי איוביקע לידער, וואָס קראַנץ און ווינטשעווסקי האָבן פריער פאַרבראַקירט.

די ערשטע סטראָפע פון דעם גאַנצן ליד לייענט זיך אַזוי:

אָ ווילדעס פעלד, בעוואַקסן מיט דערנער:
וויסטע שטעפּער, בערג און טאָהל.
דיא שטיינער לאָזן ניט וואַקסן די קערנער
וואָס וואַרן מיט מיה פערזייט אַמאָל.

דאָס ליד איז געדרוקט אין אַ זעלטן ביכל, וואָס געפינט זיך אין מיין באַזיץ א. נ. לאַפּטינ'ס לעבנסבאַשרייבונג, פערפאַסט פון פּ ע ט ע ר ל אַ ו ו ־ ר אָ ו ו און דער פּראָצעס פון 21 ניהיליסטן... איבערגעזעצט אויס דעם רו־סישן פון ל. יאַפּפע, לאָנדאָן, 1888, 48 זייטן. דאָס ליד איז געדרוקט אויף זייטלעך: 48—45.

מיט פרינציפן און אידעאָלאָגיעס. אָבער אין יענער יונגער, ריינער און אידעאַליסטישער תקופה פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס פון אַמעריקע האָט מען זאַכן גענומען זער ערנסט און פרום און ממילא האָט מען זיין האַנדלונג שטאַרק געטאַדלט.

דוד עדעלשטאַט, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מאָריס ראָזענפעלד'ן און וואָס איז געווען פון אים דיכטעריש באַאיינפלוסט — ערקלערט אין אַ ליד, אַז אַ פּאָעט דאַרף נישט זינגען „ווי אַ נאַכטיגאַל און ווערן געליבט פונעם „אַרטאָדאָקס און ליבעראַל". פאַר אים איז דער אידעאַלער דיכטער: דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער, וואָס זוכט נישט קיין באַלוינונג פאַר זיין געזאַנג, נאָר „טראָגט מיט שטאָלץ זיין שווערד און פאָנע".

עדעלשטאַט, דער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך דערפילט אַנטוישט אין ראָזענפעלד'ן, דעם אַנאַרכיזירינדן אינדיווידואַליסט. צווישן עדעלשטאַט'ס מאַנוסקריפּטן האָט מען געפונען אַ בלעטל מיט אַן אויפשריפט: ראָזענפעלד, וואָס אַנטהאַלט אַזעלכע שורות:

„בלייב טריי די וואַרהייט, אַרבעטער דיכטער,
אַף אַפּלאָדיסמענטן ניט וואַרט".

(ציטירט לויט מרמר'ס עדעלשטאַט ביאָגראַפיע, קיעוו, 1935, זייט 254).

דער ראָמאַנטישער רעוואָלוציאָנער עדעלשטאַט, האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען דאָס „ראָזענפעלדישע", וואָס האָט געזוכט דווקא נישט אַפּלאָדיסמענטן אַליין, נאָר ברויט און אַ ברייטערע פעריפעריע פאַר זיין דיכטערישן טעמפעראַמענט, ווי די דאָמאָלסדיקע געגראַמטע פובליציסטיק פון אַנאַרכיסטישן און סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לאַגער האָט געקענט געבן.

בעת ביי עדעלשטאַט'ן איז פּאָעזיע געווען נישט מער, ווי אַ מיטל צום קאַמף, האָט שוין ראָזענפעלד פּרובירט אויסנוצן פּאָעזיע, ווי אַ מיטל אויסצודריקן זיין גאַנצע נשמה און אויך ווי אַ לעבנסמיטל אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

אין 1891 האָט ראָזענפעלד אָנגעהויבן אַרויסגעבן פלוגבלאַט־לידער, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן אין רעסטאָראַנען און אין לאָקאַלן פון די יוניאָנס.

פאַר דעם צוועק האָט ער געזאַמלט אַנאָנסן, וואָס זאָלן דעקן די הוצאות פון אָפּדרוקן אַזאַ פירזייטיקן פלוגבלעטל. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהייסן: „פאָלקס־ליעדער פון דעם בעריהמטען יודישען

פאָלקס דיכטער אונד פּאָעט מאָררים ראָזענפעלד". (פּרייז 1 סענט).
דאָס ערשטע ליד איז געווען: „גזירות רוססלאַנד, צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון „יעקעלע געהט אין שול".

אין דעם דאָזיקן „ליד" פון דעם מיטאַרבעטער פון סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע און אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן געפינען מיר אַזעלכע שורות:

אַללע זאָ ווי איינער
גלוסטן אידיש בלוט,
אַך וויא שמערצט דיא ביינער
אונטער דעם מערדער קנוט!"

זער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדער אַנאָנס, וואָס האָט זיכער געקענט שאַקירן אַזאַ אַסקעטיש ריינעם רעוואָלוציאָנער ווי דוד עדעל־שטאַט:

אַנצייגע

„איך מאַך בעקאַנט מיינע צאָהלרייכע פריינדע לעזער אונד סימ־פּאַטיזירער, דאָס מיט דיעזען ליעד וועט זיך אָנפאַנגען אַ גאַנצע סעריע פאַן פאָלקסליעדער עקסטראַ צום זינגען פיר מיינע אידישע בריעדער אין אַמעריקאַ, דערצו וועל איך עס אויך בעשיינען מיט עטליכע וויצע און סתם גוטע געדאַנקען, וועלכע וועלען דעם עולם פערגעניגען פערשאַפען. דיא טרויעריגע לאַגע פאַן מיינע עלענדע בריעדער אין רוסלאַנד האָט מיך געצוואונגען, אַז איך זאָל זייא ווידמען דאָס ערשטע ליעד, פער־האָפענדיג אַז איהר וועט פערשטעהן וויא אַזעלכע ליעדער צו שעטצען. פערבלייב איך אייער בעקאַנטער מאָררים ראָזענפעלד".

מיטן דאָזיקן נוסח אַנטנומען פון די דאַמאָלסדיקע זאַמלונגען פון יידישע טעאַטער קופּלעטן, וואָס האָבן שוין פאַרפלייצט דעם אַמעריקאַ־נער מאַרק, האָט ראָזענפעלד פּרובירט זיך אויפבויען אַ פּרנסה, וואָס זאָל אים באַפרייען פון אַרבעטן אין אַ שאַפּ.

דאָס איז אים נישט געלונגען, און ער מוז זיך פּראָלעטאַריזירן, ווייל פון דער פעדער לעבן איז אים געווען כמעט אוממעגלעך.

די אַרבעט אין „שאַפּ" איז אָבער פאַר ראָזענפעלד'ן נישט געווען אַזוי טראַגיש, ווי ער מאָלט עס אין זיינע לידער.

אַ געוויסער ענגעלמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן דיכטער אין אַ שאַפּ, דערציילט, אַז ראָזענפעלד אָנשטאָט אַרבעטן פלעגט

„אָפּזיצן שטונדן לאַנג איבער ביכער", וואָס דער בעל־הבית, אַ געוויסער היימאַן גאָלדשטיין האָט געהאַט אין זיין וואוינונג, וואָס איבערן שאָפּ.

„איך בין דאָרטן געווען דער פּרעסער — שרייבט ענגעלמאַן. איך אַליין פלעג אַמאָל ריידן צום פאַרשטאַרבענעם דיכטער, אַז ער דאַרף מאַכן אַביסל אַרבעט. אָבער עס האָט וויניק געהאָלפן".

ווייטער דערציילט דערזעלבער אַרבעטער, אַז דער בעל־הבית און די אַנדערע האָבן „געזען, אַז דער מיסטער ראָזענפעלד איז נישט ווי אַלע אַנדערע. מען האָט שוין דאַמאָלס געזען, אַז דער מאַן וועט אַמאָל אויס־וואַקסן אַ גרויסער מענטש. מען האָט נאָר נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען צו וואָס דער מאַן צילט" („פאָרווערטס" פון 19טן יוני, 1929).

דאָס איז געווען אין 1893 אָדער 1894.

אודאי „האָבן די שאָפּ־חברים נישט געוואוסט וואוהין צילט „מר. ראָזענפעלד". אָבער דער דיכטער האָט עס געוואוסט.

ער האָט געוואָלט זיין נאָר פּאָעט; באַזינגען די ליידן אין שאָפּ, אָבער אַליין נישט ליידן. מעגלעך, אַז די פריערדיקע יאָרן האָט ראָזענ־פעלד טאַקע שווער געליטן אין שאָפּ. אָבער די דאָזיקע סענסיטיוויטעט זיינע איז נישט באַווירקט געוואָרן בלויז פון די שווערע אומשטענדן פון זיין לעבן, נאָר אויך פון זיין פּסיכיק, וואָס האָט געזען אומעטום טראַגיש־קייט.

אין 1893 האָט ראָזענפעלד אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער א. נ. „פּאָע־זיען אונד ליעדער. ערשטער טהייל: נאַציאָנאַלע ליעדער". די דאָזיקע לידער האָבן קיין אינטערעס נישט געקענט אַרויסרופן. דער נאַציאָנאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז צו יענער צייט געווען אַן אָרטאָדאָקסישער, באַווירצט אַביסל מיט חיבת ציון. דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך געטוליעט אין די ווינקלדיקע, עפּעמערישע אויסגאַבעס פון דער לשון־קודש'דיקער זשורנאַליסטיק און אויך ווי אַ נישט קיין זער אויפגעלייגטער גאַסט אויף די שפּאַלטן פון דער קליינבירגערלעכער פּרע־סע. עס איז צו יענער צייט נישט נאָך געווען קיין אוידיטאָריע פאַר אַזוינע מאָטיוון. די איינציקע יידיש לייענער אוידיטאָריע איז געווען די פּראָלעטאַרישע. זי האָט זיך געגנויטיקט אין סאָציאַלע לידער. שוין אין 1889 האָט מען זיך געקלאָגט אין „אַרבעטער פריינט", אַז ראָזענפעלד „דער ברענענדיקער רעוואָלוציאָנער איז געוואָרן אַ ציון באַקלאָגער". עס איז אָבער נישט געווען ריכטיק. אין יאַנואַר, 1890, שרייבט ראָזענפעלד

אַ ליד, וואו ער טרעט אַרויס קעגן ציוניזם. און דערקלערט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט. דער דיכטער זעט אין ציון דעם „יידישן קאַפּיטאַליסט", וואָס עקספּלאָאַטירט, פּונקט ווי מען טוט עס אין גלות".

ראָזענפעלד נעמט זיך צו כל אַלערליי פּרנסות. ער גיט אַרויס אַ סאַטירישן זשורנאַל (צוזאַמען מיט א. מ. שאַרקאַנסקי) א. נ. „דער אשמדאי". וואו ער פאַרעפנטלעכט זיינע פּרעכטיקע לידער פול מיט שאַרפקייט און איראָניע קעגן די, וואָס האָבן אים מבטל געמאַכט ווי אַ פּאָעט, ווייל ער איז אַ „שניידער-אַרבעטער".

ער שרייבט אַן אַן אָפּערעטע א. נ. „דער לעצטער כהן גדול" (1896). אָבער אויך אַן מאַטעריעלן דערפאָלג.

דער ווענדפּונקט אין זיין לעבן איז געקומען אין יאָר 1897, בעת עס איז דערשינען זיין לידער בוך. (ערשטער טייל, אַרויס אין אויגוסט, 1897, מיט אַ בילד פון דיכטער, 88 זייטן).

דאָס דאָזיקע ביכל האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף ראָזענ־פעלד'ס גורל. דער דיכטער האָט זיך באַקענט מיט אַ יונגן געלערנטן, דעם סלאַוויסט לעאָ וויענער, וועלכער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן אַרבעטער־פּאָעט. דאָס „לידער-בוך" איז טאַקע געווידמעט לעאָ ווי־נער'ן, וועלכער האָט שפּעטער מיט זיין ענגלישער אויסגאַבע פון ראָ־זענפעלד'ס לידער געעפנט פאַר אים די „טויערן פון דער וועלט".

די אומשטענדן, וואָס האָבן גורם געווען, אַז די דאָזיקע זאַמלונג זאָל דערשינען, האָט בלי ספק אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן אינטערעס. ראָזענפעלד האָט געקליבן אַבאָנענטן, כדי אַרויסצוגעבן אַ פולע זאַמ־לונג פון זיינע לידער. עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז דאָס איז פאַר־בונדן מיט זער גרויסע קאָסטן. ראָזענפעלד האָט באַשלאָסן דערווייל אַרויסגעבן אַ קלענערע זאַמלונג פון אַן ערך 90 זייטן, פאַר וואָס ער האָט געמאָנט איין דאָלאַר.

אין דער פּרעסע האָט זיך דאַמאָלס באַוויזן אַזאַ אַנאָנס:

בשורה טובה

„די טעג ערשיינט פון דרוק מאַררים ראָזענפעלד'ס „אידישע פאָלקס־ליעדער".

יעדער איינער קען זיך פאָרשטעללען פאַראויס, וועלכע פערלען דאָרט ווערדען זיך איינפינדען (!), ווייל דעם פערפאַססערס נאָמען איז זעהר

גוט בעוואוסט. פּרייז 1 דאָללאַר. צו בעקומען בייא אַללע בוכהענדלער אויך ביים דיכטער: 52 פאָרסייט סטריט".

אין דער הקדמה צום ביכל דאַנקט דער דיכטער זיינע אַבאָנענטן „אים נאָמען דער אידיש־דייטשע ליטעראַטור אין אַמעריקע און אים נאָמען דער וואהרער קונסט".

אָבער ראָזענפעלד האָט זיך שוין דערפילט ענג אין די ד' אַמות פון דער „יידיש־דייטשער ליטעראַטור". דורך ווינערן איז ער אַריין אין אַ וועלט וועגן וועלכער ער האָט ווינציק געוואוסט און נאָך ווינציקער געהאַפט ווען עס איז צו קומען אין אַ קאָנטאַקט מיט איר. דאָס איז געווען פון איין זייט די אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן, און פון דער צווייטער זייט — די „יהודימישע בורזשואַזיע". אַנטוישט אין זיך און מיט אַ ביטול באַציאונג צום יידישן לייענער און באַזונדערס צו דער דאַמאַלסדיקער יידישער קריטיק, האָט ראָזענפעלד געהאַט נאָר איין חלום: אַנטלייפן פון דער „יידיש־דייטשער ליטעראַטור".

וועגן די דאַמאַלסדיקע קריטיקער אין יידיש שרייבט ראָזענפעלד מיט אַ פאַרביסנקייט פון אַ פלעבעיער און גדלות פון אַ פּאַטריציער. בודיאַנאָוו, וועלכער האָט אים קריטיקירט (אין „נייער גייסט") איז „אַ דומער", אַ נאַר, וואָס פאַרשטייט זיך נישט אויף פּאָעזיע.

האַרקאַווי האָט אים פאַרגעוואָרפן פּרינציפּלאָזיקייט; שרייבט ער וועגן אים, אַז ער איז אַ „קריינק".

זעליקאָוויטש איז „אַ שורקע, וועלכער קען אַ מענטשן ברענגען אויף דער תליה (!)".

מיט אַמאָל באַשליסט ראָזענפעלד אינגאַנצן אויפהערן צו שרייבן „יידיש־דייטש". אין אַ ענגלישן בריוו צו לעאָ ווינער (פון 4 מאַרט, 1898) שרייבט צו דער פאַרביטערטער דיכטער אויף יידיש:

„לאַכט נישט פון מיינע ענגליש. אין אַ יאָר אַרום וועל איך שרייבן ענגלישע געדיכטע".

דעם 6טן אָקטאָבער, 1898, שרייבט ער צו דעם זעלבן, אַז ער וויל זיך „ווידמען בוכשטעבליך דער ענגלישער שפּראַכע".

באַזונדערס האָט זיך ראָזענפעלד'ס דעזערטיר קאָמפּלעקס פאַרשטאַרקט, ווען ווינער'ן איז געלונגען נאָך גרויסע באַמיאונגען אַרויסגעבן אויף ענגליש זיינס אַ זאַמלונג לידער.

ראָזענפעלד ווערט באַקאַנט מיט דער „גוייִשער און יהודימישער

וועלט". ווינער רעדט וועגן אים אין די „העכערע" קרייזן פון באָסטאָן. ראָזענפעלד'ן טוט עס גוואַלדיק הנאה. ער איז זער צופרידן דערפון, ווייל ער וועט „געניסן די פריינטשאַפט פון... פּאַרנעמע דאַמען און הערן".

דער דיכטער פון שאַפּ לידער זוכט באַקאַנטשאַפט דווקא מיט די רייכע יאַהודים. מיט זיי — שרייבט ער צו ווינער — איז ער אַ „גע־מאַכטער מענטש": אָן זיי איז ער עלנד, ווייל אין ניו־יאָרק, אַבוואָל צווישן אַזוי פיל יידן און „פריינד" בין איך „לידער" עלנד און אַליין. זעלטן וואו איר וועט געפינען, אונטער יידן אין אַמעריקע, אַ מענטש, וואָס זאָל האָבן אַזוי פיל באַקאַנטע און נישט האָבן צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן" (אין אַ בריוו פון 1טן אָקטאָבער, 1897).

דאָס דאָזיקע געפיל פון איינזאַמקייט שרייבט ראָזענפעלד צו צו צוויי סיבות: דער אומוויסנהייט פון דעם „יידישן מענטשן" און דער קנאה פון די יידישע שרייבער.

ראָזענפעלד'ן ציט צו דער „געבילדעטער וועלט", וואָס איז אין זיין באַגריף אידענטיש מיט דער ענגלישער בורזשואַזער וועלט. ער לעכצט נאָך דער דאָזיקער וועלט און גליכצייטיק האָט ער פאַר איר מורא. אין דער „נייער עלעגאַנטער וועלט", באַקלאָגט זיך ראָזענפעלד אין אַ בריוו, פילט ער זיך פאַרלאָרן. פאַר זיין „רבי'ן און מדריך" לעאָ ווינער גיסט ער אויס זיין ביטער הארץ.

ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דר. פעליקס אַדלער, דעם גרינדער פון די „עטיקל קאַלטשאַר סקולס", דעם סאַמע פּראָמינענטסטן יהודי פון יענער צייט, וועלכער האָט איינגעאָרדנט אַן אָוונט לכבוד דעם דיכטער. דאָרטן זענען געווען די קאָרפּנקעפּ פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און אַקאַדעמישער וועלט.

ראָזענפעלד האָט זיך דאָרטן דערפילט, ווי אַ פּלעבעיער צווישן „אמת'ע" אַריסטאָקראַטן.

„אָ ווען איך וואָלט אייך געקענט האָבן דערביי — שרייבט ער צו ווינער—(13 פעברואַר, 1898), אָן אייך בין איך אַ טויטער מענטש. איך ציטער איבער מיין האַלטונג".

זיי, די מענטשן פון „יענער וועלט", וואָס רעפּרעזענטירן דווקא די דאָזיקע מאַכט, וואָס דער דיכטער האָסט פון טיפן האַרצן און קעגן וועמען ער רעוואָלטירט אין זיינע לידער — זיי, די דאָזיקע „פּאַרנעמע

ליטע" אימפאנירן אים זער שטארק. באזונדערס איז ער שטאָלץ מיט די „גרויסארטיקע לידים" פון דער „סאָסייטי".

דערביי פארגעסט ער נישט צו באמערקן, אז הגם מען האָט אים דאָרטן צוגעטיילט „פודן מיט כבוד" — אָבער די משפחה קען ער פון דעם נישט מפרנס זיין.

„מיין גראָסערי־מאן — באמערקט ראָזענפעלד איראָניש — זאָגט זאָגאר, אז כבוד איז נישט אזא גאנגבארע סחורה" — ווייל ביי אים אין קלייט קען מען דערפאר קיין שפייז נישט קויפן.

אָבער די ווירקלעכקייט יאָגט ער פון זיך אוועק, ווי שלעכטע רוחות.

ער וויל הנאה האָבן פון דער גרינגער און ביליקער גלאָריע — הגם ער פילט, אז לאנג וועט זיין עולם הזה מיט די מענטשן פון „יענער וועלט" פון פראקען און בריליאנטן נישט קענען דויערן.

ראָזענפעלדן טוט שטארק הנאה, וואָס די יידישע שרייבער זענען פול מיט קנאה צוליב זיינע „ענגלישע" טריאומפן.

דער „חזיר־מארק" — אזוי באטיטלט ער די יידישע ליטעראַרישע גאס אין אמעריקע, רעדט נאָר פון אים.

אין קאצענעלבויגנ'ס ספרים געשעפט — אינפאָרמירט ער ווי־גער'ן — אין דער „טרעמפארניע פון אלע חזיר־מארק ליטעראַטן" רעדט מען נאָר פון איין זאך: פון ראָזענפעלד'ס דערפאָלגען און מען רעדט, פארשטייט זיך, מיט קנאה.

דערביי אינפאָרמירט ער אויך זיין פראָטעקטאָר — אז אויף דער יידישער גאס איז איצט א געלאף אויף ענגלישע איבערזעצער און אויף הויכע באקאנטשאפטן.

עס איז זיכער געווען א סך גוזמא אין זיינע רייד, ווייל דערזעלבער ראָזענפעלד הויבט אָן פלוצלונג צו פילן, אז ער איז דאָ נישט דערפאָרן און אהין נישט דערגאנגען, ער איז איינזאם, איינזאם ווי א מענטש און ווי א שרייבער.

אין די גרויע, אשיקע שעה'ען פון זיין שטובּיקן לעבן האָט ער קיין סך נחת נישט געקענט פילן. די אטמאָספערע איז שוין געווען א פרעמ־דע, הגם די קינדער זיינע האָבן אים געגעבן א סך פרייד, אָבער דאָס איז געווען פרייד פון א טאטן, וואָס האָט גערעטענע קינדער.

די לאנדסלייט האָבן אים פארלאָזן; אויב זיי קומען אמאָל צו אים

איז „באַרגן געלט" — ווייל מען האָט אים געמאַכט אַ שם פון אַ רייכן מענטשן.

מיט דערזעלבער האַסטיקייט, ווי ער פאַראורטיילט מענטשן און לאַנדסלייט, פאַראורטיילט אויך דער דיכטער די שפּראַך און די ליטע־ראַטור. וואָס האָט אים געבראַכט די פאַר'שכור'נדיקע אָנערקענונג. אין יידיש גלויבט ער שוין נישט מער.

„דער זשאַרגאָן — שרייבט ער צו ווינער (6טן סעפּטעמבער, 1897) —האָט דאָ אין דיזען לאַנד סאַי ווי סאַי (ניט) קיין צוקונפט. נאָך אין 25 יאָר אַרום וועלן זאָגאַר די בעסטע ווערק געשריבן אין דיזער שפּראַכע אָדער דיאַלעקט נאָר בלייבן ליטעראַרישע קוריאָזיטעטן. ווי איז דעם, וואָס איז נישט אומשטאַנדע אַרויסצוגעבן זיינע געפילן און געדאַנקען אין איינער לעבענדיקען שפּראַכע".

אמת, ער האָט אַ סענטימענט פאַר יידיש, ווייל ער האָט איר „גע־אָפּפערט די בעסטע צייט" פון זיין לעבן, זיין יוגנט. און עס אימפּאָנירט אים זייער שטאַרק, וואָס אַ פּראָפעסאָר זאָל זיין אַ „גוואַלדיקער פּאַרטיידי־קער פון דער אָרימער, געהאַסטער שפּראַכע".

אָבער די מאַסע איז אומוויסנד און דאַרף נישט קיין פּאָעזיע. ראָ־זענפעלד האָט עס מיט יאָרן שפּעטער געזאָגט נאָך שאַרפער. ער איז אַ „פּאָעט ביי אַ פאָלק פון פעדלערס און שמאַטע קלייבערס". די דאָ־זיקע מיינונג האָט ער געהאַט שוין אין יענע יאָרן, ווען ווינער האָט פאַר אים געעפנט די „טויערן פון דער וועלט".

„פאַר וועמען זינגסטו דאָ דיין ליד?
פאַר וועמען?
ווער דאַרף דאָ דיכטער און פּאָעטן".

פרעגט זיך דער דיכטער.

אָדער אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער אַזוי:

„מיין אומה דאַרף קיין לידער,
קיין דיכטער און קיין האַרף,
זי האָט אַ גראָבן סידור
דאָס אַלעס וואָס זי דאַרף".

פֿאַר אַזאַ אומה מיט אַ „גראָבן סידור" האָט ראָזענפעלד געהאַלטן, אַז עס איז נישט כדאי צו שרייבן.

שרייבן דאַרף מען פאַר דער וועלט פון די יעקב שיפ'ס, וואָס קויפן

זיינע ענגלישע איבערזעצונגען אין א גרויסער צאָל עקזעמפּלאָרן און פאַר־טיילן אין יידיש־ענגלישע בילדונגס אנשטאַלטן.

שיף האָט בייגעשטייערט 600 דאָלאַר פאַר א ראָזענפעלד פאָנד. דאָס אימפּאָנירט אזוי שטאַרק דעם דיכטער פון דעם „בלייכן אָפּערייטער" — אַז ער וויל שיפ'ן ווידמען א ליד, וואָס זאָל אריינגיין אין זיין געפּלאַנטן ענגלישן בוך.

ראָזענפעלד וויל געווינען ווינער'ן פאַר דעם דאָזיקן פּלאַן. אין א בריוו צו אים (5טן מאי, 1898) פאַרזיכערט ראָזענפעלד, אַז עס איז א גוטע זאַך און קאָן אמאָל צונוץ קומען, „ווייל צו האָבן דזשייקאָב שיף אַלס פריינד קען נישט שאַדן".

געהאַט האָט ראָזענפעלד אינזינען זיין אַלעגאָריש ליד א. נ. אונדזער שיף, וואָס וואָלט זיך, ווי ער פאַרזיכערט, זער גוט געפּאַסט ווי א סימ־באָלישע ווידמונג פאַר יעקב שיף.

א דאַנק דער שטיצע פון די יהודים וועדט ראָזענפעלד צייטווייליק אויפגעריכט פינאַנציעל. פּראָפעסאָר עדווין זעליגמאַן גיט אים א שטעלע פון א ביבליאָטעקאַר אין דעם קאָלאָמביא אוניווערסיטעט, וואו דער דיכטער האָט געזאָלט קאַטאַלאָגירן די העברעאישע און יידישע ביכער. (פעברואַר, 1899).

ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט דאָרטן אַרבעטן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז אומווירדיק פאַר אים, א וועלט פּאָעט, ווענמענס „לידער רעדן פאַר זיך אליין" צו טאָן אזא לאַנגווייליקע אַרבעט.

ראָזענפעלד'ן געפעלט דער דערפאָלג מיטן ענגלישן באַנד און ער טראַכט שוין פון א צווייטן באַנד לידער אויף ענגליש. אזוי שנעל ווי דער ערשטער באַנד איז אַרויס פון דרוק און עס האָבן זיך א שאָט גע־טאָן רעצענזיעס און ... נדבות, שרייבט דער דיכטער צו ווינער'ן:

„איך פאַרזיכער אייך צוזאַמענשטעלן א בוך מיט פּאָעזיע וואָס זאָל מיך שטעמפּלען אַלס א מייסטער" (28טן פעברואַר, 1899).

ווינער האַלט אים אָבער אָפּ דערפון. ער ברענגט ראָזענפעלד'ן צוריק צו דער ערדישער ווירקלעכקייט און גיט אים צו פאַרשטיין, אַז פאַר דער ענגלישער וועלט איז ער געווען נישט מער ווי אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז. ער דערמונטערט אים צו שרייבן ווייטער אויף יידיש. ווי א קליין קינד הערט זיך ראָזענפעלד צו צו ווינער'ס עצות. „איך האָב אויפגע־געבן דעם געדאַנק צו שרייבן אין ענגליש. אין יידיש האָף איך נאָך זעהר פיעל אויפצוטאָן". שרייבט ער צו ווינער'ן אין 1899.

ראָזענפעלד האָט פּלוצלונג דערפילט, ווי די פרעמדע פּאָפּולאַריטעט האָט אים רואינירט.

„הלואי — שרייבט ער — וואָלט איך געקענט ווידער זיין דאָס, וואָס איך בין געווען: קיינער זאָל מיך נישט קענען און נישט וויסן. די פּאָפּולאַריטעט הרג'עט מיך. די יידלעך מיינען, אַז איך בין שוין גליקלעך און זיינען מיר דם שונאים".

ער פּאַלט ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּ. ער גלויבט שוין נישט מער אין זיין דיכטערישן זשעני.

איך בין אויף זיך קיין מבין (ניט)" — שרייבט ער. אויב זיינע לידער וועלן פאַרלאָרן גיין „וועט אויך די וועלט ליטעראַטור דאָדורך גאָרנישט פאַרלירן". — גיט ער צו מיט יאוש.

אָבער די דאָזיקע ירידה טענער זענען אין תוך נישט מער ווי פּאָזע. ראָזענפעלד האָט דוקא געהאַט אַ שטאַרקן באַוואוסטזיין פון זיין דיכטערישן ווערט.

מיט אַ יאָר פריער, יאַנואַר 1898, האָט ראָזענפעלד אַטעסטירט זיינע לידער, ווי „טייערע שטיק ליריק", וואָס אַנטהאַלטן אַן אָריגינעלן און רייכן זין. (געשריבן צו דעם זעלבן ווינער).

די דאָזיקע געהויבענע שטימונג זיינע כאַראַקטעריזירט דער דיכטער אַמבעסטן אין זיינע בריוו צו ווינער'ן:

„איך בין אַביסל אַ האַסטיקער, אָבער קיין פאַלשער און קיין ליגנער" — שרייבט ער וועגן זיך.

אין אַ צווייטן בריוו באַמערקט ער, אַז ער איז אַ „פריינגייסט און וועט עס אייביק בלייבן".

דער פריינגייסט רעדט פון שטאָלץ, וואָס לאָזט אים נישט צו בעטן אין אַ צייט פון נויט.

ראָזענפעלד האָט זיך פאַר'שיכור'ט פון זיינע אייגענע רייד, וואָס האָבן געזאָלט קאָמפּענסירן זיין שוואַכן כאַראַקטער.

ער איז געווען אַ נעץ מיט ווידערשפּרוכן: אַ שטאָלצער בעטלער, אַ פאַרפאַנטאַזירטער ערלעכער מאַן.

ער האָט, ווייזט אויס, נישט איינגעזען, אַז מיט ווערטער אַליין קען מען דעם אמת'דיקן געשטאַלט פאַר מענטשן נישט פאַרדעקן.

ראָזענפעלד'ס רייד וועגן שטאָלץ האָבן אפשר אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי די, וואָס האָבן אים געקענט פון מעשים און נישט פון ווערטער.

אויב זיי האָבן אים אַזוי שנעל נישט פאַרלאָזן און אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרימע געפילן צו אים און גוטן ווילן אים צו העלפן איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ גרויסן פּאָעט, וואָס איז פאַרשקלאַפט צו נאָך גרעסערע לײַדנשאַפטן.

גרויס האָפענונג האָט ראָזענפעלד געלייגט אויף דער ענגלישער אויס־גאַבע פון זיינע געקליבענע לידער. אין זיין שטענדיק אומרואיקן קאָפּ ווערן געבוירן פאַרשיידענע ווינטמיל פּראָיעקטן. דאָ האָט ער בדעה צו קויפן אַ געשעפט פאַרן געלט, דאָ וויל ער גאָר ווערן אַ פאַרמער. אָבער די פאַרלעגער קאַפּלעגד און קאָ. ווילן אין פאַראויס דאָס געלט ניט אויס־צאָלן. ראָזענפעלד האָפט, אַז דער רייכער פּראָפעסאָר עדווין זעליגמאַן וועט דערווייל אים אויסלייען די נויטיקע סומע געלט.

אָבער דער פּראָפעסאָר אײַלט זיך נישט דאָס צו טאָן. עס איז אים בכלל דער גאַנצער ענין נישט צום האַרצן. ער ווייזט אָבער אַרויס אַ סך געדולד און אינטערעס פאַרן גורל פון דעם „געטאָ־פּאָעט". ער אַראַנ־זשירט פאַר אים אַ סעריע ענגלישע אָוונטן. פאַר יעדן אָוונט האָט ראָ־זענפעלד באַקומען צוואַנציק דאָלאַר האָנאָראַר. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער פאַרלייענער, האָט דער עולם אים געהערט מיט פאַרגעניגן, הגם זיין אויסשפּראַך איז געווען ווייט נישט קיין פּערפעקטע. (דער ערשטער אָוונט איז פאַרגעקומען אָנפאַנג פעברואַר, 1898).

ראָזענפעלד האָט דערביי געהאַט אין געדאַנק עפּעס אַנדערש. היות, ווי זיין ענגליש בוך איז נאָך נישט דערשינען, וועט דער עולם זיכער זיין פאַראינטערעסירט צו קויפן אַ בוך, אַזוי שנעל ווי מען וועט הערן דעם דיכטער פאַרלייענען די בעסטע מוסטערן פון זיין מוזע.

אָבער ראָזענפעלד האָט נישט געהאַט קיין רעכט דאָס צו טאָן אָן דער דערלויבעניש פון איבערזעצער און פאַרלעגער. אַזוי ווי ביי ווינער'ן זענען געלעגן די טעקסטן פון די איבערזעצונגען, האָט ראָזענ־פעלד געמוזט צו אים אָנקומען.

„אויב איר ווילט איך זאָל האָבן וואָס צו קייען און באַצאָלן דעם קומענדיקן חודש דירה־געלט, שיקט מיר צו אַ פּאָר געדיכטע".

ראָזענפעלד האָט אָבער באַלד דערפילט אַז ער אָפּערירט מיט אַרגו־מענטן, וואָס קענען פאַר אים קיין כבוד נישט דערוועקן.

שרייבט ער צו דעם זעלבן פּראָטעקטאָר זיינעם אין אַ מינוט פון אַ זעלבסטאַנאַליזע (אָן אָפּטע דערשיינונג ביי אים) אַ לאַנגען בריוו, וואו ער זאָגט וועגן זיך צווישן אַנדערע זאַכן אַזוי:

„אין מיר ליגט איבערהויפּט צו ווייניק בעטלער. איך בין צו שטאָלץ צו בעטן און אין אַ צייט פון נויט קען איך זיך ערהייבן איבער די פאַרהעלטעניסע".

דאָס איז געווען אַ פאַרמאַסקירונג פון דעם אייגענעם „פּסיכישן מע־כאַניזם", ווי אַ פּרווידיאַנער וואָלט עס אָנגערופן — וואָס האָט אויף ווי־נער'ן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט האָבן קיין ווירקונג ער זאָל ענדערן זיין באַציאונג צו דעם דאָזיקן „גייסט פון ווידערשפּרוכן".

אויך אַנדערע פריינט זיינע באַגריפן זער גוט דעם פּסיכישן קאָמ־פּלעקס פון ראָזענפעלד'ן; זיין טראַגישער קאַמף פאַר אַ שטאָלצער פּאָזע, וואָס ווערט אויף יעדן שריט און טריט באַשטרויכלט פון זיינע אייגענע מעשים, האָט געוועקט צו אים סימפּאַטיע.

ער האָט עס אָבער, ליידער, נישט פאַרשטאַנען און געמיינט, אַז ער נאַרט זיי אָפּ און אַז זיי גלויבן אין אַלץ, וואָס ער דעקלאַרירט אין זיינע בריוו און רייד.

בכלל איז יענע תקופה געווען די סאַמע קריטישסטע אין זיין לעבן. פון דעם גרויסן פאָפּירענעם טריאומף האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט. די גוטע פריינט זענען פון אים מיד געוואָרן און בּיסלעכווייז אים פאַר־לאָזן. די מעטעאָרישע סענסאַציע פון דעם ניו־יאָרקער געטאָ־פּאָעט, וואָס האָט זיך געריסן פון דער יידישער שטייג און איז אין דעם שטייג געבליבן, איז אַראָפּ פון די פראָנטזייטלעך פון דער ענגלישער פּרעסע.

ראָזענפעלד האָט געהאַט שווערע יאָרן פון עקאָנאָמישע זאָרגן און גייסטיקן פּיין. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ דעטראָניזירטער מלך וואָס מוז ווערן אַ שקלאַף. זיין שיקזאַל האָט פאַרשטאַרקט אין אים די היס־טערישקייט און ציניזם. געזעלשאַפטלעך איז ער אויך געוואָרן איזאָלירט. דער דיכטער, וועלכער האָט אין 1889 זיך געווענדט צו די פּאָעטן, אַז זיי זאָלן לאָזן צורו „די רויזן, די ליליען, די שמעטערלינגען, די נאַכטיגאַ־לען" און אַז זיי זאָלן זינגען „קאַנאָנען לידער, שפּיזן לידער" — דער אינספּיראַטאָר פון פּראָלעטאַרישע מאַרשן און סטרייקן, דער פלאַמענדי־קער פאָרלייענער אין די אַרבעטער יוניאָנס — איז איצט געבליבן אַרויס־געשטויסן פון יענעם לאַגער, וועמען ער האָט געוואָלט לכתחילה דינען אויפריכטיק און איבערגעגעבן.

ער טוליעט זיך צו דער אינצווישן מער אויסגעוואַקסענער בעל־הבת'ישער ציוניסטישער באַוועגונג, שרייבט פאַר איר לידער און ווערט

דערפאַר באַלוינט מיט אַ „מאַנדאַט" צום פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן (אין 1900).

אָבער פאַר די ציוניסטן איז ראָזענפעלד געווען צו פלעבעאיש און פאַר געגראַמטע פּאַרטיי לאָזונגען און נאַציאָנאַליסטישע לידער האָט דער ציוניזם פון יענער צייט געהאַט גענוג ביליקע, הן קינסטלעריש והן פינאַנציעל, „דיכטער" הענט — אַזוי אַז אין ראָזענפעלד'ן האָבן זיי זיך באמת נישט גענויטיקט *).

ראָזענפעלד האָט זיך געמוזט איינשפּאַנען אין דעם בעל־הבת'ישן זשורנאַליסטישן פערדל. די דאָזיקע אַרבעט זיינע האָט פאַטאַל געווירקט אויף אים פסיכיש און דיכטעריש. נישט זייענדיק איבערקלייבעריש אין פּאָלעמישע אַרגומענטן, אַגרעסיוו און צופיל פערזענלעך, האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך יענע פּאָזיטיווע דיכטערישע רייכקייטן, וואָס זענען נאָך ווייט נישט געווען אויסגעשעפּט אין אים. אמת זיין קאַמפס שפּראַך האָט ער דערפירט צו דער פּערפעקציע פון אַ שאַרפן שווערד. צו זיין שפּראַך אינסטרומענט האָט ער בכלל זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ און אפילו ליבע. ער האָט געפילט, אַז ער איז געווען און איז נאָך אַלץ אַ בויער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פילאַדעלפיער פריינט ד. ב. טירקעל (פון 7טן דעצעמבער, 1905) שרייבט ראָזענפעלד אַזוי:

„איך שמייכל זיך מיט דער וואַרהייט, דאָס איך האָב געטאָן מער פון אַלע יידישע שרייבער אין דער נייער וועלט צו גרויסן אונדזער מאַמע־לשון און צו ערהויבן דעם כבוד פון דעם יידישן אימיגראַנט פון דער זייט אַטלאַנטיק".

ער קען שוין אין דערזעלבער צייט שרייבן אַז:

„ . . . יידיש, דו מיין בעסטער חלק!
ווי ביסטו רייך, ווי ביסטו הייליק!
וואָס קען איך נישט מיט דיר בעזיגנען".

און וועגן זיין שפּראַך, וואָס וועגן איר האָט ער געשריבן ערשט מיט

---

*) מיט יאָרן שפּעטער, ווען ראָזענפעלד האָט באַזוכט אייראָפּע (אין 1908) האָט ער אין געשפּרעך מיט אַ ציוניסט זיך דעקלאַרירט פאַר אַ פּאָעטישן ציוניסט, וועלכער האָט געטרוימט פון אַ „יידישן מאַיי", מיט צען יאָר פריער ווי הערצלען האָט אָנגעהויבן (זיך) צו חלומ'ען, אַז ער איז אַ ייד".

אַ פּאָר יאָר צוריק, אַז עס איז „נישט כדאי צו שרייבן אין יודיש־דייטש". דריקט זיך דער פּאָעט אויס, אַז:

„מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ים׳ן
און שיין ווי מאַיי אין פולן בליען,
איך זינג און מיינע לידער גליען
אין טויזנט פאַרבעדיקע פלאַמען".

(פון יענער צייט שטאַמען אויך, אַ שטייגער, זיינע טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן דער שפּראַך פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און רוסלאַנד, באַמערקונגען, וואָס האָבן נאָך עד היום נישט פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט).

אַ גרויסע מונטערקייט און אַ ווידערגעבורט פון דיכטערישער ענערגיע האָט אַריינגעטראָגן ראָזענפעלד׳ס רייזע קיין איראָפּע.

דעם ערשטן יולי, 1908 איז ראָזענפעלד אַוועקגעפאָרן מיט דער שיף „קאַמפּאַניע" קיין איראָפּע.

די דאָזיקע רייזע איז געווען פאַר אים אַ גרויסער מאָראַלישער טריאומף.

די באַקאַנטשאַפט מיטן גרויסן טשעכישן פּאָעט יאַראָסלאַוו ווירכליצקי וועלכער האָט איבערגעזעצט זיינע ווערק אויף טשעכיש, איז געווען פאַר ראָזענפעלד׳ן אַ גרויסע באַפרידיגונג. די יוגנט האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם. באַזונדערס האָט אים איפּאַנירט די ליבע פון דער אַקאַדעמישער יוגנט צום יידישן לשון, אַ דערשיינונג אומבאַקאַנט צו יענער צייט אין אַמעריקע.

אין פּראַג האָט זיך ראָזענפעלד באַקאַנט מיט פרידריך טיבערגער (Thieberger) וועלכער האָט איבערגעזעצט אויף דייטש דעם דיכטערס לידער.

אין זיינע זכרונות וועגן ראָזענפעלד שרייבט טיבערגער אַזוי:

„אין יאָר 1908 האָט מאָריס ראָזענפעלד געהאַלטן אין פּראָג אַ פאַרלעזונג. פאַר אונדז יונגע איז ער געווען צוזאַמען מיט פּרוג׳ען, דער שעפער פון דער יידישער דיכטונג און די שטאַרקסטע ערבות פון אַן אמת יידישן פאָלקסטום (Volksgemeinschaft) ראָזענפעלד איז געווען, ווי אַלע גרויסע קינסטלער אַן אויפמונטערער און פאַראייניקער. . . . . נישט קוקנדיק אויף זיין סאָציאַלן פּעסימיזם האָט דאָך פון אים אַ שלאָג געטאָן אויף אונדז אַ כח פון גלויבן. זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען טאַקע

אין דעם, וואָס ער האָט געזען די ווירקלעכקייט, ווי אַ וויזאָגער. אין געשפּרעכן מיט אים האָט אונדז איבערראַשט זיין זאַכלעכקייט און אומפּערזענלעכקייט".

אין דעם דאָזיקן פּראָגער קרייז, וועגן וועלכן דער דיכטער האָט געטראָגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן די בעסטע ערינערונגען, האָבן זיך געפונען די „יונגע ציוניסטן" פון פּראַג, ווי וועלטש, בראָד, מאַרקוס, פישער און אַנדערע.

די וואַרימע אויפנאַמע, וואָס ראָזענפעלד האָט געהאַט אין פּראָג האָט אין אים ערוועקט דעם פאַרלאַנג אין 1909 צו מאַכן אַ צווייטע רייזע. עס האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזט, ווייל דער „טור" איז נישט געווען גרויס גענוג כדי צו דעקן די הוצאות.

אין אַ בריוו צו דר. קיס, זיין אונגאַרישן איבערזעצער, שרייבט ראָזענפעלד (אויגוסט, 1908), אַז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ וועט באַווייזן מיט „אייזערנע פאַקטן, דאָס יידיש איז אַ שפּראַך אין וועלכער מען קען דיכטען און פילאָסאָפירן און שרייבן טעכנישע ווערק, פונקט ווי אין יעדער ציוויליזירטער שפּראַך פון דער וועלט. מיר ווילן אַראָפּנעמען דעם פאַראורטייל פון אונדזער מוטער שפּראַך, וועלכע ווערט גערעדט פון זיבן מיליאָן יידן".

אַן אָפּקלאַנג פון דער טשערנאָוויצער אַטמאָספערע געפינען מיר אין זיינס אַ ליד פון יענער צייט א. נ. „די פאָלקס שפּראַך", וואו ער זאָגט אַז ווען ער הערט ראיות —

„גוואַלטיקע אַ סך
אַז יידיש וועט קיינמאָל נישט ווערן
אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך
כ'הער געדולדיק אויס און לאַך".

פאַר ראָזענפעלד'ן איז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ געווען אַן אָנזאָג פון אַן „אַריסטאָקראַטיזירונג" פון יידיש, דער אָנהויב פון אַ תקופה, ווען „דער מאַרק" וועט אויפהערן צו דיקטירן, ווי די ליטעראַטור צו פירן", ווייל אַנדערש, וואָלט ער נישט געגעבן „קיין האַלבן גראָשן פאַרן גאַנצן מאַמע לשון".

דער גלויבן און די מוטיקייט איז אָבער זער שנעל צושטערט געוואָרן. אין דער אַמעריקאַנער יידישער וועלט האָט ראָזענפעלדס טריאומפאַלער צוג איבער אייראָפּע נישט אַרויסגערופן קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג.

אַפילו די צייטונג וואו ער האָט אַזוי גלענצנד באַשריבן זיין אייראָפּעאי־

שע רייזע (דער „פאָרווערטס") האָט נישט איבעריק שטאַרק זיך איבער־גענומען מיט דעם פּאָעטס פענאָמענאַלע פּאָפּולאַריטעט און אויסערגע־לעכע אָנערקענונג אויף יענער זייט ים.

ראָזענפעלד שרייבט עס צו צו זיינע צאָלרייכע שונאים:

„איך האָב מאַסן שונאים צווישן די יידישער שרייבער אין אַמע־ריקע, וועלכע פאַרגינען (מיר) נישט מיין פּאָפּולאַריטעט און וואָלטן מיך דערטרונקען פאַר האַס און נייד — שרייבט ער צו דר. קיסן, — עס איז זיי קיין מיטל נישט צו שווער, קיין נידערטרעכטיקייט נישט צו נידער־טרעכטיק. זיי וועגדן אָן אַלעם מעגלעכע מיר אויף שריט און טריט צו שאַדן. זיי קענען מיר גאָר נישט טאָן, זיי האָבן (נישט) קיין איינפלוס. מיין 30 יאָריקער לעבן אין אַמעריקע איז אַן אָפענער בוך פאַר אַלע יידן פון יענעם לאַנד. מיינע שונאים קענען מיר אויף קיינעם פאַל נישט גרייכן".

אָבער ראָזענפעלד איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ווילדן געדאַנק, אַז מען וויל זיין „דיכטערישן אָפן בוך" פאַרמאַכן און פאַר'חתמ'ען און קעגן דער געדאַכטער פאַרשווערונג אויף אים הויבט ער אָן זיין טראַגישן קאַמף, וואָס טראָגט אַלע סימנים פון אַ פאַרפאָלגונג־מאַניע.

עס קומט דער אַנטי־יידישער רעצידיוו, דער ביטול צו דער שפּראַך, וואָס האָט אים דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פון ליטעראַרישן טריי־אומף, און צו דער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געבויט און געשאַפן.

ער האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר דעם, „אומבאַרירבאַרן" דיכטער, וועמען מען קען אַזוי שאַדן טאָן, ווי „אַ מאַסקיטאָ קען שאַדן דעם פרילינג" (אין אַ בריוו צו לייבנערין פון 18 מאַי, 1913).

ער דרוקט שוין זיינע נייע לידער אין ווינקל זשורנאַלן — אָבער ער מאָנט פאַר זיי אַ בכבוד'יקן פּלאַץ. (די אַלטע לידער דרוקט ער איבער אין טעגלעכע־צייטונגען, ווייל מען צאָלט פאַר זיי).

„אַ נומער, וואָס האָט מיינס אַ געדיכט, שרייבט ער צו אַ שיקאַגער רעדאַקטאָר, טאָר נישט האָבן אַ „געדיכט" פון אַ מאַלעווען (!) פּאָעט. איך קען נישט באַשטיין צו פאַרשוועכן מיין טאַלאַנט מישענדיק אים מיט פרעמדע ברחנות".

איזאָלירט פון דער ליטעראַרישער וועלט, פאַרגעסן פון זיינע לייע־נער, וועלכע האָבן אים אַמאָל פאַרגעטערט, האָט ראָזענפעלד געטראָגן דעם יאָך פון אַ צייטונגס מיטאַרבעטער אין אַ סביבה, וואָס האָט אַרויס־געוויזן צו אים אי ביטול, אי רחמנות.

די איינציקע ליכטיקע געשעעניש אין זיין לעבן איז דאַן געווען דער גראַנדיעזער 50 יאָריקער יובילײ, וואָס איז געפּייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק, דעם 8טן מאַרטש, 1913. דער אָפּקלאַנג אין דער וועלט איז נישט געווען פון דעם כאַראַקטער, וואָס זאָל צופרידן שטעלן די אַמביציע פון דעם פּאָעט יורד.

פאַרטריבן, אַ דאַנק אינטריגעס און רכילות, פון זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „פאָרווערטס", האָט ראָזענפעלד אָנגעהויבן פילן נאָך שטאַרקער די ירידה זיינע.

מיט אַלע כחות האָט ער אָבער געקעמפט קעגן דער דאָזיקער ירידה.

„איך באַטראַכט זיך נאָך איצט פונקט ווי פריער פאַר דעם גרעסטן אידישן שרייבער אין אַמעריקאַ און אפשר אין אייראָפּע אויך, און מיין פעדער איז וויציק און בליציק, שאַרף ווי מען דאַרף, פונקט ווי שטענדיק" — האָט ראָזענפעלד געשריבן צו אב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", ווי אַן ענטפער אויף די טענות, אַז ער איז שוין אַן „אויסגעשריבענער".

ראָזענפעלד קען זיך נישט אָביעקטיוויזירן. ער וואַרפט די שולד אויף דער מאַסע, וואָס איז צו נידעריק געזונקען, אַז זי זאָל אים קענען אָפּשאַצן.

אין דעמזעלבן בריוו צו אב. קאַהאַן (פון 25טן יוני, 1914) שרייבט ראָזענפעלד אַזוי:

„איך לאַך פון די אונשטערבלעכקייט און בארימקייט, וואָס אַ ניו־יאָרקער טעגלעכע זשאַרגאָנישע צייטונג קען איינעם געבן. נישט דער „פאָרווערטס" האָט מיך „געמאַכט", נישט ער קען מיך „אָפּמאַכן". איך בין שוין אָנגעקומען צום „פאָרווערטס" אַ געמאַכטער און וועל שוין אַ געמאַכטער פאַרבלייבן, אויב העסטער*) מיט איהרע שוועסטער וועט מיך „לעזענען" שבת און זונטאָג אָדער נישט. איך טראַכט גיכער פון אויפהערן שרייבן ווי פון אָנהייבן ווייזן „מאַשיען" מיט יאַכנען וואָס איך קען".

די דאָזיקע גאַליקע ווערטער שרייבט דער באַליידיקטער, דערצאָרנטער און צופייניקטער דיכטער אין אַ בריוו און וועלכן ער בעט זיך מיט הכנעה, אַז מען זאָל אים צוריק אַריינגעמען אין „פאָרווערטס".

---

*) געמיינט העסטער גאַס אויף איסט־בראָדוויי.

ראָזענפעלד פילט זיך זער געקריוודעט. מאָראַליש האָט אויף אים זער שרעקלעך געווירקט דאָס מיטאַרבעטן אין אַ פיינדלעכער סביבה פון דעם אָרטאָדאָקסישן „יידישן טאַגעבלאַט".

ראָזענפעלד האָט געהאַסט די יידישע אָרטאָדאָקסיע, און נישט איין שאַרפע פייל האָט ער געוואָרפן אין יענעם לאַגער. אין זיינע אויגן איז דאָס דאָזיקע אידנטום געווען „בלויז אַ סעקטע, וואָס דאַרף שטערבן אָפּ־צוקאָרמענען רבנים".

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ראָזענפעלד זיך מתודה געווען אין זיינע בריוו צו איינעם פון די אָרטאָדאָקסישע אַמאָטאָרן זשורנאַליסטן, וועלכער איז געווען אַ געשעפטסמאַן אין שיקאַגאָ, אַז עס איז בכלל נישט כדאי צו זיין אַ יידישער שרייבער. ער שרייבט צו אים, אַז ווען יענער וואָלט געבליבן אַ יידישער שרייבער, וואָלט ער נישט געקענט „אויפבאַ־האַלטן זיין „עדלען כאַראַקטער", איבערהויפּט „זייענדיק נאָך פאַרבונדן מיט יידישע בלעטער".

און אילוסטרירנדיק מיט זיך שרייבט ראָזענפעלד צו זיין שיקאַגער קאָרעספּאָנדענט, אַז ווער ווייסט, וואָס וואָלט פון אים געוואָרן, ווען יע־נער בלייבט מיט די שרייבער פון די אַזוי גערופענע „רעדאַקציעס און קיביצאַרניעס".

און אַפילו ווען מען איז שוין אַ יידישער שרייבער? — פרעגט זיך ראָזענפעלד מיט אַ ווייטאַקדיקן ביטול?

„וואָס מיינט איר וואָלט געווען, ווען איר וואָלט שוין געהאַט צען ביכער אויפן ביכערמאַרק, ווי איך? גאָרנישט! עס וואָלט אַבסאָלוט גאָרנישט געווען! איצט זייט איר אַ אינטעליגענטער בכבוד'יקער, אָנ־געזעענער געשעפטסמאַן". (פון אַ בריוו פון 17טן מאַרטש, 1916).

אין אַזעלכע שטימונגען האָט זיך געפונען דער דיכטער בעת ער האָט געמוזט אַרבעטן, ווי אַ צייטונגס־שרייבער, אַ „טרוקענער שרייבער", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

אין מאָמענט פון יאוש איבער זיין גורל האָט דער פּאָעט אויס־געשריען ווי אין אַ תפילה:

באַפריי מיך, גאָט, באַפריי מיין פען
צו שרייבן, וואָס איך וויל,
ווען נישט, פאַרלעש מיין האַרצנס ברען
און מאַך מיין בוזעם קיל.

אָבער איידער גאָט האָט אים געקענט דערהערן, האָט דאָס אונטער־

געהערט דער בעל־הבית פון „יידישעס טאַגעבלאַט".

דעם 4טן מאַרטש, 1921 האָט ראָזענפעלד באַקומען פאָלגענדן מע־מאָראַנדום:

צו מר. מ. ראָזענפעלד"

געהערטער הערר:

מיר געפינען פאַר נעטהיג אייך צו לאָזען וויסען, אז פון היינט אָן דאַרפט איהר מעהר פאַר אונז ניט שרייבען. די אורזאַכע איז וויל אייער שרייבען איז ניט גענוג אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט.

אכטונגספולל

סאַראַסאָן און סאָן"

ראָזענפעלד איז געשטאַנען ביים שוועל פון אָפּגרונט. זיין וואונטש איז מקוים געוואָרן. ער איז באַפרייט געוואָרן פון שרייבן מיט דער פען, וואָס ער וויל, כדי צוועלף יאָר שפּעטער באַפרייט ווערן פון זיין גליענדן האַרץ און צופּייניקטן געמיט.

הוספה

ראָזענפעלדיס נישט פאַרעפנטלעכע אויטאָביאָגראַפיע

די דאָזיקע קורצע אויטאָביאָגראַפיע האָט ראָזענפעלד געשריבן אויף דער בקשה פון ל ע אָ ו ו י נ ע ר, וועלכער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן דיכטער און אָנגעהייבן שרייבן וועגן אים אין דער ענגלישער פּרעסע ביז עס איז אים געלונגען אַרויסצוגעבן אַ באַנד פון ר'ס לידער אויף ענגליש.

די אויטאָביאָגראַפיע איז נישט דאַטירט: אָבער עס איז קלאָר פון קאָנ־טעקסט, אַז זי איז געשריבן געוואָרן אין 1897. אין אייניקע ערטער איז דער ברעג פון פּאַפּיר פון אָריגינאַל צעריסן אַזוי, אַז מען קאָן אַלץ נישט איבער־לייענען. איך האָב זיך דעריבער באַמיט צו רעקאָנסטרואירן דעם טעקסט און מיינע אינטערפּאָלאַציעס האָב איך אַריינגעשטעלט אין קלאַמערן.

די אויטאָביאָגראַפיע ווערט איבערגעדרוקט מיט דער אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל; נאָר די אינטערפּונקציע איז קאָריגירט געוואָרן.

אין איין אָרט דערמאָנט ראָזענפעלד זיינע אַ זאַמלונג לידער א. נ. עמיג־ראַציאָנס לידער. אַזאַ מין זאַמלונג איז אין ערגעץ נישט פאַרציכנט און עס איז דעריבער שווער צו באַשטימען, וואָס האָט דאָ דער דיכטער געמיינט.

ווייטער דערמאָנט ר. אַ געווויסן י ש ו ר ו ן, וועלכער האָט געשריבן וועגן אים אַן אַרטיקל אין „וואָסכאָד". אין נאָוועמבער נומער פון „וואָס־כאָד" פון יאָר 1896 איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל א. נ. „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן", אין וועלכן ראָזענפעלד ווערט שטאַרק געלויבט.

מיין לעבענס געשיכטע אין קורצען.

איך בין געבאָרן אין דעם יאָהר 1861 אין באָקשע, א דאָרף דריי מייל פון דער שטאָדט סובאלק, פוילען. דאָרט איז אויך געבאָרען מיין מוטטער רחל; מיין מוטטער'ס עלטערען און אורעלטערן. מיין פאָטער אפרים ראָזענפעלד, איז געבאָרן אין א קליינע שטעטעלע מיטן נאָמען שלאָוואנט, אויך סובאלקער גובערניע. אין באָקשע וויא איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט, בין איך געבאָרן געוואָרן, און האָב זיך דאָרט ערצויגן ביז מיין צעהנטען יאָהר. מיינע עלטערען און עלטער עלטערען אי פון טאָטענס, אי פון דער מאַמעס צד זיינען געוועזן פישער'ס. מיין פאָטער איז זאָגאר געוועזן א פאָך מאַנן, שניידער ביי פרעפעסיאָן, האָט אָבער די שניידעריי ניט בעטריבען און איז אויך געוועזן א פישער. באָקשע, דער דאָרף וואו איך בין געבאָרען געוואָרען, איז בעריהמט מיט זיין גרויסע טייך (נעבען וועלכען אונזער הויז איז געשטאַנען), מיט דיא וועלדער, הויכע בערג און לאַנדשאַפטען וועלכע האָבען איהם ארום גערינגעלט. איך געדיינק נאָך וויא היינט ווען מיין טאַטע און מיין מוטערס פאָטער, מיין זיידע (זלמן ווילטשינסקי) פלעגען מיט מיר ארום פאָרען איבערן גרויסען און קלאָרען טייך און פלעגען מיר דאָרט דערצעהלען אללערהאַנד געשיכטען. דאָס האָט אויף מיר גוואַלדיג געווירקט. ניט איין מאָל פלעגט עס צושפּיעלען מיין קינדישע פאַנטאַזיע און אויף וועקען אין מיין יונגעס הערץ געפיהלען צו זאַכען, וואָס איך האָב נאָך דאַן אליין ניט פערשטאַנען. ווען איך בין אלט געוואָרען צעהן יאָהר, האָבען מיינע עלטערען אויסגעוואַנדערט נאָך וואַרשע. דאָרט האָט מיין פאָטער פיר מיר געהאַלטען לעהרער, וועלכע פלעגען מיט מיר לעהרנען לשון קודש, גמרא, א ביסעל פויליש און א ביסעל דייטש. מיין פאָטער האָט עס אָבער אין וואַרשאָ אויך ניט געגליקט, און נאָכדעם וויא מיר האָבען דאָרט געוואוינט 4 יאָהר, האָבען מיינע עלטערען אריינגעצויגען אין סובאָלק. דאָרט בין איך געוועזן א בעל הבית'שער ליידיג געהער, פלעג א ביסעל לעהרנען אין בית המדרש און א ביסעל זיך לעהרנען נייען אויף'ן מאשין אין מיין טאַטענס „וואָרקשאָפּ". אזוי האָב איך פערבראַכט ביז מיין 18טען יאָהר, דאַן האָט מען מיר חתונה געמאַכט מיט מיין מוטער'ס א קוזינע, א זעהר רייכע אָבער זעהר מיאוסע מיידעל מיט וועלכע איך האָב געלעבט 6 מאָנאַט צוזאַממען און האָב זיך גע'גט. איך האָב דאַן געוואַרט צוויי יאָהר און האָב געהייראַט מיט מיין יעצטיגער פרויא רעבעקא יעוואַרקאָווסקי, פון סובאָלק, א פּאַרנעהמען בעל הבית'ס א טאָכטער, א יונגע און א שעהנע מיידעל. אין א יאָהר נאָך מיין חתונה האָב איך אָבגערייזט נאָך אַמע-

ריקא, דאָך ניט קענענדיג ריכטיג קיין פאַך האָב איך דאָ ניט געפונען וואָס צו טאָהן און בין געקוממען צוריק נאָך סובאָלק נאָכדעם וויא איך האָב דאָ פערבראַכט 6 מאָנאַט. דאָך ניט זייענדיג זיכער פון מיליטער האָב איך געמוזט סובאָלק פערלאָזען אויף יעדען פאַל. איך בין דאַן געפאָרען נאָך האָללאַנד; האָב זיך דאָרט געלעהרנט דיאַמאַנטען שלייפען; איך בין אָבער דערביי קראַנק געוואָרען און האָב אָבגערייזט נאָך לאָנדאָן. דאָרטען האָב איך פערשידענעס געטהאָן אום אַ לעבען צו מאַכען. איך בין דאָרט ענדליך געוואָרען איין אַפּרייטער. האָב אָראָבגעבראַכט מיין פרוי נאָך לאָנדאָן.

(און מיינע) עלטערען אויך. מיין פאָטער איז געווען אַ למדן אַ (איד) (ער האָט) געקענט גאַנץ שעהן דאַוונען פאַר'ן עמוד ער איז (אויך) (געווען) אין לאָנדאָן אַ חזן אין אַ שוהל, שפּעטער אַ הע(ברעאישער) לעהרער, וואָס ער איז דאָרט יעטצט אויך.

(האָט) אָבער אין לאָנדאָן ניט פאַליובעט דער וועטער און איך האָב (אָפּגע)רייזט נאָך ניו יאָרק, וואו איך בין פערבליבען ביז אויף היינטיגען (ט)אָג. דאָ האָב איך אַ קורצע צייט געאַרבעט, נאָכהער האָב איך אָנגעהייבען צו שרייבען אין צייטונגען, וועלכע האָבען גלייך גענומען דרוקען מיינע פּאָעזיען, סקיצען און פערשידענע אַרטיקלען. איך האָב דאָ גלייך אַראָבגעבראַכט מיין פרוי און האָב זיך אָנגעהייבען צו ערנעהרען פון מיין פעדער, און פון דעקלאַמירען מיינע געדיכטע אין טהעאַטערע און עפענליכע פערזאַמלונגען און אַזוי בעטרייב איך עס ביז אויף היינטיגען טאָג.

* * *

שרייבען געדיכטע האָב איך אָנגעהייבען, לויט וויא איך געדיינק, צו מיין 14טען יאָהר. מיינע עלטערען אָבער און אַללע מיינע פריינדע וואָס קענען מיך פון מיינע קינדער יאָהרען דערצעהלען, אַז איך פלעג ליעב האָבען צו זינגען ליעדלאַך נאָך צו מיין 7טען יאָהר. דאָס מענשען פלעגען זיך אַרום קלייבען אַרום מיר און בעטען מיך, איך זאָל זיי זינגען ליעדלאַך, נאַטירליך פערשידענע פאָלקס-ליעדלאַך וועלכע איך האָב צו יענער צייט געקענט. איך האָב אויך פערגעסען צו באַמערקען, דאָס אין סובאָלק זאַגאַר, און נאָכהער אין לאָנדאָן האָט מען שוין געזונגען מיינע ליעדער, צו וועלכע איך פלעג אַליין צופּאַסען מעלאָדיען. מיינע ערשטע געדיכטע זיינען געווען נאַציאָנאַלע, שפּעטער, אַריינפאַלענדיג אין דיא סוועטינג שעפּער פון לאָנדאָן און ניו יאָרק, האָב איך גענומען

זינגען ארביימער ליעדער, וועלכע זיינען געוואָרען זעהר פּאָפּולער צו־ליעב זייער שעהנע פאָרם, פאטאס און טיפען ערנסט. דיא טהעטיגסטע פעריאָדע פון מיין דיכטען איז געווען אין דער צייט פון דיא לעצטע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאנד אונד גריכעלאנד (אין קארפו) דאָן האָב איך זיך פארגעסען אָן דער גאנצער וועלט, פאר מיר האָט נאָר געלעבט איין זאך און דאָס איז געווען — דער איד. איך האָב גע־שריבען אַ סך ליעדער אין וועלכע איך האָב אויסגעגאָסען מיין הארץ פיר מיין פאָלק און אויף מיין פאָלק. איך האָב נאכהער דיעזע געדיכטע ארויסגעגעבען אין אַ בעזונדערען בוך אונטער דעם טיטעל עמיגראַצי־אָנס געדיכטע (אַ היבשע טהייל פון דיעזע ליעדער האָב איך אייך שוין צוגעשיקט) דיעזע ליעדער זיינען זעהר געריהמט געוואָרען אין אַללע העברעאישע זשורנאלען, און אויך אין דעם „וואָסחאָד" פון פערגאנ־גענעם ווינטער, אין וועלכער אַ געוויסער „ישורון" רופט מיך: „דער געקרוינטער פּאָעט דער עמיגראַציאָן" ער ברייננט דאָרט מאנכע ציטאַ־טען און בעוואונדערט מיין פּאָעטישע קראַפט.

דאָס ערשטע ווערק וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיין הערץ דעם גע־פיהל צום דיכטען, איז געווען די ביבעל. שפּעטער האָב איך געלעזען דיא מאָדערנע העברייאישע ווערקע, ווי אדם הכהן לעוועזאָהנ'ס און גאָרדאָנס געדיכטע; אָבער דיא האָבען מיך ניט צושטאַרק בעגייסטערט. ערשט צו מיין 20טען יאָהר האָב איך גענומען אליין שטודירען דיא דייטשע קלאַסיקער, איך האָב כמעט געלעזען אַללע גרויסע דיכטער און שריפט־שטעלער דייטשלאנד'ס. וואו איך פלעג ניט געגוי פערשטעהן, האָב איך זיך אימאער געלאָזט בעלעהרען פון דיא וואָס קענען. צו מיין 25טען יאָהר, האָב איך געלעזען שעקספּיער, אין שלעגעל'ס איבערזעצונג. און ביז מיין 30טען יאָהר האָב איך געלעזען דאנטע, ווירגיל און (ה)אָמער אין דייטשער און ענגלישער איבערזעצונג. איך (האָב) געלעזען הוגאָ און אנדערע גרויסע דיכטער אין דייטשער ענגלישער און העברייאישער איבערזעצונג. איך בין אין קיין איינע פון דיא דריי דערמאָנטע שפּראַ־כען פערפעקט; דאָך פערשטעהן פערשטעהע איך העברייאיש, דייטש און ענגליש ציטליך גוט. איך שרייב דיעזע אַללע שפּראַכען, אָבער מיט פעהלער. דאָך אין לעזען פעהלט מיר ניט. וואו איך וויים ניט אַ וואָרט בענוץ איך זיך מיט אַ גוטען ווערטער־בוך.

וויא איהר זעהט האָב איך קיין סיסטעמאַטישע שוהל בילדונג ניט

גענאָסען און בין וויא דער ענגליש מאַנן זאָגט: אַ סעלף מעיד מענן״. אַלס מוסטער האָט מיר אַם מעהרסטען געדינט געטהע. געטהע איז מיין ליעבלינגס דיכטער. דאָך זיינען מיינע ליעדער גאַנץ אייגענטהימליך; זייא זיינען דיא קינדער פון מיין אייגנער מוזע. איך דיינק איממער אין אידיש דייטש און בין כמעט גאַנץ אָרגינעל. איך האָב פיינד צו עקספּלאַטירען פרעמדעס טאַלענט אונד עמפּפינדע מיינע ליעדער גאַנץ אַליין. מיין ליעד „צו א לויפיגען וואַסער״, אויף וועלכען איהר מאַכט מיך אויפמערקזאַם, איז מיין אייגענע עמפּינדונג; ביי געטהע האָב איך עס ניט אָנגעטראָפען. פיעלייכט האָב איך זיך מיט אימעצען צונויף געטראָפען; דאַן איז עס גאַנץ אונשולדיגער וויזע. דאָס איז אין קורצען אַללעס וואָס איך האָב אייך געקענט שרייבען. איך ווייס אַז איהר וועט דאָ געפינען אַ מיש מאַש און וועט דאַרפען אַ ביסעל צוארבייטען, אום אַללעס געננוי אַרומצונעהמען: שרייבט עס אָבער צו צו דעם וואָס איך בין יעצט אין טראָבעל: מיינע קינדער זיינען זעהר קראַנק. און מיין קאָפּף איז מיר זעהר צודרייט.

נ״ב. אין אַלגעמיין איז מיין לעבען ניט געוועזן קיין וועג פון רויזען, איך האָב קיין האָניג קיין מאָל ניט געלעקט און צו גוט איז מיר יעטצט אויך ניט. איך האָב אַ ווייב מיט 4 קינדער און דאַרף זיך גענוג קוועלען ביז איך ברייננג אַרויס אַ לעבען פון מיין פעדער. אַ נאָמען אַליין איז נאָך ניט אַלעס. און מיט פּאָפּוליאַריטעט לעבט מען ניט. דער כלל דורכלעזענדיג מיין מגילה וועט איהר פערשטעהן אַללעס און אַללעס. אין שילדערען נאַטור סצענעס, גלויב איך, דאַרף איך ניט נאָכמאַכען קיינעם, ווייל איך בין אַ נאַטור קינד, בין אויף׳ן שויס דער נאַטור געבאָרען געוואָרען. אין מיין שילדערען דעם ים דאַרף איך קיינעם ניט נאָכטהאָן ווייל איך בין געפאָהרען אויף׳ן ים עטליכע מאָל, קען דעם אַלטען „חברה מאַן״, און ווייס זיינע אַללע קאַפּריזען. ענטשולדיגט וואָס איך האָב דאָ אַזוי פיעל געמעקט. איך גלויב אַז מעקען איז אַמאָל שווערער וויא שרייבען, אַ סך מענשען ווייסען ניט וואו אויסצומעקען און דאָס הרג׳עט זיי צייטענווייז אַוועק. דאָס איז פאָרלויפיג אַללעס

איער ערגעבענסטער

MORRIS ROSENFELD

פּ. ס. איהר געפינט מיט דיעזען שרייבען אויך צוגעשיקט 4 פון מיינע ליעדער (אַרבעטער ליעדער) וואָס איך האָב געשריבען ווען איך פלעג אַרבעטען אין דיא שעפּער.

ה. לייוויק

אבעלאר און העלואיז

(דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 סצענעס)

אַבעלאַר — אַ באַרימטער טעאָלאָג־פילאָסאָף (אויך, אין די יונגע יאָרן, טרובאַדור) אין אָנהייב פון מיטלאַלטער, אין פראַנקרייך. העלואיז — זיין געליבטע — אַ מענטש מיט באַגאַבונג און כאַראַקטער־פעסטקייט. צוליב אינטריגעס פון דער אַרומיקער סביבה זענען אבעלאר און העלואיז — זער איבערגעגעבענע איינער צום אַנדערן אין זייער ליבשאַפט — געצוואונגען געווען זייער גאַנץ לעבן אָפּצומאַטערן זיך אין צעשיידונג, אין באַזונדערע מאָנאַסטירן. אבעלאר׳ס הויפּטווערק איז, צוליב אויפגעדעקטע אפּיקורסישע געדאַנקען, עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. אַ חוץ דעם, איז איבער זיין גוף דורכגעפירט געוואָרן אַ שענדלעכע אָפּעראַציע. נישט קוקנדיק אויף זייער צעשיידונג, האָבן אבעלאר און העלואיז נישט אויפגעהערט צו ליב האָבן און בענקען איינער נאָך דעם אַנדערן. זייער גורל איז געבליבן אויף אַלעמאָל, ווי אַ סימבאָל פון מאַרטירערישער, קיינמאָל נישט־פאַראַטנדיקער ליבשאַפט. דאָס, וואָס איז זיי נישט באַשערט געווען אין לעבן — פאַראייניקט צו זיין — האָט זיי געגעבן דער טויט.
נאָכן טויט האָט מען זיי ביידן מקבר געווען אין איין קבר.

פערזאָנען :

אבעלאר — טעאָלאָג־פילאָסאָף. מאָנאַך.

העלואיז — נאָנע.

פאָטער גרעגאָרי — הויפּט־אויפזעער פון מאָנאַסטיר, וואו אבעלאר איז פאַרשפּאַרט.

ערשטער מאָנאַך.

צווייטער מאָנאַך.

דריטער מאָנאַך.

אַנדערע מאָנאַכן.

האַנדלונג קומט פאָר אין פראַנקרייך, אין צוועלפטן יאָרהונדערט.

ערשטע סצענע

(מאָנאַסטיר. באַשטראָפונג צעל. מאָנאַכן פירן אַריין אונטער די הענט אבעלאַרן. אבעלאַר איז צושלאָגן, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. מען לייגט אים אַוועק אויף דער נאַקעטער בעט. ער ליגט מיט די אויגן פאַרמאַכט. מאָנאַכן, אַריינגעקומענע מיט טומל, בלייבן מיט אַמאָל אַלע שטיל. צווישן די מאָנאַכן איינער אַ פרעמדער. אַ שטומער זעט אויס. אַז מען רעדט צו אים נויגט ער צו זיין אויער, אַזוי ווי ער וואָלט אויך טויב זיין, און מאַכט צייכנס מיט די הענט. דער פרעמדער נעמט אָנטייל ביים אַריינפירן אבעלאַרן, אָבער טיילט זיך גלייך אָפּ, און האַלט זיך אָן דער זייט. ער שטייט אין אַ ווינקל פאַררוקט און שאָקלט מיט די ליפּן, מאַכט אַן איינדרוק אַזוי ווי ער וואָלט שטענדיק האַלטן אין תפלה טאָן)

ערשטער מאָנאַך

פאַרגיב אונדז, ברודער אבעלאַר,
דאָס האַרץ טוט אונדז וויי צו זען דיך
אַזוי אַ פאַרשעמט און צושלאָגן.
און נאָך מער טוט וויי צו לייגן דיך
אויף דער נאַקעטער בעט פון תפיסה־צעל. —

אבעלאַר

(ליגט און שווייגט)

צווייטער מאָנאַך

דער הייליקער פאָטער גרעגאָרי
פאַרזאָגט האָט: אויף גאַנצע דריי וואָכן
דיך האַלטן אין צעל דאָ אויף ברויט נאַר און וואַסער,
קיין צודעק, קיין קישן דיר געבן,
און אויך נישט קיין זאַלב פאַר די וואונדן
וואָס דו האָסט באַקומען. —

דריטער מאָנאַך

געבענשט זאָל ער זיין אונדז דער הייליקער פּאַטער. —
די קלעפּ, וואָס דאָס פֿאָלק האָט דיר איינגעטיילט,
און איצטער — די צעל מיט דער נאַקעטער בעט,
איז ריכטיקער שכר פֿאַר די רייד אַפּיקורסישע דיינע. —
אַן אויפֿהעצער ביסטו פֿון אַלעמאָל אָן,
אַ כופר געווען און געבליבן.

ערשטער מאָנאַך

אָ, ברידער — מען דאַרף איצט נישט ריידן אַזוי. — —
זאָל זאָגן דער ברודער — דער גאַסט פֿון דער פֿרעמד —

צווייטער מאָנאַך

דער גאַסט פֿון דער פֿרעמד איז אַ שטומער.

ערשטער מאָנאַך

אַ שטומער? איך זע דאָך — ער מאַכט מיט די ליפּן.

צווייטער מאָנאַך

ער טוט אַזוי תפֿילה מסתמא.
איך שווער, אַז אויך טויב איז ער.

ערשטער מאָנאַך

(שרייט אַריין דעם פֿרעמדן אין אויער)
פֿון וואַנען? פֿון וועלכן מאָנאַסטיר? —

פֿרעמדער

(קערט זיך ניט אָפּ אַפֿילו)

ערשטער מאָנאַך

פֿונדעסטוועגן זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, ברידער,
זייט ווייכער צום ברודער אבעלאַר. —

צווייטער מאָנאַך

אַ זינד איצט צו זיין צו אים ווייך און פֿאַרגיביק.
צי איז עס דאָס ערשטע מאָל דען פֿאַר אים
צו אָפּטאָן אַזוינע נבֿלות:
אַרויסגיין פֿון גבֿול מאָנאַסטירישן

גע'גנב'עטערהייט אין די דערפער דערביי,
און דאָרט אין די דערפער, פאַר גרויס און פאַר קליין,
אפּקורסישע רייד זיינע ריידן. —

דריטער מאָנאַך

דאָס מאָל איז די שפּיל ניט געלונגען אים, —
דאָס פאָלק האָט אליין זיך צורעכנט מיט אים
אין נאָמען פון גאָט און דערלייזער. —
די העסלעכע רייד פון א לעסטערער
פאַרשאָטן מיט קלעפּ און מיט קללות.

(צום ערשטן מאָנאַך)

און דו, ברודער,
בעטסט נאָך פאַרגעבונג ביי אים. —
אויב בעטן פאַרגעבונג — דאַרף ער .
און אונדז דאַרף ער דאַנקען פאַר ווערן געראַטעוועט
פון צאָרן פון פאָלק. —

ערשטער מאָנאַך

געוויס איז ער דאַנקבאַר אונדז.

צווייטער מאָנאַך

אָט ליגט ער און שווייגט נאָר.

ערשטער מאָנאַך

פון שוואַכקייט געוויס.

צווייטער מאָנאַך

דאָס שווייגט ער פון שנאה צו אונדז.
אזוינער ווי ער וואָלט באַדאַרפט
אין אַן אמת'ער תפיסה פאַרשפּאַרט ווערן,
און נישט צווישן ווענט מאָנאַסטירישע הייליקע.
גנבים, שכורים און מערדער
באַדאַרפט וואָלטן זיין זיינע שכנים.

ערשטער מאָנאַך

דו רעדסט אזוי כעס'דיק, ברודער, —
אָבער כ'וויס, אז דאָס רעדט נאָר דיין מויל.

דיין הארץ אבער, ווייס איך, איז רחמים פול,
ווי ס'הארץ פון א ברודער אין קריסטוס.

צווייטער מאנאך

ער פארדינט נישט קיין רחמים,
ער איז נישט קיין ברודער אין קריסטוס.
ער גלויבט נישט אין קריסטוס, איך זאג אייך.

דריטער מאנאך

ער איז נישט קיין אמת'ער נזיר און פרוש,
ווייל נישט מיט זיין אייגענעם ווילן
געקומען איז ער צווישן אונדז,
נאר קעגן זיין ווילן, געצוואונגענערהייט. —

ערשטער מאנאך

נישט איצט איז די צייט, א ברידער,
צו גריבלען זיך ווידער און ווידעראמאל
אין פיין פון אבעלארס לעבן. —

צווייטער מאנאך

א יעדערנס לעבן איז פיינלעך.

ערשטער מאנאך

צי דארף איך אייך, ברידער, דערציילן
ווי אנדערש געווען איז דאס לעבן אבעלארס,
ווי בלוטיקדיק אנדערש. —

צווייטער מאנאך

ס'איז קיינער נישט שולדיק, נאר ער. —
אבעלאר אליין —
וואס ער האט מיט צענדליקער יארן צוריק נאך
מיט עפעס א מיידל פארדרייט זיך דעם קאפ. —
פארדרייט זיך אזוי, אז סיי שכנים, סיי פריינט,
די פרומע גאטספארכטיקע שכנים און פריינט,
אין צארן און שנאה געדעכטער,
אן אנפאל אויף אים זאלן מאכן,
זיין לייב אטאקירן, דעם מאן אין אים שענדן,
כדי אים אויף אייביק פארטרייבן —

אבעלאר

(קרעכצט אַרויס)

אַ גאָט, הערט אויף!

דריטער מאָנאַך

דו קענסט נישט פאַרטראָגן דעם אמת. —

(באַגעגנט זיך מיטאַמאָל מיט די אויגן פון פרעמדן מאָנאַך, װעלכער גיט זיך אַ ריס צו אים מיט אַ פאַרשטיקן געשריי און האַקט זיך אָפּ װי אין װערגעניש. אַלע דערשרעקן זיך פאַר זײַן פאַרשטיקטן קול. דער פרעמדער קאָרטשעט זיך צונויף צוריק װי נישט אים מיינט מען)

ערשטער מאָנאַך

איך בעט דיך, נישט רייד מער.

צווייטער מאָנאַך

נו גוט, — װעגן דעם װעל איך אויפהערן.
נאָר זאָגן אים מוז איך,
אַז דאָס, װאָס געשען איז מיט יאָרן צוריק,
געשעט אויך נאָך איצטער מיט אים.
צובראָכן, געפּייניקט און אַלט איז ער שוין,
און דאָך איז זײַן קאָפּ נאָך פאַרדרייט
מיט די זעלבע פאַרדרייענישן,
פאַרנומען אין נאַרישער גאווה נאָך אַלץ
מיט צוטראָכטן נייע מחשבות אַזוינע,
מיט אויסזוכן נייערע װעגן צו גאָט,
און אַנדערע נייערע װעגן צו מענטשן.
זײַן קאָמפּסלוסט, זײַן שטאָלץ און עקשנות
איז אַלץ נישט געבראָכן נאָך,
און אויך אין זײַן ליבע צום מיידל איז ער נאָך דער זעלבער,
אַז, פּשוט, ס'איז נישט צו פאַרליידן,
עס קאָכט אויף דאָס בלוט אין אונדז אַלעמען. — — —
דערצו זיינע כתבים. —
ער האַלט אין פאַרשרייבן נאָך איצטער אַ װעלט מיט פּאַפּירן,

כאָטש אַלע ביז איצטיקע שרייבאכצן זיינע
פאַרברענט האָט דאָס פייער פון הייליקן שייטער;
אויך איצטיקע וועלן מסתמא נישט ווערט זיין מער. —
ווייל, נאָכאַמאָל, הערט וואָס אַ מענטש וואָגט צו שרייבן —
אַז גאָט איז גאָר שכל, אויך גלויבן איז שכל. —
באַגרייפט איר דען אַלע, צו וואָס
אַ גדלן, אַ מענטש קען דעררייִדן זיך?
איר הערט? — אַריסטאָטעל און — גאָט!
און איצט — אַריסטאָטעל און — ליבע!
און ליבע — צו וועמען? צו עפּעס אַ מיידל —
ווי הייסט זי דאָרט — —

אבעלאר

איר ליכטיקער נאָמען איז העלואיז.

צווייטער מאָנאַך

אַ מענטש אין די יאָרן. שוין באַלד אָרום פופציק.
אַ ברודער אין קריסטוס, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל
פאַר אַלעמען אָפן אין זינד זיך מתודה געווען,
חרטה און תשובה גענומען אויף זיך,
תענותים געפאַסט, און אויף שטיינער געשלאָפן,
מיט רימענס געשמיסן דאָס לייב בפרהסיא זיך. —
ער ווערט ווי אַ ייִנגל פון זיבעצן יאָר,
ווי נאָר עס דערמאָנט זיך אים ס'מיידל — ווי הייסט זי דאָרט —

אבעלאר

איר ליכטיקער נאָמען איז העלואיז.

שטימען

אַ שאַנד און אַ חרפּה.

צווייטער מאָנאַך

איר זעט דאָך אַליין: ער איז אייביקע זינדיקייט, —
מרידה און זינדיקייט. —

ערשטער מאָנאַך

איך קען אַזאַ רשעות'דיק רייִדן נישט הערן.

כ׳האָב אויך אַמאָל ליב געהאַט, — ווייס איך
דעם ווייטאָק פון בייִנקשאַפט, דעם צער פון צושיידונג.

(גייט אַרויס מיט פאַרדרוס)

ערשטער מאָנאַך
א יעדער האָט ווען ניט איז ליב געהאַט,
און יעדער פאַרזוכט האָט דעם צער פון צושיידונג, —
נו וויסן מיר איצט, אַז ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך.
מען בייִנקט — מען פאַרגעסט. און ס׳איז גוט אַזוי.
ווייל ווער דאַרף עס טראָגן אַ לאַסט אויף זיך?

דריטער מאָנאַך
נו זעט איר דאָך, ער וויל אַן אויסנאַם זײַן! —
איצט קענט איר אייך אַלע דאָ זען
פונוואַנען עס קומען צו אים די געדאַנקען פון כפירה.
דערמאָנט זיך נאָר אַלע די רייד זיינע הײַנט:
„מען דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר רוחות, פאַר שדים.
„דאָס בעסטע אויף דער ערד איז דאָס לעבן,
„דאָס שענסטע אויף דער ערד איז די ליבשאַפט,
„פאַרוואָס האָבן אַלע דאָס לעבן פאַרפייניקט?
„פאַרוואָס האָבן אַלע די ליבשאַפט פאַר׳מיאוס׳ט?"
אַזוי אַ בפירוש גערעדט האָט ער. —

אַלע
געַנוג שוין, געַנוג שוין.

צווייטער מאָנאַך
און הערט וואָס איך זאָג אייך: אפילו זיין תשובה טאָן,
אפילו זיין שלאָגן אין האַרץ זיך, זיין פאַסטן,
זיין הייסע און זודיקע תפלה צו גאָט,
זיין שטיין אויף די קני פאַר דער הייליקער מוטער, —
איז נישט צום באַשאַפער געווענדט, און נישט צו דער מוטער —
דאָס קניט ער פאַר איר — ווי הייסט זי דאָרט —

אבעלאַר
איר ליכטיקער נאָמען איז העלואיז —

(פּאָטער גרעגאָרי קומט אַריין. אַלע, אויך דער פרעמדער, נייגן זיך פאַר אים).

צווייטער מאָנאַך

דער הייליקער פּאָטער איז דאָ. הייב זיך אויף.

אבעלאר

(הייבט זיך קוים אויף. זיצט אָנגעשפּאַרט. און שטעלט זיך מיט אָנשטרענגונג אויף).

פּאָטער גרעגאָרי

(מאַכט אַ צייכן אַלע זאָלן אַרויסגיין. זיי גייען. ווען דער פרעמדער גייט אים פאַרביי שטעלט ער אים אָפּ).

אַ פרעמדער — זע איך. — —

צווייטער מאָנאַך

אַ טויבער און אַ שטומער, פּאָטער הייליקער,
פון וועלכן מאָנאַסטיר ער קומט —
דאָס קען מען נישט דערגיין ביי אים.

פּאָטער גרעגאָרי

פון ווען אָן איז ער דאָ מיט אונדז ?

צווייטער מאָנאַך

ערשט היינט פאַרנאַכט געקומען.

פּאָטער גרעגאָרי

וואָס טוט ער דאָ אין צעל ?

צווייטער מאָנאַך

מיט אונדז מיט אַלעמען אריין אַהער.
אַ שטילער און אַ זייטיקער.

פּאָטער גרעגאָרי

איך זע אין זיינע אויגן טרערן.

צווייטער מאָנאַך

ער האַלט די גאַנצע צייט אין תפלה טאָן, —
ער שטייט און פליסטערט מיט די ליפּן נאָכאַנאַנד.

פּאָטער גרעגאָרי

(לייגט אַרויף זיינע הענט אויף דעם פרעמדנס קאָפּ)

וואָס ווילסטו, זון מיינער?

(קוקט אַריין אין פרעמדנס פּנים)

איך בענטש דיך, שטומער זון מיינער, — נישט וויין.

(מאַכט אַ צייכן אַלע זאָלן אַרויסגיין. אַלע אָפּ. צו אבעלארן)

מעגסט ליגן, אָדער זיצן, אויב דו קענסט נישט שטיין.

אבעלאר

(שטרענגט זיך אָן און שטייט).

פּאָטער גרעגאָרי

זעץ זיך.

אבעלאר

(זעצט זיך)

פּאָטער גרעגאָרי

באַגרייפסטו דיין פאַרברעכן כּאָטש?

אבעלאר

כ׳באַגרייף אַלץ.

פּאָטער גרעגאָרי

וואָס מיינסטו — אַלץ?

מאָנאַך

אפילו דיין הנאה, וואָס דו האָסט
פון שטראָפן מיך און פּייניקן.

פּאָטער גרעגאָרי

דו רעדסט נאָך אַלץ מיט העזה קעגן מיר.

אבעלאר

ווייל איך בין דער גערעכטער.

פּאָטער גרעגאָרי

הער אויף, אביסל כאָטש, צו פּילן זיך גערעכט —
וועט ווערן גרינגער דיר צו לעבן.

אבעלאַר

איך זוך נישט — מיר זאָל ווערן גרינגער.

פּאָטער גרעגאָרי

איך וואָלט באַדאַרפט א פּולע שטראָף דיר אויסטיילן, —
דאָס הייסט: א חוץ פארשפּאַרן דיך אין צעל דאָ,
א צוואַנציק שמיץ נאָך געבן דיר אויף היילן לייב.

אבעלאַר

מיין לייב איז גרייט.

פּאָטער גרעגאָרי

דיין לייב איז אייביק גרייט, איך זע, —
א מאָדנעם לייב האָסטו.

אבעלאַר

וואָס מיינט דער פּאָטער?

פּאָטער גרעגאָרי

איך מיין — דיך אַרט נישט פּאַרן לייב פאַר דיינעם,
דו זשאַלעוועסט אים גאָר נישט, זע איך,
אזוי ווי מען זשאַלעוועט נישט א כלי א צושפּאָלטענע; —
ווי לאַנג שוין אז דיין גוף איז אָנגעשפּאָלטן? —
א פּופצן יאָר שוין באַלד אודאי. —

אבעלאַר

דער פּאָטער וויל מיר וויי טאָן. —

פּאָטער גרעגאָרי

ווען איך וואָלט וועלן וויי טאָן דיר, וואָלט איך
געהייסן טאַקע אויף אַן אמת געבן שמיץ דיר.

אבעלאַר

שוין בעסער וואָלט דער פּאָטער מיך געשמיסן,
און נישט גע'חוזק'ט איבער מיר מיט רייד אזוינע.

פּאָטער גרעגאָרי

איך חוזק נישט. פאַרקערט, —
דאָס ווייז איך גוטסקייט דיר אַרויס;
ווען איך וואָלט נישט געשאָנעוועט דיך,
וואָלסטו פאַרשפּאַרט געווען שוין ווידער — און אויף שטענדיק —
אַהינטער שלעסער פון אַן אמת׳ער געפיינגעניש. —
די לעצטע כתבים דיינע זענען פול מיט אפּיקורסות,
מיט חוצפה׳דיקער, העסלעכער מרידה
אַנטקעגן גאָר דעם סדר פון דער וועלט.

אבעלאר

פונוואַנען קען דער פּאָטער מיינע לעצטע כתבים?

פּאָטער גרעגאָרי

פונוואַנען? ווייל איך האָב זיי. אָט זענען זיי.

(נעמט אַרויס אַ פּאַק כתבים פון בוזים).

אבעלאר

(טוט אַ פאַל מיטן פּנים אַראָפּ איבערן בעט אין פאַרצווייפלונג).

פּאָטער גרעגאָרי

ווי קומט עס, דו זאָלסט זיין אַזוי נישט פּאָרזיכטיק,
און האַלטן אויבן אויף אין צעל ביי דיר
אַזוינע כתבים, און אויך בריוו פון העלואיז? —

אבעלאר

א, גאָט מיינער! —

פּאָטער גרעגאָרי

איך בין געווען אין צעל ביי דיר נאָר וואָס,
און גוט אַרומגעזוכט די זאַכן דיינע,
און גאָר אַן שוועריקייטן גלייך געפונען
די נייע כתבים דיינע. אויך די בריוו פון העלואיז.
אָט זענען זיי. דו זעסט? —

אבעלאר

(מיט געשריי)
האסט נישט געהאט קיין רעכט צו טאָן עס!
אַן אַרבעט — וואָס אַ גנב דאַרף עס טאָן. —

פּאַטער גרעגאַרי

צו וועמען רעדסטו עס אַזוי?

אבעלאר

נו, נעם און שטראָף מיך ווייטער — ווייטער.
איך בין אין דיינע הענט דאָך.
איך בין דאָך אַלץ נאָך אַ געפאַנגענער און אַ פּאַר־משפּט׳ער.
מיט מיינע כתבים זאָל דער פּאַטער טאָן
וואָס נאָר זיין הארץ געלוסט — זיי גלייך פאַרברענען, —
צי עפּנטלעך מיך ווידער אָנקלאָגן, און נאָכדעם ערשט
פאַרברענען זיי, און מיך ביז טויט פאַרפּייניקן.
כ׳בין גרייט. נאָר העלואיז׳עס בריוו פאַרלירן
אויף דעם האָב איך קיין כח נישט.

(פאַלט אויף די קני).

אַ, גיב מיר אָפּ די בריוו צוריק.

פּאַטער גרעגאַרי

און וואָס וועט זיין אויב נישט?

אבעלאר

כ׳וועל אויסגיין דאָ ביי דיינע פיס.

פּאַטער גרעגאַרי

נישט וויטיק אויסצוגיין. נישט נויטיק.
שטיי אויף. ס׳איז לעכערלעך צו זען
אַזאַ משונה׳דיקע דויערהאַפטע ליבע צו אַ פרוי,
און אויך אַזאַ משונה׳דיקע ליבע פון אַ פרוי צו דיר. —
ס׳איז לעכערלעך און וואונדערלעך צוזאַמען.
איך האָב אַריינגעקוקט אין העלואיז׳עס בריוו.
און יעדעס וואָרט האָט מיך ווי סם געברענט.

און מיינע פויסטן אָנגעגאָסן מיט רציחה,
און ס'הארץ מיר אָנגעפילט מיט אייפערזוכט. —

אבעלאר

פארוואָס? פארוואָס?
ווי קומט דער פאָטער אייפערזיכטיק זיין?
דער פאָטער קען זי דען?

פאָטער גרעגאָרי

אודאי קען איך זי.
און לייגנער נאָך און פריער נאָך פאר דיר.

אבעלאר

כ'פארשטיי נישט, —

פאָטער גרעגאָרי

אויך דיך, אבעלארד, קען איך נישט פון דאנען נאָר.
איך קען דיך פון אמאָל, אמאָל —

אבעלאר

פון ווען? פון וואנען?

פאָטער גרעגאָרי

קיין פרייד וועסטו נישט האָבן פון דערוויסן זיך. —
דער עלטסטער דאָ אין מאָנאסטיר בין איך א יאָר ערשט, —
וועט בעסער זיין פאר דיר, אויב דו וועסט בלייבן
ביי דיין באוואוסטזיין, אז דו קענסט מיך נאָר א יאָר.

אבעלאר

דער פאָטער, זע איך, האלט א סוד אין זיך.

פאָטער גרעגאָרי

נו יע, א סוד. און מערער נאָך: — א סוד,
וואָס האָט מיט דיר א גרויסע שיכות.

אבעלאר

מיט מיר?

פּאַטער גרעגאָרי

צי האָסטו נישט געזען דעם גאַנצן לעצטן יאָר,
אַז כ׳שײַנק דיר אויפמערקזאַמקייט מער פאַר אַנדערע?

אבעלאר

נעם צו מײַן דאַנק דערפאַר. און זאָל דער פּאַטער
מיר אויסזאָגן דעם סוד. —

פּאַטער גרעגאָרי

פאַר דיר וועט זיכער בעסער זײַן, אויב איך
וועל ווײַטער האַלטן אין מײַן האַרץ דעם סוד פאַרשלאָסן;
נאָר איך אַליין — איך קען עס מער נישט טראָגן.
נישט אַנדערש נאָר, אַז גאָט אַליין
האָט אָנגעחתמ׳עט איך זאָל דיך דאָ טרעפן
אַן אָפּגעגעבענעם אין מײַן רשות,
און איך זאָל זײַן דײַן אַכטונג געבנדיקער פּאַטער.

אבעלאר

אַ מורא נעמט מיך דורך פון דײַנע רייד.

פּאַטער גרעגאָרי

אַ מורא? אַלע זאָגן דאָך אויף דיר,
אַז קיין זאַך שרעקט דיך נישט, אַז אַלע פּײַנען
מיט אײַנגעהאַלטענער עקשנות נעמסטו אויף.
און דאָס איז טאַקע אמת, — כ׳זע אַליין. —
שוין פופצן יאָר פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר
מען שלעפּט דיך אום אַ שולדיקן און אַ פאַר׳משפּט׳ן.
און אויך אַזוי פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר
אַליין, ווי אַ געפאַנגענע, שלעפּט אום זיך העלואיז. —
מען האַלט דיך כמעט שטענדיק אין באַשטראָפן,
און קיין זאַך קען נישט צווינגען דיך דו זאָלסט
זיך אָפּזאָגן פון דײַנע שעדלעכע מחשבות קעגן גאָט,
און אויך פון דײַן פאַרדרייטער בענקעניש נאָך העלואיז. —
אַ בײַנקעניש, וואָס רײַצט אַ יעדן אויף
מיט איר פאַר׳עקשנ׳טקייט און דווער, מיט איר טרייהייט.
אַ שנאה רופט אַרויס אין יעדנס האַרץ דײַן בענקעניש. —

ווייל ס'איז אַ חוצפּה אַזוי לאַנג צו ליב האָבן
אַ צווייטן מענטשן, און אַזוי נאָך אים צו בענקען. —
און דו — איך זע — טראָגסט אַלץ אַריבער, —
צי פייער, וואָס פאַרברענט אויף אַש דיין ווערק,
צי שפּאָט פון פאָלק, פון אייגענע חברים,
צי שניטן פון אַ מעסער אויף דיין ליב. —

אבעלאר

אָ, פּאָטער, רייד נישט מער! —

פּאָטער גרעגאָרי

און איך וויל דווקא ריידן נאָך און ווייטער,
און טאַקע וועגן שניטן, וועגן מעסער —

אבעלאר

אַ ניין, אַ ניין, נישט צווינג מיך
די שרעקלעכע געשעעניש אַמאָליקע
אַרויסצורופן אין זכרון איצט. טו אַלץ מיט מיר,
נאָר פייניק מיך נישט מיט דער שרעקלעכער דערינערונג.

פּאָטער גרעגאָרי

נישט פייניקן דיך וויל איך, נאָר דיר ווייזן,
אַז ס'איז פאַראַן אַ געטלעכע השגחה אויף דער וועלט,
אַזוי ווי ס'פרייִדיקן די פּאָטערס אונדזערע די הייליקע,
און דו זאָלסט אויפגעבן די ספקות דיינע, זון מיינער,
און אַלע דיינע בלאָנדזשעניש, בענקשאַפטן,
און ענדלעך אין דיין האַרצן זיך באַרואיקן.
ווייל וואָס דיר פעלט איז — רו, נשמה רו.
איז וויל איך איצט אַ טרייסט דיר ברענגען, —
אַ היילונג פאַר דיין אויסגעפייניקטער נשמה.

אבעלאר

איך קוק די אויגן מיינע אויס נאָך טרייסט, —
נאָר וואו איז זי די טרייסט?

פּאָטער גרעגאָרי

אָט ברענג איך, אָט אַנטפּלעק איך דיר די טרייסט
מיט דעם וואָס איך אַנטפּלעק דיר מיין מחות,

און אויך מיין שיכות צו דיין לעבן. —
דעריבער זאָג איך דיר: דערמאָן זיך גוט
אָן יענער נאַכט מיט פּופצן יאָר צוריק,
אָן יענער נאַכט פון שענדונג. —

אבעלאר (אויפגעשוידערט)
אָ, פּאָטער, —

פּאָטער גרעגאָרי
דערמאָן זיך גוט. דערמאָן זיך.
געדענקסט ווי דו ביסט שוין געווען אין בעט ביי זיך,
און מיטאַמאָל דער אויפברוך פון דיין טיר,
און יונגען מיט פאַרשטעלטע פּנים'ער, אין מאַסקעס,
מיט מעסערס אין די הענט. —

אבעלאר
פונוואַנען ווייס דער פּאָטער אָט־די איינצלהייטן?

פּאָטער גרעגאָרי
די יונגען אָנגערייצט האָט העלואיז'עס אָנקל.

אבעלאר
איך ווייס, איך ווייס.

פּאָטער גרעגאָרי
דו ווייסט — און ווייסט נישט אַלץ.
די יונגען האָבן דיך געבונדן הענט און פיס,
און איינער — זייער אָנפירער — האָט מיט זיין מעסער
דיין לייב געשענדעט, דיך פאַרבלוטיקט,
און דיך אויף אייביק אָפּגעשיידט פון העלואיז. —
און איצטער, אויב דו ווילסט, שטעל אָן די אויגן, —
שטעל אָן די אויגן, און דערקען דעם אָנפירער. —

אבעלאר
דאָס מיינט, אַז — דו —

פּאָטער גרעגאָרי
אודאי מיין איך.
אודאי וויל איך דו זאָלסט וויסן ווער איך בין.

אבעלארד
עס קען נישט זיין!

פּאַטער גרעגאָרי
פאַרוואָס זאָל עס נישט קענען זיין?
פאַרוואָס איז דאָס אַזוי נישט וואַרשיינלעך?
און אויב עס איז נישט וואַרשיינלעך פאַר דיר,
צי מיינסטו, אַז ס'איז אויך נישט וואַרשיינלעך פאַר קיינעם?
וואָס נעמסטו ציטערן אַזוי מיט אַלע אברים?
איך זאָג דיר אויס אַ פּשוט'ן און קלאָרן אמת:
דער אָנפירער — דיין שענדער — דאָס בין איך געווען.

אבעלאַר
(טוט אַ פאַל צו דער ערד צוזאַמענגעבראָכן. ליגט.
גרעגאָרי שטייט, ווי פריער, רואיק. הייבט נישט אויף
אבעלארן פון דער ערד).

פּאַטער גרעגאָרי
אַזוי דערשיטערט ביסטו פון דער נאַכריכט?
ווי ס'טוט מיר וויי דאָס האַרץ פאַר דיר.

(פויזע)

שטיי אויף; צו וואָס אַזוי זיך וואַלגערן?
צו וואָס אַזאַ פאַרלאָרנקייט, אַזאַ דערשטיינונג?
צי מיינסטו, אַז איך האָב הנאה פון דעם אַלעם?
צי מיינסטו, אַז איך פּראַווע חוזק?
אַ גלויב מיר, אַז מיין האַרץ גייט אויס פון רחמים
צו דיר, ווייל — נאָכטמאָל — פאַרשטיי:
עס איז נישט איך — עס איז די אייביקע השגחה.
ווייל דער, וואָס האָט דיך שטראָפן אָנגעהויבן,
באַדאַרף אויך זיין דער פאָרזעצער — פאַרענדיקער.

אבעלאַר (הייבט אויף דעם קאָפּ שעלט אַרויס)
תליון!

פּאַטער גרעגאָרי
עס מאַכט נישט, זאָג עס נאָכאַמאָל.
פאַר דעם וועל איך דיך נישט באַשטראָפן איצט.

אבעלאר
באשטראף!

פאַטער גרעגאָרי
נישט איצט. דארפסט ווּיסן זיין,
דער אַנפאַל אויף דיין קערפּער דאמאָלסט
איז נישט פאר געלט געמאכט געוואָרן, נאָר
אוים ליבשאפט צו דער דאמאָלסדיקער העלואיז;
ווייל איך בין דאמאָלסט אויך געווען פארליבט
אין העלואיז, און נישט מיין שולד
וואָס העלואיז האָט אויסגעקליבן דוקא דיך,
און נישט מיין שולד, וואָס דו
האָסט איינס און צוויי געזיגט אַנטקעגן אַלעמען,
און העלואיז'עס הארץ פארכאפט אויף אייביק. —
שוין פופצן יאָר אָוועק פון דאמאָלסט אָן,
און וואָס? — מיר שטייעןביידע אונטערן זעלבן דאָך,
און העלואיז'עס הארץ איז וואו? ביי וועמען?
ביי דיר? — דו מיינסט טאַקע נאָך איצטער אַז ביי דיר?
און אויב ס'איז טאַקע אמת אַז ביי דיר, —
באדארפסטו דאָך אודאי דאנקען מיך
פאר פייניקן און שענדן דיך, ווייל העלואיז, —
אויב זי האָט דיך נאָך איצטער ליב, —
איז דאָך געווים פאר דיין געפייניגטקייט, נישט אַנדערש.
טאָ בענטש די האַנט, וואָס האָט דורך פייניקן,
די זכיה פון אַ גרויסער ליבשאפט דיר געגעבן.
אָט זע איך דאָך דאָס שרייבן, וואָס זי שרייבט צו דיר. —
אזויפיל איינגעהאַלטענער געשריי, אזויפיל יאָמער,
אזאַ פארביסענער געדולד, אזאַ געטריישאפט,
אזאַ אחריות צו דיין גורל,
און יעדעס וואָרט איז — בלוט; — און דו,
דו וואַגסט נאָך מיך צו רופן תליון? —
דער תליון — דאָס ביסטו!
פלעכסט תליות פון דיין בענקשאפט
פאר העלואיז'עס האַלדז.
איך הער דאָך, ווי זי שרייט אראָפּ פון תליה,

וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט פאַר איר;
זי בעט זיך — זאָלסט זי ראַטעווען, באַפרייען;
און דו, ווי אַ וואַמפּיר, האָסט זיך אַריינגעגעסן
מיט אַלע נעגל פון דיין איינגעשפּאַרטקייט
אין איר מהות, און ווילסט זי נישט באַפרייען. —
אַט זענען זיי די בריוו אירע — די תליה אַנגסטן, —
איך דאַרף זיי נישט.

(גיט אַ וואָרף צו אַבעלאַריס פיס אַ בינטל בריוו. די בריוו צעשיטן זיך. פּעטער גרעגאָרי אָפּ. אַבעלאַר טוט זיך אַ וואָרף מיטן קערפּער איבער די בריוו. שאַרט זיי צו צו זיך. ליגט אַ צונויפגעדרייטער)

אַבעלאַר

מיין פייניקער — מיין שענדער איז אַ פּאַטער איצט אַ הייליקער,
אַ מדריך און אַ לייטערער פון מיין נשמה.
ער זאָגט, אַז די השגחה האָט געוואָלט אַזוי. —
אָ, ענטפער מיר, השגחה, פאַרוואָס לאָזטו יעדן לומפּ
צו ריידן אין דיין נאָמען? פאַרוואָס זאָגסטו נישט
אַליין אַרויס אין וואָס באַשטייט דיין ווילן? —
דו שווייגסט, ווי אָט דער דיל אויף וועלכן כ'ליג,
דו שווייגסט, ווי אָט די ווענט וואָס היטן מיך;
און איצטער וואָלסטו נישט באַדאַרפט מער שווייגן.
עס מוז דאָך זיין אַ רגע, ווען אפילו שטיין
זאָל עפענען אַ מויל און נעמען ריידן,
און נישט נאָר ריידן — שרייען, פּראָטעסטירן
און אויפברעכן און אויפשטורמען די נאַכט.
און אויב עס איז נישט אַזאַ רגע איצט, —
ווען שענדער טראָגט אויף זיך די קרוין פון צדיק,
און דער געשענדעטער — דעם דאָרן פון אַ רשע, —
איז ווען זשע אַנדערש קען די רגע אַנשטיין? —
ער זאָגט, אַז די השגחה האָט געוואָלט אַזוי,
ער זאָגט — מסתמא וויים ער וואָס ער זאָגט. —
און אויב אַזוי — טאָ זיי געבענטשט, דו צדיק — לומפּ,
איך קוש די פינגער דיינע די פאַרבלוטיקטע,
איך קוש די טריט דיינע, די פאָלעס פון דיין מאַנטל,

אָ, תליון — גורל מיינער, הונט דו היילקער! — —
און מיינע פינגער — דאַרע, קליינע,
אַז אַך און וויי שוין צו דער פויסט, וואָס קען
פון אָט אַזוינע פינגער מאַכטלאָזע ארויסקומען!
אַ קללה אויף אַ פויסט אַ נישטיקן אַזאַ,
אַ קללה אויף אַזאַ צופליקטן צאָרן
ווי דיינער איצט, אבעלאַר, — קריפּל־צאָרן!
נעם שליידער זיך פאַנאַנדער אויפן דיל, אבעלאַר,
און זאָל די נאַכט פאַנאַנדערשלעפּן דיינע אברים,
ווי ס'שלעפּט אַ וואָלף פאַנאַנדער אַ פאַרצוקטע שעפּס. —

(וואַרפט זיך אום אין אַנגסטן איבערן דיל. ווערט
מיד, רעדט מידערהייט ווייטער צו זיך אַליין)

אבעלאַר, קום נישט אום, שטיי אויף.
שטיי אויף, ווייל העלואיז איז דאָ מיט דיר.
דו האַלסט איר האַרץ אין דיינע פינגער;
ווייל העלואיז קומט אייביק, אייביק אויף דיין רוף.

(ער זעצט זיך אויף)

אַ ברכה אויף די מידע פינגער מיינע,
וואָס טראָגן ס'ליכטיקע און ריינע האַרץ פון העלואיז;

(שטרעקט אויס די הענט אין עקזאַלטאַציע, רעדט
אַזוי ווי צו עמיצן)

וואָס מאַכסטו, העלואיז, מיין אייגענע, —
וואָס שטייסטו ביי דער שוועל פאַרשעמט אַזוי?
גוטן אָוונט דיר, מיין שוועסטער, מיין פאַרוואָגלטע; —
איך זוך אַ שטול פאַר דיר; נאָר זע — ניטאָ קיין שטול,
טאָ זעץ זיך אויף מיין בעט דער נאַקעטער.

(ער שטעלט זיך אויף אויף די קני)

גוטן אָוונט נאָכאַמאָל דיר, העלואיז, מיין וואונדער גאַסט;
ווי מיד דו ביסט, דו אָטעמסט אַזוי שווער,
און דיינע אַקסלען נידערן אַראָפּ. פונוואַנען קומסטו?
דו ביסט, זעט אויס, געלאָפן דורך סכנות'דיקע וועגן,
ווייל דיינע קליידער זענען דורכגעזיפּט מיט ריסן,
די ליפּן דיינע זענען טרוקן, — דו ביסט דאָרשטיק,

און אויך, מסתמא, הונגעריק. פֿאַרגיב מיר
וואָס כ'נעם נישט אויף דיך מיט געטראַנק און עסן; —
מיין ברויט איז שטיין הארט, און מיין וואַסער ביטער,
און ס'קלייד מיינס, זעסט, — פֿאַרשמוצט, פֿאַרבלוטיקט;
מיין נזיר קלייד — איך האָב עס! העלואיז, וואָס שווייגסטו?
ביסט אויך, ווי איך, געפּעגטעט אין דיין נאַנע קלייד, —
אַ, נעם אַראָפּ פֿון זיך די נאַנע קלייד, —
אַ נעם אַראָפּ. — אַט פֿאַל איך צו די פֿיס דיר.

(ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערד, שטייט אַזוי פֿאַרזונקען קניענדיק. עס קומט אַריין דער ערשטער מאָנאַך. אבעלאר הערט נישט זיין אַריינקומען).

ערשטער מאָנאַך

נישט קני איצט, ברודער.
ביסט מיד און שוואַך, וואָלסט בעסער באַדאַרפֿט ליגן.

(הייבט אים אויף)

איך בעט דיך, לייג זיך, רו.

(ער לייגט אים אַוועק)

אבעלאר (אַ צוגעפֿאַלענער צום בעט)

וואָס זענען דיינע נאַכריכטן פֿון העלואיז?
צי האָסטו אויסגעפֿירט דיין שליחות
צו איבערגעגעבן איר מיין בריוו? —
צי האָסטו מיר געבראַכט אַ בריוו פֿון איר?
דערצייל מיר גיכער.

ערשטער מאָנאַך

(אין פֿאַרלעגנהייט שווייגט)

אבעלאר

צי ביסטו נישט געגאַנגען אין דיין שליחות?

ערשטער מאָנאַך

געגאַנגען, און — ווי אַלע מאָל: פֿינף טעג און נעכט, —
און העלואיז'עס מאָנאַסטיר דערגרייכט.

אבעלאר

און העלאיז? —

ערשטער מאָנאַך

זי איז נישטאָ מער דאָרט.

אבעלאר

וואָס מיינט עס?

ערשטער מאָנאַך

עס מיינט, חלילה, גאָר נישט. העלאיז
איז אומגעריכטערהייט פון דאָרט פארשוואונדן,
און קיינער פון די שוועסטער און די אויפזעער
האָט נישט באַמערקט ווי אַזוי דאָס איז געשען.

אבעלאר

ווי לאַנג אַז ס'איז געשען?

ערשטער מאָנאַך

שוין וואָכן עטלעכע.

אבעלאר

דאָס לעצטע מאָל, ווען דו האָסט זי געזען,
איר איבערגעבנדיק מיין בריוו, — צי האָסטו נישט
באַמערקט באַזונדערס וואָס אין איר? —
איך מיין אַן אומרו אַ באַזונדערע אַזאַ —

ערשטער מאָנאַך

כ'האָב דעמאָלסט גאָר נישט נישט באַמערקט;
איך האָב דיר שוין דערציילט: —
זי האָט באַגעגנט מיך מיט רואיקייט און שמייכל, —
זי האָט געבראַכט מיר עסן און געטראַנק,
און אויך אַ פּלאַץ באַוואָרנט מיר צום שלאָפן.
און אַלץ אַזוי מיט ווירדיקייט און שטילקייט, אַז קיין איינער
פון אַלע נאָנעס וואָלט נישט קענען איינפאַלן
אַז עפּעס וואָס באַהאַלטענעס קומט פאָר צווישן אונדז. —
אָ, יע, אַ צייכן פון אַ ציטער האָב איך יע באַמערקט אין איר,
ווען איך האָב אין איר האַנט אַריינגעטאָן דיין בריוו,

און זי האָט נישט געקענט זיך שטאַרקן
און צוגעטראָגן שנעל אַזוי דאָס בריוו צום מויל,
אַ שאַרפֿן קוש געטאָן. — נאָר דאָס געדויערט האָט
אפֿילו נישט קיין רגע, — גלייך איז זי צוריק
געוואָרן איינגעהאַלטן, איינגעצאַמט ווי אַלע מאָל.

אַבעלאַר

וואו קען זי אָבער איצטער זיין?
וואָס זאָגן דאָרט די שוועסטער און פּאַרוואַלטער?
באַהאַלט פֿון מיר קיין זאַך נישט, זאָג מיר אויס, —
זי לעבט?

ערשטער מאָנאַך

וואָס פֿאַלט דיר איין אַזוינס צו פֿרעגן?
ס'איז אפֿשר איר דאָס פּלאַץ דערעסן,
איז זי אַוועק אַ נייעם מאָנאַסטיר געפֿינען. — —

אַבעלאַר

מיין בריוו, הייסט עס, האָסטו געבראַכט צוריק.

ערשטער מאָנאַך

אָט איז עס. (דערלאַנגט אים סיבריוו)
און דו פֿונדעסטוועגן זיי פֿאַרזיכטיק אויף ווייטער
מיט אַלע דיינע כּתבֿים, און דערהויפּט
מיט העלויזן'עם בריוו —

אַבעלאַר (נעמט אַרום דעם קאָפּ אין פֿאַרצווייפֿלונג).
איך בין. איך בין. — אָ, ברודער,
כאָטש דו פֿאַרראַט מיך נישט.

ערשטער מאָנאַך

איך האָב דיך ליב.

אַבעלאַר

פֿאַרוואָס זאָלסטו מיך ליב האָבן? פֿאַרוואָס?
איך בין נישט ווערט. איך בין אַ וויסטער שאַרבן.

ערשטער מאָנאַך

נישט רעד אַזוי, וויל אַלע, אַלע ליבן דיך.

אבעלאר

א מאָדנע ליבשאַפט מוז עס זיין. —
מען העצט אנטקעגן מיר, מען שפּיאָנירט
איעדן טראָט מיינעם, — מיין יעדעס וואָרט, —
מען שלאָגט מיך און — מען האָט מיך ליב. —
א מאָדנע ליבשאַפט — — — — —

(פּויזע)

אָ, זאָג, וואו קען זיין העלואיז?

ערשטער מאָנאַך

זי וועט זיך אָפּזוכן אליין.
זי וועט געוויס געפינען א שליח,
און איבערשיקן דיר פון זיך א נאַכריכט.

אבעלאר

א דאַנק דיר פאַר דיין טרייסט וואָרט, — אָבער
איך האָב קיין כח נישט צו וואַרטן מערער, —
די לעצטע כחות מיינע גייען אויס.
איך פאַל צוזאַמען, ברודער.

(ער פאַלט אַנידער אין צוזאַמענברוך)

ערשטער מאָנאַך

זיי שטאַרק, מיין ברודער.

אבעלאר

כ'וועל זיין. נאָר איצטער בין איך מיד.
קענסט גיין צו זיך. כ'וועל פּרובן שלאָפן.

ערשטער מאָנאַך (צו זיך)

ווי קאָן מען אים אַליין דאָ איבערלאָזן? —

(עס שלייכט זיך אַריין דער שטומער מאָנאַך. שטייט
ביים וואַנט. ערשטער מאָנאַך דערפרייט, צום שטומען)
ווילסט דאָ זיין? אכטונג געבן? —

שטומער

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע. אַ גאַנצע מחנה מאָנאַכן
קומט אַריין מיט טומל).

ערשטער מאָנאַך

צו וואָס אזא טומל, ברידער?

מאָנאַכן

דער פאָטער האָט געזאָגט — מען מעג אריינקומען.

ערשטער מאָנאַך

צוו וואָס-זשע אזא שמחה, ברידער?

מאָנאַכן

מען זאָגט, דער פאָטער האָט ביי אים געפונען
א גאַנצן פּאַק מיט ליבע בריוו. —

ערשטער מאָנאַך

איז וואָס דערפון?

מאָנאַכן

מיר וואָלטן אויך בעלנים זיין זיי לייענען. —

ערשטער מאָנאַך

איך בעט איך, גייט ארויס — נישט איצט די צייט
פאַר שפּאַס און חוזק, ברידער. —

(שטופּט אַלעמען אַרויס. צום שטומען, וואָס בלייבט)

ס'איז גוט אז עמיצער זאָל בלייבן דאָ מיט אים.
ס'איז אָנהויב אָוונט ערשט. כ'וועל צוקומען נאָך שפּעטער.

(צו אבעלאר)

דו שלאָפסט, ברודער?

אבעלאר

(ליגט אויסגעצויגן מיט פאַרמאַכטע אויגן)

ערשטער מאָנאַך

(צום שטומען) ער שלאָפט. ס'איז גוט אזוי.

(אָפּ)

שטומער

(שטעלט זיך צוקאָפּנס פון אבעלאר, קוקט לאַנג אויף
זיין געזיכט, נויגט זיך פאַמעליך, און נעמט רעדן,
פליסטערן)

אבעלאר, ליבער מיינער, טייערער, —

אבעלאר (נישט עפענענדיק די אויגן)
ווער איז דאָ? וועמעס שטימע הער איך?

שטומער
שטיי אויף, אבעלאר, עפן דיינע אויגן.

אבעלאר
א זיסער קול אזא נעמט דורך מיין האַרץ. —

שטומער
מיין מענטש דו, אויפגעגאַנגענער אין פּיין,
כ'בין דאָ. איך בין געקומען.

אבעלאר
אָ, חלום מיין, נישט ריים זיך איבער.

שטומער
ס'איז נישט קיין חלום,
הייב אויף די ברעמען דיינע און דערזע מיך. —
מיין פּנים איז פאַרשטעלט מיט באָרד און וואָנצעס,
מיין קול — מיט גליווערדיקער שטומקייט,
מיין גוף — מיט מענערישן קיטל;
דורך לאַנגן וואַגל, דורך אַן שיעור געפאַרן
אדורכגעריסן האָב איך זיך צו דיר אַהער. —
שטיי אויף, אבעלאר.

אבעלאר (עפנט די אויגן)
העלואיז! —

צווייטע סצענע

(שפעטער. אבעלאר ליגט. העלואיז שטייט אין ווינקל)

אבעלאר

דו שטייסט שוין שטונדן אויף די פיס,
און כ׳קען אפילו דיר קיין פלאץ נישט אנבאטן
צו זעצן זיך.

העלואיז

עס טוט מיר מערער וויי פון זען דיך
אויף הארטע ברעטער ליגן, ווי פון דעם
וואס כ׳האב נישט וואו צו זעצן זיך. —
מען דארף נישט רעדן וועגן דעם,
ווייל — זעסט דאך, ווי איך שאף זיך מוט,
און צאם דאס הארץ עס זאל נישט אויפרייסן.

אבעלאר

קום, זעץ זיך אויפן ברעג פון בעט.

העלואיז

די טיר איז אפן, און צו יעדער רגע
קען ווער אריינקומען, — וועט זיין נישט גוט
דאס זיצן מיינס; — א פרעמדער דורכגייער בין איך,
א שטומער וואנדערער, וואס שטייטביים וואנט.

אבעלאר

דערצייל, ווי לעבט זיך דיר אין מאנאסטיר אין דיינעם?

העלואיז

איך שעם זיך זאגן דיר אז מיר איז שלעכט, —
ווייל וואס איז מיין שלעכטקייט אנטקעגן דיינער?
אנטקעגן אט־די שטראפן וואס מען שטראפט דיך,
ווייזט אויס, גאנץ אפט. איך שטיי און קוק,
און גלויב נישט זיך אליין, אז אלץ איז אמת.

אבעלאר

נאָך גוט וואָס דיך כאַטש שטראָפט מען נישט.

העלואיז

מען שטראָפט מיך אויך אַמאָל, נאָר נישט אַזוי
אכזריות׳דיק ווי דיך, ווייל איך בין דאָך
געקומען פרייוויליק אין מאָנאַסטיר,
און דו ביסט אַלץ פאַררעכנט נאָך ווי אַ פאַר׳משפט׳ער.

אבעלאר

פאַרשטיי איך, העלואיז, פונדעסטוועגן,
אַז דיר באַדאַרף אַמאָל נאָך שווערער זיין,
דערפאַר טאַקע, ווייל פרייוויליק פאַרשפאַרט זיך;
דער איבערגוואַלד פאַרשפאַרטער האָט אַ טרייסט אַמאָל
אין דעם, וואָס ער איז מאַכטלאָז קעגן שטראָפער.

העלואיז

ווילסט מאַכן קלענער דיינע לידן קעגן מיינע, —
כ׳פאַרשטיי דיין איידלקייט. — איך דאַנק דיר.
נאָר טו עס נישט, פאַרקלענער נישט, דערצייל
דעם גאַנצן אמת מיר. איך שפּיר,
אַז עפּעס שרעקלעכעס קומט פאָר מיט דיר. —
איך האָב עס אויך דורך דיינע בריוו געשפּירט, —
איעדעס וואָרט אין דיינע בריוו גייט אָפּ מיט פּיין.

אבעלאר

אויך דיינע בריוו האָב איך אַזוי געשפּירט,
און שפּיר זיי איצטער אויך אַזוי, —
אָט זענען זיי, אָט האַלט איך זיי אין מיינע הענט, —
ווי דאַנקבאַר איך בין דיר פאַר דיינע בריוו.

העלואיז

אַ גאָט, ווי דאַר דו ביסט געוואָרן, —
און ווי צושלאָגן און צופליקט דו ביסט, —
(אין שטילן געוויין)
איך קען אפילו מיינע הענט נישט אויסשטרעקן
און דיך אַרומנעמען.

אבעלאר

מיר טוט קיין זאך נישט ווי איצט,
אז דו ביסט דאָ, — פאַרקערט, עס זינגט אין מיר
איעדער אבר. כ׳בעט נאָכאַמאָל —
כ׳וויל וויסן אַלע פּרטים פון דיין לעבן.

העלואיז

נישט איצט די צייט פאַר מיר צו רעדן וועגן זיך,
רעד דו, און איך וועל הערן. —

אבעלאר

כ׳וויל אָנרירן דיין האַנט.

העלואיז

איין רגע נישט קיין פאַרזינדיקטע קען פלוצלונג
פאַנאַנדערייסן ווידער אונדז, און דיך
צו שטראָפן הארבערע דערפירן.

אבעלאר

און דיך — צו וואַגלענישן שווערערע.

העלואיז

נישטאָ שוין מער קיין וואַגלענישן שווערערע.

אבעלאר

נישטאָ שוין מערער אויך קיין שטראָפן הארבערע.

העלואיז

זיי שטאַרק, אבעלאר.

אבעלאר

(גראָבט אַריין דעם קאָפּ. מיט ווי פון אומגעדולד)
אָ, גאָט, די שטאַרקייט ברענגט מיך אום.

העלואיז (גייט צו צו אים).
פונדעסטוועגן, איך בעט דיך נאָכאַמאָל :
זיי שטאַרק.

אבעלאר (נעמט איר האַנט).
כ׳וויל זען דיין פנים אויף איין רגע כאָטש,

העלואיז

אָ, בעט עס נישט.

אבעלאר

כ'וויל זען דיין אמת'ן געזיכט.

העלואיז

וועסט ווערן שטארקער, דאמאָלסט וועלן מיר
ארויס'גנב'ענען פונדאנען זיך אין וואלד ערגעץ.

אבעלאר

ווי קען עס מעגלעך זיין? מען היט דאָך מיך.

העלואיז

ווער ווייס צי שטייט נית ווער אהינטער טיר אויך איצט.

(עפנט די טיר, קוקט אַרויס, קומט צוריק)

פונדאנען זיך אַרויסכאַפּן אין וואלד ערגעץ,
אויף דעם וועל איך שוין אָנווענדן מיין מי,
איך וועל עס דורכפירן.

אבעלאר

אַ דאנק דיר, העלואיז; נאָר פּאַרט, ווי מאָדנע,
כמעט נישט גלויבלעך, — העלואיז איז דאָ, —
און קען פאר מיר נישט אויפדעקן איר פּנים,
און איך, אַ מאכטלאָזער, ליג אויסגעצויגן אויף אַ בעט. —

(הייבט זיך אויף מיט אימפעט, וויל אַראָפּ פון בעט,
אין דעם קומט אַריין ערשטער מאָנאַך. העלואיז איז
אָפּגעשפרונגען אין צייט, אבעלאר פאלט צוריק
אַנידער).

ערשטער מאָנאַך

ווי פילסטו זיך, ברודער?

אבעלאר

איך רו.

ערשטער מאָנאַך

דער פרעמדער שטערט דיר נישט?

אבעלאר
פאַרקערט, — זיין שוויַיגן שטיל באַרואיקט מיך.

ערשטער מאָנאַך
דער פאָטער וועט באַלד קומען זען דיך.

אבעלאר
צו וואָס?

ערשטער מאָנאַך
דיך זען — מער גאָר נישט.

אבעלאר
און מיר איז פיינלעך אים צו זען איצט.

ערשטער מאָנאַך
זיי פאַרזיכטיק מיט דיינע רייד.

אבעלאר
ער ווייס אַליין ווי מיר איז פיינלעך אים צו זען איצט.

ערשטער מאָנאַך
וואָס מיינסטו?

אבעלאר
פאַר מיר איז איצט אַלץ קלאָר און אָפן,
און כ'דאַרף קיין פאָרזיכטיקייט נישט האָבן מער.
איך קען אַריין אין יעדנס האַרץ,
און יעדער קען אַריין אין מיין האַרץ, —
און מורא האָב איך אויך נישט מער פאַר קיינעם,
און קיינער האָט קיין מורא מער פאַר מיר.
דאָס ליכט פון שלום רוט אויף מיר.

ערשטער מאָנאַך
מיך פרייט צו הערן פון דיין מויל איצט,
אַז ס'רוט אויף דיר דאָס ליכט פון שלום.

אבעלאר
דאָס ליכט פון לעצטן שלום.

גיי זאָג דעם פּאַטער אונדזערן,
אַז היינט דאַרף ער פֿאַר מיר נישט מורא האָבן:
מיין דאַרע פּויסט װעל איך אים היינט
נישט שפּאָרן אין זיין פּרעכן פּרצוף. —

ערשטער מאָנאַך
אַזוינע רייד, ברודער!

אבעלאר
די אָוונט תּפֿלה איז אַדורך שוין?

ערשטער מאָנאַך
שוין לאַנג.

אבעלאר
און איך האָב היינט פֿאַרפֿעלט די אָוונט תּפֿלה.

ערשטער מאָנאַך
אַ תּפֿלה קען מען נישט פֿאַרפֿעלן.

אבעלאר
מען קען איבערטראָגן זי אין נאַכט אַריין.

ערשטער מאָנאַך
ווילסט איצטער אפשר תּפֿלה טאָן?

אבעלאר
יע. (נעמט אַרונטערגיין פֿון בעט. ערשטער מאָנאַך העלפֿט אים אַרונטערגיין, אבעלאר שטעלט זיך אין ווינקל לעבן בעט אויף די קני. העלואיז אין אַ צווייטן ווינקל, שטייט שטייף און פֿאַרשלאָסן).

ערשטער מאָנאַך
װעל איך דיך ווידער לאָזן זיין מיט זיך אַליין.
(אָפּ)

העלואיז
איצט זעסטו שוין, ווי פֿאָרזיכטיק מיר דאַרפֿן זיין.

אבעלאר
איך זע, איך זע.

דו שטייסט שוין ווידער אויסגעצויגן ביי דער וואנט:
אַ שטומער וואַנדערער וואָס גייט נאָר דורך.
און איך וועל תּפילה טאָן צום שטומען וואַנדערער;
איך קען דיך נישט אַרומנעמען,
און אויך נישט זען דיך אין געזיכט;
זאָל זיין דאָס וואָרט — מיין האַנט,
זאָל זיין דאָס וואָרט — מיין אויג.
באַשעפער, לעבעדיקער גאָט, איך רוף צו העלואיז, —
במילא איז דאָס אויך צו דיר, באַשעפער, —
איך זאָג די אַלטע, אַלטע תּפילה:
פון גאָר דער טיפעניש איך רוף צו דיר, מיין גאָט, —
מיין שטומער וואַנדערער, וואָס שטייט ביים וואַנט.

העלואיז (אין זעלבן טאָן)

איך הער דיין קול, איך בין צו דיר געקומען.
דיין קול אינאיינעם מיט דיין האַרץ פאַרנעם איך.
נאָר ווער בין איך אַליין, אַז איך זאָל וואַגן
צו קענען זיין ווי דו פאַרלאַנגסט און ווילסט
אַז איך זאָל זיין? — די שוואַכע פּלייצעס מיינע
פאַרטראָגן שטום און שווייגנדיק די ליידן,
וואָס מיר אַליין קומט אויס צו איבערטראָגן, —
נאָר ווי זאָל איך פאַרטראָגן דיינע ליידן?
ווי קען איך דיין לעבן פאַרנעמען שווייגנדיק?
פאַרוואָס פאַרשרייַ איך נישט די וועלט אַחריות׳דיקערהייט,
און מאַך נישט אויפציטערן דאָס האַרץ פון יעדן
מיט דיין יסורים׳דיקן גורל? — אַ פאַרשטילטע לעב איך,
אַ פאַרשעמטע אין מיין שטילקייט און צוריקגעצויגנקייט,
אַן איינגעגלויבטע אין דעם קומענדיקן טאָג
פון דיין נצחון, און איך טראָג אין זיך
די שטראַלן פון דעם קומענדיקן טאָג. —

(גיט זיך אַ כאַפּ)

פאַרגיב מיר, טייערער, וואָס כ׳רעד אַזויפיל.

אבעלאר

רעד ווייטער, שוועסטער מיינע.

העלויז

אַ מענטש טוט תּפֿלה צו אַ צווייטן מענטשן,
ווי איך צו דיר — —

אבעלאר

און איך צו דיר —

העלויז

דאָס תּפֿלה טאָן פֿון מענטש צו מענטש איז מערער ווי פֿון מענטש צו גאָט,

ווייל מענטש צו מענטש מיינט: צוויי וואָס בלוטיקן,
און מענטש צו גאָט מיינט: איינער נאָר וואָס בלוטיקט;
דעם טרויער פֿון גאָטס זון האָב איך געזען,
נאָר נישט געזען האָב איך, אַז בלוט זאָל רינען
פֿונעם לייב פֿון גאָט דעם פֿאָטער. —
איך וויל נישט תּפֿלה טאָן, באַשעפֿער, איצט צו דיר, —
כ'וויל תּפֿלה טאָן צום מאַן מיינעם אבעלאר. —

אבעלאר (זינקט מיטן קאָפּ צום דיל)

צום מאַן דיינעם?
(מיט פֿאַרצווייפֿלטן אויסגעשריי) העלויז!
דו רופֿסט מיך מאַן?

העלויז

אודאי רוף איך דיך אַזוי, — אין אַלע נעכט,
אין אַלע טעג. דו ביסט מיין מאַן מיין אייביקער. —
מיין מאַן אין גוף. —

אבעלאר (אויפֿגעציטערט)

דעם גוף מיינעם דערמאָן נישט — —
מיין גוף געהערט צו הינט, צו וועלף — — —

העלויז

כ'פֿאַרוועהר דיר אַזוי רעדן.

אבעלאר

צי האָסטו דען פֿאַרגעסן יענע נאַכט פֿון שענדונג?

העלויז

כ׳האָב נישט פאַרגעסן.

אבעלאַר

צי ווילסטו אַלץ נאָך תּפילה טאָן צו אַ געשענדעטן ?

העלויז

אַזוי ווי דו ווילסט תּפילה טאָן צו אַ געשענדעטער.

אבעלאַר

צי דו ביסט אויך געשענדעט ?

העלויז

איך בין.

אבעלאַר

פון וועמען ?

העלויז

פון זיך אַליין.

אבעלאַר

פאַרוואָס ?

העלויז

צו זיין ווי דו.

אבעלאַר

וואָס מיינען דיינע רייד ? צי זאָל איך טראַכטן
אַז דו אַליין האָסט אויף דיין גוף אַ האַנט אַרויפגעלייגט ?

העלויז

נישט פרעג, איך בעט.

אבעלאַר

דערציייל מיר אַלץ.

העלויז

נישט איצט.

אבעלאַר

איך שטרעק די הענט מיינע צו דיר.

העלאוויז

און איך — צו דיר.

אבעלאר

די כחות מיינע זינקען.

העלאוויז

אויך מיינע כחות זינקען.

אבעלאר

אָ, ניין. זיי שטאַרק. דו מוזט זיין שטאַרק.
דו מוזט, — דו ביסט. —
עס שטראָמט פון דיר מיט גבורה. —

העלאוויז

פון וואָגלעניש בין איך צו דיר געקומען,
אין וואָגלעניש וועל איך צוריק אַוועק;
אין פרעמדע קאַלטע ווענט פון מאַנאַסטירן
האָב איך, ווי דו, געהיט דאָס פייער
פון גלויבן אין דיין אויסדערוויילטקייט,
און אויך אין מיינער. —

אבעלאר

איך האָב זיי פיינט די קאַלטע ווענט די מאַנאַסטירישע!

העלאוויז

דורך אַלע קאַלטע ווענט האָב איך גערופן
די פייערדיקע כחות פון דער וועלט, זיי זאָלן קומען
באַהעפטן זיך אין דיר, אבעלאר, —
און זאָלן העלפן טראָגן דיר דיין אויסדערוויילטקייט. —
און מיין הילף האָב איך דיר געשיקט אינגאַנצן:
איך האָב די פולקייט פון מיין ברוסט פאַרמאַגערט,
כדי עס זאָל מיך קיינער נישט באַגערן,
און קיינער זאָל נישט וועלן מיך באַרירן;
כ׳האָב אָפּגעשניטן מיינע לאַנגע האָר,
און מיטן זעלבן מעסער, רואיק און געדולדיק,
געשניטן מיינע יאָרן, ווי מען שניידט אָפּ זאַנגען;

די זאַנגען בינדט מען אויף אין גאַרבן, —
אַזוי האָב איך צונויפגעבונדן מיינע יאָרן
אין פולע גאַרבן, און געבראַכט זיי איצט צו דיר
אויף מיינע אַקסלען אָנגעלאָדענערהייט,
דו זאָלסט זיי אויסשפּרייטן אויף דיין געלעגער,
און ווייכער מאַכן דיין געמיינע בעט. —
אָ, נעם אַבעלאַר, לייג זיי אויס די גאַרבען,
און איך וועל שטיין אין ווינקל און וועל קוקן, —
אַ שטומער וואַנדערער, וואָס שטייט בײַם זייט.
(פּויזע)
שטיי אויף פון קניען, לייג זיך אויפן בעט צוריק.

אַבעלאַר

כ'וויל קניען ווייטער. — —
אַזויפיל יאָרן אָפּגעשיידטע לעבן מיר,
און אין די אַלע יאָרן צוויי נאָר קורצע מאָל
באַגעגנט זיך. און איצט — דאָס דריטע מאָל.
דאָס ערשטע מאָל — געוויינט.
דאָס צווייטע מאָל — געשוויגן.
און איצט דאָס דריטע מאָל.
וואָס זאָל באַטייטן אָט דאָס דריטע מאָל?
וואָס קומט, וואָס נענטערט זיך צו אונדז?
צי הערן מיר דאָס אָנקומען פון יום־טוב?
צי איז דאָס דריטע מאָל דאָס לעצטע? — —
אָ, העלואיז, דערנענטער זיך צו מיר,
דעק אָפּ דיין פּנים,
און טרעט אַריבער איבער אַלע מורא'ס, — —
דערלייז מיך פון מיין גוף.

העלואיז

וואָס טאָן מיט אים?

אַבעלאַר

דער'הרג'ע אים.

העלואיז

און וואָס זאָל איך מיט מיין גוף דאַמאָלסט טאָן?

אבעלאר

וועסט טראָגן מיך אין זיך,
און דאָס וועט זיין דער זינען.
באַזונדער טאָר אַ מענטש נישט לעבן,
און איינער מוז זיך אויפלייזן אין צווייטן;
ביסט נישט מיין ווייב געוואָרן — זיי מיין מאַמע־ערד,
און נעם מיך, ווי די מאַמע ערד, אַריין אין זיך,
און ווי מען טרינקט אויס וויין, אַזוי זאָלסטו מיך אויסטרינקען.
און איך וועל טרינקען עפּעס אַנדערש. —
אָט האָב איך סם ביי זיך און אויך אַ מעסער. — — —
כ'האָב וויפיל מאָל געטראַכט אַליין עס טאָן,
און נישט געטאָן אויס פליכט געפיל צו דיר,
דו זאָלסט נישט בלייבן אָפּגענאַרט אין מיין געדולד,
אין מיין אחריות און אין קלאָרקייט פון מיין גייסט;
איך טראָג אַלץ איבער וואַרטנדיק אויף דיר,
און אויב דו וואָלסט נישט קומען איצט, און כ'וואָלט
אויף דיר נאָך לאַנגע יאָרן באַדאַרפט וואַרטן —
איך וואָלט געוואַרט מיט זיכערקייט אין דיר. —
און איצטער ביסטו דאָ. דו ביסט געקומען.
און איך בין גרייט: אָט שטיי איך אויף די קני
און וואַרט. —

העלואיז

(דערשטיינט פאַלט צו מיטן פּנים צום וואַנט)

אבעלאר

פּאַרדעק נישט דאָס געזיכט, — ס'איז סיי ווי סיי פּאַרדעקט,
און מיינע אויגן זעען דיך סיי ווי,
זיי זעען דיך אַזוי ווי כ'וויל דיך זען: —
אַן אויסגע'חלום'טע, אַן אויסגעוואַקסענע, אַ רייפע.
איך קוק אַרויף צו דיר, און בעט:
פיר אויס מיין ווילן, —

העלואיז

(גיט זיך אַ ריס פון איר אָרט, נעמט האַסטיק לויפן
צום טיר)

אבעלאר (מיט שרעק)
וואוהין, לויפסטו ?

העלויאיז
כ'אנטלויף פון דיר.

אבעלאר
פארלאָז מיך נישט.

העלויאיז
די דארפסט מיך מערער נישט.

אבעלאר
אָ, העלויאיז.

העלויאיז
מיין ליבשאַפט גיט דיר מער קיין כח נישט.

אבעלאר
פארשטיי מיך.

העלויאיז
כ'פארשטיי דיך גוט.
באפרייאונג ווילסטו; ס'איז דיר שווער.
און אין דיין שווערקייט האָסטו איצט נאָר זיך אין זינען.
דו ווילסט, אַז איך זאָל צונעמען דיין לעבן,
און טראָגן עס אין זיך, — אַ ליבער יינגל דו,
צי זעסטו נישט, אַז כ'טראָג עס סיי ווי סיי,
געטראָגן, טראָגן עס איצט, און וועל עס טראָגן, —
און אויך צי זעסטו נישט, אַז כ'פאַל אוועק
אַ מידע אונטערן לאַסט פון זיך אַליין אַמאָל. —
היינט ווי וועל איך דערטראָגן צוויי לעבנס ?

אבעלאר
נישט גיי אוועק פון מיר.

העלויאיז (צוריק צו איר פלאַץ, קאָפּ אַרונטער)
פארגיב מיר.

אבעלאר

דו בעטסט פארגעבונג אין דער צייט
ווען איך גאר דארף עס בעטן. —

העלואיז

דו האסט עס דא מיט זיך — דעם סם און מעסער?

אבעלאר

איך טראג עס מיט זיך שטענדיק.

העלואיז

גיב עס מיר אוועק. —

(פויזע)

איך בעט.

אבעלאר

(נעמט ארויס פון בוזים א מעסער און א פלעשעלע,
שטרעקט עס אויס צו העלואיז).

העלואיז

א דאנק, ברודער מיינער.

אבעלאר

וואס וועסטו טאן מיט דעם?

העלואיז

ארויסווארפן.

אבעלאר

טא הער מיך איצט,
כ'וויל עפעס דיר דערציילן, —

העלואיז

איך הער, דערצייל.

אבעלאר

נישט איינמאל האב איך שוין אין מיינע בריוו צו דיר,
אין קורצן און פארשטעלטערהייט דערמאנט
די שטרייטן, וואס איך פיר מיט זיך אליין,
און מיט מיין גורל; אבער איצטער מוז איך

אינגאנצן אָפּן זיין, און דו זאָלסט זען
אַז סם און מעסער דאַרף מען נישט אַרויסוואַרפן; —
און ווידער וועט דיר אויסקומען צו הערן
די אָפּקלאַנגען פון יענער נאַכט פון שענדונג — — —

העלואיז

אָ, טייערער, זיי גוט צו זיך אַליין, — דערמאָן נישט איצט
די שרעק פון יענער נאַכט — —

אבעלאַר

נישט איך דערמאָן — עס ווערט פון זיך אַליין דערמאָנט; —
פאַר דיר האָב איך נאָך, אגב, קיינמאָל נישט דערציילט אַליין
דעם אמת און דעם גרויל פון יענער נאַכט . . .
און איצט איז דאָ אַן אַנדער אורזאַכע, וואָס טרייבט מיך
צו ריידן און דערציילן —

העלואיז

וואָס זאָל עס מיינען?

אבעלאַר

איך בעט דיך — הער מיך. כ'וועל ריידן לאַנג.

העלואיז

כ'וועל הערן, רייד.

אבעלאַר

פון קליינוויז אָן, אַז ס'לעבט אין מיר אַ סתירה
צווישן גייסט מיינעם און קערפּער מיינעם;
אַ סתירה צווישן גייסט און גוף איז דאָ אין יעדן:
דער מענטש האָט נישט קיין זיכערקייט אין גייסט זיינעם,
דערפאַר אָבער האָט ער אַ גרויסע זיכערקייט
אין גוף אין זיינעם, און ער שפּאַנט
מיט שטאַרקע זיגערישע טריט איבער דער ערד,
און ס'הוידן זיך די וועגן אונטער זיינע טריט.
ער עסט און טרינקט און פּרוכפּערט זיך,
און האָט פון זיך אַליין הנאה. — מיך, אָבער,
ווייזט אויס, האָט אימיצער פאַרשאָלטן:

פון קליינוווייז אָן האָב איך, פארקערט, געפילט
אַ שטאַרקע זיכערקייט אין גייסט אין מיינעם,
און גאָר שוין נישט קיין זיכערקייט אין גוף.
מיין גייסט איז קלאָר געווען פאַר מיר און ליכטיק,
און כ׳האָב געוואוסט אויף וואָס איך דאַרף אים.
ער האָט געפירט מיך צו דער אָפענער וועלט,
צו מענטש — נאַטור — און גאָט דערקענטעניש, —
צום גרויסן שכל, — און דורך גרויסן שכל
געזען האָב איך די שטרויכלונגען און טעות׳ן און עולות,
וואָס גאָט — נאַטור — און מענטש באַגייען; —
כ׳האָב פיין געזען, און אָרימקייט, און טרערן,
און אבערגלויבערישע נאַרישקייט און רשעות,
און כ׳האָב געהאָדעוועט אין זיך אַ ווילן
פון עולות און פון פיין די וועלט באַפרייען,
און גוף און גייסט זאָל ווערן איינס —
באַזינטער איינס. — נאָר נישט באַשערט איז מיר געווען
דעם חלום מיינעם צו פאַרווירקלעכן: —
אין עפּעס אַזאַ טונקעלער פאַרלעגנהייט
אריינגעבראַכט האָט מיך מיין אייגענער גוף, —
די הענט מיינע, די פיס, דער עצם שטח,
וואָס גוף פאַרנעמט אין רוים.
כ׳האָב טיף געאַנט פון קינדוווייז אָן,
אַז כ׳וויים נישט מיט מיין קערפּער וואָס צו טאָן,
און נישט געהאַט קיין זיכערקייט קיין פולע אַז איך דאַרף אים.
איך האָב דערשפּירט אַ שרעק אין אייגענעם קול,
אַ לעבערלעכקייט אין די הענט, אַן איבעריקייט,
כאָטש נעם און האַק זיי אָפּ אין אומגעלופערטקייט;
און מער פון אַלץ, האָט מיר געדוכט זיך,
איז לעבערלעך מיין פּנים, מויל און אויגן, —
און גראַד בין איך געווען געזונט און אויך נישט מיאוס,
און לויט די רייד פון אַנדערע — אפילו שיין. — — — —

(פּויזע)

ביים טיש מיט טאַטע־מאַמע פלעג איך זיצן
און האָבן אַ געפיל, אַז אָט אַ נעם איך

און גיב זיך אַזאַ ריס פֿון גוף אַרויס,
און שייד זיך אָפּ פֿון אים,
און טראָג אַוועק זיך ערגעץ ווייט און הויך,
און קום נישט מער צוריק צו אים; —
און ער, דער גוף, ביים טיש בלייבט טאַרטשן,
און קיינער כאַפּט זיך נישט, אַז עפּעס איז געשען. — — —
און איינמאָל זיץ איך אָט אַזוי ביים עסן,
און טראָג דאָס עסנוואַרג צום מויל און נעם אַראָפּשלינגען,
און מיט אַמאָל דערפֿיל איך אַזאַ שאַרפֿן טרויער,
אַזאַ מין חרפּה און באַליידונג אין עסן,
אַזאַ געיאָמער אין דעם קלאַנג פֿון שלינגען,
אַ נידעריקייט אין דער גלוסטונג פֿון די אבֿרים,
אין זייער זשעדנעקייט און חיה'שדיקער צאַפּלעניש; — —
און גלייך נאָכדעם, אַזוי ווי אויף צו להכעיס,
אַזוי ווי אַ נקמה איבער זיך אַליין,
דערפֿילט האָב איך אַן אָנפֿאַל איבער זיך
פֿון מאָדנע, נאָגענדיקע, בלינדע תאוות,
אַזוינע ציהענדיקע הונגערס — טויזנט הונגערס; —
אַ יעדעס גליד אין מיר האָט אויפֿגעעפֿנט זיבן מיילער
אין אַ צעהוליעטן, צעווילדעוועטן אויסברוך;
אַ שטורעם האָט אַרומגעכאַפּט מיין גאַנצן וועזן, —
אַן אָרגיע פֿון נעגל, שנאָבלען, פֿליגלען, —
און ס'האָבן זיך פֿאַרביי די אויגן מיינע
גענומען טראָגן מחנות גאַנצע לייבער —
די לייבער און די פּנים'ער פֿון אַלע פֿרויען.
פֿון אַלע, אַלע פֿרויען וואָס איך האָב געזען ווען, —
די לייבער אָפֿענע, די לייבער נאַקעטע, —
און אַלע שנאָבלען, פֿליגלען האָבן זיך געריסן
אַריינצוזינקען אין דער טיפֿעניש פֿון לייבער; —
אַ טונקלקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט — אַ פֿינצטערניש,
און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן דעמאָלסט, אַז איך ווער
פֿאַר'משפּט אויף אַ ביטערן גערانגל
מיט אָט דער פֿינצטערניש פֿון בלינדע הונגערס, —
מיט אַלע הונגערס פֿון מיין אייגענעם גוף. — — —

— — — — — — — — — — איך בין אנטלאָפן
פון שטוב אין פעלד אריין, אין וואַלד אריין, —
און אָפּגעלעגן דאָרט אין גרוים געוויין
ביז טיפער נאַכט; דערנאָך אַהיים צוריק געגאַנגען.
אריין אין שטוב. — אין שטוב איז שטיל געווען,
אין שלאָף איז אַלץ געווען פאַרזונקען, —
אין שלאָף און אין פּאַרטאַיעטן לבנה־ליכט.
איך האָב זיך אויך אַנידערגעלייגט שלאָפן. נאָר אומזיסט, —
דער שלאָף צו מיר איז נישט געקומען.
איך האָב ארומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגן. מיט אַמאָל,
עס גיט אַ שלאָג מיר עפּעס לייביקס פאַר די אויגן,
און עפּעס אַזאַ שאַרך דערהער איך דורך דער אָפענער טיר
פון צימער, וואו עס שלאָפן טאַטע־מאַמע —
אַזאַ געוויין־געפּליסטער, אַזאַ כּליפּ
דערטראָגט זיך פונעם צימער צו מיין אויער,
צי אפשר גאָר אַ קוש, — און גלייך נאָכדעם
אַן אויפריים פון אַן אמת'ן געיאָמער, —
מיין מאַמעס אייביקער געיאָמער, — נאַקעט לייביק,
און טאַטע, הער איך, וואָרנט: ש — ש — ש — ...
איך גראָב אריין מיין פּנים אין געלעגער,
איך הייב זיך ווידער אויף, און זע:
עס זיצן טאַטע־מאַמע, יעדער אויף זיין בעט, —
צוויי איינגעגליווערטע, צוויי שוויגנדיקע גופן,
און צוויי פּאָר פיס אַזוינע לאַנגע, דאַרע,
אַזוינע נאַקעטע, אַזוינע עלנדע, —
זיי הענגען זיך ארונטער, און זיי באַמבלען זיך
פאַרוואָרלאָזטע און וויינענדיקע אין לבנה ליכט. — — —
— נעמט צו דאָס לייב פון מיינע אויגן! —
האָב איך ארויסגעשריגן, און צום טיר אַ שפּרונג געטאָן,
ארויסגעלאָפן, און — צוריק שוין נישט געקומען מער — — —

איך בין געלאָפן אין דער נאַכט אריין,
און מער און מער געפילט דעם צער פון גוף,
דעם בראָך פון מיינע אייגענע צופלאַמטע גלידער, —
און אַט דעם פייערדיקן צער האָב איך דערנאָך געטראָגן

אין טאָג אַריין, אין גרויסער וועלט אַריין; —
איך האָב געלערנט, געשטודירט, געגרייט זיך
צו זיין אַ פּריידיקער, אַ פירער, און אהינטער מיר —
אַ עטוואָס אויסנעקרימטער, אַ נישט גליקלעכער,
אַן אָפּגעשפּאָלטענער פון זיך אַליין, אַ זייטיקער —
איז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט מיין גוף.

נישט גוט איז מיר געווען אין אָט דער צווייאיקייט,
און אין די נעכט גע'חלומ'ט האָב איך וועגן איינהייט;
אין גאָר די קינדערישע יאָרן האָב איך, איינמאָל,
געזען אין חלום מיין געשטאַלט פון עלטער,
אַן איינגעטונקענע אין ליכט און שמחה,
אַן אויסגעשטרעקטע אין אַן אויפגעפּראַלטן טויער.
איך מאַך אַ טראָט, און טרעט ארויס פון טויער, —
ערשט ס'קומט מיר אַן אנטקעגן אַ געשטאַלט אַ צווייטע,
און פאַלט אַרויף אויף מיר און נעמט מיך האַלדזן,
און לייגט אַוועק מיך אויף דער ערד, און ציט מיך אויס,
און ציט אַליין זיך אויס אַריבער מיר
מיט אַזאַ ליכטיקן און סאַמעטענעם גוף,
און קוקט אַריין און דרינגט אַריין אין מיר, —
(דאָס ביסטו געווען, דו) —
און כ'שפּיר, ווי אַלץ וואָס אויף דער ערד און איבער איר, —
די ביימער, גראָזן, טייכן, שטערן, —
זיי טוען נאָך און דרינגען אויך אַריין אין מיר
מיט אַלע וואָרצלען, ליכט און שטראָמען זייערע,
און איך שטרעק אויס מיין גוף און נעם עס אַלץ אַריין אין זיך,
ביז וואַנען איך דערפיל — מיר ווערן איינס,
און דאַמאָלסט ציי איך אויס די הענט אין זייער גאַנצער לייג,
און אויך די פיס אַזוי — איך צי זיי אויס.
(דאָס ביזטו געווען, העלואיז, דו).

און אָט דער חלום קינדישער האָט מיך באַגלייט
אין אַלע ציטן מיינע, און אויך דאַמאָלסט, —
און אויפגעשטאַנען איז אין מיר אַ האָפענונג,
אַז ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ מענטש אַ זעלטענער,

א לויטערער, א ריינער און, דערהויפּט, א גאַנצער,
אַ מענטש — אַ פרוי, וואָס זאַמלט כּחות
צו זיין פאַר מיר געליבטע, כּלה, שוועסטער, מוטער,
און נאָכדעם פאַר מיר ווערן מענטש השגחה,
און אויסדערלייזן מיך פון ביטערן געראַנגל מיט מיין גוף.
מיין טיר האָט זיך געעפנט אין אַ נאַכט איינמאָל,
און ער — דער מענטש, דער לאַנג געגאַרטער איז געקומען,
דער מענטש, דער לאַנג געגאַרטער — העלואיז.

(פּויזע)

געדיינקסט דיין ערשטן מאָל אַריינקומען צו מיר? —
געדיינקסט, ווי איך האָב אויסגעשטרעקט די הענט צו דיר?
אַ רגע זענען זיי געהאַנגען אין דער לופטן, —
פאַרשעמטע בעטלער צוויי, — און דו
האָסט אויפגעכאַפּט די הענט מיינע,
און זיי אַרויפגעוויקלט אויף דיין האַלדז,
און ווי נאָר איך האָב אָנגערירט דיין גוף,
אַזוי איז מיט אַמאָל אויך אויפגעריכט געוואָרן מיינער; —
אַ ליכטיקייט האָט איבער מיר אַ שטראָם געטאָן,
און אַלץ אין גוף מיינעם, וואָס האָט ביז איצט געבלאָנדזשעט
אין וואָקלעניש, אין בלינדקייט און אין ספקות,
דערפילט האָט זיכערקייט און היימישקייט אין זיך,
און מיינע ליפּן האָבן דאַנקענדיק געפּליסטערט: העלואיז. — — —

דערנאָך — — —
דערנאָך — — —
איז ער געקומען.

העלואיז

ווער?

אבעלאר

דער פייניקער, דער פאָטער!

העלואיז

וועלכער פאָטער?

אבעלאר

(ביטער) אַ העלואיז, פאַרגעם, דערזע
דאָס העלע ליכט פון פּאַטערס מעסער,
און אויך דערזע דאָס שווארצע בלוט
פון אומרייניגעם אבעלאר. —

העלואיז

(מיט געשריי) הער אויף!

אבעלאר

איך וועל נישט אויפהערן. כ'וועל ליאַרימען, כ'וועל טאַנצן!
אַ טאַנץ, אבעלאר, טאַנץ!
די תאוות דיינע ליגן טויט אין שטראָמען בלוט —
די גאולה פון דיין גוף איז דאָך געקומען! —
די גאולה האָט געבראַכט דער שענדער דיר,
דער תליון, — זינג, אבעלאר,
א געזאַנג צום תליון! —

העלואיז

איך ברעך צוזאַמען.

אבעלאר

זיי שטאַרק צו הערן ביזן סוף.
זיי שטאַרק.

העלואיז

איך בין. פאַרגיב מיין אויסגעשריי.

אבעלאר

מיין וואָרט איז נישט געענדיקט נאָך,
און נישט דערפירט צו דעם וואָס כ'וויל דערפירן.

העלואיז

דערפיר. איך הער.

אבעלאר

עס ליגט א מענטש צושליידערט אויף אַ דיל,
זיין לייב איז אויפגעדעקט, אין בלוט פאַרפלייצט,

און מענטשן טאנצן מיט די פיס אויף אים,
און אין זיין בלוט. — זיי ווערן מיד דערפון, די מענטשן;
זיי הוידן זיך אוועק, די מענטשן — און דאס געשמיסן לייב
פארבלייבט אליין אויף הוילער ערד,
אן אויפגעדעקטס; און אויפן פענצטער ברענט
א וועקסן ליכטל און באלויכט עס, —
און עמיצער גיט מיט אמאל אין טיר א קלאפ
מיט דינע קלעפ, — דאס מוז זיין העלואיז! —
דער גוף נעמט שארן זיך און שארט זיך צו
צום טיר, און עפנט, קוקט אריין אין נאכט, —
ערשט ניין — ניט העלואיז. דער גוף שפרינגט אויף
און שפאנט אוועק גאס איין — גאס אויס,
און רויטע סליאדן גיסן זיך אהינטער,
און אלע גאסן ווערן אנגעצונדן פון די סליאדן,
און ס'ווערט א שרפה: און דער גוף
נעמט שרייען, אנגעשוואלן ווערן
און פרעגלען זיך אין פלאמען פון דער שרפה,
און שפאנט, און הערט נישט אויף צו שפאנען,
און צינדט, און צינדט אלץ גרעסערע,
אלץ בלוטיקערע פלאמען; — מיט אמאל
פארלעשן אלע שרפות זיך, דער גוף אליין
ברענט איבער, און עס בלייבט פון אים א בערגל אש.
און העלואיז איז אלץ נישטא, נישטא, נישטא. —
— געבענשט זיי, העלואיז, האב איך געזאגט,
וואו דו זאלסט נישט זיין, — און זיי געזונט, —
וועסט מער מיך קיינמאל שוין נישט זען; —
מיין גוף וועט מער נישט זיין קיין גוף,
מיין בלוט האט איינמאל זיך אזוי געגאסן,
אז ס'האט אינגאנצן זיך ארויסגעגאסן;
איך וועל די ליבשאפט מיינע, העלואיז, צו דיר
אוועקטראגן צווישן וועגט פון ריינעם שווייגן.
און דו וועסט אויך אוועקטראגן דיין ליבשאפט, —
אזוי ווי איך, — אהין וואו קיינער דארף זי נישט;
און דיר וועט צען מאל שווערער זיין פון מיר,

ווייל דיין גוף האָלט אין רעכטן בליען נאָך,
און ווייס אינגאַנצן נישט דעם טעם פון שנייד מעסער, —
נאָר טאָן וועסטו דאָס זעלביקע וואָס איך,
אויב דו האָסט ליב אבעלאַר ווי אבעלאַר דיך.

העלואיז

איך האָב געטאָן. —

אבעלאַר

איך ווייס, העלואיז. —
פון דאַמאָלסט אָן אוועק זענען אַזויפיל יאָרן,
און ביידע לעבן מיר אין ריינעם שווייגן.
און אָפּטמאָל קלייד איך אָן אין וואָרט מיין שווייגן,
דאָס וואָרט צו גאָט, — דאָס וואָרט צו העלואיז.
איך האַלט זיך אָפּ פון עסן און פון טרינקען, —
איך ריר זיך צו נאָר ווען נישט ווען צו ברויט,
און אַנדערע עסנווארג — איך מייד עס אויס,
איך האַלט נאָר אויף מיין חיות, כדי צו קענען
אין דורכגעלויכטענעם געדאַנק זען העלואיז.
און מענטשן לאַכן אָפּ פון מיינע גאַנגען,
און ברענען מיינע ווערק אויף שייטער הויפנס,
ווייל מיינע רייד צעשטערן זייער זאַטע רו, —
ווייל אַלע ווילן, אַז אפילו גאָט אַליין
זאָל זיך פאַרנעמען נאָר מיט שטאָפּן זייער חומר;
און אויב דער טייוול באַט זיך אָן צו טאָן עס,
דערהויבן זיי דעם טייוול צו אַ גאָט, —
אַ פייניקער, אַ תליון ווערט — אַ פּאַטער — — — —
אָ, העלואיז, — אומזיסט מיין גאַנצער קאַמף,
איך האָב פאַרשפּילט. — —

העלואיז

רעד קלאָר, אָן אָפּהאַלט.

אבעלאַר

כ'האָב אַלע פּיינען פאַר די פופצן יאָר
אַדורכגעטראָגן, נישט געקלאָגט פאַר קיינעם,

א חוץ אמאָל פאַר דיר, אין מיינע בריוו צו דיר, —
און דו — דו ווייסט דאָך גוט, אז אויך אין קלאָג
געזוכט האָב איך אַ זין, און אים געפונען
דורך דיר און דורך דיין אייגענעם געבענשטן צער;
פאַרצווייפלונג מיט פאַרצווייפלונג האָט פאַראייניקט זיך —
איז העלע טרייסט פון דעם ארויסגעקומען.
נישט איינמאָל פלעג איך שטיין ביים פענצטער פון מיין צעל,
אַרומוויקלען מיין פּנים מיט לבנה־ליכט,
און שטונדן לאַנג אזוי דיין נאָמען פליסטערן,
ביז וואַנען כ׳פלעג אַנידערפאַלן אין פאַרזונקנהייט,
און דאַמאָלסט פלעג איך וויסן, אַז אויך דו
ביים פענצטער שטייסטו אין דיין צעל אזוי;
און ביסלעכווייז האָט זיך גענומען גלויבן מיר,
אַז ס׳קומט די פולע אויפלויכטונג אויף מיר;
דאָס ביסל גוף׳יקע, וואָס איז אין מיר נאָך דאָ,
דאָס ביסל הונגער און דאָס ביסל גלוסטעניש,
און אויך די פיינלעכע ערינערונג פון יענער שענדונג־נאַכט —
ווערט אָפּגעטאָן פון מיר אויף אַלע מאָל:
און ס׳קומט די אויסלייזונג — די פולע אויפלייזונג
אין ריינעם לויטערן געשטאַלט פון העלואיז.
און איצט איז אַלץ פאַרלאָרן, העלואיז.
די פיינלעכע ערינערונג פון יענער נאַכט
געוועלטיקט ווידער איבער מיר. זי וואַקסט,
און שפּרייט מיט נייע כחות זיך און ווערט געשוואָלן,
און רייסט פאַנאַנדער אַלע טרייסטן,
און העצט אין מיר מיט ווילדער רייצונג
דעם הונגער און די תאוה און פאַרצווייפלונג, —
מיין גוף איז ווידער אויפגערייצט ווי אַ געשפּענסט,
ווי אַ געיאָמער פון מרידה, ווי אַ פלוך
אַנטקעגן פייניקער, אַנטקעגן תליון;
מיין גוף איז ווידער אָנגעצונדן מיט אַ סם,
מיט שנאה און מיט לעכצונג נאָך נקמה,
נאָך מאָרד — — מיין מח ברענט אין מיר;
אָ, ראַטעווע מיך, העלואיז, פון זיך אַליין, —

דער שענדער — דער, וואָס האָט אונדז ביידן
צושיידט אויף אייביק און צעקרייציקט,
מיט פופצן יאָר צוריק — איז איצטער דאָ
אין מאָנאַסטיר דער פירער, גאָטס פאַרטרעטער, —
מיין פאָטער איז ער איצטער! — — —

(אין דער מינוט קומט אַריין פאָטער גרעגאָרי באַגלייט
פון מאָנאַכן. אבעלאר פאַלט אַוועק).

פאָטער גרעגאָרי

וואָס מאַכסטו, זון מיינער, אבעלאר?

אבעלאר

איך רו, פאָטער.

פאָטער גרעגאָרי

עס טוט מיר לייד צו זען דיך אַט אַזוי,
אָבער איך קען נישט ענדערן די שטראָף,
ווייל פּסק איז פּסק, מיין זון,
ווייל פּסק איז הייליק.

אבעלאר

איך בעט נישט ענדערן.

פאָטער גרעגאָרי

וואָלסט בעטן — וואָלט איך אפשר ענדערן.

(שטייט און וואַרט)

אבעלאר

איך בעט נישט, פאָטער.

פאָטער גרעגאָרי

(צו העלואיז) און דו, מיין זון, וואָס מאַכסטו?

העלואיז

(שטייט פאַרגליווערט, שווייגט)

פאָטער גרעגאָרי

די גאַנצע צייט אָט דאָ אין צעל מיט אים?
טוסט תּפילה פאַר זיין זינדיקער נשמה?

טו תפלה, זון מיינער, און זיי געבענטשט.
(אָפּ)

העלואיז

איך בין געבענטשט, איך בין,
נאָר נישט פון דיר, פייניקער —
געפייניקטקייט האָט מיך געבענטשט — — — —

(נויגט זיך איבער אבעלארין)

אבעלאר. —

אבעלאר

(ליגט צוזאַמענגעדרייט ווי אין אונמאַכט. ענטפערט נישט)

העלואיז

אבעלאר, ענטפער, הייב זיך אויף.

אבעלאר

איך ברעך צוזאַמען, העלואיז.

העלואיז

דו מוזט זיין שטאַרק, דו מוזט.

אבעלאר

איך מוז, אָבער איך קען נישט מער.
ס'ווערט חרוב אַלץ. — איך שטאַרב.

העלואיז

דו וועסט נישט שטאַרבן. איך וועל נישט דערלאָזן.
אויף דעם בין איך געקומען איצט,
אויף דעם בין איך געקומען דאַמאָלסט
מיט פופצן יאָר צוריק, — דעם טויט ניט צולאָזן,
דעם טויט באַזיגן. —
נישט גיב זיך אונטער. —
הייב אויף די ברעמען. זאָג א וואָרט, א וואָרט.

אבעלאר

(ענטפערט נישט)

העלואיז

אַ גאָט, וואָס זאָל איך טאָן?

אביסל וואסער —

(זוכט מיט שרעק איבערן צימער. געפינט גאָרנישט,
טרייסלט אבעלארין, מינטערט).

שטיי אויף, שטיי אויף.

אבעלאר (עפנט די אויגן)

נישט שרעק זיך, העלואיז.

העלואיז

דו לעבסט, וועסט לעבן. —

אזוי פארגליווערט, אויפגעלייזט, ווי דו ביסט איצט,

אויך איך נישט איינמאָל בין געלעגן,

און דיך גערופן מיט פארקילטע ליפּן,

און דו ביסט נישט געקומען. — שעה'ען פלעגן דורכגיין,

און איך פלעג ביסלעכווייז זיך אויפשטעלן,

און אויסשטרעקן די הענט און זאָגן: איך וועל קומען.

אבעלאר

אַ דאנק דיר, העלואיז.

העלואיז

שטיי אויף, איך בעט.

אבעלאר

איך הער די טריט פון טויט זיך נענטערן, —

פארמייד נישט, שריי נישט אָפּ, — פארקערט,

דערנענטער זיי נאָך מער, און זאָל דער סוף — —

העלואיז

נאָך נישט דער סוף, נאָך נישט!

מיט קראפט פון אלע ליידן אונדזערע

איך שטעל זיך קעגן סוף! —

און נישט דערפאר ווייל כ'שרעק מיך פארן טויט,

נאָר ווייל אַהינטער אים, ווי אַ באפעלער, שטייט זיין האר —

דער פייניקער, דער רשע. — ניין, אבעלאר,

דער פייניקער וועט דאָס מאָל זיינס נישט אויספירן ;
די שטילע און הכנעה'דיקע העלואיז
וועט שטעלן זיך צווישן דיר און טויט.
איך גלויב אין דיר — טאָ גלויב אויך דו אין מיר,
און איין מעת-לעת באַגעגעניש זאָל געבן כח אונדז
פאַר לאַנגע יאָרן איינזאַמקייט און עלנד. —
אבעלאר, זע, אָט טרייב איך אַלע שרעקן אָפּ, —
און זאָל ווער וואַגן אָנקומען און זיין אַ שטערונג! —
איך האָב קיין מורא נישט פאַר קיינעם מער. —
איך דעק מיין פּנים אויף פאַר דיר.

(זי רייסט אַראָפּ דאָס פאַרשטעלעניש פון זיך, און
אויסגעליטן ליכטיק איידל פּנים אַנטפּלעקט זיך)

אבעלאר

(אויפגעציטערט. אַלע אברים שפּרינגען אויף אין אים.

ער הייבט זיך פון געלעגער מיט אויסגעשטרעקטע הענט).
העלואיז, מיין ליכטיקע. —

(פאַלט צו צו איר)

דריטע סצענע

(וואַלד. ערשטער מאָנאַך. נאָך אים העלואיז אין
איר אייגענער געשטאַלט און קליידונג פון אַ נאָנע.
אַ יאָר 35)

מאָנאַך

אַט דאָ וועט זיכער אייך נישט טרעפן קיינער,
אפילו נישט דאָס אויג פון לויערער. אבעלאַר
ווייס גוט די פלעצער אַלע דאָ אין וואַלד,
און אויב ער האָט אהער געהייסן גיין —

העלואיז

איך האָב נישט מורא. איך בין רואיק. —
אַ דאַנק דיר, ברודער ליבער, פאַר דיין זאָרג
און פאַר דיין טרחה.

מאָנאַך

אַ פרייד פאַר מיר צו זיין דער עדות
פון אייער איצטיקער באַגעגעניש, און נאָך מער פרייד
צו מיטהעלפן, און אויך אַ שומר זיין: —
כ'וועל שטיין ביים ברעג פון וואַלד
און אכטונג געבן צי מען זוכט אייך נישט,
און צי מען קומט נישט אָן אויף אייער שפור.

העלואיז

אַזויפיל גוטסקייט אין דיין הארץ.

מאָנאַך

איך האָב אייךביידן ליב.

העלואיז

דיין גוטסקייט רירט ביז טרערן.

מאָנאַך

נישט וויין. דער שאַרפער שפור פון טרערן
זאָל נישט פאַרפינצטערן דאָס העלע ליכט,

וואָס לייכט אַרוים איצט פון דיין פּנים
דעם אָפּגעדעקטן און באַפרייטן פון פאַרשטעלעניש.
דאָס מענער קלייד, פונדעסטוועגן,
האַלט נאָנט און אָנגעגרייט, ווייל טאָמער —

העלואיז

אָט האָב איך עס — — איך גלויב אָבער און האָף,
אַז ס'אויג פון דעם פאַרפאָלגער וועט אַהער נישט גרייכן.

מאָנאַך

יאָ, גלויב און האָף, און — רואיק זיי.

העלואיז

אבעלאַר האָט באַדאַרפט שוין דאָ זיין.

מאָנאַך

ער איז נאָך נישט געזונט אַביסל, — נעמט עס אים
דעריבער לייגנער, ווי ס'האָט אונדז געגומען.

העלואיז

אַז דו ביסט אַזוי גוט — זיי גוט שוין ביזן סוף.

מאָנאַך

דו מיינסט — איך זאָל אים גיין אַנטקעגן?

העלואיז

איך מיין עס, ברודער. — איך בין דאָך שוין דאָ,
וועל איך דאָ זיצן און וועל וואַרטן.

מאָנאַך

כ'וועל טאָן אַזוי, אַנטקעגן גיין. אים אָנזאָגן,
אַז העלואיז איז לאַנג שוין אויפן פּלאַץ.

העלואיז

און וואַרט ווי אַלעמאָל.

מאָנאַך

און וואַרט ווי אַלעמאָל. — איך וועל די ווערטער

אים איבערגעבן פינקטלעך. זיי געזונט,
און גלויב, און האָף, און רואיק זיי.
(אָפּ)

העלואיז

און גלויב, און האָף, און רואיק זיי — — —
כ'בין רואיק.
און גלויבן האָב איך שוין אַ סך געגלויבט,
און האָפן האָב איך שוין אַ סך געהאָפט;
און נישט איין וועג האָט זיך אהינטער מיר שוין
פארקרימט גאָט ווייס וואוהין. און איצטער ווייס איך
דעם זינען כאָטש פון זייער קרומען גאַנג —
פון יענער נאַכט, זינד כ'האָב אין שטומקייט
פארנומען פון זיין אייגן מויל די מעשה פון זיין גוף, —
כאָטש כ'ווייס שוין לאַנג דערפון, פונדעסטוועגן
ווערט ווידער אויפגעגרוילט דאָס האַרץ.
אויף זיינע ליפּן ברענט נאָך אַלץ די פייניקונג,
אין זיינע אויגן ווײנט נאָך אַלץ דאָס פייער, —
און איבער מיר — דער סוד פון זיין פאַר'קנס'ט אין בלוט,
אין בלוט, וואָס האָט געטריפט מיט פּופצן יאָר צוריק און הערט
נישט אויף צו טריפן. — — —
ס'פאַרגאַנגענע איז נישט צו ראַטעווען,
ס'געשעענע איז נישט צו אָפּווענדן. —
אַזויפיל פּיין. אַזויפיל שטראָף. אַזאַ אכזריות. —
פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — —
(פּויזע)
אַ וויין נישט האַרץ מיינס, וויין נישט. זיי גערולדיק,
ווי איך האָב דיך געלערנט דו זאָלסט זיין. —
אבעלאַר'ס גוף — איך גלוסט אים, איך באַגער אים,
נאָר גלוסטונג און באַגער, וואָס זענען זיי
אין אָנגעזיכט פון אונפאַרמיידלעכן? — מען מוז
די גלוסטונג טיפער נאָך אין זיך באַגראָבן. —
דאָס הויט פון זיך כאָטש נעם און רייס אראָפּ,
דאָס ליכט פון פּנים לעש אינגאַנצן אויס! —
אַ גאָט, איך האָף. אַז דו וועסט סוף כּל סוף

אבעלאר׳ס אויגן עפענען, און אים באווייזן,
אז איך בין העסלעך און נישט ווערט זיין ליבשאפט,
און ס׳לוינט זיך נישט צו לײדן צוליב מיר. —
אַ גיב מיר כח מער צו קענען ביישטיין,
צו קענען אָננעמען דעם שווערסטן גזר אויף זיך;
אַ טייל פון גזר האָב איך אויף זיך גענומען שוין,
מיין גוף האָב איך פארקלאַמערט און פארקאָוועט, —
איז גוט אזוי, — מיין גוף דארף אומקומען ווי זיינער, —
אַ גלייכער שותף דארף איך זיין מיט אים אין אַלץ; —
איצט בעט איך: מאַך מיין קאָפּ נאָך גרויער,
און איינגעשרומפּענער און מיאוס׳ער מיין פנים; —
(פויזע. געענדערט).

אָ, גאָט, וואָס רעד איך? אזאַ זינד!
צי איז דאָס נישט פארביטערטקייט, פארצווייפלונג? —
מיין פנים מוז זיין ליכטיק, ליכטיק,
אין שמייכל און מיט פרייד. אבעלאר מוז
באגעגנט ווערן יום־טוב׳דיק. — אבעלאר מיינער,
איך וואַרט אויף דיר — — — און דו, אַ וואלד,
באהאַלט, פארדעק די שלעכטע רייד מיינע
אין דיינע טיפענישן, אז עס זאָל פון זיי
קיין עכאָ זיך צו קיינעם נישט דערטראָגן.

(סיקומט אבעלאר, אויסגעבלייכט אָבער אויפגעלויכטן.
העלואיז אַנטקעגן אים — מיט אויסגעשטרעקטע
הענט. הענט און הענט נעמען זיך צונויף. קוקן לאַנג
איינע אויף די אַנדערע אין באַגייסטערטן שווייגן.
אבעלאר לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני).

העלואיז

נישט קני פאר מיר, איך בעט.

אבעלאר

צום ערשטן מאָל, אין פופצן יאָר צושיידונג,
צו זיין מיט דיר אונטער אַן אָפן הימל,
ארומגערינגלט נישט מיט ווענט, נאָר מיט בוימער,
און אויף אַן ערד מיט גראָז און קוסטעס

און נישט מיט ווענט, מיט צלמים און מיט שטיינער.
ווי זאָל איך נישט מיט מיינע ליפּן צופאַלן
צו אָט די פּיס דיינע די טייערע,
וואָס שטייען אויף אַ מוטערלעכער ערד. —

(נויגט דעם קאָפּ צו העלואיזעס פּיס. העלואיז אין באַגייסטערונג קניט אַליין אַראָפּ)

העלואיז

ווי קען איך איינשטיין רואיק ווען דו קניסט פאַר מיר? —
צי דאַרף איך דען באַהאַלטן, אַז אין מאָנאַסטיר
מיך אַלע רופן: העלואיז די קניהערן; —
דאָס פּלעג איך דאָך פאַר דיר אין הגע'ס שווערע קניהען,
ווי דו פאַר מיר, און אויך ווי דו
פאַרפּאַסן תפילות — רייד פאַר'חלש'טע פון בייִנקשאַפט, —
און שיקן זיי צו דיר. און איצט, ווי וואונדערלעך
צו קוקן גלייך אין פּנים דיר, מיין לויטערער, —
מיין — — —

(גיט זיך מיט אַמאָל אַ נויג אין דער זייט, פאַלט אַנידער צו דער ערד צונויפגעדרייט).

אבעלאַר

וואָס איז דיר, העלואיז?

העלואיז

דער קאָפּ פאַרשווינדלט, אַלע אברים פיבערן. —
(ליגט מיטן פּנים אַראָפּ. איר גאַנצער גוף צוקט).

אבעלאַר

זיי שטאַרק, מיין העלואיז. איך זאָג נאָר איבער
די ווערטער דיינע, וואָס דו האָסט צו מיר גערעדט
ווען איך בין אין צוזאַמענבראָך געלעגן.
זיי שטאַרק, נישט ברעך צוזאַמען.

העלואיז

ס'וועט איבערגיין. אָט באַלד.
דאָס האַרץ שלאָגט האַסטיק. — צופיל גליק, אבעלאַר.

(זי נויגט זיך צו זיינע ליפּן. קושט אים)

אבעלאר

ווי זים די ליפּן דײַנע זענען,
ווי ליכטיק — דײַנע אויגן ; העלואיז
מײַן זעלטענע, מײַן וואונדערגאַסט — — —

(ער שטרעקט אויס די הענט, וויל אַרומנעמען איר גוף)

העלואיז

אָ, ניין, — די ליפּן נאָר, דעם פּנים נאָר — —

(דרייט זיך קאָנוואולסיוו אַוועק מיטן גוף אָן אַ זײַט)

אבעלאר

דו ווילסט נישט איך זאָל אָנרירן דײַן גוף ?

העלואיז

איך וויל, איך גלוסט, מײַן טײַערער —
נאָר ריר נישט אָן.

אבעלאר

פאַרוואָס ?

העלואיז

מײַן פּנים אָפן ליגט פאַר דיר, מײַן מויל,
מײַן שטערן, מײַנע אויגן —

(נעמט אַליין ארום פעסט דעם קאָפּ זײַנעם)

אבעלאר

דו ווילסט אויך מיך נישט אָנרירן ביים גוף.

העלואיז

(נעמט אַרום זײַן גוף)

אָט ריר איך אָן דײַן גוף.
אָט נעם איך אים אַרום, אָט קוש איך אים
דעם גוף דעם טײַערן, דעם לויטערן, —
נאָר מײַנעם ריר נישט אָן, איך בעט.

אבעלאר

כ'פאַרשטיי נישט.

העלואיז

דו וועסט באַגרײַפן שפּעטער. פרעג נישט מער.

אבעלאר

איך פּאָלג דיך, העלאָיז, איך פרעג נישט — אָבער —

העלאָיז

ס׳איז נישט פאַרשטענדלעך, ווילסטו זאָגן.

אבעלאר

אודאי נישט פאַרשטענדלעך.

העלאָיז

אַלץ איז איצט פאַרשטענדלעך,
און אויב נישט איצט אין דער מינוט — וועט שפּעטער ווערן
פאַרשטענדלעך אַלץ. די זון פון דורך די בוימער
באַגריסט מיט שמחה אונדז, מיט גוטסקייט רואיקער,
דער טאָג פאַרגייט שוין באַלד, און ס׳גאַנצע ליכט
פאַרזאַמלט ער און שפּרייט אוים איבער אונדז. —

אבעלאר

באַהאַלסט עפּעס פון מיר, —

העלאָיז

וואָס קען איך דען פון דיר באַהאַלטן, ליבער?

אבעלאר

איך ווייס נישט, העלאָיז, איך ווייס נישט. — — —
אָ, גאָט, נאָך איידער אונדזער אויג האָט צייט
זיך איינער מיטן צווייטן אָנקוקן גענוג,
שוין שפּיר איך הינטערן פּלייצע לויערן
די בייטש פון אָפּשייד.

(דורכגענומען מיט פּחד)

העלאָיז, העלאָיז,
באַהאַלט מיך, שיץ מיך, זיי מיט מיר.

העלאָיז

איך בין מיט דיר, אבעלאַר.

אבעלאר

נישט טו זיך אָפּ פון מיר.

העלואיז

כ׳בין דיינע אייביק, אומעטום.

אבעלאר

צושיידונג אייביק, אומעטום.

העלואיז

נישט קלאָג זיך. —
די זון איז איבער אונדז. די אמת׳ע, די אייביקע.
מיר זענען אירע קינדער צוויי, — טאָ לאָמיר דאָס איר זאָגן.
אַ זון, אַ גוטע מוטער אונדזערע,
צוויי קינדער דיינע ווארימען זיך אין דיין ליכט,
צוויי אויסגעפייניקטע, צוויי אויסגעביינקטע קינדער, —
זיי גוט צו אונדז און אייל זיך נישט פארגיין,
זאָל אָנקומען דער אָוונט היינט אביסל שפּעטער.

אבעלאר

דו הייסט מיר זיך נישט קלאָגן, און אליין —
אַזויפיל קלעמונג אין דיין קול. —

העלואיז

אויך מיין הארץ פּלוצלונג נעמט
זיך שליידערן אין שרעק אַז אַט קומט אָן די נאכט,
און מיט דער נאכט — צעשיידונג.

אבעלאר

עפּעס פּאַרט
באהאלסטו אויס פון מיר, איך שפּיר עס.

העלואיז

אַ, ניין, כ׳באהאלט פון דיר קיין זאך נישט.
מיין לעבן ליגט פאר דיר פון אלעמאָל אָן אָפנס.
און דיינס איז עס. דורך אלע וויטקייטן
איך שיק עס דיר טאָג איין טאָג אויס חלקים׳ווייז. —
אויב איינעמס לעבן ווערט באגליקט צו ווערן
א נארונג פאר א צווייטנס לעבן, —
איז וואָס קען נאָך פארלאנגט ווערן? דאָס הייסט, —
איז וואָס קען איך פארלאנגען נאָך? — —

אָ יע, ס׳איז דאָ אַ זאַך, וואָס איך פֿאַרלאַנג עס נאָך און נאָך,
און דאָס איז: כח. שטילן כח און געדולד
צו קענען קוקן ווי דאָס לעבן מיינס ווערט טראָפּנווייז
ארויסגערונען, און צו קענען גלויבן, אַז עס ווערט
צוריק אַריינגערונען אין אבעלאַרס האַרץ. —
אַמאָל אָבער פֿאַלט אָן אויף מיר אַ ספק,
צי שפּירט טאַקע אבעלאַר דורך די ווייטקייטן
די טראָפּנס פֿון מיין לעבן אין זיין האַרץ?
צי רינט נישט אויס מיין לעבן פֿאַר אומזיסט? —
פֿאַרגיב מיר, טייערער, אַזוינע ספקות.
די איינזאַמקייט געבוירט זיי. אויך אין דיר
נישט איינמאָל קומען אָן אַזוינע ספקות וועגן מיר;
אָט קוקן מיר זיך אָן אין פּנים איצט
און אַלץ ווערט קלאָר, פֿאַרשטענדלעך, גלויביק, —
די ספקות ווערן אויפֿגעלייזט ווי טוי אין זון;
פֿאַרגיב דיין העלואיז, און אויך פֿאַרגיב איר לעבן,
וואָס ווערט ארויסגערונען טראָפּנווייז פֿון איר.

(זי ווײנט שטיל)

אבעלאַר

מיין העלואיז, מיין שוועסטער, וויין נישט.
און אפשר — וויין. די טרערן דיינע
ווי וויין די גלידער מיינע נעמען דורך.
עס טוט נישט ווי דאָס וויינען דיינס אין דער מינוט,
עס מונטערט אויף מיט גוטסקייט און מיט קראַפט. —
אין אָווגטן אין עלנדע פֿון מאַנאַסטירן
אַ וויפיל וואָלט איעדערער פֿון אונדז געגעבן
אַזאַ געוויין אַ חבר׳שן, פֿאַרציטערטן
פֿון טיפֿע טיפֿעניש צו קענען הערן האַרץ צו האַרץ!
איך קוק און טראַכט: מיין מענטש, מיין נאָנטסטער, וויינט,
און גאָר די וועלט אין פֿריילעכקייט זיך הוליעט,
און טאַנצט אַריבער איבער דיר מיט גראָבע פֿיס,
אַזוי ווי איבער האַלץ, אַזוי ווי איבער זאַמד; —
אחריות וויינט. אחריות — דיין באַרוף,
דעם גורל׳ס גרויסע וואָג אויף דיינע פּלייצעס,

און דיינע דינע פּלייצעס גיבן זיך נישט אונטער. — — —
אבעלאר נויגט דעם קאָפּ פאַר דיין געוויין,
ווייל ער אליין האָט מער קיין טרערן נישט;
אבעלאר קוקט אויף העלואיז ווי אויף אַ זעאונג —
מיט פּראָסטע הענט נישט צו דערגרייכן. — — —
איך הער דאָס קלאַפּן פון דיין האַרץ,
איך זע די אַקסלען דיינע צוקן,
דיין גאַנצער גוף פאַרגייט אין שמאַכטונג,
און דאָך ווי ווייט, ווי ווייט דו ביסט, נישט דאָאיק. —

(פלוצלונג, מיט אויסגעשריי)

אַ גאָט, ווי ס'לעבן ווערט צוטראָטן און באַליידיקט! —
ווי זאָל מען עס פאַרטראָגן?

העלואיז (קוים וואָס מען הערט איר קול)
אבעלאר מיינער — — —

אבעלאר
דער וואַלד איז נישט קיין וואַלד,
די ערד איז נישט קיין ערד,
נאָר איין זאַך וואָר און ווירקלעך איז:
די לעצטע שעה. — אַ, העלואיז, נישט וויין מער.
די לעצטע שעה נישט רייץ מיט דיין געוויין;
זי שלאָפט די לעצטע שעה, נישט וועק זי. — —
פאַרגיב אויך דו אבעלאר'ם לעבן,
וואָס ווערט אויך טראָפּנווייז פון אים אַרויסגערונען,
און מערער נאָך פאַרגיב אבעלאר'ם גוף
דעם שולדיקן —

העלואיז (מיט שרעק)
וואָס רעדסטו?

אבעלאר
דעם גוף — דעם נישט גענוג געשטראָפטן נאָך — — —

העלואיז
נישט רעד אַזוינס.

אבעלאר (מיט עקשנות)

דעם גוף — דעם נישט גענוג געפייניקטן — —

העלויז

אַ גאָט!

אבעלאר

דעם אַלץ נאָך נישט גענוג געשמיסענעם,
דעם אומריינעם, דעם פּסול'ן — — —

העלויז

(מיט ווייטיקדיקן געשריי פאַלט צו צו אים, נעמט אים איין)

אבעלאר, ברודער מיינער, אייגענער דו מיינעו —
איך האָב דיך ליב, איך בענק נאָך דיר. —

(טוליעט איר גוף צו זיינעם)

אבעלאר

(נעמט אַריין איר גוף אין זיינע אָרעמס, לאָזט זי מיט־
אַמאָל אָפּ אַ דערציטערטער)

וואָס טראָגסטו אויף דיין לייב? וואָס טראָגסטו?
צי איז עס אמת, צי מיר חלום'ט זיך? —
אַזוי ווי רינגען אייזערנע וואָלט איך געשפּירט, — —
וואָס טראָגסטו אויף דיין קערפּער?

העלויז

קייטן.

אבעלאר

(אין פּחד) אויף הוילן לייב?

העלויז

(רואיק) אויף הוילן.

אבעלאר

דערפאַר, הייסט עס, האָסטו די גאַנצע צייט
נישט צוגעלאָזט כ'זאָל אָנרירן דיין גוף? —

העלויז

האָב נישט געוואָלט זאָלסט וויסן גאָר דערפון.

אבעלאַר

און דאָרט אין מאָנאַסטיר ביי דיר
אויך ווייס דערפון נישט קיינער?

העלאָיז

קיינער.

אבעלאַר

איז ווייניק פיין און איינזאַמקייט און עלנד דען, —
האָסטו נאָך דאָס אויף זיך גענומען?

(נעמט אַרום זיין קאָפּ אין פאַרצווייפלונג)

העלאָיז

פאַרוואָס אַזאַ פאַרצווייפלונג?
פאַרקערט, — זינד איך האָב אָנגעטאָן אויף זיך די קייטן,
איז מיר געוואָרן גרינגער דאָס געמיט.

אבעלאַר

פאַרוואָס האָסטו זיי אָנגעטאָן?

העלאָיז

צו זיין מיט דיר אין פיין אַ גלייכער שותף.
די וועלט האָט ווילד און גראָב דיין גוף געפייניקט —
דאַרף מיין גוף אויך געפייניקט זיין. און אויב
דעם תלי׳ס האַנט איז מיך פאַרבייגעגאַנגען
ועסטו פאַרגעבן מיר, — כאָטש איך אַליין
קען קיינמאָל זיך דאָס נישט פאַרגעבן, —
דערפאַר האָב איך אַליין אַ קייט וואָס לייגנער
זיך אויסגעזוכט, און שטייף די רינגען אירע
אַרומגעדרייט אַרום מיין לייב, — אַ חורם
אַרויפגעלייגט אויף זיך, אַ נדר־חורם.

אבעלאַר

דו טראָגסט עס שטענדיק?

העלאָיז

שטענדיק.

אבעלאר

און שלאָפסט אין דעם ?

העלואיז

איך בין שוין צוגעוואוינט, און ס'איז נישט שווער.
און ווען עס ווערט מיר שווער אַמאָל, ס'נעמט דריקן —
דערמאָן איך זיך אָן דיר, און כ'זאָג צו זיך :
ס'איז גוט אַזוי, זאָל דריקן. זאָל דער ווייטיק
נאָך שאַרפער דורכנעמען א יעדן אבר. —
און אָט טוט מער נישט ווי אינגאַנצן,
ווייל אוים : נישטאָ אים מער — מיין גוף. נישטאָ.
אויף יענער זייט, ערגעץ, פאַרוואָרפן ליגט ער,
א פרעמדער און אָן אויסגעטאָנענער פון מיר,
אַזוי ווי דיין גוף אין דיין קינדהייט, ווי דו האָסט דערציילט — — —
איך האָב מיט פרייד אים אויסגעטאָן פון זיך,
איך דאַרף אים נישט. —

אבעלאר

דער מח רירט זיך מיר.

העלואיז

איך בין נישט מער די העלואיז אַמאָליקע, —
נישט מיידל און נישט ווייב,
נישט ווייכער סאַמעטענער לייב מער, —
כ'בין גלייכער שותף אין יסורים — — —
איך ווער שוין אַלט, אבעלאר, — הערסט ? — —
פאַר מאָנאַסטירן ווענט, און אויך פאַר ווענט פון וועלט,
נישט ליכט פון גוף זאָל אויפשיינען,
נאָר בייזער גלאַנץ פון קייטן ; הארטע רינגען
און ביינערדיקע פויסטן זאָלן קלאַפּן, קלאַפּן
אין רשעות'דיקן שטערן פון דער וועלט !

אבעלאר

ווי קען איך וואגן גאָר צו זוכה זיין
אַזויפיל ליבשאַפט ? און ווי קען איך און ווי זאָל איך
דעם קרבן פון דיין גוף אַריבערטראָגן ?

העלואיז

דו זאָלסט. אזוי איז מיין געבאָט.

אבעלאר

איך קען נישט מסכים זיין דערצו.

העלואיז

קען!
און מער זאָל וועגן דעם קיין רייד נישט זיין.
אין מיינע בריוו צו דיר
און דו, אין בריוו צו מיר,
קיין וואָרט זאָל וועגן דעם נישט זיין דערמאָנט.

אבעלאר

כ'וויל אָנרירן די קייטן דיינע, כ'וויל זיי שפירן.

העלואיז

ריר אָן, און שפיר. —
איצט מעגסטו מיך ארומנעמען איינגאנצן.

אבעלאר

(נעמט אַרום איר קערפּער, און אַלץ אין אים ברעכט זיך. זיין קול נאָך מערער).

דער גאַנצער גוף אין אייזן רינגען!
אזויפיל גזר אויף זיך אליין צו נעמען!
אזויפיל חורם, מאַטערניש! —
איך וויל נישט מסכים זיין!

העלואיז

(פּעסט) וויל, אבעלאר!

אבעלאר

ס'איז איבער מיינע כחות.

העלואיז

באַשאַף זיך כחות נייערע און גרעסערע.

אבעלאר

ווי זאָל איך זיי באַשאַפן?

העלואיז

זיי זענען שוין באַשאַפן, און זיי זענען דאָ שוין.
אַט זע, אַט קוק אויף מיר, אויף זיך אַליין,
אַט ווערן זיי באַשאַפן. — —
וועסט קומען שפּעטער אין דיין צעל צוריק,
וועסטו זיי טרעפן וואַרטנדיק אויף דיר —
די נייע כחות דיינע. — נאָר איין וואָרט
וועסטו אַרויסרעדן פון מויל, און אַלע ווענט
אַ ציטער וועלן טאָן אין פּחד פאַר דיין וואָרט.
און איך וועל שוין נישט זיין, — טאָ נעם די פּעדער,
און שרייב צו מיר, און רוף מיך ווידער, ווידער; —
און איך וועל הערן און וועל ווידער, ווידער
די ביידע הענט מיינע אויסשטרעקן צו דיר. —

(ווייך און טרייסטנדיק)

און איך וועל קומען ווידער צו דיין שוועל;
וועל שטיין אויף אים. אַריינקומען.
אין פּנים דיר אַריינקוקן, אַריינאָטעמען,
אַ חלום־וואַנדערער, אַ וואונדער־גאַסט — — —
און איצטער האָב איך אין מיין האַרץ נאָר איין באַגער:
פאַרשטיי, נעם אָן מיין פולע שותפות. —
זיי מסכים.

אבעלאַר

(שווייגט, פאַרקלעמט)

העלואיז

זיי מסכים.

אבעלאַר

צי אפשר זאָל איך נאָך מיט אייגענע הענט
אַליין אַ קייט אַרום דיין לייב פאַרציען?

העלואיז

דו רעדסט מיט כעס.

אבעלאַר

מיט ווייטאָג.

העלואיז

אַט דעם ווייטיק באַזיג אין זיך.

אבעלאר

אַזאַ הסכמה וועט אַריינשפּילן נאָר
דער רשעות׳דיקער וועלט אין האַנט אַריין:
אהאַ, וועט רשעות זאָגן, — ס׳איז זיי גוט, —
זיי האָבן ביידע ליב צו זיין געפּייניקט.

העלואיז

זאָל רשעות זאָגן וואָס זי וויל! אין אונדז
וועט סיי ווי סיי צו איר נישט זיין קיין אַנדער ענטפער
ווי נאָר פאַראַכטונג און פאַרדאַמונג.
און אונדזער כח איז געווען און איז — נאָך מערער איצט —
עקשנות, אויסדויער און שטאָלץ.
אַמאָל אָבער וועט אָנשטיין אַ מינוט, אבעלאר,
און אויסדויער אין אונדזער האַרץ וועט אויפרייסן,
און אָפּהילכן פון איין עק וועלט ביז צווייטן
וועט אונדזער רוף נאָך משפּט. —
זיי שטאַרק און גלויב אין דעם. —

אבעלאר

איך גלויב אין דעם, ווי כ׳גלויב אין דיר.

העלואיז

טאָ גלויב, אבעלאר, אויך אין אַלע וועגן
פון אונדזער ליבשאַפט — הערסט, אין אַלע וועגן.

אבעלאר

איך גלויב.

העלואיז

איז גוט אַזוי. איך דאַנק דיר, ליבער מיינער.
נו, קוק נישט מער אַזוי פאַרשאַרפט. לויכט אויף.
צושמייכל זיך. איך בעט. צושמייכל זיך.

אבעלאר

מיין וואונדער־גאַסט, מיין זעלטענער, —

ווי טרייסטפול דיינע ווערטער גייען אויף. —
דיין ווילן איז פאַר מיר — געבאָט,
דיין ליבשאַפט איז פאַר מיר — געוויסן,
געוויסן און נבואה וועגן וועלט און מענטש:
אַ מענטש אַ נייער אַ גערעכטערער זאָל קומען.
און מיר זענען די טרעפּ פאַר זיינע פיס.
מיר טראָגן אויס פאַר אים דעם גאַנצן טרויער,
און שווייגן אויס פאַר אים די גאַנצע שטילקייט,
און וויינען אַלע טרערן פאַר אים אויס,
און לייטערן דאָס גאַנצע רחמים אויס פאַר אים. — —
מיין טייערע, די זון הייבט אָן אַרונטערגיין,
און איבער אונדז צוויי פייערדיקע ווערטער:
ס ף   ה כ ל .
אַלץ גייט צום אָפּשלוס, העלואיז.
די שטראַלנדיקע פינגער פון באַשאַפער
פאַרלייגן זיך צום בענטשן אויף דער וועלטס געזיכט,
אויך דו די פינגער דיינע לייג אַרויף אויף מיר
און בענטש מיך. — —

(ער לייגט אַרויף די הענט אירע אויף זיין קאָפּ. עס קומט צולויפן דער ערשטער מאָנאַך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם)

מאָנאַך

דער פאָטער קומט אַהער. צושיידט זיך.

העלואיז

איך שרעק מיך נישט. און אויך אבעלאַר שרעקט זיך נישט.

אבעלאַר

דער וואָלף האָט פאַרט דערשמעקט זיין רויב.
נו גוט. זיין רויב וועט נישט אַנטלויפן.

מאָנאַך

(טראָגט צו צו העלואיז איר מענער קיטל וואָס איז געלעגן אויף דער ערד)

פאַרשטעל זיך, שוועסטער, ווייל אַז נישט
וועט זיין אַן אומגליק פאַר אייךביידן.

אבעלאר (נעמט דעם קיטל און וואַרפט עס צוריק צו דער ערד)
מיר האָבן נישט קיין מורא.

מאָנאַך (כאַפּט אויף צוריק די זאַכן פון דער ערד)
אין טיפן וואַלד פאַרוואַרפן דאַרף מען עס,
דער סוד פון העלואיז'עס אריינקומען
אין צעל צו דיר זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן.
איך בעט אייך — פאָלגט מיך.
צוזעגנט זיך נאָך איידער ער קומט אָן. —
אַ גאָט, מען קען שוין נישט. אָט קומט ער.

(פאַרשווינדט פלינק מיט זאַכן אין וואַלד. פּאָטער גרעגאָרי קומט אָן מיט אַ שטעקן אין האַנט. בלייבט אַ דערשטיינטער. אבעלאר און העלואיז שטייען רואיק).

פּאָטער גרעגאָרי
איך האָב געוואוסט — איך וועל דיך כאַפּן ערגעץ,
איך זוך דיך שוין אַרום פון מיטאָג אָן. —
אַזוינס אָבער צו אָנטרעפן
האָב איך זיך, בנאמנות, נישט געריכט.
איז, הייסט עס, — וואָס?
איז, הייסט עס, זי אַליין איז דאָ, —
אָט יענע פון די בריוו — די העלואיז. —
כ'דערקען זי. יע. כ'דערקען זי.

(קוקט אָנגעשטרענגט אויף העלואיז)

איך מיין, אַז מיך דערקענסטו אויך מסתמא, —

(פּויזע. העלואיז ענטפערט נישט).

נישטאָ קיין לשון, וואָס?
(צו אבעלארין)

צי מעג מען יע, צי מעג מען נישט אהערצו קומען —
דאָס גייט אייך, הייסט עס, ביידן גאָר נישט אָן. —
איר פאַרוועט אַליץ נאָך ליבע, הייסט עס, —
איר אָפּנאַרער, פאַרשוועכער פון נזירות, —

איר זינדיקע און אומריינע נשמות. —
איך רעד צו דיר, וואָס שווייגסטו?

אבעלאר

איך האָב נישט וואָס צו זאָגן איצט דעם פּאָטער,
אַ חוץ איין איינציק וואָרט:
אַוועק!

פּאָטער גרעגאָרי

איך וועל דיך נעמען פאַרן קאַרק אין מאָנאַסטיר צוריק.

אבעלאר

מען דאַרף נישט נעמען מיך, כ'וועל גיין אַליין.

פּאָטער גרעגאָרי

איך וויל קיין רגע מער נישט שטיין דאָ.

אבעלאר

און איך, אוודאי, וויל נישט אָנקוקן דעם פּאָטער דאָ.

(גייט צו גאָנט. שאַרף)

איך זעגן זיך מיט העלואיז, — איך וויל נישט זיין געשטערט.
איך זאָג: אַוועק!

פּאָטער גרעגאָרי

צי גיסטו אָפּ אַ חשבון זיך ווי טייער
דיין פרעכקייט וועט דיך קאָסטן?

אבעלאר

דער פּאָטער ווייס, אַז איך בין שטענדיק גרייט
די גרעסטע פּרייזן צאָלן.
נאָך עטלעכע מינוט איך דאַרף דאָ זיין מיט העלואיז,
איך היים דעם פּאָטער לאָזן אונדז אַליין.

פּאָטער גרעגאָרי

דיין גליק וואָס כ'האַלט מיין כעס איין.

אבעלאר

איך דאַנק דעם גוטן פּאָטער, וואָס ער האַלט
אין איין באַגליקן מיך!

פּאַטער גרעגאָרי

איז, הייסט עס, נאָר אומזיסט געווען מיין טובה,
וואָס איך האָב דיר געטאָן מיט פּופּצן יאָר צוריק,
דיר ברייננגנדיק די אויסלייזונג פון תאווה;
אומזיסט געווען די טרחה פון מיין מעסער
צו עסק'ן זיך מיט דיין חתנ'דיקן קערפּער; —
אומזיסט געווען מיין ארבעט, הייסט עס.—
איך זע, אז חתן איז נאָך אַלץ חתן,
און כלה איז נאָך אַלץ כלה. —

העלואיז

און לומפּ איז אַלץ נאָך לומפּ!

פּאַטער גרעגאָרי

צו וועמען וואַגסטו עס אזוי צו רעדן?

העלואיז

לומפּ!

פּאַטער גרעגאָרי

(שטעלט זיך אַוועק צווישן העלואיז און אבעלאר.
טיילט זיי פאַנאַנדער מיט זיין גוף. הייבט אויף זיין
שטעקן און דעם צלם, וואָס ער טראָגט אויף זיין
ברוסט).

איך הייס אייך די מינוט צושיידן זיך.

העלואיז

צושייד, צושייד. וועסט סיי ווי נישט צושיידן.
נישט דו ביסט דער צושיידער.
נישט צלם, און נישט שטעקן, און נישט תפיסה צעל.
קענסט גאָט אַליין אראָפּרופן פון הימל
צו הילף דיר, רוף אים! זאָל ער נידערן ארונטער,
און זאָל ער העכער, העכער אויפהייבן דיין צלם; —
און איך וועל אויפהייבן קיין אַנדער זאַך
ווי נאָר מיין שוואַכע האַנט, און אויסשטרעקן
מיין דארן גוף אנטקעגן דיר און אַלע פּייניקער,
און אַלע הענקער. — אויף מיין גוף — אַ קייט,

און אויף אבעלאר׳ס גוף — א שטאָלן מעסער;
דיביידע גופן זענען איינס,
די ביידע גופן זענען מעכטיק;
און זייער הארטקייט וועט איעדערער ווי דו
זיין הענקערישן קאָפּ צושמעטערן; —
די ביידע גופן זענען מער נישט גוף,
נאָר איינגעקלאַמערטער צונויפגעשמידטער פויסט,
א וואָרנונג און א רוף און א דערמאָנונג
פאר גאָרער וועלט אויף אייביק — אייביק.
דו זאָלסט נישט מיינען אז עס ווערט פארגעסן אלץ. —
דו האָסט געשענדעט לייב און בלוט און טרערן —
און — גאָרנישט, הא? זיך אָפּגעווישט די הענט
און רואיק, פריילעך זיך אוועקגעשפּאַנט
צום טיש, צום וויין. צו סעודה! ? —
דאָס לעבן, הייסט עס, גייט מיט דיר געארימט.
און דו ביסט, מיינסטו, אומבאשטראָפטער האר? —
דו קומסט און וואַרפסט ארויף אויף אונדז דיין מאכט
און הייבסט דעם צלם דיר צו הילף — —
דו מאכסט א טעות, פאָטער. —

(מיט הייסן אָטעם אין פּנים אריין)

קענסט גיין. איך האָב גענוג געזאָגט.

פּאָטער גרעגאָרי

זאָג נאָך.

העלואיז

איך שטארב נאָך נישט.
און אויך אבעלאר שטארבט נאָך נישט. —
נאָר וויסן זיי — פאר יעדער טרער אבעלאר׳ס,
פאר יעדן קרעכץ פון ווייטאָק און דערנידערונג,
וואָס דו האָסט אונדז פארשאפט, פאר יעדן טראָפּן בלוט —
א חשבון וועסטו געבן.

פּאָטער גרעגאָרי

וועמען?

העלואיז

מיר.
און הער וואָס איך פאַרזאָג דיר, האַר: —
דו נעמסט אבעלאר'ן צוריק אין מאָנאַסטיר,
נישט וואָג אים מיט א פינגער אָנרירן!

פאָטער גרעגאָרי

ווער ביסטו דען וואָס דו פאַרזאָגסט? —

העלואיז

די השגחה בין איך.

פאָטער גרעגאָרי

פאַרמעסט זיך חוצפה'דיק מיט גאָט.
השגחה קען מען זאָגן נאָר אויף גאָט.

העלואיז

און איך זאָג עס אויף זיך,
אויף מענטש:
נישט גאָט, נאָר מענטש: השגחה מענטש.
פון אומעטום, א וואו איך וועל נישט זיין,
מיין אויג וועט זען, מיין אויג וועט אכטונג געבן,
און אין מיין הארץ וועט אלץ פאַרשריבן ווערן.
און הער וואָס איך פאַרזאָג דיר נאָכאַמאָל:
נישט וואגן אויף אבעלאר'ס קאָפּ צו אָנרירן א האָר, —
נישט וואגן! — ווייל אזוי פאַרזאָגט דיר די השגחה! —
און דו זיי שטארק, אבעלאר, —
האַלט הויך דעם קאָפּ.

אבעלאר

איך האַלט אים הויך, העלואיז.

העלואיז

און איצטער גיי, און ווארט.
כ'וועל קומען נאָכאַמאָל.

אבעלאר

כ'וועל ווארטן. — אָבער, העלואיז,

אבעלאר

וואוהין וועסטו זיך לאָזן גיין איצט
אין טונקלקייט פון אוונט?

העלואיז

זיי רואיק, ליבער, כ'וועל געפינען וואו אַן אָרט.
די ערד איז גרויס, און וועגט פון עלנד
פאַראַנען זענען נאָך גענוג, און אויפזועער תּלינים —
נאָך מערער ווי גענוג. זיי רואיק וועגן מיר.
פאַרבלייב געזונט, — — — זיי שטאָלץ, און וויס:
געפייניקט זענען אַלץ נאָך די גערעכטע,
אין עלנד זענען אַלץ נאָך די, וואָס האָבן ליב. —

אבעלאר

געבענטשט זיי, שוועסטער מיינע. — זיי געזונט.

העלואיז

אויך דו געבענטשט זיי, ברודער מיינער. — זיי געזונט.

(אבעלאר אָפּ. פּאָטער, הינטער אים, גייט נאָך)

העלואיז (אליין)

אַ דאַנק דיר, וואַלד, פאַר גוטער פריינטלעכקייט,
אַ דאַנק דיר, זון, פאַר ליכטן און פאַר וואַרימען,
און אויך אַ דאַנק פאַר אונטערגיין אין צייט.

(הייבט אויף אַ שטעקן. וואָגלט אַוועק אין אַ צווייטער זייט).

פאלקס - ליעדער

פאן

דעם בעריהמטען יודישען פאלקס דיכטער אונד פאעט

מאררים ראזענפעלד.

NO. 1,

גזירות רוסלאנד

קאפירירט 1891, נאכדרוק פערבאטען.

פרייז 1 סענט.

אפפיס 391 גרענד סטריט, קאר. סאפפאלק סטריט.

דרוק פאן א. א. קאנטאר, 391 גרענד סטריט, אונד 32 סאפפאלק סט., ניו יארק.

פון דער רעדאַקציע

דאָס איצטיקע בוך איז דאָס ערשטע פון אַ ריי זאַמלביכער, וואָס מיר פּלאַנעווען פאַר דער נאָנטער צוקונפט.

ס'איז אַ שווערע אונטערנעמונג. קודם כל — שווער פינאַנציעל. און נאָך גרעסער ווערט די שווערקייט, ווען מיר גיבן אַ טראַכט וועגן דער שפּל'דיקער פאַרלעגעריי אין אַמעריקע, וואָס האָט דעם לייענער, וואָס קויפט אַ יידיש בוך, פאַרטריבן הינטער זיבן שלעסער.

אָבער מיר ווייסן און אַנען: דער יידישער לייענער איז פּ אַ ר אַ ן. איבער גאָרער וועלט איז ער דאָ, אַזוי ווי די ליטעראַטור אונדזערע איז אַ ליטעראַטור פון גאָרער וועלט.

די נויטיקייט פון ליטעראַרישע זאַמלביכער, וואו יידישע שרייבער אָן אונטערשיד פון וואוינאָרט זאָלן אונטער איין דאַך קענען געפינען פּלאַץ פאַר גרעסערע אַרבעטן, און וואו נייע אויפקומענדיקע טאַלאַנטן זאָלן קענען אין מער רחבת מאַניפעסטירן זייערע כחות, — די דאָזיקע נויטיקייט איז איצט גרעסער ווי ווען ניט איז.

די הויפּט־כונה אָבער אונדזערע איז צו קאָנצענטרירן די שרייבער, וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום מענטש און צום גאַנצן אַרום. אַ באַציאונג וואָס דריקט זיך אויס אין ליבע צום רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן איינשטעל. אַ באַציאונג צום מענטש און צו זיינע קאָמפּליצירטע נשמה־איבערלעבונגען, וואָס ער לעבט איבער אי ווי אַ יחיד, אי ווי אַ טייל פון אַן אַלט טראַגיש פאָלק.

אין שייכות מיטן היסטאָרישן מהות פון פאָלק רופן מיר אָן די דאָזיקע באַציאונג: ה מ ש ך. דאָס יידישע אין אונדז איז — די גרויסע וועלט אין אונדז.

דער וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור איבער אַ סך וועלט־צענטערן גייט אָן מיט אימפּעט, ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און אויפטרייסלונגען.

אַ גאַנצער דור שרייבער קומט אויף פאַר אונדזערע אויגן. אַ דור אַ נייער, אַ וואַגיקער. מיר הערן טריט פון גאָר דעם יינגסטן דור שרייבער ווי, למשל, בעריש וויינשטיין, מ. א. סול, י. מעצקער, א. סוצקעווער, חיים גראַדע, יעקב שטאָל, חיים סעמיאַטיצקי.

מיר דאַרפן גיין אַנטקעגן דעם דור. און אויב אין איצטיקן זאַמלבוך זענען די גאָר יונגע ניט פאַרטראָטן ווי געהעריק, איז עס דערפאַר, ווייל מיר האָבן דערווייל ניט אַלע געקענט גרייכן.

ס'איז אונדזער וואונטש, אַז אין די זאַמלביכער זאָלן זיך אויך באַטייליקן די יידישע שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד. לאָז אָפּגעשאַפט ווערן די מחיצה, וואָס צעטיילט אונדזער ליטעראַטור.

מיר ווייסן אויך, אַז מיט די זאַמלביכער, אַפילו ווען עס זאָל אונדז גע־ראָטן אַרויסצוגעבן זיי אָפט, וועלן מיר ניט דעקן אַלע פאָדערונגען, קינסטלע־רישע און אידייאישע, וואָס קומען אויף אין אונדזער ליטעראַטור. מיר וועלן זיין צופרידן, אויב דורך דעם וועלן שרייבער אָנגערעגט ווערן פאַר נאָך אַזוינע אונטערנעמונגען, פאַר נאָך זאַמלביכער.

מיר דאַרפן אויך ניט פאַרפעלן צו זאָגן, אַז עס באַפרידיקט אונדז ניט, וואָס אין איצטיקן בוך איז די עסייאיסטיק און קריטיק ניט פאַרטראָטן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. די איינציקע (אינטערעסאַנטע, אגב) אַרבעט פון דר. י. שאַצקי איז ווייט ניט גענוג פאַר אַזוינע זאַמלביכער. — — מיט מאָנאָגראַפיעס און גרעסערע קריטיק־אַרבעטן גייט עס ביי אונדז ניט צו אַזוי לייכט.

מיר האָפן, אַז אין די ווייטערדיקע זאַמלביכער וועלן אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסטן קומען אונדז צו הילף מיט זייער מיטאַרבעטערשאַפט.

אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

"SAMLBICHER" c/o H. LEIVICK
165 Audubon Avenue, New York, N. Y.

אינהאַלט:

יהואש — שטאָפּלען 5

מנחם באָריישאַ — בלוט און ביר 11

ל. טרייסטער — אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט 63

א. לעיעלעס — פּאַביוס לינדס טאָגבוך 127

אפרים אויערבאַך — מענטש איז פולער ווי ער לעבט 148

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — כ׳וועל אַזויפיל האָבן צו דערציילן 158

בעריש ווײַנשטיין — סימפּאָניעס 165

ז. ווײַנפּער — אינטימאַ 171

א. ראַבאָי — אָרעמע גראָשנס 181

ש. מילער — אַרויס פון די האָלאָבליעס 201

יצחק באַשעוויס — אויף אַן אַלטער שיף 214

אהרן צייטלין — אַכט לידער 232

ב. לאַפּין — דער מאַרש פון צווי׳ 238

י. י. סיגאַל — לידער 245

איציק מאַנגער — ליד—סאָנעט—באַלאַדע 255

י. אָפּאַטאָשו — צווישן ימ׳ען און לענדער 265

דר. י. שאַצקי — מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון זײַנע בריוו 338

ה. לייוויק — אבעלאר און העלואיז 367

פון דער רעדאַקציע 447